STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05908

LANG IZ DER VINTER

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

לאַנג איז דער ווינטער

Copyrigth by
J. OKRUTNY
Buenos Aires, 1970

Hecho el depósito que marca la Ley
Impreso en Argentina
PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 6 de agosto de 1970, en los Talleres Gráficos Zlotopioro s.a.c.i.f., Sarmiento 3149, Buenos Aires.

יוסל אָקרוטני

לאנג איז דער װינטער

פאַרלאַג סביבה

בוענאָס־אײַרעס

יוסף אָקרוטני / „לאַנג איז דער ווינטער״ /
און אַנדערע דערציילונגען /
בוענאָס־אײַרעס תש״ל, 1970

שערבלאַט און פּאָרטרעט־צייכענונג פונעם מחבר:
פּײַול וואָלפסדאָרף

מיין זיסעם —
מיט ליבשאַפֿט

דאָרשטיקע מידקייט

1

גרשון שאַפּראַן האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל, אַוועקגעאײַלט פון שטאָט און ווי אַ שפּליטער אין מוח געשפּירט ס׳שטעכיקע שפּאַרן פון זײַן לאַנגסטיקן עגמת־נפש: כאָרכע! אַזאַ ווויל ייִנגל, און ער לײַדט! פון קינד־ווײַז אָן לײַדט דאָס. ווי נאָר עפּעס אַן אַנשיקעניש, טשעפּעט עס זיך צו כאָרכען. אַן אומזיניקע וועלט. דווקא צו אַ גוטן טשעפּעט זי זיך מיט תרעומות: דו לעבסט? זאָל עס דיר נישט גרינג אָנקומען. שטודירן, אַ פּאַר־מעגלעכע היים? אויך דאָס איז אַ קנאַפּע בטיחות פאַר גליק. דו דאַרפסט זיך מוטשען. אָט אַזוי — — עס איז ממש אַ ווייטיק. אָקערשט עפנט זיך דער דרויסן. לאַנג האָט אָנגעהאַלטן דאָס קרענקלעכע וואָיען פון נאַסע ווינטן און גריזשענדיקע קעלטן; אָבער אַלץ ענדיקט זיך דאָך אַ מאָל, נאָר זײַן כאָרכע איז נעבעך געשטראָפט. אַ בחורל, און שוין צוגעשמידט צום בעט, צו רפואות. אַזאַ פורעניה געקומען אויף אים! און ס׳גאַנצע הויז שפּירט עס אָפּ. אויך אים, דעם טאַטן, צעשטערט דאָס דעם אויסגעפלאַ־נירטן „געבײַ״ וואָס אַפילו שוין אויסגעוואַרעמט אין זיך. ווען בישט דאָס זונדעלע, וואָס פלוצלינג אַזוי געטראָפן געוואָרן פון פגימהלעך אויף די לונגען (די דאָקטוירים! ווי זיי כאַפּן עס אויף אין די פאַרהוילענישן פונעם מענטש, וואָס איז ווי אַ זייגער־געווערק), וואָלט אַנדערש זיך געשטעלט בײַ אים ס׳הײַנטיקע יאָר. ענדלעך זיך פאַרמאָסטן צו פאַרווירקלעכן די שריט, וואָס ציקלען זיך אין אים מיט מאָנונג, אָבער אָן כוחות; שוין יאָרן אַזוי — זיי וועקן זיך און דרימלען באַלד אײַן ווי קינדערישע חלומות. און לעבן האָט דאָך סוף־כל־סוף אַ מיין, אַחוץ עסן, נאָכלויפן די דאגות, אַוועקפאַלן אין מידן שלאָף. בלויז אָפּשטופּן שוועריקייטן איז זיכער נישט דער זין פון לעבן. ס׳מוז זײַן כדאי. וואָדען אַנדערש?

אָט פאַרזשמורעט זיך אין זיך און ערשט רײַסט ער דעם וואָגן אין דער ווײַטקייט אַרײַן. ס׳געהירן פאַרגיסט זיך מיט אַ בעלמע זיסלעכקייט. גראָד

איז דער פֿרילינג אַ צײַטלעכער. ריכטיק געקומען מיט רעגנס, אָנגעפּאָיעט די ערד. אַצינד קלאָרט זיך די זון, ווי איבער נאַכט איז זי אַרויס מיט דער פֿרייד פֿון שפּראָצן: די ביימער שטייען שוין אין ליכטיקן גרין, די לופֿט קרײַזלט זיך אין בלאָען, איז אָנגעקוואָלן מיט נײַקייט און זי לויפֿט אויף גרינגע פֿיס. אָבער שרעקלעך איז דער פֿיבער וואָס שפּילט זיך מיט כאָרכען: אַ צו־להכעיס דעם דרויסן וואָס נעמט זיך פֿונאַנדערגיין איבער די ברייטן, איבער די הייכן, ווו דאָס אויג גרייכט נאָר. און דאָ שלאָגט דווקא דער פֿיבער — זיך! כאָטש צערײַס זיך. דער מענטש איז באמת אַ גיבור בײַצושטיין די קלאָמפּערשט כשרע ווידעראַנאַנדן. אַזוי פֿיל בענקענישן זיך אָנגעהויפֿנט אין דיר און גראָד האָבן זיי שוין געזאָלט זיך אויסוויקלען, שטעלן זיך ממשותדיק אויף די פֿיס: אַרויספֿאָרן צו די אייגענע, וועלכע ער האָט נישט געזען כמעט דאָס גאַנצע לעבן. אַ קינד געווען ווען זיי זענען זיך צעפֿאָרן איבער דער וועלט און ער איז שוין הי אַריבער דרײַסיק יאָר. אויך געמוזט אַוועק אין ווײַטענישן זוכן תכלית. דעם אַלטן טאַטן, די קראַנקע מאַמע געלאָזט מיט ווייטיק פֿאַרטריפֿטע אויגן. טאַקע אָנגעפּלאָנטערט זיך אַ לעבן לאַנג, אַזש עס גלייבט זיך נישט אַז ס'איז געווען אמת דאָס אמתע. נישט געפֿעלט קיין צרות און ס'שטרעבן וואָס איז סתם בלינד, וויל זיך ענדלעך אַרויסקריגן אויף אַ שטעג, כאָטש אַ ביסל אַן אָנגעליכטיקטן. ווי זשע האַלט ער, גרשון? אָפּגעלאָפֿן ס'גרעסטע שטיק וועג, אָבער לגמרי נאָך נישט געלעבט. ערשט צעטליעט זיך דער באַגער פֿון אַלע באַגערן: אַרויסרײַסן זיך פֿון דער היים, כאַפּן אַן אָפּרו ווי ס'קער צו זײַן, טיף אָפּאָטעמען. אַזוי לאַנג געוואַרט דערויף. אַ מענטש שטרעבט, אַ מענטש קלײַבט זיך, איז זיך מכין ביז — ביז ער פּלאַצט. אַ קלייניקייט — אויך אצינד אָפּלייגן? פֿון מאָל צו מאָל לייגט ער אָפּ, סיבות רוקן זיך שוין אונטער. כסדר מוז מען זיך אַליין אָפּנאַרן. בנאמנות, עס ווערט נמאס. און מ'קען דען לענגער? מ'ווערט טאַקע נישט ייִנגער.

פֿאַרדראָס האָט אים אויפֿגעגעסן, אָבער ר'האָט זיך געהיט נישט אַ זיפֿץ צו טאָן, גרשון שאַפּראַן. זי זיצט דערנעבן. זאָל כאָטש ער נישט כּפֿלען איר האַרצווייטיק. דאָך אַ מאַמע. גענוג שווער דאָס פּעקל וואָס זי שלעפּט, און זי איז אַ שטאַרק פֿילעוודיקע. אײַ, מען מ'וואָלט געקענט זיך אויסלערנען נעמען אַלץ אַ ביסל גרינגער! זי רעדט ווינציק, אָבער איר זיפֿצן?

פֿון ס'נײַ זיך אַ זשמורע געטאָן אין דער ווײַט, וועלכע ציט, ציט; אַ,

די ווײַט האָט עס אים צוגעצייגט צום רודער און אַזוי־אַ אַרײַנגעלאָקט אי־נעם ים פון דער צעוויגטער בלאָקייט.

סעניאָר שאַפּראַן האָט אין אויפגעלויכטענעם טאָג אַרײַנגעטריבן די שוואַרץ־גלאַנציקע מאַשין, ר׳איז — אַליין אַ שטיק געצוימטע ענערגיע — געשוווּמען איבער אַ באַרג אימפּעט: גוואַלדיק איז די שטאָט! דער גרויסער בוענאָס־אײַרעס ציִען זיך נאָך אָן אַ שיעור טומלדיקע בוענאָס־אײַרעסלעך. דער כּרך ענדיקט זיך גאָרנישט. שפּירסט ווי די אומגעריכט צעוואַקסענע, יונג צעפּלאָשעטע שטעטלעך לויפן איר נאָך ווי צעלאָזענע ממזרים איבער שטאָק און שטיין; מיט גרויסע מויערן, מיט רעשיקן מסחר, מיט פאַבריקן, מיט טראַמווײַען, קאָכיקע אויטאָבוסן און קלעטערנדיקע רושטאָוואָניעס לויפן זיי אין איין אימפּעט. אויך די אַרויסשטאָט קוויטשעט! געטראָגן זיך אַנטקעגן דעם כוואַליעדיקן האָריזאָנט, האָט דער סעניאָר שאַפּראַן אָט־אָט אַרויפגערעדלט אויף אַ נײַער רויער וואַנט, אָנגעפּלאָנטערט זיך אויף אַ פּלוצלינגדיק טורעמל מיט אַ מיניעדיקן פליגלראָד פון אַ פּאַלמע־אַרטיקן וואַסער־ברונעם וואָס פּרעסט דאָרפּישן ווינט, דרייט זיך גולמדיק, קערט זיך אַלע מאָל נאַריש מיטן מגושמדיק ברייטן פּנים.

— ביסט אַ מבין, רעבעקאַ? — דערזעט ער אומדערוואַרט דאָס ווײַב מיט זײַן זשעדנע צוגעצייגטן וואָרט.

דאָס וואַקסן פון דער געגנט אַרום כּרך האָט שאַפּראַנען פּאַרכליניעט און שיינקייטן זענען אַנטקעגן געלאָפן, האָבן געוועקט: דאָן גרעגאָריאָ, עי, גרשון ליפּנער, ביסט מער נישט דער נעכטיקער גרשון אַהרן בעקערס! אַ וועלט איז אָפּגעפּלאָסן, יאָרן גייען אַראָפּ, יאָרן זענען אַרויף. דער מענטש שטייט נישט אויף אַן אָרט. דערקענסט עס נישט אין זיך, אין זיך אַליין? יאָ, ער כאַפּט זיך שוין.

דאָן שאַפּראַן האָט געוואָלט אויך דאָס נעבזיצנדיקע ווײַב אַרויסשטויסן פון פּאַרגאָפּטקייט, נאָר ר׳האָט עס אויסגעמיטן. גלײַכער נישט אַרויספירן זי אויף די ענדערונגען וואָס פּאַטשן אין פּנים אַרײַן. בעסער נישט דער־מאָנען אַז אַזוי לאַנג זענען זיי נישט געווען אין „דרויסן“. מ׳איז געיאָגט פון דער פּרנסה און געפּלאָגט פון ביטערן גורל. האָסטו שוין אַ ווײַל ווינקל אין דער צעזונגענער שטילקייט, איז עס דיר נישט באַשערט צו זען לאַנגע חדשים. אָ, אָר־ווי, ווי ער פירט זײַן באַלעבאָטישקייט, דער רבונו של עולם. מיט אַ מאָל שפּירט גרשון ווי אַ שוויס באַגיסט זײַן שטערן, ווײַל ווידער ווײַזט זיך נײַס אויפן וועג, וווּ זיי פּלעגן אָפּט דורכפאָרן — — ריכ־

טיק, ס׳איז פּונקט אַזוי ווי ער פֿילט אין זיך. אין די אבֿרים פֿונעם מענטש גייט אַלץ צו ענדערונגען. ער שפּירט עס דען נישט בײַ יעדן טריט? דאָס גיין קומט שוין אָן עטוואָס שווערלעך און אָט — די אויגן. פֿריִער געקענט אויסקומען אָן ברילן, נישט געוווּסט פֿון קיין מידקייט, אָבער הײַנט? ער האָט שוין אַן אייגענעם מעסטער, כאָטש מ׳באַדאַרף עס אויסבאַהאַלטן אי פֿאַר זיך, אי פֿאַר ווײַב. נו, ס׳אַ שטיקל נאַרערײַ. מ׳גענאַרט זיך אַליין. ביסלעכווײַז ווערט מען שוואַכער, עס ציט צוצולעגן זיך עפּעטערס. אויך אַנטקעגן אַלע האָפֿענונגען וואָס פּלאָדיען זיך אין האַרץ, גייט מען געלאַסענער. מ׳בלײַבט אַלץ דער זעלביקער פֿאַרנאַרטער.

אָנגעבויגן צום רעדל פֿון אויטאָמאָבּיל פֿאַרקוועטשט ער די ווי׳עס. אַ רגע, — וויל דער מענטש פּועלן בײַ זיך — אַ שפּליטער פֿון אַ סעקונדע וואַרט צו, גרעגאָריאָ! אים ווילט זיך אָפּשטעלן דעם לויף פֿון דער מאַשין; אויך פֿון דער היץ וואָס שלאָגט אויף אים, וויל ער זיך אַרויסמאַכן: לאָמיך נאָר צונויפֿנעמען די געדאַנקען. ס׳אַראַ ביטערער ווינטער געווען! אַ זיפֿץ וואַרגט אים פּלוצלינג, אָבער דער שאַרף דערהערטער רויש פֿון מאָטאָר וועקט פֿון דאָס נײַ צו ניכטערקייט.

גרעגאָריאָ שאַפֿראַן האָט געשלונגען דעם אָנשווימענדיקן הימל, פֿאַרקליניעט זיך מיט שטרעקעס לאָקנדיקן גרינס, מיט דער קנוילנדיקער, ווײַכער בלאָקייט. און אָט שפּרײַזן אים אַנטקעגן דערמאָנונגען, אומגעבעטענע דערמאָנונגען: אָ, ערשט איז עס געווען, נאָך מיט דער נאָז צו דערשמעקן. שאַ, שאַ, — וויל ער אײַנשטילן דעם אימפּעט פֿון די רעיונות־בילדער וואָס פֿלייצן אויף אים: טאַקע דאָ איז געווען פֿאַרוואָרלאָזטער שטח. ס׳האָט זיך געשפּירט ציגלברענערײַ און היצל. אַ ווילד בילן פֿון געפֿאַנגענע הינט האָט פֿאַרצווייפֿלט געריסן דעם הינטערשטאָטישן העק. ווי לאַנג איז עס דערין? לאַנד־אויפֿקויפֿערס האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ בעלן פֿאַר אַן ערד־חלק, אַלעמען אַנטקעגן געלאָפֿן מיט שרײַיִקער חניפֿה: „פֿאַר געציילטע פּעזעס לייגסטו דעם יסוד פֿאַר דײַן צוקונפֿט. הייב אָן. מיטן אייגענעם כּוח וועסטו אַ סך דערגרייכן. מיר קומען דיר אויף דער האַנט. וואָלוול, וועלוועלער ווי אַנדערשוווּ!” געוועזן טײַער די סענטאַוווע, אָבער קענטיק — שׂכל איז תּמיד טײַערער. יענע וואָס האָבן געקויפֿט, שטייען הײַנט אויף די פֿיס. אַצינד נאַ דיר — מיט העזה קומען ערשט אויף די וואָס האָבן דעמאָלט אַרומגעפּלאַטערט אַרום דעם מיראַזש, וואָס לאָקט תּמיד די נאַיִווע, די לײַכט־גלייביקע. אַלע נאַרישע זענען דאָ אַרויסגעקומען די גרעסטע

חכמים. זע, זע, גרשון, גאַנצע שטעטלעך אויפגעשטעלט געוואָרן — שיינע, הויכע הײַזער, פּאַרטיקע פּרנסות. אומעטום קראָמען מיט צוזאָג פון כל-טוב, אַלערליי וויגאַדעס.

נישט באַוויזן צו באַטראַכטן דאָס נײַ־אויפגעקומענע און פאַרן אויג שטייען שוין אַנדערע חידושים: אַפילו אַ קינאָ־הויז מיט שטאָטישן לויער! אָט האָסטו דיר אַ מוזיק-פּראָפעסאָר. ווי דאָס רעקאָמענדירט זיך אַליין! כאַ־כאַ־כאַאַאַ, אַ ליימענער זיך אַרויסגעשטעלט אויפן דרויסן מיט דער פּיאַנאָ, בייגט זיך גאַלאַנט אין פראַק, אַ קאָפּ לאַנגע האָר און אַ בלײַענע נאָז. שילדן, שילדן! גיב אַ קוק, פון דער באַלקאָן-שילד לאָזט זיך אַראָפּ אין זײַן גרויסן ערנסט אַפילו אַ מעדיקער. אַזאַ אַקוראַטנער געמעל פונעם ערנסט נעבעך! אַ קראַנקער מאָגן, הויכער בלוטדרוק? פאַראַן אַן עצה בײַ מיר. מענטש, קענסט זיך פאַרלאָזן. נישקשה, דאָ איז נישט ערגער ווי אין סאַמעראָדנעם בוענאָס־אײַרעס, ווו מ׳ווערט אוי פאַרגאַזט פון געסרחה און אַזאַ שטיקעניש! אַ שטעטל? ס׳קלענערע אָרט האָט הײַנט גאַנץ אַנדערע מאָסן! אי ס׳איז פרידלעך אי עס האָט גרייט פאַרן בירגער אַלע פאַרגע־ניגנס. גרעגאָריאָ שאַפּראַן שמייכלט קיל: ס׳איז ווי יעדע שטאָט מיט אַלע קלימפּערלעך, מעגסט זיך אַרומקוקן. פאַראַן צו מאָל די אויסזיכט — נישט ערגער ווי אין כרך — צו קענען רויק, דויערנדיק לײַדן אויף קדחת, קריגן שילשול. פאַראַן דאָקטוירים פאַר יעדן מיחוש. און פאַראַן אַן אַפּטייק, ווײַטער-צו — אַ צווייטע אַפּטייק. אויך פאַר קינדלעך איז אַ פּירזאָרג: אין אַ גאַניקשטוב האָט זיך דאָ באַזעצט אַפילו אַ הייבאַם. מן הסתם שוין אַ געניטע. וואָ׳דען, שילדן זענען דער ערשטער סימן פון סאַמע שטאָט. בוענאָס־אײַרעס איז מער נישט קיין מורינו. אַפילו אַ באַנק איז דאָ, אַ קלוב און צוקער־בעקערײַען, אַפילו אַ רוישיקער האַנדל מיט מאָדע־זאַכן. אַזוי דאָ, אַזוי אויך אַרויפצו ווײַטער. עס יערן שטעט. דעם גאַנצן וועג גייט־נאָך דאָס צאַפּלען פון לעבנס וואָס מען מויערט ווידער אײַן און עס רופן שילדן, נײַע שילדן. איין שטאָט הענגט זיך אָן אין דער אַנדערער. אויף די ראַנדן פון דער אומענדלעכער פּאַמפּאַ, דעם גרויסן שלעפעריקן אַרגענטינער מדבר, קאָציען זיך נײַ־געבאַקענע שטעט.

סעניאָר שאַפּראַן האָט שוין מער נישט געקענט אײַנהאַלטן זײַן התפּע־לות: — ס׳ט באַמערקט, רעבעקאַ? אַפילו ציינרײַסערס זיך אַהער געיאָוועט אין די מקומות. עס וואַקסט, הע? מ׳האָט געמיינט ס׳אַ חלום פון לופטקעפּ דאָס קויפן דאָ פּלעצער. ערשט מאַכט זיך אַן אָנגעלויף אויך אַהער. כ׳מיין,

נאָך אַ ביסל און ס׳וועט נישט זײַן מער וווהין צו אַנטלויפן פון דער שטאָ־טישער גראַטשקע.

— און ווי האָסטו געמיינט, גרעגאַריאַ? אַז די וועלט שלאָפט?! מענטשן מערן זיך, גרעגאַריאַ. אַז מענטשן מיִען זיך, מוז וואַקסן. געזען אַ מעשה! אַ מענטש וווּנדערט זיך. מיט אַלעם איז אַזוי. ס׳מוז וואַקסן.

זי האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אויפן זיץ, אים אַרויסגעצויגן פון פאַר־בליפטקייט:

—ס׳שוין נישט ווײַט. היט זיך מיט דער מאַשין, פון הינטן טרײַבן אַנדערע! אַסטראָזשנע!

דעם ווײַבס רייד זענען דערגאַנגען צו אים ווי אַן אָפּהילך פון אייגע־נעם טראַכטן.

— הע, אַ לעבן? מיר שלאָפן און די שיך ווערן ענג, — ציטערן צו זײַנע באַקן.

ער האָט ליב אַ משל, איר גרשון. אַ פּעטער געהאַט אַזעלכן מיט אַ קלוגן קאָפּ. זימל כאָכמאַטש קוקט אַרויס פון די־אַ רייד, — גיט זי אַ קלער און פאַרבײַסט דעם שמייכל וואָס בליט אויף אירע ליפּן.

— זאָל וואַקסן, גרעגאַריאַ, אַנישט וואָלט אַלץ געגאַנגען ליו־ליו. — זי וויל ווידער אַרויס מיט אַ שמייכעלע, אָבער דאָס פּנים בלײַבט איר מיד ווי פריִער. — פון וואַקסן, — זאָגט זי, — הייבט זיך אָן יעדעס ביסל נחת, גרעגאַריאַ.

„נחת!‟ — טוט עס אים אַ טאָרע און ר׳האָט האָסטיק אָפּגעשוויגן. „צו וואָס מישטיינס געזאָגט, מ׳יאָגט זיך! דער מענטש ווייסט דען אַ סך?‟ און ר׳האָט די אויגן אָפּגעלענקט פון ווײַבס זײַט. זי האָט זיך בשעת־מעשה אײַנגעהזרט אין גערדאַנק: אַ שאָפער טאָר נישטריידן! אויטאָמאָבילן שפּאַרן פון הינטן, זיי דרענגען בײַ די זײַטן, טייל לויפן ווי די שדים, שנײַדן זיך אַרויס פון אומגעריכטע אַרטעריעס. אַכטונג, ס׳לעבן איז נאָך עפּעס ווערט; בײַ אַנדערע איז עס אַן אוצר!

דער מענטש, — קלערט ווידער גרשון שאָפּראָן — רק ער האַלט זיך אויף די ספּרונזשינעס פון זײַן וואַקלדיקן שכל. נישטאָ קיין אײַזנפעסטע זאַכן פאַרן מענטש; ער איז אונטערגעוואָרפן די גרימאַסעס פון גורל. און מ׳קען זיך נישט שטענדיק סומך זײַן אויף חכמה. ס׳אַן אומזיכערער דער שכל? וואָ׳דען! וואָס בײַ אונדזערע טאַטעס איז געווען קלוג, איז בײַ אונדז

נאַיוו, אָפּגעשטאַנען. זענען מיר קליגער? כ׳זע עס נישט. אויף אײַנריידע־נישן געמיינט צו שטעלן אַן אַנדערע וועלט; ס׳נישט מער ווי אײַנריידעניש. איז זי אַנדערש געוואָרן, שענער, די וועלט? דער טאַטע איז געגאַנגען גע־לאַסענער און דאָך באַוויזן אַלץ וואָס אַ מענטש קען באַווײַזן. וואָס, איך בין מער אויפטוער? אַנגעפּלאָגט זיך אַזוי פיל יאָרן, און וואָס? דאַכט זיך אַ מאָל, ס׳איז עפּעס, אָבער...

אומעט-פליייך האָט אָנגעכליופּעט אויף זײַן געמיט. ער געדענקט שוין נישט אַז ר׳האָט אַ מאָשין אונטער זײַן פירונג. ער שפּירט רק די מידקייט. נאָר ער וועט נישט נאָכגעבן. זאָל „זי״ נישט האָבן פּאַראיבל — און דער־לאַנגט איר אַן עוקץ ליבלעכקייט אין אַן אומגעריכטן זאָג:

— ווייסט, רעבעקאַ, איך האָב באַלד נישט דערקענט דעם קאַנט. אַזוי גי־ייי־ך!

— וואָס זשע, מ׳עט וואַרטן אויף אונדז? — האָט דאָניאַ רעבעקאַ גע־ענטפערט, געעפּנט אויגנשפּעלטלעך, להוט געקוקט פאַר זיך און באַלד אויף רעכטס. פון לינקס איז דער רודער פון קאָטש און דער רודער געהערט גרעגאָריאַן. „זי מעג זיך פאַרלאָזן״ — — באמת, עס וואַקסט, ס׳שפּרייט זיך דער שטראָם פון לעבן. מיר זענען אין דער מיט. אַרום טראָגט עס און שווימט. טאַקע, וואָס איז דער מענטש? ער איז נאָר אַ טייל פון אַלץ וואָס אַרום; קיינער וויל זיך נישט לאָזן איבעריאָגן, האָט מורא פאַרגליווערט צו ווערן. זי היט דען נישט גרעגאָריאַן, ער זאָל נישט פאָרן צו שאַרף? זי מוז זיצן בײַ אים, האַמעווען. ווײַל אַזוי איז שוין דעם מענטשנס דרך — ער לויפט, לויפט, כאָטש ער טאָר זיך נישט פאַרגעסן.

2

ווי גוט עס איז זיך צו פאַרגעסן!

ליימיק-פאַרטריקנט, ביימערדיק איז די דאָרפישע גאַס, שטיל דאָס נידעריקע טויער וואָס נעמט אויף די פאַרסאָפּעטע שטאָטישע קאָטש. אײַנ־געהאַלטן, מחמת דעם פלוצלינגן „אַנפאַל״ פון פאַרשטשעמעטן וואָרט אויף דער ברייט אויסגעשפּרייטער שטילקייט (אין שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג נעמט אָפּ אויך ס׳לשון), האָט סעניאָר שאַפּראַן אַליין צעעפּנט די טויער־פליגלען וואָס אונטער דער אַנגעטונקלטער וועלבונג פון ביימער און הימל-

געשטויין; פֿאַרטראַכט גענישטערט צווישן בינט שליסלען פֿון זײַן קעשענע און באַלד אומגעדולדיק געשטעלט טריט צום אָפּגעשלאָסענעם הויז: „האָט מען כאָטש נישט געגראַבלט בײַ דער טיר? לאָז איבער אַ מאַיאָנטעק אויף הפקר אַזוי לאַנג!" נערוועז ציטערן גרשונס הענט בײַם צורירן זיך צו דער קליאַמקע. דערנאָך האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט אַ שוואַכער נישט דער־זאָגטקייט:

— ביסט דאָ, רעבעקאַ?... ענדלעך ביסטו ווידער אין דער היים.

פֿאַרטראָגן, ווי איינער פֿון די איבערגעוועקטע ביימער וואָלט דאָ גע־נומען פּלוצלינג גיין, האָט רעבעקאַ אַ ביסל נישט זיכער זיך דערנענטערט צו דער אָפּגעשפּאַרטער טיר. איר אַנטקעגן האָט זיך טעמפּלעך ווי אַן אָנ־געשוווּמענער געשריי געשטויסן אַן אָנגעקנוילטע טונקלקייט, אָבער זי'ט זיך נישט קיין צײַט גענומען צו קלערן. אומגעדולד האָט שוין געפֿירט רעבעקאַן.

— אַ גוטמאָרגן, שטיבעלע! — האָט איר אַ פּאַק געטאָן אַ חשק אַרײַנ־צוהילכן אין דער קוים אָפּגעדעקטער, טונקלעוואַטער לײדיקייט. דער ברייטער קרעדענץ, דער גרויסער טיש, די שטום אָנגעהויקערטע שטולן האָבן זיך אַן אויגנבליקלעכן ריר געגעבן אין איבערגעוועקטקייט. דאַכט זיך, אַלץ האָט אין שטוינען אָנגעשטעלט דעם בליק אויף איר. דאָניאַ רעבעקאַ האָט באַוויזן נישט מער ווי אַ פּיפּס צו געבן. עפּעס האָט איר מוסרדיק צוריק געשטויסן: „וואָס טוט זיך מיט דיר, רבקה? רעדסט צו דער שטומקייט פֿון דעם נאַר דײַנעם!?"

אָבער ביידע האָבן זיי שוין נישט קיין צײַט געהאַט צו בלײַבן שטיין אויף אַן אָרט. נייגיר, בלינדע פֿאַרגעסנקייט האָט זיי אַ צי געטאָן.

...אָנגעקומען אין דער גאָרטן־הײזיקע אַרײַן, וואָס האָט חדשים־לאַנג געוואַרט אויף באַלעבנדיקן האַרמידער, האָבן מאַן און ווײַב דערפֿילט אַזוי גלײַך עס וואָלט זיך ראַפּטעמדיק אויפֿגעלייזט דער ווייטיק, וואָס האָט מטושטש זיי אָנגעדראָלן. ריידן איז געווען דערווידער. פֿאַרשטאָפּט אַלע קוואַלן פֿאַרן אימפּולס וואָס טרײַבט דאָס וואָרט און ס'וואָרט איז די שײַן מיט וועלכער מ'לעבט. מאַן און ווײַב האָבן רק געשלונגען דעם אָטעם, ווײַל דאָס קוקן אויף אַלץ האָט זיי פֿאַרכאַפּט אין גאַנצן.

מיט ווילד־הויכן גראָז איז דאָ אָנגעוואַקסן די שטײַפֿע שטילקייט. מיט ברייט־בלעטערדיקע גראָבע קרײַטעכצער און מיט אַן אַראָפּגעפֿאַלענער, וויאַנענדיקער רויז האָרט פֿאַר דער שטוב איז אַהער אַרײַן דער נײַער

פרילינג. זי וואַלגערט זיך, די אַלטע רויז, צופוסנס דער רויט־דאַכיקער שטוב וואָס שלאָפט דאָ לאַנג, ווינטערדיק, אויף פאַרמאַכטע טירן, אויף אַראָפגעלאָזענע שאַלוזיעס. פרעמד האָט ערשט אָפגעהילכט דאָס צעפראַלן פון אַלע עפענונגען — טירן, פענצטער, ס׳זוכן וואָס מער ליכט אַרײַנצונעמען אין די פײַכטלעכע חללס און דאָן שאַפראַן איז גיך פון זיי אַרויס אין גאָרטן אַרײַן: „מ׳באַדאַרף אַ בליק טאָן“. גלײַך ער וואָלט געטריבן געוואָרן, האָט ער אַוועקגעשפאַנט אין ביימערשן הויף און הינטער זיך באַלד פאַרנומען אַ דײַטלעכן רוף, אָבער זײַן נאָמען נישט קלאָר דערהערט. אפשר איז עס אַן אויסדאַכטעניש מײַנע? — האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפגעשטעלט. אַן אָפגעריסן קול האָט באמת קורצאָטעמדיק זיך געיאָגט נאָך אים און דאָך נישט דעריאָגט; אומדײַטלעך פאַרנומען דאָס דאָזיקע נעפלדיקע רופן, וואָס האָט געשפאַרט אויף אים און ר׳האָט מורא געהאַט עס צו דערהערן; צו מאָל האָט זײַן אייגענער אָפהילכנדיקער טראָט אים צעפלאַמט. אין מיטן דערינען האָט גרשון ליפנער גאָר גענומען ציטעריק אָנען אַז דאָס ווײַב אײַלט זיך שוין צו אים מיט אַ פריקרער בשורה. ס׳ווײַב וועט אים שטערן. אַ ליאַדע רגע קען זי געפינען אַ טועכץ פאַר זײַנעטוועגן. לסוף האָט ער ווידער אָפגעקערט דאָס פנים פון דער שטוב. טו ס׳דײַניקע, גרשון!

ווי אַנדערש האָט די וועלט דאָ זיך אַוועקגעשטעלט! מנוחה האָט די שענסטע, די קליגסטע אויגן, דאָס קלאָרסטע קול. אירע קאָלירן שפּילן, זינגען. אַלץ זעט זיך פולער, עס הערט זיך אַנדערש, ליכטיקער. תמיד ווערט גרשון שאַפראַן גליקלעך צערודערט ווען ער קומט אַרויס „אין דרויסן“. דאָ בויט זיך זײַן רו, כאָטש קיין גענויען נאָמען פאַר דעם האָט ער נישט געפונען. און אפשר נישט ריכטיק געזוכט? ס׳הייסט — נעמען זיך קוויקן מיט ליידיקגיין! עע, מיט אַזוינס קען מען זיך נישט גרייסן. ער ווייסט נישט וואָס עס מיינט, די שפירונג וואָס באַפאַלט אים, ווען ער קומט אַהער. שטענדיק לאָזט ער זיך אַזוי אַרײַן צווישן געצווײַג און געשאָרך פון דער שטילקייט. דערפון פילט ער אַזוי גוט. זײַנע אויגן צעעפענען זיך ברייט, דער בליק ווערט שיכור און די ברוסט צאַפלט זיך, נאָר אויפצושפרינגען: „ס׳איז דײַנס, אין גאַנצן דײַנס, קוק! אַלץ וואַרט אויף דיר, געגען!“

דער גאָרער אַרום גייט אים אַנטקעגן, ווי מיט נייגיר אָנצוקוקן דעם־אָ, אַזש דאָן גרעגאָריאָ האָט גענומען זיך רײַבן די אויגן.

„שאַ, נישט געאײַלט זיך“. פאָרנט, אין פנים פון שאַפראַנישן זומער־

הויז — פּליוש־גרינע, הויך־שפּיציקע, שלאַנקע ציפּרעסן, פּרײַנדלעך־צע־שטרעקטע זײַדעשע מאַט־ליכטיקע צעדער־ביימער מיט שטײַפע אָרעמס; עס חידושן זיך געל־אויגיק די געדולדיקע מימאָזעס, נאָדלדיק זשאַווערנ־דיקע סאָסנעס בליפן פון די הייכן. מעשׂי ידי, ס׳אַ סך שענער, ווײַל אַליין פאַרפלאַנצט, פּרייט עס דעם מענטש און אַ צעטומלטער זוכט ער נאָך די מגושמדיק־צעפלאָנטערטע, שווער־פּיסיקע עקאַליפּטוסן, וואָס אַקוראַט נע־מען זיי זיך באַמבלען אין זײַן געדעכעניש. אויך זיי האָט ער נישט פאַר־געסן אַרײַנצופירן אַהער, אויף דער דאָזיקער אומעטיקער ערד, וועלכע מ׳דאַרף רעכט אויפוועקן. און מ׳קען עס. אוי, אוי, קען מען, און עס לוינט. אָט, אָט זענען זיי, די בערדיקע גיבורים! — — בגילופין גיט ער זיך אַ וואַקל און קערט אום דעם בליק אויף היגטערווײַלעכטס. הינטן איז דער פּרוכטגאָרטן. באמת זיך פאַרגעסן! וואָס שטייט ער? אין זונשפּרײַ לענגערט זיך דער שיינער שטח. ער נעפּלט זיך אין ליכטשימער, זײַן סאָד. ווי הער־לעך! ער וועקט זיך ערשט, — גיט ער אַ שעפּטש. און נײַגיר ציט אים, גרשונען. אַן אײַנגעהאָרכטער נעמט ער פון ס׳נײַ שפּאַנען, נישטערן.

דער סאָד, ווי גרשון ליפּנער האָט אים ליב, שטייט אָקערשט אַ קוטשע־ראַווער, אַן אויסגעטשוכעטער, אָבער נאָך אַ ביסל פאַרלוירן. אין שערענ־געס גלײַכט ער זיך, שערענגע בײַ שערענגע, אַ וועלדל אַ גאַנצס וואָס טראָגט אַלערלייִיקע פּרות. דאַכט זיך, פּלוצלינג איז עס געשען מיט דער־אַ ליכטיקייט, אָבער ווי אַלץ איז שוין אָנגעטאָן אין זאַפטיקן בלעטערוואַרג; ערשט די יונגע בלעטער שטויסן אַרויס די אַלטע, — חידושט ער זיך בעת־מעשׂה, כאָטש ער געדענקט נישט אַקוראַט אַז עס רעדט פון אים זײַן ד ע ר ז ע ן דאָס וואָרע, ר׳פילט נאָר דאָס שלאָגן פון די אייגענע בלוטן וואָס ריידן צו אים פון אַלע פאַרבאָרגענישן: „אַלץ איז ווי בלעטער — יונגע שפּאַרן זיך אַרויס אומעטום. די אויף רויט־אָפּגעבריטע קוקן מטושטש, טרויערן שקיעהדיק און, פאַרטריקנטע, פאַלן זיי, בעטן־אויס די ערד פאַרן פוילן, פאַרן קבר״.

פּלוצלינג האָט אַ שטאָך געטאָן דער אומגעבעטענער טרויער: מ׳טאָר נישט שטיין! און עס טרײַבט אים פון אָרט צו אָרט, דעם מידלעכן דאָן שאָפּ־ראַן. אַאַ, די לופט וואַשט די נשמה!

געשטויסן פון אַ נײַעם אימפּעט האָט ער געטרונקען די פרײדיקע דער־וואַכטקייט פון די אַנטקעגנדיקע נידעריקע מאַראַנצן־ביימלעך, געשפּיגלט זיך אין די גלאַנציקע בלעטער פון די גרייפּפרוכט־מאַמעס וואָס דרימלען

אין זון־וואַרעמקייט. ווײַטער אַרויף, דאַכט זיך אים, קריגן זיך אויך שוין אַדורך יונגיקע קנאָספּעלעך. גרעגאָריאַן ציט עס טיפער אין סאָד אַרײַן. נישט ווו, נישט וועגן האָט ער אויפגעהויבן אַ זשעדנע האַנט אַ ריר צו טאָן אַ צווײַג, צו באַטאַפּן צי ס'איז אמת וואָס ער זעט אין בלענד. אָפּגעשטעלט זיך, דערשפּירט ער ווי זײַן האַלדז פאַרשנורעוועט די פרישע ריחות, וואָס שפּאַרן זיך דורך פון דערוואַכנדיקן סאָד. יאָ, אַנדערע ריחות האָבן אים געאָנט. ערשט איז ער זיס פאַרטשאַדעט פון דעם שיינעם לעבן, וואָס קומט דאָ אויף. אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ — ווידער אַ בלענדעניש אין די אויגן: בלי־עכץ! עס בליט שוין דער עפּלבוים. אָט פּיקט עס זיך אַרויס. בלימעלעך, אייגעלעך אין ווײַס, אין ראָז. עס שפּאַרט דער פרילינג מיט נײַעם וואַקסן, מיט אומגעריכטן דערמאָנען די אייביקייט פון לעבן. זעו! אַלע עפּלביימער שטעלן זיך אין שלייער פון ווײַסן, דער עיקר שנייווײַסן צווײט. ווייל וואָס ער האָט זיך אַרויסגעריסן אַהער. אַלץ לאַכט צו אים מיט שוימיקע, ווײַסע ציינער, מיט רויטלעכע, גלײַזיקע אויגן. גאָט וועט העלפן, וועט זײַן אַ שפּעדיק גערעטעניש.

אָנגעזשלאָקעט זיך מיט פאַרוווּנדערונג, פול נײַעם אומרו, האָט עס באַוועגט דעם מענטש: „לאָמיך נאַר!" — האָט ער שיכורלעך גערעדט צו זיך אין מיטן דעם שפּאַרנדיקן יונגן געבלעטער. מיד האָבן זיך פאַרמאַכט די אויגן, געשלאָסן זיך אויף אַ ווײַל, מחמת איבערגעלאָדנקייט פון געפיל, נאָר דער מוח האָט זיך נישט געלאָזט באַוועלטיקן: דער מוח האָט אַרומגעטריבן זײַנע פיס, געשטויסן אים ווײַטער, טיפער אין סאָד אַרײַן.

אָנגעטרונקען זיך מיט דער גאָרער צעליכטיקטקייט פונעם גאָרטן וואָס אין מעוברתשאַפט, האָבן הענט און פיס זיך צעציטערט בײַ גרשון שאַפּראַנען. ער איז געוואָרן הונגעריק פון גלוסטונג צו איטלעכן ווינקעלע פונעם בלעטער־אָנגעפּלאָנטערטן, צעפּעכערטן דרויסן, וואָס האָט זשעדנע זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זײַן יעדן שריט; דער מענטש איז געלאָפן מיט די אויגן אַהין, אַהער. צעטומלט מחמת דער גרויסער פאַראַנענקייט אין דעם זוניקן אויסשפרייט, האָט ער אומגעריכט פאַר זיך אַליין אַרײַנגעאײַלט אין הויז: „זי קען מיך באַדאַרפן!"

רעבעקאַ איז שוין געשטאַנען אין באַלעבאַטישער באַקוועמקייט — אַרומגעהילט די לענדן מיט אַ פאַרטעך, אַ פעדער־בעזעמל אין די הענט און די גראָע שפּיגעלעך פון אירע שוואַרצאַפּלען האָבן מיט אַרײַנגעטועניקייט זיך באַוועגט אַרום די מעבלשטיקער, געשטעלט זיך האַרט פאַר די

ווינקלשאַרפֿן פֿון שטוב, אַנגעפּעלצטע אין שפּינוועבס־צויטן: אוי, דער ווינטער, ווי ער פֿינצטערט אָן די זאַכן!

— וואָס טוסטו, רעבעקאַ? ס׳אַ מחיה אין דרויסן, הערסט! — ער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרחידושטער, שוין פֿאַרגעסן — ווי באַגערט אַט־אַ — צו בעטן זי זאָל לאָזן אַלץ גיין און שטיין און אָפּאָטעמען מיט דער פֿריש־קייט. — רעבעקאַ, הע־ערסט? — האָט ער נאָר אויסגעשטאַמלט.

אָבער זי׳ט נישט קיין צײַט צו ענטפֿערן. זי האָט זיך פֿאַרנומען בגוואַלד אַרויסצוטרײַבן דעם אומעט פֿון דער אײַנגעשלאָסענער ליידיקייט, וואָס האָט דאָ איבערגעווינטערט. און אַז גרעגאָריאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען, האָט זי אים שוין געמיִנטערט:

— גיי, גיי, כ׳ל דיך אײַנמושבן, — און אים אַרויסגעפּטרט.

3

— „גיי, גיי־יי!“

עס האָט בייזלעך אים נאָכגעשריגן, ממש אונטערגעבריט די פּאָדעש־וועס. כאָטש ווײַטלעך האָט זיך געדענקט: פֿון דעסטוועגן איז זי אַ גוטע, זײַן רעבעקאַ; זי קען נישט האָבן אויף דיר קיין שווער האַרץ — — ווידער געטראָגן זיך איבערן גאָרטן און נישט געפֿילט דעם ריידנדיקן שמייכל וואָס דאָס־אַ האָט אויסגעשניטן אויף זײַנע ליפּן:

„ס׳וואָר, אַ ייִדענע קען נישט שטענדיק זײַן קלוג, אַפֿילו די קליגסטע!“

דער דרויסן האָט זיך אויסגעצויגן, שוין געוואָרן טאָפּלט העכער, ברייטער; אויך שטיפֿעריש געטונקלט, גלײַך די זון וואָלט ערשט מעשה־ייִנגל זיך אָנוועקגעשטעלט קוקן אויף אים פֿון הינטער אַ פֿאַרקאָפּטשעט גלאָז.

— באַלד ברוגזט זי זיך! וואָס בין איך שולדיק, אַז...?

און אַ דערמאָנונג פֿוישט זיך אָן אויף אים. ס׳האָט אָנגעהאַלטן דאָן גרע־גאָריאָס פֿלוצלינגע צעטומלונג, אָבער גיך איז דאָס טריב־נעפּלדיקע פֿון זײַן קלערן צערונען און דער גאָרטן־הויף האָט פֿון ס׳נײַ זיך אויסגעלײַטערט אין זײַנע אויגן, געוואָרן זוניק גרינג. ס׳האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דער געוועזענער גרשון ליפֿנער, אויך דער אַנומלטיקער הונגער נאָך רו און, אומגע־ריכט זיך דערשפּירט צופֿרידן: ס׳גוט צו זײַן פֿרײַ, אָן עול. ווילסט — שטעל זיך אַפֿילו אויפֿן קאָפּ, ווילסטו — זיץ שטיל. ווער׳ט דיר שטערן? דער

פופציק־יאָריקער מאַן האָט מיט אַ מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די משא פון עלטער־מידקייט וואָס דריקט שוין אויף אים; „עפּעס" איז דער מער מיטן האַרץ, ר'טאָר נישט לויפן אַזוי. נאָר נישט זײַן לײַכטזיניק, — פלעגט ער מאָנען בײַ זיך — וועט מען זיך דורכגענאַרן אין דער זיקנה אַרײַן. ערשט איז נישט ניחא געווען דער אומגעבעטענער געדאַנק, ר'האָט זיך געוועדט קעגן אים: — „עד", און געשלעפּט די טריט פון הויכן גראָז אַרויס. געווען אַוועק פון די ווידער אָנגעליכטיקטע צימערן און אַלץ געהאַט ס'געפיל אַז זיי גייען אים נאָך מיט דומפּער פײַכטקייט וואָס לאָזט זיך נישט פאַרווישן. אַלץ רעדט אין אים: „צו פיל אָנגעפרעסן זיך מיט די דאגות!" און ער באַגערט זיך צו שטאַרקן. גיריק זיך געלאָזן אין דער פראַלנדיקער שײַן אַרײַן, האָט ער געוואָלט זיך פאַרטומלען אין איר. האַסטיק געשניטן די אָנגעכוואַליעטע לופט, זי דערווישט אַן אָנגעטונקלטע און אין אַ רגע אַפילו געאָנט אַז ר'שנײַדט זיך אַרײַן צווישן שטראָמען פון אַן אַרומנעמענדיקן טײַך.

אין גאָרטן־הויף האָט דאָן גרעגאָריאָ גיך געפונען אַ געטועכץ: די צווײ־רעדערדיקע רויטע וואָגן־בויד קוקט אויף אים שטוינענדיק פון אַ טי־פער דרימלעניש. ער טריקנט, דער וואָגן, ערשט וועט ער צעלאַכצט ווערן! מיט ביידע אײַזערנע רעדער־רייפן האָט דער וואָגן בעת די ווינטער־רעגנס אין זײַן אייגענער שווערקייט זיך אַרײַנגעשניטן אין דער ערד. בלאָטע יערט אין דעם קאַנט בעת די סמוטנע וואָכן! ערשט סוכניעט דאָס — — דער מות האָרעוועט שוין בײַ גרעגאָריאָן, אַזש דער שאַרבן הייבט זיך. ער האָט מער נישט געקענט אײַנרוען. — אַזויערנאָך טאָר מען נישט. ס'קען ווערן אַ תל פון גרעסטן מאַיאָנטעק. אײַ, אײַ, נישטאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן! קינדער בלײַבן קינדער אַפילו ווען זיי זענען דערוואַקסן. אַלץ לאָזט מען פאַרן טאַטן, אַאַאַלץ!

פאַראיבל בלעזלט אויף אין אים, אָבער באַלד זיך פאַרגעסן אינעם געטועכץ וואָס האָט אים אַרײַנגעצויגן, אָנגעקויטיקט זײַנע הענט, בלאָטע אַרומגעקלעפּט די קאַמאַשן און שווייס האָט צעפּאַרעט דעם שטערן, דעם קאַרק.

דאָס פאָרעניש אַרום פויערישן הויך־רעדערדיקן וואָגן, וואָס איז געאייגנט נאָר פאַר געגנטן פון דורכויסיקע בלאָטעס, טיפע זאַמדן, האָט פאַרשלונגען דעם באַלעבאָס. כאָטש ער איז דאָס מאָל אויסגעהונגערט נאָך רו. אין דאָרפישן טוען, פון וואָס ער האָט אגב געהאַט אַ הנאה, איז אויסגערונען

זײַן מיטאַמאָליק צערענען הלמאי אויך דאָ איז אים נישט באַשערט קיין מנוחה. נישט געכאַפּט זיך אַז דער וואָגן איז אײַגנטלעך אַן איבעריקס, בלויז אַ קאַפּריז פון זײַנע קינדער וואָס דאַרפן זיך אַ מאָל אַרומהוידען אויף דעם שטיק אָנגערויטלטער סקריפּנדיקער אַלטקייט. ס׳איז טביה דעם מילכיקנס פאַרוואַלגערטע בויד, פלעגט ער זי אָנרופן, ווען די קינדער קומען זיך צונויף מיט אַן אַראָפּגעבראַכטער כנופיא יונגוואַרג, זעצן זיך אַרײַן אין איר, אַ פאַרשפּאַנטע אינעם שלעפעריקן שימל כדי ווילד, פויעריש אַרומצוואָיעווען איבער די אָפּגעלעגענע שטעגן פונעם קאַנט. ווײַל ס׳איז אַזאַ אַנטיק, פרייט עס זיי, די יינגלעך מיט די מיידלעך וואָס דאָס אָנטומלען זיך אַרום אַזאַ אַלטן קליאַק איז בײַ זיי אויך אַ טייל פון פריידיקן זומערן אַרויסשטאָט. „טעאַטער טו איך זיך כאָוועןי״, — האָט עס אים אויפגערעגט און דאָך האָט ער זיך אַצינד געבויגן אונטער דער לאַסט פונעם וואָגן און — אײַנצײַטיק — מאָדנע האָפּערדיק גערעדט צו זיך:

— ע, יונגוואַרג, שפּילן זיך ליגט זיי אין זינען! דערויף געטרייסלט די רעדער, מיטן אָרעם אונטערגעשפּאַרט אַן אַקס, ערגעץ האָט זשאַווער אַ קרעכץ געטאָן אויף אײַזן און דער מענטש האָט, אַ צעפּלאַמטער, אָפּגעלעבט אין זײַן טוען.

„אַזוי, אַרויסגעשלעפּט! אַצינד וועט עס שוין גיין״. שפּעטער האָט סעניאָר גרעגאָריאָ שוין געלאַסן געשמירט די רעדער, צוגעטראָגן וואַסער פון אַ קראַן וואָס בײַ אַ בוים, באַגאָסן די ספּריכעס און דעם וואָגן מיט אָנשטרענג אַרײַנגעשטויסן אין שאָטן צווישן געדיכטע מימאָזעס: „זאָל ער נישט מער אויסדאַרן!״

מיט אַ מאָל דערהערט זײַן אייגן קול, האָט דער מענטש זיך אויסגעגלײַכט, זיך דערמאָנט אין דער בידעריקער פויגלנעסט וואָס דערווישט אַנומלט. טאַקע דאָ, אויף דער־אָ ווערבע. אוך, ווי אויסגעמײַסטרעוועט די בלאָטע! — אַ נשתוממער זיך געדרייט אַרום בוים, מיטן בליק אַרומגעטאַפּט די נעסט, באַוווּנדערט די פויגלשע חכמה צו באַוואָרענען זיך קעגן קעלט, אַנטרינען פון בייזע ווינטן, אײַנצוהיטן פאַר זיך דעם הויך פון זונענשײַן. אָנגעשפּאַנט דעם מוח אויף דעם און ווידער זיך אָנגעטרונקען מיט פרישאַנטפּלעקטער גרינקייט, מיט דער וויגנדיקער שטילקייט וואָס גרייכט אַהער פון די אוממשותדיקע הייכן. דערנאָך איז ער אַ פולער פון צעזשווזשעטן שווײַגן אַוועק נאָך דער גאָרטן־שער.

— צו טאָן איז דאָ איבער גענוג! — האָט גרעגאָריאָ גענומען זיך אונטערריאָגן — ערשט זעט ער, דער פּלויט איז ווילד־צעוואַקסן, צווײַגן צע־קודלען זיך, די סאָקן יערן אין די וואָרצלען. עס פּוישט דער פּרילינג. נו, אויסוואָקסעניש איז אויך נישט קיין גדולה. אומעטום מוז זײַן ס'אויג.

האָט זיך צערעדט דאָס שטאָל פון דער גרויסער שער איבער די אָנ־געברוגזטע האַרטלעכע ריטלעך־וואָלקנס פונעם גאָרטן־פּלויט און דער מענטש איז פאַרטרונקען געוואָרן אין דער שטילקייט וואָס האָט אָט־אָ זיך אַראָפּגעזעצט ווי אַ לעצטע זאַמד־כוואַליע נאָך אַ שטורעם. אײַנגעהאָרכט זיך אינעם זינגעוודיקן עיגול האָבן גרשון שאַפּראַנס האַריקע הענט שוין פאַרטראַכט געפירט די גאָרטן־שער איבערן לעבעדיקן קאָפּ פונעם קושאַ־קישן פאַרקאָן; זיך אַרײַנגעשיפּט אין גרינעם טײַך פון פונאַנדערגעגאָסע־נעם לחש און דאָס האָט אַזוי פאַרשלעפּערט, אָבער אַלטע רעגונגען אין אים האָבן בעת־מעשה געצופּט, אונטערגעבריט.

„וואָס מיר דאגות! מ'שלעפּט אַליין אויף זיך אַרויף די צרות. מילא, וואָס באַשערט, זאָל מען באַהיט ווערן! מ'באַדאַרף ענדערן די זאַכן אין שטוב און אויך בײַ זיך גופא, צעקווענקלט ער זיך. אייגנטלעך, וואָס פאַר אַ שותפות האָט ער שוין מיט דער דולער שטאָט? געגנוג כוח איר אָפּגעגעבן. וואָלט נישט געווען בעסער דאָ? גלײַכער צו פאַרגעסן זיך, פאַרזינקען אין דעם־אָ דומם, אין דאָרשטיקן געהאָרך פון ליכט און פינצטערניש פון טאָג און נאַכט. דעם געליאַרעם האָב איך נייטיק, אין טעאַטערס גיי איך אַ סך, נאַכטקלובן צי טאַנץ־קלאַסן זענען אַמאָל געווען אין מײַן גוסט? דער מענטש מוז זיך מאָל באַדענקען: ער ווערט... ס'איז צײַט זיך אָפּצושטעלן — —

ער טשוכעט זיך פון אַ פּלוצלינגן רוף, וואָס האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער נאָענטער ווײַט:

„גרעעע־גאָאָאָ־ריאָאָאָ! גררררעעע־גאָאָאָ —"

און דערויף לייגט זיך מילד זײַן קול צופוסנס פון אייגענעם געהער, צעשפּרייט דאָס געבלענד פון צעשטרעקטן טאָג:

— או־ווווו! ררררעעע־בבעעע־קאַאַאַ —

זיך אַליין האָט ער געענטפערט אין אומגעריכטער צעטראָגנקייט, אויס־געצויגן דעם האַלדז און ערשט דערנאָך אויפגעהויבן דעם בליק.

דערנאָך, נאָך אַ פאַרטראַכטונג, האָט ער זיך אַ צי געטאָן, דערזען די רויט־דאַכיקע שיינע הײַזקע זיך אָנבייגן און איז אַרײַן אין רעבעקאַס שמייכל. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל אין ליבלעכן וואַרטן:

— ס׳צײַט, גרעגאָריאַ, צו נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן.

זײַן ענטפער איז געווען אויך נאָר אַ שמייכל.

עפּעס מיד, עפּעס אויף דער גיך אָפּגעכאַפּט די מאָלצײַט און גלײַך פאַרבלענדטע, אויף אומאײַגענע פּיס, זענען בײדע צוגעפאַלן צום געלעגער. דער שלאָף האָט אויך מיטנטאָגיק געצויגן.

4

נאָך מיטיק. ס׳איז די שעה וואָס טוליעט זיך קעציש צום מענטש, נעמט אים אײַן, פּירט אַוועק צום לאָקנדיקן שטעגל פון פאַרגעסן, פאַרלאָזן אַלץ, אַלץ — ביז שפּעטער. און דער שפּעטער מעג זײַן אַ זיסער תּירוץ פאַר זעטיקן אָפּאָטעמען, פאַר מערער באַקוועמטקייט.

ציגלרויט, דאַכיק געבויגן זשמורעט אין זונבלענד די דרויסנדיקע חמימה. ווײַט צעגענעצט, מיד ווי דער יאַרמלקע־דאַך זיצט ערשט דער טאָג אַנטקעגן דעם פונאַנדערגעצויגענעם הימל; צו מאָל וועקט ער זיך ווינטלדיק איבער די גליווערנדיקע ביימער. ווי אַ זקן אין פאַרגעסענער עלטער עפּנט ער, דער טאָג, די אויגנלעדלעך. באַוועגט באַדעכטיק זײַנע בראָדעוועקעס וואָס אויף דער נאָז און שטערן און לאָזט זיך הערן קלוגיטשקע: כיע־כיעע, אַ גוט צײַטעלע! פון ס׳בײַ ווערט שטיל, שטילענקע. די שטילקייט האָרכט זיך אײַן אין אַיעדן שאָרך וואָס הייבט זיך אויף ערגעץ און פון פאַרהוילענישן בלינצט אַרויס דער זיס־מידער דרימל, גיט זיך איטלעך מאָל אַ וויג.

טונקל, קורצפּיסיק שפּאַנען אַרײַנגעבלאָנדזשעטע ליכטפּאַסן איבערן עסצימער פון שאַפּראַנישן זומערהויז. נייגיר קוקט אַרויס פון איטלעכן ווינקל; דאָס גלאָזוואַרג פינקלט אין ברייטן ברוינעם קרעדענץ און עס פאַרנעמט דאָס אויג די פּאַכלדיקע ווײַסקייט פון אויסגעשפּרייטן טישטעך. אַ לאַשטשנדיקע דרימלט די טונקלקייט פון דער ווײַס־לאַקירטער טיר. כאַרבעס זאַכן (זיי דערמאָנען זײַן אַנומלטיקן דאָ זײַן) זענען פון אַ וואַנטהענגער אַראָפּ פאַרקוקט אין דער ליידיקייט אַרײַן, עוועלינס בעטל וואַרט אַ שיין צוגעקליבנס. אַלץ פליסט אין פאַרטראַכטקייט. דער שלאָפצימער וויקלט זיך אַרויס פון דער פאַרנאַכטיקייט, שטעלט זיך פּאַמעלעך אויף אַן אָרט. ער זעט בפירוש דאָס נעפּלדיקע וויגעניש, סעניאָר גרעגאָריאָ, יאָ, מיט ליבשאַפט רופט זי אים אַזוי, רבקהלע, און ער קלערט אַז נאָר אַזאַ טיפע

שטילקייט קען כפלען דאָס לעבן: „אמת, דו ביסט מײַן סעניאָר?“ — שמייכלט זי אַ באַנײַטע, זײַן רעבעקאַ.

פּאַוואָליע האָט דער שלאָף זיך אָפּגעדריוולט פון די פונאַנדערגעשפּריי־טע טונקלקייטן וואָס עס האָבן אָנגעטאַפּט די ליכטפינגער, וואָס האָבן דורך די שפּאַרעס אַרײַנגעדרונגען פון די אַראָפּגעלאָזענע הילצערנע וויקלשטאָרן.

— אַ, אַאַאַ, אַאַאַ, — אָטעמט ער מיט דערקוויקונג, וויל דערהערן זײַן אייגענע וואַכיקייט — אַ גליק וואָס זיך דורכגעשטופּט צו וויאָסנע. אַ ווינ־טערל געוועזן, הו, הוהו!

דערווידער איז דאָס וואָרט, אָבער ער וויל דווקא זיך פאַרענטפערן פאַר דער מידקייט זײַנער, רעדט ער שטיל, פאַר זיך: „עס לײַדט אַן אומ־שולדיק ייִנגל. און די קעלטן דאָקוטשען אים גאָר, גאָר. אָבער וואָס באַטײַט אַ טאַטע? נאָך אַ שניט אין צעקרענקטן האַרץ. אוודאי, דער קרעכץ וואָס טראָגט זיך אין שטוב, מיינט נאָר אים, גרשונען. אַ טאַטע מוז געדענקען אָן זײַן קינד. אויף אַן אמת האָט ער באַדאַרפט מער צוהיטן כאָרכען, אָפּ־געבן אים מער צײַט, ווען ער האָט גענומען אַרויסוואַקסן פון די קורצע הויזן. ס'אַן אומגליק מיט דער צעטומלעניש וואָס האָט געטראָפן אונדזער דור. מ'וויס נישט ווהין מ'געהערט. דעם דאָרט פאַרלוירן און דעם דאָ נאָך אַלץ נישט באַנומען. מ'פּרעסט זיך אָן, אָבער נישט מער. דערצו וואַקסן אַריבער די אייגענע קינדער דעם היימישן פּלויט. מיט פּלוצלינגקייט האָט עס מיך געטראָפן. צום אומגליק האָט דער טאַטע דאָס נישט דערזען! נישט געהאַט קאָ' צײַט צו זען. אויב דער טאַטע וואָלט געהאַט אָפענע אויגן, וואָלט מן הסתם נישט געקומען דערצו וואָס דאָס ייִנגל האָט אָפּגעשפּאָרט“ — —

פון דאָן גרעגאָריאָן טרעט נישט אָפּ דער שטראָפער און די געוווינטשאַפט צו שרײַבן זיך אַליין חשבונות, וואָס ער האָט לעצטנס אַנטדעקט בײַ זיך. און דערפון מאָלט זיך זײַן געדאַנק פון ס'נײַ כמאַריק.

דערזען נעבן זיך ס'ווײַב אַ וואַכע, האָט ער באַלד אַרויסגעקראָגן פאַר איר אַ וויכע מינע:

— אויך שוין פאַרטיק, רעבעקאַ? ווייסט, וואָס איך קלער? ס'ווילט זיך נישט אַזוי פיל שלאָפן, נאָר ס'ציט דער פּויליאַק! ס'איז ווויל אַ דזשים צו טאָן. ס'שמעקט, הע, אַ דרימעלע? — און זײַנע רייד, הערט ער, גייען אי־בערן הויז.

ער פילט, דאָן גרעגאָריאָ, אַז הינטער זײַנע רייד גראָבט זיך אייפּעריק ס'אַלטע עגמת־נפש, נאָר ער איז בפירוש להוט צעשטרײַונג, ער מוז נאָר

אַזוינס זוכן, אויב שוין זיך אַרויסגעריסן פון שטאָט: רו קען היילן ס'געמיט, די נערוון, און בגוואַלד נעמט ער אַרויסרופן דעם שמייכל וואָס וועקט לענגסט פון אים.

גרשון שאַפּראַן לענגערט זיך אויס, קוקט זיך אַרום אַזוי, גלייך ער וואָלט געפילט אַז עמעץ שטייט הינטער אים. ר'נעמט אומגעריכט ריידן צו זיך, וויל דורכויס געגעגען צו זיך דעם חלום, וועלכן ער באַגערט שטאַרק, פונקט ווי ער וויל אַ מאָל מיט אַ חניפהלע דערנענטערן צו זיך ס'ווייב: „אוי, ווי קלוג האָסטו געטאָן, רעבעקעשי, וואָס האָסט געגרייט אַ גלעזל וואַרעמס! ווייזט אויס, ביסט אויך אַ יודעת מחשבות, ווי דער רבונו של עולם. נאַ, ביסט ווערט אַן אמתן קוש" — און פאַלט טאַקע צו צו איר פּנים. ערשט זאָגט ער איר אַזוי:

— ס'רייך, ס'שיין אַצינד דאָ. אַזוי פאַרשטיי איך, רעבעקעשי. מ'באַדאַרף עפּענען טיר און טויער פאַרן ביסל מנוחה! דאָס פּריצהלע וויל קיין מאָל זיך נישט באַווייזן ווי אַ פאַרשלומפּערט באַבעלע. ציכטיק, געפּוצט, אַ פּאַני וויל זי אַריין — אַז ס'זאָל שמעקן. ס'אַ מחיה, זאָג איך דיר. אַ דאַנק דיר דערפאַר, רעבעקעשי. אַצינד מעג מען זיך אַנידערזעצן, רויק קוקן און הערן. ביסט אַ טייערע, ווייבעלע מיינס. כ'האָב אָסור זיך נישט גענאַרט אין דיר, — און בייגט זיך צו צו איר, מער צו דערפילן איר לייב.

—אַנישט וואָלטסטו געטענהט חרטה? — לאַכן אירע מוילווינקלען און זי גליטשט זיך אַרויס פונעם בעט, גליטשט זיך אַוועק פון זיינע הענט וואָס ציִען זיך צו איר מיט גלוסטונג. די צעעפנטע טיר האָט באַלד אָפּגעוואָרפן אַ שטיק טונקלקייט פונעם שלאָפצימער, אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע אַ צווייג אָפּגעשיילטן דרויסן.

גרעגאָריאָן האָט הנאה געטאָן די מידקייט וואָס האָט ווי אַ וואַרעם שטראָמל זיך צעגאָסן איבער זיינע אברים. פאַרמאַכט די אויגן האָט ער תענוגדיק אַריינגעצויגן אין זיך די פרישקייט פון דער שטוביקער שאָטנדיקייט און אומדערוואַרט זיך אויסגעניכטערט. ר'איז געלעגן און געהערט מיט אַלע זיינע חושים — אַנדערע קלאַנגען:

— שוין, די טעלערס, די שאָלן ריידן שוין! די קיך לאָזט וויסן פון זיך. ער זעט אַפילו קלאָר, כאָטש ער שפּירט נאָך ס'געלעגער אַרום זיך: פאַרע שפּרייט זיך פון דער קיך, וואָס גלאָצט אָט־אָ אויף אים, מיט אַלע טעמים גייט איר זידעניש. אייגנטלעך, אַ שטיק וועלט הויערט אין קיך — נעמט ער מעדיטירן מיט פאַרמאַכטע אויגנלעדלעך. און ריכטיק. מ'באַדאַרף צו־

לאָזן מער הנאהס פון לעבן. טאַקע, וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן דער קיך? ס׳וואָלט זיך דען געלוינט אָנצושטערענגען זיך אויף אַלץ? וואָרן אַלע כוחות הייבן זיך אָן פון איר, דער קיך. זיי שווימען צו אויף שמעקעוודיקע פליגל שוין ווען מ׳דערשפּירט די ערשטע זיסקייט פון דער מאַמעס מילך — — סעניאָר גרעגאָריאָ נעמט שלינגען מיט דער נאָז די שפּאַרנדיקע ריחות:

— באַלד קומט אַ גוט קאַוועלע — רעדט ער צום אייגענעם געהער — דאָס ריכטיקע פּוטער־בולקעלע! און שוין זיך אָנגעשפּאַנט אין וואַרטן. דער קאָפּ באַוועגט זיך אומרויק אויפן קישן און זײַנע אויגן שפּאַרן שוין אַריבער די ווענט פון דער זומער־נחלה וואָס האָט אָקערשט אים ליבלעך אײַנגעצאַמט אין פרידן.

נאָך אַ רגע — און זי גייט טאַקע אַרײַן, רעבעקאַ, זײַן אָבגן ווערט וואָר. דאָס ווײַב לאָזט אים נישט לענגער זיך פּאָסמאַקעווען נאָר מיטן חלומען פון אַ געשמאַקן ביסן, דאָס וואָס האָט אים באמת אָנגעגאָסן מיט די אַלע כוחות, וועלכע ער שפּירט אין זיך, כאָטש דאָס אַרגענטינע האָט ביז וואָס־ווען אים געלאָזן גענוג זיך אָנבידעווען. ווען נישט די־אָ האָדעוואַניע וואָס רעבעקאַ האָט שטענדיק געגרייט, צוגעהיטן אים דערמיט, וואָלט ער דען געקענט זיך האַלטן אויף די פּיס? — דאָן גרעגאָריאָס גאַנצער מהות צע־רעדט זיך דערויף און ער שפּירט בפירוש דעם שמייכל וואָס ס׳ווײַב האָט אים ערשט אָנגעטאָן מיט איר אַרײַנקום.

— גענוג, גרעגאָריאָ, — גיט זי אַ זאָג און ס׳קול שלאָגט אָן אַ ביסל שאַרסטקע — וועסט עפּעס איבערכאַפּן. גיי אַראָפּ פון בעט. דערשלאָפן וועסטו שוין בײַ נאַכט, — און באַלד דערווײַטערט זי זיך נאָכן אייגענעם ווידערקול וואָס צערינט זיך איבערן שטילן הויז.

— אויב דו הייסט, פאָלג איך — און זײַן וואָרט אַ קלאָרס, אַ געזעצטס איז איר נאָכגעגאַנגען.

דערנאָך האָט ער געגעסן פּאַמעלעך, זשעדנע אויסגעזויגט די הנאה פון יעדן ביסן, פון איטלעכן שלוק און תיכף ווידער נאָכגעגעבן דער פויל־קייט וואָס האָט מיט אַ נאַגעניש זיך צעלייגט אין זײַנע ביינער. איז אָנגע־טראָטן דער אָוונט, לופטלעך האָבן געקילט דעם אויסגעשוויצטן גוף, מור־קן האָבן בייז זיך צעזונגען, האָט דאָן גרעגאָריאָ זיך נישט פאַרגונען לאַנג צו זיצן אונטערן ווייך אָנגעדעמערטן אָפּדאַך פון זומערהויז. ער האָט זיך געהאַלטן רויק, אָבער געטאָן האָט ער אַלץ אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אָניאָגן, בוכשטעבלעך אָניאָגן דאָס וואָס האָט זיך במשך לאַנגע יאָרן

אַרויסגעגליטשט פון זײַנע הענט. כוחות, פֿאַרגעניגנס, האָט ער שטום געזוכט און דאָס האָט אים באַוועגט אין שטח פון דער גענענענדיקער רו, געגלעט אין דמיון ווי אַ באַלעבאָס גלעט די פעל פון געטרײַען שטובהונט, וואָס לייגט זיך בײַ זײַנע פיס. ווען סעניאָר גרעגאָריאָ האָט אויך דעמערדיק זיך אויפגעשטעלט פון דער לענשטול, זיך אַרײַנגעשאַרט אין דער געדיכט אָנגעשאָטנטער שטוב, האָט זײַן קול וואַקלדיק זיך געוועקט: „אָ, רעבעקאַ, האָסט זיך פֿאַרגעסן? די פינצטערניש קען אויף אַן אמת אײַנשלעפערן!" — די ווערטער, צעדריבלטע, זענען געזונקען און זײַנע טריט האָבן אומזיכער געטאַפּט אַ וועג אין מטושטשן זכרון. — „מיינסט, מיך אַרט ס'איז טונקל — שטייט ער אַנטקעגן ווײַב, כאָטש ער זעט זי נישט בולט, נאָר ער פילט זי אין דער נאָענט — ס'איז בלויז אַ שאָד צו פֿאַרשפּעטיקן אַזאַ אויף דער נאַכט. ווי מיינסטו, רעבעקעלעב. דו הע־ערסט? ערשט האָט מען אָנגעצונדן פײַער אין דעם טונקל אַראָפּגעזעצטן הויז וואָס אין דער טיף צווישן צעוואַקסענעביימער. בײַם שאַרפן ליכטפלאַם האָט מען ווידער אַ מאָל מיושבדיק אָפּגעגעסן, — געקוויקט זיך מיט פליש־געדעמפעכץ, דערנאָך נאָך אַ ביסל געזעסן איבערן אָפּגעראַמטן טיש און ס'האָט פון דאָס גײַ געצויגן צום געלעגער. רו, רו, האָט עס גערופן אין דאָן גרעגאָריאָן, ס'געזונט מוז מען שטאַרקן. ער מוז נאָך אַ סך באַווײַזן, האָט גלוסטיקייט זיך געוועבט אין זײַן זינען. ניין, ער איז נישט אַזוי אַלט, ווי ער איז מיד.

טיפע, גרינע שטערן, אָנגעשפּרענגטע דאָרפישע פינצטערניש האָט דעם סעניאָר גרעגאָריאָ אַרײַנגעוועבט, אײַנגעטוליעט אונטער דער סטעליע פון זײַן יוסט־געמויערטער הינטערשטאָטישער היים. ס'האָט אים אײַנגעשיכורט יונגע מיענטע און פריש דערוואַכטער עקאַליפּטוס וואָס האָט זיך צעפּרעפּלט אין־די אָפּגרונטיקע הימל־הייכן. ער איז געשלאָפן לאַנג, ברייט צעוואָרפן איבערן געלעגער און אַ פרישן, גאָר אַן אַנדערן דעם זעלביקן גרעגאָריאָ שאַפּראַן געשטעלט צו מאָרגנס פּנים אל פּנים מיט אַ מער קרעפטיקערן טאָג. זיכערער האָט ערשט אָפּגעגעבן זײַן שטים און דער גאָרטן־הויף האָט גנאָדיק זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר אים:

„דו ביסט מײַן געביטער, איך וועל אונטערטעניק דיר דינען".

מיט גאָרטן־שער, מיט אַ העקל, אַ זעגל איז ער צו מאָרגנס אַרומגעגאַנגען צווישן אָנגעקאָלטנטן געצווײַג. אָפּגעגליכן, געשניטן, אָפּגעוואָרפן ס'ווילדגעוויקס, זיך אײַנגעקוקט אין די שטאַמען, צוגעשטעלט אַ פּאָדפּאַרע, אונטערגעבונדן אַ ביימל, פֿאַרבאַנדאַזשירט בײַ אַן אַנדערס אַ ברוך, אַ ווונד

(ס׳קומט אים אויפֿן זינען דער אַנומלטיקער שטורעם: ווי אַ גנבֿ קריגט דאָס זיך אַרײַן, מאַכט אָן אַ חורבן, אויב ער קען נישט אַראָפּרײַסן דעם דאַך; ער שעדיקט סתם, דער גנבֿעץ, אויב די טירשלעסער זענען נישט נאָכגעביק)! ער איז נישט מיד געוואָרן, דער באַלעבאָס, צו עוסקן זיך אין דער באַלעבאַטישקייט וואָס באַגערט אַן אייגענע גינציקע האַנט. די היץ האָט געשפּאַרט פֿון די בלאָע אויסגעשפּרייטקייטן און פֿון זייער ווײַס־וואָלקנדיקן שטויבענדיקן ליכט. די אומגעריכטע חמימה האָט יונג, העפּטיק געבריט אין קאַרק, אָנגעבראַנדיקט די הענט אַריבער די עלנבויגנס און פֿון דער ברוסט אים אַרויסגעשטויסן אַ געברום — אוף, אָר־וווּף! און פּלוצלינג האָט עס אָנגעקלאַפּט אין זכרון: „דערקענסט?“ דערמאָנונגען האָבן אָנגעשטראָמט, היימיש פֿאַרלאָפֿנס האָט זיך ווידערגעקערט אין פֿאַרשפּעטיקטן נאָכקלאַנג. אַלץ האָט ליבלעך אַרײַנגערעדט אין גרשונען: כ׳בין דיר אייגן שטענדיק; כאָטש האָסט זיך געוואָלט דערווײַטערן, וועל איך דיך וואַרעמען, באַלעבן. כ׳בין דיר נאָכגעגאַנגען אין דײַן ליפּנע און כ׳וועל דיך נישט איבערלאָזן אויך דאָ. דו, דו, קוק זיך אײַן — — אומגעריכט האָט אַריבער דאָן גרעגאָריאָן אַרויסגעשטעלט דעם צעפּלאָשעטן קאָפּ דער צעפּלאַמטער גרשון אַהרן בעקערס, און ער האָט זיך צעברומט. דאָס אייגענע געהער האָט זיך גערן אָנגעטרונקען מיט ווײַט פֿאַרזונקענע היימישלעכע טענער. געקומען פֿאַר נאַכט האָבן אומדרײַסט גענומען עפּטער ריידן צום האַרץ אויך אַמאָליקע לידער. דער אַנומלטיקער גרשון האָט זיך געוועקט, גענומען זוכן זיך אַליין אין די גענענענדיקע טונקלקייטן; — דערמאָנסט זיך דאָס, רבֿקהשי? — און ער נעמט ברומען ניגונדיקס. געקנייטשט די אויגנלעדלעך, אָנגעשפּיצט ס׳געהער און אַ געזאַנג איז אָנגעוואַקסן אין דעמער, זיך געעפֿנט אַ וועג צום אָנלײַכטנדיקן געדעכעניש.

זי האָט זיך גערן אײַנגעהאָרכט, אויך דאָרשטיק דערשפּירט אַ לעכצן צו פֿאַרמעקטע קלאַנגען.

— ס׳דאָך שיין, דאָס אַמאָליקע, העי? וואָס זאָגסטו, אַלטפּרענקיש — ס׳נאַריש פֿאַר הײַנטיקע צײַטן? מילא, ׳עלעך זיי ווינציקער פּרעגן דעות, די מאָדערנע, האָרכסט, רבֿקהשי! איך וויל אַריבערשפּאַנען דעם תהום. אַזאַ מבֿינות מאַכט שווער ס׳לעבן. ס׳נישט אַזוי, ווײַבל?

דאָניאַ רעבעקאַ האָט ליבערשט נישט געוואָלט צערודערן די שטילקייט. צו וואָס ריידן?

— מאַך דיר אַליין נישט קאַליע ס׳ביסל רו, גרעגאָריאָ, — האָט זי

באַגערט אים אײַנצושטילן און אַ גלעט געטאָן זײַן קני: — שאַ, שאַ, גערשנדל!

דערויף האָט ער זיך צוגעטוליעט צו איר, געלאָזט אויסרינען יעדן קלאַנג. „זי וויל אַזוי? בעסער — צו הערן די פייגל ערב־שלאָף, ס'עקבערן פון דער גריל".

די צוגעטראָטענע רו האָט אים אָנגעדאַרשטיקט מיט נײַעם הונגער, מיט טיפן געשריי פון זײַן לײַב. מיט די ליפּן, מיט די נאָזלעכער האָט ער געשלונגען די פרישקייט פונעם אָוונט, געוואָלן להוט אַלע זײַנע ריחות. יעדן אָוונט אַזוי. איז צוגעפאַלן די טונקלקייט, האָט ער נאָך געפּרוווט שטעלן טריט אין דער ענגשאַפט צווישן פונאַנדערגעוואַקסענע קוסטעס, צווישן די שקיעה־אָנגעליכטיקטע, מיט בלײַעכץ אָנגעשאָטענע ביימער, אָבער באַלד זיך אויסגעדרייט צו דער שטוב, געניינגט ס'געהער צו רעבעקאָס באַקאַנט־לעכן רופן. זי זוכט אים שוין, האָט אים אויסגעדאַכט. איר שלײַכן אין זײַן נאָענט האָט ער כסדר געאָנט.

מיט אַ מאָל האָט גרשון זיך דערשפּירט אײַנגעפּלאָנטערט אין אַ תאוות־דיקן בענקעניש צום ווײַב. עס איז נישט קיין מעשה דאָס חומשדיקע אַז זי איז אַ ריפּ פון זײַנע ריפּן. אויף דער וואָר שפּירט ער אַצינד די ביז ווייטיק זיסע שפּירונג פונעם מאָן צו זײַן ווײַב, וועלכע איז גורלדיק אים צוגעטיילט געוואָרן; זי איז אָנטקעגנגעקומען אויף זײַן באַשערטן וועג. ס'איז דער סאַמע אמת: אין רעבעקאָן איז ער אײַנגעוואָרצלט מיטן גאַנצן זײַן. אָן איר איז ער אומבאַהאָלפן, ר'איז צעטומלט ווען זי איז נישטאָ בײַ זײַן זײַט. דאָס פּרײַ־צײַען אים צום מיטיק־טיש איז דער וואָרסטער סימן דערפון. איז עס דען נאָר הונגער נאָך ברויט? ר'קען דאָך דעמאָלט אַרײַנגיין עפּעס אָפּכאַפּן. נישט דאָס איז עס. ס'איז דאָס שאַרפסטע צײַעניש צו איר. בפירוש — ער קען זיך קוים דערוואַרטן אויפן ווײַבס קול אַז ס'זאָל אַרײַנהילכן אין דער זון־ווײַטקייט, וווהין דער אומרו האָט אים אַרײַנגעשטויסן ווי דער ווינט שטויסט כוואַליעס אויפן טײַך —

„גררררעעע־גאַאַאַ־רררר־רררי־אַאַאַ!"

דערהערט זי וואָרהאַפטיק, ווערט ער באַלד דעריאַכמערט, גרעגאַריאַ; אַנטקעגן איר פּילט ער זיך קינדיש צעקראַכן. די זונהיץ פּאַנגט אים. אמת, ר'האָט גערן זיך אַרײַנגעכוואַליעט אַהער. אָבער ער וועט פון דאַנען נישט אַרויס. אויב מ'וועט אים נישט אַרויסצײַען. אין אַ מסוכנער ווייכקייט אַרײַן

שווימט אים ס׳האַרץ. רעבעקאַ, — מורמלט ער שוין און וואַרט אַ פּאָר־שמאַכטער, זי זאָל זיך אַהערוויזן. ער איז אַ פיש אויפן האָקן פונעם זשעד־נעם פישכאַפּער — טומלט זײַן געדאַנק און ר׳ווישט דעם שוויס פון שטערן, פון האַלדז.

אָנגעזשמורעט זיך צו דער זײַט פון שטוב, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז אַקערשט רופט זי אים אויף דער נעוואָרעט:

— קו־ווום, גגררערעע־גאָאָאַ־ררריאָאָאָ — — אַזש ס׳הילכט אין זײַנע אויערן און די לעפּלעך גליִען אים.

שטאַרק אײַנגעהערט זיך אין דער טיפקייט פון בלענדנדיקן גאָרטן, פאַרנעמט ער נאָר דעם כליושטש פון די בלוטן אין די אייגענע אָדערן, אַ פּויקן אין די שלייפן.

5

זײַן אָנעז האָט גרשונען דאָך אַרײַנגעבראַכט אין דער באַגערטער וואָר. כמעט יעדן טאָג שטעלט זיך אָקעגן אים אַזאַ אויסדאַכטעניש, בכן מ׳רופט אים, זי קומט אומגעריכט אַרויס צו אים. ס׳איז מחמת דער מיטאַמאַליקער שטילקייט וואָס פליוכעט דאָ. אָבער די קלינגענדיקע גאָפּל־מעסער און רעבעקאַס רירעוודיקע הענט וואָס האָבן שווײַגעוודיק זיך געאײַלט, האָבן אים צו וואָרסטן אויפגעוועקט. ערשט פּילט ער, אַ מאָגונג רופט צו אים: דו באַדאַרפסט איר דאַנקען! און ס׳בענקל אונטער גרשונען גיט זיך אַ באַ־וועג — „מ׳קען". יאָ, אַצינד וועט ער איר זאָגן וואָס עס גריבלט אים, נאָר אַרויסגעקומען איז גראָד עפּעס נישט דערזאָגטס.

— ווויל, ווויל, הערסט, מײַן ווײַב? אָסור צי אין אַ פּאַליי איז אַזוי. ווען נישט ס׳אַנשיקעניש מיטן יִינגל, ווער וואָלט זיך געקענט גלײַכן צו אונדז? אַ מענטש איז גאָר נישט קאָ׳ מבין אויף זיך אַליין. מיינסט, — כאַפּט ער זיך אַרויס נאָכן אָפּשטעלן זיך אַ ווײַלע — שרה איז אונדז נישט מקנא? בייז מקנא, זאָג איך דיר. כ׳טראַכט: אויב זי זאָל הײַנט אַהער קומען — ס׳קען דאָך טרעפן, העז? זי קען נישט לעבן אַ טאָג אָן דעם ברודער, אַזוי ליב האָט זי מיך, די רישאַנטע! אויב זי וואָלט געקומען, וואָלט איך איר גאָר נישט געזאָגט, כאָטש ס׳בעט זיך צו זאָגן גאָר האַרבע רייד, איין מאָל פאַר אַלע מאָל. כ׳בעט דיך, פאַר וואָס איז זי אונדז אַ שונא, וואָס

פֿריינטלט זי זיך דווקא מיט דיר! שרהס אויגן פֿאַרראַטן זי. מיט דיר איז זי קוצעניו־לובעניו און קען פֿון דעסטוועגן דיר נישט קוקן אין פּנים אַרײַן. נאָר גנבים, פֿאַלשע לײַט האָבן אַזאַ בליק, ווײַל תּמיד זענען זיי אויסן דיר אַן עוולה צו טאָן. זי פֿאַרגינט נישט דעם ברודער דאָס וואָס ער האָט, כאָטש ר׳האָט עס שווער אויסגעפּראַצעוועט, אַז כ׳וואָלט חס ושלום באַדאַרפֿט אויסשטרעקן די האַנט, שרהניו זאָל זיך דערבאַרעמען איבער מיר, וואָלט זי אַנגעקוואָלן און געוועזן גוטפֿרײַנד. ווערעמדיק זענען די מענטשנס הערצער! האָבן דען נישט אַנדערע מער ווי גרשון שאַפֿראַן? אַוודאי, כ׳בין זיך אַליין מקנא מיט דעם, וואָס כ׳האָב. און דו נישט, רעבעקע־לעב? אַ מענטש דאַרף געדענקען פֿון וואַנען ר׳קומט. איך קען עס נישט פֿאַרגעסן. דערפֿאַר בין איך צופֿרידן מיט אַלץ וואָס מיר איז באַשערט געוואָרן. פֿאַרשטייסט? „גרויסע אויגן” קענען הרגענען אַ מענטש! נאָר ס׳ייִנגל צערײַסט מיר ס׳האַרץ. כ׳קוק זיך אַרום, פּײַניקט עס מיך: צו וואָס אַלע גוטע זאַכן, אַז אַלץ איז פֿאַרסמט פֿון אַ ווילדן ווייטיק? — און אומגעריכט צערעדט ער זיך היים:

— איך האָב אַ שיין הויז אין דאָרף, דער שוועסטערס הויז האָט אַ קנאַפּערן קוק — בין איך שולדיק דעריין? שרה האָט דווקא געמוזט זיך שטעלן ס׳הויז האַרט נעבן מיר, אײַלן זיך צו ווערן אַ נאָענטע שכנה מײַנע? טאַקע איך האָב איר נאַרײַעט צו קויפֿן דעם שיינעם ערד־חלק, אָבער מײַן כוונה איז נישט געוועזן אויסצושטעכן איר די אויגן: ביסט סײַ ווי אַ שלומ־פּער. יאָ, זי האָט אַליין פֿאַרפֿאַסקודיעט די טערענע. די זעלבע וואָס לײַכט ביי מיר. ערשט האָב איך זיך צו וואַשן פֿון איר שנאה. באשר איר זומערהויז איז בלאָסער פֿון מײַנעם, אָרעמלעך. ס׳אַר אַ בהמה דאָס איז! כ׳לעבן, מ׳דאַרף איר אויפֿרײַסן די שליפֿיעס, אַרײַנשרײַען אין די אויערן: שרה אַכליאַפּ, דו האָסט דען אַרײַנגעלייגט אַזוי פֿיל כּוח אין דײַן הויז? האָסט באַגערט אַ כאַטע, האָסטו אַ כאַטע. אַבי אויפֿגעשטעלט אַ מויער מיט אַ סך חללס. גרשון האָט אַן אַנדערן גוסט און אַן אַנדערן געדאַנק. שרהן וואַרעמט דאָס געלט; אויך איר מאַן באַדאַרף נאָר געלט. אים, גרשונען, ציט שיינס, מיט דעם בינדט ער צו זײַנע קינדער צו דער היים. ס׳אַ גרויסע זאַך אײַנצוהאַלטן די קינדער אַרום זיך. הײַנטיקע קינדער זענען נישט אהרן־אַריהס קינדער; בוענאָס־אײַרעס איז אַ שפּאַרער שפּרונג פֿון ליפּנע וואָס אין מלך־אביונס גיטער. ס׳איז אַן אַנדערע וועלט, אַפֿילו אַ שענערע, אָבער אַ געפּערלעכערע. דער עיקר: די אייגענע קינדער דאַרף מען קענען האַלטן, זיי זאָלן נישט פֿעלשן אין טאַטע־מאַמען, אַוועק צו ווײַט, ווי ס׳טרעפֿט דאָ.

— ביסט געראַכט, גרעגאַריאַ, אָבער וואָס עסטו זיך ס׳האַרץ? אַז דײַן שוועסטער האָט הנאה פון שנאה, זאָל זי זיך אַליין אָנעסן דערמיט.

— זאָל זי, אַז ס׳טוט איר אַ הנאה, דעם אָקס! — גיט ער אַ בורטשע און „לערנט זיך פאַרגעסן" די קנאה־שנאה פון דער שוועסטער, וואָס די האָבער שטעכט איר שוין.

גרשון שאַפּראַנען האָט אַצינד געפרייט די זשוזשנדיקע שטילקייט און אים האָט געפרייט די שפע וואָס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין זײַן אַרום ווי אַ קוואָקע אויף די אייער. נאָר יאָרן און כוח באַשער, רבונו של עולם (פּאַלט ער פּ ל ו צ ל י נ ג אַרײַן אין אַ תחינה־שטימונג)! אָן עין־הרע אַ שטיקל פּ אַ ר מ ע ג אויסגעוואָרעמט זיך ביי אים א ו ן די פּרנסה קומט שוין פון רגילות. דאָן גרעגאָריאָ איז ברוך־השם אַ פירמע צו וועלכער עס ציט קונים, יונגע און עלטערע גויעס, סיניאָריטעס און דאָניאַס וואָס קויפן בײַ אים זייערע באַדאַרפטיקייטן העכער דרײַ צענדליק יאָרן. און דאָניאַ רע־בעקאָ איז פאַר אַ רוב פון זיי ממש אַ שוועסטער. זי האָט געוווּנען זייער צוטרוי, אָבער נישט בײַ זײַן שרהן! — און ער נעמט האַסטיקער אַרײַנריידן אינעם ווײַב:

— באַרעכן, ווי שווער אַלץ איז אונדז אָנגעקומען. ערלעך אויסגע־פּראַצעוועט מיט בלוט און שווייס. נאָר זי, די האַרצעדיקע שוועסטער, וויל דאָס נישט געדענקען. די נישט־פאַרגינערקע איז אים דערפאַר אַ שונא. וואָס פאַר אַ שטרויכלונג ס׳האָט זיך אַרײַנגענאַדיעט אין זײַן שטוב, ס׳אַראַ גראָבקייט! דער קראַנקער כאַרכע איז איר אַ גליק! די מומע האָט אים דאָס פאַרוווּנטשן! שרה די געטרײַע! זי לערנט נאָך דעם ברודער ווי ער, דער טאַטע, האָט זיך צו פירן מיטן קראַנקן זון. דערמאָן זיך, רבקהשי, די חוצפּה: „אַז ס׳העלפט נישט קאָרדאָבע, גרעגאָריאָ, — פּאָנפּעט זי מיר אין פּנים אַרײַן, די גרויסע חכמה, — באַדאַרף מען זוכן די הילף אין מענדאָסאַ, אין סאַן־כואַן. קלימאַטישע קוראַציע איז וויכטיק. אויב נישט חלילה אין אַר־גענטינע, מוז מען געפינען די רפואה אין אויסלאַנד. אפשר אין דער שווייץ, אין די אַלפּן". מײַן פאַרזאָרגערין געוואָרן, שרה! און וועט זי מיך זען אַן אָרעמאַן, וועט זי זײַן גליקלעך, דער קליאַק. באַלד ווי זי האָט זיך דאָ באַ־וויזן, האָט אים אָנגעהויבן גיין לאַ־עלינודיק מיט כאָרכען. באַשר אירע קינדער זענען נאַרישוואַטע, קומט אַזאַ שטראָף דעם לײַבלעכן ברודער. ס׳אַן אמתער חסד פון הימל וואָס אויף דעם שוואַכן כאָרכעלען האָט שוין קליינווײַז גערעדט די הויט. דעם קינדס ווייסטע מזל האָט באַשײַמפּערלעך

געחתמעט דער מומעס געמיינע אויגן! כאַרכעלע האָט דערפילט דעם גיפט פון איר פאַרשטאָפּטן האַרץ. די צרה האָט זי געבראַכט אויפן הויזגעזינד. דאָס יינגל האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מומעס שליפּיעס, זיך פאַרצאַפּלט פאַר עפּעס און אַ שלעפּ געטאָן אויף זיך אַרויף אַ טשײַניק זודיק וואַסער. אָפּגעקאָכט זיך דאָס קינד און ס׳געקומען אַן אומגליק אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. מוז זײַן, שרהס ווילדע בלוט האָט גראָד דעמאָלט זיך איבערגעצײַטיקט און ס׳איז געוואָרן סם, וואָרן פריִער האָט מען אַזוינס נישט חושד געווען. זי איז געווען אַ מיידל ווי אַ סך ייִדישע מיידלעך איר סגאַל, אַנישט וואָלט ער זיך געאײַלט אַהער צו ברענגען די מציאה? געמיינט, ס׳אַ שוועסטער וואָס איז צו אַ שוועסטער גלײַך, האָט ער זי אַרויסגעצויגן פון דער געקוועלטער היים. כ׳לעבן, עס וואָלט גלײַכער געווען זי זאָל זיך אויסשטיין ווי יעדע בוגרת אין ליפּנע. אויך דאָרט וואָלט אַזאַ שרה געפונען אַ זיווג ווי זי איז ווערט. און כאַרכע וואָלט אויסגעמיטן יסורים פון קינדווײַז אָן. אוי, וואָס פאַר אַ פּײַנען ס׳האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו דעם ייִנגל אין דעם לאַנד פון ברויט און פלייש און האָניק. דיאַבעטיס פאַרצערט אים די בלוטן זינט יענעם קינדערישן דערשרעק און ערשט — לונגען, צעווונדיקטע לונגען! געקומען פונקט די צײַטן פון אַרגענטינעס שוואַכער קינדהייט, פּרווון פון דער ראַכיטישער מלוכהשקייט וואָס האָבן זיך אויסגעשפּילט אויפן רוקן פון אַ קרענקלעכער עקאָנאָמיק. די־אָ מחלה האָט געשאַפּן באָדן פאַר סאָציאַלן אומרו. אין דעם גרויסן לאַנד האָט זיך אָנגעוואָרצלט אַן אימפּאָרטירטער קלימאַט פון מהומות. אין דעם קדחת וואָס איז שוין נישט אָפּגעטראָטן, האָט מען אַרײַנגעצויגן לײַכט־גלייביקע אין אַ קלאָמפּערשט אידעאַליסטישער באַוועגונג וואָס שמועסט זיך אײַן אַז זי וועט איבעראַנדערשן די וועלט, זי אויסבעסערן. האָט אויך דער דעליקאַטער כאַרכע געמוזט פאַלן אַ קרבן פון דער נאַיִוויטעט. פּאָליציי האָט אים געכאַפּט, אײַנגעזעצט און דערלאַנגט קלעפּ ביז בלוט. נו, מוז ער, דער טאַטע, נישט בלויז דער דערוואַקסענער זון, נאָך אַצינד צאָלן דערפאַר רבי־געלט. הענט און פיס בינדט אים די קרענק פון דעם זון. אַלע מאָל, ווען אים קומט אויפן געדאַנק כאַרכע, קען ער נישט אויסמײַדן אויך אָט־די טרויעריקע דערמאָנונג — די שוועסטערקע, וואָס פאַרגינט אים נישט דאָס לעבן: זי פאַרפאָלגט דעם ברודער מיט קנאה. פאַר וואָס, בעט איך דיך, קומט עס מיר?! — צעשרײַט ער זיך שוין.

אַ ביטערע פּיל איז גרשון שאַפּראַנען די שוועסטער. ער וויל עס נישט

געדענקען, אָבער דאָס פאַרקריכט זײַן רעיון, ווי אַ מיאוסער וואָרעם פאַר־קריכט עס.

...זי איז שפּעטער געקומען קיין אַרגענטינע. גרשון, דער עלטערער ברודער, האָט זיך צו ערשט אָנגעפּײַניקט, געצאָלט אימיגראַנטישן צינז דעם פרעמדן אָרט. שרה האָט שוין געטראָפן בײַ אים אַן אָנצוהערעניש פון אַ היים. זי׳ט געהאַט ווו דעם פוס אַרײַנצושטעלן — נישט דאָס וואָס ער גופא האָט געמוזט זיך אויסשטיין. איר איז לײַכט אָנגעקומען דאָס אויס־פאַרכעווען זיך אין דער וועלט, ווו מ׳מוז זיך ערשט לערנען שטעלן אַ טראָט. אָ, די שוועל איז הײַנט שוין אָפּגערייניקט; מ׳זעט אַפילו נישט יענע לײַט וואָס האָבן אָפּן פאַראומווערדיקט דעם נאָמען פון לאַנד. ווײַזט אויס, די צײַט ברענט אויס אויך אַזאַ פלעק. אָבער עס געדענקט זיך, כאָטש מ׳מוז פאַרגעסן „יענע גוטסן“. און שרה האָט שוין אַצינד אַלץ וואָס אַ נעכ־טיקער אָרעמאַן קען זיך ווינטשן. איר איז עס נאָך ווינציק. נאָר דער ברודער איז איר דער נאָענטסטער שטרויכלשטיין און קעגן אים פאַרמעסט זי זיך. אַן אײַנפאַל פון אַ ווילד שטיק. זי האָט אַ פאַרמעגן, איז עס איר קנאָפּ, זי׳ט גרויסע אויגן אויפן ברודער. אויך אַ מאַיאָנטעק קען ווערן אַ פײַנלע־כער נסיון. ער שלאָגט דעם שכל. דער דלות האָט זיי דערנענטערט ווי לײַבלעכע וואָס זענען גלײַך להוט דאָס פּאָסנע ברויט פון נאַטירלעכער היימישקייט. די אָרעמקייט האָט געבראַכט שותפותדיקע זאָרג, אַפילו ליב־שאַפט פון איינעם צו דאָס אַנדערע. אָבער איבערזאַטקייט טריקנט אויס ס׳האַרץ. אַנדערע צעבלוטיקט עס מיט דער האַק פון שנאת־חינם. יאָ, איך האָב — זי האָט דען ווינציקער? איך האָב שרהן חלילה עפּעס צוגענומען? צו מאָל די פּײַן מיטן בחור קומט אויס אַזוי גלײַך זי, דאָס שוועסטערל, וואָלט געהאַט נקמה אין דעם. דו הערסט, רעבעקאָ?

אומגעריכט האָט ער גענומען ריידן הויך, ווי זײַן ווײ וואָלט אָקערשט זיך צעגליט. די צערודערטע שטילקייט האָט באַשײַמפּערלעך געשטוינט דערפון.

אים האָט עס נײַלעך געבריט. ווי גוט וואָלט געווען, אויב שרה זאָל נישט זײַן אַן אומזיסטיקער דם־שונא. האָסט אַ שוועסטער אין שטאָט און שפּירסט אין איר אַ שונא, וואָס פון אים ציט אַ שנײַדיקע קעלט. אָט־אָ מ׳זעט טראַכט ער ווי אַזוי דאָס דאַזיקע געפיל מערער אַרויסצוברענגען אַז אויך ס׳ווײַב זאָל עס באַנעמען אַזוי ווי ער. קלאָר, אַ פּאַטש פון אַן איי־גענעם טוט מער ווײ ווי אַ קלאַפּ פון אַ פרעמדן — חזרט ער איבער אַלע

מאָל ווען די שוועסטער רוקט זיך אָן אים אויפן זינען. די שפּירונג שווילט אין אים, פינצטערט אָן ס׳געמיט. רעבעקאַ פאַרלירט זיך, ווען זי דערזעט אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין פּלוצלינגער פאַרטראַכטקייט. לא־עלינו אַ קאַנסער איז אַזאַ שוועסטער! — גיט עס דער פרוי אַ גריבל אין די אינגעווײדן. — נאָר ער גריזשעט זיך, — שרײַט זי שוין מיט פאַראיבל אויפן מאַן — רק דאָס זוכט זיך פאַרדראָס! אָן אַנדערש מאָל שווײַגט זי אָפּ פאַרעקשנט, ווען פון אים רעדט אַרויס ס׳עגמת־נפש צוליב שרהן. ערשט בורבעט פון איר מיט אומגעדולד:

— ווידער אויפגעשפּילט מיט דער „כלי״! געקומען צום טיש און שוין פאַרשטערט ער אים. גרעגאָריאַ, גרעגאָריאַ, ווילסט נישט קיין מנוחה, העי? — וויגט זיך איר שטערן. — אַוועק פון דער היים און די היים לאָזט אים נישט אָפּ. אַזוי האָט מען אָפּגעמאַכט. גרעגאָריאַ? דאָס וועט זײַן דײַן אָפּרו, אַזוי דײַן מיטיק־עסן?

דעם ווײַבס בליקן האָבן שאַרפע טענות צו אים, נאָר ריידן וויל זי נישט מער. זי׳ט מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט. גענוג אָבער אַ שווײַגן אַזאַ אַז מ׳זאָל זיך דערמיט ווערגן.

— עסן? — וויל ער זיך אָפּקערן פון דעם אומהיימלעכן גערייד — גאַנץ גלײַך, רעבעקעשי. וואָ׳דען? זעץ דיך, — בעט ער מיט אַ האַנטבאַוועג, אָבער זי שטייט אַקעגן אים אַ צעטומלטע.

— איך זיץ שוין, גרעגאָריאַ.

— אַצינד, רעבעקעשי, וועלן מיר אָפּגעבן כבוד דעם מלאך פון דער אַכילה, אמת? (וויל ער שמייכלען) — ער קוקט מיט אַ לאַנגן פרעג אין בליק און מאַכט זיך האַרץ זי איבערצובעטן פאַר דעם, אין וואָס ער איז שולדיק (ניין, ער וועט איצט נישט פרעגן) — אויף אַ פאַטשאַגטעק אַ גלעזעלע, ווילסט? — און ער בייגט זיך אויס צו דער פלאַש וואָס קוקט אויף אים מיט אַן אויסגעצויגן גלאָזיק פּנים.

— זאָל זײַן, גרעגאָריאַ, נאָר אַ קאַפּעלע.

— זאָל זײַן אַ ביסעלע, אַבי צו געזונט! — ער גיסט איר אָן אַ גלעזל און גיט אַ ווונק: — ני?

זי גיט זיך אַ נייג:

— לחיים, זאָלסט זײַן געזונט! — און די אויגן ווערן איר פאַרהויכט מיט אַ הײַטל טריבער שײַן.

— מ׳זאָל האָבן נחת — —

גול, גו־ווולל! ערשט האָט ער נישט קיין צײַט. ס׳גלעזל איבערגע־קערט מיט איין בייג. אירס האָט זי קוים אָנגערירט מיט די ליפּן.

— רעבעקעשי, איך באַשטיי נישט אַזוי. אויב וועסט נאָר אַ לעק טאָן, נעמסטו מיר צו דעם חשק צו עסן, און דער אַפּעטיט האָט זיך בײַ מיר אויסגעשאַרפט. די לופט, פאַרשטייסט? („זיכער, ר׳מוז אַלץ פאַרגעסן!״).

ער האָט גענומען עסן תאווהדיק, אַ סך צוגעטרונקען, אָנפּאַקן דעם מאָגן מיט גרויס כוונה. אין דער בײַטאָגיקער שטוביקער שאָטנדיקייט האָט זיך דאָ ווי פון אַ וואַלד־סטאַוו געהערט אַ מין פליעסקנדיק נורען פונעם שטוינענדיקן שווײַגן צווישן מאַן און ווײַב, אַ שווײַגן וואָס פלעגט אויך פון מאָל צו מאָל אויפטויכן שטיפעריש מיט זוכנדיקע אויגן: אָט האָט זי פאַרשעריש אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַן עקבערנדיק בליקל, ער — אַ בליקעלע צו איר און ווידער האַסטיק געשוויגן; בלויז דאָס מליאַסקען מיט דער צונג, ס׳קלינגען פון לעפל אָן טעלער האָט אין פאַרטועניקייט אַרומ־געטאַפּטשעט אין דער אויפגערירטער שטילקייט.

אַזוי זיצן זיי קעגנענדיקע איינס אַקעגן ס׳אַנדערע און עס זעט אויס אַז דאָס־אַ שווײַגן שפּיגלט זיך באַדאַכט אינעם אַנדערנס פּנים: נאָר רגעווײַז קוקן זיי זיך איבער און פון ס׳נײַ איז מען אַרײַנגעטאָן אינעם עסן.

— ביסט געגרעכט, רעבעקעשי, — גיט ער אין מיטן דערינען איר אַ גלעט איבער דער האַנט און זײַנע אויגן גייען איבער פון אָנשטרענג צו צעפּטרן די גרויסע מאָלצײַט, — אָבער אַ טרונק טאָן מוז מען. גלייבסט מיר? — ריידן אויך שוין זײַנע אויגן וואָס אין זיי האָט זיך באַזעצט אַ בגי־לופינדיק בלישטשל — כ׳האָב נישט קאָ׳ כוח אַזוי פיל צו האָרכן וואָס מ׳הייסט נישט. די היץ ברענט. זיי נישט בייז — נאָר אַ שלוק וועל׳עך טאָן, ווייסט׳עך, אַ קאַפּ ווײַן, אַ גלעזל ביר דערכאַפּן ס׳האַרץ. דער בלוטדרוק, דאָס רעכענען די יאָרן דערגייען אין דער גאַל אַרײַן. מ׳קען זיך דאָך נישט קאָ׳ן עצה געבן קעגן די קישקעס. גיסטו זיי נישט, בור־טשען זיי. נאָר זיי האָבן אַ טבע צו חלשן!

— שוין, גרעגאָריאָ? נאָר דו פאַרגעסט! מ׳באַדאַרף זיך אָפּגעוויינען, — הייבט זיך אויף איר קול אַ מוסרדיקס. — אין טעלער לאָקשן מוזסטו פאַרטרײַבן די רגילות פון טרינקען, מאַן מײַנער. אין צימעס, אין קאָמפּאָט. עס, דאָס גלאָז וועל איך דיר צונעמען. וויפל איז דער שיעור?

ווידער שטיל. אין געזשום פון אַ פליג וואָס איז געבליבן אײַנגעקלעמט צווישן דער שויב און דעם פענצטערישן וויקלשטאָר, הערט זיך ס׳פרײַכן

פון דער דרויסנדיקער חמימה. ממש זי כוואַליעט זיך, די היץ, ווי מידע
שטראָמען שלאָגט זי זיך אָן אין דער שטוב און פאַלט צוריק. כאָטש גוט,
וואָס ס׳פענצטער איז פאַרמאַכט, גיט ער אַ קלער, נחתדיק איז די פריש־
קייט פון די מאכלים, ס׳אַ קוויקונג דאָס געטראַנק וואָס איז מאַט־קאַלט
אָנגעהויכט אין לויטערן גלאָז, אָבער זי טשאַטעוועט שוין דערויף. רעבע־
קאַ, — ווילט זיך אים אויסרופן אין אייגענער אומגעריכטיקייט, — וווּנ־
דערלעך איז די קילקייט וואָס דו האָסט דאָ אײַנגעריגלט, אלא ער האָט
מורא אַרויסצוברענגען עפּעס איבערן מויל. דאָס קווועלט אָבער אַרויס פון
זײַן אויגן־שמייכל און ער ווישט זיך דעם שטערן.

ס׳איז ממש אַ פרייד אַזאַ מיטיק, — טראַכט דאָן גרעגאָריאָ. — מ׳טאָר
טאַקע נישט צולאָזן קיין פאַרדראָסן. אַ מענטש מוז זיך היטן. האָבן דען נישט
אַלע טעמים די עסנס אָן דעם טרינקען? מ׳דאַרף נאָר ווען. אין צרות
אַוועק די אַלע יאָרן פון אַ „גרינעם‟, טעמפּ גייט עס דעם „געלן‟, ערשט
דאַרף ער זיך אָפּנעמען ס׳זײַניקע. ס׳איז אַ חוב וואָס דער גורל איז אים
שולדיק. באמת, שפּעט, נאָר גאָט צו דאַנקען, נאָך נישט פאַרשפּעטיקט. יאָ,
מ׳מוז זיך באַנוגענען. די אַרבעט, אויב ער וויל, איז אים שוין נישט קיין
מוז. דאָס פאָרען זיך דאָ אין גאָרטן, איז בפירוש אַ פאַרגעניגן. קיינער
צווינגט נישט דערצו. אַדרבא, ס׳ווילט זיך אַליין. און פאַר אַ מענטש איז
אַ סגולה אויסצומײַדן דעם חשבון־הנפש וואָס דער נאַרישער קאָפּ פירט
אונטער; אַ סך בעסער איז עפּעס צו טאָן, ס׳איז געזינטער. — האָסט עפּעס
געזאָגט, רעבעקאַ? מיד, הע? כ׳מיין, ס׳וואָלט געווען גלײַך זיך צוצולייגן,
כאַפּן אַ דזשים.

ער איז פויל אַפילו צוצוטראַכטן אַ תירוץ, למאי ער שטעלט זיך נאָך
נישט אויף פון בענקל. אַוודאי, די אויגן קלעפּן זיך שוין.

— פאָלג מיך, לאָז אַלץ שטיין און ליגן, — רעדט ער שוין ווי פון
הינטער אַ נעפּל. דערנאָך האָט ער אַ ביסל וואַקלדיק זיך אויפגעהויבן פון־
נעם מיטיק־טיש און אָנגענומען ס׳ווײַב בײַם נאַקעטן אָרעם: — קום,
ווײַבעלע.

ס׳טוט אים גוט, וואָס ער שפּירט די ליפּן פּעט, אָבער ער איז צו שלעפ־
פעריק צוצוקלערן אַ קלאָר וואָרט פאַר זײַן פלוצלינגער מידקייט. די טעמים
פון מאָלצײַט זיסן נאָך זײַן גומען. איז בכן קאַרג דאָן גרעגאָריאָס וואָרט,
ווײַל שווערלעך איז די אמתע פרייד: זי קען נאָר שטאַמלען מיט איבערגע־
פולטע אויגן, מיט ציטעריקן מויל.

6

סעניאָר גרעגאָריאָ נאָכן נאָכמיטיק־שלאָף:

„דער שטאָטישער ליאַרעם דריקט אויף די שלייפן, ער צעוואַסערט די בלוטן. אַן אומגליק דאָס יאָגעניש! דאָ, אונטער די ריינע הימלען, קרעפּ־טיקט דיך די לופט, די שטילקייט היילט. ס׳איז אַ קלוגער אויסבײַט פון די מאַטעריעס: סם אויף תענוג, כאָטש אין אמתן איז סם אויך זיס, געגאַרע־ריש זיס. יאָ, בלויז אויבנאויף. קלאָמפּערשט צוזאָגנדיק איז אויך די שטאָט. די ריכטיקע טעמים קומען שוין קאַפּויער — שפּעטער.

„אייגנטלעך אַזוי זאָגט ער זיך שוין לאַנג, תמיד זאָגט ער זיך צו: ער וועט וואַרפן די שטאָט, ענדלעך וועט ער — —״

ער האָט דערשפּירט אַ פרישקייט אין בליק, דאָס לײַב אָנגעגאָסן מיט זעטיקייט. אָ, ס׳איז נישט קיין אײַנריידעניש. וואָג איז ממשות. ס׳מוז נאָר געדויערן ביז דער טשאַד, וואָס אײַנגעזאַפּט אין שטאָט, וועפּט זיך אויס. ערשט הייבט ער אָן באַנעמען דעם מקור פון דער אומדערקלערלעכער פול־קייט, וועלכע האָט אים בפירוש געפעלט. ער איז אויסגעצאַפּט ווי אַן אַרויס־געוואָרפן פאַס, ר׳איז אין גאַנצן צעוואַקלט. אַצינד קלאָרט זיך אַפילו ס׳ליכט פון דרויסן. ס׳טאָקע יונג־זומערדיקער נאָכמיטיק. פריי זיך, האַרץ, מיט דער מתנה וואָס ווערט דיר דערלאַנגט!

פּאַוואָליע געשטעלט טריט אין גאָרטנשן הויף. ווידער האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט תענוג. ריכטיק, ס׳קומט אַ נײַע וועלט: פרישע בלעטער, צאַרטינקע קנאָספּן, ליכטיקער צוויט. עס גייט אַ חתונקע צווישן הימל און ערד.

אוי! — קוועלט עס אַרויס פון דעם מענטש און ער גיט אַ שפּרינגעג־דיקן שפּאַן־צו צו אַ געזעמלביימער, וואָס האָבן מיט זייער געשימער אַ רוף געטאָן צו זיך: — די עפּל בליִען! אויך די עפּל! ווי עס פּאַרפּײַסט די לופט! ס׳וויל צו פאַרטונקען דעם קאָפּ אין דעם־אָ — — ער מורמלט אין תאווהדיקער שוואַכקייט וואָס איז אים ראַפּטעם באַפאַלן. און דער געדאַנק הילכט, פּליעסקעט זיך אַריבערן שאַרבן, שוימט איבער זײַנע אויגנלעפּלעך, אַקוראַט פליגל וואָלטן זיך לײַדנשאַפטלעך פונאַנדערגעשפּרייט אָט אין ווײַסן און אָט אין ראָזן שימער. גרשון האָט נישט באַנומען אַז דער־אָ פאַרכאַפּנ־דיקער כוח פון באַגײַסטערונג באַוועגט זײַנע אברים אַזוי ווײַט, אַז ער האָט

אַפילו נישט אָפּגעפּילט צי ער איז אין אמתן ע ר. ערשט איז אַן אַנדערער אַרויסגעקראָכן פון אים. ער איז אַ שטיק נעפל, — האָט ער באַנומען כלאחר־יד. אַזוי האָט גרשון ליפנער אַרײַנגעשפּאַנט אין אומאַרומנעמלעכן שטח פון לעבעדיקן חלום, באַגעגנט זיך מיט ווײַטע באַשמחהטע פּנימער (טאַקע אַן לײַב־און־לעבן), אָבער זיי פירן אים ממש בײַ דער האַנט, סודען אײַן צוזאָגן פון גליק. זײַנע פיס הייבן זיך, שוועבן אַרײַן אין אַ וואַרהאַפטיקייט וואָס ציט, לאָקט.

אָבער ער האָט זיך באַלד אויסגעטשוכעט:

ניין, ס׳איז נישט קיין וואָר, ס׳איז דער טשאַד פון יום־טובדיקייט וואָס דער דרויסן ליכטיקט אָן.

מיט אַ מאָל האָט גרשון זיך דערזען אין דער פּידזשאַמע, דערשפּירט זיך אַן אויפגעוועקטער פון זיסן דרימל וואָס האָט אים נישט־דאָ׳יק אַרײַנגעצויגן אין גאָרטן. טאַקע, ס׳אַ שאַנקייט דער צעפּרילינגטער סאַד! און רבקה שלאָפט. נעבעך אַוועקגעפאַלן. אַזאַ הויז ווי זייערס, דערמאָנט ער זיך שוין, שלאָגט איבערן קאָפּ. אַ מערכה עוועלין. אַזאַ גוט קינד. אַליין גענומען אויף זיך די זאָרג פאַר דער היים. „פּאַרט אַרויס, איך וועל שוין אַלץ צוהיטן״. אַראָפּוואַרפן דעם עול אויף אַ שטיקל צײַט איז אויך אַ געווינס — דערווישט ער שוין ניכטערקייט וואָס איז אָנגעשווומען אויף אים, — כאָטש נישט אין גאַנצן לאָזט זיך אַנטלויפן פון דעם, וואָס וואַקסט צו צו דיר.

און אָט, פון ס׳בײַ פליעסקען איבער סעניאָר גרעגאָריאָ מוטנע כוואַ־ליעס: וואָס טוט זיך אין דער היים? דאָך אַ יונג מיידל זייער עוועלין. איז זי אין שטאַנד צו האַלטן אַלץ אין דער גאָרשקע, ווי ער? ער טוט עס טאַקע אָן כוחות, אָבער ער מוז. זי איז אין די יאָרן ווען ס׳בלוט וועקט זיך, רופט. וועט אַזעלכע דערשלעפּן אַ הויז וואָס כלערליי שטראָמען שלאָגן אָן דערין — יעדער וויל דערפון עפּעס אַוועקשלעפּן; דערצו האָט זי איבער זיך אַ קראַנקן ברודער! מ׳טאָר זיך נישט אַזוי פיל פאַרלאָזן, גרשון. ביסט זיך טועה, גרעגאָריאָ. דו מיינסט צו קענען צאַמען יונג בלוט?! מנע, ס׳מיידל קען עפּעס פאַרזען און ער פאַלט, נישט צו קענען זיך צוריק אויפהייבן. מ׳זאָל באַהיט ווערן — — אָבער ער האָט געוואָלט בגוואַלד אַנטרינען פון דעם דראָענדיקן געדאַנק, ראַטעווען זיך פון דער היים, וועלכע איז אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט תרעומות. אומבאַמערקט פאַר זיך האָט ער גענומען גיך שפּאַנען צו דער שטוב וואָס איז ווי אַ רויטקאַמיקער האָן אין מיטנ־טאָגיקן דרימל געזעסן צווישן פאַרקלערטן געצווײַג און זי׳ט גענומען רופן

צו אים, די שטוב: „קום, ס׳איז אומעטיק אַליין, ס׳איז טריב אַפילו דאָס חלומען אין דורכויסיקן שווײַגן״; פלוצטאַלבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן חשבון אַז ס׳ווערט דערווידער דער צו לאַנגער נאָכמיטיק, ס׳איז לעסטיק אַפילו דער שלאָף וואָס פאַרוואַרפט אומבאַהאָלפן דעם קאָפּ מחמת גרויסער שטיל־קייט. אַ שטוב וואָס לעבט, דאַרף אויפזײַן. שלאָף איז נאָר אַ פויזע. דערויף איז ער אימפּעטיק אַרײַן אין הויז, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און נײַ־גיריק זיך אײַנגעהערט אינעם עכאָ וואָס האָט הויל זיך פונאַנדערגעלייגט איבערן אַרום. אַוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן ברייטן בעט, האָט זיך פאַר אים מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט ס׳ווײַב, אַזוי, גלײַך ער וואָלט זי לאַנג נישט געזען; טאַקע, זי איז אַ געענדערטע אין שײַן פון זײַן מטושטשן געמיט. אָבער זי האָט, ליגנדיק, אים באַגעגנט מיט אויסגעוואַשענע, ניכטערע אויגן:

— האָסט נישט קאָ׳ געדולד צו ליגן רויק, הע, גרעגאָריאָ?

— דו האָסט צײַט צו שלאָפן, ווײַבל? — האָט ער צוריקגעפרעגט מיט פאַרחידושטקייט אין קול, אין זײַן מינע. — איך מוז זען דעם דרויסן, ווי ער קומט צו זיך נאָכן קרענקען לאַנג אין נעץ און קעלט. ווייסט, — נעמט ער זיך שוין צוהערן צו זיך און קוקט זי אָן מיט אַ נישטערנדיקן בליק — כ׳וואָלט געוועזן אַ בעלן צו זען ווי ס׳פאַרעט זיך אַ פריש גלעזל טיי, רעבע־קאַ. כ׳וועל אָסור נישט זײַן בייז אויב וועסט געבן אויך אַ צובײַס.

זי האָט געקוקט אויפן מאַן מיט געגנעצדיקער פוילקייט און עפּעס זיך נישט גערירט. פון דעסטוועגן האָט דער מוח געגומען בײַ איר פויל זיך וועקן: „מ׳באַדאַרף גרעגאָריאָן געבן אַ גלעזל וואַרעמס״, און באַלד אָנגע־הויבן זיך פאָרען אין די אינעווייניקייטן פון אָנגעטונקלטן הויז וואָס האָט באַשײַמפּערלעך אויסגעקוקט מ׳זאָל עס באַלעבן מיט גערייד, מיט געטועכץ. און אָט, זי איז שוין אין קיך — האָט עס געשמייכלט גרשונען און ר׳האָט געלאָסן זיך אַוועקגעשלײַכט צו דער פאָרנטיקער טעראַסע, געזוכט באַקוועמ־קייט אויף אַ באַרוטן אַנידערזען זיך. פאַר זײַן גענוגטואונג האָט ער בעת־מעשה באַמערקט אַז ס׳רוקט טאַקע אָן די פאַרנאַכטיקע שאָטנדיקייט. שוין אָן מורא פאַר דער היץ וואָס סמאַליעט, האָט דאָן גרעגאָריאָ ברייט צעעפנט די טיר צום פראָנט וואָס איז פאַרקוקט אויפן גאָרטן פונעם שאַפּראַנישן הויז, ר׳האָט אויך אויפגעשפּאַרט די הינטערשטע טיר אויף דער אַנטקעגנדי־קער זײַט: — זאָל זיך דורכרײַסן אַ ווינטל! — איז אויף אים אָנגעאַנגען אַ געדאַנקל — וועס׳ט אַזוי פיל כוח פאַר די חמימות? און מיט הנאה ערשט זיך אָראָפּגעלאָזט אויפן בענקל. געזעסן און אײַנגעהאָרכט זיך אין דער

שטילקייט וואָס האָט געענדערט פון די פונאַנדערגעצויגענע הייכן, פון די אײַנגעגליווערטע בלעטער־געדיכטעניש וואָס האָבן דאַכט זיך זיך צוגעצייגט צו אים.

— טוסט גוט, גרעגאָריאָ, — האָט זי מיט אַ מאָל זיך געלאָזט הערן פון ערגעץ נאָענט אין קענטיקער פאַרטוענקייט.

„וואָס טוט ער גוט?“ — האָט אים געאַרט ס׳אומגעריכטע ריידן, אָבער ענטפערן זיך נישט אַנטשלאָסן. ער׳ט גיין צוריקשרײַען צו איר? אמת, אים האָט געגלוסט זיך צו צערודערן אין מיטן אָט־אָ דער אַראָפּגעזעצטער אָנגעטונקלטקייט, אָבער — צעוויגן די רו? אויף דער אייבערשטער ליפּ האָט זיך נאָר אויסגעשלייפט אַ דינע גרימאַסע, כמו אַ שמייכעלע: „זאָל זיך איר דאַכטן אַז כ׳טו עפּעס. אַבי צו געזונט“. פאַר דאָס פאַרנעמט ער מיט פאַרגעניגן ס׳געקלימפּער פון קיך, ר׳האָט אַפילו אויפגעכאַפּט ס׳זינגען פונעם טשײַניק און צו מאָל זיך פאָרגעשטעלט דאָס פריילעכע פײַער אונטערן בויך פונעם טיי־טאָפּ. גוט, וואָס רעבעקאַ שלאָפט נישט, ווען מ׳דאַרף אויפזײַן, — האָט ער שוין גערעדט צו זיך אויף אַ האַלב קול. — ס׳האַרץ צו דערכאַפּן גרייט זי. ר׳האָט זיך אָקערשט געוואָלט מער וועקן, געניסן פון חיי־שעה. ס׳טײַער די צײַט, ווען די חמימה לעשט זיך, דיביימער גיבן אַרויס שטאַרקע ריחות. ערשט באַדאַרף מען נישט פאַרשלאָפן קאַ׳ מינוט. דאָן גרעגאָריאָ עפנט ס׳מויל ווי אַ פיש וואָס איז אומגעריכט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן ברעג, ר׳שנאַפּט די לופט וואָס איז נאָך אָנגעוואַרעמט, עפּעס שווערפיסיק.

דער מענטש האָט זיך געלאַסן באַוויגן אין אַ טומאַן פון גלוסטונג צו אַלץ וואָס לאָזט זיך אַרײַנפליישן אין זיך, פשוט — ס׳בייטיק אָנשעפּן זיך מיט כוחות. יוסט עסן גיט געזונט, פירט אַרײַן שטאַרקייט אין די ביינער — צינדט זיך דערויף זײַן מאַרך — און אָנטרינקען זיך מיטן ווײַב דער געטרײַער איז אויך אַ סגולה דערצו, ווינקט אָן אויף אים אַ באַלעבעסלדיקע שקאָצישקייט. אוודאי, ער שפּירט עס מיטן גאַנצן לײַב־און־לעבן און עס נעמט אומגעריכט דאָרשטן דערצו זײַן גאָרע דערוואַכטקייט. געפירט פון אָט דער טומאַנער שפּירונג האָט ער פון אונטערן טיפן אָפּדאַך גענומען מעכאַניש אַרויסרוקן דאָס שטרוי־געפלאָכטענע טישל, אַוועקגעשטעלט עס אויפן אָנגעטונקלטן גראָזדיל, צו דעם אָרט צוגעטראָגן צוויי פאָטעלן און זיך מכין געווען „אַ זופּ צו טאָן, אַ פּיק צו טאָן“. דערנאָך האָט ער מיט הנאה רעכט זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. ס׳עט קומען, ס׳עט זײַן. רעבעקאַ גרייט

שוין — און זשעדנע האָבן זיך צעניוכעט זײַנע נאָזלעכער: באמת! פון דער אָנגעטומלטער קיך רײַסט זיך שוין אַהער דער פריש אַרײַנגעפירטער לי־בער שטראָם ליכט. דאָרט טוט זיך שוין, — טראַכט ער. — ס׳גוט וואָס אין אַלע צימערן טוקט זיך נאָך די שטילע טונקלקייט, זי פרישט אָפּ די לופט. רו באַגערט נישט קיין רײַסנדיקע שײַן. פונקט ווי זי פאַרנעמט נישט קיין שאַרפע רייד. ס׳איז אַ ווילע תרופה, יעדער דאָקטער פאַרשרײַבט זי.

7

דאָס מאָל האָט ס׳פאַרפאַלק אָפּגעגעסן אין דרויסן, אונטערן קילבלעכן לופטל וואָס דער אָוונט האָט געבראַכט פון די פעלדער, פון די ווײַטע, פוסטע שטרעקעס, נאָך נישט צעשניטענע אין סומנע ישובים, אין פּויע־רישע דערפער; די־אַ אָפּגעלעגענע שטרעקעס באַהאַלטן בײַ זיך ווילד אויס־געוואַקסענע גרופּעס קליינע נידעריקע כאַטעס, אַוועקגעזעצטע אין מיטן ליים און קעמפּעס דערנער. נו, סטעפּ־רחבותן צעשפּרייטן זיך אָפּט מאָל אַזוי. ערשט איז עס אַ סטעפּ וואָס ליגט בײַ דער זײַט פון אַ קאָכיקער שטאָט פון די נײַע צײַטן. דאָ איז נאָך פאַראַן אָרט פאַר משוגענע ווינטן, פאַרן געשמועס מיט די מידע וואָלקנס וואָס זאַמלען זיך איבער דער סטעפּ־פישער ערד און ס׳איז פאַראַן געמיט פאַר שאַרפער לופט ווי צײַטיקער ווײַן. אַציגד האָט אַ פאַרקלערטע קילקייט אָפּגעפרישט מאַן און ווײַב און די שטילקייט, וואָס טרעפט נישט אָן אין ערגעץ קיין אויפגעלויכטענע פענצטער, האָט זיי אײַנגעוויגט אין אַ טומאַנער פאַרגעסנקייט, זיס פאַר־קלעפּט די ליפּן. ווײַטלעך אין זייערע צימערן האָט ווייך, וואַרעם זיך אויס־געבעט די פינצטערניש. הײַנטיקן אויפדערנאַכט, — האָט גרעגאָריאָ זיך געמינטערט אין אַ נאָענטער דערמאָנונג — וועלן זיי פראַווען אַן אמתן יום־טוב פון פרילינג. אייגנטלעך דאַרף יעדער מענטש האָבן זײַן פרי־לינג, — האָט ער זיך געוועקט; זיי איז עס נישט באַשערט געוועזן אין די יונגע יאָרן, דאַרף מען זיך דאָס אָפּנעמען שפּעטער, — פאַרשטייסט, רע־בעקעשי? אַציגד וועט עס זײַן אַ יום־טוב פון רו מתוך פרייד וואָס מ׳איז באמת להוט. כ׳שפּיר עס, רבקהשי, — און שטיל געבליבן, ווען ער האָט זיך געכאַפּט אַז ער רעדט צו זיך אַליין.

— רעבעקע־לעב, ווייסט וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן, — האָט ער בײַ־

צײַטנס אַרײַנגעשלייכט אין קיך, ווו עס האָט שוין געלויכטן דער הײַמלעך צוקנדיקער לאָמפּנפלאַם אונטער אַ ברייטן קלאָר גלעזערנעם צילינדער. — מ׳עט הײַנט ענדערן דאָס אָרט פון אָפּעסן. איכ׳ל איבערשטעלן די טעאַטער־דעקאָראַציע. לאָז זיך אונדז דאַכטן, הממ... מ׳עט אָפּהאַלטן די קאָלאַציע אין דרויסן. וואָס עפּעס אַלע מאָל אין קיך? אַרײַנגעכאַפּט דעם ביסן און ערשט דערנאָך אַרויסגיין זיך אָפּקילן! זאָלן דיביימער אויך הנאה האָבן פון דער היימלעכקייט וואָס די באַלעבאַטים טראָגן צו און מיר׳ן האָבן פאַרגעניגן פון די לופטלעך וואָס וועקן זיך איבער די צעגאָסענע פינצטערנישן. און צוריק געשמועסט: ס׳דען גוט אַז מ׳כאַפּט אַרײַן דאָס עסן און דערנאָך שפּירט מען ס׳קריכן פון דער ליידיקייט, וועלכע ליגט דאָ אויסגעשפּרייט ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן?! פויל טשאַפּעט אַרום די צײַט, ווי זי וואָלט אויך געווען איינע פון די בלינדע צי לאָמע בעטלערס, וועלכע בלאָנדזשען אַרום אויף די אומוועגן פון איטלעך לאַנד. ס׳געשעט אַזוי, ווײַל די מענטשן ווייסן נאָך נישט דעם ריכטיקן, געוויגענעם און געמאָסטענעם טעם פון רו אין אַזאַ שטילקייט. צום מײַנסטנס האָבן לײַט גערן צו לויפן זיך אָפּרוען אַהין ווו ס׳גרויס דער טומל. דערפאַר זינקט נאָך די געגנט אין פינצטערניש. וואַרט, ס׳עט נישט לאַנג נעמען און דער קאַנט וועט אויפלעבן. מענטשן מוזן דאָך סוף־סוף ווערן קליגער. לאָמיר זשע נישט צושפּילן צו דעם לאַנגווײַל, רעבעקעשי. אָפּעסן און באַלד אויסשטעכן זיך די אויגן אין דער נאַכט אַרײַן? ערשט וועט מען אַנדערש טאָן. עסן איז אַן אַקט פון דערהויבנקייט, אויב מ׳וויל נישט סתם אָנפּרעסן זיך. אמת, מיר זענען נישט קאַ׳ ווילדע? מ׳עסט, ווײַל מ׳מוז עסן. נישטאָ קאַ׳ אַנדער ברירה אויף צו קענען לעבן. גיין אין טעאַטער אַרײַן, הערן מוזיק איז אויכעט אַזאַ זאַך אַז מ׳זאָל נישט אויפגעפּרעסן ווערן פון די שטויבן וואָס דער שווערער אינדערוואָכן וואַרפט אָן אויפן מענטש וואָס מוז פּראַצעווען. אַזוי דאַרף מען זיך פירן, אויב מ׳וויל זיך אָפּרוען. ענדערן דאָס אָרט ווו מ׳זיצט, ענדערן ס׳ליכט. אויך דאָס עסן באַדאַרף מען ענדערן. הײַנט האָסטו געגעסן רינדפלייש געקאָכט אין טאָפּ, דאַרף מען שוין מאָרגן־איבערמאָרגן עסן פלייש דורכגעבראָטן אויפן פײַער אין דרויסן, ווי עס טוען די קריזאָלן אין אַרגענטינער מדבר, צו מאָל ווי ס׳זענען זיך נוהג די אַזיאַטן וואָס בראָטן שעפּסנס אויף שפּיזלעך, שאַשליק. מיינסט, רעבעקעשי, רש״י איז משוגע? לײַט ווייסן וואָס זיי טוען ווען זיי לאָזן זיך אַרײַן אין כלערליי מיקלאָמפּערשטע ווילדקייטן. מיר וועלן שוין הײַנט פּרווון עפּעס ענדערן, מ׳עט

אַרײַנשטעלן די לאָמפּ אין עוועלינס צימער, פון יענער זײַט פענצטער, וועט עס באַלײַכטן אונדזער טיש און מ׳עט קענען זיצן במנוחה. אי ס׳עט זײַן ליכטיק בײַם עסן, אי די נאַכטפליגעלעך וועלן נישט דאָקוטשען, זיי וועלן זיך וואַרעמען בײַם סאַמע פלאַם. ביז׳עך גערעכט, ווײַבעלע? מ׳עט טאַקע לענגער זיצן בײַם עסן און ס׳עט זיך אַ ביסל אויסציִען דער אָונט. צום שלאָפן האָט מען אַ גאַנצע נאַכט, נישט וואָר?

תענוג פון דרויסנדיקן אָוונטלעכן פאַרברענגען האָט זיך אַצינד פאַרגלוסט דאָן גרעגאָריאָן און אויך רעבעקאַן איז עס געפעלן געוואָרן. ס׳איז געווען אַ מאָלצײַט מיט נײַע טעמים.

זאָט אָפּגעגעסן, האָט זיך מאַן און ווײַב פאַרוואָלט אָנקניפּן אין אַן אומבאַוווּסטער היימלעכקייט וואָס מ׳האָט פון איר פאַרנומען אַ קלאַנג ערגעצווו, ערגעצוווען און ס׳האָט געגלוסט נאָכטאָן עמעצן, אַז ס׳זאָל וויל געפעלן יענע חושים וואָס וועקן זיך אָקערשט. ריכטיק, ס׳איז אַ נײַע בלינדע תאווה, וואָס הייבט אַרויס דעם שעמעוודיקן קאָפּ נאָר בײַ לײַט, וואָס ווילן פאַרטרײַבן די שרעק פאַר דער עלטער. געקוקט אין דער תהומיקער טונקלקייט פון גאָרטן, וואָס דורכגעוועבט מיט דער בלאַסער שײַן פון אַ לאָמפּ אונטערן שויבנגלאָז, האָט סעניאָר גרעגאָריאָ אומגעריכט זיך אָנגערופן:

— ווייסט וואָס, רעבעקע־לעב, וואָס מיר וואָלט זיך געוואָלט? אַ פּאַפּיראָס פאַררײַכערן. רויך, זאָגט מען, העלפט בעסער פאַרדײַען ס׳עסן.

— אַז דיר געפעלט, מאַן מײַנער, טאָ פאַר וואָס זאָלסטו עס זיך נישט פאַרגינען? ביסט טאַקע נישט קאַ׳ רייכערער, קענסט זיך חלילה פאַרקרעקן מיטן רויך, נאָר אויב דו ווילסט, ס׳האָט דיר אָנגעשמעקט, וועל׳עך דיר ברענגען אַ פּאַפּיראָס. ערגעץ אין שאַפע ליגט אַ פּעקל. עמעץ האָט אַנומלט איבערגעלאָזן. אפשר בערנאַרדאָ, ווען ר׳איז ס׳לעצטע מאָל דאָ געווען און גלאָריאַ האָט אים צוגערעדט ער זאָל ליבערשט פאַררייכערן אַ ליולקע. באַשר אַ ליולקע איז געזינטער. עס לאָזט נישט צו צו די לונגען דעם ניקאָטין. ס׳מיידל, דערמאָנט זיך מיר, האָט אים דעמאָלט צוגעטראָגן אַן אירלענדישע פײַקע. איך ברענג שוין אַ פּאַפּיראָס, קאַ׳ ליולקע האָב איך נישט, פאַרשטייסט? כ׳מיין, זיי זענען נישט קאַליע געוואָרן פאַר דער צײַט.

— אַז ס׳ליגט טרוקן, ווערט עס נישט קאַליע. ס׳דאָך טאַבאַק, וואָס האָט ליב אָדער אַ וואַרעמע קעשענע אָדער ער לאָבט זיך אין פײַער פון אַ שוועבעלע. איז זײַ אַזוי גוט, וועט מען מאַכן אַ לעבן, ווײַבל.

רעבעקאַ איז גיך אַרײַן אין די אָנגעוואָרעמטע שטוביקע פֿאַרהוילנ־קייטן פֿונעם אָוונט און איז באַלד צוריק געקומען:

— נאַ, גרעגאָריאַ, און וועסט מיר אויכעט געבן אַ צי.

— חס ושלום, אַ צי? אַ פּאַפּיראָס פֿאַררייכער אַליין, רעבעקע־לעב. ס׳עט דיר חלילה נישט פֿאַרשאַטן. אַבי וועסט זיך נישט צוגעוויינען דערצו, ווי אַ סך ווײַבער האָבן זיך צוגעבונדן צו מאַנצבילשע רגילותן, צו קאָפּ־טשען און טרינקען בראָנפֿענעס. ווייסט, דאָס געפֿעלט מיר נישט. אַ מאָל מעג מען אָנצינדן אַ ציגאַרעט, אָבער אַזוי? פֿע, נאָר נישט צוגעוויינען זיך! און כלאָיען בראָנפֿן? ס׳אַראַ טעם און ריח האָט עס — ס׳שטינקט! אַ ביסע־לע שמעקט.

אויך זי האָט פֿאַררייכערט, פֿאַרצויגן דעם רויך און זיך פֿאַרקוקט אין גליזיק־רויטן שפּרענקעלע פֿײַער פֿונעם פּאַפּיראָס, טיף אָפּגעשוויגן. זיצן צווייַ מענטשן אין אַ ליכטפֿלעק וואָס האָט דורכגעריסן די דאָרפֿישע נאַכט און זיי פּיפּטשען, זייגן שטיקער אומבאַשטימטע טראַכטעניש. מאַן און ווײַב האָבן ממש הונגעריק, זשעדנע געשלונגען די שטילקייט וואָס האָט הויל, גלײַך אַ בלינדער וואָלקן געהויערט האַרט איבערן דאַך; אַרום זיי האָבן זיך געסודעט די ביימער וואָס זענען נאַכטיש אומגעוואַנדלט געוואָרן אין קאָ־לאָסן, בייזע אין זייער מידקייט, מחמת געשטערט פֿון דעם אומגעריכטן ליכט־אָנגריף קעגן זייער שלאָף. שאָטן־געהילטע, שווערע האָבן די ביימער זקנהש געצאָרנט אין אײַנגעהאַלטענעם געוואַי, שטשערבאַטע געמורמלט ווי אין מיטן שלאָף: אַזעלכע לײַט! אַזאַ חוצפּה! אָבער די אויפֿגעוואַכטע סור־דותפֿולקייט פֿון דער נאַטור האָבן מאַן און ווײַב נישט געזען; זיי זענען געווען פֿאַרטאָן מיט זיך, אין דאָרשט נאָך תענוגים וואָס אויף זיי האָבן שטום געלויערט זייערע בלוטן. זיי... מיטן גאַנצן מהות איז זי, רייכערנדיק געווען אַרײַנגעוועבט אין דער צוקנדיקער, זשומשענדיקער שטילקייט פֿון דער פֿונאַנדערגעשפּרייטער פֿינצטערניש. אַנטקעגן האָבן געטריפֿט קאַלטע, גרינע שטערן און אַ גריל, אַ צווייטע, אַ גאַנצע קאַפּעליע גרילן האָט זיך באַלד אָפּגערופֿן אויפֿן ערשטן פֿישטש און אַלע האָבן זיי מיט אַ מאָל פֿאַר־הילכט דאָס מאַכטיקע שווײַגן, וואָס ס׳טראַכטן האָט אָקערשט אויף איר אָנגעיאָגט: „מײַן גערשנדל, ווי צעוואַקלט זענען זײַנע כוחות!‟

— ביסט אַ מבין אויף דעם נחת? — האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַרײַנ־געריסן אין דעם ווײַבס באַשײַמפּערלעכער פֿאַרטראַכטקייט. — „מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט רויק, כאָטש רויק טאָר מען נישט זײַן — קלערט ער זײַן

שטענדיק קלערן: סטײטש, געלאָזן אַ יונג מיידל אַליין, אויף הפקר, דערצו נאָך מיט אַן עול פֿאַר אַ קראַנקן ברודער און אַ צווייטן בחור וואָס האָט אַן עין־הרע אַ שאַרפֿן אַפּעטיט; ער ברענגט נאָך אַרײַן אין שטוב אַ כאָפּטע חברים, מ׳זאָל זיי אויך אָנקאַרמען. וואָס ווייסט אַ ייִנגל אין דעם אַרגענ־טינע? ס׳טראַכט נישט אַז טאַטע־מאַמע האָרעוון פֿאַר זייער וויל, לאַנגע יאָרן זיך נישט פֿאַרגונען פֿון דאַנען ביז אַהער, אַ טראַמוויי־בילעט פֿאַר צען סענטאַוואָס זיך אײַנגעשפּאָרט, אויב מ׳האָט נאָר געהאַט געגוג צײַט אויסצודרייען זיך די פּיס. קינדער בלײַבן קינדער ווי לאַנג טאַטע־מאַמע קענען שלעפּן דעם יאָך. אָבער זאָגן עס איר?״

רבקה האָט געלאָזן געענטפֿערט דעם מאַן:

— ווער מיר נאָר גוטס גינט, מ׳זאָל זיך קענען דערלויבן אַזאַ אָפּרו. זאָג דעם אמת, גרעגאָריאַ מײַנער, ס׳מאַכן דיר גוט די פֿאַר טעג מנוחה? איך מיין דו ביסט שוין געקומען צו זיך אַ ביסל. בלי עין־הרע זעט מען עס דיר שוין אָן אויפֿן פּנים, — און אַראָפּשלינגען אַ זיפֿץ.

— זאָלסט אַזוי געזונט זײַן באַנאַנד מיט מיר, ווײַבעלע מײַנס, ווי כ׳פֿיל אַז די ביינער גיסן זיך אָן מיט קרעפֿטן. אַזוי ווי הײַנט, זעסטו, דאַרף מען טאָן כסדר. אַן אַנדערש מאָל וועט מען אַרויסגיין אָפּעסן אין דרויסן. מ׳באַ־דאַרף זיך אָפּרוען אויך פֿון פּאַטשקען זיך אין דער היים בײַם גרייטן מי־טיק, בײַ באַכטעסן. זאָלן אַנדערע זיך פּאַטשקען און מיר ׳עלן הנאה האָבן. וואָס, ווינציק אויסגעהאָרעוועט זיך אַלע יאָרן?! נישט ווײַט איז אַ רעסטאָ־ראַן, וועט מען לאָזן זיך מאַכן אַ ביף, שטעלן אַ גוטן ווײַן און דערנאָך זיך אַרומקוקן אין דער געגנט. לאָמיך דאַכטן, כ׳בין נאָך אַ פֿרײַ־ליידיקער און כ׳וויל זיך טרעפֿן מיט אַ מיידל וואָס געפֿעלט מיר! רעמאָלט האָט מען נישט געהאַט קיין כוח דערצו, די קעשענע איז געווען צעריסן און, שנית, מ׳האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט פֿאַרגינען; הײַנט מעג מען, רעבעקעשי. לאָמיר זיך פֿילן ווי חתן־כלה וואָס האָבן זיך געזען. און ווידער אַרום: מיר זענען דאָך אָביוואָטעלעס דאָ, באַדאַרף מען וויסן פֿון דעם קאַנט מער ווי מ׳ווייסט, נישט אמת, טײַערע? נאָר נישט זיצן צו לאַנג אויף איין אָרט. גענוג אַז מ׳זיצט אַ לעבן־לאַנג אין בוענאָס־אײַרעס, וואָס ייִדן אין דער אַלטער היים פֿלעגן רופֿן „בוינע״. טאַקע געהאַט אַ שלעכטן שם, בוינע, כאָטש מיר זענען דערין נישט שולדיק. ערשט טאָר מען נישט פֿאַרשלאָפֿן די טעג און נעכט וואָס מיר זענען דאָ. בינ׳עך געראַכט, ווײַבעלע? — און ר׳האָט אויסגעגע־

שטרעקט אַ האַנט צוצוציִען זי צו זיך, אַ גלעט צו טאָן דעם אָרעם אירן, די היפטן.

— אוי, ווײ, בוינע! דער טאַטע אָלעוועשאָלעם האָט מיך נישט געלאָזט פאָרן אַהער!

— גיי שוין, גיי, אַן אַלטע מעשה, וואָס נאַראָנים חזרן זי איבער. אַלץ איז שוין פאַרגעסן!

— וואָס ס׳לאָזט זיך פאַרגעסן, נאָר נישט די פּײַן וואָס גריזשעט זיך אַרײַן אין די ביינער!

טליִענדיק מאַמעשער ווייטיק האָט זיך ראַפּטעם ווידער אַרויסגעריסן פון איר: „מיר זוכן זיך תענוג, און אונדזער כּאָרכע?״ אַזש ער, גרשון, האָט אויף אַ רגע פאַרקוועטשט די אויגן. אָבער די הויערנדיקע שטילקייט איז אויפגערירט געוואָרן, גלײַך אַ ווינט וואָלט העפטיק געשטויסן דעם שטרוי־דאַך וואָס ליגט ערשט איבער זײַן קאָפּ. אַזאַ לאַנגע ביטערע מינוט איז אין מיטן דערינען געקומען אויף דעם מענטש און זי האָט אים געשטרויכלט. דער בליק איז דאָן גרעגאָריאַן שאַרף אָנגעפינצטערט געוואָרן און אַ מי־שעניש איז אים באַפאַלן אַזש ר׳האָט געמוזט זיך באַלד גלײַכזעצן. זי, פאַר־קערט, האָט זיך צעזשמורעט אַקעגן מאַן, קלאָמפּערשט שוין באַרוט גע־רעדט צו אים מיט פּײַכטע מוילווינקלען:

— הלמאי זאָל׳עך זאָגן, גרעגאָריאַ, אַז דו ביסט נישט גערעכט? מע דאַרף קענען פאַרגעסן ס׳ערגסטע. אַ קרענק אויף אונדזערע שונאים איז מײַן מאַנעלע אַ נאַר! — און פּרוּווט אַ כיכע טאָן, אָנוואַרעמען אים מיט אַן אומגעריכט חניפה־וואָרט.

— אַזוי געפעלט מיר, רעבעקע־לעב, אַז ביסט מסכים מיט מיר. ס׳עט גאָר נישט געשען אַז מיר׳ן רעכט זיך אָפּרוען די פּאָר טעג, אַלע נאַריש־קייטן פאַרוואַרפן. לאָמיר זיך נעמען אין זינען אַרײַן, לאַכטיקע (חנפעט ער זי צוריק), אַז מיר זענען טאַקע חתן־כּלה. נײַן, יונגע מענטשן וואָס באַגערן זיך שטאַרק. געדענקסט ליפּנע, ניעשאַווע, מיט די שינדלדעכער, מיט די פריי־דיקע לבנה־נעכט אַז ס׳האָט זיך קיין מאָל נישט געגלוסט גיין שלאָפן? ס׳געווען ענג די אָרעמע וועלט, אָבער שטראַליק אין דער נשמה, — האָבן זײַנע געדאַנקען געבלישטשעט מיט שיכּורע אויגן.

— כע־כעכעעעכע, מאַן מײַנער. ווילסט, זע איך, צוריקדרייען ס׳רעדל. הלוואי קען מען דאָס! אָבער לאָמיר זיך נישט אײַנריידן קיין לונג־און־לע־

בער פאַר דער נאָז. מ׳טוט, גרעגאַריאַ, וואָס מ׳קען. מער טאָר מען זיך נישט איינריידן, מ׳וועט אונדז אויסלאַכן.

— ווער וויל זיך איינריידן, טײַערע? — בייגט ער זיך שוין אויס פון דער לענשטול און זײַן וויברירנדיק קול גיט אָפּ מער העלקייט דער פאַר־נעפּלטער שײַן (דאָס ליכט דרינגט אַרויס פון דער פענצטערשויב ווי פון אַ לאַמטערן). פון גרשונס ריידן קלינגט עס מיטן נײַעם, דערהויבנדיקן געדאַנק זײַנעם: „מ׳דאַרף געדענקען, ווײַבעלע, אַז מ׳מוז געניסן וויפל ס׳לאָזט זיך״.

— רבקהשי, — ווערט ער גאָר ניכטער אין זײַן פאַרשלייערטער שיכ־רות — כ׳דערמאָן זיך נאָר ווי די יאָרן לויפן, די כוחות רינען אויס ווי וואַסער. איז וואָס בלײַבט? — און ער בײַלט אויס אויף איר אַ פּאָר אויגן ווי די פּויסטן.

— מ׳בעט דאָך, מאַן מײַנער, מ׳זאָל עלטער ווערן און דו באַקלאָגסט זיך. אַ יונגן מאַן ווינטשט מען שוין ר׳זאָל ווערן אַ זיידע. וויפל מאָל האָסטו אַליין אַזוי צוגעווונטשן דײַנע אייגענע קינדער? „געזונט און שטאַרק זאָלסטו זײַן. אַ זיידע זאָלסטו ווערן״, פּלעגסטו זאָגן צו אַ פּיצל קינד ווען עס האָט זיך צענאָסן. אַלץ וואָס דו טוסט פאַר דײַן געזונט, פאַר דײַן רו, איז גוט, — פּאַכעט זי שוין צו אים מיט אַ האַנט — נאָר פאַרמער זיך נישט ס׳לעבן, די וועלט וועסטו נישט איבערמאַכן.

— פאַרקערט, רבקהשי. איך באַמי זיך אַלץ, אַלץ צו פאַרגעסן. כ׳בין...

— אַזוי טוסטו גוט, גערשנדל. נאָר שטויס אָפּ פון זיך די דאגות. מילא, די צרות האָבן מיר זיך נישט אַליין געגומען. ס׳איז באַשערט, קומט עס אַהיים. אָבער געדענק, ס׳קען חס ושלום זײַן ערגער. קוק זיך צו צו מענטשן, וועסטו זיך אָנלערנען צו האָבן געדולד, צו אַלץ געדולד.

— איך נעם אַלץ פאַר ליב, ווײַבעלע. דו זאָלסט מיר נאָר געזונט זײַן, ׳עט מען שוין דערשלעפּן ס׳פּעקל.

— קרעכצסט שוין ווידער?!

— איך קרעכץ? איך בעט נאָר פאַר דײַן געזונט. וועסטו זײַן געזונט און שטאַרק, ׳עט מיר גוט זײַן.

— מ׳עט זיך באַמיען, — גיט זי שוין אַ שמייכל.

— נישט „מ׳עט!״ — לאָזט ער נישט אָפּ און איז להוט אַרויסצורופן אַ ביסל האָפערדיקייט. — שוין זאָלסטו זײַן געזונט, שטאַרק.

— כ׳באַשטיי.

— אויב אַזוי, זאָל מען זיך מאַכן פריילעך, — ענטפערט ער און גיט זיך אַ שטעל אויף, דערנענטערט זיך צו איר.

— אויף באַשטעלונג, מאַן מײַנער, פריילעכקייט? — זוכט זי זײַן פּנים וואָס שווימט אַקעגן איר אין אָוונט־טונקל און להוט שניפּט איר נאָז, גלײַך אַזוי אַרום וואָלט זי געוואָלט אים בעסער דערזען.

— נישט אויף באַשטעלונג, — ווערט ער לעבעדיקער. — אַ מאָל ווילט זיך אַ ביסל הײַטערקייט און זי יאָוועט זיך טאַקע, די רפואה, אַנישט וואָלט מען צעזעצט געוואָרן. שפּירסט דען נישט, ווײַבעלע, אַז עס בענקט זיך אַ מאָל נאָך אַ ראַפּטעמדיקער ענדערונג? ערשט פיל איך עס.

— מ׳שפּירט צי נישט, אָבער ווער קען זיך נאָכגעבן אַזוי פיל, גרשון! נאָר ס׳טשיקאַווע וואָס דו מיינסט אַצינד. האָסט טאַקע שוין גרייט פריי־לעכקייט? אַזאַ כּישוף האָסטו אויסגעפונען?! — שפּיצט זי אָן דעם בליק פון אונטערן האַרדעכל, וואָס שטייט איבער איר שטערן.

— נאָר אין כּישוף זאָלסטו מיך נישט חושד זײַן. — און ער האָט שוין נישט קיין צײַט זי צו הערן, גרשון שאַפראַן. — וועסט זען! — און ר׳גיט זיך אַ ריס אין דער פינצטער אַנגעטשאַטעוועטער שטוב אַרײַן; אינעווייניק, זעט זי, פלאַצן אויף פלעמלעך־בליצן אין פאָספאָר־גרינקייט, אין צעפלאָסענע געלע שוועבל־צינגלעך וואָס פאַלן תיכף, זינקען אַרײַן אין דער שוואַרצער אָנגעקנוילטקייט פון הויז. פון ווײַטנס זיך אײַנגעקוקט אין דער צעדריבל־טער אַנגעפּלעמלטקייט פון חושך וואָס שטייט אין אָנגעיאָזשעטן זומער־הויז, האָט זי זיצנדיק געוואַרט אויף דער צוגעזאָגטער אַנטפּלעקונג מיט דער געדולדיקייט פון די נײַגיריקע, וואָס זענען נאָך אין שטאַנד זיך אײַנ־צוהערן אין זיך, באַשליסן זיך אויף אַן אייגענער דעה. גרעגאָריאַ האָט טאַקע באַלד זיך באַוויזן צוריק מיט אַ פלאַש אין האַנט, מער צוגערוקט ס׳טישל צום ווײַב און אָן אויסצורײדן אַ וואָרט, מיט פלײַס אָנגעגאָסן גלע־זער ווײַן.

— מ׳דאַרף זיך לאָזן ווױלגיין, ווײַבל! — האָט ער דערויף זיך צע־רעדט — מ׳מוז זיך אַ מאָל אָנשיכּורן. זאָל זײַן געלעבט, רעבעקאַ. — און תיכף צעוויגט זײַן גלאָז אַנטקעגן דעם ווײַבס בליק. געשטאַנען אַקעגן איר מיטן גלאָז אין האַנט און געוואַרט.

— ׳עט מען טרינקען. וואָס קען זײַן? — קומט זי שוין אַרויס מיט אַ פאַרלעגן קול און נעמט אויך איר גלאָז אין האַנט אַרײַן. — אפשר, מ׳עט

זײַן שיכור, ׳עט זיך בעסער שלאָפֿן. אָנו, גערשנדל — לחיים, זאָלסט זיך אָננעמען מיט כוחות אויסצוהאַלטן פֿון אַ באַשניאָשקעט ווײַב.

— חי געלעבט, רבקהשי! — און זײַנע ליפּן קלעפּן זיך פֿון גאָוועד וואָס די אימאַגינירטע טעמים פֿון גלוסטונג צום ווײַן און טאַקע אויך צום ווײַב האָבן אָקערשט אָנגעצונדן אין אים. — געטרונקען זאָל ווערן, — באַמבלען זיך אויף דעם ווײַבס רייד און מיט אַ מאָל האָט ער אַרײַנגעגאָסן אין זיך דעם גאַנצן כוס.

— ס׳זאָל דיר וויל באַקומען, גערשנדל, — און טרינקנדיק געשפּירט אַזאַ שווערקייט אין די געהירן, ווי מ׳וואָלט אין איר מוח איבערגערוקט אַ רויכיקן פֿאַרהאַנג.

— גוט, העז? — צעפֿינטלען זיך זײַנע ווײַעס. — ערשט וועסטו טרינ־קען נאָך אַ קאָפּעלע. ס׳גוט זיך אַ ביסל צו פֿאַרגעסן! — און ער פּילט אָן איר גלאָז.

— אַז כ׳על אַנטשלאָפֿן ווערן אַזוי־אָ, אויפֿן בענקל, וועסטו קענען מיך אַרײַנטראָגן צום בעט?

זי האָט זיך שוין געכוחט צו פּיעשטשען פֿאַרן מאַן, אַ צ׳ענישׂ אַזאַ וואָס זי איז געוואָרן זשעדנע באַלד ווי זי האָט זיך אָנגעזשלאָקעט מיטן רויך פֿון זײַן פּאַפּיראָס. אָ, ווי זי וואָלט וועלן אַזוי אַנטדרימלט ווערן, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אָבער זי איז זיך גיך בײַגעקומען. זי׳ט אים נישט געוואָלט לאָזן אַליין אין מיטן דער גרויסער שווײַגעניש וואָס האָט דאָ אָנגעשטעלט אויפֿגעריסענע אויגן אויף די ביידע, וועלכע האָבן אין אַ נאָווינע אַהער פֿאַרבלאָנדזשעט. דאָן גרעגאָריאָ האָט פֿון דעסטוועגן זיך אַנטדרייסט אַ שפּאַן צו טאָן אין דער אייגענער ציטעריקער נאַכטישער איינזאַמקייט אַרײַן, וואָס אָקערשט אָפּגעשפּירט ווי אַ קילע רייף, וואָס דריקט ליבלעך; ר׳האָט תאווהדיק געשעפּטשעט צו איר:

— וועסט אײַנשלאָפֿן ווי אַ פֿייגעלע. כ׳על אַרײַנטאַנצן מיט דיר גלײַך אין בעט אַרײַן, רבקהשי! ווייסט דען ווי גוט ס׳איז צו שפּירן זיך שיכור?

ער האָט געלעקט דעם זיסן גאָוועד אויף די ליפּן און געזוכט זי מיטן בליק, אין ממשות באַגערט ס׳ווײַב נענטער צו דערווישן. ר׳איז געזעסן און גלוסטיק געגאַפֿט צו איר און זײַנע קינען האָבן געצוקט אין אַ פֿרעג: „וואָס ׳עט זי טענהן אַצינד, די האַרצעדיקע?״ רעבעקעלע האָט גאָר נישט געטענהט, אָבער ער האָט פֿאַרנומען נאָר די וואַרעמע ווײַבלעכקייט פֿון איר אָטעם, פֿון איר שווײַגן. זי׳ט געלאָזט לענגער קוקן אויף זיך און ער האָט מיט

גליִונג געשלונגען איר וועזן, איר גוף וואָס האָט אָט־אָ אין גאַנצן אויפֿ־געציטערט מיט אירע נאָז־פֿליגלען. דערנאָך האָט רעבעקאַ פֿויל געעפֿנט די אויגן. גלײַך זי וואָלט אַרויס פֿון אַ כאַפּעדיקן טיפֿן שלאָף, האָט זי נאָך געהאַלטן אָנגעגליווערט דעם בליק אויף אים, דעם מאַן, און עפּעס ליכטיק־אומעטיקס האָט אויפֿגעטויכט אין געדעכעניש. דערויף האָט זי צערטלעך, אין אַ שוועב פֿון איר אָרעם, געזוכט זײַן האַנט און אומגעריכט, שטיל אײַנ־געהאַלטן אויפֿגעזונגען, גלײַך זי וואָלט אַזוי אַרום באַגערט ווידער זיך אײַנצווויגן. פּאַמעלעך, געלאָסן האָט זי פֿון דער שווימענדיקער טונקלקייט דערנאָך אויפֿגעפֿליעסקעט ווי אַ פֿלעמל מיט אַ נאָגנדיקער מעלאָדיע:

קיי־נער ווייסט ניִשט וואָס איך זאָ־אָג,
קיינער ווייסט נישט וואָס איך ווי־י־יל —
זיבן מײַזלעך מיט אַ מויז
שלאָפֿן אויפֿן דיל.

— זיבן מײַזלעך מיט אַ מוי־ויויז שלאָפֿן אויפֿן די־י־יל, — האָט ער באַזאָכט זיך נאָכגעשאָטנט, אונטערגעכאַפּט דעם ניגון וואָס ס'ווײַב האָט אויסגעצויגן איבער אַ לײַכטנדיקן פֿאָדעם פֿון דער שוואַרץ־אָנגעגאָסענער נאַכט. מאַן און ווײַב, זיצנדיק איינע אַנטקעגן די אַנדערע, האָבן ערשט גע־זונגען באַנאַנד ווי מיט איין מויל, פֿאַרבענקט צו די טונקלקײַטן פֿון די אייגענע פֿאַרפֿלאָסענע טעג און יאָרן:

זיבן מײַזלעך מיט אַ מויז
זענען, דאַכט זיך, אַכט —
טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און זאָג: אַ גוטע נאַכט.

צונויפֿגעגאָסענע ווימלען שוין די שטימעס פֿאַרן אייגענעם געהער, הייבן זיך וואַרעמער און צעגייען אין די עצמות; זיי „זענען נישט" צו מאָל די שווער־פּיסיקע עקאַליפּטוסן וואָס מורמלען פֿאַראיבלדיק אין דער נאָענט.

טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און איך לאָז זיך גיין.
ווו זשע גייט מען שפּעט בײַ נאַכט
איינינקער אַא־לליי־יי־יין ?

— איי־יי־ני־יייינ־קעעער אַאַאַ־ליי־יי־יין? — ציִען זיך אויס די קלאַנגען וואָס פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַהינטער.

ער האָט נאָכגעברומט דאָס ווײַטלעכע לידל און זי איז פאַרטראָגן נאָכ־געשווומען דעם טומאַנעם חלום פון דעם אויסטערלישן ערגעץ־ווו, וואָס איז אַנדערש ווי דאָ. ערשט איז איר שטים מער אויסגעצויגן, דין, וויבריירנדיק אַנטקעגן דער בלייכער שײַן פון הינטערן פענצטער וואָס האָט זיך מאָט געשפּונען אויפן אויפגעטויכטן אָרעם פון אַ נאַכטיש דערטרונקענעם צע־דערבוים.

— צוויי שיכורים מיט אַ פלאַש
שלאָפן אויפן די־י־י־יל.

פאַרענדיקט, האָט זי מידלעך, שלאַבעריק פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל:

— ווי גוט, גערשנדל מאַנער, צו זײַן אַנדערשוווו! — און געשלאָסן די אויגן.

די נאַכט, די גאָרטנשע, די תהומיקע האָט דערנאָך זיך ווײַט צעוועלבט איבער איר. דאָן גרעגאָריאָ האָט נאָך דעם נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. זײַנע אויגן האָבן דורכגעשטאָכן די פינצטערניש, אָבער געזען האָט ער גאָר נישט. ר׳האָט פאַרנומען נאָר דעם שטומען נאַכטישן רויש פון גאָרטן־הויף.

„נייך, ס׳איז זיך נישט אָנצושיכורן מיט אַ כוסע, — האָט ערגעץ אין אים אויפגעטוקט אַ מאָט געדאַנקל. ס׳נישט פאַר אונדזער סגאַל. אַזאַ מיד־קייט וועסטו נישט גרינג אָוועקגענאַרן — — הממ, אַ פאַרעך פאַרטרײַבט מען נישט, מ׳מוז היילן, היילן״. דערוועקטער אומעט האָט נאָך לאַנג אים געהאַלטן וואַך. ס׳ווײַב האָט לסוף געמוזט אים מינטערן מיט אַ פאַרקלעפּטן גאָרגל:

— גרעגאָריאָ, ס׳שוין צײַט צו מאַכן נאַכט. גענוג, גרעגאָריאָ!

8

אויך צו מאָרגנס און איבערמאָרגן זענען די טעג געשטאַנען זוניקע, טיפע און דער שפּאַנישער גאָרטן האָט זיך נאָך מער צעחנדלט אין מי־ניעדיקן ליכט. ס׳האָט צניעותדיק געבלאַנקט צווישן בלעטערוואַרג און אַנ־

געטראָגן וועקנדיקע פרישקייטן פון ערד און בוים. דער פרילינג האָט אויף אַן אמת זיך שוין אַרײַנגעשטעלט, — האָט דאָן גרעגאָריאָ רעכט זיך דערפרייט, פֿאַרפרי זיך געפעדערט און איז אַרײַן אין דעם צווישטשרײַ פון די האַוועדיקע שוואַלבן וואָס לאָזן זיך ראַפּטעם אַרויס פון אונטערן דאַך, פון געצווײַג אַרום שלעפעריקן הויז. מיט גענוגטואונג וואָס האָט צעפּלאַטערט זײַן האַרץ, האָט דאָן גרעגאָריאָ געלאַסן געטראָטן איבערן טוי־אָנגעטרונקענעם גראָז און אַליין זיך עס נישט פֿאַרגונען; ער האָט דערשפּירט אַ באַדערפעניש מיט עמעצן זיך צו טיילן אָט די פריידיקייט וואָס צאַפּלט אין אים אַזוי מטושטש. דורכגענעצט אין דער ראָסע זײַנע שטעקשיך, האָט ער מיט מיטאַמאָליקער אײַליקייט, כאָטש גענוג צוריקגעהאַלטן, באַגערט — אויך מיט אַזאַ אומבאַשטימטקייט — צו האָבן וועמען פֿאַר דער האַנט אויף צו דערציילן אַז ס׳איז גוט אַזוי־אָ זיך אָפּצוטויכן אינעם פרילינג. ס׳איז ווויל אַצינד, עלעהיי ער וואָלט זיך געוואָרפן אין אַ טײַך אַרײַן און ער נעמט דיך טראָגן ווי באַלד דו דערלאַנגסט אים דײַנע אויסגעשטרעקטע פיס, נעמסט מעסטן ס׳וואַסער מיט די אָרעמס, לייגן קלאַפּטער. דער פרילינג קערט צוריק די פֿאַרלוירענע כוחות. דער טוי איז דער אייגנטלעכער שליח זײַנער. ר׳איז קיל און ער שטאַרקט דעם מאַרך אין דיביינער. אַלע חושים האָבן גערעדט אין דאָן גרעגאָריאָן, אָבער ר׳איז געבליבן שטום אַנטקעגן דעם אויפפלאַם פון זײַן אָקערשטיקער פרייד. ס׳ווײַב פעלט אים ערשט, — האָט אויך דער שכל זשעדנע זיך צעפּויקט. — ר׳עט זי אַרויסציען אַהער. געשטעלט זיך פון יענער זײַט פענצטער, האָט ער באַלד אַרײַנגערעדט צו איר:

— רעבעקע־לעב, שלאָ־אָאָפּסט? — האָט אומדרייסטקייט זיך אַרויסגעהויבן פון אים. — ווי קען מען ערשט שלאָפן! — האָט ער זיך אַליין געענטפערט. — גיי ליבערשט אַרויס, ווײַבעלע, לאָמיר צוזאַמען הנאה האָבן פון די שיינע ריחות! אַליין באַקומט עס מיר נישט, כ׳קען נישט, רעבעקעשי, — צעפּיעשטשעט ער זיך אומווילין און ער צעלאַכט זיך, ווען ר׳דערזעט אַז זי איז וואַך, אירע אויגן זענען ברייט צעעפנט, זיי הערן. — קוק, — האָט שוין מונטערער זיך געטראָגן זײַן וואָרט — ס׳אַ שאָד נישט צו געניסן פון די שיינקייטן. ס׳וועט דיר מאַכן בעסער ווי צו ליגן אין בעט. קריך אַראָפּ פון דער גזשענדע, הינדעלע מײַנס! אַזאַ באַגינען איז נישט צו באַצאָלן, רעבעקע־לעבן; אַז די זון צעקייכט זיך, ווערט דעמפּיק, זי גליט

אָן דעם דאַך און אונדזער קאָפּ ווערט איבעריק. גיי אַרויס, ווײַבעלע. צו וואָס נאָכגעבן דעם ניגוס* אַז מ׳קען שעפּן כוח מיטביידע הענט?

ער איז געשטאַנען אין דרויסן און אַרײַנגערעדט צום ווײַב, וואָס האָט זיך פּויל אונטערגעגעבן ערשט דער לאָקונג פון שלאָף, כאָטש דער טאָג האָט זיך שוין אַרײַנגעבויגן אין דער שטוב, געשטויגנט אין זײַן בלאָסקייט און ראָז געוויספּערט פון די בלעטערצווײַגן אַרויס.

— נאָך אַ ביסעלע, גרעגאָריאָ, וויל׳עך ליגן, — האָט זי זיך געבעטן — כ׳האָב גערן אַרויסצוקוקן אין דער רוישיקער שטילקייט אַרײַן. אַזוי דרימלענדיק קריג איך כוח.

נייִן, זי האָט זיך נישט געפּיעשטשעט. פון דער פרוי האָט ערשט זיך אויסגעטשאַדעט די גרויסע מידקייט וואָס די צעוואַקסענע שטוב אין שטאָט האָט מיט גראָבע הענט אָנגעוואָרפן אויף איר טאָג־טעגלעך. אָ, דער קראַנקער כאָרכע האָט איר געטאָן אָן דין מיט זײַן פאַרגרינט פּנים, מיט די אָפּטע יסורים און נערוועזקייט מחמת זײַן פאַרוווּנדיקטער יוגנט.

* פּויליאַק (פּויליש).

קאַלעמוטנע טעג

פאַר מײַן פרײַנד יעקב קרייצער

1

פּו, שפּירסט? — פּאַרציט זיך די נאָז, ס׳צוקט אויף דער קינבאַק — ס׳עט אויספאַלן אַ רעגן. עס איבלט די פלוצלינגע שווערע וואַרעמ־קייט. ערשט ט׳געגריזשעט אַ קעלט און אָט האָסטו דיר! דער אמתער יולי צו דער האַנט!

— ס׳עט זיך אָנהייבן, ׳עט עס שוין גיין ווי אַ מזמור — ווי בוענאָס־אײַרעס קען: כליאַפּ, ליאַפּ, אַבי געזונט. בלאָטע וועט נישט פעלן. און די אַפּטייקערס וועלן שוין מאַכן פּרנסה.

— ווי פאַר ווען ס׳קומט דער סעזאָן. דאָקטוירים מוזן דאָך אויכעט לעבן, פּונקט ווי די שוסטערס האָבן זיי די פּריווילעגיע אויך צו קרענקען און צו שטאַרבן.

— אוי, אוי, אַ געשמועסעכץ צום רומל! דערווײַל דאַרף מע שוין פאַר־שפּאַרן אַלע טירן. אָט־אָ הייבט זיך גאָר אויף אַ רײַסנדיקער ווינט. ס׳וועט פאַרטרײַבן די וואָלקנס.

— דערווײַל צעברעכט עס מיר די ביינער!

— וואָס, אַ יחסן ווילסטו זײַן? אַרגענטינע אָנערקענט נאָר אבסאָלוטע דעמאָקראַטיע. אַלע גלײַך, מיט דער פולער רעכט צו קרענקען אַפילו, בפרט אין דעם ליבן ווינטער.

— עע, אַבי געפלוידערט.

אומעטום וויל מען פאַרגעסן אין דער דראַמע ווינטער, וואָס גייט אויף די מענטשן פון טאָל וואָס בײַם פּלאַטאַ־טײַך. מ׳פאַרהאַקט אויף לאַנגע חדשים די פענצטער, מ׳קריכט אַרײַן אין קנוילן פון וואָלענע שאַלן און מ׳זוכט רק אַ הימלעך פלעמל פון אַן אָנגעצונדענעם עלעקטריע־אייוועלע. אין קוילן איז אָרעם דאָס לאַנד. שטיינקוילן ליגן טיף פאַרפאַנצערט אין

אײַנגעוויד פֿון דעם ווײַטן קאַלטן ווינקל קאָמאָדאָראָ ריוואַדאַוויאַ. די שטאָט ווייסט כמעט נישט פֿון קיין שטיינקוילן.

און אין דרויסן כמאַרעט זיך, אין פֿענצטער שטייט אַ שווערע גראָקייט. אַ שטיק אין טאָג אַרײַן מוז ברענען אַ לאָמפּ, אַ שטיק פּאַד נאַכט צינדט מען ווידער אָן אין הויז אַלע פֿלאַמען. שוין לאַנגע וואָכן אַזוי. דעם מענטש איז אומעטיק צו הויזן מיטן בוענאָס־אײַרעסער ווינטערדיקן טאָג.

אין דער לופֿט פֿילט זיך רעגן, אָבער עס קען אָקערשט נישט רעגענען. דער הימל איז אָנגעשוואָלן, ס׳איז פֿאַרנאַכטיק אין מיטן טאָג, אָט־אָט וועט טאַקע נעמען רעגענען, רעגענען, ס׳וועט נמאס ווערן פֿאַר די שמאַטיקע טעג. עס וועט זיך גלוסטן צו אַנטרינען פֿון די פֿוילע אויפֿדערנאַכטן, בררר! דער אויפֿדערנאַכט איז מער לעסטיק.

דער דמיון גרווילט אויף. די טרויעריקע לערנונג פֿון די פּר?ערדיקע פֿוילע שטעכיקע ווינטערס קומט קאַפּויער מיט דראָונג, מיט וואָרענונג, אָבער קיין אַנטלויפֿן איז נישטאָ. סײַדן דו האָסט אַ שווערן בײַטל געלט און אַ גרינגן קאָפּ. אָבער ווער האָט נישט הײַנטיקע צײַטן קיין ביטערע דאגות, וועמען פּלאָגן נישט די שרעקן וואָס קומען צוהאַנדן דעם זינדיקן מענטש — אַפֿילו אין גן־עדן פֿון די גבירים, אין קאַרוהע? מ׳האָט שוין געהערט. ניין, אַז מ׳האָט אַ קאַפּל געלט קען עס אויך קנאַפּ העלפֿן. דער אומעט קען דערהרגענען דעם מענטש.

סײַ ווי דאַרף מען זיך ריכטן אויף לאַנגע, קאַלעמוטנע וואָכן, אויף גמאסע קראַנקע חדשים, פֿולע פֿון שווערער, עקבערנדיקער פֿײַכטקייט.

ס׳איז אומהיימלעך דער ווינטער אינעם טאָל פֿון דער הויך־אָנגעמויערטער, ענגער שטאָט.

2

אַז ס׳האָט גענומען פּלוצלינג פּרעסטלען אין די ביינער, האָט זוסיע ווײַסוואָל אומווילִיק אויסגעזוכט זײַן שווערן פּאַלטן:

— נאַ דיר אַ מדינה, — האָט ער זיך געקרימט — ערשט איז מען אָפּגעגאַנגען אין שוויס, אַצינד נעמט דיך ס׳קדחת.

ער האָט זיך אַ קאָרטשע געטאָן אין דעם מלבוש, זיך פֿאַרבײַגעשאַרט דעם קיל־פֿאַרלאָפֿענעם פֿענצטער און פֿון ס׳נײַ דערשפּירט די אָנגעשטאַ־

נענע, דריקנדיקע פריקרעקייט. ניין, ער וועט נישט אויסהאַלטן אַזאַ אויפֿ־דערנאַכט, — האָט ער זיך מיט אַ מאָל אָפּגעריסן אויף דעם פּאַסקודנעם געפּיל וואָס אָט־אָ וואַקסט עס אָן אין אים ווי אַ געשוויר. אומגעריכט האָט ער זיך געלאָזן הערן:

— כ׳וועל ערגעץ אַ בליק טאָן וואָס ס׳הערט זיך אויף דער וועלט ביי אַזאַ ליקוי־חמה, — און שוין שטייט ער לעם דער טיר. — סאַלענקע, האָב נישט קיין פּאַראיבל. איכ׳ל זיך באַלד אומקערן.

ער האָט זיך, וואָס אַן אמת, געפילט שולדיק אַנטקעגן ווייב און קינד, הלמאי ער לאָזט זיי אַליין — דערצו אין אַזאַ אומהיימלעכן וועטער. סאַ־לענקע האָט פון יוצא וועגן עפּעס אומפאַרשטענדלעכס אַ זאָג געטאָן און זי איז טאַקע געבליבן זיצן איינע אַליין אין שטוב, אַנטקעגן דעם בלייכן טעכ־טערל. די פריקרעקייט וואָס איז אָקערשט צוגעפאַלן צו דעם אליינענקן הויזגעזינד האָט זוסיע ווייסוואָלן פון דעסטוועגן געפּלאָגט. אַרויסגעמאַכט זיך פון שטוב, איז ער אָן אָפּגעגאָסענער פון קעלט און אומאַנטשלאָסנקייט אַ לענגערע ווײַלע געשטאַנען אין דרויסן: „ווּהין גייט מען?״ די פּייכטע פינצטערניש האָט אים געשמיסן אין פּנים, אַריינגעאײַלט אין נאַקן, אַזש ער האָט געמוזט זיך אָנבייגן. לסוף האָט ער מער זיך פאַרטוליעט אין שווערן מלבוש און זיך געלאָזט גיין.

ס׳איז טרויעריק, אויב מ׳מוז זיך שטיקן מיטן אומרו וואָס דערוואַכט פלוצלינג אינעם מענטש און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. אויס־טערלישע דערמאָנונגען האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ אין יענעם אָוונט ביי זוסיע ווייסוואָל און ער האָט מורא געקראָגן פאַר זיי. קוקן אויף סאַ־לענקען צי שווייגן מיט איר באַנאַנד אין אַזאַ געמיט, קען אים חלילה ברענ־גען צו טרערן. דאָך נישט קיין רויקע יאָרן הינטער זיך, נויט און טויט זענען נאָכגעגאַנגען פּוסטריט — איז גלייכער נישט צו בלייבן מיט זיך אַליין. אַוודאי, סאַלענקען איז אויך נישט בעסער, אָבער וואָס קען ער זיך אַן עצה געבן?

פאַרנורעט דעם קאָפּ אין אויפגעשטעלטן קאָלנער, האָט ער געאײַלט צווישן שאָטנס פון הײַזער. באַמערקט אַ מענטשן־סילועט, האָט ער אים גיך אויסגעמיטן. יענער האָט אים מערער אָנגעשראָקן מיט דער פינצטע־רער באַלאָדנקייט פון פלוצלינגע נאַכטיקע פּחדים.

אַן אַנדערע פריקרעקייט האָט דעם זעלביקן אָוונט דערשפּירט וועלוול סיעדלעץ. פוי, עס כאַפּט אַ נעדיזנע פון אַזאַ וועטער! און עס הייבט זיך

ערשט אָן. מע וואָלט שוין באַדאַרפט אײַנהייצן דעם קאַכלענעם אויוון, צו־שטעלן אַ טאָפּ קאַרטאָפליעס אין די מונדירן, שעכטן אַ הערינג און לאָזן זיך ווילגיין מיט לײַט וואָס האָבן ליב אַ היימישן מלווה־מלכהדיקן טומל. עע, געוועזן אַ וועלטל! אַז דאָ איז אַפילו קיין אָנצייכעניש נישט פאַראַן פון אַזוינס ווי אַ קאַכלענעם אויוון, טאָ פון וואַנען זאָל דיר אָנטקעגנגיין אַ ליבע וואַרעמקייט? — האָט דער מענטש זיך געמאַכט אַ לב צו צעטרײַבן די כמורנעקייט וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער שטוב און זיך אָנגע־האַנגען אין דער ווידערשײַן פון אויפגעטוקטן דמיון. גייסט, מיכלע? — האָט ער אומגעריכט זיך אַ וויג געטאָן אַקעגן ווײַב — וואָרן וואָס 'עט מען טאָן איינע אַליין אין אַזאַ אויפדערנאַכט? און ר'האָט זיך אָן אומ־היימלעכן שיבער געטאָן אין דעם גראָבן סוועטער, אינעם שאַל, וואָס האָט אים אײַנגעפּעלצט דאָס קרוכע גופל.

— ווילסט גיין? 'עלעך גיין.

טאָקע זיך געקרימט אַקעגן דעם פאַרליאַפּעטן דרויסן, אָבער גענומען און געגאַנגען.

אויך וועלוול סיעדלעץ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פאַרוואָר־פענעם ווינטערדיקן מאַנטל און איז מיטן ווײַב אַוועק זוכן געסטלעכע היימלעכקייט.

3

פאַרטוליעט אין זײַן טונקעלן מאַנטל איז זוסיע ווײַסוואָל אין יענעם ערב־רעגנדיקן זונטיק פאַר נאַכט אַרײַנגעפאַלן אין הויז פון חיים מינצן.

— אוך, אַ פאַגאָדע! אַ הונט פון דער קייט מוז זיך אויך אָפּרײַסן, בררר!

אַזוי אַרום האָט זוסיע ווײַסוואָל זיך פאַרענטפערט פאַר זײַן פרײַנד חיים מינץ מיטן ווײַבל, הלמאי ער איז געקומען אומגעריכט. אַוודאי, עס איז אומבאַקוועם אַזוי־אָ זיך אַרײַנצורײַסן צו יענעם אין אַזאַ אומוועטער, ווען מ'קען זיך נישט ריכטן אויף געסט.

מאַן און ווײַב זענען געשטאַנען אַנטקעגן אַרײַנגעקומענעם און בלית־ברירה געגרייט פאַר אים סײַ אַ שמייכעלע אַ געבאָרגטס, סײַ אַ וואָרט פון ליבלעכן מוסר למאי ער לאָזט אַזוי לאַנג אויף זיך וואַרטן; צי ער וויל מ'זאָל

אים עקסטרע פֿאַרבעטן? אָבער דער גאַסט האָט די מענטשן נישט געלאָזט ריידן.

— איר פֿאַרשטייט? מײַן סאַלענקע האָט שוין מיט וואָכן צוריק געוואָלט אַרײַנגיין צו אײַך געוויר ווערן. איך האָב תמיד אַ פֿאַרדולטן קאָפּ, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט. איר ווייסט דאָך אין מסחר איז גאָר נישט לײַכט.

— מ׳וויס, מ׳וויס, — פֿאַרענטפֿערט זיך גיטעלע מיִנץ און שטעלט אויס אַ מינע אַזאַ, גלײַך זי וואָלט זיך געפֿילט שולדיק אין די עגמת־נפֿשן, וואָס קומען קאַפּויער דעם ליטוואַק זוסקע, ווי זיי רופֿן אים ליבלעך.

— ע־עעע, — מישט זיך שוין אַרײַן דער באַלעבאָס — זעסט דײַנע גוטע פֿרײַנד, גיטל? דער ליטוויק וועט דיר אַלץ דערציילן, אַבי ער זאָל בלײַבן געגעכט. — חיים מינץ לאַכט אַליין פֿון זײַן אַרײַנזאָג און ציט דעם גאַסט בײַם אַרבל: — גענוג, מ׳עט שוין דורכקומען. דערווײַל נעמט אַראָפּ דאָס בגד. ביסט אַ מבין, — זאָגט ער בעת־מעשׂה אי דעם ווײַב אי דעם גאַסט — אויב נישט דער גילדענער דרויסן הײַנט, וואָלט זוסקע אין גאַנצן שוין פֿאַרגעסן אין אונדז. אַלץ אַז מע ווערט אַ נגיד, האַ, זוסקע?

— אָסור, צי איר זענט גערעכט. אַ נגיד, דאָס יאָ, עס נאָגט מיך. איר ווייסט דאָך, טײַערע, וואָס פֿאַר אַ ווערדע עס האָט נגידישקייט הײַנטיקע צײַטן. ווער, ווער, מיר האָבנ׳ס שוין צוגעזען. כ׳לעבן אַ ריידן פֿון אַ מענטש — כאַפּט דער גאַסט אָפּ דעם אָטעם — נאָר מינוטן האָט געדויערט און מע האָט פֿאַרלוירן די גאַנצע פּראַצע צוזאַמען מיטן לעבן. נגידישקייט, ווער באַדאַרף עס? די הויפּטזאַך, דאָס ביסענקע געזונט, וואָס איז תמיד אַ הינקעדיקס, אַ לאָמס. קומען? כ׳האָב דען אַ סך פֿרײַנד אין דעם העק? מישטיינס געזאָגט: רק מ׳האָוועט, מ׳ווערט פֿאַרשוואַרצט. דאָס איז די אונטערשטע שורה פֿון אַלצדינג. אמתדיקע פֿרײַנד געפֿינען? ס׳אַן איידעלע זאַך. מײַן סאַלענקע, זאָל מיר געזונט זיין, מײַן טעכטערל זאָל אַזוי געראָטן מיט חן און יאָרן, ווי איך שעץ אײַך ביידן — פֿאַרלירט זיך שוין דער ליטוואַק.

— אָפּט מאָל בענקט זיך אַהער, נאָר די צײַט פּאַזוואָליעט נישט און, שנית, מ׳קען זיך דען אָנזעצן אויף אַ שטוב? חס ושלום, מע טאָר נישט! צו אָפּט קומען איז אַ סימן פֿון נישט שאַנעווען גוטע פֿרײַנד. מ׳באַדאַרף זיך היטן נישט צו דערעסן יענעמען. אַ וואָג אין האַנט מוז מען האַלטן, דער געדאַנק טאָר נישט פֿאַרשלעפּערט ווערן. מ׳באַדאַרף זיך נישט פֿאַרמיאוסן ביי אמתע פֿרײַנד.

אַ כוואַליע אייגענע רייד האָט זיך אַ הייב געטאָן איבער זוסיע ווײַסוואָל.

באותו הרגע איז ער צעטומלט געוואָרן פאַר עפּעס און קוים זיך אַליין דער־הערט. ער האָט געשפּירט אַ שטאַרקע באַדערפעניש זיך צו פאַרענטפערן, אַראָפּצורייַדן זיך פון האַרצן.

— אַ מענטש איז נישט קיין האָלץ — האָט ער געשטאַמלט — ר׳פּילט, ר׳איז מחויב צו טראַכטן. — טאָ זאָג צו וואָס ס׳טו זיך דערטראַכט (האָט ער שוין זיך אָנגעשריגן מיט אַ קול פון אַ טויבן און טאַקע באַגערט מ׳זאָל אים הערן). — אַוודאי, עס טרעפט, אַ מענטש באַדאַרף אויך אַזאַ מין טובה, עליַהיי אַ גמילת חסד, ווען עס קוועטשט דער שוך, אָבער ער שטייט פאַר אַ טויבער וואַנט, זעט ער. באמת, ס׳איז ענג אין דעם ליכטיקן וועלטל, — און מיד אַראָפּגעלאָזן די וויַעס, ווי אין שמאַך.

לשם פריַינדלעכקייט האָט חיים מינץ זיך נאָך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אָבער זוסיע ווײַסוואָל האָט זיך אַלץ צוריקגעקערט צום באַצוויי־פלטן געפיל פון זײַן באָענטקייט צו די, צו וועלכע ער איז אָקערשט אַריַין:

— ס׳אַ שטוב, — האָט ער געאָטעמט מיט טראָפּן — תמיד קומען אונטער מניעות, און ס׳קינד, זאָל געזונט זײַן, איז זייער אַ דעליקאַטס. נישט ווו, נישט ווען פאַלט עס איבער די הענט. ערגוואָרט, זיי געדענקט ער שטענדיק צום גוטן, די מינצעס, ס׳ציט אים אַהער, אלאָ די אָנשיקענישן.

— שוין, שוין, זוסקע. ער מעג זיך דאָך צוזעצן און ריידן. מאַכט זיך באַקוועם. פּילט זיך היימיש. יאָ, און ווו געלאָזן סאַלטשען מיט תמרלען?

— סאַלענקע? ס׳אַ גאָלדענע נשמה. וואָס זי ליַידט זיך אָן! מסתמא וועט זי אַרײַנקומען. איך גיי נישט פון דער היים. מיר׳ן אָפּגעשמועסט. זי׳ט קומען, — און ער שפּירט זיך עפּעס אומהיימלעך, מחמת ער איז נישט אַקוראַטנע מיטן ענטפער. דער אמת איז דאָך אַז סאַלענקען באַדאַרף ער ערשט צו וויסן טאָן, ר׳האָט געטראָפן אַן אָפענע טיר; די פריַינד האָט ער געפונען אין דער היים, אַ זאַך אויף וואָס ר׳האָט זיך גאָר נישט גערעכט. זי באַדאַרף זיך ערשט פאַרנעמען אַהער, וועלן זיי באַנאַנד פאַרברענגען עטלעכע שעה. צו וואָס זיך סתם שלעפּן אין דעם פאַסקודנעם דרויסן, אויב מ׳איז נישט זיכער אַז מ׳עט דאָ האָבן אַ ליבן אריַינגייין? ס׳טאַקע בעסער, ר׳איז פריַער אַליין אַרויס אין דעם סאַרג — אויסקוקן. דאָס האָט ער נישט געזאָגט די ווילע מענטשן. ער האָט זיך אַנדערש אַרויסגעכאַפּט. ער האָט זיך אַ וויַלע געשטיקט מיט דער היץ וואָס האָט אַ פלאַם געטאָן אין זײַן געביין; דערנאָך זיך אומזיכער אַוועקגעזעצט און געוואַרט אַ פּאַסיקע מינוט

ר׳זאָל קענען אין דער היים אָנזאָגן — אַז זי מעג קומען, סאַלענקע מיטן קינד. און למען־השם גוט אַרומהילן תמרלען. אויך זי זאָל זיך אָנטאָן אַ וואַרעם שאַלעכל... ר׳וועט שוין צוטראַכטן אַ תירוץ צוצוגיין צום טעלעפאָן.

4

צוגעזעצט זיך צום טיש זוסיע ווײַסוואָל, דער זשיראַנדאָל איז ברייט צעצונדן אויף אַלע פלאַמען און ס׳האָט פאַרשמעקט מיט תענוג פון מענטשן וואָס ווייסן די ווערדע פון אַ היימישער נעסט.

— ווויל, ווויל, וואָס איר זענט געקומען, — האָבן די באַלעבאַטים ערשט זיך געקוויקט מיט אַ קאַפּל הײַטערקייט, וואָס די אָפּגעריסענע רייד, די פראַגעס און בײַסן זענען מיטגעקומען אין שטוב אַרײַן מיטן אומגעריכטן גאַסט.

„אַ פײַנע שטוב", — האָט דער גאַסט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, בעסער זיך אײַנגעמאָסטעט אויפן אָרט. אויך דער באַלעבאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים און די באַלעבאָסטע איז מיט וויכטיקייט אַוועק ערגעץ אין די נאָענטע היימישקייטן אַרײַן. „שוין גרייט מען עפּעס!" וואָרן ס׳האָט באַלד אַ זינג געטאָן מיט געזונטן מורמל אַ זודיקער טשײַניק; אַפילו ס׳אַנטקעגנדיקע לײדיקע בענקל האָט צוזאָגנדיק געוווּנקען מיטן שטילן גלאַנץ פונעם לעדערנעם געבעטעכץ, ס׳האָט דערציילט: די באַלעבאָסטע גייט, די באַלעבאָסטע טראָגט כיבוד. דערנעבן האָט דער טעלעפאָן שטום געבלינצט אַן אויסוואַרטנדיקער, אַן אָנגעלאָדענער מיט נייגיר, אָבער אויך מיט אַ פולן בויך בײַסן. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן: אָט אָט ברומען אויף זײַנע געדערעם מיטן געקלונג פון אומגעריכטער בשורה פון עמעצן: — איך קום, איך בין דאָ, איר׳ט עפענען די טיר? און שפּאַרט אויף ס׳ליכט, כ׳בעט אײַך, אַנטקעגן דעם קנוידער פינצטערניש וואָס אָט־אָ מייקנט זי אויס אַל די קרענק פון אונדזער ווינטערל.

באמת, פון יענער זײַט בײַשטידל האָט אין דער־אָ שטוביקער ליכטיקייט אַרײַנגעקוקט חושכדיקע ברומעניש. אַלע אַנומלטיקע שטערן אין הימל זענען פאַרמעקט פון פײַכטעניש; נאָר גראָע ווינטיקע שטעגן האָבן זיך געשניטן, מוטנע געפלאָסן איבער די גייענדיקע, בליקנדיקע פינצטערנישן וואָס איבערן קאָפּ, וואָס איבער די צוגעלעגענע עלנטע דעכער.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און ס׳טיר־גלעקל האָט פּלוצלינג אָנגעזאָגט: עמעץ איז געקומען. נאָך אַ מענטש וויל זיך צוטוליען צו היימישער ליכטיקייט. מן הסתם האָבן גוטע פֿרײַנד ווידער זיך דערמאָנט אין די מינצעס: וואָס טוען די לײַט אין אַזאַ פּאַגאָדע? בררר!

ס׳אַ פֿרײַער, כמורנער זונטיקדיקער אָוונט. זוכט מען אַ צעהעלטן באַלקן, וואַרעמען מענטשישן אָטעם צווישן ליבע פֿיר ווענט.

5

— אָ, ווער ס׳אי׳ דאָ! מיר׳ן דעם אויוון אַרויסוואַרפֿן, — האָט גיטעלע זיך צעקלונגען מיט איר ליבלעכען שטימעלע האַרט בײַם אַרײַנגאַנג און דער עכאָ האָט זיך געהויבן אַ האָפּערדיקער אין חלל. — קומט, קומט ווײַטער, — האָט זי געזאָגט און איר קול האָט זיך געמישט, ווייך זיך צונויפֿגעשטויסן מיטן מבולבלן קול פֿון אַרײַנגעקומענעם. געוויס, — ציט אויס דעם האַלדז אין נייגיר דער באַלעבאָס בײַם טיש, אָבער גיטעלע האָט זיך שוין געהערט דײַטלעכער, נענטער. — אַ גאַסט, ליבע געסט! — האָט זי באַלד אויסגעשריגן הינטער זיך, — טוט אויס די מאַנטלען, ליבינקע. — ווייסט, היימל, ווער ס׳געקומען? — און תוך כדי דיבור האָט ער זיך געווענדט צום ווײַב, גערעדט אין איינוועגס צו די געסט: — גייט, גייט ווײַטער. ס׳דאָ אָרט פֿאַר אײַך. הע, דאָך זיך דערמאָנט!

גיטל איז געווען פֿול ריידן. די געסט — אַ ביסל צעטומלט פֿון דער גדולה מיט זיי און פֿון דער ליכטיקייט.

חיים מינץ איז געוואָרן פריידיק צערודערט, ווען ער האָט דערהערט ס׳זענען דאָ נײַע געסט; ר׳האָט אויפֿגעשטראַלט ערשט ווען ר׳האָט דערזען ווער ס׳איז געקומען:

— וואָ, וואַ־אַאַ, אויף וועמען כ׳וואָלט זיך געריכט, אויף וועלוולען — נישט. אַז אַ מענטש קען זיך פֿאַרגינען זיך אָפּצוזאָגן פֿון פֿרײַנד. ממש גענומען און פֿאַרלייקנט. אַ בושה, בנאמנות.

נישט געקענט בײַקומען דעם רייץ פֿאַרן ביסל פֿרײַנדלעכן מוסר קעגן די באַר וואָס אַרײַנגעקומענע, איז חיימל מינץ פֿון דעסטוועגן געבליבן איבערגעראַשט און מיט באַנומענקייט אין קול פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די נײַ־

געקומענע דעם גאַסט בײַם טיש, וואָס איז געווען צעטומלט באַגלײַך מיטן באַלעבאָס.

— דאָס איז זוסקע, אונדזערס אַן אײגענער, זוסיע ווײַסוואָל, אַ גרינער וואָס איז זיך שוין היפּש פֿאַרשוואַרצט געוואָרן צווישן אונדז, און זיי, — האָט ער זיך געווענדט צום ליטוואַק — זענען די ליבע תּושבֿים וואָס האָבן שוין דאָ וואַזשנע געמאָזלט און געפּאָקט: ווועלוול סיעדלעץ און פּרוי מיכלע סיעדלעץ, אונדזערע טײַערע געסט.

— אַלע וואָס קומען אַרײַן צו אונדז זענען ליבע פֿרײַנד, — האָט פּאָ־פּראַוועט גיטעלע אַ פֿאַרמעכיעטע פֿון דער אומגעריכטקייט וואָס איז אָקערשט געקומען אויף זייער שטוב. זי האָט זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן; אַ בלאָנדע, אַ פֿלינקע האָט זי געשײַנט אַקעגן גלאַנץ פֿון היימיש אויפֿגע־פֿרישטן מעבל און דעם צעפּעכערטן ליכט פֿון צעצונדענעם זשיראַנדאָל. ערשט האָט זי ווידער זיך עפּעס דערמאָנט און איז פֿון ס׳נײַ נעלם געוואָרן.

דער ליטוואַק זוסקע האָט זיך בינו־לבינו אויפֿגעהויבן פֿונעם זיץ, גלײַך ר׳וואָלט אָפּגעטראָטן זײַן בענקל די פּריש אָנגעקומענע. ער׳ט אַ ביסל זיך געוויטלט, אויסגעמורמלט עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס, געקוקט מבֿולבל אויף די געסט און אומדרייסט זיך צוגערוקט צום טעלעפֿאָן.

— סאַלענקע, מ׳באַדאַרף אָנזאָגן סאַלענקען, ווי לאַנג ס׳ווערט נישט צו שפּעט, — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט.

דער באַלעבאָס האָט זיך נאָך געפּלאָנטערט מיט אומגעוואָלטע רייד, געפּאָרעט זיך אַרום די געסט, ווידער געבעטן אויסטאָן די וואַרעמע זאַכן וואָס אויף זיך, אָנגעוויזן מיט דער האַנט ווו זיך צוצוזעצן. — נו, פֿאַראַן אָרט פֿאַר אַלעמען, זאָרגט זיך נישט!

דערנאָך, די באַלעבאָסטע האָט זיך באַוויזן בײַם טיש מיט אויפֿוואַר־טעכץ, אַ שמועס האָט גענומען זיך וועבן, איז אויך סאַלענקע שוין געווען, סאַלענקע דעם ליטוואַקס ווײַבל מיט זייער חנעוודיק טעכטערל.

— און דאָס איז תּמרל, מײַן לבנהקע, מײַן אײגנס, — האָט זוסיע פֿאָר־געשטעלט ס׳אונטערוואַקסנדיקע מיידעלע מיטן מילך־קלאָרן, קאַלטן פּנימל און ליכטיקע, טיפֿע אויגן ווי די אויגן פֿון שטוינענדיקן פֿולן חודש. — די זונקע האָט אַוועקגעבלאָנדזשעט אין כּף־הקלע, שײַנט מיר צו די־אָ לבנהקע, — האָט ער רמזימדיק זיך צערעדט, מיטן ווונק געגרייסט זיך מיטן טעכ־טערל פֿאַר די אַרומזיצנדיקע און בכיוון אַוועקגעדרייט דעם בליק פֿון מיידעלע. — איר ווייסט? זי איז אַ גוטע מײַן תּמרקע, — זעט ער אַרויף

ס׳טעכטערל צו זיך אויף דער שויס. — שעם זיך נישט, מיידעלע, זאָג עפּעס די מענטשן, זינג אַ לידל. דערצייל פון דער שול. זאָל מען נישט מיינען אַז דו קענסט נישט ריידן, תמרקע.

ס׳מיידעלע האָט בלייך, פּישטשענדיק אויסגעשמייכלט אַ קלאַנג, דער־נאָך אַ זיסן פּערז וואָס האָט ליב געַרעדט צו די מענטשן אַרום טיש. דאָס דאַזיקע מיידעלע האָט געגעסן ווי אַ פייגעלע. צוקערקעס האָט עס נישט ליב און אַ וואָרט איז געווען ביי דעם געוויגן־געמאָסטן. „אַ דאַנק" — מורמלט זי באַטעמט. מחמת דעם מיידעלעס שטילשווייגן האָבן די מענטשן מער זיך שוין איבערגעוווּנקען ווי גערעדט, זיך צעשעפּטשעט מיט העוויות און זיך פאַרשטאַנען. וועלוול סיעדלעץ מיטן ווייב מיכלע האָבן זיך גיך דערוווּסט די היסטאָריע פון אָט־די גרינע. „זענט איר אויף דער וואָר געווען דאָרט? הייסט עס, ס׳נישט נאָר אַ בייזער חלום און אויך נישט קיין אויסטראַכטעניש. אַ יאָ, — האָט זייער געדאַנק שווער זיך אַ ריר גע־טאָן — מיטן טויט באַרימט מען זיך נישט? אוי, אוי, אַל דאָס גיהנומדיקע האָבן מיטגעמאַכט די מענטשן, זיי זענען גראָ געוואָרן אַן יאָרן. צעבראָכענע צווייגן פון פאַרברענטע שטאַמען זענען זיי — יעדער באַזונדער איז אַ קינה אַ זשיפּענדיקע, אויף נישט צו פאַרגעסן ס׳געוועזענע. אַפילו אַזאַ שיין מיידעלע איז אַן אויסשפּראָץ פון דעם־אַ געדעכעניש".

ווייטיקלעך און דאָך נאָענט איז געוואָרן די באַגעגעניש צווישן די מענטשן ביי דעם געסטלעכן טיש. צום אַוועקגיין איז מען זיך שוין געווען פריינד.

— סעניאָר זוסיע, ס׳איז געווען זייער ליב צו זיין מיט איך.

— אויך מיך פרייט עס, — האָט געזאָגט דער ליטוואַק.

די פרויען האָבן זיך שוין צעקושט. מיכלע די סיעדלעצקע האָט לענ־גער געצמאָקעט ביידע בעקלעך פון דעם פּישטשענדיקן מיידעלע מיטן ליכ־טיקן לבנהקן פּנימל.

און אַז די נייע פריינד זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט איינער דעם אַנדערן שוין דערמאָנט מיט ליבלעכקייט:

„אַ ווילער יונגערמאַן דער ליטוואַק".

„אַ גאַנצער קאָפּשטיק דער פּוילישער וועלפּקע" — איז זוסקע געווען אין התפעלות.

6

סײַ זוסקע דער ליטוואַק, סײַ וועלפקע דער פּוילישער האָבן שפּעטער מיט פאַרגעניגן דערמאָנט זייער באַגעגעניש בײַם פּרײַנדלעכן טיש. ביידע זענען זיי אָבער געווען אַרײַנגעטאָן אין דער וואָכעדיקייט וואָס שלעפּט, טרײַבט אונטער.

אַ נײַע דאגה איז אונטערגעקומען וועלוול סיעדלעצן. ער ווייסט נישט ווו, ער דערמאָנט זיך נישט ווען ס׳האָט געקענט טרעפן — ערגעץ האָט זיך אויסגעטוישט זײַן מאַנטל אויף אַן אַנדערן. און אפשר האָט ער זיך נישט אויסגעטוישט? ווײַל ס׳איז לגמרי נישט צו דערקענען, נאָר מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן שפּירן אין דעם מאַנטל נישט גאָר היימיש. אָבער ווער האָט צײַט דאָס איבערצוריידן! ריכטיק, ס׳האָט געקענט געשען. ענלעכקייטן זענען דאָך פאַראַן איבער גענוג. פון פּרנסה וועגן איז ער עפּ־טערס אין גאַס, קומט אַרײַן אין קאָפע־הײַזער, באַשטעלט עפּעס אויף אי־בערצוכאַפּן, האָט ער די טבע אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם פּאַלטן. ס׳ווערט אים צו וואַרעם. משמעות, ער נעמט אויף זיך צו פיל לײַב. און צוריק געשמועסט — רוט ער זיך אָפּ, דאַרף אויך דער פּאַלטן זיך אָפּרוען, — גיט ער אַ זאָג אונטער דער וואָנסע. ערשט אַז עס שטעלן זיך קאַלטע טעג, דער ווינט מיינט עס אויף אַן ערנסט, עס פליוכעט אונטער אַ פּרירעקער רעגן, איז שוין נישט מעגלעך אָפּצוקומען מיטן דאַרן רעגן־מאַנטעלע. מ׳מוז זיך אײַנהילן אין וואַרעמען פּאַלטן, אָבער דער פּאַלטן, וואָס מ׳האָט אים אונ־טערגערוקט איז אים ווי אַ געבאָרגטער. ער באַטראַכט אים אויף טשיקאַוועס און דערקענט אַפילו נישט י ער איז נישט זײַנער. ער איז טונקלוואָטע, ווי „יענער״, ער איז האַריק ווי יענער, די קעשענעס אויך אַזוי טיף, נאָר... ווער קען פאַרשטיין, ווער קען באַנעמען דעם אײַנפאַל פון אַ משונהדיקן פּאַלטן, וואָס מ׳טראָגט אים נישט נײַן חדשים אין יאָר! הפּנים, אַ מאַנטל קען אויך זיך ברוגזן, ווערן באַליידיקט. אָבער עס איז נישט דאָס. עפּעס פאַרלירן זיך זײַנע הענט אין די אַרבל, די פּאָלעס פּלאָנטערן זיך אים מחמת פלוצלינגער לאַנגקייט. און קיין טרעלבויך האָט ער אויך נישט אַזאַ, ווי ער באַדאַרף פאַר דעם־אַ קליפּט. איז ער דען געווען אַ מאָל אַזוי ברייט? אויסטערליש, ר׳פילט אים ווי אַ שמאַטע, נו, א פּאַלטן קען אויך משוגע מאַכן! מוז זײַן — עמעצער אַ העכערער, אַ דיקערער זוכט אים ערגעץ אַרום, וועלוול סיעדלעצן און יענער ווייסט נישט אַז ער איז אָט־אָ־דאָ, ריכטיק,

ווו געפינט מען אויס דעם זוכנדיקן מיט זײַן מאַנטל? סעניאָר סיעדלעץ האָט זיך טאַקע נישט געפוילט, ר׳איז אויסגעווען אין אַלע קאַפע־הײַזער ווו ער גייט אַרײַן, אומעטום זיך נאָכגעפרעגט: אפשר דאָך... ער איז געווען אויך בײַם שנײַדער, וואָס האָט זיך פּאַראייביקט אויפן קליינעם עטיקעטל וואָס איז צוגענייט צום נאַקן פונעם פּאַלטן, אָבער אין ערגעץ האָט זיך נישט אָפּגעזוכט דער בעלן אויפן קליפּט וואָס מ׳האָט אונטערגעוואָרפן דעם סע־ניאָר סיעדלעץ.

— מיך זוכט מען און מ׳ווייסט נישט, אַז איך בין עס דער אייגענער!

— האָט ער שוין געגומען לאַכן פון זײַן שלימזל מיטן מאַנטל, וועלכער האָט אַפילו שוין אויפגעהערט אים וואַרעמען אַנטקעגן די שנײַדיקע ווינטן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון די קויטיקע האָריזאָנטן.

עפּטערס כאַפּט אים אַרום אַ מרה־שחורה: וואָס דאָך זאָל ער טאָן, אַז אין דרויסן בלאָזט, דער רעגן־שטורעם שמײַסט? מ׳עט מיך נישט דערקענען, מ׳עט דאָך מיר נישט וועלן געבן קיין קרעדיט אַז מ׳וועט מיך זען אין אַ געליִענעם מאַנטל.

ס׳האָט זיך אים געלאַכט און געוויינט אין איינעם.

„איז דאָס דער אייגענער סיעדלעץ?” פאַר דעם האָט ער טאַקע מורא געהאַט. מער פעלט אים נישט, ר׳דאַרף נאָך אַרײַנקומען אין מענטשנס לײַדיקע מײַלער!

ער האָט אַפילו שוין געגעבן אַן אַנאָנס אין צײַטונג: „ווער האָט אויס־געביטן מײַן ווינטער־מאַנטל? אָפּצונעמען דאָ און דאָ”. ס׳האָט אים שוין געקאָסט געלט, ס׳האָט אים צונויפגעקאָרטשעט די קעלט, ר׳האָט זיך געוויקלט אין מאָגערן רעגנמאַנטל; ער האָט זיך שוין געשעמט, וועלוול סיעדלעץ, און „יענער וואָס זוכט אים” האָט זיך אַלץ נישט געיאָוועט מיטן מאַנטל, וואָס איז נישט יענעמס מאַנטל. אוי, וואָס פאַר אַ באַשעפענישן דרייען זיך אַרום אויף גאַטס וועלט, האָט ער שוין געטענהט מיט ביטערניש: נישט זיי לייע־נען קיין צײַטונג, נישט זיי זעען אַז דער טײַוול שלייערט זיי אין אַ פרעמדן בגד. גוואַלד, זיי ווייסן נישט פון זייער חיות, די לײַט, און פרעסן אומזיסט ברויט. דאָס ווײַב האָט אים קוים אײַנגענומען: — אַ כפרה פאַר אַ הונט. וועסט אַרײַנגיין אין אַ געשעפט און קויפן אַן אַנדער מאַנטל. ביסט נישט געווינט צו לײַדן אַ שאָדן, וועלוול?

אָבער ווער הערט וואָס אַ ייִדענע רעדט! ער וואָלט געכאַפּט דעם פאַר־שוין מיטן מאַנטל, וואָלט ער אים... — האָט ער זיך געשוימט פון כעס —

„וואָס וואָלט ער אים? ר׳ווייס טאָקע נישט, — ענטפערט ער זיך באַלד. און אַז יענער וועט זײַן שטאַרקער פון דיר, ר׳האָט אַ פויסט ווי אַ האַמער און פינגער ווי אַ בײַסצוואַנג? כאַפּ נישט, וועלוול״, — האָט ער זיך אײַנגעשטילט און שוין געזוכט צו פאַרגעסן דעם אַלץ מיט אַנאַנד, וואָס דער מאַנטל דער פאַרלוירענער האָט אים פאַרשאַפט. גיי ווייס, אַז אַ מאַנטל קאָן אַן אַלטן ייִד אויסשטעלן צו שפּילן אַ קאָמעדיאַנט!

און בינו־לבינו איז ער נאָך עפּעס דערגאַנגען וואָס שײַך זײַן מאַנטל, וועלוול סיעדלעץ; דער פאַלטן וואָס איז אים געבליבן, איז אַ טונקל־בלאָער, זײַנער איז אַ שטאַרק גראָער, אַ מאַרענגאָ — און יענער, אין זײַן טאַטנס זון אַרײַן, האָט עס צו מאָל נישט געזען, אַפילו נישט געלייענט קיין איינעם פון זײַנע אַנאָנסן: „ווער האָט גענומען מײַן מאַנטל?״, „וועמען עס וואַרעמט יענעמס און וועמען עס שטעכט די קעלט מחמת יענעמס טויבקייט!״

כאַטש שרײַ אין גאַס — מײַן מאַנטל! עפן דײַנע אויערן, מאַנטל מײַנער!

אין ׳יאוש האָט וועלוול סיעדלעץ שוין פאַרטראַכט צו גיין זוכן אַ לאַטוטניק, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען אויף דער גיך איבערצונייען דעם אונטערגעוואָרפענעם מאַנטל, אַז ער זאָל נישט באַדאַרפן פאַר אים אַ פרעמדן גראָבן טרעלבויך, ער זאָל נישט פאַרלירן די הענט אין די לאַנגע אַרבל. ס׳גענוג, אַז דער פרעמדער קאָלנער זאָל אים רײַבן דעם קאַרק.

די קאַלעמוטנע אָונטן האָבן צום איבעריקן דאָקוטשעט וועלוול סיעדלעצן. בײַ טאָג האָט ער זיך יאַקאָש דורכגעשוואַרצט אין דעם לײַכטן מענטעלע, אויף דער נאַכט האָט דער ווינט אַלע מאָל שאַרפער געטעלעפּעט די נאַקעטע ביימער אין גאַס, געריסן די דעכער, געטריבן די מענטשן. ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן זענען בכלל הפקרדיקער מיט די ווינטן, מיט דער בײַטשנדיקער קעלט. נישט געווען קיין ברירה — ער האָט געמוזט זײַן צוגעבונדן צו דער שטוב.

— מאָרגן, — האָט אין וועלוול סיעדלעץ אָפּט אויפגעזאָטן דער כעס — מאָרגן וועט שוין זײַן דער לעצטער טאָג פון וואַרטן. ׳עט קומען יענער, איז גוט, אלאָ נישט, וועט עס נעמען אַ סוף (ער האָט גערעדט אין שטוב אַרײַן). כ׳על גיין צו אַ שנײַדער, זאָל ער האַקן, שנײַדן, אַבי כ׳זאָל קענען אַרײַנקריכן אין דעם קליפּט. מער וועל׳עך זיך נישט מאָרדעווען מי׳ט דעם אונטערגעוואָרפענעם ממזר.

7

„יענער״, אַז ער האָט אַ פּאַרטוישטן מאַנטל, האָט עס גאָר נישט אָנגעהויבן צו וויסן. אַפילו נישט חושד געווען אַז אַזוינס האָט געקענט טרעפן. אמת, ער איז אַ באַלייבטער, אַ ביסל העכער ווי אַ נוטשעלע, דער מאַנטל איז גאָר קירצער געוואָרן, האָט ער געמיינט; אַז דער מאַנטל איז פּאַרטוישט געוואָרן, האָט ער נישט באַמערקט. אָנגעטאָן, אויסגעטאָן אים, אַוועקגעהאַנגען און גאָר; נישט געכאַפּט זיך צו מאָל אַז דער קאָליר איז אַ געענדערטער. גראָ, גראַנאַט — ווער געדענקט עס? פּאַרטאָן אין קלייט, פּאַרצרהט מיט דער היים, וואָס איז אָן עין־הרע פּאַרקראָכן אין אַ ים מיט דאגות: דאָ ס׳ווייבל מיטן אַרונטערגעריסענעם געזונט, דאָ ס׳שוואַכע קינד, קען ער זיך אומקוקן אויף זיך? ענגלעך געוואָרן דער פּאַלטן, איז ער מסתמא צוגעקומען צו דער וואָג. ס׳איז אַזאַ פּאַראַדע — ער נעמט לייכט צו צו דער וואָג, וועט ער דאַרפן אָפּנעמען אַ ביסל. נישט קיין סכנות. ער וועט אויפהערן עסן ברויט, נישט צוכאַפּן זיך צום טעלער לאָקשן, ווינציקער טרינקען, צוהיטן זיך און „סע וועט זיך אויסגלייכן״.

דעם ליטוואַק זוסקע האָט עס געטראָפן, ס׳אָנשיקעניש מיטן מאַנטל. נאָר ער כאַפּט זיך אַלץ נישט דערויף.

נאָך עפּעס האָט אים געאַרט, דעם מענטש מיטן ענג־געוואָרענעם מאַנטל: איטלעך מאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין באַנק אַריין איינקאַסירן טשעקלעך, האָט ער אין איילעניש געזוכט ס׳אייבערשטע ברוסט־טעשל פון מאַנטל, געטאַפּט אויפן אָרט פון קעשענקעלע און נישט געפונען. מחמת איילעניש האָט ער דערפון גיך פּאַרגעסן אָן דעם אייבערשטן קעשענקעלע און זיך צוריקגעקערט צו די תמידע עסקים.

„זי, זאָל געזונט זיין, איז שוואַך — איז אים באַלד געקראָכן אין קאָפּ אַריין — זי קען זיך נישט אָן עצה טאָן מיט די גוייִשע קונים. איכ׳ל זי אַריינשיקן אין שטוב, ווו זי האָט גענוג ס׳איריקע — — אָ, שיִער פּאַרגעסן: ר׳האָט צוגעזאָגט עפּשטיינען אַריינצוקומען באַציינטנס אין פּאַבריק אַריין זען די נייע קאָלעקציע מוסטערן. ס׳וועלן זיך ווייזן קונים, דער זומער־סעזאָן ברענט שוין אין די וואַרשטאַטן, כאָטש דאָ ווערט מען נאָך געכאַפּט פון דער קעלט. נאָך אַ קאַפּעטשקע וועט ער סאַלענקען לאָזן אין קלייט. פּאַרפאַלן, כ׳קען נישט אַנדערש!״

און געלאָפן, אומבאַמערקט אָנטרינען פונעם וויכטיקן קעשענקעלע.

אײַן מאָל האָט ער דעם װײַבל צוגעװאָרפֿן דעם מאַנטל:

— סאַלענקע, זײַ אַזוי גוט, דער מאַנטל מאַכט מיר אַן צרות. אָט האָב איך װידער מיט אַ קנאָפּ אַן עסק. ער פּרעגט נישט און װיל נישט שטיין אויף אַן אָרט. נאָר דו קענסט אים אײַנרוזיקן. זעסט, — גיט ער אים אַ שנעל מיט צװײ פֿאַרקלעמטע פֿינגער — ער באָמבלט זיך, כ׳על אים אין גאַנצן פֿאַרלירן.

אַ באַזאַכטע, אַ געדולדיקע, האָט דאָס װײַבל צוגענייט דעם קנאָפּ, אײַנגעקוקט זיך אינעם מאַנטל און מיט אַ מאָל זיך צעחידושט:

— עפּעס מאָדנע מיט דעם פּאָלטן. איז עס זוסקעס פּאָלטן צי נישט זײַנער? עפּעס דאַכט זיך מיר...

אָבער װאָס זאָל זי זאָגן, אַז ער זאָגט גאָר נישט. אַ מענטש גייט אין אַ מלבוש, געדענקט ער מער. ער װײסט בעסער. זי קען האָבן אַ טעות, טאָ צו װאָס זאָל זי זיך מאַכן נאַריש? זי װעט עס זאָגן, װעט ער לאַכן פֿון איר אָדער זי װעט אים פֿאַרשאַפֿן פֿאַרדראָס. ס׳נישט כדאי. נאָר זי האָט פֿון איר זיסיען אַן אַנדערע צרה, — דערמאָנט זי זיך בעת־מעשה. ער װיל נישט עסן, כאָטש ער האָט גאָט צו דאַנקען אַפּעטיט. געזען אַזױנס? אַ מענטש האָט חשק צו עסן, און ער פֿאַרגינט עס זיך נישט, באַשר ער װערט פֿעט.

— סאַלענקע, גיב מיר װינציקער צו עסן. איך װער צו דיק, סאַלענקע. דערצו האָט ער אַ ביטערע טבע: זיך אײַנגעעקשנט — ר׳טאָר נישט, רוקט ער אַװעק דעם טעלער, און בײזערט זיך נאָך:

— סאַלענקע, דו פֿאַרגעסט אַז איך מוז אָפּנעמען. דער פּאָלטן איז מיר ענג געװאָרן. עס װעט מיר זײַן אַ חרפּה צו קומען צװישן לײַטן. מ׳װעט זאָגן, דער זוסיע פּאַשעט זיך שטאַרק. עס געפֿעלט אים אַ רײַכער בויך. צו װאָס באַדאַרף מען דאָס, סאַלענקע? פּאַװאָליע, און איך װעל זיך צוגעװױנען װינציקער אָרײַנצולייגן אין דער באָדניע. און אפֿשר עסן מער גרינסן?

— אַן אײַנריידעניש פֿון אַ מענטש — ער װיל נישט עסן. ער װיל זיך — אויף אַלע שונאים געזאָגט — קראַנק מאַכן. אַ חכמה נישט עסן! אָפּקומען מוז ער. װינציק אָפּגעקומען, זוסיע? — קלאָגט זי זיך.

אָבער עס האָט װינציק געהאָלפֿן: זוסקע האָט דװקא געװאָלט אָפּנעמען פֿון דער װאָג; דער פּאָלטן איז אים ענג געװאָרן, ר׳האָט צו פֿיל לײַב אויף זיך, האָט ער געטענהט, און ס׳װײַב האָט געהאַט פֿון אים צו זינגען און צו זאָגן, ס׳איז שיעור דערגאַנגען צו קריגערײַען. ס׳קליינע טעכטערל

האָט צוגעהאָלפן דער מאַמען, מיט טרערן געפּרוווט פּועלן בײַם פּאָטער ער זאָל זיך נישט עקשנען, ער זאָל עסן וויפל מ׳גיט אים. אָן עסן גייען אויס די כוחות, — האָט די קליינינקע אים געוואָרנט אין אמתן ערנסט.

ער האָט געהאַט יגון ואנחה, דער זוסקע ווײַסוואָל. ער האָט זיך געמוזט אַרויסמאַכן פון שטוב, אויב ער האָט נאָר נישט געהאַט קיין געטועכץ אין קלייט. ר׳איז געגאַנגען, כאָטש אין דרויסן האָט עס אים ווידער דערמאָנט זײַן צרה: ער נעמט טאַקע צו פיל לײַב אויף זיך — דער מאַנטל ווײַזט עס בולט — און די קעלט שמײַסט אונטער.

8

— אָאָ־לאָ, איר דערקענט נישט! וואָס מאַכט איר, וועלפקע סיעדלעץ? איך זע, איר דערקענט טאַקע נישט אַ מענטשן!

ס׳איז געווען אַ טונקעלער, אַ גרינלעך דורכגעלויכטענער ווינטערדי־קער פאַר נאַכט מיט פריש איבערגעטריקנטע טראָטואַרן. וועלוול סיעדלעץ האָט אײַנגעזשמורעט זײַנע אויגן און נישט דערקענט דעם, וואָס האָט אים אָפּגעשטעלט: עס איז זײַנער אַ קונה, וועמען ער קען אָקערשט אפשר באַ־דאַרפן, צי אַ סתם גאַסט פון קאַפע־הויז?

— כ׳זע, איר דערקענט נישט, אָדער ווילט נישט דערקענען! — איז יענער צוגעשטאַנען.

אָבער דער גיט אַ טריט אויפן אָרט, שטרויכלט זיך און — ענטפערט נישט, אין פאַרלעגנהײַט.

— מיר׳ן באַלד דערקענען, סעניאָר, — און ווידער זיך אײַנגעקוקט אין דעם מענטש וואָס האָט אים פאַרהאַלטן אין מיטן גאַס. וועלוול סיעד־לעצן האָט עס אָן אויפהער געעקבערט אין מוח: „ער דערמאָנט זיך נישט... ווער קען עס פאָרט זײַן?״ געקוקט, געקוקט, ער האָט אַ שטויס געטאָן דאָס געדעכעניש וואָס האָט די טבע אָנצוזשאַווערן אויף אַן אָרט. נו, דאָס היטל איז אים אויך נישט קענטלעך, די געשטאַלט נישט גאָר נאָענט. אויך ס׳קול איז פרעמד.

— איר דערקענט טאַקע נישט, — רוקט יענער זיך צו — איר דער־מאָנט זיך אפשר זוסיע ווײַסוואָלן? געטראָפן זיך בײַ חיים מינצן. פּאָוואָליע, און

איר׳ט זיך דערמאָנען (דער האָט שוין געקוקט צודרינגלעך, געוואָרט אַ רגע צווייַ): וואָס מאַכט איר, פרעגט ער שוין, סעניאָר סיעדלעץ?

בײַ דעם האָט פון דעם היימישלעך אָנגעטאָפּטן טאָן ראַפּטעם אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ: „מײַן פּאַלטאָ, און איך זוך אים!״

— וואָס איך מאַך, מאַך איך, אָבער וואָס מאַכט מײַן פּאַלטן? — מיט היץ און מיט נײַגיר איז געפאַלן דער זאָג. די ווערטער האָבן אָפּגעהילכט אין דער צוגעפּאַלענער טונקלקייט. אָ, ערשט דערווישט ער אַנטקעגן זיך באַוועגן אַ לעבעדיקן שאָטן.

— וואָס רעדט איר, פּאַניע וועלפּקע?

— איך זאָג, וואָס איך באַדאַרף זאָגן, — איז דער טראַציק.

— ס׳איז טאַקע אײַער מאַנטל דער, וואָס איר טראָגט ערשט? — שמעקט שוין וועלוול מיט די אויגן און מיט דער נאָז דעם מאַנטל וואָס אויף זוסיע ליטוואַק. ער האָט זיך מער צוגערוקט צו אים, כדי בעסער צו זען דאָס בגד וואָס איז אים פאַרפאַלן געוואָרן זיבט וואָכן.

— איך פאַרשטיי אײַך נישט, פּאַניע סיעדלעץ — רעדט שוין יענער ווי פון אַ הוילקייט אַרויס.

— אײַער שנײַדער עדואַרדאָ סאַכער וועט איר פאַרשטײַן? — שטעלט ער אַרויס אויף אים די נאָז מיט דער שאַרפער גאָמבע. — נאָט, זעט — זאָגט ער שוין מיט ברען און צעפּראַלט די פינצטערע פּאָלעס פון זײַן צו־ברייטן מאַנטל. — קוקט!

וועלוול סיעדלעץ שיפּעט פון אומגעדולדיקייט, ציט אַרײַן דעם מענטש אין אַ באַלויכטענעם וועסטיביול פון אַ נאָענטן הויז, באַווײַזט אים מיט די שפּיצפינגער דעם יאָרליק פונעם שנײַדער, וואָס האָט גענייט זײַן מאַנטל.

— איר דערקענט? — פרעגט ער איבער מיט נייגיר, מיט צאָרן — קוקט גוט! און מײַן שנײַדער איז פּאַבלאָ גאָנסאַלעס. פוילט זיך נישט, גיט אַ בליק אויפן געניק בײַ אײַך. אַ נו, גיט זיך אַ קער!

עס האָבן גענומען לאַנגע פּײַנלעכע מינוטן אוןביידע פּאַלטנס האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע באַלעבאַטים, ווי פריִער מיט עטלעכע וואָכן. ס׳איז געווען פריִע ווינטערדיקע אָוונט־שעה, ווען קיינער פון זיי האָט סײַ ווי נישט דערקענט וועמענס פּאַלטן עס איז מאַרענגאָ־גראָ און וועמענס טונקל גראַנאַט.

וועלוול סיעדלעץ האָט מיט אַ מאָל זיך דערשפּירט אייגן צווישן זײַנע פּאָלעס. ער האָט מער נישט באַדאַרפט קיין פרעמדן טרעלבויך פאַר דער

גערוימקייט פון דעם מלבוש וואָס ער האָט געמוזט זיך אָנקליידן אין אים מחמת די הפקרע קעלטן; אויך זוסקע ווײַסוואָל האָט מיט אַ מאָל געקענט אויפהערן זיך דאגהן — אַז ר׳באַדאַרף אָפּנעמען וואָג.

גיך אַהיימגעקערט צו זייערע ווײַבער, האָט יעדער פון זיי מיט־געבראַכט אי סוד, אי איבערראַשונג.

וועלוול סיעדלעץ:

— זאָג מיר מזל־טוב, מיכלע, — האָט ער אָנגעשטעלט דעם בליק אויף זײַן חלק־שני. אָבער זי האָט צוריקגעפרעגט תמעוואַטע:

— מיט מזל זאָל מען לעבן. וואָס איז ביי דיר געשען אין מיטן דערינען, וועלוול? — און די ייִדענע איז געוואָרן טשיקאַווע אויף די נײַס וואָס דער מאַן האָט געבראַכט.

— זעסט נישט, וואָס ס׳איז געשען? דײַן מאַן איז ייִנגער געוואָרן!

— זאָלסט מיר זײַן מיט יאָרן. בײַ מיר ביסטו סײַ ווי קיין מאָל נישט אַלט.

— און אַז כ׳האָב אַ שענערן פּאַלטאָ איז גאָר נישט? הפנים דיר איז נישט קיין נפקא־מינה.

— וואָס איז דער חילוק, אַבי דו פילסט זיך גוט אינעם מאַנטל. האָסט׳ן געקירצט, געשמעלט, וועלוול?

— ס׳איז נישט דאָס. כ׳האָב געפונען מײַנעם. געפּאַקט און אַראָפּגע־ריסן אים פון יענעם. מיינסט בײַ אַ פרעמדן? בײַם געבראָטענעם ליטוואַק, אָבער ער האָט זיך נישט געשפּירט אַז ס׳איז נישט זײַן מאַנטל. דערפאַר האָב איך פון אים אַראָפּגעצויגן אין מיטן גאַס, הערסט, מיכלע: גענומען און אים אַהיים געשיקט ווי אַן אָפּגעשמיסענעם. ער וועט אַהיים קומען, וועט׳ן ס׳ווײַבל אַוודאי נישט דערקענען. דאַכט זיך, ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. כ׳האָב אים אָנגעקוקט, האָט ער אויסגעזען בלאָ און גראָ. שוין צוגעווינט זיך צו יענעמס, פאַרשטייסט? מיט אַ פול מויל שווײַגן האָט ער אַהיים גע־אײַלט.

— און דו האָסט זיך נישט אַהיים געאײַלט?

— אַלץ הייסט, כ׳האָב געכאַפּט אַ מציאה, — און גענומען אָנטקעגן שפּיגל זיך פּאָסמאַקעווען מיטן אייגענעם, אויסגעבענקטן מאַנטל אויף זײַן שיינער, קנאָכיקער, אויסגעצויגענער פיגור. — הע, אַצינד האָסטו כאָטש אויף וואָס צו קוקן, מיכלע, הע, מיכלע? כאָטש אַזוי אָרום, אַבי אַ באַגנײַטן מאַן? — און געלאַכט און געוואָלט אַז ס׳ווײַב זאָל מיטלאַכן.

אַ ביסל אַנדערש איז עס געווען בײַ זוסיע ליטוואַק.
אַרײַן אין שטוב, האָט ער דעם ווײַב אַ זאָג געטאָן:
— סאַלענקע, כ׳האָב דיך געבעטן זאָלסט מיר אָננייען דעם קנאָפּ אין מאַנטל, בינ׳עך געבליבן בײַם בעטן.
— זוסקע, וואָס טוט זיך מיט דיר? כ׳האָב דאָך דיר אָנגענייט דעם קנאָפּ אין מאַנטל.
— איך זאָל אַזוי געזונט זײַן, דו זאָלסט אַזוי געזונט זײַן, אונדזער תמרקע זאָל אַזוי געזונט זײַן, ווי דו האָסטו נישט אָנגענייט דעם קנאָפּ אין מײַן מאַנטל, — שפּאַרט ער זיך.
— זאָל איך אַזוי געזונט זײַן, ווי כ׳האָב יאָ אָנגענייט, — פלאַמט סאַ־לענקע. — סטײַטש, זי געדענקט געגוי אַז זי האָט אָנגענייט, ווי זשע קען ער זיך אַזוי שווערן!
— איך שווער דיר, סאַלענקע, נאָך אַ מאָל, אַז דו האָסט נישט אָנגע־נייט אין דעם מאַנטל.
דעם ווײַבל ווערט ביטער אויף דער נשמה. עס מישט איר אין די גע־הירן. דער מאַן איז איר טײַער, ס׳קינד איז ס׳שוואַרצאַפּל אין איר קאָפּ, וואָס זשע שווערט ער זיך אַזוי? באַהיט גאָט, איז ער חלילה אַראָפּ פון זינען?
האַרבע שרעקן האָבן זיך צעברענט אין איר האַרץ. ס׳איז איר פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן; זי האָט מורא געקראָגן צו קוקן דעם מאַן אין פּנים אַרײַן. ער איז לא־עלינו געררירט. וויי איז איר — פאַר וואָס ווערט זי אַזוי געשטראָפט! אַז ער רעדט אַזוי, שווערט זיך אַז ס׳איז טאָג, ווען ס׳איז חושך די נאַכט!
סאַלענקע איז אַ שוואַך מענטש, זי ציטערט פאַר איר קוים אויפגע־שטעלטער היים, זי איז שוין צו פיל געפּרוווט אַז זי זאָל קענען זיך אײַנ־האַלטן פון אויסברעכן מיט אַ באַך הייסע טרערן: — זוסקע, זוסיעלע, וואָס איז דיר, זאָג? אפשר ביסטו מיד, ווּעסט זיך צולייגן, יאָ?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער, דער נעפּל פון סאַלענקעס טרערן איז נאָך געהאָנגען אין חלל, די אָנגעוואָלקנטקייט פון שווײַגן איז געוואָרן שווער אויך פאַר אים, דעם להכעיסניק, וואָס האָט גראָד אויפגעשפּילט אין אים, האָט זוסיע פריי־לעך אויסדערציילט דעם טראַף מיטן מאַנטל. ער האָט דערציילט מיט אל די פּרטים און סאַלענקע איז אויסגעבראָכן מיט אַ ספּאַזמאַטיש לאַכן, איטלעך מאָל אויסגעשאָסן מיט דעם כיכיקען אַזש זי האָט מער נישט קיין כּוח גע־

האָט צום געלעכטער. אין אירע אויגן האָבן געבלישטשעט פריידיקע טרערן און די באַקן זענען געווען נאַס אָפּגעגאָסן; איר מאַן וועט שוין געזונט זײַן, איר זוסיע וועט שוין נישט דאַרפן אָפּנעמען וואָג.

— ס׳גוט, טאַטענקע, אמת? — איז אויך צוגעשטאַנען די קליינע תמרקע.

— אמת, האָסט נישט קיין פּעט בײַכל, זוסקע? — האָט סאַלענקע אים געמאָסטן מיטן בליק דעם פּעמפּיק.

— וואָס איך האָב, האָב איך, נאָר דער מאַנטל וועט מיר נישט זײַן מער ענג.

אי ער האָט דערויף געשמייכלט, אי זי האָט געלאַכט מיט דערלײַכטערנ־דיקע טרערן. ס׳קליינע שיינע מיידעלע זייערס האָט בלייך צוגעלויכטן מיטן בלאַסן לבנהדיקן פּנימל.

אַ שווערע כמאַרע האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעטאָן פון זייער שטוב.

לאַנג איז דער ווינטער

1

ווען אין דרויסן האָבן זיך געשטעלט די קרענקלעכע טעג פֿונעם שאַרף־ווינטיקן, שטאַרק פֿײַכטן יולי, האָט עס זרח ווינדהיימען געוואָרפֿן פֿון די פֿיס: או־או, געקומען ס׳אַרגענטינער ליבע ווינטערל — האָט ער געקרעכצט, — כ׳בין אין קעסל!

ער האָט זיך נישט געוואָלט נאָכגעבן, געראַנגלט זיך מיט אַלע מיני סימנים פֿון קראַנק זײַן. דאָס קרעלן אין האַלדז, דער דושנדיקער הוסט מיט וועלכן ער האָט „געריסן" די ווענט", דער „שווערער קאָפּ", די שלאַבערדיקייט פֿון די טריט — אַלץ האָט ער אָפּגעפּטרט מיט תּירוצים: ס׳עט אַדורך. עס איז אויפֿן נערוועזן באָדן. ווינציק עגמת־נפֿשן געהאַט די לעצטע וואָכן? יאָ, אַז מ׳לייגט זיך אין בעט אַרײַן — פֿאַלט מען. ער וועט זיך נישט אונטערגעבן!

דער בוענאָס־אײַרעסער ווינטער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּנאַרן מיט זרח ווינדהיימס עקשנות, פּונקט ווי אַן אינעווייניקדיקער ווייטיק לאָזט זיך נישט אָפּווישן מיט אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע.

עס האָט אים שוין אויף אַן אמת געבראָכן אין די ביינער, די אויגן זײַנען געווען פֿאַרלאָפֿן און דער קאָפּ איז מער נישט געווען קיין קאָפּ, נאָר אַ נעסט פֿאַר וואַקסנדיקער אָנגעשוואָלנקייט. אין אים האָט עס געמישט אַ נעפּל מיט ליכטצויטן, ס׳האָט געטונקלט, געררוישט ווי וואַסער אויף פֿײַערגלי. און בכלל האָט זיך זרח מער נישט געשפּירט דער זעלביקער וואָס שמט צווישן לײַט פֿאַר אַ מענטש מיט אַ פֿעסטן ווילן. אַן אויסגעהוילטקייט ווי אַ זאַנג נאָכן דרעשן, איז געבליבן פֿון דעם פֿריִערדיקן זרח ווינדהיים. זײַנע הענט האָבן זיך שוין צו גאָר נישט געהויבן, די פֿיס האָבן נישט געטראָגן. מסתּמא איז ער אויך משנה־צורה — איז ווי אַ זשאַבע געקראָכן אים אין מוח אַ וויסט געדאַנקל, אָבער צום שפּיגל וועט ער נישט צוגיין; צו וואָס נאָך זען ווי דער גנבֿ קלעטערט צו אים אויף דער לייטער, אַז ער

איז סײַ ווי נישט ביכולת צו ווערן זיך? אוי־אוי, ווי ער זינקט אין צע־קראַנבקייט! מוז זײַן, ער איז טאַקע חולהוואַטע. ס׳איז זיך שווער אָפּצוּוואַשן דערפון. און אפשר שוין די זיקנה?

דאָס טראַכטן האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס און ער האָט זיך שוואַך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. אַוודאי, מיט אים איז ערגער ווי מיט אַ קראַנקן. אַזאַ ווי ער קען גיין און — פאַלן. אפשר דאַך זיך אויס־געבן? נישט גוט וואָס ער באַהאַלט זיך אויס מיט זײַנע מיחושן. שוין צו אָפּט שטעקן זיי אַרויס די קעפּ ווי די באַעוולהטע הינטלעך. זיי בילן און ער וויל קלאָמפּערשט נישט הערן. אַזוי אויך מיט זײַן איצטיקן אונטער־סטענקען. דער אמת איז, אַז נאָר אים אַליין עקבערן די וויטיקן־ספיקות, בלויז אים צערײַסן זיי נאָר דערפאַר, ווײַל ער וויל קיינעם נישט צולאָזן צו זיי ווי שותפים צום וויסן, צום מיטפילן. ס׳איז די וואָר וואָס צעשנײַדט אים טיף ביז דער נשמה. ער האָט פײַנט אַז מ׳קריכט צו אים מיט אַ קרעכצל. ליבערשט נישט צו טראַכטן דערפון. עס ווילט זיך נאָר ערגעץ אָנשפּאַרן דעם קאָפּ, פאַרמאַכן די אויגן און דרימלען, דרימלען, כאָטש אים איז זיך לגמרי נישט געשלאָפן.

יאָ, שוין צו פיל גליווערנדיק איז דאָ די שטילקייט, אָנגעלאָדן מיט אַ ברויזן זײַנען די כמאַרעס וואָס הענגען איבער די פענצטער. אָ, ווען ער קען שלאָפן! און דאָס גלאָצן פון דער שטוב רײַסט אים די נערוון און דער דרויסן, וואָס שפּאַרט זיך צו די שויבן, שטעכט די הויט. ס׳איז וואָר: דער נישט געשלאָפענער שלאָף דרילט פון ס׳נײַ דעם מוח. ער שווילט מער אָן דאָס לײַב, טונקלט אָן זײַן וועלט — —

2

נישט געווען קיין ברירה: ער האָט זיך געמוזט לייגן אין בעט אַרײַן. אַצינד דערמאָנט ער זיך — ס׳האָט אים געוואָרפן אויפן געלעגער אַרויף און ער איז געוואָרן ווי אַ זאַך וואָס מ׳קען טאָן מיט איר וואָס עמעצן גלוסט זיך. מ׳האָט אים געמאָסטן די וואַרעמקייט, אײַנגעדעקט מיט אַ פּוכענער קאָלדרע, געגעבן צו שלינגען ביטערע פּילן, געשטאָכן מיט נאָדלען־אײַנ־שפּריצונגען, געלאָבט מיט „לײַכטע״, איבלדיקע גריצן. ער איז געזונקען אין אַ נעפּל פון ווײַטער פאַרגעסנקייט, געשפּירט — עס רינען אויס פון אים

די לעצטע כוחות. מטושטש הענגט איבער אים די שײַן פון אַ געדאַנק וואָס ער קען בשום אופן נישט אָנכאַפּן און האַרט וואַלגערט זיך אַן אויף אים דער רויש וואָס דרינגט אַרײַן פון גאַס. איז שוין אָוונט? דאָס ליכט זשמור־רעט, דאַכט זיך, גאַנץ לאַנג, גלײַך עס וואָלט אים נאָכגעשפּירט, זיך גע־רייצט: אָט געפּאַקט דעם חכם, אַנידערגעלייגט אויף פּעסט. אוי, ווי דאָס אַ ליכט מאַכט מיד. פון דער־אַ שײַן קריכן אַרויס פּײַכטע שאָטנס, ס׳פּאַטשן שרעקיקע פליגל. צפורה, דו ביסט עס? צפורה, וואָס זאָגט דער דאָקטער? נאָך לאַנג וועל איך דאַרפן ליגן? ער פרעגט און ר׳שפּירט ווי עס קלעפּט ויך דער גומען, די גלידער זענען אויסגעזויגן. — גוט, וואָס דו לאָזסט נישט צו דאָס קינד צו מיר. פּיבער איז קלעפּיק. ס׳אַ קלוגס אונדזער טעכ־טערל, אמת? זי איז מיט דיר די גאַנצע צײַט, לאָזט דיך נישט אַליין, זאָגסטו?

ער האָט זיך געשטערעקט צום וואָרט, וואָס האָט פון ס׳נײַ אויפגעוויקלט זײַן פאַרשלעפּערטן רעיון: דער מענטש מוז זיך אַליין שטאַרקן. די רפואה שפּאַרט אונטער דעם אָפּגעשוואַכטן, נאָר העלפן שטעלן זיך אויף די פיס, מוז דער קראַנקער זיך אַליין העלפן. די בעסטע תרופה ליגט אין דער מענטשלעכער פּסיכיק גופא. נאָר זי אַליין איז אין שטאַנד זיך אויסצוקלאָרן פאַרן פּנים פון דער וועלט: אַהין אָדער אַהער! זרח, ערשט איז דער זמן פאַר אַליינהילף, — האָט אין אים אָנגעהויבן האַסטיקער זיך דרייען ס׳רע־דעלע פון דער דערוועקטער מחשבה.

ער האָט זשעדנע געזוכט אַן אויער, וואָס זאָל אים הערן. נישט געווען קיין אַנדערער, האָט צפורה געמוזט זיך אָפּשטעלן נעבן אים.

— מיינסט, ס׳אַזוי ערנסט אַז כ׳מוז פּטרן טעג נאָך טעג אין בעט?

— הער אויף, זרח, — האָט ס׳ווײַב אים באַלד אײַנגעשטילט — טאָרסט נישט אַ סך ריידן. אָנשטרענגען זיך האָט דער דאָקטער פאַרווערט. וועסט קומען צו זיך. נאָר אַ ביסל געדולד. הײַנט וועל איך דיר געבן צו מיטיק אַ גוט ביסעלע יויך אויף מאַגנע־גרײַפּלעך. און וועסט אויסנאָגן אַ פליי־געלע. מעגסט שוין עפּעס עסן.

— און וואָס הערט מען, צפורה? מסתמא גרויסע נײַעסן פאָרגעקומען פאַר דער צײַט וואָס מ׳האָט מיך אָפּגעריסן פון אַלץ מיט אַנאַנד, — וויל ער שמייכלען, אָבער עס קומט אַרויס אַ בלייכע גרימאַסע. זי קוקט אויף אים און ס׳קוקט צוריק אויף איר אַן אויסגעצויגענע לבנה און נישט אַ פּנים, ער איז באמת שטאַרק אויסגעצערט, — באַמערקט שוין זרח ווינדהיימס

ווײַב און זי אײַלט אַרויס פונעם קראַנקנס צימער. זי וויל נישט פאַרראַטן פאַרן מאַן די דריקונג וואָס איר איז אָקערשט באַפאַלן. זי באַזינט זיך ערשט ווי סכנהדיק עס איז געווען זײַן מעמד — אָט מיט אַ דרײַ טעג צו־ריק. דער דאָקטער האָט עס איר מודה געווען שוין נ אָ ך ד ע ם.

„די טעמפּעראַטור האָט צו שטאַרק געשפּאַרט, און דאָס האַרץ איז היפּשלעך אָנגעגריפן“. טרויעריק האָט ער עס אויסגעזײַט, דער טײַערער דאָקטער, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אַפּנים, ס׳איז געווען זייער ערנסט, טײַטשט זי זיך עס אויס און קלערט באַלד וועגן אַ ביסל לאָבונג צו שטאַרקן דעם חולה. זי דערשפּירט אַן אומגעריכטע פײַכטקייט אונטער די וויִעס און ווישט זיי אויס אויף דער גיך. זאָל מען עס נישט זען אויף איר; גאָט צו דאַנקען, פאַרבײַ די סכנה, נאָר היטן וועט זי אים מוזן אָנהייבן היטן, — מאַכט זי אָפּ בײַ זיך.

3

צפּורה האָט דעם מאַן געהאַלטן אין בעט. — דו מוזסט, זרח, דער דאָקטער האָט באַפוילן, און דײַן הויז באַפעלט. אַז מ׳ווערט חלילה קראַנק, טאָר מען נישט קאַפּריזעווען, מ׳מוז האָרכן וואָס מ׳הייסט. סײַ ווי איז דער ווינטער הײַיאָר אַ שווערער, קראַנקייטן בושעווען. עס טרעפט אַפילו קינ־דער, מכל שכן מענטשן וואָס האָבן זיך גענוג אָפּגעמוטשעט פאַר זייערע יאָרן. וועסט קומען צו זיך, וועסטו קענען טאָן וואָס דיר געפעלט. איצטער האָסטו נישט קיין דעה איבער זיך. ס׳וואָרט האָט דער דאָקטער און ס׳ווײַב מיט דער טאָכטער. אמת, פּעסעלע? — נעמט זי שוין צו הילף דאָס אונ־טערוואַקסנדיקע מיידעלע און שטעלט זי פאַרן פאָטערס בעט.

— יאָ, פּאַפּאַ. מיר בעטן דיך, דו זאָלסט געזונט ווערן, — זאָגט דאָס טעכטערל. זי רויטלט זיך בעת־מעשה און דער בלאַסער פאָטער ווערט צונטער רויט. ער שפּירט אַז אַ היץ באַשלאָגט אים. אויפגעזעצט זיך אין בעט בײַ פּעסעלעס אַרײַנקומען, האָט ער איצט זיך שוין צוגעשפּאַרט אָנעם קישן, וואָס האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך. ער איז מוראדיק אָפּגעשוואַכט. אָנשטרענגען ז׳ך קאָסט אים ממש האַרץ. פּשוט, ער פאַלט אַוועק. ער, דער קראַנקער, האָט ענדלעך זיך מודה געווען אין דער קרענק.

ביסלעכווײַז האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן דעם סדר, וואָס ס׳ווײַב האָט

אײַנגעשטעלט אין זײַן צימער, און דער צימער האָט זיך אָפּגעשלאָסן צום פֿאַרנעם פֿון אַ ברעקל וועלט. זײַן וועלט איז איצט כּלל אָן האָריזאָנטן, אָן זון און אָן שײַן, אַחוץ דדעם טריבן ליכט וואָס עס שפּרייטן די פֿיר ווענט און די שויבן, די דרינזשענדיקע, די הערנדיקע און שטוינענדיקע. זײַנע אויגן זענען מאַט, די אויערן פֿרעמד, ווי נצחיק שפּירעוודיק. נישט דער איי־גענער זרח — כאַפּט זיך בײַ אים אַרויס און עס אַרט אים וואָס זרח ווינד־היים איז שוין גאָר נישט קיין לײַט. פֿוי, ער געפֿעלט זיך נישט! און כּדי זיך צו פֿאַרגעסן, שטרעקט ער אויס די האַנט צום בעטטישל און נעמט אַ בוך אַרײַנצוקוקן. אײַ־אײַ־אײַ, ס'אַרע חידושים! עס איז אַן אַנדער ענין, די וועלט וואָס איז פֿול מיט לעבנס־חכמה; שאַרפֿער אינטעלעקט איז אַרײַנ־געטאָן אין די־אָ בלעטער. עס שמעקט מיט ליכטיקייטן די גאָרע לאַנד־שאַפֿט, מענטשן באַוועגן זיך ווי ריזן און קאַרליקעס זענען אַ סך אַנדערע וואָס קריכן איבער די בוימשפּיצן פֿון די אותיות־שורות וואָס דער מחבר האָט פֿאַרפֿלאַנצט אין די געדערעם פֿון דעם בוך. ס'איז אַ פּלאַנעט אַ גאַנ־צער מיט לעבן, דער באָדן פֿון יעדן בוך. באמת, ס'קומט אַ שבח דעם מענטש וואָס קען אַזוי־ערנאָך באַלעבן די רויע גרודעס פֿון געדאַנק און פֿון ווילן, וואָס ר'געפּינט אַ פֿורעם און אַ געשטאַלט פֿאַר דער ווילדעניש וואָס קנוילט זיך איבער דער ברייט פֿון אונדזערע טעג. נאָר דער קלוגער מענטש באַווײַזט אַלץ אַזוי ווי עס לעבט דאָ־אָ — —

זרח ווינדהיים האָט ווײַט אַוועקגעבלאָנדזשעט איבער די פֿליינען פֿון דער דערוואַכטער מחשבה, אַזש דער נעפּל־קנוידער וואָס האָט זיך אָט־אָ אַראָפּגעלאָזן, האָט אים פֿאַרשאָטן דעם בליק. ער האָט זיך אָבער פֿאַר־עקשנט קעגן דעם, אַזוי אַרײַנגעלייענט זיך אינעם בוך, ביז ער איז מיט פֿאַרשמאַכטע אויגן צוריקגעפֿאַלן אויפֿן קישן, אַזש ס'ווײַב האָט אים געמוזט אָנשרײַען:

— ווי מעגסטו אַזוינס? אויב מ'וויל געזונט ווערן, טאָר מען נישט אָנ־שטרענגען דעם מוח, און פֿונעם מוח ביזן האַרץ איז דאָך נישט גרויס דער מהלך, זרח. מעגסט געדענקען: ס'האָט אַ שײַכות. ביסט דאָך עפּעס אַ קלו־גער, באַרעכן זשע זיך! דײַן האַרץ טאָרסטו נישט צו פֿיל מטריח זײַן. די מינדסטע רעגונג שאַדט, פֿאַרווערט און געווג! — און זי האָט פֿונעם טישל פֿלײַסיק אַוועקגעראַמט אַלץ וואָס קען דעם קראַנקנס מוח מטריח זײַן; אַלץ צוגענומען ביז אַ בלעטל מיט געציילטע שורות. — קוק ליבערשט אין זיך אַרײַן, קוק אויף מיר, קוק אויף דײַן טאָכטער, און גיט אַ שמייכל. — לייע־

נען איז אַ שלעכטע מעדיצין פאַר דיר. אויך מיטן ריידן מוזסטו זיך אויס־היטן. לאָז אַלצדינג אויף שפּעטער, — איז זי שוין געוואָרן וואָרענענדיק ענערגיש.

ווידער נישט אין אייגענער מאַכט, האָט זרח געקלערט און געלאָזן טאָן מיט זיך וואָס דאָס ווײַב האָט באַגערט, וואָס דאָס טעכטערל פעסעלע האָט געבעטן:

— ביסט אַ גוטער טאַטע, טאַ זײַ באמת אַזעלכער. געניאַר נישט. ס׳איז נישט שיין, סעניאָר זרח ווינדהיים!

ס׳מיידל האָט אַנגעסטראַיעט אַ שמייכל פאַרן פאַטערס וועגן, זרח — פאַרקערט — האָט נישט געקענט אויסשנײַדן קיין שמייכל אויף זײַן אַ ביסל אַנגעלאָפּענעם, בלייכן פּנים. אים האָט געצערט דער באַוווסטזײַן אַז ער איז נעבעך צוגעשמידט צום אייגענעם אומווילן. ער איז אײַנגעבראָכן, זרח ווינדהיים.

4

געווען אין די הענט פון די שטוביקע, האָט זרח געלאָזט טאָן מיט זיך אַלץ וואָס וועמען עס האָט זיך געוואָלט. „זיי" האָבן אים געהייסן אויפזעצן אין בעט, האָט ער זיך אויפגעזעצט; זיי האָבן צו אים גערעדט, האָט ער גע־ענטפערט. אַנדערש האָט ער נישט געעפנט ס׳מויל. סײַדן ער האָט זיך גע־וואָלט נאַריש מאַכן און ריידן צו זיך אַליין. אָבער אויף דעם איז ער שוין נישט אַזוי פיל לעקיש. איז ער געלעגן און געשוויגן, און פון ס׳נײַ גע־שפּירט די ביינער טוען אים ווי, דאָס ליכט פון די ווענט דריקט. און די טיר צום עס־צימער איז פאַרמאַכט. יעדער שאָרך אין הויז, יעדער קלאַפּ מיט דער טיר האָט אָפּגעגרילצט מיט דער נעבעכדיקער גרימאַסע: שאַ, אַ קראַנ־קער בײַ אונדז. דער דאָקטער האָט באַפוילן רו.

אַזוי זענען געקראָכן די וואָכן פון ווינטער, געפּויזעט די חדשים און זרח ווינדהיים האָט זיך אָנגעהויבן פון ס׳נײַ וואַלגערן אין אומבאַוווסטזײַן פון אַ באַשעפעניש וואָס טוט אַלץ מעכאַניש. זײַן ווילן איז אַטראָפירט, דער מוח פאַרגולמט.

ער האָט זיך לסוף אויפגעכאַפּט ווי פון אַ בערן־שלאָף, גענומען זיך דרייען אין בעט, געזיפצט מיט תרעומות, אַז ס׳איז נישט גוט צו ליגן; ער

וועט זיך שוין אויפהייבן — האָט ער זיך געמוטיקט מיטן בכיוון אַרויס־געבראַכטן וואָרט און אַליין זיך להוט צוגעהערט דערצו.

אויפגעוועקט האָט זרח וויִנדהיימען דער בליאַסק פון דער זון. זי האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל פענצטער; דאַכט זיך, אַז אַצינד האָט זי שוין לענגער אַרײַנגעקוקט צו אים. ער האָט צו מאָל דערשפּירט די ליבלעכקייט פון דער זון וואָס באַנײַט זיך אַפּנים:

— ווי האַלט מען אין דער וועלט, צפּורה? — האָט ער זיך געניכטערט ווי פון אַ נעכטיקער שיכרות. — קענטיק, ס׳רוקט אָן דער פרילינג, דער אַרגענטינער. זיכער, ערגעץ זיצט מען דאָך מסתמא אין די וועלדער, מ׳כאַפּט פרישע לופט; ערגעץ ווײַט איז דאַכט זיך אויך אַ וועלט, דאָ ליגט מען פאַרבאַבלט. אַ רחמנות נעבעך אויף די וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט די גלײַכע וועלט. איך בין אויך פאַרמישט אין עסק.

— שוין, האָסט שוין אײַנגענומען פּלוידער־וואָסער? — האָט זי אים ליבלעך געמוסרט — אַקוראַט פאַר דיר אָנגעמאָסטן, זרח! באַדאַרפסט שוין זײַן צוגעווױנט צום היגן לוח און פּירעכץ, ווינציקער זיך קרימען. זעסט, דײַן טאַכטער לײַדט נישט פון אַט דער קרענק, באַשר דו ביסט פאַרשיקט געוואָרן אין אַ „פאַרקערטער וועלט״ אַרײַן. ס׳איז נישט אַזוי: בײַ אַלעמען איז אייגן ס׳אייגענע. און דו דאַרפסט נישט אַלץ אַרויפוואַרפן אויף דער אַנדערשקייט. ס׳גישט געזונט פאַרן געמיט. געדענק, דו ביסט דאָ, קיין ד אָ ר ט באַדאַרף מער נישט עקסיסטירן פאַר דיר. און קלער ווינציקער אַרײַן אין דעם ווו דער הונט האָט דעם פּופּיק.

— דאָס איז אויך אַ תרופה וואָס דער דאָקטער האָט פאַרשריבן? — איז זרח געוואָרן ביטער. — אַז ס׳קלערט זיך, צפּורה, קלערט מען. — ערשט האָט ער זיך געשפּירט באַליידיקט למאי די זײַניקע ווילן זײַן קליגער פון אים, הלמאי מ׳האָט אים אויף אַזוי לאַנג געמאַכט פאַר אַ חולה.

— שוין געהערט אַזאַ חכמה, זרח. גיב אַכטונג אויף זיך!

און אַז ס׳וועבן איז אַרויס פון שטוב (דער אויסגעצויגענער קלאַפּ מיט דער טיר האָט מעיד געווען אויף דעם), איז ער אויף וואַקלדיקע פיס אַרײַן אין אַנדערן צימער, זיך צוגעשלײַכט צום וואַנט־קאַלענדאַר, וואָס איז מיט פעטע, שטאַרע ציפערן נאָך געשטאַנען אויף סוף יולי.

— וו־וווואַאַ! זיך אַוועקגעשטעלט די וועלט אויף אַן אָרט. זי שימלט אין זרח ווינדהיימס שטוב, אָבער די זון לאָזט זיך נישט, — קוקט ער צום פענצטער און מורמלט. זײַן פּנים צוקט און ער נעמט פאַרדראָסיק פליקן

די בלעטלעך פון קאַלענדאַר, פאַרקוועטשט זיי אין דער זשמעניע, צאַפּלט אויף פון יעדן שאַרך, פאַר אַ יעדער אויסדאַכטעניש פון טריט. ס׳ווײַב זאָל אים נאַר נישט שטערן, און אַליין אין זיך האָט ער אויפגעציטערט אין מורא נישט איבערצוכאַפּן מיט אַ מיטאַמאָליקן אָנשטרענג. דאָך רײַסט ער די בלעטלעך, רײַסט און ציילט די לאַנג אָפּגעפּלאָסענע טעג.

— אַוועקגעלייגט זיך און דער חשבון חשבונט זיך, — זאָגט ער. ער טראַכט פונעם „ווינטער וואָס קײַקלט זיך אָפּ און ער, זרח, ווייסט נישט אין אָט־דעם קוים זשיפּעדיקן גלי פון זײַנע געהירן ווי ווײַט ער וועט קע־נען אַזוי שווימען איבער די חלשותדיקע טעג״.

— פוי, נמאס! — גיט ער אַ שפּײַ און פּלוצלינג האָט ער אויפגע־הויבן אַ ליאַרעם:

— צפורה! צפו־ו־ו־רררה!

קיין ענטפער האָט אים נישט געענטפערט. אויף אַן אמת איז זי ערגעץ אַרויס. אויך דאָס טעכטערל איז נישט געווען. געלאָזן אים פּנים אל פּנים מיט זײַן שוואַכעניש און מיט דער פּלוצלינגער שרעק, וואָס וואַרגט. „וווהין בין איך עס דערגאַנגען, איך זרח ווינדהיים, דער...?״ פאַר זיין ראיה האָבן אָט־אָ זיך צעבלעטערט הייסע שטיקער לעבן וואָס ער האָט שוין היב־טער זיך און בײַ זײַנע טריט וואַלגערן זיך אָט להכעיסדיק, אָט נעבעכדיק די פעט אָנגעפּרעסענע, די איבלדיק־שוואַרצע פּרצופים פון געפּאַלענע טעג: זייערע קדחתדיקע געשרייען: „זונטיק״, „מאָנטיק״, „דאָנערשטיק״, „זונטיק״, וואַרפן זיך רק איבער די אייגענע פאַרקריפּלטע קעפּ. די טעג שטאַרן איבער זיי און קײַקלען זיך אַריבער די פאַרהילציקטע קעפּ וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אין חושך פון אָנגעהודזשעטן רייץ און ווילן צו זײַן, צו בלײַבן און זען. שאַ נאַר, ווי האַלט מע טאַקע מיט דער צײַט? יולי, אוי־גוסט, סעפּטעמבער — ווערן לאַנג קענען פאַלן די־אָ קעפּ? אַוודאי, טעג האָבן קעפּ. און זיי שמייכלען און זיי קענען כליפּען און שרײַען!

ריכטיק, ווי האַלט מע טאַקע מיטן חשבון פון קאַלענדאַר?

אויפגעקומען ווי פון אַ פאַרבלאָנדזשעניש אין אַ שווערן, צעפּלאָנטערטן חשבון, האָט זרח ווינדהיים זיך דערזען אין שלאָפראָק, דערשפּירט זיך מוראדיק אויסגעדייוועט און געזוכט עפּעס אַרום זיך און נישט געוווסט קלאָר וואָס ער זוכט. ריכטיק, ריכטיק, ר׳דערמאָנט זיך שוין: דעם הײַנ־טיקן חודש זוכט ער. ער קאָן אים נישט געפינען, כאָטש ער האָט באַדעכ־טיק אים געקוקט אין פּנים אַרײַן און דער קאַלענדאַר ליגט שוין אַ צע־

קנאָדערטער אין זײַן זשמעניע. אָקערשט טאַקע געפּרוּווט די בלעטלעך, געדריקט זיי אין האַנט און געהאַט ס׳געפּיל אַז ר׳קוועטשט אַ העלדזל פון אַ הון. הי־הי, עס איז נאָך וואַרעם, ס׳צאַפּלט זיך. באַקומען אַ לעבעדיקס און ער האָט עס... אָסור. ער האָט נישט דערהרגעט קיין שום נפש. ר׳איז נאָר צעטומלט. — צפּו־ו־רה! הער נאָר, צפּו־ו־רררה! — רופט ער אויס אומגעריכט, צעפּראַלט די טירן און געפינט זיך איבעראַנײַס אויג אויף אויג מיט דער האַרטנעקיקער אַליינקייט אין הויז. דער טאָג איז אין דרויסן מיט אַלעמען און ער, שוטה, וואַלגערט זיך דאָ אַ פֿאַרגעסענער! מער קען ער׳ס נישט דערלאָזן. ער וועט אַרויסגיין. די זון וואַרעמט שוין וואַזשנע. ס׳מוז שוין האַלטן נאָענט צו ראש־השנה! און ער פֿאַרשפּילט אַזוי פֿיל! די טעג לײַטערן זיך, כאָטש דער הימל קוקט נאָך כמאַרנע, עס הייבן זיך ווינטן, וועדליק עס זאָגן די שויבן פון פענצטער; עס רעגנט און עס קען נישט רעגענען. ערב פּריילינגדיקע דושנעקייט קוליעט זיך אַרום שוין לאַנג, בפירוש. אַפילו אין די נעכט פּילט ער עס אָפּ; זיי ווערן קירצער, טרוקענער, די פֿאַרטאָגן פעדערן זיך פריִער, מילדער, מיט אַ שוימל פון זון־אָנזאָג, כאָטש ס׳קאַלט. אַנו, מיר׳ן זען! מ׳דאַרף דעם שונא קוקן אין דער צורה אַרײַן.

ער בייגט זיך אַראָפּ צו די אַראָפּגעפאַלענע קאַלענדאַר־בלעטלעך, קוקט אין זיי מיט אַזאַ קוקל ווי ר׳וואָלט זיי געפרעגט: בינ׳עך גערעכט צי ניין? אַוודאי, ער איז גערעכט; דעם 28סטן יולי איז דער זונאויפגאַנג געווען אום 6,53 אַ זייגער, דער זונאונטערגאַנג עלף מינוט נאָך זיבעצן אַ זייגער. טאַקע מינוטן, אָבער דאָס וואַרעמע ליכט שפּרײַזט שוין מיט לענגערע פּיס. יעדער טאָג איז אויף דער וואָג בײַ דער זון. זי רוקט זיך, די זון, פֿאַרשטויסט די טונקלקייט, טעמפּט אָפּ די שאַרפקייט פון די קעלטן וואָס זענען דורכגענומען מיט ימישע ווינטן. אַזוי, אין געלעכטערן אַרײַן האָבן זיך שוין חדשים אָפּגערוקט. באַשײַמפּערלעך, ס׳קומט פּרילינג. אָבער וואָס וואַקלען זיך זײַנע פּיס, די קני זענען ווייך? אַלץ נאָך פון דער פײַכטקייט וואָס ציט זיך איבער דער ערד, זאַפּט אָן די לופט.

אַזוי האָט דער מענטש כמעט גערעדט צו זיך און נישט גערעדט, און אָט נעמט ער שנופּן מיט די נאָזלעכער: ס׳איז קראַנק דאָ די געגנט. דער הימל! ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך? — שטויסט אים שוין דער געדאַנק — ווי אַזוי, ווו? א צו אַלטער... ווייטיק דער־אָ. אַלץ איינס. סײַ ווי וועט ער מער נישט ליגן אין בעט. ער וועט זיך נישט לאָזן! ער גייט ווידער צו צום

צעהרגעטן קאַלענדאַר, בייגט אַרויף איינצלנע בלעטלעך, פרעגט פון ס׳נײַ בײַ זיי מיט די בליקן, מיטן צעברויזטן מוח און קוקט דערנאָך אַזוי ווי ער וואָלט ענדלעך באַקומען ענטפערס: 25סטער סעפּטעמבער — זונאויפגאַנג 5,41; זונפאַרגאַנג — 17,53. ס׳איז זיכער נאָענט צו דעם. און אפשר נישט? — — צפּורה! — רופט ער אויס אומגעריכט און נאָר ס׳ווידערקול ענטפערט אים: צפּורה, ווו האָסטו אַ צפּורה! זי איז דאָך נישטאָ — האָט ער זיך דערמאָנט. — ער וועט פרעגן צפּורהן: ווי האַלט איך אין דער אמתן?

צפּורה איז געקומען שפּעטער, ווען ער איז געשטאַנען אַן אָנגעטוענער.

— האַ, דאָס ביסטו? — האָט זי שיִער נישט אויסגעשריגן אין פאַרווונדערונג, מחמת אומגעריכטקייט צו טרעפן דעם בעט־ליגער אַזוי־אָ.

— ווי דען האָסטו געמיינט?

זי האָט זיך שוין נישט דערוועגט אים צו הייסן זיך צוריקלייגן, בפרט אַז ער האָט זיך דערנענטערט צום וואַזאָן מיט די פרישע בלימלעך, וואָס זי האָט אָקערשט אַרײַנגעשטעלט. — ר׳איז נעבעך ערנסט קראַנק, אָבער וואָרענען ווידער מיטן דאָקטער? טאָקע די בלימלעך נעמען איר אָפּ ס׳לשון. אפשר וועט ער זיך אַליין כאַפּן — ר׳מוז זיך נאָך היטן! איר מוח האָט כמורנע געאַרבעט.

— אָ, — האָט ער פלוצלינגדיק אַ רייד געטאָן מיט אַ קורצן אָטעם, ווי אַן אָפּגעהאַקטער קוויטש — נײַ בליִעכץ?

— נײַ בליִעכץ, ווי אַנדערש הײַנט? — האָט זי אויסגעצויגן דעם „הײַנט״. — דער ווינטער איז שוין הינטער אונדז. שיין, האַ? — און העלע, כמעט אָנפיסיקע בלימלעך מיט יונגע אייגעלעך קוקן צוריק אויף איר דערשטוינט, — עס איז פון פערסיקעס דאָס בליִעכץ. ראָז, צאַרט, ס׳וואָר, זרח? פון אַלע בליטן געפעלט מיר צום בעסטן דאָס־אָ. און דיר — זרח?

איר בליק איז דאַרשטיק אָנגעהאָנגען אין אים.

— מיר? וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — צווײַגעלעך זענען שיין ווען זיי זענען פריש מיט לעבעדיקע בלעטלעך, טראָגן געזונטע קנאָספּן, צייכנס פון פרוכטיקייט. די־אָ זענען עפּעס נאַקעט. אַ בלימל אַן אָרעם געלעכטערל. שוואַכע קעפּלעך אַזוינע מיט דינע הערעלעך, ציטערדיקע קוים־קוים־בלעטעלעך. שיין, זאָגסטו, איז אַזוינס? הלוואי.

ער האָט אויסגעקרימט די ליפּן.

— וואָס ווילסטו? ס׳איז דאָך ערשט סאַמע אָנהייב פרילינג. אַ ביסל

געדולד. ווײַטער אַרײַן וועט אַלץ זיך פונאַנדערבלײַען, אָנגעמען כוחות פון דער זון, פון דער ערד.

— ווײַטער אַרײַן, זאָגסטו? אפשר — איך באַשטיי. דערווײַל פיל איך נישט קיין טעם פון דעם־אָ פרילינג. פון דײַנע צווײַגלעך קוקט אַרויס די קראַנקייט פון דעם פרילינג. עפּעס נישט יוסט דאָס־אָ, נישט אַזוינס וואָס זאָל שטאַרקן אַ פּאָר שוואַכע פיס. וואָס קוקסטו אַזוי? יאָ, אַזוי איז עס. די וועלט האַלט זיך אויף פיס — אויף געזונטע צי אויף קראַנקע פיס, אָבער נישט אויף דײַן פרילינג, מישטיינס געזאָגט.

ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער שײנקייט, וואָס בליט נאָר אין דעם ווײַבס אויגן. און ווי אויף צו להכעיס, עפּעס ווי אויף צו שטאַרקן זיך קעגן דער שוואַכקייט, וואָס צעשלאָבערט נאָך זײַן גוף, האָט זרח ווינדהיים זיך אַ טראָג געטאָן אין דרויסן אַרויס.

דער זיידע

1

ר׳ יאַנקל בערקאַן איז גראָ און רעדט שטיל, מיט אַ שעפּטש, אַז אָפּט איז שווער אים צו דערהערן. ער איז אַלט אין די פּיס. זיי שטעלן געלאַסענע טריט; די זיקנה קוקט אים פון פּנים אַראָפּ, די עלטער בליקט ציטעריק אַריבער זײַנע ברילן אויף האַלאַבליעס. דאָס מידע פּנים איז רויט ווי פון לײַכטע אַנגסטן וואָס פּלעמלען אויף זײַן שלאַבעריקער הויט, שפּאַנען אָן דאָס האַרץ אין מורא אַז עס זאָל אָט־אָט נישט פּאַלן, אַז די שטאָט זאָל אים נישט איבעראײַלן. שוין צו האַסטיק פאַר ר׳ יאַנקלען די גרויסע שטאָט. אַנטקעגן איר איז פּלאַטערדיק זײַן גאַנצער גוף, די פּלייצע געבויגן, די שטים פּאַרקלערט, נאָר דער שכל איז קלאָר. אַ תענוג צו הערן ר׳ יאַנקלס ווערטלעך וואָס אונטער זיי האָט ער די טבע צו באַהאַלטן זײַנע אומעטן.

ר׳ יאַנקל איז אַן אַכציקער, אָבער איינזאַם, ווײַל אַן אַלמן. ער איז צווישן די קינדער, צווישן אייניקלעך, אָבער אַליין, מאָדנע אַליין. דרײַ דורות האָט ער אויפגעברענגט אַרום זיך און איבער די יורשים ציטערט ער, וויל נישט אַרויסלאָזן די שליטה איבער זיי. איך וויים, — זאָגט ער — זיי וועלן נישט האָרכן, איך מוז אָבער דערמאָנען, וואָרענען; ער האָט זיי אַ סך צו דערמאָנען, די באַיאָרטע זין און טעכטער, וואָס זענען אויך טאַטעס, מאַמעס, זײַדעס, באַבעס. איך בין אַ ייִד — חזרט ער איבער — די ייִדישקייט איז אונדזער גורל, זי האָט זיך צוגעקניפּט צו אונדז לײַבלעך. ניין, ס׳גייט נישט דווקא אין דער מורא פאַר אויסבײַטן דאָס רענדל, איז ער מסביר. אין די אַמעריקעס איז סתם אַן אויסכאַפּעניש אויפן ברעקעלע מענטשלעכקייט וואָס איז געבליבן טליען אין אַ משלנו. פונעם ייִד איז נישטאָ קיין אַנטלויפן. היטלער, ימח שמו, האָט דאָך שוין אָנגעלערנט די אַנטלויפערס. מ׳באַדאַרף דען ווײַט זוכן? עס איז באַשטימט פון הימל, און אַז דו באַשטייסט נישט אויף דעם הימל, זאָל זײַן אַז ס׳איז פון דער נאַטור — ס׳מוז גיין מין למינהו. אַ ייִד מוז זיך באַקענען צו ייִדישקייט. קיין ניבע־נימע איז נישטאָ.

אָדער ווײַס, אָדער שוואַרץ. סתם אומריינקייט ברענגט קרעץ. קענסט זיך זײַן נישט פרום, מעגסט זיך שטעלן אַפילו אויפן קאָפּ, נאָר אין דעם תוך טאָרסטו נישט פעלשן.

בײַם טיש פלעגט ער זיך אַזוי אויסשמועסן מיט אַ זײַטיקן, וואָס ווײַזט זיך אַרײַן אין שטוב צו דער טאָכטער, ווו ער האָט זײַן צימער. פאַר די לײַבלעכע האָט ער נישט קיין ווילן זיך אַראָפּצורייידן פון האַרץ, כאָטש ס׳לעכצעניש דערצו איז גרויס. אַ מאָל זעצט ער זיך אַרויס פאַר דער שוועל, קוקט אַרײַן אין דער פאַרנאַכטיקער אײַנגעשטילטקייט פון גאַס און עמעץ קומט צו צו אים:

— הע, ר׳ יעקב, ווידער אַ טאָג איבערגעקומען?

— וואָס זאָל מען טאָן — נישט שלעפּן ס׳פּעקל? אַז מ׳הייסט, מוז מען אַראָפּבייגן ס׳געניק.

כלערליי געדאַנקען פּלאָגן ר׳ יאַנקלען. ער האָט קנאַפּ נחת פון די קינדער. זיי האָבן מוראדיק זיך געענדערט. זיי זענען געגנוג קלוג, אָבער די מידה פון כיבוד אָב איז אָפּגעריבן געוואָרן פון זייער געדעכעניש. ער זעט עס אין כמה זאַכן, אַ מאָל אין אַ וואָרט, אין אַ בליק. אוי, אוי, פּײַניקט דער שכל! ער וועט נישט זאָגן אַז זיי זענען אים שונאים, אָבער פרעמד — יאָ. און צום טאַטנס דרך באַקענען זיי זיך נישט, הגם אַליין זענען זיי נישט בכוח אויסצוגעפינען אַ בעסערן דרך, אַן אייגענעם. אייגנטלעך האָט ער צרות נאָר פון איין זון. דער פּגם איז אין זײַן פּירעכץ. נישט ער טוט אים אָן חרפּות און בושות, חלילה, נאָר עגמת־נפש האָט ער פון אים: ער האָט אָן עין־הרע אַ שיינע פּרנסה, זיצט זיך אין אַ בריווהדיקער דירה, פירט אַן אייגענע קאַטש. אַלץ איז וואויל און גוט, נאָר ער האָט זיך מתדבק געווען אין דער סיטרא־אחרא — אַ פּאַרטיי וואָס פאַרוואַרפט גאָט, הערט נישט דעם געיאָמער פון מענטשנס בלוטיקע עוולות. אַזאַ מאַנקאַליע האָט זיך צוגעטשעפּעט צו זײַן זון.

ר׳ יאַנקל האָט גרויס ווייטיק פון צוקוקן זיך צו דעם זון. זײַן זישע רעדט זיך אײַן אַז ער איז קליגער פונעם טאַטן, ער ווייס וואָס רעכט איז:

— עך ברויך נישט קיין ארץ־ישראל. ער איז אַ ייד אָן גראַטשקעס, — טענהט זישעלע בערקאַן, און ער האָט האָלד מ׳זאָל אים הערן, וועלן פאַרשטיין, — כאַפּט ער זיך אַרויס מיט היץ. יאָ, ער איז אַ ייד, — זאָגט ער — ווײַל ער איז געבוירן געוואָרן אַזוינער. דער עיקר, — זאָגט ער — וואָס ער איז אַ מענטש. אַ מענטש מיר צום טיש! — האָט דער אַלטער זיך שוין

געמוזט אָפּבייזערן אויפֿן זון. לפי דעם אייגענעם שכל אַ מענטש, און אַזוי פֿאַרפֿירט ער זײַן אייגענע וועלט און די וועלט פֿון זײַנע קינדער. געהערט געוואָרן אַזאַ מרידה אָן אַ טראָפּל זאַלץ וואָס גייט אַרונטער אונטערן נאָגל! וואָס פֿאַר אַ טעם האָט אַזאַ יושר, ווי דו זאָגסט, זישע? דו האָסט ברוך־השם זיך דערשלאָגן צו אַ מאַיאָנטעק און מענטשן דרייען זיך אַרום דיר, מענטשן וואָס אַרבעטן אין דײַן פֿאַבריק, זענען לא עלינו גאָל ווי אַן אָרעמע קני! דאָס איז עס דער יושר דער גרויסער פֿון נײַעם גאָט דײַנעם? נעע!

פֿירט ער טאָקע אַ ברוגז מיטן טאַטן, דעם אַלטפֿרענקישן עקשן, דער כעניאָר זישע.

— הײַנטיקע צײַטן, — זאָגט פֿון שווערן האַרץ ר׳ יאַנקל בערקאָן און ער וויל פֿאַרהוילן זײַן האַרצווייטיק — זענען משוגענע צײַטן. ס׳איז נישט ווי אַמאָל. אַפֿילו כּיבוד אָב האָט תּמיד געמיינט אויך כּיבוד ייִדישקייט. הײַנט איז מען „לײַכט אויף דער נשמה".

ר׳ יאַנקלען ציטערט דאָס קול און ער פּלאַטערט פֿון מורא אַז זײַן גזע זאָל, חס ושלום, נישט צעטאָטשעט ווערן פֿון פֿאַרדאַרבנדיקע ווערעם. אוי, ווי עס געשעט: אַ טפּח בײַ דעם, אַ טריט בײַ עפּעס אַנדערש און די מכּה איז פֿאַרטיק — —

מיט צער און בענקשאַפֿט קערט זיך אום זײַן געדעכעניש צום איי־גענעם אַמאָל, וואָס האָט דאָך אָפּגעגעבן מיט אַ ליכטיקייט, כאָטש ס׳איז גאָר נישט אָנגעקומען גרינג. דער טעם, די ריחות פֿון אַרום האָבן געגעבן כּוחות.

2

און די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעליכטיקט יענעם אַמאָל!

ר׳ יאַנקל בערקאָן ציט זיך מיט גלוסטונג צו די בילדער וואָס לעבן אויף אין זײַן געדעכעניש. פּיאַנטקע הייסט דאָס שטעטעלע, ווו ער איז געקומען אויף דער וועלט. שוין אַ קימאַ־לן פֿון יענע פֿאַר יערעלעך. וויפֿל וואַסערן זענען שוין אָפּגעפֿלאָסן, וויפֿל לעבנס אויפֿגעגאַנגען און וויפֿל טויטן, רחמנא ליצלן, זענען געקומען מיט האַרצברעכעניש! נאָר געלויבט איז גאָט וואָס זיך דערשלעפּט אַהער. אַנדערע האָבן נעבעך ערגער אָפּגע־שניטן. כ׳לעבן, ערשט זעט זיך אַז ס׳גאַנצע פּלאָגעניש איז פֿול מיט ניסים.

גרויס ווי אַ טל ומטר אין אַ קליין סידורל געווען דאָס פּיאָנטקע. זאַמ־דיקע דאָרפישע גאַסן, אַ ברודיקער מאַרק און איבער די נידעריקע הילצער־נע הײַזקעס מיט די שיפּע דעכער — אַ גרויסער פּאַרריסענער קאָשטשיאָל פון רויט־געברענטע ציגל. אַ בייז באַשריגעניש אויף זיי. אויף הויכע מויערן האָבן זיי זיך אָנגעפּעסטיקט, די ערלים, מיט חוצפּה זיך געשטעלט אַנטקעגן אונדז. אין שפּלע שטובן זיצן די ייִדישע משפּחות, אויף האַלץ שפּאַרט זיך אָן סײַ די וואַרעמקייט פון קרירהדיקן ווינטער און סײַ די שאָטנדיקייט וואָס מ׳זוכט אין די זומערדיקע היצן. ס׳איז ברוך־השם פאַר אַלץ, נאָר נישט קיין אויסטערלישס. מ׳האָט הנאה פון דעם דאַווענען און מ׳קווועלט אָן אויב ס׳קומט אַ יום־טוב. די האָרעוואַניע אין שוויס פון פּנים איז די ברכה פון זײַן ליבן נאָמען, אַבי ס׳דאָ דער פּת לחם און דאָס בגד ללבוש. אַזוי האָבן דורות דערזען פּיאָנטקע די שטילע, און אַלץ מיטן אַלטן הילצערנעם בית־המדרש און דער הילצערנער שיל, און צווישן הילצערנע ווענט איז געזעסן אויך דער פּיאָנטקער רב. פון דער בית־דין־שטוב האָט ער הדרת־פּנימדיק אַרויסגעקוקט צו דער אוליצע — דער איינציקער ברייטער גאַס וואָס אין איר לענג זענען געשטאַנען זעקס הײַזער און צווישן זיי האָבן נכנעדיק געגלאָצט שטיקער לײדיקייט, אַ צעשניטענע פון מגושמ־דיקע הילצערנע טויערן. אַלע די טויערן האָבן געפירט צו דער שיל און צום בית־מדרש און צום רב, דעם מפורסמען ירא־שמים, וואָס האָט מער געפאַסט ווי געלעבט. עניוותדיקע געבײַען זענען עס געווען און אַרום האָבן זיך באַוועגט די כלי־קודש, דער שמש דער שיל־קלאַפּער און דער שמש חנא־לייב דער קברן, וועמען מ׳האָט נישט געטאָרט זאָגן קיין גוטמאָרגן. — —
געווען גילטיק אַ סך לאַוון אין פּיאָנטקע! מ׳האָט נישט געטאָרט זיך שפּילן, געווען פאַרווערט צו זינגען סתם אַזוי און ס׳געווען סכנות אויב אַ ייִדיש ייִנגעלע האָט זיך פאַרגלוסט אַ מאָל צו לאַכן אויף אַ קול. ס׳געדענקט זיך אים, יאַנקל דעם סופרס, ווי מ׳האָט אים קליינוויז אָנגעזאָגט וואָס מ׳טאָר נישט. דער טאַטע, דער בעל־מידות, האָט עס אָנגעזאָגט און די מאַמע האָט דאָס שטאַרק צוגעהיטן. זײַן קינדעריש קעפּל איז אָנגעדראָלן געוואָרן פון שרעק פאַר די „מ׳טאָר נישטס״. פון דעסטוועגן האָט אַ ציטעריקער חן זיך געשפּרייט איבערן שטעטל און אַ גלוסטיקער דרך־ארץ איז געווען אינעם פּחד פאַרן טאַטן. אַ גרויסע פרומקייט האָט געלויכטן פון טאַטנס פּנים און אַ הייליקייט האָט געוויעט פון זײַן מלאכה, ווי אָפט האָט דער טאַטע זיך געטובלט אין מיטן שרײַבן אַנטקעגן דעם אויסגעשפּרייטן טלית

אויפן טיש. דאָס קליינע יאַנקעלע האָט צו מאָל געשפּירט אַ ליבשאַפט פון דער שטראָף וואָס זיך דערדינגט צו איר. אָבער ווייַנען? חס וחלילה! אַ ייִד, האָט ער געוווּסט, דאַרף אַלץ מקבל באַהבה זייַן און דאָס איז אים געווען אַ גוטע לערנונג אויפן לעבן אַרויס. „קינדלעבן, מעגסט גלייבן! דייַן טאַטע זאָגט, איז עס אמת״ — האָט די מאַמע מעיד געווען.

ווי אויף דער דלאָניע ליגט אָקערשט די שלווהדיקע פּיאָנטקע. צונויפגעהאָרבעט איז דאָס שטעטעלע, וואָס אָנגעשפּאַרט אָן דער אוליצע און דעם מאַרק, פון וואַנעט עס איז אויך נישט ווייַט דער שוחט, דער שוחט שני, די מלמדים און די קרעמערס מיט די יאַריד־פּאָרערס. ווי דער געל־בלייַכער זאַמד וואָס אַ גוי פלעגט אָנפירן פאַר די ווייַבער יעדן ערב־שבת אויף אויסצושיטן אויף די פּאָדלאָגעס, איז געווען די קאָליר פון דער פּיאָנטקער גאַס, אָבער בלאָטע־שוואַרץ, קלעפּעדיק איז געווען דער פּוילישער וועג, וואָס האָט געפירט אַרויס קיין אָזאָרקאָוו, נאָר נענטער איז געווען קיין סאָבאָטע. ס׳איז נישט קיין ווערטל „פון פּיאָנטקע קיין סאָבאָטע אַ כאַפּ־לאַפּ״, וואָס פלעגט זיך אָפּט אַרויסכאַפּן — עס איז די נעוואָרעט. פּיאָנטקע איז קליין און סאָבאָטע איז נישט גרעסער, אָבער די נאָענטקייט צווישן זיי האָט פאַרשמעקט מיט משפּחהדיקייט, ליבלעך. ס׳איז „אַ הינגע און אַ דרייַנען״ און פון זיי הערט זיך אַלץ איינס אַ פרום ברומעדיק לערנען פון קלייַנעם שטרייַמלדיקן רבל. ווי אין פּיאָנטקע איז די פּרנסה אויך אין סאָבאָטע געלעגן אין דער הצלחה פון די יאָרמערק, וואָס האָבן פאַר־פּסחדיק, אין פראָסט צוגעצויגן אַן אָנפּאָרעכץ פון חמרים פּויערים מיט תבואה, מיט קאָזשוכעס, מיט פלאַקסן און קעלבער און די זשעדנעקייט פון דאָרפישן כאַם צו שטיוול, סוקמאַנעס און גרינע זייף, פּאָדעם און נאַפּט. פון פּיאָנטקע קיין סאָבאָטע איז מען געגאַנגען צו פוס, אַ מאָל זיך מיטגעכאַפּט אויף אַ דאָרפיש פורל. און פּיאָנטקע איז קורץ אויף פּויליש ווי אויף ייִדיש, אַקוראַט אַזוי ווי סאָבאָטע, און ביידע זענען זיך ייִדישלעך נאָענטע מחותנים: פּיאָנטקע מיינט פרייַטיק און סאָבאָטע איז בפירוש — שבת. ביידע שטעטלעך זענען געצאַמט, שטיל, עפּעס אָפּגעשראָקן ווי דער שריט פאַרן תחום־שבת. און די ייִדן פון די ישובים האָבן זיך געפילט איינע צו די אַנדערע ווי שכנים, נאָר די האַנט אויסצושטרעקן, נאָר אַ הייב צו טאָן די קליאַמקע:

— גוט יום־טוב, רב גאָדל!

— יום־טוב און שמחות אויף אייַער הויז, רב מאָטל!

מ׳האָט זיך מהנה געווען מיט גינציקייט און מ׳האָט געזוכט זיך משדך צו זײַן איינס מיט ס׳אַנדערע.

— ס׳איז געווען אַן אַנדער מין לעבן, מײַן האַרצעדיקס, — צעגייט זיך ר׳ יאַנקל אין דערוועקטער חדווה, ווען עס פאַלט צו צו אים אַן אייניקל וואָס נייגט אָן ס׳געהער מיט נייגיר פאַרן זיידנס מעשות פון די ערטער, וועלכע זענען תמיד בײַם זיידן „אין דער היים״. ווי נאָר אַ וואָרט, אַ פרעג, איז דער זיידע געקומען מיט אַ משל פון פּיאַנטקע, אַ געשיכטע פון זײַנע מקומות און די אַלטע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. — דאָ, קינדלעבן, איז גאָר אַנדערש, — ווײַזט אַרויס דער זיידע געטרײַשאַפט, גיט אַ גלעט איבערן בעקל. — שוין מער ווי צוואַנציק יאָר דערין, ווי כ׳בין אַוועק פון ד אָ ר ט און כ׳קען אַלץ זיך נישט אָפּגעוויינען פון יענעם טעם. מלא חן געווען אַלץ, כאָטש אָרעם, ס׳שטיקל ברויט איז געווען א קרן, נאָר תמיד זיס. יאָ, פּיאַנטקע איז געווען די סאַליע און סאָבאָטע גלײַך צו אַן אַלקער. געווען אַ שפּאַן פון איינס צו ס׳אַנדערע. האָסט נאָר באַדאַרפט אַרויסגיין פאַר דער שוועל, אַ מינוט זיך אַרומקוקן און אָנהייבן שטעלן דעם טריט. דערנאָך איז זיך שוין געגאַנגען אַליין. ווייסט נישט וואָס, ווען, ביסט זיך פאַרקראָכן פון פּיאַנטקע קיין סאָבאָטע. דאָס ראַב־אייגענע איז געווען בײַ די לײַט פון סאָבאָטע. מאָדנע געווען. טייל מאָל האָבן די שכנים זיך צעמישט, פאַרגעסן צי זיי זענען אין סאָבאָטע צי אין פּיאַנטקע. לײַט האָבן דאָ ווי דאָרט זיך געשפּירט אין דער היים, ווײַל ענלעך אַלץ דאָ ווי דאָרט. און מ׳האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין יחסנים. מחמת גאווה איז עבודה זרה. מ׳איז זיך געזעסן במנוחה ובטהרה אויף די קאַרטאָפל, געהאַט ס׳שטיקל שוואַרצע ברויט. ברוך ד׳ יום יום. מעגסט עס וויסן, מײַן קינד!

... יונגערהייט האָט יאַנקל דעם סופרס זיך דערוווּסטערט פון פּיאַנטקע. געוואָרן ערגער די צײַט, האָט מען געמוזט זוכן תכלית ערגעץ אַנדערש. געווען מפורסם מיט יגיע־ כפּימניקעס דאָס אַזאַרקאָוו, האָט עס אים אַ צי געטאָן אַהין. צו סופרות נישט געהאַט קיין נטיה, עוסק זײַן אין תורה נישט באַגערט, האָט ער פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און אַוועק צווישן מענטשן. אַוודאי. ס׳איז געוואָרן אומעטיק, אָבער וואָס איז גרינג אין לעבן? ס׳שווער בכלל. קינד מײַנס.

3

אַז ס׳אייניקל הערט אים, ווערט דער זיידע אויפגעהײַטערט. אָפּט מאָל ווילט זיך אים אין מיטן דערינען אַ זינג טאָן אַ זמרל, ווי ער איז עס געווען געוווינט אין די יונגע יאָרן, ווען ער איז אַוועק פאַר־זיך. ר׳ יאַנקל איז אַוועק ווײַט, געוואָרן געניט אין אַרבעט, געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט און „אײַנגעשפּאַנט זיך אין שווערן וואָגן״. יאָ, יאָ, דער מענטש ווערט געבוירן דערצו, ער טאָר זיך נישט אָפּשטעלן ווי לאַנג עס קלעקן די כוחות. טאָג און נאַכט געזוכט ס׳קריש ברויט, געלאָפן נאָכן גילדן, אַבי אין שטוב אַרײַן צו ברענגען דעם ככר לחם פאַר ווײַב און קינדער. פון אַלע מלאכות וואָס געטאָן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף בדחנות. די צונג האָט זיך לײַכט געלייגט אויפן פסוק און אויפן גראַם דעם שאַרפן, דעם קלינגענדיקן וואָס איז אַ תענוג פאַרן אויער. „ר׳ יאַנקל בדחן״ איז געוואָרן אַ שם גדול. מ׳האָט אים גערופן אויף באַלעבאַטישע חתונות, אויף חסידישע חתונות און ער האָט געזאָגט, באַזונגען, אויסגעפונען פאַר חתנים, פאַר כלות באַטעמטע, טרייסטנדיקע נמשלדיקע רייד, צעוואַרעמט מחותנים, אָפּגעהיטע פעטערס, ציטעריקע, אַטלעס־זײַדענע באָבע־זיידע, זיי אויפגעלעבט מיט זײַן באַדעקנס, מיט טרעפיקע משלים. אײַ, זענען איבערגעגאַנגען די אויגן פון זײַן זאָגעכץ!

— כלהשי, כלה איינע, שאַדט נישט אויב דו וועסט אין חופּה־טאָג דײַנעם וואָס מער וויינען!

ר׳ יאַנקל דערמאָנט זיך און עס „נעמט אים״ אין מיטן דערינען אַ באַזינגעכץ, וואָס וועקט מיטאַמאָליקן נײַגיר פון אַן אייניקל און דאָס עפנט מויל און אויערן. אָבער ער וויל נישט אַזוי פיל זיך „צו נאַר״ מאַכן, דער זיידע, מחמת די קינדער זײַנע, די באַיאָרטע, באַגערן נישט אַז זייערע קינדער זאָלן קוקן אויפן זיידן ווי אויף אַן עבר ובטל, רעדט שטותים, וואָס קיינער וויל עס נישט הערן. טאַטע, — זאָגן זיי ר׳ יאַנקלען, — הײַנטיקע חברה דאַרף נישט וויסן פון אַזוינס, וואָס מאַכט דיר נאָך זיס אין מויל. ר׳האָט זיך געכאַפּט, דער אַלטער, אַז ס׳איז אַוועק זײַן צײַט. נאָך גוט, ער האָט באַנומען דעם דרך פון די זין און טעכטער און זיך פירגענומען מער צו שווײַגן ווי אויסזאָגן וואָס ער טראַכט פון איצטיקע פירעכצן. נישט שײַך זיך צו קריגן מיט קינדער, און ער טאָר זיך נישט באַליידיקן אויפן זון, אויב ער איז נכשול מיט אַ וואָרט. זיי האָבן זיך זייערע „פּראַוועס״. נו, זײַ ווייסן

נעבעך נישט וואָס עס איז שיין, און ער לאָזט זיך אַראָפּ אין טיפעניש פון דערוועקטן זכרון. אָפּגעזונדערט זיך אין זײַן צימער, זיך פֿאַרבאָרגן מיטן זיפץ וואָס ברענט דורך זײַן ברוסט. ר׳האָט דמיונותדיק ווידער זיך באַהעפט מיט די טומלדיקע חתונות, מיט די ברייטע מאָלצײַטן, מיטן פֿײַערלעכן זאָגעכץ און די תורה־רייד וואָס זענען פֿאַרזייט געוואָרן צווישן עולם. ר׳ יאַנקל פלעגט פזרנותדיק שפּרייטן אַ זוימען פון פרייד בײַ איינצײַטיקן מוסר, און הערצער האָבן זיך געעפנט, אויגן האָבן געטרערט מיט גינצי־קייט. אַצינד איז ער דערווײַטערט פון אַלעמען, אַפילו פון דעם בענקעניש וואָס האָט געשפּײַזט זײַן רעיון און דעם חשק צו דערהייבן זיך באַנאַנד מיטן צעפליגלטן וואָרט. ר׳ יעקב בערקאַנען איז געוואָרן ענג די נײַע היים, געוואָרן פרעמד, פונקט ווי די לײַבלעכע האָבן זיך פאַרפרעמדט פון אים. ער האָט געווייכט פון דער שטוב, געזוכט צווישן מענטשן אָן אויער פאַרן געוויין פון זײַן דערדריקטן אַמאָל וואָס האָט נאָך געלויכטן אין אים מיט דער טריבער שײַן פון ליבשאַפט צו דער וועלט וואָס גיט לעבן.

אייניקלעך האָבן זיך אָבער געטוליעט צום זיידן, וואָס האָט זיך מער געעלטערט, געוואָרן שטילער אין קול, אידעלער אין שריט און די אויגן האָבן גענומען זיך פֿײַכטלען. די אונטערוואַקסנדיקע אייניקלעך האָבן דער־פילט די עלנטקייט פונעם זיידן אין מיטן פון זייער ליאַרעמדיקער משפחה. ער וויל עפּטערס בלײַבן אַליין, שאַרט זיך אַרויס פון שטוב, זוכט רו צווישן פרעמדע, וואָס ווילן אים גערנער הערן. — זיידע, זיידע־קרוין, האָסט אונדז פֿײַנט? — האָט אַ מיידעלע אים געפרעגט מיט פאַראיבל און געבעט. חס ושלום, — האָט ער זיך צעוואַקלט, גלײַך מ׳וואָלט אים געכאַפּט בײַ אַ ליגן. ער האָט אין זינען געהאַט די קינדער זײַנע, וואָס האָבן גענומען פעלשן אין אים, נישט געדאַגהט זיך פֿאַר זײַן חולשות, אָבער וואָס איז ס׳יונגוואַרג חייב אין די זינד פון די טאַטעס? אויף אַן אמת האָט ער אַרויסגעוויזן ליב־שאַפט די אייניקלעך און זיי פלעגן בעטן בײַ אים ער זאָל דערציילן אַ מעשה פון זײַנע מעשיות, צו וועלכע זיי האָבן נישט געקענט גרייכן מיטן דער־צונדענעם דמיון:

— זיידעשי, אַ נו, זיידע!

— גיי, גיי, ס׳איז נישט פאַר דיר קיין משל. ווער לאַכן פון זיידן.

— אָסור נישט, זיידעשי! כ׳האָב עס ליב.

פון נגידישע חתונות, פון יחסנישע חתן־כלות האָט ער דערציילט; פון ווײַסע, שנייאיקע נעכט, ווען חופות זענען געשטעלט געוואָרן אונטערן אויס־

געשטעהנטן שטילן הימל און קייטן פון געצונדענע ליכט האָבן אַרומגע־שנירט די נאָגנדיק־פריילעכע מוזיק פון פאַרחלומטע קאַפּעליעס, וואָס אַזוינע זעט מען נישט אין די היגע קאַנטן. ס׳אַנדערע געוויקסן געוועזן אין יענע הימען, — זאָגט דער זיידע און קוקט פאַרבענקט צו די קינדער פון זײַנע קינדער און ער זעט היימלעכע צעליכטיקטע הויפן, צעטאַנצטע גע־זעמלעך ייִדן אין זײַדענע קאַפּאָטעס און צעפלויגענע פּאָלעס.

דערצונדענע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אויפגעהויבן צו ר׳ יאַנקלען, הענט האָבן זיך געשטרעקט צו אים: — נאָך, נאָך, זשײַדע!

ר׳ יאַנקל האָט אין זיך געקלאָגט: מײַנע טײַערע אייניקלעך ווייסן נע־בעך נישט ס׳גליק פון אַ חתן־כלה בײַ אונדזער ס׳גאָל אין אַ פּיאַנטקע צי אין אַ סאָבאָטע. אַלץ איז נעבעך פאַרשטײַפּט אין נישט פאַרשטיין אַז וואַ־רעמקייט פון דערקוויקטן האַרץ מיינט אויך ליכט פאַר דער נשמה. וויי, וויי, ווי קען מען לעבן אָן נשמה, ווי מ׳פירט זיך הי?

אומעט איז באַשערט געוואָרן דעם אַלטן ר׳ יעקב אויף זײַנע געשענק־טע יאָרן. בראשו וברובו איז ער נאָך אין דעם ליבן, דעם אָפּגעמעקטן פּיאַנטקע, זיי דאָ זענען אייביק אין דער פרעמד, און וואָס פרעמד — איז קאַלט. אים כאַפּט דערפון אַזש אַ רונצל. מ׳מוז אַנטלויפן דערפון. אָבער די אייניקלעך האָבן געקלעפּט צו אים, מער היים אים געגעבן ווי די זין און טעכטער, וואָס פון גשמיות פעלט זיי גאָר, גאָר נישט, אלאָ ס׳האַרץ איז זיי, לא־עלינו, פאַרדרייט. און איז יונגוואַרג צוגעשטאַנען, ווי געוויינטלעך אין לאַנגווײַל, אַז דער זיידע זאָל עפּעס דערציילן, האָט דער זקן געזשמור־רעט די אויגן, געקנייטשט דעם שטערן און געוואָלט באַזינען וואָס ס׳איז „גלײַכער צו דערציילן״.

— הער, מײַן קינד. איך הייס יאַנקל, ווייסטו פאַר וואָס? ס׳כדאי צו הערן. אַמאָל איז מען געווען נישט ווינציקער קלוג ווי הײַנט. אין אַ נאָמען האָט מען געזוכט תכלית ווי אין אַלץ וואָס מ׳האָט געטאָן.

— טשיקאַווע, זיידע, — און געהער איז געוואָרן האַרץ, שפּירעוודיק האַרץ מיט אויגן, מיט הענט וואָס קוקן, רירן אָן מיט דאַנק.

— מ׳מעג כ׳לעבן הערן. איך בין געבוירן געוואָרן מאָנטיק, זיבן און צוואַנציקסטן טאָג אין חודש אָדר. ס׳איז געווען שניי, פראָסט אין דרויסן, גאָר נישט ווי ס׳איז דאָ. פּונקט אום שבת וואָס איז געקומען דערמאָלט, האָט זיך אַרײַנגעוויזן צו אונדז אין פּיאַנטקע אַ גוי אַ שליח פון אָזאַרקאָוו — אַזוי האָט מען מיר דערציילט ווען כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין. געקומען

דער מענטש און זיך געפּרעגט צו מײַן טאַטן ר׳ שמואל־דוד דעם סופר. אַז מ׳האָט דעם ערל געפּרעגט וועגן וואָס מ׳האָט אים געשיקט צום סופר, האָט ער זיך צעשטאַמלט, נישט דרייסט געוועזן צו זאָגן וואָס באַדאַרפט זאָגן. לסוף האָט ער דערציילט: ווען ר׳איז אַרײַן דעם זעלביקן שבת פּאַר־טאָגס אין שטוב צום אַלטן ראַבין, זענען בײַ אים געווען פֿאַרזאַמלט אַ סך טרויעריקע מענטשן און אין בעט איז געזעסן דער ראַבין, וועלכער האָט שטיל־שטיל געלייענט פֿון אַ הייליקן בוך. באַזשע, ווי אַלע האָבן געצי־טערט! די מענטשן האָבן געגאָסן טרערן און געבראָכן די הענט! מער האָט מען נישט באַדאַרפט: מ׳האָט שוין באַנומען — עס איז געשען דאָס שרעק־לעכסטע! פֿאַרפֿרעסט די ליפּן אין ווייטיק, דעם ערל מאכל ומשקה געווען אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג (מע וועט דאָך אום שבת נישט לאָזן אָנזאָגן אַזאַ פֿינצטערע בשורה!) און געוואַרט ביז ס׳וועט אויפֿגיין דער שבת־צו־נאַכטס־דיקער שטערן. ווי נאָר מ׳האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, האָט מען דעם שליח אַרײַנגעשיקט צו מײַן טאַטן אין באַזונדערן חדר אָנזאָגן די בשורה. אַלע האָבן דערהערט דעם טאַטנס פּלוצלינגן האַרצרײַסנדיקן קרעכץ, אָבער ער איז באַלד אַרויס מאַכן הבדלה. אַלע מאָל נאָך שבת האָט מען אָנגעצונדן אַזאַ גרויס פּילקנויטיק ליכט, געזאָגט אַ תפילה. דערנאָך האָט מען פֿאַרן טאַטן געדונגען אַ פֿור ביזקל אָזאַרקאָוו, וואָס איז געלעגן דרײַ מײַל פּוילישער וועג פֿון פּיאָנטקע. פֿון דאָרט האָט דער טאַטע נאָך געהאַט אַ גלאָטן שליאַך פֿון צען וויאָרסט צום ישוב, וווּ דער זיידע איז געווען רב. אָנגעקומען אַהין, האָט מען שוין געוואַרט אויפֿן טאַטן מיט דער לוויה. נאָך דער לוויה, באַלד פֿון בית־החיים האָט מײַן טאַטע זיך אויפֿגעזעצט אויף אַ פֿורמאַנקע און אַהיים געפֿאָרן צו מײַן ברית, און טאָקע מיר אַ נאָמען געגעבן יעקב, נאָכן זיידן ר׳ יעקב דיין ז״ל. ער איז געווען אַן איש תמים, לויט מע האָט דערציילט. אַן אָפּגעהיטער ייִד געווען און אויך גע־ווען אַ סופר מומחה, ווײַל פֿון קהל נישט געהאַט גענוג חיונה. זײַן סופרי־שער כתב איז געווען אַ יופי, ממש געפּערלט, און טינט האָט ער געמאַכט אַזוינעם וואָס קיינער האָט נישט געקענט נאָכמאַכן. מענטשן האָבן אים ליב געהאַט אַהבת־נפש, ווײַל ער האָט ליב געהאַט ייִדישקייט ווי גאָט האָט גע־באָטן. דו פֿאַרשטייסט, מרדכילע? אַ טײַערער ייִד געווען דער וואָס איך איך הייס נאָך אים. כ׳האָב מורא אַז איך וועל דיר נישט קענען געבוי אָפּ־משלען וואָס דאָס מיינט. ס׳איז אַזוינס וואָס אויף צו פֿאַרשטיין, דאַרף מען צולייגן האַרץ און האָבן צוגעזען דאָס, וואָס איז דאַ כלל נישט בנמצא.

— ס'הייסט? — האָט ס'איינִיקל נישט באַנומען.

— אַזוי הייסט עס, מרדכילע. נישטאָ אַפילו וועמען צו פרעגן אַז ער זאָל מעיד זײַן וואָס דײַן זיידע מיינט. אפשר, וועסט עלטער ווערן, ווּעסטו פאַרשטיין.

בײַם יינגל האָבן זיך נעפּלדיק פאַרצויגן די פאַרטראַכטע אויגן.

4

ר' יאַנקל האָט געהאַט סײַ אַ גוטע סײַ אַ שלעכטע עלטער. געהאַט אַל דאָס נייטיקע, מ'האָט זיך געכוחט אָפּצוגעבן אים כיבוד אָב, אָבער ער איז נישט געווען צופרידן פון פירעכץ וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרום אים אין סאַמע שפּע. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן ריין און שיין, נאָר עפּעס האָט אים געפעלט. אין דער היים בין איך נישט אינדערהיים, איז געוואָרן זײַן זאָג זינט ער האָט דערשפּירט דעם מרחק צווישן זיך און זײַנע קינדער, וואָס האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קיין אַרגענטינע. ר' יעקב פרייט זיך וואָס די קינדער גייט ב"ה גוט, אים טוט נאָר ווײ וואָס זיי זענען ווײ'נציק יידיש. נאָך ערגער איז מיט זײַן זישען. ער האָט שוין אין גאַנצן געמאַכט אַ שניט מיט אַלץ: נישטאָ קיין יידן, טענהט ער, פאַראַן נאָר מענטשן. מענטש איז אַ הויכע מדרגה. נאָר סעניאָר זישע בערקאַן איז אַ מענטש. אַ גרויסער פאַרשטייער, מײַן זון, — האָט דער אַלטער געקרעכצט. אוי, אוי, ער זאָל נאָר נישט דאַרפן באַדויערן, — האָט ר' יאַנקל זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ העפטיק קול און ווידער אַ מאָל, ווי שטענדיק בעת אַ ברוגז, אַנטקומען פון שטוב. בעסער צו זײַן צווישן פרעמדע איידער צווישן קלאָמפּערשטע איי־גענע וואָס זענען דרייסט נאָר צו דערדריקן!

יאָ, ר' יאַנקל האָט זיך דערשפּירט אין רעכטן עלנט אין זײַן גרויסער משפּחה פון קינדער און קינדס־קינדער. נישט גוט, אויב מ'האָט נישט קיין אייגן ווינקל, — האָט ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך. ווו ער גייט, גייען זיי נישט; צו שמועסן מיט אים, לייגט זיך נישט זייער צונג. זיי האָבן געכאַפּט דעם אמתן שכל, — האָט ביטערניש אים געוואָרגן. נו, קיין דעות וויל מען נישט פרעגן דעם טאַטן, קיין עצות באַדאַרף מען נישט פונעם שווער. געקומען אַהער אַן אַלמן, האָט ער געמיינט זיך צוצוטוליען צו די קינדער, זיי וואַרע־מען מיט דער וואַרעמקייט וואָס אַ טאַטע שפּירט צו זײַן בלוט און פלייש.

אָבער דאָ גייט עס נישט. צו מאָל די לופט איז דאָ פֿאַרשאָלטן מיט אַן אויס־טערלישער קליגשאַפֿט. איז דערפֿאַר שוויַגן, אויסמײַדן גערעדעכץ די בעסטע זאַך, און אַזוי האָט ר׳ יעקב באַצוווּנגען זײַן חשק צו ריידן, צו שרײַען דאָס גרויסע געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פֿון אים. אמת, צוערשט זענען אַלע געווען צוגעלאָזן צו אים, אַפֿילו צערטלעך, אָבער די קינדער זענען מיד געוואָרן פֿון די צערטלעכקייטן. דער טאַטע עלטערט זיך, האָבן זיי גיך אײַנגעזען; קלאָמפּערשט ווערט ער קאַפּריזנע. די אייניקלעך זענען פֿון דעסטוועגן געבליבן צוגעבונדן צום זיידן, מחמת זײַן באַרוטקייט, זײַן צײַט־נעמען זיך זיי אויסצוהערן, מחמת זײַן געמיט צו פֿרעגן זיך וואָס מ׳הערט, וואָס זיי טוען. און זיי לאָזן זיך זאָגן פֿון זיידן, אַז ס׳איז נישט גלײַך אַזוי, ס׳איז אַ פֿעלער ווי זיי טוען. און ער האָט גערן געהאַט די מלאכה פֿון אָפּטן באַלערנען דאָס יונגוואַרג. שאַדט נישט, — האָט ער זיך געטרייסט — ס׳איז ירושה וואָס גיט זיך איבער, דאָס התנהגות וואָס מ׳גע־וויינט זיך צו דערצו ווען מ׳איז יונג. ס׳איז טאַקע געוואָרן מער היימישקייט צווישן ר׳ יאַנקלען און די קינדער פֿון זײַנע קינדער, וועלכע האָבן זיך דערוויַיטערט פֿון אים מחמת דער רײַכקייט וואָס האָט זיי נעבעך פֿאַרדולט די קעפּ, פֿאַרשטאָפּט די הערצער, ווי דער זקן האָט זיך מצער געווען. פֿאַב־ריקן אַהין, פֿאַבריקן אַהער, מסחר, טשעקן, אָבער קיין צײַט פֿאַר מענטש־לעכקייט האָט דאָס נעבעך נישט. און איז מען נישט קיין מענטש, קען מען קיין ייִד אַוודאי נישט זײַן.

און איז געקומען ערב חתונה פֿון זײַן אייניקל מרדכי, האָט ר׳ יאַנקל גראָד זיך געיערט. זיך דערנענטערט צו די שמונים. דער בכור זײַנער, זישע, דעם מחותן פֿון חתנס צד האָט דאָ געוואָלט מיט עפּעס מפּייס זײַן דעם אַלטן טאַטן, וואָס דרייט זיך אַרום באַשײַמפּערלעך אַן אַנגעדרודלטער. צוגעגאַנגען צום אַלטן ווי קיין מאָל גאַרנישט און אים געבעטן: טאַטע, וועסט מיר טאָן אַ טובה? איך און מײַן שרה ווילן אַז דו זאָלסט זײַן דער מסדר־קידושין פֿון אונדזער חתן־בחור. סײַ ס׳עט זײַן שיין אַז דער זיידע וועט עס טאָן און סײַ מ׳עט נישט דאַרפֿן אָנקומען צו אַ רב, וואָס איז סײַ־ווי נישט קיין וואַזשנער רב... ווייסטעך, אַ באַלעגאָלע איז אין די קאַנטן אויך געוואָרן אַ שאלה־פּסקענער, — ער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן, דער סעניאָר בערקאַן. דער פֿאָטער האָט אים אָבער אָנגעקוקט מיט אַ שטאָלע־נעם בליק וואָס האָט אים באַלד אָפּגעקילט.

— וואָס מיינסטו, מײַן זון: דײַן טאַטע איז שוין חלילה אין גאַנצן בטל

ומבוטל? נאָך נישט, זישע. דער כבוד וואָס דו ווילסט מיר אָנטאָן, איז גאַנץ שיין, נאָר קיין רב זאָלסטו נישט מבייש זײַן. פֿאַראַן אין דער געגנט אַ רב, אַן אָפּגעהיטער ייִד, איז ער ראוי צו זײַן מסדר־קידושין פֿון מײַן אייניקל. נאָר אויב דו ווילסט דווקא מיך מהנה זײַן, זישע, גרייט צו אַן אמתדיק ייִדישע חתונה, מיט ייִדישער מוזיק און איך וועל בײַם טיש האָבן אַ זאָגעכץ פֿאַרן חתן. ר׳ יאַנקל מאַרשעליק איז שוין נישטאָ זייער לאַנג, נאָר אַ שמחה וויל איך נאָך דערלעבן בײַ מײַנס אַן אייניקל — — באַקלער זיך, מײַן זון. אַוודאי, איך וויל דיר נישט גורם זײַן קיין חרפּות, אויב דו און דײַן ווײַב וועלן זיך פֿאַרשעמען מיט אַ ייִדיש וואָרט בײַם חתונה־טיש, בין איך מוחל. באַדענק זיך, מײַן זון.

ס׳איז געוואָרן אַ שטילער קאָך אין דער משפּחה. די שנור האָט געזאָגט אַז בדחנות פּאַסט נישט הײַנטיקע צײַטן. מ׳עט זיך פֿאַרשעמען פֿאַר מענטשן, מ׳עט אונדז אויסלאַכן. זישע אַליין האָט יאָ געוואָלט דעם טאַטנס זאָגעכץ, די פּעטערס און מומעס פֿון חתן האָבן זיך אויך עפּעס געקווענקלט און דאָך האָבן זיי זיך געפֿרייט מיטן אָנזאָג פֿון אַ פֿריילעכס וואָס „דער אַלטער" וועט אַרײַנברענגען צווישן עולם, כאָטש נישט אַלע וועלן עס פֿאַרשטיין. זאָל זײַן אַ שמעק פֿון דעם דערדריקטן נעכטן, — האָבן געטענהט אַנדערע, וואָס זענען נאָך נכבֿע דעם געפּיל פֿונעם דור וואָס רוקט זיך אָפּ אין שאָטן. מכריע געווען האָט די דעה פֿון חתן מאַרקאָס בערקאַן. ער האָט געזאָגט דעם טאַטן, דער מאַמען מיט געבעט, מיט קאַפּריזנעקייט פֿון אַ יורש וואָס מ׳קוקט אים אין די אויגן אַרײַן: „איך וויל דער זיידע זאָל זיך פֿרייען", — האָט ער געזאָגט און די סעניאָריטאַ, די שיינע כלה זײַנע, וואָס האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס מ׳מיינט, האָט פֿון דעסטוועגן אויך מסכּים געווען: זאָל דער ׳וויעכאָ" * ריידן זײַנע ייִדישע הייליקע רייד. די געסט וועלן נישט זײַן ברוגז.

ר׳ יאַנקל בערקאַן האָט געשפּירט אַ טיפֿע הנאה פֿון דעם וואָס מ׳האָט אים נאָכגעגעבן. ער האָט עס אָנגענומען ווי אַ בענטשן דאָס אייניקל, וואָס מ׳פֿירט צו דער חופּה נישט אויפֿן פֿאַרגווייִשטן שטייגער ווי ס׳פֿירט זיך הײַנטוועלטיש. אויסגעלערט דאָ פֿון תּוך אַלצדינג, האָט ער געקלערט, וועל איך פֿון ס׳נײַ וואַרפֿן אַ זריעה אין דער אויסגעדאַרטער ערד פֿון דער

---

* אַלטער.

משפּחה, וואָס באַגערט באַשײַמפּערלעך אין גאַנצן זיך אויסצוטאָן פון אַלץ און פון מײַן געביין, וואָס איז „זיי" שוין איבעריק. איך וועל זיך נישט לאָזן. איך וועל זיי זאָגן, וואָס איך האָב שוין יאָרן נישט געזאָגט צו מענטשן.

...איז דער גרויסער עולם געווען דערהײַטערט בעת דער חתונה־מאָל־צײַט פון מאַרקאָס בערקאַן, האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעהויבן דאָס קול פון ר׳ יאַנקל בדחן. ער האָט אַריבער דעם טיש, אַריבער אַלעמענס קעפּ געזאָגט זײַן זאָגעכץ, צו וואָס עס האָט געצויגן זײַן האַרץ:

— ועתה אפתח פּי לדרשה מעניני הפּרשה: ויקחו תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו! דאָ קען איך מיר געבן די מי צו שמועסן ענינים דערצו, ווי דער מדרש שמועסט אַ דבר ערובה: אַז תרומה האָט מען געמוזט געבן פון אַ יד נדובה. אויך טוען ספרים שמועסן אַז תרומה איז געווען אַ כפּרה אויפן חטא פון אָדם הראשון. און אויך שמועסן ספרי הקבלה, אַז תרומה איז אַ רמז פאַר אַ חתן ביומו דהילילא, וואָרן תרומה איז דער טײַטש פרישא דחתן צריך ליפרוש עצמו מכל עקתא בישא ולדבק בקדושא ביום שיקח אשה. האַלט נאָר אין זינען, און די נוטריקין פון דעם פּסוק ווּעסטו דאָס אַלץ געפינען — —

עס האָבן געבלענדט די אָנגעצונדענע ליכטער איבערן חתונה־זאַל, כ׳האָבן געגלושעט רייד, אָנגעקלאַפּט אין די געהירן מיט ווייכקייט, מיט צוזאָג און בײַם זיידן ר׳ יאַנקל זענען גערונען טרערן פון פרייד און ווייטיק; ער האָט דערלעבט צו הערן זײַן אייגן קול אויף אַ יידישער שמחה, זײַן פאַרבלאָנדזשעט אַמאָליק קול, וואָס האָט אין ערגעץ נישט געפונען קיין תקומה אין די לעצטע צענדליגגער יאָרן. ער איז פּלוצלינג פול געוואָרן מיט זיך, מיט אינעווייניקדיקן כוח, וואָס האָט זיך געוועקט אין אים און דערפאַר שוין געלאָזן זיך אין איינוועגס פון די קינדער און קינדס־קינדער פײַערן זײַן יום־טוב פון ווערן אַ בן־שמונים.

— אַהאָראַ אַסי* זיידעשי, וועלן מיר זאָגן צום זיידן די גוטע ווערטער, — האָבן די אייניקלעך גענומען שטאַמלען ליבשאַפט צום אויפגעלעבטן אַלטן.

— זאָג, זאָג, קינדלעבן, — האָט דער זקן זיך אונטערגעגעבן דעם רצון פון די משפּחהדיקע וואָס האָבן אומגעריכט אים גענומען אין פריילעכן קרענצל אַרײַן.

---

* און איצטער אַזוי.

— וואָס זאָגן, זיידעלע? וואָס ווינטשן דיר, טאַטע, שווער, — האָבן שוין זיך צונויפגעדרענגט אַרום אים קעפּ, הענט און שטימען.

— וואָס זאָגן? — האָט ער אַ רגע זיך געפילט פאַרלוירן — מזל־טוב זאָגטס. פּשוט ייִדיש — מזל־טוב, ווי מ׳זאָגט ווען מ׳ווערט געבוירן און ווען מ׳פאַרנעמט זיך אויף אַ נײַעם וועג.

— זיידעלע, אַבועליטאָ, איך דיך ליב, — האָט יונגוואַרג אים גע־קושט, געטוליעט זיך צו אים.

— טאַטע, זאָלסט געשטאַרקט ווערן, זאָלסט דערלעבן נחת. שווער, באַנאַנד זאָל מען זוכה זײַן... דער אַלטער האָט נישט קלאָר דערזען ווער עס רוקט זיך צו צו אים נאָענט, דריקט זײַן האַנט, באַגעצט אים די באַקן מיט אַ הייס העשען. און טרערן האָבן גענומען גיסן פון דעם זקנס גוטע אויגן. ס׳האָט געטרערט אַלץ וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

אָפּגעאָטעמט אין דערלײַכטערנדיקער באַזינונג, וואָס ס׳איז אָקערשט געשען מיט אים, האָט בײַ ר׳ יעקבן פון ס׳נײַ זיך געעפנט דאָס מויל צו אַ פריש זאָגעכץ פון דעם בדחן צו זײַן ווידערגעבוירן צו די אַכציק:

— „און עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים״ — —

ער האָט געשטראַלט אונטער די בליקן וואָס האָבן געזוכט אָנשפּאַר אין אים, אויערן האָבן זיך אָנגעגנייגט צו זײַן וואָרט, צום קול פון זײַן רעיון וואָס וועקט זיך, וויל זיך אַרומזען ווו עס איז אין דער וועלט.

אַ קליין טעכטערל

מירטעלע האָט אַ שיין פּאַרצעלייַען פּנימל. זי איז בלאַס, גרויסאויגיק מיט אַ ליכטיק שמייכעלע אויף די ליפּן, אָבער זי עפּנט זיי זעלטן. ממש אַ לעבעדיקע ליאַלקע, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן סכנות ליב. טאַטע־מאַמע ציטערן איבער איר.

מירטעלע שווייַגט מערסטנס. מירטעלע טראַכט קענטיק אַ סך, כאָטש זי איז נאָך קליין.

זי האָט אַ סך צו טראַכטן, די קליינע מירטע. אָט גיט די מאַמע אַ ציטער אויף, ווען איר מיידעלע פּישטשעט אויס עפּעס, און אָט גיט דער טאַטע אַ פאַרברעך די הענט: „ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט דעם קינד? אַז נאָר עס אַנטפּאַלט!״ דער אמת איז אַז אָפט האָט מען צו טאָן מיט אַ דאָקטער פאַרן מיידעלע; נישט ווו, נישט ווען, שפּירט מירטעלע פאַרשיידענע וויטיקן. ערשט כאַפּט זיך אַרייַן אין איר קעפּל אַ דריקונג, ווידער נעמט אַ צאָן צוקן־צִיִען, גלייַך אַ טשוועקל וואָלט דאָרט געשטעקט און אָט הייבּנט שפּרינגען אַרויס בלעטערלעך־קעפּעלעך אויף דער הויט פון מירטעלעס אָרעמס, רויטלעך דערצונדענע פלעקן אויף איר פלייצעלע און עס שמאַרצט, ציט. מערסטנס טוט עס אַזוי ווי אַז דאָס מיידעלע הייבט אָן וויינען — הייסע טרערן נעמען גיסן פון אירע גרויסע, קלאָרע אויגן.

אַ ליאַדע וואָס, און מ׳מוז דאָס מיידעלע פּאַקן אין בעט אַרייַן.

גייט צו די מאַמע צום טעכטערל און דער מאַמען נעמען פלאַמען די באַקן: ווי איז מיר! די מאַמע האָט אומרויִקע הענט וואָס גייען־זוכן איבער דעם מיידעלעס שטערן און דער מאַמעס מויל ציטערט; עס וויל ריידן, פרעגן און עס האָט נישט — ווייַזט אויס — קיין כוח צו ריידן; וואָרן אַנדערש וואָלטן דאָך נישט אַרויסגעקומען אַזוי פיל שוויס־טראָפּנס אויף דער מאַמעס פּנים, ס׳וואָלט נישט אַזוי בלאַס געוואָרן איר נאָז. אַז די מאַמע שרעקט זיך שטאַרק, דערקענט שוין מירטעלע. זי טאָר נישט וויינען — טראַכט דאָס דריבנע מיידעלע און עס גייען אָפּ פון איר אַלע יסורים.

— ס׳מיר גאָר נישט, מאַמעלע, — זאָגט די קליינינקע און זי קוקט דער מאַמען אין די אויגן אַריין, צי זיי טרערן נישט.

— אַוודאי איז דיר גאָר נישט. ס׳האָט זיך דיר בלויז אויסגעדאַכט. אמת, טעכטערל? — בעט זיך די מאַמע אַז זי אַליין זאָל קענען גלייבן דע־רין און מירטעלע זאָל גלייבן כדי צו האָבן כוח איבערצוהאַלטן די שוואַכ־קייטן.

— ווי, מירטעלע? — קומט צו צום בעטל אויף דער טאַטע. — ס׳טוט דיר שטאַרק ווי? האָב נישט קיין מורא, זאָג. דער טאַטע איז נישט בייז. וועסט איצטער שוין האָבן אַ לערנונג דערפון? מירטאַ, מירטאַ, בעט איך זיך — חזרט איבער דער פּאַפּאַ זײַן אייביקע וואָרענונג פאַרן בלאָזן טעכ־טערל — וויס, אַז מ׳טאָר נישט עסן קיין טאָרט, ס׳מאַכט שלעכט, דאָס נאַשן שאָקאָלאַד! — ער זאָגט עס מיט אַ בייזן ניגון: — געדענקסט, וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט? — ענדערט זיך שוין זײַן קול — שאָקאָלאַד איז אַ שונא פון אייער מיידעלע, טאָרט איז סם פאַרן שייַנינקן. אַ ייַכעלע אַרײַן אין איר בײַכעלע, אַ שטיקעלע עוף איז גוט פאַר איר. אַ האַרט גע־קאָכט איי, אַ קאָמפּאָט איז גוט, אָבער נישט קיין נאַשערײַען. ס׳איז אַן אַלערכיע בײַם מיידעלע. אַ־לערכיאַ, — האָט דער דאָקטער אויסגעקלאַפּט מיט דער צונג. געדענקט, אַלערכיע אויף שאָקאָלאַד, אויף באַמבאַנעס, אויף אַלע אָנגעמלאכהטע זיסקייטן. מ׳טאָר נישט. אויב יאָ — טוט ווי, איז מען קראַנק, — געדענקט? אַוודאי געדענקט מירטאַ אַז מ׳טאָר נישט (שאָקלט דער טאַטע מיטן קאָפּ), האַ? ס׳בלוט וויל דאָס צאַפּן בײַ מיר. קיין מנוחה פאַרגינט דאָס נישט דער היים, די קלוגע טאָכטער מײַנע!

געפאַלן אויף איר אַזאַ שווערער מוסר, האָט דאָס מיידעלע זיך שטאַרק צעוויינט. נייך, איר טוט שוין נישט ווי... מירטעלע כליפּעט אַ באַליידיקטע. פון אירע שיינע אייגעלעך האָבן זיך געגאָסן גרויסע וואַרעמע טרערן, הלמאי מ׳שרײַט אויף איר. ווינציק וואָס איר טוט ווי, פאַרגינט מען איר נישט אַ שטיקעלע שאָקאָלאַד. אַ פּיצעלע ווי אַ קנעפּל האָט זי גענומען. אַזוינס קאָן נישט פאַרשאַטן. אַ שלעכטער, דער דאָקטער! זי באַדאַרף נישט אַזאַ דאָקטער. מירטעלע וועט זײַן ברוגז מיטן דאָקטער, אין אַלץ איז ער שולדיק. אומ־זיסט רעדט ער אויס אויף איר פאַר דער מאַמען, פאַרן פּאַפּאַ — אַ רגע, און זי פאַרגעסט וואָס ס׳איז געשען. עס זענען אָפּגערונען אַלע ווייטיקן. מירטעלע האָט איצט שוין פאַרדראָס וואָס זי טוט אָן צרות דער גוטער

מאַמען, זי ברענגט עגמת־נפש אויפֿן פּאַפּאַ, ער איז אַ געטרײַער, זי וועט זיך שוין היטן.

אַוודאי, דער פּאַפּאַ איז איר געטרײַער ווי די מאַמע. אין געקלאָג הלמאי מ׳פּאַקט זי אָפּט אין בעט אַרײַן, מ׳שטעכט זי מיט אײַנשפּריצונגען, גיט די קליינע מירטאַ אַ מאָל אַ געשריי אויף דער מוטער:

— גיי אַוועק פון דאַנען. דו ביסט אַ שלעכטע. אַלץ לאָזסטו נישט — דערנענטערט זי זיך צום געווייַן. — בלויז מיטן דאָקטער ביסטו צופרידן. מיט אים ביסטו חבר. דער פּאַפּאַ איז בעסער. ער ווייסט, איך בין אַ גוטע. איך וועל אַנטלויפן פון דיר. וועסט שוין וויינען. אומעטום וועל איך מיט־גיין מיטן פּאַפּאַ, וועסט זען (האָט זי זיך שוין צעכליפּעט), וועסט בלײַבן אַליין.

יאָ, ברוגזע רייד שטעכן איר אין האַלדז. מ׳וועט זי ווידער אַרײַנלייגן אין בעט. ניין, זי וועט מער נישט זײַן קראַנק!

מירטעלע האָט זיך געברוגזט אויף דער מאַמען, הלמאי זי גייט איר נאָך אויף שריט און טריט, גיט אַכטונג זי זאָל נישט אַ נאַש טאָן, שטערט אַז אויך אַנדערע זאָלן איר נישט געבן עפּעס. און דווקא ציט דעם מיידעלע אַ גלוסטונג צום פאַרווערטן: אַ קאַראַמעלע, אַ רויע פלוים, אַן עפּל. די מאַמע איז שטרענג, נאָר געקעכטסן גרייט זי פאַר איר, און זי האָט עס נישט ליב. און רק זי מינטערט זי: — מירטאַ, מירטאַ, געדענק! און די מיר־טאַ איז סך־הכל אַזוי גרויס אַז זי גרייכט מיטן גאָמבעלע קוים איבערן טיש אַריבער. אָבער מירטאַ איז קלוג. זי מײַדט אויס דער מאַמעס בליקן. פאַרקערט, צום טאַטן האָט זי זיך צוגערוקט. און דער טאַטע טוליעט זי צו זיך, גלעט איבערן קעפּל, נעמט זי מיט, ווו ער גייט. אין די שבתדיקע נאָכ־מיטאָגן, ווען דער פּאַפּאַ האָט פאַרשלאָסן די קלייט, אויך אין די זונטיקן, ווען ס׳איז פײַערלעך אין שטוב מיט פרישע בלומען וואָס די מאַמע ברענגט אַרײַן, עס זענען אײַנגעשלעפערט די גאַסן — דעמאָלט וויל דער טאַטע זען זײַנע פרײַנד „פון דער היים״ און ער נעמט מיט אומעטום דאָס קליינע טעכטערל. דאָס מיידעלע איז גערן צו זײַן אין די אַלע אויסגעפּוצטע הײַ־זער, וואָס אויף צו קומען צו זיי, באַדאַרף מען גיין אַ סך, מ׳דאַרף פאָרן מיט אָמניבוסן, מיט טראַמווײַען. אָ, ווי דאָס געפעלט מירטעלען!

— מאַמע, טו מיך אָן שיין, — האָט ס׳מיידעלע זיך געווענדט צו דער מוטער און געפּלאַטערט פון פרייד וואָס דער טאַטע וועט זי פירן בײַ דער האַנט, דער פּאַפּאַ וועט זי ברענגען און יומטובדיק צוגעקליבענע סאַליעס,

ווו מ׳פרייט זיך מיט איר, מע קאַרגט נישט אַ קוש אין בעקל, מ׳אײַלט זיך איר מהנה צו זײַן מיט געשמאַקע זאַכן. „נעם, נעם, מירטעלע. מ׳מעג״, בעט מען זיך בײַ איר און אַ שעמעוודיקע זאָגט זי זיך אָפּ דערפון. טאַקע דער־פאַר, ווײַל דער טאַטע זאָגט איר גאָר נישט — נישט ער בעט זי זאָל נעמען און נישט ער וואָרנט מוסרדיק — אַז חלילה, מ׳טאָר נישט. ס׳ציטערניש איבער איר פון דער היים לאָזט נעבעך נישט אָפּ דאָס מיידעלע. זי געדענקט, אוי, געדענקט מירטעלע. ס׳איז אַ אומעטיקע שטוב בײַ זיי, כאַפּט זי זיך אין מיטן דערינען, אַז עס גיט איר אַ נאָג אַ געוויין. אָבער זי האָט מורא צו וויינען. דער טאַטע קען אָנשרײַען, און ער קען האָבן עגמת־נפש.

— וואָס איז די מעשה, גאָדל? עפּעס וויל דאָס טעכטערל גאָר נישט טועם זײַן! וואָס, אָנגעזאָגט איר אין דער היים אַז בײַ פּאַנין באַדאַרף מען נישט אָנרירן, פּאַניס הויז איז טריף? ס׳קען שאַדטן? אַן אײַנריידעניש; ווי פרום דאָס היט אָפּ דעם דאָקטערס יעדע וואָרט, גלײַך עס וואָלט געווען אַ מצווה. די קונעפּאַלעס — ווערט די ייִדינע שוין אין כעס — צו אַלצדינג האָבן זיי דעם זעלביקן פּזמון: „מ׳טאָר נישט! אָפּנעמען פון דער וואָג״. גוואַלד, פון וואָס קען דער שוואַכער מענטש זיך שטעלן אויף די פיס? איך האַלט נישט דערפון! נישט אַזעלכע וואַזשנע קעפּ בײַ די הײַנטיקע דאָקטוירים. איך וויים אויך עפּעס. „קלין קלינאַ וויביִע״. אַז מ׳לייגט אַרײַן, האָט מען כוח אויסצוהאַלטן אַלע צרות. מ׳דאַרף נישט פרעגן אַזוי פיל, נאָר עסן, קוקן פון וואַנען דער שכל קען האָבן אַ האַפּט! — און אַליין באַלעקט זי זיך מיט אַ גלאָזיק־רויטער קאַראַמעלע וואָס זי וואַרפט אַראָפּ דערפון דאָס רוישיק פּאַפּירענע העמדל. — ווו האַ, ווי גוט — צמאָקעט זי מיט אַ פּאָר נאַשעריקע ליפּן — נעם, מירטעלע. פאָלג מיך, זאָגט זי און דעם קינד נעמט וואַסערן אונטערן לעפעלע פונעם קוקן אויף די העוויות פון דער וויל־אויסגעגעסענער סעניאָראַ מיטן פולן מויל רייד.

מירטאַ שפּירט אָבער דעם טאַטן נאָענט פון זיך, אַזוי שטאַרק נאָענט, אַז איר באַפאַלט אַ נײַע הייסע בלייכקייט. זי איז מער ווי שעמעוודיק, אַזש די אויערלעך נעמען איר גליִען. און דער פּאַפּאַ, דווקא אַ ברייט זיצנדיקער בײַם גאַסטלעכן טיש, ציליעט אָט שוין אויס פאַר איר אַ שנירל שיטע־רע ווערטער. אומיסטן, זעט זי, רעדט ער פאַמעלעכקע און דעם מיידעלע דריקט עס אין האַלדז, טרערעלעך פאַררעגענען איר בליק:

— מײַן מירטעלע, — זאָגט ער — היט זיך אַליין. זי ווייסט אַז מ׳טאָר נישט.

קלאָמפּערשט פאַרענטפּערט דער טאַטע דאָס טעכטערל הלמאי זי רירט זיך נישט צו צו די אײדל געוויקלטע זיסקייטן וואָס בליצן און רופן פונעם געשליפענעם קליאַש.

— מײַן טעכטערל איז אַ קלוגע, — קײַעט ער נאָך די ווערטער, און מירטעלע שפּירט אַ האַרבקייט אויף אירע ציינדלעך. — זי וויל נישט לײַדן פון נאַרישקייטן. אמת, מירטאַ? — דאָ גייט ער שוין צו צו איר, וויל אַרויסקריגן בײַ איר אַ שמייכעלע צי אַ קאָפּשאָקל פון הסכמה — אַז דער טאַטע איז גערעכט. אָבער מירטעלע איז אָקערשט ווײַט פון פּאַפּאַ'ן.

גאָדלען אַרט עס דווקא. ער פאַרלירט זיך פאַר די באַלעבאַטים פון רײַכן הויז.

— נו, וואָס ענטפערסטו גאָר נישט? ס'אי' שיין אַז מען ענטפערט נישט? אָבער שטאָט אַ וואָרט האָט ער באַגעגנט — פולע קינדערשע אויגן מיט טרערן, אַן ענטפער אויף דער דערמאָנונג אַז סײַ־ווי איז זי נישט אַוועק פון דער היים, כאָטש דאָ איז די גאָס אַן אַנדערע, אַ ווײַטע, די שטוב אַן איבערגעקליבענע, מיט גאָר אַ געענדערט פּנים — — — דערזען אים ענד־לעך, האָט דאָס מיידעלע רעכט זיך איבערגעוועקט, בלאָס חנעוודיק ווי אַ לעבעדיק געוואָרענע קאָמעל־בראָש אויפן פליוש פון דער אָנגעלאָקערטער שטילקייט, ברענגט זי אַרויס אַ שעמעוודיקן בליאַסק פון אירע ציינדלעך און די אויגן — פולע, גרויסע — גיבן זיך פּאַוואָליע אַ צעעפן מיט חידוש־לעכן פרעג:

— איך בין אַ שלעכטע?

מער האָבן עס געפרעגט אירע אַראָפּגעלאָזענע וויִעס איבער דעם ציטערדיקן קול.

— איך זאָג דען, אַז אַ שלעכטע? — אײַלט זיך דער טאַטע צו פאַר־שפּאָרן דעם באָך טרערן וואָס אָט־אָט רײַסט ער זיך אָפּ פון מירטעלעס מיטאַמאָליקער אָנגעכמורעטקייט. ס'שפּירט זיך אַן אָנגעלאָדנקייט פון איר שווײַגן, גלײַך דאָ וואָלט זיך אַרײַנגעשטעלט דער שאָטן פונעם בוים וואָס בײַ זיי הינטערן פענצטער; אָט, ער קוקט זיך צו צו אַלצדינג, האָרכט זיך צו צו אַלעמען און אָט וועט ער נעמען רײדן, ר'וועט עדות זאָגן קעגן איר, קעגן פּאַפּאַ און די מענטשן וועלן זיך חידושן, זיי וועלן נישט פאַרשטיין איר פילן. ששש, — זעט אויס צו ווינקען די־אַ אָנגעדראָלנקייט — אַנישט וועלן אויך די פייגל פון אַלע אַנטדרעמלטע נעסטן זיך צעפּלאָשען.

אין דעם מיידעלעס אויגן גליווערן שטיקלעך נעפּל, וואָס מאַכן זי מער הערן ווי זען.

— אַוודאי, מירטעלע איז אַ גוטע, — שטויסן זיך דעם טאַטנס רייד אין דער אָנגעסטראָיעטער פרעמדער שטוב אַרײַן; זי הערט אים קלאָר, אָבער זי זעט אים אַ מעכטיק גרויסן, אין צעפלאָסענע ליניעס. — יאָ, ס׳איז ער — כאַפּט זי זיך און זי איז מירטאַ, ס׳טעכטערל. זי וויל נישט דעם פּאַפּאַ און דער מאַמען אָנטאָן קיין פּאַרדראָס. זי פאָלגט אויך דעם דאָקטער — רײַט שוין בולטער אַרויס דעם טאַטנס קול, אַ פּולס, אַ שטאַרקס.

מירטעלע זעט דעם טאַטן שוין נענטער, מירטעלע הערט זיך צו צום גערייד וואָס קומט דאַכט זיך פון דער גאַנצער גייענדיקער שטוב דאָ. אַלע ריידן — ברוגזט זיך באַלד דאָס מיידעלע און איר שפּאַנט זיך אָן דאָס האַרץ מיט נײַעם געוויין וואָס דריקט, פאַרגיסט די אויגן, כאָטש וויינען שעמט זי זיך. וואָדען? מירטאַ וויל נישט זײַן קראַנק, זי האָט מורא קראַנק צו זײַן. סײַ מ׳קען גאָר נישט עסן ווען מ׳איז קראַנק, סײַ מ׳איז שוואַך אַז מ׳עסט נישט און טאַטע־מאַמע שרעקן זיך ווען זי איז קראַנק. אײַ, וויפל די מאַמע קרעכצט ווען דאָס מיידעלע מוז זיך לייגן אין בעט אַרײַן! ס׳קריכט אַ ווייטיק אין האַלדז, דערמאָנט זי זיך אָקערשט מיט שרעק, די הויט אויף אירע הענטלעך באַדעקט זיך מיט רויטלענדיקע קעפּעלעך און זיי שמאַרצן, שמאַרצן, אַזש ס׳ווילט זיך דראַפּען, קראַצן.

— ס׳איז מסתמא נאָך ווינציק געווען פאַר מיר. נאָך נישט גענוג זיך אָנגעגעסן מיט יסורים, פּאָטער דערבאַרעמדיקער, — האָט די מאַמע אַנומלט זיך צעקלאָגט אַקעגן איר מיט אַן אָנגעשוואָלן קול און ס׳פּנים איז אָט בלייך געוואָרן, אָט זיך אָנגעצונדן פון פּחד.

אַ ציטעריקע איז איר מאַמע, — טשוכעט זיך אויס ס׳מיידעלע.

די מאַמע איז אַזאַ שרעקעוודיקע און דער טאַטע האָרכט זי, דער פּאַפּאַ מאַכט איר נאָך אין דעם פלאַטערן איבער איר: „מירטאַ, מירטעלע, דערבאַרעם זיך, לאָז אַ מאָל אָפּאָטעמען דײַן מאַמען!“ און שטענדיק טוליעט די מאַמע זי אײַן אין בעט: „ליג, וועט דיר בעסער ווערן!“

— ווײ, ווײ. גאָדל וועט׳ס דערזען, וועט ער׳ס נישט איבערהאַלטן! — האָט די מוטער געציטערט ווען ס׳איז געקומען די טונקל־שעה, פון גאַס האָבן זיך געהערט שליסן די קלייטן און ס׳מיידעלע ליגט איר צו בעט. אָפּט מאָל פלעגט די מאַמע אַ גאַנצן טאָג אויסבאַהאַלטן פאַרן פּאַפּאַ, אַז מירטעלע איז ווידער קראַנק געוואָרן. אָבער אין אָוונט, האָט זי געציטערט און

געפּלאָטערט, וועט זי עס שוין נישט קענען פאַרהוילן. איין שטיקל קינד איז זיי באַשערט געוואָרן, שלאָגט מען זיי מיט שרעק פאַר דעם, — כאַפּט זיך אַרויס די פּרוי מיטן געשריי פון אימה און זי גראָבט אײַן דעם קאָפּ אינעם קינדס קישן — וועסט זײַן געזונט, פייגעלע מײַנס? — פּרוווט זי נישטערן אין פנימל פון דעם שוואַכיטשקן מיידעלע — שמייכל צום פּאַפּאַ, ווען ער וועט אַהיים קומען — בעט זי זיך בײַ מירטעלען.

— שווײַג, מאַמע, — גיט ס׳מיידעלע אַ פּישטשע און זי שפּירט ווי אַ שלעכטע האַנט גיט זיך אַ שטרעק צו איר, זי דריקט דעם האַלדז, דריקט און ס׳מיידעלע געדענקט אַז מ׳טאָר נישט שרײַען. די שרעק פון דער פינצ־טערניש קען דאָס קינד נאָך מער איבערשרעקן.

קליין איז זייער דירה און ס׳שלאָפצימער איז נאָענט פון דער אַרײַנ־גאַנג־טיר. קומט גאָדל אַהיים, פרעגט ער באַלד:

— און ווו איז מירטעלע?

ווײַל ער איז געווינט אַז ס׳טעכטערל זאָל אים אָפּוואַרטן בײַ דער טיר, אַנטקעגנטראָגן איר שיין שמייכעלע: פּאַפּעלע, כ׳האָב אַזוי שטאַרק געוואַרט אויף דיר. פאַר וואָס פאַרמאַכסטו די קלייט שפּעטער פון אַנדערע?

די מאַמינקע פלעגט אַזוי טענהן און מירטעלע האָט געזען אַז ס׳איז טאַקע אַזוי. דער פּאַפּאַ לאָזט זיך דעם קאָפּ פאַרדרייען פון אַ קונה אַ נוד־ניק. „מ׳באַדאַרף נישט זיך אַזוי פיל צוהערן צו די שלעפּערס, גאָדלי!“ הײַנט וועט די מאַמע נישט האָבן אַט־די טענה און מירטעלע קען זיך נישט אַוועקשטעלן בײַם אַרײַנגאַנג. „באַהיט זאָל מען ווערן; עס קען זיך נאָך אָנ־טראָגן אַ שאַרפער צוגווינט. מער פעלט מיר נישט!“ — זאָגט די מאַמע.

גייט טאַקע נישט אויסצובאַהאַלטן פאַרן פּאַפּאַ אַז ס׳מיידעלע איז פון ס׳נײַ קראַנק געוואָרן.

— שוין ווידער? — צעקרימט זיך זײַן פנים שוין בײַ דער טיר. — שרהקע, איך האָב שוין מער נישט קיין כוח. היטן, מער ווי היטן מוז מען זי. און דו ביסט אָפּגעלאָזן!

אָבער מירטעלע לויפט שוין (ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי, ווײַל אין דער אמתן ליגט זי אין בעט אַ טיף־אײַנגעהאָרכטע, אַ וואַרטנדיקע), זי אײַלט זיך צום טאַטן בלויז מיטן געדאַנק, מיט אַ הײַטער פנימל:

— ס׳גאָרנישט, פּאַפּאַ. עס קרעלט נאָר אַ ביסעלע אין האַלדז. ס׳וועט אַריבערגיין.

— אַזוי זאָגסטו? ס׳אַרט דיר טאָקע אַ סך וואָס דעם טאַטן טוט ווײ, און די מאַמע האָט צרות פון דיר? איך זע אַז דו דערלויבסט דיר צופיל. אַוודאי עפּעס געכאַפּט פון אײַזקאַסטן! נעמסט זיך אַליין, האַ, טאָכטערל? דו דאַרפסט שוין נישט בעטן. אָ, אָ, ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט דער חברה?! — צווינגט ער זיך שוין אויף אַ געלעכטערל און ס׳מיידעלע אין פּידזשאַמע פאַלט אַרויף אויפן פאָטער מיט אַ קוש, מיט אַ לאַסקע:

— אמת, דו שרײַסט נישט, פּאַפּינקע? — און זי קושט אים מיט די זיסע ליפּעלעך, קוקט אים אין פּנים אַרײַן מיט די בלישטשנדיקע אויגן.

די מאַמע שטייט בעת־מעשה אין אַ זײַט, זי קוקט און שטיקט זיך און שמייכלט טרויעריק: „ווי דאָס נעמט מיר צו ס׳לעבן און ווי עס טרייסט דעם טאַטן!״ אָבער באַלד באַזינט זי זיך, די מאַמע, קנײַפּט זיך אויס די באַקן. היטן מירטעלען? ווי אַזוי קען מען דאָס דערהיטן! אַז זי איז אַזאַ שוואַך קינד, צעווייינט זיך בײַ אַ ליאַדע וואָס. זי דערזעט עפּעס, מוז מען עס איר באַלד געבן, אַלאַ נישט — גיסט זי טרערן, ס׳אַנטגייען איר די כוחות און אַלץ פאַלט דער מאַמען אין קאָפּ אַרײַן!

צו זיך אַליין רעדט אַזוי די מאַמע, אָבער פאַרן מאַן פאַרענטפערט זי דאָס מיידעלע:

— ס׳וועט אַריבערגיין, גאָדל. אַ טאָג אין בעט ליגן און מירטעלע וועט זײַן געזונט.

דאָס מיידעלע קוקט זיך צו צו אַלץ אין שטוב, כאַפּט אויף יעדעס וואָרט און זי איז פול דאַנק פאַר דער מאַמען פאַרן ריידן, סײַ פאַרן שווײַגן. אַלץ, אַלץ פאַרשטייט זי. אי די מאַמע לעשט בײַם טאַטן ס׳פײַער פון ברוגז אויף איר, אי זי פאַרדעקט פאַר אים דעם ווייטיק וואָס פּײַניקט זי אויף אַן אמת. ווײַל אין ר׳כטיקן האָט מירטעלע מער מורא פאַרן טאַטנס געבייזער אויף דער מאַמען, למאי זי היט זי נישט פאַר קלאָמפּערשטער צעלאָזנקייט („ווי צעלאָזן דאָס איז, שרײַט ער תמיד, ווי דאָס שאַנעוועט נישט דעם טאַטנס נערוון״!) ווי פאַר דער שרעק קראַנק צו זײַן. פון פאַרדראָס נישט צו קענען נעמען אַ שטיקעלע שאָקאָלאַד, נישט טאָרן „קוקן אויף אַ קיכע־לע״ וואָס זי האָט געוואָלט. פאַרן היטן דעם סוד פון איר קראַנק זײַן איז מיר־טעלע שטאַרק דאַנקעוודיק דער מאַמען. זי איז אַ גוטע, מײַן מאַמע, טראַכט זי באַלד און לײַכט אויף דערפון. און איז דער טאַטע נישטאָ דערבײַ, שטעלט זי זיך אויף פּידזשאַמע־גרויס (לאַנג אויסגעצויגן זענען די פיסלעך דעם מיידעלעס און הויך שטאַרט שוין דער האַלדז פון פאַרשפּיליעטן יאַקל

אַרויס), די צוויי צעפּעלעך כאַפּן זיך אַרויף אויפן נאַקן און אַ דערפרייטע מיט איר אייגענער מיטאַמאַליקער דערוואַקסנקייט פּאַלט זי אַרויף קושן דער מאַמען:

— מאַמינקע, דו ביסט אַ טײַערע. מירטע איז אַ שלעכטע!

— טאַקע אַ שלע־ע־כ־כטע, — ציט אויס די מאַמע די באַקן, צעשפּרייט דאָס מויל און זי וויל מיט איר מינע אַרויסרופן געלעכטער בײַם מיידעלע.

— אַוודאי אַ שלעכטע, — זאָגט מירטעלע שוין אין ערנסט און די טרערן זענען איר בענטער ווי דער שמייכל.

מירטעלע וויל טאַקע מער נישט אָנטאָן קיין פאַרדראָס דער מאַמען. מירטע וויל אַז די מאַמע זאָל קענען זאָגן אַז איר טעכטערל איז אַ גוטע, אַ געהאָרכיקע.

מירטע איז באמת נאָך אַ קליין מיידעלע. זי גייט שוין אין שול, די מאַמע נייט איר שיינע קליידלעך, אַלע מאָל נײַערע, ווײַל מירטעלע וואַקסט אַרויס פון די אַלטע קליידלעך. ס׳אָן עין־הרע אַ קינד, פאַרענטפערט זיך די מאַמע פאַרן טאַטן וואָס שטוינט כסדר הלמאי זי זיצט איבער פרישע שטאָפן מיט נאָדל־פאָדעם אין האַנט. — די קליידלעך ווערן צו קליין פאַר איר, שמאָל, — ווייסטו שוין?

— מירטעלע ווערט אַ גרויס מיידעלע, — זאָגט די מאַמע צו די באַ־קאַנטע וואָס קומען צו זיי אין הויז. — מײַן טעכטערל איז אַ קלוגע, זי טוט שוין נישט אָן קיין צרות טאַטע־מאַמען. בע, שאָקאָלאַד! זי געדענקט עס שוין. אמת, מירטעלע? פאַראַן אין שטוב? זאָל עס ליגן. מירטעלע ווייס אַז דאָס איז פאַר נאַשעריקע פּיצלעך קינדער וואָס פאַרשטייען גאָר נישט. מירטעלע ווייסט עס!

די קליינע מירטע פאַרשעמט זיך גרויסאויגיק דערפון, וואָס די מאַמע דערציילט די מענטשן. זי איז דען אַ שלעכטע? און זי וויל קיין מאָל נישט קיין שאָקאָלאַד. מירטע האָט שוין נישט קיין אויטיקאַריע אויף דער פּליי־צע, אויף די פיס. און עס שמאַרצט נישט. אַז מ׳טאָר נישט, באַדאַרף זי עס נישט. עס גלוסט איר שוין אַפילו נישט. אַוודאי, מירטע איז קיין מאָל נישט געווען שלעכט צו דער מאַמען. די מאַמע, ווייסט זי, האָט שטאַרק געליטן. אַ סך מאָל האָט זי עס דערציילט אירע פרײַנד. אַפילו קליינוואַרג געווען ד אָ ר ט , האָט עס צו מאָל געוווסט פון שאָקאָלאַד? קינדער זענען באַלד געוואָרן אַלט. נאָר טויטע, אַזוי פיל טויטע האָבן זיך געוואַלגערט אַרום איר. גע־שטאָרבענע, געשוואָלענע אין אומבאַוועגלעכקייט, האָבן אָנגערירט אירע פיס.

אוי, אָפּט איז אויסגעקומען צו שלאָפֿן מיט אַ טויטן, — האָט די מאַמע שרעקיק געבליצט אין איר דערציילן און ס׳קול האָט פֿינצטער אַראָפּגעני־דערט. פּחדימדיק זענען די דײַטשן. טאָג און נאַכט האָבן בײַ זיי געפּלאַקערט די אויוונס — האָט זי געזאָגט מיט ציטער — און מיר, די לעבעדיקע מ׳שטיינס געזאָגט, האָבן עס געמוזט צוזען. גלייבטס, ס׳איז שוין געווען אַלץ איינס. מ׳האָט י ע נ ע מקנא געווען און אַליין זיך געגרייט אויפֿן סאַמע לעצטן — — — די מאַמע האָט דערציילט און די חברטע האָט זיך צוגע־בויגן צו איר האַנט, געקושט זי אין בליפּענדיקעד ביטערניש: שרהקע, שרהקע טײַערע, זײַ נישט בייז וואָס מיר זענען נישט געווען מיט דיר אין שווערן נסיון, — און געהעשעט, נישט געקענט זיך אײַנשטילן און געגלעט דעם אָרעם ווו עס טונקלט און ברענט דער לאַנגער בלאָ־אָנגעוואָלקנטער נומער. די חברטע האָט זיך צוגעקלעפּט צו איר, אַרײַנגעקליבן זיך אין איר מיט גראָבנדיקן בליק און מיט געפּרעג וואָס האָט מעסערדיק געפּאַלמעסט ס׳האַרץ:

— זאָגסטו, שרהקע, אַז אַזוי פֿיל צענדליגער טויזנטער מענטשן האָט מען אַהינגעבראַכט, מיט באַנען, געפֿירט פֿון שטעט און לענדער, און פֿײַערן, זאָגסטו, האָבן געפּלאַקערט פּאַר זיי? די לײַבער האָבן געפּלאַקערט, געסמאַ־ליעט זיך, ווי מיר און ווינד, — און זי איז באַפֿאַלן מירטעלעס מאַמען מיט אַן אָנפֿאַל פֿון טרעריקע קושן.

די מאַמע האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. אירע ליפּן האָבן זיך וויטיקלעך פּאַרפּרעסט. זי האָט זיך אָפּטלעך געהיט מיט אַ וואָרט. זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו שאָקלען מיטן קאָפּ, געקוקט אין איר זײַט, ווי זי וואָלט עס געמיינט איר, מירטעלען, באַשר אַ קינד דאַרף אַזוי פֿיל נישט וויסן.

שרעקיק האָבן יענע רייד הייס אָנגעקלאַפּט אין דעם מיידעלעס געהער, פֿײַנלעך געטראָפֿן ווי אַ פּלוצלינגער פֿינצטערער רעגן.

זינט דעמאָלט איז מירטעלע גרעסער געוואָרן. זי האָט אָפּטער גע־טראַכט פֿון דער מאַמעס ווײַטע איבערלעבונגען פֿון ד אָ ר ט ווו פֿײַערן האָבן געפּלאַקערט, פֿון וואַנען מ׳טאָר נישט קיין סך דערציילן. זי פֿלעגט זיך אויך זײַטיק צוקוקן צום גרויסן נומער אויף דער מאַמעס אָרעם, גע־וואָלט איר עפּעס פֿרעגן וועגן דעם, אָבער זי האָט נישט געפֿרעגט. זי האָט נאָר געלויערט אויף די מינוטן ווען די מאַמע וועט פֿון ס׳נײַ זיך צערײדן פֿון ד אָ ר ט, וואָס זי וויל פֿאַרהוילן. מירטעלע האָט אויך געטשאַטשעוועט אויפֿן פּאַפּאַ, וואָס האָט זי שטאַרק ליב. אפשר וועט ער איר זאָגן, מסתמא

טשיקאַוועס זאָגן, וועגן דעם נומער וואָס טונקלט אויך אויף זײַן אָרעם? מירטעלע זעט אַ סך מענטשן, אָבער נישט אַלע האָבן אַזעלכע נומערן אויף די הענט. פֿאַר וואָס האָט ער אַזאַ נומער? פֿאַר וואָס האָט אים די מאַמע? מסתמא איז עס טאַקע אַזוי שרעקיק, ווי די מאַמע האָט אַנומלט אויסגעשושקעט פֿאַר דער פֿרײַנדין! און וואָס מיינט עס טויט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט בײַ דער מאַמעס פֿיס, און די מאַמע האָט אַזוי געפּלאַטערט, בלייך געוואָרן בײַם דערמאָנען אים, דעם טויט?

מירטעלע האָט מיט מורא געטראַכט דערפֿון, און זי איז אומעטיק געוואָרן.

...זינט דעמאָלט האָט דאָס קליינע מיידעלע מירטע זיך מערער געשראָקן אַז זי זאָל נישט ווידער אַ מאָל קראַנק ווערן. זי האָט שטאַרק געציטערט פֿאַר דער בלייכקייט, וואָס באַפֿאַלט איר, ווען זי דערמאָנט זיך אינעם טויט וואָס וואַלגערט זיך פֿאַר די פֿיס.

אַן אינדזל פֿון אַנטרונענע

1

מיקי הייסט דאָס ייִנגעלע, וואָס טוט אָן צרות אין דעם שטילן דרויסן. פֿאַרשפּילן זיך קינדער אונטערן צעבליטן אָלעאַנדער־געצווײַג, רײַסט מיקי זיך אַרײַן אַן אומגעבעטענער, אַ פֿאַרחוצפּהטער; ער אײנער שלאָגט די גאַנצע כאָפּטע קינדער, בוכטשעט, אויב זי לאָזט אים נישט זיך שטעלן איבער אַלעמען. זעצט זיך אַוועק אַ קראַנקער אין שאָטן פֿון אַ פֿײַגנבוים, גנבעט זיך אונטער דער קלײנער מיקי, רײַסט אַרויף אומגעריכט אויף יענעמס פּלײצע, גיט אַ צופּ אין זײַן אויער און מניה־וביה שפּרינגט ער אַוועק מיט אַ קוויטש. צעברויזט פֿון דערשרעק שאָקלט זיך אָפּ דער חלוש.

— אַ בייזן כּוח דאָס האָט!

ער הייבט זיך אויף אַ בלייכער, גייט אַוועק אין אַן אַנדער אָרט, וווּ דאָס אָנשיקעניש זאָל מער נישט קענען אונטערקומען.

פֿון מיקין איז אָבער נישט פּטור צו ווערן. ער איז צעלאָזן. די מאַמע איז שולדיק — ריידן ווײַבער. גייט ער נאָר אַרויס פֿון שטוב, איז מיט אים פֿול אומעטום. דאָ זעצט ער זיך אַרײַן אין אַ פֿרעמדן פֿענצטער, כאַטש מ׳טרײַבט אים, דאָרט וואַרפֿט ער אומיסטן אַראָפּ נאַסע וועש פֿון די שטריק. דאָס ייִנגעלע רוהט אַרום ווי דער משוגענער ווינט וואָס ווערט דאָ אַ תּושב, ווען דער האַרבסט דערקלייבט זיך אַהער פֿון די גאָלע ווײַטע הויכקייטן, פֿון די ימישע ברייטן. דערווײַל איז נאָך זוניקער אויגוסט. די באַגינענס נעפּלען זיך איבער דער אָזערע, די פֿאַרנאַכטן וויקלען זיך אין מיראַזשן פֿון שטוינענדיקן באַרג און וואַלד וואָס זענען דאָ אײַנגעקוקט אין די טונקעלע וואַסערן פֿונעם קאַסטעלער טאָל. צוגלײַך מיט די אַראָפּנידערנדיקע פֿינצטערנישן פֿאַרגייען זיי, די מיראַזשן, צו די רויט אָנגעצונדענע טורעמס פֿונעם שטיינערנעם זומערהויף דעם הייליקן פֿאָטערס פּיוס דער צוועלפֿטער. אײַנגעוויגט אין שטילקייט איז דער בײַ טאָג, ווי אַ זאַק אָנגעשטאָפּט מיט אימה איז דער אינדזל פֿון די אַנטרונענע בײַ נאַכט, ווען די גלײַך־רויטע

טורעם־פלעמלעך פון באַרגיקן קאַסטעל גאַנדאָלפאָ שפּאַרן צו די הייכן און צו די ווײַטן.

בײַ טאָג אײַלן אַוועק פונעם שטילן ישוב ס׳רוב דערוואַקסענע צו דער גערימטער אַלטער רוים. מחמת די שווערע דאגות, וואָס לאָזן נישט אָפּ קיינעם פון זיי, זעען נישט די מענטשן די אַנטיקע חורבה־פּראַכט, וואָס גייט זיי אומעטום אַנטקעגן אויף די גאַסן און פּלעצער פון דעם קלויסטערישן כרך, וועלכער האָט זײַן גרײַזן קאָפּ פאַרהוילן אין די סודותדיקע פינצטערע לאַבירינטן פון זײַנע קאַטאַקאָמבעס. נו, זיי ווילן גאָר נישט זען אַזוי פיל, די וואָס מוזן נאָך אַלץ אַרומוואָגלען אָן אַ היים. היסטאָריע מיינט נאָר יידישע צרות. נישטאָ שוין קיין כוח, קרעכצן זיי אַרויס. און דער חסד פון צדקה, צו וועלכער מ׳איז אויסגעשטעלט געוואָרן, איז אויך שוין דערעסן! קאָנסולן, חשודע פּלעקלעך אויף די לונגען, אַ פּגם אויפן אויגאַפּל, זענען די שווערסטע שטיינער וואָס פאַלן ערשט אויפן געמיט. די שרים פון די געהאָפטע לענדער קלײַבן צווישן די אויסגעדייוועטע יידן אַזוי גלײַך זיי וואָלטן געהאַט פאַר זיך ווערעמדיקע אַרבעס. גיב זיי רק יונגע, שטאַרקע, וואַזשנע פּאַכלײַט. ס׳אַן אומגליק ווי זיי בראַקירן אויס, באַפאַלן מיט אויסטערלישע שאלות, וואָס קענסט אָפּט מאָל נישט פאַרענטפערן. ווײַל ס׳זענען מאָדנע קינדערישע פראַגעס, אויך נאַרישע וואָס דו ריכסט זיך נישט אויף אַזוינס. נאָך אַ פלאָג איז געקומען אויפן ביסל יידן — פאַרריסענע קאָנסולן! וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? און אין די סומנע הײַזער וואָס זענען צעוואָרפן איבערן טאָל ווײַט אַרויס שטאָט, בלײַבן איינע אַליין די דריבנע קינדער. ס׳איז טרויעריק. אַ תל ווערט פונעם קליינוואַרג. עס צעקלינגט זיך נישט מיט געלעכטערס. ס׳קליינוואַרג איז אָנגעשטעקט מיט אונדזער שווערער זאָרג, — וויגן עצבותדיק זייערע קעפּ די טאַטעס, די מאַמעס. האַמעטנע, פרעמד, קלויסטעריש ווי אין נאָענטער שכנות, איז אין דער פּליטים־קאָלאָניע און די שטילקייט ברומט אין די קרוינען פון די ברייט־צעבלעטערטע ביימער, זי שווילט אָן אין דער דערוואַרטונג פון די פאַר אַלטע לײַט, וואָס קוקן שוין אַרויס דאָס אָנקומען פון זייערע יורשים. אין זייערע מידע געמיטער שטאַרט ווי אַ פראָסטבלימל אויף אַ פענצטערשויב דער געדאַנק וועגן דער געגאַרטער בשורה: „ענדלעך, מיר׳ן פאָרן. דער קאָנסול האָט אונטערגעשריבן; דער קאָנסול איז געווען ליבלעך. ער האָט געזאָגט... נאָר שאַ, קיינער דאַרף עס נישט וויסן!"

דער פחד פון גערודפטע לאָזט נישט אָפּ די מענטשן. אַפילו קינדער

ווייסן, מ׳טאָר קיינעם נישט דערציילן וואָס מ׳רעדט צווישן זיך. עמעצער קען זיך דערוויסן, עמעץ וועט מסרן. מוסרים זיך אָנגעקאָציעט צווישן די צעבלוטיקטע, די מאַסנוויַז פאַריתומטע. מסירה — אַ דרך! מ׳קען זיך מער נישט ראַנגלען מיטן בייז וואָס גייט דאָ אַרום פאַרחוצפּהט. ס׳איז אויסגעלאָשן יעדער ווילן צו גיין גראָד ווי אָרנטלעכע טאַטע־מאַמע זענען געגאַנגען, ווי אָפּגעהיטע באָבע־זיידע האָבן זיך געפירט. און צעטומלט זיך מיקי אין מיטן דערינען, דער קליינער שד ברענגט אָן צרות, טרעט מען אָפּ אין אַ זײַט. די דערוואַקסענע שרעקן זיך פאַרן קליינינקן, זיי בעטן זיך תחנונים:

— ר׳איז געקומען אַקוראַט אַצינד, פאַרשטייסט?... דערבאַרעם זיך, — לויפן אַרויס מאַמעס צום באַעוולהטן קליינוואַרג — ריר אים נישט! און צו זיך: „ווער וויל זיך אָנהייבן מיט אַזעלכע? זאָלן זיי זיך ווערגן מיטן גרויסן תענוג פון לאָזן אַ ממזר אויסרײַסן די אויגן פון יונג און אַלט!״

שטילערהייט פאַרקניפּט מען די ליפּן אויף דער־אַ פּורעניה. מ׳האָט מורא אויך פאַר דער „גרינער בראָד״, ווי מ׳רופט מיקיס מאַמע.

דערטראָגט זיך אַ געשריי, ווייסט מען: „מיקי איז שוין דאָ״.

— אַן אויסרײַסעניש אויף דער מאַמען, וואָס האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט!

צום מערסטן בענטשט מען דעם קאָפּ איר, דער מאַמען. צו א י ם , דעם פאָטער, האָט מען נישט אַזאַ האַרץ. מ׳ווייסט: ער איז אַ גראָבער נפש, און ער באַהאַלט עס נישט אויס. „כ׳על אײַך די הויט צעשינדן!״ — דראָעט ער איטלעכן וואָס קוקט אויף אים נישט גלײַך, אָדער אים דאַכט זיך נאָר אַזוי. אויף איר פאַרדריסט מער. ז י וויל אָנגיין פאַר אַן איידעלער, זי איז נעבעך אַ יחסנטע, נאָר די ביטערע צײַטן פון געטאָ, פון נויט, האָבן זי פאַרפירט צו דעם שידוך. „ס׳אַן אַנדער וועלט, איר באַנעמט? פון דעסט־וועגן קען זי נישט חרטה האָבן. ער איז אַ מענטש, אַ פּפּפּול־קקקו־וומער ממ־מממעעען־נטש, — קוועטשט זי מיט אַ מאָל די אויגן, פאַרהיקעט זיך שאַרף. — מע־מממעע באַ־באַאַ־דדאַ־אַאַררף זי פּפּאַ־אַאַרששטיין, — פּאָלט איר אײַן אַ ביסל זיך צו פאַרענטפערן, אָבער זי ציט זיך באַלד צוריק מיט באַשײַמפּערלעכער חרטה. „זי קען זיך נישט מישן מיט אַלעמען דאָ. זי איז דאָך עפּעס אַנדערש. זי רײַסט זיך ליבערשט צו אַ בוך, וואָס וואַרט אויף איר מיט בענקעניש. נו, זי איז אַנדערש געווווינט״. אויך דאָס האָט זי געלאָזט וויסן אין אָנצוהערעניש אַז פּראָסט פּעבל שטייט איר נישט אָן אַפילו דאָ, אויף דער קופּע מיסט. און דאָס דאַרפן זיי געדענקען, די ששׁשנאָאָ־

ררעע־עעעררס! אַוודאי, דער מאַן, טאַקע דער זעלביקער דניאל האָלט זי אין גרויס כבוד. זי וועט זיך נישט אַראָפּלאָזן אַזוי, ווי טייל ווילן זי אַראָפּ־שלעפּן. אַ זאַשיע זיי! און מיט מײַן קינד זזזאָ־זזזאָ־אָ־אָאָאָלן זיי זיך נישט שווע־עעענקען ס׳מויל! נבו, נו, עררר, דער מאַן, איז איר אַ ררע־ררעעעכ־טעער זיווג, — שמייכלט זי אין אַ לײַטזעליקער מינוט מיט להכעיסדיקער ווײַבערישער זיסקייט; עעערער איזזז קרר־אַאַאַפּט, אי־ייך דדעע־דעער אַאַ־אַרויסקום פון סס־סאַ־אַאַממע פפפײַ־יײַנ־קקיי־ייט! דערפאַר האָט ער זי שטאַרק ליב, איר דאַניע, און דערפאַר רוט אַזאַ שיינקייט אויף זייער מיקי. אירררר זזז־זזעענט אַ מבין אויף־ףף ממ־מײַן מיקקקע־קעלע? קיין עין הרע זאָל אים נישט שאַדטן.

— פאַר אַ גרויסער ווייסערין מאַכט זי זיך, די מאַדאַם שטיין. זי וואָלט ליבערשט געוווסט ווי צו זײַן אַ מממע־עענטש צווישן מענטשן, — קרימען זיך די שכנים פון דעם רויקן מקום, וואָס האָט זיך אָפּגעקײַקלט מיט דער קליינבאַן פון דער פרעמדער, שיינער גרויסשטאָט.

— ס׳אַ חרפּה פאַר די בכבודיקע „מאַדרעס״ און „סאָרעלעס״ פון אַנט־קעגנדיקן קלויסטער! — קרימט זיך עמעץ אין מיטן דערינען — צ׳הערט? שוין ווידער שנײַדט זיך אַ געוויין פון אַ קינד אין דרויסן! מיקיס פּינצטע־רער כוח לאָזט זיך דערקענען.

איטלעך מאָל דערנענטערט מען זיך צו די פענצטער און אַלעמען קומט אויפן זינען: מיקי, פון ס׳נײַ מיקי!

געליטענע זענען די לײַט. דער מוח איז אויסגעהוילט — טאָ נאָ דיר אַ מיקי, אַ פאַרזעעניש פון ייִדישן אומגליק.

אַ זיבן־יאָריקער איז דאָס ייִנגעלע, אַ געזונטער און אַ רירעוודיקער. דאַכט זיך: ס׳איז מקנא צו זײַן אַזאַ צאַפּלדיק לעבן, און קוקט מען עס אָן פון דער נאָענט, ווילט זיך עס אַרומהאַלדזן. דערמאָנט מען זיך אָבער אַז עס איז מיקי, עס איז סאַמע ווילדקייט — נאָר עס שלאָגט זיך, מאַכט שאָדנס, טוט אָן להכעיסן, ווישט מען אָפּ דעם שמייכל וואָס בליט אויף פּאָר מיקיס וועגן. אַ שיינע, סמיקע בלום וואָס שפּאַרט אַריבער דעם פּלויט פון־נעם מעשהלע. אין דער אמתן איז זיך נישט צוצורירן צו דעם ווי צו אַ דאָרן. עס אָטעמט מיט פאַרדאַרבונג. ס׳איז נישט קיין אויסטראַכטעניש מיט דער באַרגרויז וואָס איז שיין, גלוסטיק זי צו האָבן, אָבער צורירן זיך צו איר איז — גרויל. גיפט איז איר קאָליריקע ליכטיקייט. אַזאַ איז מיקי. פון

הפקרע בלוטן האָט דאָס אויפגעשפּראָצט. מ'ווײַכט צו מאָל פון דער מאַמען, וואָס האָט אַזוינס אַרויסגעבראַכט פון אירע געדערים.

— ס'האָט אין ווערמענען נאָכצוגעראָטן, — זאָגט עמעצער.

— ירושה... געמיין בלוט! — מישפּט אָפּ אַן אַנדערער.

*

קיל ווי אין חלום פון דער שטאַרער לבנה ליגט דער טאָל פון דעם קאַסטעל. אַלץ שווימט דאָ אין שלעפעריקייט. די שווערע מויער־פלויטן פונעם קאַסטעל, זײַנע קופּאָלן, גאַניקעס און גאָרטנס קוקן אַראָפּ פון שיפּו־עים; ווי שטויביקע ריזיקע שילדקרעטן פויזען זיי, פאַרגייען מיטן געפלאָס־טערטן וועגל צו די בלאָלעכע אין־סופן פונעם ים וואָס ווידערשפּעניקט אַ מאָל, אָבער מערסטנס איז ער רויק, מילד ווי אַ מאַמע. די מויערן קלע־טערן איבער אָפּהאַנגען וואָס זענען אײַנגעטונקט אין ווילדגעוויקסן, אין מאַסיוון פון שווער קריכנדיקע גראָ־גרינלעכע מאַטע קאַקטוסן. איבערן אָנגעבויגענעם פּנים פון דער טונקעלער אָזערע הענגען גרויסע, ליכטיקע ווילעס פון דער קאָלאָניע פאַר די פּליטים. זיי זענען דאָ באַזעצט געוואָרן אויף צו וואַרטן זייערע ווײַטע לענדער, זייערע נסיעות, וואַרטן אויף די אַלע שוין פריקרע האָפענונגען אַז זיי זאָלן דאַך ווערן וואָר. ווײַס זענען די הײַ־זער און טונקל, אַן קלאָרן קאָליר און גלאַט איז זיי צופוסנס אויסגעשפּרייט די אָזערע, וואָס איז געווען אַ — שטאָט. אין אירע ווײַט־פאַרשפּינטע טיפן שפּיגלט די אָזערע דעם טויזנטיאָריקן מיט פון אַ ל ב אַ ל אָ נ ג אַ, דער שטאָט פון דויערנדיקן מאַרגנשטערן וואָס איז פּלוצלינג — שוין אַזוי פיל דורות אין דעם! — אײַנגעשלונגען געוואָרן פון דער צעהונגערטער ערד. אײַנגעזונקען מיט אירע גוטסן, מיט די הײַזער און העלדן, וועלכע זענען פרי'ער, אין מלחמות, בײַגעקומען די גיגאַנטן פון שלעכטס. איבערן קבר פון דער פאַרשווונדענער שטאָט האָבן זייערע מײַלער אויפגעריסן זשעדנע וואַסערקוואַלן, אַ נעץ פון טיפע קוואַלן צעעפנט און איבער זיי האָט זיך געשטעלט אַ טויטקייט. דערצו איז נישט געווען ווער עס זאָל פון זיי שעפּן. הונדערט־אויגיק ליגט זינט דעמאָלט פאַרגליווערט ס'פּנים פון די אײַנגע־זאַמלטע וואַסערן און ס'איז נישטאָ עד־היום ווער עס זאָל פאַרנעמען דאָס ברומען פון די אומגעלאָשענע לעבנס, וואָס טלי'ען נאָך אונטער דער דאָ־זיקער וואַסערפלאַך.

אומעטיק, ווי אַ גליווער־כוואַליע, קוקט אַרויס פון טאָל דער וואַסער־

שפּיגל. אייביק גרין זענען די בערגלעך, וואָס ראַמען אים איַין און ווי אַ צויבערלעכע צורה, מחשבותדיק באַלאַדן, איז דער זעעוודיקער הימלדאַך איבער אַלץ, אַלץ אין דעם אָפּגעלעגענעם אָרט. אָנגעזאַפּט מיט סודות איז די לעגענדע, וואָס הויערט דאָ און פול מיט נישט אויסגעזאָגטער שרעק זענען די מענטשן וואָס זענען מיט די בליקן און מיטן געהער תמיד צוגע־נייגט צו דער אָזערע. מ׳וווינט דאָ, ווייַל מ׳מוז; מיט אַ מטושטשן כּוח איז מען צוגעבונדן צו די פּחדים וואָס פּלאָנטערן אום ווי פלעדערמייַז, מ׳בייגט אַוועק די קעפּ פאַר זייער אָנפאַלי. מע דערנענטערט זיך נישט צו די פענצ־טער כּדי ווידער אַ מאָל נישט צו באַגעגענען זיך מיטן רוגז וואָס פּאַרדעקט די אָזערע. פון דער הייך דער דריקט נאָך מער די טיף פון טאָל און דער דנאָ פון טאָל איז די אָזערע. עס פּויזען שאָטנס איבערן וואַסער און איבער די גאַפּנדיקע בערגלעך, וואָס גייען אַוועק פון דאַנען אין די ווייַטן פון דער אַלטער געגנט.

שטיל. רײַסט אויף אַ פּלוצלינגדיק געשריי, ווייסט מען שוין: ס׳איז דאָס עפּעלע פון הפקר.

— שוין ווידער דער שד! — מורמלט מען נישט ווילנדיק.

מיקי איז דער נאָמען פון דעם בייז וואָס בושעוועט אין דער נאָענט, און רציחה אָנט זיך אַלעמען ווי אַ נאָכווייעניש פון די איבערגעקרענקטע יאָרן.

— מ׳זענען ברוך־השם ייִדן, — קײַען לײַט דעם אייגענעם טרויער. — דער ייִד האָט אין ערגעץ נישט קאָ׳ אָננעמערס. צו הפקר איז ער אומעטום אָנגעבאַרייט. ס׳דאַרף נאָר זײַן דער תּירוץ. אַצינד הייסט ער מיקי. אוי, אוי, אַז ס׳איז באַשערט, קומט עס שוין אַהיים.

אַן איבערגעשראָקן האַרץ צאַפּלט שטאַרקער. בײַ די ייִדן פון קאַסטע־לער טאָל האָבן די הערצער זיך צוגעפּגעשרומפּן: ס׳גלייבט זיך נעבעך אין בייזע אָנזאָגן. אַבי אַזוינס ווײַזט זיך. מ׳זאָל נאָר נישט צו גלייבן קומען!

2

מיקיס מאַמע איז די „גרינע בראַך״, דער טאַטע איז דער „בערנטרײַ־בער״.

שטילערהייט, צווישן זיך, רופט מען זיי אַזוי אין קאַסטעל־גאַנדאָלפאָ.

אָנרופן זיי ווי מ׳רופט מענטשן: דניאל שטיין, נעמי שטיין, גייט קיינעם נישט איבערן לב. שוין אַזוי פיל זיך אָנגעליטן פון זיי, אַזוי פיל אומווער־דיקס זיך אָנגעהערט וועגן זיי אַז מ׳קען זיך אַליין נישט שענקען הלמאי מ׳טוט אַזעלכע נישט אויסדראַפּען די אויגן, לפּחות זיי פאַרטרײַבן פון זיך. אַלעמען פאַרדריסט וואָס מ׳מוז זיך אַ מאָל נאָך צונויפטרעפן מיט די דאָזיקע.

— ס׳זענען דען ייִדן? ערגער פון די טאַטערס זענען זיי. אײַין אויס־וואָרפלינג ערגער פון צווייטן, לעבן פון יענעמס אומגליק; כל דבר אָסור זענען זיי קאַפּאַבל צו באַגיין. מסרן, צאַפּן יענעמען ס׳בלוט, נעמען לא יחרץ־געלט. אַבי זיי זאָל צופאַלן ריווח. אָנגענומען זיך אין געטאָ מיט געמיינעם חשק, איז פרעסן און זויפן זיי שוין ווינציק. גאָלד מוז ער באַקומען, דניאל שטיין דער ציפּער, ביי בריליאַנטן דאַרף ער זיך וואַרעמען, אַ זאַק מיט דאָלאַרן איז אים ס׳מעסטל פון וויכטיקייט. און וויכטיק וויל ער זײַן, גאָר וויכטיק!

און בשתיקה האָט מען נקמה אין דעם בערנטרײַבער. שוין אַ צײַט ווי ער איז נעלם געוואָרן פון דער אָרעמער קאָלאָניע פאַזע דער אָזערע. זעלטן מ׳זעט ס׳ווײַב איינע אַליין, און שטענדיק אײַלט זי זיך; זי האָט נישט קיין צײַט, — פאַרענטפערט זי זיך און לויפט פאַרבײַ. קענטיק — זי קען נישט קוקן אין די אויגן אַרײַן די לײַט פון די הײַזער וואָס שטייען פאַרסודעטע אויפן משקולת פונעם באַרג־ראַנד. אַלע שווײַגן זיי, ווען די שטיינעכע באַ־ווײַזט זיך, אָבער דאָס שווײַגן זאָגט אַ סך. זי, נעמי, הערט עס צום שאַרפ־סטן און עס בריט איר. „שוין אַן אָכעניש צוגעקומען די כוח־גייערס״, איז מען זיך משער. מ׳זעט זי אַ צעקוועטשטע, פאַטשן זיך די לײַט אין בויך אַרײַן: „אַ שיינע ריינע כפּרה . אויף אַזעלכע מוז סוף־כל־סוף קומען אַ מפּלה, שוין צו פיל פאַרריסן די נעז. אמת, רייצן זיך מיט אַזוינער איז קיינער נישט אַזוי פאַרשײַט. קומט זי אַנטקעגן, טראָגט מען איר נאָך צו אַ שמייכעלע אויף צעזעצעניש.

— עפּעס נײַס, פרוי שטיין? — איז מע צו נ׳איר פרײַנדלעך, מעשׂה גוט־שכנותשאַפט.

— אַזוי זשיך, אַ דאַנק.

מיטן פאַרשנורעוועטן פּיסקל ענטפערט זי און איר בולטע בלאַסקייט צינדט זיך ווי פאַפּיר אין פלאַם.

„לײַט ווייסן שוין עפּעס, לײַט ריידן מיט פרייד פון מײַן מאַלעער, אַז די מײַלער זאָל זיי שטיין אונטנאַרומעט!״ — גיט איר אַ ברי אין דער

ברוסט — „אָבער זיי האָבן אָפּשײַ, די ששש־נאָאָאָ־אָאָררערררס״, קילט זי זיך ס׳בלוט, ווי באַלד זי שטעלט זיך אָפּ מיט אַ שכן וואָס פרעגט גוטפרײַנד־לעך: ווי גייט עס, פרוי שטיין? בעת־מעשה גראָבט ער זי אַדורך מיט זײַנע בליקן. „אײַ־אײַ, — טראַכט זיך יענער — ביסט טאַקע אין דר׳ערד, אָבער דער אמת איז: מ׳האָט פשוט מורא אָנצורירן אין דײַן מישפּאַכטע־רע, איי־דעלע שלאַנג וואָס דו ביסט!״

נישט פאַרהוילענע שנאה האָט אַזוי און אַנדערש אַרויסגעוויזן איר גרימאַסע, אַ קנייטש, אַ שאָטן פון אַ באַגערטן זאַג וואָס ציטערט אויף די ליפּן.

אָבער אין מיטן דערינען נעמט ער זיך קלאָמפּערשט אײַלן, דער שכן דער שטיינעכעס:

— כ׳האָב זיך דערמאָנט, ס׳ווײַב האָט מיך געשיקט עפּעס ברענגען. — אומיסטן אַ זאָג געגעבן: ס׳ווײַב האָט׳ן געשיקט, אויף צו ווײַזן איר אַז ס׳איז געקומען דער טאָג ווען זי מוז זיך מאָרדעווען אַליין, די מאַדאַם; אירער איז אין „פּעקל״.

איר לאַנג, גרין פּנים ציט זיך אויס מערער. נעמי שטיין שפּירט אויף זיך נישט־פאַרגינערישע בליקן. אָ, בליקן קענען שנײַדן ווי מעסערס, נאָר אָנספּקדיקע ראיות פון ווידערווילן האָט מען בלויז אינעם וואָרט, און מיט דעם טרייסט זי זיך, נעמי די ליטוואַטשקע, זיי האַלטן ס׳פּיסק, די שלעפּ־פּעַרס. זיי מוזן האַלטן די מאָרדעס, די ששנ־נאָאָר־ררערס, — גיט זי כלאחר־יד אַ קריץ מיט די ציין. די שכנים, וואָס זיצן אין די איינצלנע צימערן פון די אײַנגעוויגטע ווילעס אויפן באַרג, האָבן פאַר די שטיינס נאָר פײַנדשאַפט, אָבער כאַפּן זיי אויף דעם איז דער שטיינעכע נישט געראָטן. „זאָלן זיי נאָר אָנהייבן, וועט זי זיי צעטרעטן ווי די וואַנצן״. אין איר האָט עס געקאָכט, הלמאי מ׳האָט דערלעבט נקמה אין איר. זי מוז זײַן אַליין, אים האָט מען אײַנגעשעוועט. נעמי האָט געפילט דעם ביס פון זייער נקמה, זי האָט עס גענומען פון זייער קוקן, פון זייער אומגעריכטן אָפּשווײַגן ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו אַ געזעמל, וואָס פלעגט זיצן אַ צונויפגעדרענגטס אויף אַ באַנק אין דרויסן. אין פאַרביסנקייט טשאַטעוועט די נעמי אויף די בייזע ציינגער, זי קוקט חשדיק אויף אַלעמען. איר מאַן איז פאַרטריבן, האָט עס אין דער פרוי געזאָטן, און זיי קוועלן אַן, די ששש־נאָאָ־אָאָרררערררס!

„איך? איך בין אײַך אַ גוטער פרײַנד... וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך געהאַט פון אײַך, אי־אי־איייי! אַדרבא...״ — פלעגן לײַט חנפענען, זיך חנפּע־

נען צו די שטיינס. אַצינד שווײַגן די גוטינקע שכּכ־כּני־ים, אַז שרפענען זזזאָלן זזזיי — כּעסט זיך פּרוי שטיין — זי קומט אָן, ששווײַ־ײַגן זזזיי ווי די אָזערע פון קאַסטעל. און אַצינד לוינט זיך נישט נעמין צו מאַכן זיך הערן וואָס מ׳רעדט פון איר, פון איר מאַן. ס׳בלוט צוקט אין איר, די באַקן ווערן קיל פאַרשטײַפט, כּאַטש זי ברענט אין גאַנצן ווי אַ לאַמטערן; אירע דינע ליפּן ווערן פאַרטריקנט, נאָר אַ שוועבעלע צוצוטאָן און זי וועט זיך צעפלאַ־קערן. ווי אויף צו להכעיס באַגעגנט זי זיך מיט שמייכעלעך, אַ מאָל נאָך מיט זיסינקע רייד.

די מענטשן וואָס זענען שוין יאָרן־לאַנג אונטערוועגס צו אַ באַגערטער נײַער היים, האָבן זיך אויסגעלערנט: מ׳באַדאַרף זיך אַרויסדרייען פאַר יעדן פּרײַז. ס׳אַלץ נאָך נישט געקומען קיין מענטשלעכע צײַטן, מ׳דאַרף קענען טאַנצן ווי יענער שפּילט. אַ מנוול, דער דניאל שטיין, אַ נכפּהניצע איז זײַן צויג. אַרײַנפאַלן אין אומחן בײַ אַזעלכע, איז ווער מיר בייז גינט. אַ מער־דעריש האַרץ בײַ אים, ווערעמדיק אַפילו דער געדאַנק בײַ איר, איז גלײַ־כער כּלומרשטע גוטפרײַנדשאַפט מיט זיי אײדער אָפענער ברוגז. נאָך הײַנט קען אַזאַ פאַרשוין אַן עוולה טאָן. זי איז נאָך ערגער. די פויסטן זענען בײַ איר רוצחישע, אַ ליאַדע וואָס צערענען זיי און איר מויל איז לויטער סם. אַלעמען פאַרמסרט זי פאַרן מאַן. ער גלייבט איר יעדן וואָרט, ער האָט אַן אָקסישן קאָפּ. זי גיט אַ ברום און ער איז שוין גרייט צו הרגענען. זי איז פאַר אים ווי אַ געץ. דערפאַר נעמט נאָך איצט אַ שרעק פאַר איר פּיסק. ווער ווייסט צי ער קען זיך ווידער נישט באַווײַזן. ער האָט קורחס אוצרות און אַ פויערישע גבורה, דער גזלן. פאַר געלט לאָזט זיך דער גלח קויפן, ר׳קען אַרויס פּרײַ, כּאַטש מיט בלוט טריפן נאָך זײַנע פינגער.

— געוועזן בײַם דאָקטער, פרוי שטיין?

— כּכ־כּאַפּט דער טײַוול אַלע דאָ־דדדאָ־דאָקקקטויטוי־רייים, — צע־שטאַמלט זי זיך אין פּלוצלינגער אויפרעגונג. — אַאַאַ קק־קקררע־עעענק אַאַ־אַאַף זזיי־זזזיי־עעעררע קע־קקעעע־פּפּפּ! — און אירע אויגן פאַרקוועטשן זיך. — אי־אי־ייייךך גגג־גררריי־ייט זשיך. — אי־אי־ייייךך בבי־ייין גע־געגעע־זזזו־ווו־נננט. אי־אי־ייייךך גגג־גררריי־ייט זשיך צו־צו־ווום פּפּפּאָ־אָאָאָררן.

— ס׳פריייט מיך, כ׳זאָל אַזוי לעבן — וויל מען זיך פאַרענטפערן פאַר דער־אָ, וועלכע האָט אַ פולן בוזעם פאַרדאַכט אויף אַלעמען. — ווי האַלטן מיר שוין אַזוי? אַן אומגליק דאָס וואַרטן אויף וויזעס!

אָפּגעשטעלט זיך, גערעדט, אַבי יוצא געווען. מ׳האָט מורא פאַר די הפקרים, כאָטש „מ׳ווייסט זיי אַמאָל אַ תּפיסה.״

— לללײַ־יַי־יַיכככטע קע־קקקע־עעעפּ, אַ פּפפי־ייייִנצ־צצצטעעער יאָאָר אַ־אַאַאָףףף זזיי! — גיט די שטיינעכע אַנצוהערעניש דערויף אַז מ׳האָט גאָר פאַרמסרט זי, באשר פּרוי שטיין איז געכאַפּט אויף די לונגען. זי פאַרשמירט די קרענק איידער זי גייט צום דאָקטער. מ׳וועט זי אין קיין שום לאַנד נישט אַרײַנלאָזן. — אי־ידך פּפפאָ־אָאָאָררר! — שוימט זי אויף.

— אַוודאי, טעבעצע זאָלן האָבן אַלע אונדזערע שונאים, — טוט מען צוליב דער נכפּהניצע מיט אַזאַ ברכה.

זי האָט זיך געשעמט מיט איר שווינדזוכט, דאָס ווײַב פונעם צעלייגער דאַניע שטיין. פאַר זײַנע אײַזערנע לאָפּעס ציטערט יעדער און דאָ, אין מיטן דערינען, ס׳אייגענע ווײַב אַ טשאַכאָטניצע?

נאָך אַ מאָל אַ באַהאַלטענע נקמה אין נעמי שטיין: צו ערשט איז דער בערנטרײַבער פאַרכאַפּט געוואָרן אין צרות, אַצינד האָט דער קאָנסולאַרער דאָקטער בײַ איר אַנטדעקט „די גוטע קרענק״. זי וועט זיך שוין האַלטן בײַ איר, די קרענק, האָבן לײַט זיך געטרייסט. איצט זאָל זי זיך מאַרדעווען, זאָל זי וויסן אונדזער טעם. און אַ גדולה איז אויף די שכנים, וואָס אויך „איר בענקאַרט״ מיקי וועט אַנידערגעלייגט ווערן; ער וועט מער נישט האָבן אַזאַ חוצפּה צו גרויס און קליין. שוין חדשים ווי דער פאָטער איז ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן צי ר׳זיצט אין קוטשעמענט און דער קליינער טומלט אַרום אומגעשטערט. ווײַל די מאַמע־רע האָט אים באַשיצט קעגן אַלע פּלוצלינגע תּרעומות וואָס קומען אויף אים מצד די געליטענע, די באַוולהטע. דער קלאַפּ וואָס איז ערשט געפאַלן אויף דער מאַמען, וועט אויך אים שוין טרעפן. אַ בייזער הונט, וואָס קריגט מיט אַ קלאָגיצע איבערן קאָפּ, גיט אַ שנײַדיקן סקאַווטשע, אָבער ער לאָזט אַראָפּ דעם ווידל צווישן די פיס און הינקט אַוועק. די שטאַמלערקע וועט אים שוין נישט אַזוי פיל בײַשטיין. זי׳ט האָבן צו טאָן מיט זיך, וועט אויך איר שוין שטערן מיקיס רעשן. די „גרינע בראָך״ וועט אים מער נישט אַזוי צעלאָזן. דער בערנטרײַבער איז דאָך ערגעץ אײַנגעזונקען, וועט דער בענקאַרט שוין אײַנזיצן.

די לײַט אין די עלנטע הײַזער אַרום דער אָזערע אין טיפן טאָל האָבן אין זייערע צרות אָן אויפהער געאָנט פון אַ קאַפּעלע מנוחה, וואָס איז זיי אָפּט געשטערט געוואָרן פונעם מישפּאַכטעלע דעם בערנטרײַבערס. באשר

זייער גבורה איז אומגעהײַער נאָך דעם בראָך וואָס ס׳איז געשען די ייִדן און ס׳איז גרויס „זייער" כוח מיטן געלט וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ פינצטערע פאַרטלען.

3

ווהין דער מאַן־רע איז אַוועק, האָט מען דעם ווײַב נישט געפרעגט; מענטשן האָבן זיך דערוועגן נאָר געשושקעט. און ווײַל מ׳האָט געדעדט הינטער איר פּלייצע, האָט עס דער „גרינער בראָך" סײַ פאַרדראָסן, סײַ הנאה געטאָן. זאָלן בײַ זיי די קעפּ אויסגעדאַרט ווערן, — האָט זי אַרײַנגערעדט אינעם ייִנגעלע מיקי. און זי׳ט זיך געפרייט:

— זע נאָר, זשונעלע, ס׳אַר אַ גרויסע אויגן אַלע האָבן אויף אונדז. זיי זעען נישט דײַן טאַטעליו, גייט זיי אויס ס׳חיות צו וויסן ווו ער איז. אַזוי פיל ווילן זיי וויסן, האַ? (ווײַזט זי אַ צונויפגעקוועטשט בינטל פינגער). אָבער מיר ווייסן. דײַן טאַטעליו איז אין קאַליפאָרניע. צו דײַן שוועסטערקע סולעמאַ געפאָרן. אָבער שאַ, קיינעם זאָלסטו עס נישט דערציילן, מיקעלע! געדעע־ענקסססט?

— אין די ציינער אַרײַן זיי! — האָט דער קליינינקער אויפגעדריקט דאָס קליינע ראָזע פויסטל און זײַנע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך איבערגעקערט, געשטעלט זיך מיט אַ שאַרפן בליאַסק.

— גגו־ווטטט, גגו־וט, נאָר שאַ, הע־עעררסט? — קוקט זי אים אָן מיט ליבער שטרענגקייט.

מיקי האָט געשאָקלט מיטן שטערן אויף יאָ, נאָר אַז אַ שכן פון די אַרומיקע מערערע שכנים אין די שטומע צימערן וואָס זענען צעשפּרייט איבער די טונקעלע קאָרידאָרן, האָט צו זיי אַרײַנגעשטעלט דעם קאָפּ כדי עפּעס צו פרעגן, איז מיקי אים ראַפּטעם אַנטקעגן געקומען מיט גאָר נישט קיין קינדערישער רציחה:

— פאַרכעס, ברעכט די קעפּ!

גזלניש זיך אָנגעוואָלקנט דער קליינינקער און געשאָלטן די שכנים מיט דער מאַמעס אַלע קללות.

— נישט שיין, ממײַ־ײַ־ײַן קקי־ינד! — האָט נעמי מיט אַ גלעט געלאָשן מיקיס אויפגעבלאָזענעם כעס, ווען דער שכן האָט געזען ווי דאָס

ייִנגל רײַסט זיך אָן. — מ׳טאָר נישט אַזשוי, — און דעם־אַ צוגעוואָרפן דעם גיפּטיקן ביסן וואָס האָט אָקערשט געגערט איר האַרץ; — איר זעט, מײַן טײַער זשונעלע נעמט זיך אַ־אַאָנעט דער מאַמעס קריוודע!

מיקיס מאַמע האָט געהאַט אַ קריוודע: די שכנים פון קאַסטעל־גאַנדאָל־פאָ האָבן זיך געסודעט — ס׳אַרײַנגעפאַלן אין די ריכטיקע הענט דער בערנטרײַבער. אַ מפּלה אויף אַזעלכע, אויב זיי רופן זיך ייִדן! געפונען אַ טויטן אין אַ ברונעם, אַ דערשטיקטן. מ׳האָט אים געטייט און אַרײַנגעוואָרפן אין דער אימהדיקער טיפעניש. אַ שרעקלעך געליטענער געווען דער זײַדל ליפשיץ. אַ חסרון געהאַט: אַ בײַטל געלט האָט ער געזאַמלט און געקלערט נאָך רײַך חתונה צו האָבן. ר׳האָט געלעבט ווי אַ בעטלער, אין קאַרגשאַפט, אָבער מ׳האָט׳ן געשאַצט פאַר אַ גביר... איינער אַליין געבליבן אויף דער וועלט פון אַ גרויסער משפחה. געראַטעוועט זיך פון מערדערישע הענט, איז ער אַצינד געפאַלן פון ייִדישע גזלנים. וויי, וואָס פאַר אַ זינד, וואָס פאַר אַ שאַנד! און אומשולדיקע האָבן געקענט לײַדן פאַר דעם. ווײַל נאָר צווישן ייִדן האָט ער געלעבט, דער זײַדל ליפשיץ, אין ערגעץ איז ער נישט געקו־מען. נישט אַנדערש ווי אַ ייִדישע האַנט האָט אים דערוואָרגן. נאָך גוט, וואָס מ׳האָט געפונען די ריכטיקע שליאַדן.

ס׳איז געוואָרן אַ קאָך צווישן די ייִדן, די פרעמדע, וואָס האָבן געקראָגן אַ ברעקל היים אין זייער נײַעם וואָגל:

—מ׳וועלן נישט פאַרשווײַגן אַזוינס! אונדזערער אַ ברודער זאָל אומ־קומען אין אַ מדינה ווו מיר אַלע האָבן צוריקגעקראָגן דאָס חשקות ווידער אָנצוהייבן לעבן?! ניין, דער איטאַליענער איז אַ פרײַנדלעכער מענטש, אַ ליבער מענטש. אויף אים גלייבט זיך נישט, ער זאָל האָבן אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ געליטענעם ייִד! נאָר אַ טמא לאַפּע פון אַן אוממענטש האָט זיך געקענט דערצו אַטוואַזשען.

די טענה איז באַליגט געוואָרן בײַם פאַרהער. פאַליציי האָט זיך גע־פּילט געשמייכלט, זי האָט געזוכט און געפונען דעם רוצח. אַלע סימנים האָבן געפירט צו דאַניע שטיין. ס׳אַ גליק וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעפונען דער שולדיקער. טויזנט מאָל ימח שמם, אויב אַזעלכע טראָגן נאָך אַ ייִדישן נאָמען!

מ׳האָט אויסגעשפּיגן אויף די לײַט פונעם הויז וואָס איז פאַראומווער־דיקט געוואָרן מיטן אומשולדיקן בלוט פונעם קרבן. אַלע האָבן זיך גע־דאַרפט קעגנשטעלן דער רציחה — האָבן טייל געטומלט. דעמאָלט האָט ער זיך אַרויסגעדרייט, דער מנוול, אַצינד וועט ער שוין פוילן אין תפיסה, דער...

מיר׳ן זען אים צו פאַרשיטן אויף אַן אמת, ער זאָל דעם קרעציקן ראש נישט קענען אויפהייבן. אַצינד האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין מסחר מיט אָפּגעראַטעוועטע ייִדישע קינדערלעך. אַזוינס איז ערשט אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע לאַפּעס, און ער צופּט... קלאָמפּערשט אַ טעכטערל סולעמאַ האָט ער געראַטעוועט בײַ זיך. אין אמתן איז עס אַ קינד פון אַן אויסגעשאָכטענער ייִדישער משפּחה און מיט איר, דער דריבנער סולעמאַ, האָט ער גענומען דריקן, מיט דער אײַזערנער לאַפּע דריקן אויף אַ שוואַכן ייִדישן האַלדז. געלט, וואָס מער געלט, גאַנצע אוצרות מוז אַזאַ מיאוסקייט אַרויסקוועטשן פון יענעמען פאַר דעם מיידעלע. אַ פעטער מיט אַ מומע האָבן זיך אָפּגעזוכט צום ניצול געוואָרענעם קינד און ד ע ר מוז אַרויסשלאָגן פון זיי אַ זאַק געלט. נו, אַזוינס האָט שוין געמוזט פּלאַצן. אַ פרעמד לאַנד קען דאָס סוף־סוף נישט סובל זײַן. צווישן איטאַליענער איז נישט זעלטן צו טרעפן אַן אָרנטלעכן מענטש. איז ער אַרײַנגעפאַלן, דער מנוול, מיט דעם האַנדל בײַם גרויליקן ייִדישן קבר. סולעמאַ, אַ קינד, איז בײַ דאַניע דעם בערנטרײַבער אויך אַן עניין צו שינדן יענעמס נשמה — —

ערשטנס האָט זיך אויפגערודערט די געסרחה וואָס דער פאַרשוין דאַניע האָט אָנגעבראַכט אויפן גערעמל ייִדן אין דער אָרעמער קאָלאָניע. אַצינד האָט מען מיט מער האַרטנעקיקייט געווײַכט פון דער „גרינער בראָך"; דער קליינער מיקי איז צוגעזעסן נעבן דער „דערהרגעטער" מאַמען, ר׳איז נישט אַרויס מיט זײַן פאַרשײַטקייט. סײַ ווי האָט דער אינדזל פון די אַנטרונענע שטאַרק געליטן פון דעם טראַף, מחמת עס איז ווידער דערגאַנגען צו זיי, די גויים, פאַר וועלכע מ׳באַדאַרף זיך באַגראָבן פאַר חרפּה.

— אַזאַ וויסטער בזיון, אַזאַ אוממענטשלעכקייט!

— ווינציק געלט האָט די חיה־רעה. ער ברויך נאָך, נאָך! אַזוי פיל טויטן געזען, מוז ער זיי אַליין נאָך ברענגען אויף די וואָס זשיפּען קוים!

נאָכן טראַף מיט דעם דערשטיקטן ליפשיץ וואָס אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין ברונעם האָט דער אָנקלאָג וואָס ס׳איז שײַך דעם מיידעלע סולעמאַ, וואָס איז אַ צײַט לאַנג אַרומגעלאָפן מיטן קליינוואַרג אין קאָלאָניע־שטח — און אַצינד איז זי טאַקע שוין נישט צו זען — צעטרייסלט די שכנים. די דערשלאָגענע לײַט פון די הײַזער אַרום דער אָזערע האָבן זיך געשעמט צו קוקן אין די אויגן אַרײַן די פאַר איטאַליענער, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין דער אָרעמלעכער ייִדישער קאָלאָניע אַרײַן. עמעצער האָט זיך אַפילו פאַרענטפערט פאַר לואַנען, דער שוואַרצער חנעוודיקער כלה פון לי־

וואָרנאָ, וועלכע קלעפּט זיך צום שמײַעדיקן ייִדישן בחור אַנדזשעלאָ פון אָפּגעמעקטן שעדלעץ. ס'אַ בחור וואָס טראָגט אויף זײַנע פּרי געזונקענע אַקסלען , אין זײַן טיפער בלייכקייט דעם שאָטן פון טויטנלאַגער טרעבלינקע, וואָס האָט אים געלאָזן מיט די צוויטן לעבן פון אַ לונאַטיקער. מ'רעדט צו אים און ער ענטפערט נישט צו דער זאַך. זי איז אַ פּרימיטיווע, די לואַנאַ, און פאַר איר מוז מען זיך פאַרענטפערן, באַשר דער דאַניעל איז אַ... אַן אַנדערער שפּירט זיך אומבאַקוועם אַקעגן דעם סטראַטשיאַדאָלאַ, דעם צעטראָגענעם שמאַטע־הענדלער אַלבערטאָ וואָס קומט זוכן מציאות בײַ די ייִדן וואָס ווערן אָפּט באַגליקט מיט די שמאַטיקע גאָבן פון דער רײַכער אַמעריקע. שטענדיק וויל ער עפּעס קויפן און זיי, די פרעמדע, זוכן אים צו פאַרקויפן. זאָל ער האָבן, זאָל ער פאַרדינען בײַ די קבצנישע ייִדן פון פּוילן און גאַליציע, שמועסן זיי צו איינאַנדער: — זעסט, אַמיגאָ ליבער, ס'אַר אַן אומגליק ס'איז געשען צווישן אונדז? אַן אייגענער געפאַלן פון ברודיקע הענט. ס'נישט מענטשלעך צו גיין אויף יענעמס לעבן, אמת? ערשט זענען די רייד פון אַ שיין מיידעלע, וואָס געווען אייגן מיט אונדזערע קינדער. מיט אַ מאָל איז דאָס ווילע קינד נעלם געוואָרן. סולעמאַ האָט מען זי גערופן. געמיינט, ס'איז אַן אייגנס, דעמס... אָבער פלוצלינג... פון געלט וועגן טוען עס די מיאוסע. איר זענט ווילע מענטשן. מיר האָבן ליב די איטאַליענער, אונדז געפעלט איטאַליע — — דער סטראַטשיאַדאָלאַ זענען צום האַרצן די רייד און אַ פאַרשוויצטער שלעפּט ער די אויסלענדער אויף ווײַן:

— קומט, אַמיגאָס, דער שמאַטע־הענדלער איז רײַך. ער האָט אַן אייגן שיין לאַנד. איר זענט געסט פון פאַרלוירענע היימען, איך בין אײַך מהנה! אַלבערטאָ פאַרבעט, אַמיגאָס! פאַרנעמט זיך מיט אַן אייגענעם וואָס אָקערשט אָפּגעפונען. קומט, און ער פּאַקט אַן ביי אָרעמס דעם, יענעם.

טייל פאַרלירן זיך. אין אומעט הייבן זיי די פיס און לאָזן זיך מיטן סטראַטשיאָדאָלאָ אין אַ טיפן, קילן ווײַנקעלער אַרײַן.

— מײַנע אַמיגאָס, — זאָגט אַלבערטאָ צום פאַרחידושטן ווײַן־סוחר אין צעקנאָדערטן העמדל, וועלכער גלאָצט אויפן אומגעריכטן אַרײַנשיטן זיך פון דער חברותא.

— אמתע אַמיגאָס, — קרימען זיך אויס שמייכלען בײַ די מיטגעקומענע. — ווײַסן ווײַן פאַר אונדזער פרײַנדשאַפט, — בעטן זיי.

— ווײַסן, — גיט צו דער סטראַטשיאָדאָלאָ — ווײַסער איז שטאַרקער. שטאַרק איז מײַן פרײַנדשאַפט צו די אָרנטלעכע, די פּאָליאַקאָס.

„ווײ אונדז — האָט עמעץ אַרײַנגעברומט אין אַ נאָענט שפּאַרנדיקן אויער — צו עקלדיקע פּוילישע רוצחים איז דער גוטער לאָקש אונדז מצרף. מ׳דאַרף אים זאָגן, אַז — מוחל״.

„ששאַ, שאַ, נישט אַצינד״.

דער בלאָסער אַנדזשעלאָ, דער גראָבער הערשל גרינשטיין און דער לאַנגער איזשיאַ דער גאַליציאַנער האָבן אין ווינקעלער די ערשטע זיך אַרומגעהאַלדזט מיטן שמאָטע־הענדלער אַלבערטאָ און די ערשטע זענען זיי געווען צו וועלן פאַרגעסן די רציחה וואָס איינער פון די קאָלאָניע־ייִדן איז באַגאַנגען. אַזוי פיל בייזס גייט אונדז נאָך, לאָמיר נישט צולאָזן צו זיך נײַע פּלאָמען פון צאָרן מצד די געמיינע וואָס פּלאָנטערן זיך אַרום צווישן אונדז. — פאַר פרײַנדשאַפט, — האָבן זיי אַ סך געטרונקען און כסדר געהויבן די גלעזער נאָך אַ זופּ צו טאָן. אַלבערטאָ איז איטלעך מאָל אַרויפגעפאַלן אויף זיי אַ פאַרשוויצטער פון שיכרות: אַמיגאָס מײַנע, אַמיגאָס טײַערע, כ׳האָב אײַך ליב. דער שונא פון די מענטשן האָט אַלעמען פײַנד, סײַ דעם איטאַליענער, סײַ דעם פּאָליאַקאָ. מיר זענען פרײַנד!

און אַז די תושבים פון די שטילע הײַזער וואָס הענגען אַריבער דעם ברעג פון דער טיפער טונקעלער אָזערע זענען בחברותא אַהיים געקומען אונטערגעטרונקענע, באַרוישטע פון ווײַן, האָט דער דאַרער אַנדזשעלאָ זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר פון דער „גרינער בראָד״:

— אַ וויסט יאָר אויף דיר מיט דײַן מערדער! — און דערנאָך פּאַמעלעכער זיך צערעדט אַנטקעגן דער פינצטערניש פון קאָרידאָר: — פרײַנדשאַפט ווייסן נישט ענקערע פאַרשטאָפּטע הערצער. פאַרטריקנט ׳עט עץ ווערן אין דעם בלוט וואָס עץ פאַרגיסט!

— אָפּרופן וועט עץ פאַרן בייז וואָס צ׳טוט אָן אונדזעריקן! — איז אונטערגעשפּרונגען אויף אַ ייִדענע מיט אַ קוויטשיק קולכל און זי איז גיך צוריק אַרײַן אין איר קעמערל.

פינצטערניש האָט געקנורעט הינטער טירן פונעם פּליטימשן ישובל.

עס איז געווען פּלאָטערנדיקער פאַר נאַכט. די טירן זענען אומעטום געווען פאַרמאַכט, די אויערן — אָנגעשפּיצט אויף דער אָנגעטונקלטער באַרגיקער שטילקייט וואָס איז אומגעריכט צעטריבן געוואָרן ווי פון אַ געוויטער. דאָ און דאָרט האָבן זיך דורכגעשאַרט אײַנגעהאַלטענע טריט, זיך געבראָכן צווײַגן, געוועקט זיך פויגלשער אומרו.

— ס׳אַ משפחהלע, אַ געסרחהלע!

— ימח שמם, — האָבן ליפּן פֿאַרביסן פֿרום געענטפֿערט.
קיינער האָט קיינעם נישט געענטפֿערט.
פֿאַרריגלט פֿון אינעווייניק האָט דער קליינער מיקי דערשראָקן זיך גע־טוליעט צו דער מוטער. זײַנע פֿלאַקערנדיקע אויגן האָבן אין דער טונקל גע־זוכט דער מוטערס בליק. זי האָט אים געגלעט דעם קאָפּ, דער בוזעם האָט זיך איר געוואָרפֿן פֿון אויפֿרעגונג: ששש!

*

די אָזערע אין טיפֿן טאָל האָט ווי אַ צעעפֿנטער ברונעם אָפּגעשפּיגלט די הויכע קאַלטע שטערן.

4

שפּאָט און שנאה פֿון די נע־ונדע האָט באַגלייט די משפּחטע פֿונעם בערנטרײַבער. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך אין דער שטילקייט פֿונעם אַרויפֿ־באַרג וואָס אַרום דער טויטער אָזערע, דורכגעשניטן ווי מיט אַ מעסער אַ צעציקלטער געשריי:
— טויטנאָפּציערס!
— קברים־רויבערס, אַ מפּלה אויף ענק!
מ׳האָט שוין געוווּסט, וועמען מ׳מיינט. לײַט האָבן זיך געפּאַטשט אין בויך אַרײַן: „נאָר אַ טויט קען זיי אָפּמשפּטן!" אַנדערע האָבן דערפֿון אויפֿגעגרוילט: ס׳קען זיך מאַכן אַ נײַע חתונה פֿון אַזאַ פּאַטשאָנטעק. זי איז געלעגן אײַנגעלייגט, ווי תושבים פֿון דער קאָלאָניע האָבן געטענהט, דער בענקאַרט האָט נישט גערודערט, אָבער מיט אַ מאָל האָבן אי די מאַמע, אי דער קליינער מאַנצפּאַרשוין אירער, מיקי, זיך געלאָזט הערן. דעמאָלט זענען די שטילע לײַט אַרויס מיט זייער גאַנצער ביטערניש און זיי האָבן איר גע־זאָגט, אויסגעשריגן אויפֿן קול וואָס ס׳איז זיי געלעגן אויפֿן האַרצן. טויטנ־אָפּציערס, קברים־שענדערס! אַלץ זענען קאַפּאַבל אַזוינע ווי עץ זענט, — האָבן די מענטשן געטיקעט אין פּנים אַרײַן דער שטיינעכע, און זי האָט זיך צעריטשעט און דער קליינער יונג האָט זיך צעלאָזן: שנאָ־ררעררס, שלע־פּעע־ערס, אַ קרענק אויף אײַך! ס׳איז געווען אַ פּאַנטשאָנטעק אַזעלכער מיט די דאָזיקע און לײַט האָבן מורא געהאַט: טאָמער קומט „ער" פּלוצלינג

צוריק, קען זיך מאַכן אַ נײַע חתונה. אָבער דאָס מאָל איז עס אַדורך בלויז מיט אַ ביסל שרעק. דער בערנטרײַבער איז אויף אַן אמת אַרײַן ווי אין וואַסער אַרײַן. פֿאַרשוווּנדן. ער איז אַרײַן און ר׳וועט גיך שוין נישט אַרויס, — האָט מען געטענהט. מחמת דעם האָט דאָס ווײַב זײַנס אויף אַ רעכטן אמת זיך דערשפּירט אונטער דער בײַטש פֿונעם אַרום. אַ בלאַס געוואָרענע האָט די „גרינע בראָך” אין די נעכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. באַגינען האָט זי זיך שטיל־שטיל אַרויסגעשאַרט פֿון דער קאָלאָניע, וואָס איז אײַנגעשטעלט אין דער שורה אײַנגעלאָשענע מויערן אויפֿן הויכן ברעג פֿון דער תּמיד שווײַגעוודיקער אָזערע. דער מאַן איז נישטאָ, האָט זי לגמרי נישט קיין חשיבות. זיי האָבן עס דערשפּירט, די ששששנאָאָ־ננאָאָררר־רררעערסס, — פֿלעגט די שטיינעכצע אויפֿטוויכן פֿון אַ פּלוצלינגדיקן העלישן פֿײַער. „ס׳אַ תּפֿיסה פֿאַר מיר, ערגער פֿון אַ תּפֿיסה!” — האָט זי אין זיך אַרײַנגעקלאָגט און אַרײַנגעוויינט אינעם קליינעם זון און ער האָט נישט באַנומען וואָס די מוטער מיינט מיט איר תּחינהדיקן ברומען. מיקי האָט געוואָלט עפּעס פֿרעגן, אָבער זי האָט נישט געלאָזט ריידן צו זיך. — קום, — האָט זי פֿאַרביסן, פֿון כריפּלען האַלדז אַרײַנגעשריגן אינעם ייִנגל אין די אינדערפֿריִען. אָבער ער איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון ס׳זײַניקע: — מאַמע, מאַמינקע, כ׳וויל נישט גיין אַהין. כ׳וועל מיד פֿון אַרומשלאָגדערן אין די גאַסן. זי האָט אים אין די באַגינענס געראופֿן צו לאָזן זיך אין שטאָט אַרײַן און דער זשונעלע האָט עס נישט געוואָלט. יעדן אין דער פֿרי האָט ער געפּרוּווט זיך אויסריידן פֿאַר דער מאַמען: — צו וואָס? אָבער זי האָט אָנגעוווּנקען: — ששאַ, שש!

מיקי האָט געוואָלט ריידן, מיקי האָט שיִער־נישט זיך פֿונאַנדערגעוויינט. — ס׳בעסער אין שטוב, — האָט ער אויסגעהעשעט. אָבער די מאַמע האָט אים אָנגעשריגן, געצויגן אים נאָך זיך. אַן אַנדערש מאָל האָט נעמי, די מאַמע, זיך צעכליפּעט פֿון באַשײַמפּערלעכן האַרצווייטיק. אַז זײַן מאַמע זאָל וויינען, האָט מיקין שטאַרק געאַרט. מיקי האָט אויפֿגעהערט זיך עקשנען, ר׳איז פֿויל נאָכגעגאַנגען דער מאַמען, אָבער געקלערט האָט ער נאָר פֿאַר וואָס איר איז נישט ניחא צו זײַן באַנאַנד מיט אַלעמען, פֿאַר וואָס עס טרײַבט איר אַוועק פֿון דאַנען, ווו עס זענען פֿאַראַן מערערע קינדער, מ׳קען זיך שפּילן, וואָיעווען. ס׳דאָך היימלעכער ווי אין די פֿרעמדע גאַסן. דאָ איז אָפֿן אַ טיר, אָט קען מען זיך אַרײַנשטעלן אין אַ צעפּראַלט פֿענצטער, אָט־אָ באַווײַזט זיך עמעצער אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן און קליינוואַרג זיצט אין דרויסן. אים ווערט שטאַרק פֿריילעך, ווען ער קען צושטיין צו וועמענען, ר׳קען זיך אַרײַנ־

מישן אין די שפּילערײַען. ס׳איז גוט צו זען ווי דאָס פּיצעלע אַברהמעלע מײַזל וואַרפט זיך אָן דר׳ערד אויפן זאַמד בעת ער רירט זיך צו צו אים. פאַר מיקין מוזן זיי אַלע האָבן דרך־ארץ! ער, מיקי איז שוין אַ גרויסער; פאַר אים מוז מען מורא האָבן. אַברהמעלע שמירט זיך באַלד אויס מיט ערד און טרערן, צעצאַפּלט זיך מיט הענט און פיס, שרײַט סכנות: „טאַטאַאַ! טאַ־טאַאַאַ!״ און דער טאַטע זײַנער לויפט אָן גיך־גיך מיט די קרומע פיס, מיט די אָנגעבלאָזענע באַקן, ר׳גייט גלײַך אויף אים, אָבער מיקין כאַפּט מען ניִשט. מיקי לאָזט זיך נישט. אַברהמעלעס טאַטע האָט אַ שראַמיק פנים און צוויטלען ווײַסע האָר זענען צוגעקלעפּט צו זײַן שאַרבן; ער לויפט, אַברהמעלעס קאָמישער טאַטע און ער קען אים נישט דעריאָגן, מיקין. פון ווײַטנס בײַלט דער קרומער זײַן פויסט, וואַרפט מיטן אָרעם, רײַסט זיך דעם האַלדז: „איכ׳ל דיך אָנלערנען, עכברוש! איכ׳ל דיר אַ פּוס אויסדרייען, כאַ־כאַאַאַ!״. ס׳גוט, אַז הענעלע אַדלער ווערט רויט, זי צעפּלאַשעט זיך און אַנטלויפט מיטן קלענערן שוועסטערל ווי באַלד זי דערזעט מיקין דעם שטאַרקן. ס׳ווויל וואָס אַלע האָבן מורא, אַלע אין הויף צעקוויטשען זיך בײַ זײַן אָנקומען, אָבער ער טוט זיי גאָרנישט. ער האָט נישט קיין מורא פאַר קיינעם (ער זעצט זיך אַוועק רויק, לענט אָן די גאָמבע אָן די אויפגעהויבענע קני, דרייט מיט די אויגן אין שטערן, קוקט פאַרשײַט), ער איז שטאַרקער פון אַלע — —

אין רוים איז מיקין לאַנגווײַליק, אין דער שלעכטער שטאָט אַרײַן וויל אָבער די מאַמע. די מאַמע איז אַ גרויסע, זי נעמט זיך אָן פאַר אים אלע מאָל, דערפאַר האָרכט ער זי.

„שנאָאָררערס זענען די־אָ, פאַרכעס, אמת, מאַמע?״ — האָט ער זיך געכעסט יעדן אין דער פרי, ווען די מוטער האָט מיט אַ בעטעניש אים אויפגעשטעלט פון געלעגער: „גענוג, מיקעלע. שטיי אויף, מײַן זשונעלע!״ זי האָט מיקין עפּעס געשושקעט אין אויער אַרײַן, געגלאַשטשעט איבערן קעפּל, געקושט און האָט ער ענדלעך געעפנט די אויגן, אויפן ניכטערן אויסגערעדט אויף די שכנים, האָט די מאַמע געענטפערט: „יאָ, מײַן זשונעלע, ששנאָררערס זענען זיי, מיאוסקייטן!״

פון יוצא וועגן האָט זי געענטפערט, אײַליק אָנגעטאָן מיקין, געגומען ס׳לעדערנע רענצל מיט די וויכטיקע פּאַפּירן, ס׳בײַטעלע מיטן געלט פאַרקוועטשט אין דער זשמעניע און מיט הונדערט פינף און אַכציק שטיינערנע טרעפּ זיך אַראָפּגעלאָזן צום סטאַנציעלע וויליני. האַלב נײַן אַ זייגער אײַלט דאָס באַנדל צוריק פון אַלבאַנאָ. מאַרינאָ איז די נאָענטסטע סטאַנציע פון

דאַנען, מאַרינאַ האָט אַ גרויסן טרויבנמאַרק, קיין מאַרינאַ פאַרט מען נאָך פּיעמאָנטער פליישׁ; אין מאַרינאַ רײַסן זיך אַלע די ציינער — — בעסער אַצינד, קלערט נעמי יעדעס מאָל, ווען זי קלײַבט זיך אַרויס אין דער פרי פון שטוב. אַלע שכנותדיקע טירן דרימלען נאָך דעמאָלט, די פענצטער שפּיגלען אין זיך די נעפּלען וואָס הייבן זיך אויף פון דער אָזערע, פון די גראָזיקע בערג־לעך. — ששש, מיקעלע, — גיט זי דעם זון אַ צייכן מיט אַרויפגעלייגן די פינגער אויפן מויל, אַ סימן, ר׳דאַרף זיך האַלטן שטיל. ער געדענקט שוין: צום שפּעטערדיקן צוג קומט זיך צונויף ס׳גאַנצע פּעבל, אַלע ווילן פאָרן קיין רוים — דערמאָנט זי מיקין. זי וויל זיי נישט אָנקוקן.

— גיכער, גי־ייכער, — אײַלט זי אים אונטער.

פאַרדרייט דעם שליסל, לויפט זי דורך דאָס שטיקל זאַמדיקע גאַס, האַלט זיך נאָענט פון די ווענט — מ׳זאָל זי נאָר נישט זען! און לאָזט זיך פּאַוואָליע אַראָפּ מיט די טיפע שטיינערנע טרעפּ. שטייל, האַרט און גראָ זענען די שטיגן אָנגעשטאָפּלט אויפן רוקן פונעם קאַסטעלער באַרג. אַראָפּ־קוקן פון זיי, מישט אין די געהירן, מ׳פאַלט — דאַכט זיך אויס. מיטן צי־טערדיקן פוס טאַפּט זי די טרעפּ, ציילט זיי כמעט איינע נאָך איינע. אָן אַ זײַט קריכט איר נאָך אַ ווײַנשטאָק; ער איז פאַרטריקנט, פלעקיק אין זײַן בורשטין־מאַטקייט. נעמי קוקט, זי פלאַטערט, דער קאָפּ זאָל זיך איר נישט פאַרדרייען און זי האַלט דעם ייִנגלס הענטל, וואָרנט אים אָן אויפהער:

— גיסט אַכטיק, מיקי? גיב אַכטיק!

— מיקי, קוק זשיך נישט אַרום, מיקי, זשע נאָר ווי דו גייסט!

האַרט צו דער אײַזערנער שמאָלער באַנליניע פירן אַראָפּ די שטיגן פון באַרגיקן קאַסטעל־גאַנדאָלפאָ. די ליניע ברומט, הילכט און הודזשעט אין דער אָפּגעלעגענער פרימאָרגנדיקער שטילקייט: „היט זיך, היט זיך, נישטאָ קיין צײַט צו געגעצן אין אײַער העק״...

דאָרפיש, פאַרלוירן איז דאָס סטאַנציעלע ווילינע צוגעשפּאַרט צופוסנס דעם שיפּוע פון דער פליטימשער קאָלאָניע. דאָ איז אַ שטיינערן בײַדל אונטער אַ פלאַטשיקן דאַך. מ׳זעט איצט נישט קיין פּאַסאַזשירן. פרוי שטין אָטעמט אָפּ לײַכטער, ווײַל זי טרעפט דאָ נישט קיינעם. די גאַנצע געגנט ווייסט שוין מסתמא פון איר אומגליק, — טראַכט זי און עס שטעכט איר פון דאָס נײַ — די פּוילישע שנאָרערס האָבן עס אַוודאי צעפּויקט. די „וואָ־ראָנעס״ פון קלויסטער מוזן אַלץ וויסן פון זיי, דער שמאַטניק איז זייער חבר, מיט די שוואַרצע דינסטן צוצקען זיי זיך.

נעמין פלאַמט דאָס פּנים, אירע ציין פאַרקריצן זיך מיט אַ מאָל. גרינ־
גער ווערט איר, ווען דאָס באַנדל רײַסט זיך אָפּ פון ווילינו. אָפּגעריסן זיך
פון אויג דער מאָדנע שײנער מעדאַליאָן פון דער אָזערע, ס׳אַוועק דער
שטאַרק טונקעלער וואַלדקאַם פון זקנהש פאַרדרימלטן מאָנטע קאַוואָ, עס פאַר־
שלינגט זי באַלד דער זאַק פונעם לאַנגן טונעל, וואָס איז אויסגעבויערט אין די
אונטערשטע פעלדזן־שיכטן פון דער צעהויקערטער אַלטער ערד. העל צע־
ווינקען זיך איבערן קאָפּ די עלעקטרישע לעמפּלעך פון וואַגאָן, קיל איז די
כיוואַליע קלאָרקייט, וואָס טויכט אויף אין נעמי דער שטיינעכץ. ערשט צע־
עפענען זיך ביי איר די אויגן: אַ דאַנק גאָט, קיינער איז נישטאָ פון זיי!

„זיי" — דאָס איז די שנאה וואָס פאַלט אויפן הויז פון די שטיינס, וואָס
זענען יוסטער פון אַלע יידן־פּליטים אין קאַסטעל־גאַנדאָלפאָ. פאַר דאָס די
גרויסע אויגן ביי אַלעמען — מיינט זי און נישט פאַרגינען קענען נאָר
דלפנים. מ׳זעט דען נישט דעם הולך זייערן, מ׳דערקענט עס דען נישט אין
די פּנימער? פראָסט אי׳ז דאָס, געמיין! פלוצלינג נעמט זי ריידן צו זיך: —
אַ וויסטע זאַך צו קוקן אויף אַזוינע! קיינער האָט דאָך נישט אַזוי נושא־חן
געווען ביי מענטשן דאָ ווי דניאל שטיין; קיין איינציקער פון אַלע, אַלע, האָט
נישט געמאַכט אַזוי פיל פּרנסה ווי דאַניע שטיין; און קיינער פון אָט־דעם
פּעבל קען זיך נישט אַזוי אַן עצה געבן ווי ער, קיינער, קיינער! אַלע וועלן
זיי פּלאַצן, דאַניע וועט אַרויס, ער וועט באַפרײַט ווערן!! די אַלע פײַנד
אונדזערע וועלן סײַ־ווי בלײַבן ששש־נבאָררערע־עררסס. און וואָס האָבן
זיי אַחוץ קנאה אַאַאַף יענעם־מממעען, די בבבעע־עעט־ללעערסס?
אויסגעריבענע פּלו־ווו־ודעעררן, וו־ווואַאַנצצן האָבן זזזיי־יי־יי, און לל־
לוי־ויפפן אַאַ־אַאַאַףף אַ טרראַאַ־אַנטטעע פפו־ון דדע־עעם „דדזש־זשזשאָי־
אינגט"! אַ קקאַ־אַאַפפע־עעללעע וויײַ־יײַ־טטטעער זע־ע־ען זזיי־יי נישט,
די גראַ־רראָבעע ממו־ו־חות. און אויסשש־מו־ו־עסן זיך מיט אַאַאַ ממענ־
טש־טש קע־קעע־נבעען די שששנאָ־נאָאָרערס, אַ וו־וואָאָ־אָררט איטאַליע־
ניש וויי־וויסן זז־יי צו מאָל, דדי־???? פפפ־־יי־ללי־ששע קבצנים, דדי־די
ררו־רו־מעעענישששע הו־הוהולל־טטטײַ־עעס, שששרר־פע־פעננעו זזזאָללן
זזיי!

רעגט זי זיך אויף, די פרוי שטיין, פאַרהאַקט זיך איר דאָס לשון, הייבט
אָן שטאַמלען: זי ווערט רויט אין איר קראַנקער בלאַסקייט און די הענט נע־
מען ציטערן.

נאָך מער האָט איר געאַרט וואָס די שנאה פון די שכנים האָט זי אַרויס־

געטריבן פון דערווײַליקן שטילן ווינקל. טאַקע נישט מער ווי פיר ווענט, נאָר פאָרט אויפן אייגענעם פּוס אָוועקגעשטעלט: געמיטלעך צוגעקליבן, שיינע זאַכן פונאַנדערגעשפּרייט און סודות פון ליבער היימישקייט פאַרזייט אומעטום. וואָס פאַר אַ היים עס זאָל נישט זײַן, איז זי דאָך בעסער פון וואַגלען איבער דער שטאָט. זי קומט אַרײַן אין טומל, ווערט איר משוגע דער גאַנצער קאָפּ: דאַניע! אפשר ווידער גיין פרעגן? וואָס זוכן זיי נאָך, אַז עדות זענען שוין געקומען, פּאַפּירן אַ ים שוין אויסגעשריבן! זי איז אויס. זי — דאָ, און ער — ווער ווייסט ווו זיי האָבן אים אַהינגעטאָן, די פּאָליציייִשע הינט! פּאָליציי האָט אומעטום דאָס זעלביקע האַרטע הינטישע פּרצוף. ניין, זי טאָר נישט רוען. וואָס פאַר אַ מאַן ער זאָל נישט זײַן, איז דאָס איר מאַן, און דאָס קינד פאַרשטייט נעבעך נישט די גרייס פונעם אומגליק וואָס איר האָט געטראָפן: נישטאָ דאַניע, מ׳ווייסט נישט אַ מינדסט פונעם טאַטעלע אַזוי פיל וואָכן! אַ קינד איז אַ קינד. עס ציט נאָר פון קראָם צו קראָם. אַלץ געפעלט אים, אַלץ באַדאַרף ער. זי שרײַט און ער וויינט: „שלעכטע, ביסט אַ שלעכטע! כ׳וועל אויך אַוועק פון דיר!"

טאָג בײַ טאָג האָט זי זיך סתם געדרייט איבער די גאַסן פון רוים, דאָס ייִנגל איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ געשלאָגן הינטל: ער האָט געשוויגן, געכמורעט זיך, געמורמלט אויף דער מאַמען: דאָ וויל זי אים נישט קויפן די זיסקייטן וואָס אים האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט און ערשט שלעפּט זי גאָר מיקין צו אַן אויסשטעל־פענצטער: „לאָמיר אַ ווײַלע"...

ס׳איז אמת, אַלץ קען דערעסן. אָן אַ צו וואָס שלעפּט זי אַרום מיקין און ער שפּאַרט זיך אײַן גאָר מיצקע־דערינען — ער גייט נישט מער. „מיר׳ן בעסער דאָ אַרײַן, מאַמע. עס גלוסט זיך עסן, ס׳נאָגן די קישקעס". אים ציט דווקא ווו מ׳באַדאַרף צאָלן טײַערע געלטער. אָבער אויף דעם טאָר זיך נישט אײַלן נעמי שטיין. מ׳איז אין דער פרעמד, מ׳ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. די באָבע איז מיר נאָך נישט אויפגעשטאַנען פון קבר אַז כ׳זאָל משוגענערווײַז אַרויסוואַרפן אַ קופּע לירעס, — זאָגט זי מיקין און רײַסט אים פון ס׳נײַ אַוועק פון אַ פענצטער וווהין ס׳ציִען געשמאַקע מאכלים. זי ציטערט: דאָס געלט! זיי האָבן גאָר נישט אַזוי פיל ווי די ששנאָררעעערס מיי־יינען, און עס ווערט וואָס אַ מאָל ווינציקער. מ׳טאָר נישט פּזרן, געדענקט זי. אָבער קוקן, אָנשמעקן זיך אומעטום מיט די ריחות פון די באַטעמטע מאכלים איז אויך אַ משוגעת, — גיט זי אַ קלער, ס׳פאַרדרייט דעם

מוח. און דערנאָך מוז מען זיך ווײַטער לאָזן מיטן נאַרישן קאָפּ אין געפּיל־דער אַרײַן.

— מיקעלע, ס'איז אַ ווילדע זאַך אָפּט זיך אָפּצושטעלן פֿאַר די משוגענע פֿענצטער פֿון די רײַכע קלייטן!

שטייניק, גרויס און אַלט איז רוים. מאַמע און זון ווערן מיד פֿון איר. דעמאָלט לאָזן זיי זיך אָפּזוכן אַ סקווער, אַן אָרט זיך אָוועקצוזעצן. מ'באַדאַרף צוציִען ביז פֿאַר נאַכט, ווען מ'וועט קענען פֿאָרן אַהיים, קיין קאַסטעל. אפֿשר 'עט שוין זײַן עפּעס אַ ידיעה, אַ בריוו. דערווײַל וועט זײַן צום בעסטן אויפֿן פּיִעזרלעכן וועגעציע־פּלאַץ. דאָרט איז שיין, שטיל, גלײַך אַ יום־טוב וואָלט זיך אַראָפּגעזעצט אין מיטן וואָכעדיקן טאָג. פֿון וויִאַ נאַציאָנאַלע פֿירן ברייטע מירמלנע שטיגן צום פּיאַצאַ. עס איז אַ קליינע אַראָפּנידערונג. אַנטקעגן קומט די קייט־אַרומצוימונג מיט די איבערבלײַבענישן פֿון טויזנט־יאָריקע רײַכע רויִנעס: אײַנגעקרישלטע זײַלן, קאַרניזן, אָפּגעריסענע פֿיגורן־גלידער אין צעמענטירטע אויסהוילונגען פֿון פּאַלאַץ־קעלערס; אָט נייגט זיך אָן אַ הימל־שפּאַרנדיקער אָבעליסק און פֿון אים גייט אַראָפּ פֿרום פֿאַרזונקען אין זיך אַן אָפּאָסטאָלישע געשטאַלט, געהילט אין אַ געפֿאַלדעוועטן געוואַנט. פֿאַרן אויג וויגט זיך, פֿלאַטערט שוין די ווײַסע פּראַכט פֿון געשליפֿענעם מירמל און ס'גאָלד פֿון אויסגעגאָסענעם בראָנדז וואָס הענגט אין בלענד פֿון צעלויכטענעם טאָג. שטעלן זיך אָפּ מאַמע און זון, שפּאַרט ווידער אויף זיי אַ פֿלייציקע וואַנט מיט איידל געפֿורעמטע קאַרניזן, מיט ריזיקע באַרעליעפֿן־פּראָפֿילן פֿון העלדן, פֿון הימלישע געשטאַלטן און פֿאַרויס פֿאַר זיי לויפֿט אין פֿאַרנעמיקן אָפּענעם חלל אַרײַן דער נצחונותדיקער קייסער פֿון נײַעם רוים, וויקטאָר עמאַנועל. מיט אימפּעט טראָגט זיך דער קייסער אויפֿן פֿערד אונטערן צעפֿלאַסענעם לאַזור. די מעכטיקייט פֿון די געטורעמטע, געשליפֿענע פֿעלדזן פֿאַרטומלט די געהירן, פֿאַרגיסט דעם בליק און עס ווערט שווער זיך צו האַלטן אויף די פֿיס. נעמי קען אַזוי פֿיל נישט קוקן. מיקי גאַפֿט, אָבער זי ציט אים אַוועק בעל־כרחו צו אַ גרין־געפֿאַרבטער באַנק. אַ געקעכלט צאַרט רויזנביימל שטעלט זיך בײַ זייער זײַט און מאַמע און זון נעמען אָפּעסן זייער טרוקענעם מיטיק־מאָלצײַט: זעמל מיט אַן איי, זעמל מיט אַ לײַכט־פֿאַרברוינט שטאַר ביפֿל, אַ מאָל מיט אַ שטיקל ביילין. איטלעכן טאָג שלעפּן זיי זיך אַזוי און איטלעכן טאָג מוז מען עסן, — זיפֿצט די פֿרוי אין געדאַנק. שטילערהייט פֿאַרצערן זיי דעם מיטיק. דערנאָך בײַסן זיי זיך אײַן אין אַ פּרוכט. פּרוכט, — זאָגט די מאַמע צו מי־

קין, איז אַ געזונטע זאַך; סאַק פון פרוכטן גיט כוח. טרינקען קאַלטס וועל איך דיר סײַ ווי נישט געבן. זשונעלע, קענסט זשיך חלילה פאַרקילן, און טיי אין קאָנפיטעריע איז אָפּגענאַרטער טיי. מ׳עט אַהיים קומען, מיקעלע, וועל איך דיר מאַכן גוטן טיי מיט לימענע, טיי מיט אַ קיכל. וועסטו וועלן זופּ, וועל איך דיר אויך אָפּקאָכן זופּ. סײַ ווי וועל איך אָנצינדן דעם פּרימוס. עס איז היימלעך אַז ס׳ברענט פײַער אין הויז, אמת, זשונעלע?

עס איז מיטיק צײַט אין דער אַלטער רוים. שטילער געוואָרן אין די גאַסן, שיטערער פון מענטשן אויפן פּיאַצאַ ווענעציאַ, אָפּגעליידיקט איז דער סקווער אונטער די צעשײַנטע הימלען.

מאַמע און זון באַנוגענען זיך שוין מיט אַזאַ „אָפּקומען די טעג״. און צוגעוווינט האָבן זיי זיך אויך צו דער שנאה פון די נאָענטע שכנים, וואָס פלאַמען אויף, ווען בייזס שאָטנט זיך דורך אין זייערע דלד־אַמות. „מיר׳ן דאָס געגוג, — וואַרפן זיך אין פאַראיבל די שכנים וואָס שפּירן אויף זיך די ממשות פון דער שווערער ייִדישער אָרעמקייט. — „די וואָס פאַרגיסן בלוט, זאָלן אין אייגענעם בלוט דערטרונקען ווערן!״

דאַניען דעם בערנטרײַבער האָבן זיי דעמאָלט אין זינען. דאַניעס געזינדל האָבן אַלע פײַנט און די שנאה האָט נישט אויפגעהערט צו טרײַבן מאַמע און זון אין די לאַנגע גאַסן אַרײַן פון דער אַלטער, גרויסער רוים.

ערשט אין סאַמע אָוונט־טונקל האָבן מאַמע און זון שטיל זיך אַרײַנגעשלײַכט אין דער קאַלאַניע און פאַוואָליע, מיט געלאַסענע טריט, אויפגעגנומען די לאַנגע נאַכט אין דעם פּעסט פאַרשלאָסענעם צימער וואָס סײַ נעמי סיי מיקי האָבן עטלעכע מאָל געפּרובירט זײַן טיר:

— ס׳פאַרמאַכט?

— ס׳גוט פאַרמאַכט!

די מאַמע איז אומרויִק, דער קליינער זון ענטפערט מיט פיבער אין וואָרט, אין זײַן ברענענדיקן בליק.

מאַמע און זון האָבן אומצייליקע מאָל זיך דערמאָנט אַז מ׳באַדאַרף נישט פאַרגעסן גוט צו פאַרמאַכן אויפן שלאָס די טיר. סײַ ער, סײַ זי האָבן זיך איבערגעפרעגט דערוועגן אין אָוונטלעכן געשעפּטש און נישט ניחאדיק זיך געוויקלט אין דער קאָלדרע פון דעמפּיקער פינצטערניש.

דער מאַנטל

הפנים, אויך אַ מאַנטל איז ווי דער לעבעדיקער מענטש, משועבד אַן אייגענעם גורל. ס׳הייסט, אים איז באַשערט אַ לעבן פון נסיונות וואָס זענען פון זײַן געבוירן „פאַרשריבן״ פון דעם איבערערדישן גײַסט, וועלכן מיר זענען נישט אין שטאַנד משיג צו זײַן מיטן פשוטן שכל.

אויך פאַר אַ מאַנטל געשיקט זיך די באַשערטקייט פון אַ גרינג לעבן אָדער, נישט טרעפן זאָל עס, אַזוינס וואָס איז לא עלינו נישט ניחא. אַוודאי, ס׳לעבן פון אַ מאַנטל איז אויך אונטערגעוואָרפן דער סביבה אין וועלכער עס קומט אים אויס צו ציִען זײַן קיום. בײַ אַן אויפגעלייגטן באַלעבאָס איז אַזאַ בגד אַ לײַטישער פּאַלטן, מ׳איז זיך נוהג מיט אים מיט געהעריקן דרך־ארץ. אַלץ איינס צי ער איז אַ גוט געשניטענער; ער ווערט געטראָגן ווי אַ מלבוש וואָס צירט דעם מענטש. בײַ אַן אָפּגעלאָזענעם בעל־דבר איז דער מאַנטל, פאַרקערט, נאָר אַן אײַנהיל צו שיצן קעגן קעלט, צו פאַרהיטן פון אַ שאַרפן ווינט. דער אויסזען פון אַזאַ מאַנטל איז לאָוו דווקא אַן אָפּגעהיטענער, אַ גוט געפּרעסטער. צעקנייטשט, צעקנאָדערט און פאַרשטויבט „ווײַזט ער זיך פאַר מענטשן״ און זיי רוקן זיך אָפּ פון אים מיט ווידערווילן.

אַ מאַנטל וואָס אים איז באַשערט געווען דעם וואָגל פון זײַן באַלעבאָס, האָט — פאַרשטייט זיך — נישט גאָר קיין ליכטיק מזל, בפרט אַז ער פאַלט אַרײַן גלײַך פון דער ווענ־טאָרבע אין אַ קלימאַט, וואָס איז ספק „מעסיק״ און ספק טראָפּיש. עס מיינט אַ קאַפּריזנעם קלימאַט, אויף וועלכן מ׳קען קיין מאָל נישט אויסשטעלן מיט זיכערקייט אַז דער הימל זאָגט דעם אמת, אַז דער טאָג וועט זײַן אַ וואַרעמער, צי אונטער דער פלייצע באַהאַלט ער נישט אַ צאָרנדיקן שטורעם, אָדער אַ פליוכנדיקן רעגן פון אַן איבלדיקער לעבלעבקייט.

דעם מאַנטל, וועגן וועלכן דאָ קומט צו רייד, איז טאַקע באַשערט די מערכה „צו לײַדן״ די קאַפּריזן פון ספק האַרבסט, ספק ווינטער וואָס דרייט

זיך און פרייט זיך, ווי מ'רעדט פון אַזאַ, וועלכער קען זיך נישט געפינען זײַן אָרט אונטער גאָטס הימלען. נו, דאָ געשעט עס דערפאַר, ווײַל דער האַרבסט צי דער כמו־ווינטער ווערט געפּראַוועט אין טאָל פון לאַ פּלאַטאַ־טײַך וואָס דווקא אין חודש סיון און תמוז שפּינט ער שווערלעכע גליוווער־נעפּלען און וועבט בײַ־ימישע טעג און נעכט אַקעגן נידעריקע שעפּסענע וואָלקנס. דאָ איז גאָר אומהיימלעך די מערכה צו מאָל פון אַ מאַנטל.

*

או, דער פאַרנער דרויסן! די פײַכטקייט הרגעט!
אויף שריט און טריט קרימט מען זיך אויפן וועטער.

אין די קלעפּיקע טעג פון האַרבסט דערמאָנט זיך אָפט מאָל ווי שווער עס איז דער עול צו היטן אויפן אָרעם דעם מאַנטל — מחמת דער דרויסן קאַפּריזעוועט, קרימט ס'פּרצוף. אַט האַלט ער ערב רעגן און — ס'האָט זיך עפּעס אויף קעלט. און די שפּיצפינגער פון די הענט קלעפּן זיך, די פּיס שוויצן, די נאַקעטע פּאַדעשוועס גליטשן זיך איבלדיק אין די טיפונגען פון די שיך און די לופט איז נודנע. דעמאָלט דערמאָנט זיך אָן די „וואַרעמע לענדער", ווו צו בלײַבן אָן אַ מאַנטל איז ממש אַ סכנה. דאָרט שטעלן זיך ווינטן גאָר פּלוצלינגע, העפטיקע, שניי־שטורעמס הייבן זיך אויף וועלפישע. אַ מענטשן אין פעלד פאַרטראָגט עס ווי אַן אָפּגעריסן בלעטל. אויפן זיבען קומט ארץ קאַזאַכסטאַן, וואָס שמט מיט איר באַרגיקער זוניקייט, וועלכע וויל באַשײַמפערלעך אויסבאַהאַלטן אירע שאַרפע פרעסט און ס'דערמאָנט די אומגעריכט צונויפגעבלאָזענע שניי־הורמעס, וואָס בלענדן־דורך מיט אַ טויבער ווײַסקייט די לאַנגע סטעפּישע נעכט. טאָקע אַהינצו האָט עס אונדז פאַרטריבן — מחמת דעם באַגער אויסצומײַדן דעם דראָענדיקן ווינטער, מחמת אונדזער נאַקעט און באָרוועס וואָס די בייזע יאָרן האָבן נגזר געווען אויף אונדז.

אָ, דעמאָלט איז געקומען דער „צוזאָג" צו קענען זיך באַגיין אָן אַ וואַרעמען מאַנטל און עס איז געווען — אמת — אויך דער חלום פון א ברעקל מנוחה. נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך גראָד דאָס פאַרקערטע. אָבער דערפון ווילט זיך פאַרגעסן, וואָרן יענער מאוימדיקער נאַקעט וואַרפט אָן פון ס'נײַ אַ מידקייט אויפן גאַנצן לײַב־און־לעבן. גלײַכער נישט צו דערמאָנען דאָס טרויעריקע, בפרט אַז איבער אונדז שפּרייט זיך אָקערשט דער בוענאָס־

אײַרעסער הימל. יאָ, הימל איז משמע נישט בלויז זונשײַן, נײַערט אויך ס׳פּנים פֿונעם מענטשנס געמיט. און דער ענין מאַנטל איז גאָר נישט אַזוי האַרב אין בוענאָס־אײַרעס, מחמת דער ווינטער איז דאָ נישט אַזאַ שטרענגער, נאָר אַ ביסענקע אַ קאַפּריזנער. צו נעמען דאָס אין געמעל, איז דער דאָזיקער ווינטער אַ וועלפּל וואָס מ׳האָט אים פֿאַרהיימישט פֿון קליינווײַז אָן. כאָטש שוין אויסגעוואַקסן, האָט עס נישט מער די וועלפֿישע שאַרפֿקייט, אלא אַ מין אומגעריכטע הינטישע בייזקייט און אַזוינס איז צו דערלײַדן. נישט מער, מ׳באַדאַרף נאָר געדענקען, ס׳שטייט פֿאַר דיר די אַנטדרימלטע חיה, נו, אַ מאַנטל איז לאַוו דווקא נייטיק אין בוענאָס־אײַרעס, כאָטש אַזוינס וואַלגערט זיך צווישן די זאַכענישן, צו וועלכע מ׳איז צוגעוווינט. אַ רוב באַגייט זיך טאַקע בלויז מיט אַ רעקל און אַ ברייטן וואָלענעם שאַל „פּאָנטשע“, כמו אַ טלית. אַזוי דעם גאַנצן ווינטער. פֿאַר שטאַרק־שפּירעוודיקע אַקסלען איז אויך דאָ נישט אויסצומײַדן אַ וואָסערן עס איז אײַנהיל. ווינטער, הייסט עס, איז קיין מאָל נישט זיך דורכצוגענאַרן אָן ישוב־הדעת.

אַז אַ מאַנטל איז אום ווינטער אומעטום אַ נויטווענדיקייט (נישט דווקא פֿאַר פּוצן זיך אין שיין־געוועבטע געוואַנטן, קונציק געפֿורעמטע פֿון געניטע שנײַדערס), ווייסט מען זינט אַלטע צײַטן. שוין אונדזערע אורזיידעס האָבן אָנגעקליידט זייער נאַקעט מיט אַ פֿײַגנבלאַט און מיט אַן אײַנהיל; די ווילדע עסקימאָסן אין די פּאָליאַרע שנייען האָבן זיך געכאַפּט צו די בערישע פֿעלן ווי די הינדוסן וויקלען זיך אין לײַנענע פּלאַכטעס. עס איז געווענדט צי די אויסגעשפּרייטקייטן איבערן קאָפּ זענען אײַז־גראָע אָדער זיי בלענדן אין דורכזעעוודיקער בלאָקייט. אומעטום ציט זיך דער מענטש צום אײַנהיל וואָס זאָל אים וואַרעמען, ווי באַלד אַ ווינט גיט זיך אַ רײַס־אויף פֿון זײַן דרימל, צי אַ רעגן נעמט שפּריצן. מכּל שכּן אַז עס בלאָזט אַ קעלט, ס׳גליווערט די שטעכיקע פֿײַכטקייט וואָס עס נעפּלען אויס און ס׳צעזיפּן די פֿאַרטונקלטע הימלען.

די מענטשן בײַ אונדז — דער שטאָט וואָס בײַם ראַנד פֿון אַ נידעריקן טײַך־בעקן — געדענקען שטענדיק אָן זייערע מאַנטלען. וואָרן פּלוצלינגדיקע שאַרפֿע ווינטן כאַפּן זיך אויף אַפֿילו אום זומער; פֿון פֿוילן דרימל גיט זיך אַ וועק אויף אויך אַ קעלט און פּונקט אַזוי אימפּעטיק נעמט פֿליוכען אַן עסיקער רעגן, עס פֿאַלט אויס אַ כליאַפּ וואָס גריזשעט זיך אַרײַן אין די ביינער. ווי פֿון דער הוילער הויט הייבט עס אָן גיסן, אומערן, פֿינצטערן,

אַזוי אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַ מאָל טעג און נעכט דורכאַנאַנד, אַזש עס שוידערט.

*

„ווּ איז מײַן מאַנטל?"

„ווּ האָסטו אַהינגעטאָן מײַן פּאַלטן?!"

עס טרעפט אַזוי אום זומער, עפּטער איז עס אום ווינטער, כאָטש ער איז אָנשנײַיק, דער בוענאָס־אײַרעסער ווינטער, אומפּראָסטיק, נאָר גראָ און שמאַטיק פײַכט.

סתם לויערט עס מיט עקרדיקער פײַכטקייט פון די קאַפּריזנע אַרגענטינער הימלען. מערסטנס איז די זון אַ חוצפּהניצע. זי שאַרט זיך איבער די פּליינען, שטעלט זיך פּוסט־און־פּאַס איבער די בערג, פאַרגאַפּט זיך אין די טאָלן. לרוב קומט זי אומדערוואַרט. פּונקט אַזוי איז מיט די קעלטן אום ווינטער און מיט די רעגנס. די זון פאַרמאַניעט דעם מענטש, זי צעטומלט אים מיט אומגעריכטקייטן: נישט שײַך אַרויסצולאָזן זיך אַפילו אום זומער אָן אַ וואַרעמער וועסט און ס׳איז סכנות צו פאַרקוקן זיך אום ווינטער אויף אירע שמייכלען. ווּ־ווּ, אין בוענאָס־אײַרעס איז די זון אַ גרויסע גענאַרניצע. זי איז קאַפּאַבל צו פאַרמישן דעם זומער מיטן ווינטער, אָפּצוטאָן וואַזשנע שפּיצלעך.

ווינציקער איז זיך צו פאַרלאָזן אויף דער בוענאָס־אײַרעסער וואַרעמקייט אום ווינטער, מחמת זי לאָזט זיך אַראָפּ אין דורכויסיקער נעציקייט. עס שפּרייט זיך אַ ליכט וואָס איז צעפּלאָסענער נעפּל. און שטעלט זיך בפירישער נעפּל איז ער אַזאַ, וואָס פרעסט די שײַן פון טאָג אַז ער זשיפּעט קוים. מערסטנס איז די זון ווינטערדיק פאַרהוילן אונטער פּלאַטשיקע וואָלקנס, זי לײַכט זיי דורך, דראָעט מיט קאַלטער חושכניש און מיט לאַנגע, נודנע רעגנס, הוסטנדיקע, שפּריצנדיקע רעגנס אָן אַ סוף.

לאַנג, שלעפּיק, ווי אויף קראַנקע פיס, שלײַכט זיך דער־אָ ווינטער, ר׳טאָפּטשעט.

גיי פאַרגעס אין די וואָכן פון אויגוסט און סעפּטעמבער זיך אײַנצוהילן אין אַ מאַנטל, טאַקע אין אַ שווערן מאַנטל — אַפילו ווען דער דרויסן איז לפּנים שוין גאָרנישט ווינטערדיק. עס שטייען גערינגצלטע טעג. עס שמעקט בלויז מיט קעלט; ס׳איז שוועבלדיק, גראָ באַלאָדן די לופט — נישט ס׳איז קאַלט און נישט עס רעגנט, ס׳איז טוכלע און קאַלעמוטנע. דעמאָלט

ליגט נישט אין זינען צו פוצן זיך אין קונציק געשניטענע, פײַן גענייטע מאַנטלען. דעמאָלט כריפּעט דער הוסט, ס׳דריקט אין קעל די לייכעץ און דער גומען שליימט זיך. ס׳גוט, אַז ס׳איז וואַרעם אין די גלידער, אַבי מ׳קומט אַרונטער אונטער אַ סטעליע, ווו עס וועבט זיך די שײַן פון דעם ביסעלע געמיטלעכקייט צו וואָס ס׳האַרץ איז להוט.

אָך, ווי ווינציק עס גענוגנט פאַרן מענטשלעכן באַדאַרף!

...ווען מיר זענען געווען פאַרוואָגלט אין דער אומעטיקער וואָלגע־געגנט, עס האָט געגומען שרעקן דער ווילדער סטעפּישער ווינטער, האָט מען שאַרפער דערשפירט דעם חלף פון דעם מלחמה־נאַקעט. מיר האָבן געוואָלט זיך ראַטעווען פון הפקרע שניי־שטורעמס, פון שדישע וויוגעס וואָס פײַפן מיט פראָסט און נויט פאַרן אויסגעשוואַכטן נפש. ווי די אָרעמע פייגל האָט עס אונדז אַוועקגעצויגן אין די „וואַרעמע לענדער" אַרײַן. די ברייטן און הייכן פון דעם אומגעהײַער ווײַטן קאַזאַכסטאַן זענען עס געווען דער ווילער צוזאָג. זאַטקייט הויזט דאָרט מיט די מענטשן. פון עפל, פײַגן, טרויבן, שמאַלץ און ברויט גייען איבער די מערק, אָנציילקע סטאַדעס שאָף און רינדער מאַכן פול די פעלדער און די בערג. אייביקע זוניקייט איז דאָרט און די שפע איז פון אייביקע צײַטן. אָ, ווי דער תמידער האַרבער גורל פון די הוילע און באָרוועסע האָט אונדז געשמיסן אין דעם־אָ וואַרע־מען לאַנד. ס׳האָט גיך אָפּגעפּאַכלט די האַסטיקע סטעפּישע זונהיץ און תיכף האָט בייזע פראָסט און שניי אַלעמען אַרײַנגעטריבן אין די פוסטע ווינקלען, ווו הונגער און גליווער האָבן געצישעט אויף די אָנמאַנטלדיקע, ביטער זיי אויסגעלאַכט. אויך די ריחות פון ברויט און פראָסטע ריבן און פון קאַר־טאָפל האָבן זיך אויסגעוועפּט.

ס׳האָט זיך געשטעלט אַ מוראדיקער, סקעלעטיש אָנשרעקנדיקער ווינ־טער. זײַן גליווער האָט אָנגעקליידט אויף דעם שפּעטערדיקן פרילינג, דעם זומער און ער האָט זיך אָנגעכפּלט אויפן נײַעם ווינטער, וואָס האָט נאָכגעשפּאַנט מיט ברענענדיקע אויגן, קנאָכיקע באַקן. אין אָנסופיקער גסיסה זענען געווען אַרײַנגעוואָרפן די אָנטשטומטע גאַסן פון גרויסן ישוב; זייער שטילקייט האָט געזייט פחד און אימה. האָט געשפרייט דער קאָלכאָז־נער מאַרק אַפילו ווען די זון האָט וואַרעם, גולמדיק געשיקלט איבער אים. ווײַל ליידיקייט האָט ער אויסגעגענעצט און אויך דעם הונגער פונעם לאַנד אויסדערציילט.

אין דעם קאַפּריזן זוניק־אָנזוניקן בוענאָס־אַײַרעסער ווינטער טויכן

אויף בולט יענע נאַקעטע טעג און יאָרן פונעם פרעמדן, ווײַטן מדבר־לאַנד. דעם צעהפקרטן עלנט קען מען דאָרט נישט צעטײַען אַפּילו מיט אַ וואַרע־מען מאַנטל. אָ, ווי גרויליק עס איז די מאָנונג פון דער דערמאָנונג וואָס עס וועקט די אויפגעטאָגטע שיכחה!

אַזאַ קעלט, וואָס הויזט אין דעם „וואַרעמען לאַנד״, איז אַכזריותדיק אַפּילו פאַרן געדעכעניש. צו מאָל דער מאַנטל וואָס ליגט אַצינד ווינטער־דיק אויף מײַנע אַקסלען, האָט שוין נישט קיין פּעולה. ווײַל יענע קעלט צעקרימט נאָך הײַנט מײַנע גלידער.

פון נעכטן און פון אייערנעכטן

מאַלי און זאַלי

1. מאַמע און קינדער

זייער שטוב שטייט אָן אַ זייַט פון שטאָט, זי הויערט אָן אַלייניקע אין מיטן אָנגעקנאָטענע פעטע בלאָטעס. און די שטוב גייט אָן צווישן לייַטן ווי אַ פאַרפאַלענע אין אַ העק. דערפאַר רופט מען זי ווי דאָס גאַנצע הויז־געזינד ווערליק די נעמען פונעם פאָרפאָלק, וואָס האָט זיך מיט לאַנגע יאָרן צוריק באַזעצט אין דעם בלאָטיקן קאַנט און קלערט אַפּנים נישט פון דאָרט אַרויסצוקריכן.

די שטאָט, וואָס ווייַטלעך אין גרויסן דרויסן, צעוואַקסט זיך מערער, זי צעליכטיקט זיך, רעשט מיט גרויסע צעמויערטע גאַסן, מיט פאַבריקן. אָבער דאָ ווו מאַלי־זאַלי'ס געזינד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, שטייט דאָס אָרט אַ פאַרגעסנס און ס'דרימלט אין טריבקייט.

*

מאַלי רופט מען די מאַמע, זאַלי הייסט דער טאַטע. מאַלי־זאַלי רופט מען זיי בנשימה־אַחת. ווייַל זיי זענען באַוווסט ווי טאַטע־מאַמע פון אַ הויז מיט קינדער — יונגען און מיידן איינס באיינס — און ווייַל זיי זענען אַ פאָרפאָלק וואָס אַזוינס איז „צו זוכן אין אַ האַלבער וועלט".

רעדט מען ערגעץ־ווו וועגן אַ קינד פון מאַלי־זאַליס געזינדל, פאַר־געסט מען חלילה נישט אָן דער „פּאָטשעווקע": ער איז מאַלי־זאַליס, זי איז מאַלי־זאַליס, און גענוג. עס מיינט אי דעם יחוס, אי די באַרווע וואָס ליגט אויף די מענטשן ווי דער ריח פון אַ געוויסער מלאכה. נו, עס איז אַ נאָמען וואָס איז אין דעם הינטערשטאָטישן העק געבענטשט מיט אַ שם ווי אַ שטיי־גער די פּרומע פּרוסאַקעס, וואָס האָבן פאַבריקן אין סאַמע מיטן פון אַלט־שטאָט ווו ייִדן טרייַבן בטבע נאָר מסחר אָדער די ווישליצקיס, די שטרייַ־מלדיקע גבירים־אַדירים אין פּרינציפּאַלנעם ווילקע.

— זעלדע, זאָגסטו? די שוואַרצע מויד? ס׳אַ צינײַנערקע וואָס האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אין יידישן פּאָדוויד אַרײַן. אַ ווילדע זאַך. ס׳איז דאָך מאַלי־זאַליס! ווער קען נישט דאָס מוסטער!

מ׳גיט אַזאַ זאָג, אַז עס קלעקט שוין אויף אָפּצוחתמענען דאָס ווי אַן אָפּשטאַמיקס פון גראָבע פּליגל.

— נו, נו, מ׳וויס שוין. הערשעלע פּריזירער, דאָס שאַרפע פּיסקל אין די ברילעכלעך! ס׳איז פון מאַלי־זאַליס פּולק.

און עס איז געווען. און שוין האָט מען אויפן טיש אַרויפגענומען דעם קאַרליקעוואַטן יונגן מאַן מיט די קרומע פּיסלעך, דעם ווײַ־חכם מיט די גרויסע אויגנגלעזער, וואָס האַלטן זיך אויף די שטאַרק איבערגעוואַקסענע גאַר ווײַסע אויערן.

עס איז אייגנטלעך אַן אָרנטלעך הויז, נאָר אַ פּראָסטס. און דער גרויסער חסרון פון דעם איז, וואָס מאַלי־זאַליס שטובן זענען פול מיט איבער־געשטאַנענע יונגען און מיידן און קיין איינס איז נישט, וועדליק מ׳זאָגט, צו פיל איבערגעשפּיצט, כאָטש אַלע האַלטן זיי זיך פאַר וואַזשנע חכמים. אַלטע בחורים און בוגרותן אַלע צווישן דאַרפיש מעבל און ס׳רירט זיך נישט אַז וועמען פון זיי זאָל עמעץ „אַרויסכאַפּן" פונעם צעוואַקסענעם געזעמל. און נאָך אַ זאַך: אַלע קלעפּן רק צו דער מאַמען. דער טאַטע איז אַ וויעכעטש. אַפילו די חברים און חברטאַרינס וואָס קומען אַ מאָל צו די קינדער, ווייסן נאָר איינס: „פּאַני מאַלי, הערן זי נאַר, פּרוי קנאָפּ, קנאָפּאָוואַ" — — דער מאַנצביל זאַלי, דער קאָפּ פון הויז, וואַלגערט זיך דאָ ווי אַן אי־בעריק חפץ, נישט קיין פאַרגלײַך — אַן אויסגעריבענער בעזעם. דאַכט זיך: אַ ייד ווי אַלע יידן, אַ פּאָר געזונטע הענט, אויפן קוק — אַ גאַנצער קאָפּ און צונג, אָבער אין הויז איז ער אַ פלעדערוויש, אַ לאַמאַגע, וואָס ס׳ווײַב האָט נישט פאַר אים ס׳מינדסטע דרך־ארץ און די יורשים קוקן זיך נישט אום אויף אים. נו, אַ טאַטע אַ שמאַטע.

דאָס הויז איז גרויס און ליידיקלעך. און ס׳זעט אויס נאָך גרעסער, דאָס הויז מאַלי־זאַליס, ווײַל ס׳איז פוסטלעך אַרום דעם. ווינציק פאַרבויט איז די פאַרוואַלגערטע געגנט אַרויסשטאָט. אויך דער הויף, וואָס צופוסנס דעם משונהדיקן געבײַ אין דעם קאַנט, איז פוסטלעך, שרעקיק, און אין דער־אַ שרײַיקער גרויסקייט ליגן ווי פאַרלאָזענע, אַ סך טונקעלע, פון רעגנס דורכ־געווייקטע קאַמערן. די חושכדיקע קאַמערן שטייען, גאַפן אונטן און אויבן, אין פינצטערדיקן געבײַ איז ס׳וווינאָרט פון מאַלי־זאַליס שימלענדיקן גע־

זינד. יאָ, אויפֿן גאָרן. אין די טרויעריק־פֿאַרגלאָצטע אײבערשטע צימערן דרייט זיך אַרום אַ היפּנדיקער דער בערדלדיקער שטילער ייִד, וועלכער האָט באַשײַמפּערלעך נישט קיין דעה בײַ קײנעם אין הויז. אַז איבעריקער אין שטוב, דער זאַלי, איז אים בעסער אונטן, אין פּוסטן הויף. זאַלי שטעלט זיך עפּטערס אַרײַן אין האָלצקאַמער, גראַבלט זיך דאָרט בײַ אַ ליאַדע־וואָס, נישטערט, לאָזט זיך אַרײַן אין אַ צווייטער פֿינצטערניש, הינקט ווידער אַרויס און ווערט לסוף פֿון דאָס בײַ פֿאַרשלונגען ערגעץ אין אַ צעעפֿנטער הילצערנער טיר. ער האָט ליב, זאַלי, אַז ער קומט אַראָפּ אין הויף אַרײַן, צו צעפּראַלן אַלע קאַמערן. מסתּמא טוט ער עס מחמת היימלעכקייט.

מ׳ווייסט: דער טאַטע זאַלי איז אַ געקרענקטער, אַ שווײַגעוודיקער און שטענדיק פֿאַרטאָן. אַמאָל, האָט עמעץ אָפּגעלאָזט אַ סוד, איז דער זעלביקער זאַלי געווען העפּטיק, פֿלעגט הויך זיך צעשרײַען, אַפֿילו זיך פֿאַרמאָסטן אויפֿן ווײַב מיט דער פּויסט. אַ פֿײַער האָט זיך צעצונדן צווישן מאַן און ווײַב, אָבער ס׳איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. דאָך האָט געטליעט זאַליס כּעס, דער רוגז צווישן פֿאַרפֿאָלק האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן, אַלאָ איבער־צווישן האָט זיך געמערט דאָס הויזגעזינד. עמעץ, אַן אַנדערער זכר האָט זיך אַרײַנגענאַדיעט, געשלאָגן זאַלין איבערן קאָפּ. סוף־כּל־סוף האָט ס׳קאָכיקע בלוט פֿאַרטויבט דעם הילכיקן גרימצאָרן פֿונעם מאַן קעגן ווײַב. אַוודאי, דער גורל פֿירט מיטן מענטש. ס׳איז געשען וואָס האָט געקענט געשען ביז, ביז זאַלי האָט איבערגעברענט אין זיך זײַן גרויסן ווייטיק און אַ באַלעבאַטישע שטילקייט האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין זייער גבול; לפּחות אויסערלעך איז די שטילקייט געזעסן אויף זאַליס ליפּן, כאָטש די אויגן האָבן אים נאָך געפֿלעמלט מיט אַן אומגעשטילטן אומרו. דער איבערבראָך איז געקומען, ווען זאַלי האָט בגוואַלד זיך אַרויסגעריסן פֿון פּזשייטש ווו ער האָט פֿריִער געווױנט און זיך פֿאַרקליבן אין דעם העק אַרײַן, צופֿוסנס דער ווײַטער שטאָט. „לאָמיך זײַן ווײַטער פֿונעם אומגליק“, — האָט עס געהייסן אין זאַליס פֿאַרביסנקייט. ס׳איז סם די ווײַבערישע זיסקייט“, — האָט ער זיך געגריזשעט. שפּעטער, זאָגט מען, האָט געטראָפֿן מיט אים ס׳נײַע אומגליק, ער איז געוואָרן אַ בעל־מום. מ׳איז משער, דאָס איז געשען נאָר צוליב יענעם גראָבנדיקן אומרו וואָס האָט ענדלעך צעמישט זײַנע געהירן מחמת דעם ווילן ווײַב. אַצינד דריקט שוין די עלטער און איר גייט נאָך דער געוויסער אומעט וואָס פֿלאָנטערט די מחשבֿות, פֿאַרמעקט דעם זכּרון. דער פֿלאַם בושעוועט שוין נישט אַזוי שטאַרק, כאָטש זאַלי פֿילט נאָך טייל מאָל

ווי לײַט ווינקען זיך איבער הינטער זײַנע פּלייצעס: „ס'אַ האַניקפויגל „זײַ־נע!" אָבער ער טוט זיך ס'זײַניקע. פון רגילות געדענקט ער אָנצוהאַלטן די ריינקייט פון רינשטאָק פאַר דער שטוב, ר'שפּאַלט האָלץ און ער גראָבלט אין קאַמער צווישן אַלטוואַרג, דער אַלץ מיט אַנאַנד אין הויז איז די מאַמע מאַלי. אָנגעטאָן אין אַ ברייטן פאַרטעך, פאַרלייגט די הענט אויפן בויך, קלעפּערט זי מיטן בונט שליסלען איבער די אומהיימלעכע, נישט דאָרפישע, נישט שטאָטישע שטובן. כסדר באַוועגט זי זיך איבערן הויז, רעדט ערגעץ אין חלל אַרײַן. אַט זידלט זי עמעצן און ווילט זיך איר, קומט זי אַרויס מיט אַ האַרטן אָנזאָג:

— וועסט טאָן... מ'דאַרף דאָס, מ'מוז יענצס. און אויב געזאָגט, איז עס אַ מוז, באַלד, שוין!

אָדער:

— טו אַ גיי, מענדל!

נישטאָ קיין פאַרענטפערניש אַז מ'קען נישט, מ'שעמט זיך, צי עס פּאַסט נישט.

געזאָגט ס'איז ריקע און אַוועק ווי אַ הערשערין, די באַלעבטע, גרויס־אויגיקע מאַלי מיט די שוואַרצע מאַנצבילשע ברעמען. איר ווילן וועט גע־האָרכט ווערן, איז זי זיכער. גענוג אַז דער מאַמע מאַליס מויל גיט זיך אַ צעעפן אויף די גראָבע ליפּן און די ברענענדיקע שוואַרצאַפּלען אונטער די זעמשענע ווי:עס ברייטערן זיך אויס און שליסן זיך באַלד מיט נערוועזן, גלאַנצנדיקן צוק.

דאָס גאַנצע נחת פון הויזגעזינד האַלט די מאַמע מאַלי פאַר זיך, אָבער זי נעמט אויף זיך אויך דאָס פולע עגמת־נפש וואָס איז באַשערט דער שטוב. „ער" — און צו דעם איז מען אין הויז צוגעווינט ווי צום טעגלעכן ברויט —ער איז בלויז אַ צוקוקער, אַ מענטש פון אַן אַ זײַט.

די מאַמע מאַלי לײַדט נישט, אַז מע מישט זיך אין „אירע" זאַכן. און אירס איז אַלץ: דאָס הויז וואָס מ'האָט אייגנטלעך בשותפות ווערליק דעם געוויסן; אירע זענען די קינדער; אירס איז דאָס וואָרט איבער אַלץ און אי־רער איז אויך ער, נו, ער, דער לאַמאַגע, ווי זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן.

— לאַמאַגע, ווו ביסטו?

און שטעלט ער זיך צו מיט דער גאַנצענער אונטערטעניקייט פון אַ משרת פאַר זײַן באַלעבאָס, היקעט זי אין אים אַרײַן:

— ווו טוסטו זיך אַהין, לאַמאַגע מאַנער?!

— ווילסט עפּעס? — פרעגט ער אומדרייסט.

— דער מוח זאָל דיר אַזוי צעמישט ווערן, ווי מאַנער מישט זיך ווען כ׳באַדאַרף עפּעס זוכן! גיי, לעג זיך צו אַ ביסל. אויפטוער גרויסער. כ׳על דיך דאַרפן, ׳על איך דיך רופן.

— קינדער, געזען דעם לאַמאַגע מאַנעם? — פּאַלט איר אײַן אַן אַנדערש מאָל מחמת נישט האָבן מיט וועמען זיך צו מעכטיקן. זי האָט שוין אַזאַ טבע, די מאַלי: זי באַדאַרף תמיד האָבן מיט עמעצן זיך צו שאַפן. די קינדער האָט זי פאַרזאָרגט מיט שטעלעס. דעם בלאָנדן, שאַרף־נאָזיקן הערשעלע האָלט זי אין שטוב בײַ זיך, האַרט בײַ דער פּאָרטקע צעעפנט אַ געוועלבל און אים באַפוילן צו ווערן אַ פּריזירער. אויפגעהאָנגען אַ לענגלעכן שפּיגל, וואָס פאַרנעפּלט זיך אָפט, געקויפט אַ הויך געבעט בענקל מיט אַן אָנלען פאַר אַ קאָפּ וואָס מוז כאָליען באַקוועם אַז מ׳זאָל אים קענען אונטערשערן, און אָנגעקוואָלן: — זע, די ראַזורע איז פאַרטיק! דערנאָך האָט זי נאָך באַזאָרגט אַ פּאָר שערלעך, אַ מאַשינקעלע, אַ בריטווע, אָנגעטאָן דעם זון אַ ווײַס פאַרטעך און אים באַלערנט:

— ווייס, זון, ווי צו פירן זיך מיט די לאַפּיטוטן; קלינג מיט די שערלעך, גיב אַ שפּריץ מיט אַ ביסל קעלניש אַז די אויגן זאָלן איבערגיין אַזוינעם און ס׳עט ווערן אַ געריס צו הערשל פעלדשער פון טשעמנע גאַס. מ׳עט דיך זוכן מיט לעכט, הערשעלע מאַנער אַז די פּופּעס וועלן זיך פרייען. האָרכסט וואָס מ׳רעדט צו דיר, זון?

— ס׳עט גיט זאַן, מאַמעשי, — האָט דער יונג געענטפערט און פאַרלעגן געשמייכלט.

שפּעטער איז די מאַמע מאַלי אַוועק אין שפּײַז־געוועלב ווו זי קויפט איר ציקאָריע, ס׳ביסל זאַלץ, געקומען צו מעכל בעקער ווו זי קויפט איר לאַבן ברויט און געמאַכט רעקלאַמע פאַר איר זון:

— געעפנט מײַן הערשעלען אַ ראַזורע, שיקט אַרײַן קליענטן. דעם קאָפּ וואָל דאַרף מען אָפּשערן? אַ מאָרדע דאַרף מען אונטערקראַצן? ס׳איז נאָענט אינטערן אויוון, טאָ צו וואָס גיין זוכן ווײַט? און מיר׳ן דאָך אייגענע, ס׳וואָר?

און האָבן זיך געוויזן אַ פּאָר אירע אין דעם פריש צעעפנטן פריזירער־געוועלב, האָבן עטלעכע יונגען מיט אַ מאָל זיי באַדינט: איינער האָט וועמען אויסגעטאָן די קורטקע, אַ צווייטער האָט אָפּגעשטויבט אַ בענקל: „זיצט, פאַניע!״, אַן אַנדערער האָט איידל, מיט קאָפּשאָקל צום קינד, דעם ערשטן וואָס האָט געעפנט די טיר, צוגעפירט צו הערשעלעס פּאָטערשטול וואָס אויף

אַן אײַזערנעם הויכן פּוס. דעמאָלט האָט דער סאַמע מײַסטער הערמאַן (ער האָט זיך שוין געלאָזט רופן פון די ברידער הערמאַן) אין אַ ווײַס־געפּרעסטן לאַנגן פאַרטעך, אַ פּינקל געטאָן מיט זײַנע ברילנגלעזער און גענומען קלינגלען מיט דער שער אין די אומרויִקע פינגער. דער אמת איז, אַז אין תחילת האָט דער מײַסטער פון דער ראַזורע געציטערט אייגנהענטיק זיך צוצורירן צו אַ קאָפּ (צווישן זיך האָבן די פריזירער־יונגען, די ברידער וואָס האָבן זיך געוואָרפן מיט העפלעכקייט באַדינען דעם קליענט, געזאָגט אויף אַ קאָפּ — אַ הייפּטל קרויט, אַ פולע פּאָמעניצע), ווײַל אין סך־הכל האָט הערשעלע קוים „איבערגענכטיקט" אין אַ ראַזורע, אָפּגעבערשטלט עטלע־כע קונדן נאָך אַ שערן. אָבער די מאַמע האָט אים געזאָגט: הערשעלע, האָסט שוין געזען ווי מ׳פירט זיך? מער באַדאַרף מען נישט. ס׳שטייט לײדיק אַ געוועלב, דער העק האָט נישט קיין אײן ראַזורע און אַזוי פיל הייפּטן קרויט באַדאַרף מען אַרומפּליקן כאָטש אײן מאָל אין יאָר, וועט מען זיי אַרײַנפירן צו פּאַן הערמאַן און מ׳עט זיך אַ ביסל פּאָזשיווייען. גערעכט, חברה, די מאַ־מע? טאָ ווער וועט זיך דערוועגן צו זאָגן אַז ניין!

ווי ברענענדיקע קוילן פאַלן די ווערטער דער מאַמע מאַליס און האַרט איז איר זאָג. אַזוי האָט זיך אונטער איר באַפעל געשטעלט די ראַזורע און עטלעכע יונגען זענען פאַרטאָן „בײַם פאַך". איינס האָט אָבער נישט צום צווייטן — פריזירערײַ איז טאַקע אַן אינטעליגענטיש פאַך, מ׳גייט אין ווײַסע פאַרטעכער ווי דאָקטוירים, מ׳האָט צו טאָן מיט געניקלטע אינסטרו־מענטן, מיט שוימיק ווײַסער וואַטע, מיט וואָסערלעך, מיט זייפלעך, אָבער דער מאַמען דאַרף מען אוואַזשען, ווייסן די יונגען. און מ׳אוואַזשעט זי קאַוואַלעריש, דער עיקר טאַקע די זין.

און פאַרגלוסט זיך דער מאַמע מאַלי — פאַרווײַלט זי זיך מיט די בני־בית. און אויב פאַרברענגען, איז מיטן גאַנצן געזעמל מיט אַ מאָל. דעמאָלט איז שוין אַלץ אָפּגעטאָן אין שטוב, די ראַזורע איז פאַרשלאָסן, אײַנגעפּינצ־טערט מיט די זילבער־ווײַסע מכשירים, וואָס בלאַנקען אַפילו אין דער טונקל. אַ געדיכטע פינצטערניש איז אויסגעשפּרייט אינעם אַרום; לעבן וויב־רירט נאָך אויבן, אויפן גאָרן. דער טאָג ליגט שוין אַן אָפּגעשאָכטענער אויף די ראַנדן פון די אַרומיקע פעלדער. דער אָונט זריקהט זיך אַן די שוואַרצ־לעכע ווענט פון דעם עלנטן דרויסן.

דאָס הויז האָט ערשט אָפּגערוישט מיטן עסן, מיטן גערייד וועגן ביי־טאָגיקן קאַלעמוטנעם געפּילדער. אַלץ ליגט פאַר דער שוועל שלעפּעריק,

קנורעט היניטיש פון מידקייט. רייד זינקען צוגלײַך מיטן געקלונג פון געפעס, ווי דאָס טראַטעוועץ פון די שטוביקע איבער די הוילע פּאָדלאָגעס אַקוראַט ווי די פּלוצלינגע געלעכטערס וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן אין די שילעפּעריק אָנגעליכטיקטע חללס אין מיטן די גרויסע פינצטערנישן. דעמאָלט פאַלט אָן אַ שטילקייט, ווי מע וואָלט זיך אָט־אָ דערשראָקן פאַר דער נאַכט וואָס שטשירעט מיט לויער אין די שטובן אַרײַן; מ׳זיצט אויף דער אָטאָמאַנע, אויף די בעטן און ס׳שטאַרקט זיך איינער פאַרן אַנדערן אויסצובאַהאַלטן די מורא וואָס גרוילט אויף אין האַרץ, צעפּויקט די געהירן. האָט ווער עפּעס צו דערציילן, טוט מען עס גאָר שטיל. אָבער אין מיטן דערײַנען נעמט מען זיך פאַרדעכטיק אײַנהאָרכן צו די שטיגן. ס׳גאָר נישט! — גיט זיך אַ כאַפּ די מאַמע מאַלי. זי שנופּט מיט דער נאָז און ווײַזט איר פעסטקייט: אומזיסט זיך געשטרויכלט! פלעדערמײַז זיך געמאַכט אַ נעסט אונטער די סטריכעס. באָיאַקעס מײַנע לײַט! — מוסרט מאַלי די קינדער. די מאַמע לײַדט נישט קיין געפּילדער, געדענקען אַלע און מ׳וואַרט שוין זשעדנע אויף אירס אַן אָנווײַז, וואָס צו טאָן אין דעם סומנעם אויפדערנאַכט. דערווײַל שווײַגט מען אין זיך אַרײַן. צום מערסטן איז עס מחמת אָפּשײַ פאַר דער מאַמען. און ווען עס ווילט זיך אַ שווים טאָן אין חלום, איז שווים צוגלײַך מיטן אָוונט, פאַרנעם זיך אין די ווײַטענישן מיט דײַנע האַלבפאַרהויבענע אויגנלעדלעך. אָבער עס שלאָפט זיך נישט אין דער פאַרטראַכטער טונקלקייט; אויך די מאַמע דרימלט נישט, מ׳הערט איר זאַטאָטעמען, רק זי׳ שנופּט מיט דער נאָז, גיט אָנצוהערענישן אַז זי הערט ווי ס׳יונגוואַרג באַגערט עפּעס אויפצוטאָן אין אַזאַ אויפדערנאַכט וואָס איז לאַנג און וואַכעדיק.

— נאָך נישט אויפגעשטאַנען, יונגע לײַט? — גיט מאַלי אומגעריכט זיך אַ שטעל אויף, רענגלט אויס די גלידער.

— געכאַפּט אַ דזשים, — גיט הערשעלע דער מײַסטער אַ שפּרונג־אויף און צעשמייכלט זיך ניכטער.

— און מיר איז אַפילו נישט אײַנגעפאַלן צו שלאָפן, — הייבט זיך אויף אַן אַנדערער יונג פון דער מאַמעס גוואַרדיע. — כ׳על דען נישט צײַט האָבן צו שלאָפן? — גיט ער צו מיט אַ פרעג אין דער טליִעדיקער טונקלקייט אַרײַן, וואָס שפּרײַזט פויל איבער די הילצערנע שטובן, וועלכע הענגען איבער דער שפּע בלאָטעס וואָס טריקענען זיך עולמות אין דער געגנט און טריקענען נישט אויס. דערויף שטעלט זיך אַ געלאַסענער טומל אין מיטן די

פֿײַכטע פֿינצטערנישן. ס׳וואָרט געדעמפּט דער רעש אונטער דער סטעליע פֿון דער גאָרנדיקער שטוב, מ׳נעמט שמועסן אײַנגעהאַלטן, מ׳כיכעט אַפֿילו און אין טאַטן, דעם לאַמאַגע פֿאַרגעסט מען. מיט אַ מאָל, קומט אויס, ווערט די מאַמע אַן אַנדערע, ווײַזט זיך אַ נײַע. זי זעצט זיך אַוועק צווישן יונג־וואַרג און נעמט זיך גרויסן מיט איר אַרײַנגעטוענקייט אין דער וועלט, וואָס שפּרייט זיך ווײַטער פֿון די בלאָטעס, וועלכע כאַפּן ערגעץ אַן אָנהייב פֿון אַן אַנדער מענטשלעכקייט ווי עס איז אין טשעמנע גאָס:

„אַ לעבן? אַ רײַכקייט אַזאַ בײַ לײַטן, פּששש... שוין די קינדער אין די וויגן זענען גליקלעך. טאַטע־מאַמען איז ליכטיק אַלע יאָרן. מ׳שמועסט אַז זינט דורות גייט אַזעלכע נאָך די ירושה פֿון רײַכקייט — —“

אײנס נעבן אַנדערן וואַרעמט זיך אין דער צעשפּילטער פֿאַנטאַזיע, זוכט אַנטרינונג אין נישט־היגע מעשׂיות. אויסטערליש גוט ווערט אין דער צעוואַ־רעמטער טונקלעניש. נאָר פּלוצלינג גיט זיך אַ רײַס אָפּ ס׳געוועב דאָס נישט־דאָיקע. ניכטער טראָגט זיך אָן דאָס קול פֿון דער מאַמע מאַלי:

— גיב נאָר אַ קוק, ר׳איז דאָך פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, דער לאַמאַגע. זאַ־אַלי, שטיי אויף צו לייגן זיך שלאָפֿן! — צעשרײַט זיך די מאַמע.

הערשל גיט אַ טאָרע זעלדען:

— ביסט פֿאַרחושט, דע? דו שלאָפֿסט נאָך, און דאָרט קראַצט מען זיך שוין!

פֿאַרלייגט איין האַנט איבער דער אַנדערער שטייט שוין די מאַמע מאַלי אין דער טיר פֿון צעליכטיקטן מיטלסטן צימער: די לאָמפּ קוקט מיט אַ צוגעלעגענעם רויטלעך־אַנגעגליטן קאָפּ אין דער דערנעבנדיקער פֿונאַנדער־געוואָרפֿענער פֿינצטערניש אַרײַן, און ווי נישט די מאַמע, נאָר די לאָמפּ, הייבט אָן פּלוצאַלבן וועקן די שטוב:

— זעלדע, מענדל, ס׳אַר אַ געשלאָפֿעכץ אַזוי אַרומעט!

ממש ווי שלעפֿעריקע טריט פֿאַלן די נעמען פֿון דער אַוועקגעפֿאַלענער קאַוואַלעריע, ווי די מאַמע רופֿט טייל מאָל איר חבֿרה.

— איך מיין, כ׳רייד צו זיי, אָבער דאָס פּאָפּט!

מאַלי שטייט אין דער טיר און די טונקלקייט וואַקלט זיך אין די שײַן־פּלעקן פֿון דער לאָמפּ.

דערנאָך הערט זיך די מאַמע מער אויפֿגעריסן:

— לײַ־ייבל, קום נאָר אַהער, לייבל! — דאָס קול צעריטשעט זיך האַרט איבערן שיידל.

כאַפּט זיך אויף אַ יונג, איז ער גרויס און ברייט, כאַטש גיב אים מיל־שטיינער צו דרייען.

מחמת פלוצלינגקייט פונעם אויפכאַפּן זיך, גיבן אַן אײַנגעהאַלטענעם ציטער זײַנע קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך. ער גלײַכט זיך אויס מיט דער מאַמען — בלײַבן אויף דער וואַנט טונקלען צוויי מגושמדיקע שאָטנס און בײדע וויגן זיי זיך גלײַכמאָסיק.

מאַלי באַשמעקט דעם זון מיט אירע גרויסע ציגײַנערישע אויגן און די ברעמען גיבן זיך אַ קנייטש. איר פליישיקע נאָז טוט אַ סמאָרע און דער יונג, וועמען עס פּאַסט שוין אַליין צו האָבן אַ הויז מיט קינדער, קוקט אויף דער מוטער מיט אַ גולמדיקן שמייכל. אַ רגע, און ער פרעגט אומדרייסט:

— וואָס, מאַמע?

— גלאַט, כ׳וויל אַ קוק טאָן אויף מאַנע מאַיאָנטקעס.

— הי־ייי, — שטיקט זיך דער יונג מיט אַ מין צופרידנקייט.

— לייבל, — זאָגט זי פון איבערגעפולטער ברוסט — קוקסט גאָרנישט אויף דײַן ברודערל? ער איז באמת שוין אַ גאַנצער מײַסטער! יונה מעלער לאָזט מיך נישט דורכגיין די גאַס, — רעדט זי באַרימעריש אויפן הויכן קול, אַז אַלע זאָלן זיך צוהערן צו אירע גדולות: „אַ פּאַצעט דאָן לייזער. ער איז אַ גאַנצער קענער. ר׳מעג זיך גרייטן צו אַ מפטיר״ — און זי טשמאָקעט יעדעס וואָרט, גלײַך עס וואָלט געווען אַ באַטעמט מאַרכבײַנדל. — הע, לייזער? — זאָגט זי אין מיטן דערינען צו יענעם, וועלכער דערשפּירט זיך אַזוי ווי ער וואָלט אָקערשט אַרויסגעזעצט געוואָרן אויף העזהדיקע שפּרינג־פּעדערס — זיי וואַרפן אים, טאָרגען און ער וויל זיצן רויִק ווי אַ גוט קינד.

לייזער וואַרט שוין נישט מע זאָל אים צורופן נענטער. ער שטעלט זיך אַוועק נעבן לייבלען, קוקט אונטערטעניק. ער ווייסט שוין דעם סדר, ער ווייסט וואָס די מאַמע וויל. לייבל איז העכער, לייזער איז נידעריקער, דאַ־רער. לייבל איז שוואַרץ, ברייט־פּנימדיק ווי די מאַמע, לייזער איז געלבלעך, ווײַבעריש. כאָטש יונג, איז זײַן פּנים קנאָכיק, טרוקן, אַזש קאַנטיק, און די האָר רויטלעך. נישט אויף דער מאַמען איז ער ענלעך און נישט אויפן טאַטן. „זע נאָר, ווו האָב איך געגומען אַזוינס, אַ צעקראָכנס און אַ קלוגס?״

— איך בין געראָטן אין זיך, — זאָגט ער אַ ביסל ווילעריש און אײַנ־צײַטיק פאַרשעמט. כאָטש משפחה־לײַט שושקען זיך חשדיק, אַז לייזער איז ווי אַ טראָפּן אין אַ טראָפּן געראָטן אין דעם אַמאָליקן שכן מאַלי־זאַליס, ווען ס׳פּאָרפאָלק האָט באַלד נאָך דער חתונה געוווינט אין פּזשייטש און זאַלי איז

געגאַנגען איבער די דערפֿער אײַנהאַנדלען אַ בהמהלע. טאַקע דעמאָלט איז מיט זאַלין געשען דאָס מאַלעער מיטן פּוס. מ׳האָט דעם יונגן מאַן אונטער־געטראָגן אַז ס׳איז דאָסיק די געטרײַשאַפֿט פֿון װײַבל; ער האָט נעבעך נישט געוואָלט גלייבן, ר׳האָט נאָר געמרוטשעט ווי אַ דערצערנטער אָקס און גע־לאָפֿן ווי אַ בלינד פֿערד אין גרוב אַרײַן; דער קאָפּ האָט אים פֿאַרמישט. דעמאָלט האָט עס געטראָפֿן: אַ שווערער וואָגן איז אים אַרויף מיט אַן אײַ־זערן ראָד אויפֿן רעכטן פּוס און אים צעקוועטשט ווי אַ פּלעצל. פֿון יענער צײַט הינקט ער. דעמאָלט האָט מאַלי זיך געזאָלט „פֿאַרקוקן" אויף חנא קצב, דעם גוטן שכן דער פּזשיטשער.

— ביסט טאַקע אַ חכם, גדולה מאַנע, — גיט די מאַמע אַ קנאַק מיט דער צונג און איר צעשויבערטער קאָפּ טוט זיך אַ וויג אין צייכן פֿון באַפֿעל: היידאַ!

נאָך לייזערן גיט די מאַמע מאַלי אַ שאָקל מיט דער גאָמבע — ווײַ־טער! ס׳איז אַ ווונק אַזאַ דער מאַמעס — און ס׳שטעלט זיך אַוועק ווי אונ־טער אַ קאָמאַנדע הערשל מיט זײַן פֿאַרשײַט גענגל; דערנאָך רופֿט זי מענד־לען מיטן ראַזעװאַנע פּנים; שפּעטער קומט זעלדע מיטן צעפּלאָשעטן שוואַרצן שייטל האָר. ווײַטער גייט צו ירוחם מיטן אָנגעגאָסענעם קאַרטאָפֿל־קאָפּ, צדוק, דעם טאַטנס קאָנקורענט, דער בעלן אויף האַליץ־האַקן. זלמן באַוויײַזט זיך מאָדנע שעמעוודיק, מסתמא מחמת ער האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט צו קור־מען דער לעצטער פֿון דער מאַמעס טראַכט, געוויזן זיך אַ פֿאַרגעסענער. נאָך אים שלעפּט זיך ראַשקע, אַ שטילע, מיט אַ פֿאַרמעקט פּנים, צום סאַמע סוף הייבט זיך אויף מיט רעש די קלענסטע, מאַניע. זי איז די נידעריקסטע און מיט איר פֿאַרענדיקט זיך די שערענגע.

אָט איז אויף אַן אָרט דאָס גאַנצע פֿולק. ווי אַ ריכטיק פֿולק האָבן אַלע זיך אַ שאָט געטאָן מיט פֿעסטע טריט, די יונגען מיט די מוידן און זיי ווייסן שוין דער מאַמעס רצון; זיי דערכאַפּן גיך איר ווונק צי אַ קנייטש מיטן שטערן. ראַפּטעם שטעלן זיי זיך אויס אין אַ לאַנגער שורה, איינער נעבן אַנדערן — ווער העכער, דערנאָך נידעריקער, נידעריקער, נאָך נידעריקער ביזן סאַמע קלענסטן. אויסגעשטעלט זיך, קומט אויס אַ שיפֿע, אַראָפּזינקענ־דיקע שורה פֿון קעפּ. די קלענסטע איז מאַניע, כאָטש זי איז נישט „ס׳אויס־קראַצעכץ". זי איז נישט קיין שוואַרצע, ווי די מאַמע, ווי דאָס רוב קינדער אין הויז. זי האָט אַ פֿול פּנים מיטן טאַטנס גאָלדענע זומערשפּרענקעלעך, געדיכט צעשאָטענע איבערן שטערן און אויפֿן פֿאַרשאַרצטן נעזל. מאַניע

האָט אויך דעם טאַטנס אַמאָליקע שאַטינענע האָר. ווי איר ברודער הערשל, האָט זי קרימלעכע פּיס מיט גראָבלעכע ליטקעס, אָבער אויך אַ שווערן, נידעריקן בוזעם: „אַ גוידער" אַזאַ וואָס וויגט זיך איבערן בויך. קיין איינס פון מאַלי־זאַליס קינדער איז שוין נישט יונג. דער רוב איז אַריין אין טעם פון פאַרזעסנקייט. וואָס שייך די מיידלעך, חלומען זיי נאָך פון אַ „וואָל" פון אַ פּויק. די מאַמע רעדט אָפּט דערפון: „ס'רייסן זיך צו מיינע קינדער די ראַכטיקע זיווגים. כ'האָף צו גאָט, ס'עט קומען!" טראַכטן זיי עס איבער — די לייט פון דער ווייבערשער גוואַרדיע: ס'איז גוט צו קריגן אַ חתן אַ פיינעם; אויף אַ מאַן שטייט די וועלט פון יעדער מויד, וואָס דאַרף ווערן אַ ווייב. אָבער אַ בילע וועמען, אַ פּאָר הויזן? ס'איז נישט פאַר זיי.

דערווייל שעפּט די מאַמע נחת פון זיי, סתם נחת. זי קוקט אויף דער שערענגע זין און טעכטער און זי קוועלט. אַ קנאַק מיט די ליפּן, אַ צעפּיר די הענט און אַ זאָג מיט כוח:

— מאַנע מאַיאָנטקעס!

אַ זאָג געטאָן, אַזש די יונגען מיט די וואָנצעלעך, די איבערגעוואַקסענע זעלדע מיטן פאַרשייטן שטערן, דערשפּירן אַ פּלוצלינגע וואַרעמקייט אונ־טער דער הויט. זיי רויטלען זיך פון צעקוואַלענעם האַרץ און פון אַ ביסל מאָדנער בושה. וואָס אַצינד? אַוועקזעצן זיך וועט קיינער נישט וואַגן. מע ווייסט: די מאַמע וועט נאָך עפּעס זאָגן. דאָס פּולק שטייט און וואַרט אויף אַ נייעם מושטער.

— אַנו, מוזיקאַנטן, דערלאַנגט אַ ראַכטיקס. לאָמיר הערן עפּעס שיינס! אַ קאַפּ פריילעכס גיטס. — און די שערענגע צעקריכט זיך נאָך אינסטרו־מענטן וואָס מע נעמט זוכן.

אַן אַנדערש מאָל פאַרגלוסט זיך דער מאַמע מאַלי צו האָבן אין הויז דעם היימלעכן רעש פון קאָרטן־שפּיל; אַ מאָל ווילט זיך איר דעם געקאָך אַרום די דאָמינאָ־קלעצלעך אָדער די געדיכטע פאַרטועטקייט מיט לאָטע־רייקע־נומערלעך. ביי אַלע שפּילערייען איז די מאַמע אויבן־אָן:

— חברה־באַניעקערן! 23 ווער האָט? — ברייטערט זיך אויס איר כיט־רע שמייכעלע.

— זאַלמען, אפשר דיר אַהערגעבן אַ קישעלע? — ווייזט די מאַמע בריהשקייט דעם אייגענעם יונגוואַרג.

— ראַשל, דו מאַכסט שוין אַ שקריי? — גייט זי פאַמעלעכקע אַרויס פון געדולד.

הײַנטיקס מאָל וויל די מאַמע שעפּן נחת מיט די פּולע זשמעניעס. זי איז מידלעך, כאַטש אויף גיין שלאָפן זענען נאָך צו־פריש אירע געהירן. די מאַמע מאַלי גיט אַ רייד גאָר אומגעריכט: — מ׳עט עפּעס הערן, קינדער? טאַקע גוטע „שטיקלעך" וויל זי ערשט.

מאַלי סמאָרעט מיט דער נאָז, אירע ברעמען הייבן זיך אַרויף־אַראָפּ און זי קוקט אַ באַלײַבטע, אַ צעשמאָלצענע אויף דער קאַפּעליע וואָס שפּרייט זיך באַלד אויס בײַ איר זײַט.

לייבל האָט זיך גענומען צו דער מאַנדאָלין, געצופּט פון איר שיכורע טענער, ברעקלעך וואָס זענען ווי אָפּגעבראָכענע מעסער־קלינגלעך געפאַלן צו דער מאַמעס פיס. מאַניע האָט דאַכט זיך געשניטן דאָס פידעלע, באַלד עס געקיצלט און אָט געוואָרגן עס ווי אַ געפאַנגען כישוף־פערדל וואָס זי האָט אַ וויינענדיקס און אַ שרײַענדיקס אײַנגערוּקט מיט איר קליינער גאָמבע; זי שפּילט סכנות ערנסט און איר גאָמבע באַוועגט זי אַהין, אַהער. דער שקאָצעוואַטער מענדל האָט געמאַכט העוויות צו אַ האַרמאָשקע, וועלכע ער האָט געפירט איבער די ליפּן — —

מ׳שפּילט און די שטוב און דער קאָפּ פילט זיך אָן מיט זיסע, כוואַ־ליעדיקע טענער, וואָס פלאַטערן, עקבערן. עס איז הימלעך, מאָדנע מיניעט דאָס ליכט פאַר די אויגנדעקלעך. פאָרן געהער צאַפּלען זיך איבערגעוועקטע פייגל־נעסטן — ס׳אָר אַ נאָגנדיקע פריילעכקייט, — סליניעט מאַליס פליי־שיקע מויל.

די מאַמע איז צופרידן: אויף איר פּנים מאָלט זיך אַ ווייכער שמייכל. זי קוקט מיט פאַרשמעלערטע אויגן־שפּאַרעלעך. די נאָז סמאָרעט אינטענ־סיווער.

בײַ מאַלי־זאַלין קען איטלעכס עפּעס שפּילן. איינס לערנט זיך אויס פון דעם צווייטן, און וויל מען נאָר, גייט אַוועק אַ היימישער קאָנצערט. דערצו האָט לייזער נאָך אַ גרינג פּיסל, טופּעט עס פלײַסיק צו צום טאַקט. זעלדע כאַפּט אונטער מיטן האַלדז, מיטן צוויגטן שטערן אַ שיינע מעלאָ־דיע. די מאַמע זיצט אַ צעוואַליעטע, אַ גליקלעכע און אונטער איר לאָזט זיך הערן פון מאָל צו מאָל מיט אַ קוויטשל די צעראַטע פונעם צעפּאָרענעם פאָטערשטול, וואָס האָט זי אַרײַנגענומען אין ווייכע ווייכע אָרעמס.

אין שטוב שטייט אַן אמתע הימלעכקייט. די ווענט, די סופיטן פון אַלע צימערן — די באַלויכטענע ווי די טונקעלע — הוידען זיך אין קוואַליקער פרייד וואָס אָט־אָ שרײַט זי אַרויס לאָבוזעוואַטע, אָט פישטשעט זי און באַ־

קלאָגט זיך. די רויטע קנויט פון דער שלעפעריק־צעהאָנגענער לאָמפּ ווינקט אויס איר שײַן און דאָס מויל פון טאַטע זאַלי, וועלכער זיצט די גאַנצע צײַט אין אַ ווינקעלע, ציטערט ווי בײַ אַ פּיצל קינד וואָס וויל עפּעס זאָגן און עס ווייסט נעבעך נישט, ווי אַזוי. לסוף ווערט דעם טאַטע זאַלי אומעטיק פון דער מאַמע מאַליס היימלעכקייט: דער קאָפּ ווערט אים שווער, וואָס אַ מאָל שווערער. זײַנע אויגן פאַרוועבן זיך ווי מיט אַ שפּינוועבס און דאָס מויל קלעפּט זיך, קלעפּט זיך און אַ זיסקייט רינט אָן אויף זײַן געמיט — ככּכאָ־ככּכאָאָ.

—צ׳הערט, דער טאַטע כראָפּעט שוין, — וויל אַרויסטומלען די ווילדע זעלדע, אָבער זי האַלט זיך צוריק, זי וויל נישט שטערן דער מאַמען אין איר תענוג וואָס עס סליניעט אויס דאָס פּײַכטע מויל:

— העע, מאַנע מאַיאָנטקעס?!

אָבער זאַלי נעמט אַרײַנשפּילן אויף אַן אמת, דערנאָך שוין שאַרפּער, מיט זײַן כראָפּען אין דער פריילעכקייט, וואָס די מאַמע מאַלי האָט געשפּרייט אין דער אָנגעליכטיקטער שטוב אין מיטן די פינצטערנישן פון בלאָטיקן געסל.

דער טאַטע זאַלי איז זיך אַ מענטש פון אָן אַ זײַט: זאָלן זיי! — קרימט ער זיך אַ מאָל אויפן ווײַב, אויפן געזינדל און עס ווימלט אים עפּעס פויל־בלעך אין זײַנע געהירן. און נעמט ער זיך צײַט, פאָרעט ער זיך אַרום צווישן אַלטוואַרג אין די פינצטערע קאַמערן וואָס אונטן, אין סומנעם הויף.

2. אַ שטוב מיט פאַרדינערס

פון מאַלין אַליין האָט מען דערציילט פאַרשיידנס, אָבער גלייבן אין אַלע פּרטי פּרטים איז מען נישט מחויב. ווײַל אַ מאָל זענען זיי טאַקע בהסכם מיטן אמת, און אַ מאָל — דאָס אויך נישט. מאַלע וואָס מײַלער קענען מאָלן! סײַוויי, עס הערט זיך פון זיי די אייביקע מעשה ווי פון אַנדערע פּראָסטע לײַט.

אַוודאי, עס איז איבערגעטריבן דאָס גערעדעכץ אויף מאַלי־זאַליס הויז. מענטשן זוכן זיך אויך אַזוינע פאַרגעניגנס. מ׳האָט די לייט איינגעוויגט

ווי מוראדיקע פּראַסטאַקעס, אויסטערלישע פאַרשוינגען מיט אַ מאָדנע פּי־רעכץ. ווײַטער זענען נישט אַוועק די צעלאָזענע צינגער. אָבער אַזוי ווי מ׳האָט זיי נאָך אַנאַנד אַזוי אָפּגעמשלט, זענען זיי שוין געבליבן איינגע־סאַרגעט אין מענטשנס אויגן. געווען געווען געווען אַנצורופן דעם נאָמען פון מאַלי־זאַלין, אַז עס זאָל אָנכאַפּן אַן אומשולדיקער חשד אַפילו פאַר דער גאַס, ווו מאַלי־זאַלי וווינען. עס איז באמת נישט אַזאַ באַבעלע־בער מיט דעם פאַרוואָרפענעם געסל, וואָס איז אַמאָל געלעגן אין אַ ברייט צעגאָסענעם זומפּ. דאָס זענען געווען די פּחדים וואָס האָבן דאָרט אַרומגעבלאָנקעט פאַר־צײַטנס. אַז אַ וואָגן מיט ציגל פלעגט זיך אַרײַנשנײַדן אין זומפּ — ציגעל־ניעס זענען געווען אויסגעשפּרייט איבער דער עקרדיקער ערד — האָט מען אים שוין געדאַרפט לאָזן שטיין פאַר די ״יעניקעס״. מ׳האָט דעמאָלט שטאַרק געגלייבט אין שדים, רוחות וואָס בלאָנדזשען אַרום אין אַלע וויס־טיקייטן. נישט זעלטן האָט מען אויך אַ שוואַך פערד געמוזט דאָרטן איבער־לאָזן. אַ סך פערד זענען געפאַלן און שדים האָבן אין די נעכט געהוליעט אַרום זייערע נבלות. שרעקלעכע מעשות האָבן געיאָגט פון דעם אָרט. שטאַרקע פורמאַנעס פלעגן קוים אַנטלויפן מיטן לעבן. די בלאָטעס פון געסל האָבן קיין מאָל נישט אויסגעטריקנט. פון זיי האָט זיך געטראָגן דער שווערער עיפּוש פון פּגירה און פוילעכץ. אויף אַנצוקומען אין דעם העק, האָבן שטאָטישע מענטשן אַ מאָל אָנגעלייגט אַ לאַנגן אומוועג, גע־קומען אַהין ליבערשט פון זגערזשער טראַקט, דורכן וואַלד אין לאַגעווניק. צוליב די שימלענדיקע זומפּן איז מיט נויט־שוויס אָנגעקומען אַנצושפּאַרן אין דעם געסל וואָס מ׳האָט ערשט שפּעטער אַ נאָמען געגעבן ״טשעמנע״ — דאָס פינצטערע געסל.

אונטער די אויסגעבלאַקירטע לייוונטענע הימלען איז דאָס געסל פון די ווײַטע צײַטן אַן שוין געבליבן אַ שוואַרצע, נעבעכדיקע לאַטע אין דעם העק. מאַלי־זאַליס הײַזל איז געווען פון די ערשטע אין דעם קאַנט. עס איז אויפגעטראָגן געוואָרן דאָרט, ווו עס איז אַ ביסל באַרג־אַרויף די גראָע ערד, וואָס נישט זי וויל זיך פּרוכפּערן מיט קרויט און ציבעלעס און נישט זי באַגערט אַז ס׳זאָל אויף איר אַנוואַקסן מענטשיש לעבן. און אַזאַ איז זי שוין געבליבן, די דאָזיקע ערד — אַרעם באַלעבט פון הײַזער און מענטשן. פון דער קליינער הײַכעניש, ווו מאַלי־זאַלי האָבן זיך באַזעצט האָט זיך אין די טויבע נעכט געהערט דער אומהיימלעכער געהייל פונעם הפקר און פון ווילדע חיות.

...פֿון פּזשייטש איז מיט מאַלי־זאַלין מיטגעקומען בלויז דער ערשטער, לייבל, דער זיבן־יאָריקער מאַנספּאַרשוין מיט שטיוול און הויזן אין די כאָליעוועס אַרײַן. אין חדר איז ער נישט געגאַנגען. פֿאַר דעם איז געווען אַ פּאַרטיקער תירוץ: עס איז פּרעטש־ווײַט אין חדר אַרײַן און טרײַבן אַ קינד אין דער ווײַטלעכער שטאָט אַרײַן איז אַן אײַנשטעלעניש. ס'אַ געפֿאָרערײַ, משוגענע גאַסן, אַ לויפֿעניש. איז לייבל געוואַקסן אַן אָרטשיק, ווי עס האָבן אים גערופֿן די חדר־יִנגלעך וואָס האָבן מיט יאָרן שפּעטער זיך באַוויזן אין דעם העק און זיי האָבן דערקנאַסט אַז מאַלי־זאַלינס גרויסער יונג ווייסט נעבעך גאָר נישט פֿון יִדישקייט. קליינערהייט האָט לייבל זיך צוגעקוקט צום טאַטנס עסקים, מיט יִנגלשער לוסט איז ער אַרײַנגעקראָכן אין די קאַלוזשעס בלוט, אַן אָפּגערונענס פֿון די טאַיעמנע געשאָכטענע קעלבער, וואָס זייערע לונגען ער האָט זיך אויסגעלערנט אָנבלאָזן מיט די אייגענע דיקלעכע ליפּן. פֿון דער טונקעלער קאַמער אַרויס האָט דער טאַטע געשלעפּט אויף דער פּלייצע נאַקעטע קעלבער, רויע, רויטע פּרײַדיקס און ס'יִנגל האָט מקנא געווען דעם טאַטן מיט זײַן שטאַרקייט. יִנגלווײַז איז ס'האַרץ אין לייבלען געוואַקסן פֿון פֿרייד, ווען אויף זײַנע שטיוול זענען, ווי בײַ די גרויסע, פֿאַרטריקנט געוואָרן שטיקער בלוט. ער האָט זיך גערימט, ווען אויף זײַנע פּאָדעשוועס האָט זיך אָנגעטראָטן גראָב שטאַלמיסט. לייבל איז אין גאַנצן נאָכגעראָטן דעם טאַטן, איז אַרײַן אין זײַן פּיזעכץ און זיך באַמיט נאָכצוטאָן זײַנע טורעכצן. אין גאַנצן אומבאַמערקט איז ער, ווי אַן אומקרויט, מיט אַלע זײַנע יונגע, גיריקע וואָרצלען אַרײַנגעדרונגען אינעם גבורהדיקן שטאַם פֿון די „פּזשײַטשער כמאָליעס“, די קצבישע ריזן מיט די אײַזערנע הענט. פּונקט אַזוי אומבאַמערקטערהייט זענען געלאָפֿן די יאָרן און אַרום טשעמנע געסל איז אויפֿגעקומען אַ גאַנצער קאַנט מיט גאַסן און געסלעך, מיט הײַזער און מענטשן מיט קאָכיקע פּרנסות און אויך שטילע עסקים, וועלכע עס איז כדאַי צו פֿאַרהוילן: זאָלן לײַט נישט האָבן קיין צו גרויסע אויגן אויף זיי, אַז אַ „שמירה“ זאָל נישט אַרײַנשטעקן זײַן באַדאָסטע נאָז. אויס העק. עס האָט אַ ווייַע געטאָן מיט פֿרישן ישוב, אַן „אויסגעמענטשלטער“ מיט נײַע געביידן. אויך דאָ איז אויפֿגעגאַנגען אַן אומעטיק לעבן און אין דעם — פֿול מיט טאַטעס, מאַמעס, יונגוואַרג און אויך זקנים, וואָס געדענקען תמיד אַז כקריעת ים־סוף קומט אָן דאָס בידנע ביסל חיונה. הײַזער, הײַזקעס האָבן זיך געשטעלט אין בלאָכסונדיקע שורות און זיי

האָבן געקוקט איבער־אַן־אַנדער מיט קרומע און פלאַטשיקע דעכער, מיט בלינדלעכע פֿענצטער. צווישן זיי אַלע האָט לעפיש געבלענדט מיט לענג־לעכע, שמאָלע פענצטער די שטוב פון מאַלי־זאַלי.

*

לייבל מאַלי־זאַליס איז עלטער געוואָרן און עס איז אים, ווי אויף היזון נאָכגעוואָקסן די שטוב טאַטע־מאַמעס. אַצינד האָט די מאַמע שוין אין גאַנצן געגומען דאָס בײַטש־שטעקל אין האַנט אַרײַן. איר שוואַרצער קאָפּ האָט שוין געגראָעט ווי אַ בוים אויף דער פראָסט און דער טאַטע איז געוואָרן אויס קאָפעליוש־מאַכער. ר׳איז געווען אַ מענטש אַ פאַרדינער און געוואָרן אַזאַ „וואָס מאַכט קאַליע ברויט״. ווי דער טאַטע אַמאָל, האָט לייבל, דער עלטסטער, אָנגעהויבן גיין אין דאָרף אַרײַן, אפשר וועט זיך ווידער לאָזן טאַיעמנע שעכטן אַ קאַלב, אַ קיעלע. פאַרדינען אַ גילדן. עס איז אָבער נישט דאָס וואָס געווען. דער „אַלטער האָט שוין צו פיל אָפּגעלאָזן די לייצעס״ — האָט דער יונג אַ ביס געטאָן דעם צווייפל אין זיך און ס׳האָט זיך אים נישט שטאַרק געגלוסט צו לאָזן זיך איבער די דערפער אויסטאָפּן אַ גילדן פאַרדינסט בײַ מאַטשעקן. די פויערן האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט פונעם קופיעץ , ווי זיי פלעגן רופן זאַלין און זאַלי שפירט זיך שוין זינט יאָרן אויס באַלעבאָס. אים האָט צו מאָל געאַרט ס׳וויטיקלעכע דערמאָנען אַן טאַטן:

— עך, דײַן אויטשעץ, לייבאַ! אַ שאָד, ער קען נישט קומען מער. דו האָסט אַ שווערע האַנט, זאַליקס זון... — האָבן געטענהט די דאָרפסלײַט און ליבערשט געוואָרט אויף אַנדערע מבינים פאַר זייערע קעלבער און יאָלעווקעס. יענע וועלן שוין ציילן די זילבערשטיק פאַרן בהמהלע. קאַליע געוואָרן דער יונגער זשידעק.

ס׳האָט אים אָפּגעגלוסט, לייבלען, ס׳געטועכץ מיט די דאָרפישע סגאַיעס. אומזיסט געווען זײַן קריכן איבער בלאָטעס און זאַמדן. ס׳נישט געגאַנגען. ס׳איז דעם טאַטנס פויערן, נישט מײַנע! — האָט ער זיך געקרימט. דער־נאָך האָט דער יונג נאָך געפּרוווט צו פאַרדינען בײַ עפּעס אַנדערש, זיך געדרייט צווישן די קצבים אויפן גאַשטשיני דוואָר, געוואָלט טרײַבן זיי־ערע סטאַדעס אָקסן פון כעלעם, פון לובלין, געהאַט אַפילו חשק זיך אַרויפ־צוכאַפּן אויף אַ פלייש־פורגאָן, און נײַשט און נישט. אַ סך מאָל איז לייבל אַהיים געקומען אַ פאַרסאַרגעטער, אַן אײַנגעבלוטיקטער, מיט צעריסענע הויזן, אָבער אָן האָפענונג אויף אַ תכלית. געלט — נישט קיין פּרוטה! די

גראָבע אָנגעפּעלצטע ייִדן פון דער פלייש־בראַנזשע האָבן אין אים דער־קענט אַ צו גרויסן נאַר אַז זיי זאָלן אים אָנגעטרויען אַ פּאַרטיע בהמות, אַ יב, ווידער, געבן אים אין שטאָט אַ פערד און וואָגן, קען ער נאָך מיט אים פאַרפאָרן קיין האָצעפּלאָץ. „אַ ווילדער יונג, דעם מאַלי־זאַליס״, האָבן צווישן זיך גערעדט די כּליסטאָקעס און אים פאַרטריבן פון פלײשמאַרק. זיי האָבן אים פּראָסט פּשוט געגעבן דעם וועג: גיי אַהיים שלאָפן, דערנאָך וועט די מאַמע דיך אָנזייגן. אָבער די מאַמע האָט גאָר אין אים אַרײַנגע־ווייַנט: „זונעשי, לאָז נישט פאַלן ס׳הויז!״ זי האָט זיך ערשט אַרומגעזען ווי ווײַט זי האָט פאַרפּושט ס׳הויז: דעם טאַטן אַרויסגעטריבן פון זײַן מאַנצבילשער קאָלייע און די קינדער? די גאַנצע נעוואָרעט איז, אַז כאָטש זיי זענען שוין דערוואַקסענע, קען מע זיך נישט אויף זיי פאַרלאָזן. דער־פאַר בלאָזט שוין דער דלות פון די ווינקלען. דערבאַרעם זיך, — איז זי צוגעשטאַנען צום זון און פאַרבראָכן די הענט. דער יונג האָט געהאָרכט דער מאַמען, ר׳איז געגאַנגען, געלאָפן, אָבער ער איז נישט געווען אין שטאַנד אַ קאַץ דעם ווידל צוצובינדן. אויך אַלע שטאָטישע עסקים האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון צווישן זײַנע פינגער. אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן פײַפן אויפן בעקער, מ׳האָט באַדאַרפט אַ שוך פאַרריכטן בײַם שוסטער, נייען אַ פּאָר הויזן, איז לייבל אַ תמעוואַטער אַוועק צו מענטשן, גערעדט שעמעוודיק: „נישטאָ קיין פּרנסה אין שטוב. ס׳לאָזט זיך נישט פאַרדינען״. ער האָט נאָך עפּעס געשנויפּלט אונטער דער נאָז, דערציילט וועגן דעם קוועלעניש און צווישן לײַט איז אַרויסגעקומען אַ גערייד וועגן ערגעץ אַ הויז מיט אַ סך שטובן וואָס איז אַ ביסל אָן אַ זײַט פון שטאָט און עס האָט אַ סך פענצטער.דער יונג האָט געפּלאָפּלט אַזוי לאַנג ביז מיט אים איז מיטגעקומען אַ בעלן אויף אַ העלפט פון דער נחלה אין טשעמנע געסל. מאַלי האָט דעמאָלט אָנגעטאָן איר גאַבריעלע וואָס נאָך פון דעם חתונה־אײסשטייער, זאַלי האָט אַרויפגעצויגן אויף די פיס די פאַרדאַרטע שטיוול און זיי זענען אַוועק צום רעיענט „אָפּשרײַבן״. זאָל זײַן אָפּשרײַבן, אַבי אין שטוב זאָל זיך ווידער נעמען דרייען דער גילדן. נאָך דעם האָט אין שטוב ווידער זיך געהערט דאָס זידעניש פון די גרויסע סאַגאַנעס וואָס די מאַמע מאַלי האָט געקאָכט פאַרן געזינדל, — מ׳האָט געגעסן, מ׳האָט געלעבט מיטן טעם פון פעטן פלייש, מיטן תענוג פון געהייצטן אויוון אין די מאַרקאָטנע וואָכן פון פליאַסקעדיקן ווינטער, אָבער ס׳איז געוואָרן מער קאַלעמוטנע.

עס האָט זיך געשפּירט: דאָס הויז איז אויף אַ רעכטן אמת פאַרקראָכן

אין אַ זומפּ. אַרום הייבט עס אָן שימלען מיט אומעט וואָס פֿאַרוואַקסט אַלץ און אַלעמען מיט שפּינוועבס. די קינדער, האָט מאַלי זיך אַרומגעזען („דער טאַטע איז לא עלינו קיין טאַטע נישט!“), זענען שוין געווען גרויס אויף צו האָבן פֿון זיי אַ נוץ. געגומען לייזערן בײַ דער האַנט, האָט זי אים אַוועקגעפֿירט צו משה פּײַנטוכן דעם פֿריזירער און אים געזאָגט: נאַטס ענק מײַן זון. אין דער היים וועט דאָס ניש׳ זאַן קאַ׳ לאַאַט. שלאָגטס עים, הרגעטס עים, נאָר מאַכטס עים פֿאַר אַ פֿעלדשער! פֿעלדשערײַ איז אַ בכבודיקע זאַך, הע, רעב משה?“ און צו זיך האָט זי אין דער שטיל געטענהט: כ׳האָב איין קראַצער, ׳עט ער זאַן אַ צווייטער. עפּעס וועט דאָך אַזוינס אַראַנבערענגען אין שטיב אַראַן“.

לייזער מאַלי־זאַליס , וואָס האָט געהאַט אַ לאַנג, דאַר ציגן־פּנים מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, האָט ווי אַ דערשראָקענער לאָשעק אַרויסגעקוקט פֿון דעם פֿרעמדן ווײַסן כאַלאַט, אין וועלכן דער באַליבטער פֿעלדשער פֿון דער געגנט ראַדאָגאָשטש האָט באַלד אויסגעשלײַערט דעם יונג.

— וועסט טאָן וואָס מ׳הייסט דיך, וועסטו ווערן אַ מענטש, — האָט דער באַלעבאָס אים באַלערנט און ער האָט געטאָן, דער יונג פֿון טשעמנע גאַס: געשטאַנען גרייט מיט אַ בעזעם אַלע מאָל אַוועקצוקערן דעם שערעך, וואָס דער מײַסטער האָט מיט גרויסער כוונה אָפּגעשניטן פֿון גוייִשע קעפּ (שערעך, האָט ר׳ משה פּײַנטוך גערופֿן די קודלעס האָר פֿון די סגאַיעס, ווייל ער האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף די בהמות, די אָקסן וואָס האָבן שערעך אויף דער פֿעל וואָס די גאַרבערס שאָבן אָפּ אחר סופּם). און האָט לייזער אָפּגעדינט בײַם פֿעלדשער אַ לאַנגן זומער מיט אַ לאַנגן ווינטער (ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט האַקן האָלץ, הייצן דאָס קאַנאָנדל וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דער ראַזורע) האָט ער גענומען זיך צוגעווינען טאָן מיט אַ בריטווע, דהײַנו, ר׳האָט זיך געלערנט גאָלן קודם־כל אַ פּלאַש.

— צעעפֿן די אויגן, לייזער קרוין, זע ווי איך האַלט די בריטווע, — האָט ר׳ משה דער מײַסטער מיט אים גענומען קנעלן — און ערשט גיי אַזוי־אָ איבערן האַלדז. יאָ, יאָ, די פּלאַש איז דיר אַ געמעל פֿון אַ האַלדז וואָס אַ קונד שטעלט דיר אונטער. און אַ האַלדז האָט אויך די פּלאַש. וואָס, דאָס דם פֿון אַן אַנטעק ווילסטו לאָזן? נישט אין מײַן שטוב. דאָס ׳עסטו טאָן ווען וועסט גיין צו די אַחדותניקעס. בײַ מיר איז ברוך־השם אַן אָרנטלעכע שטוב. האַלט קאָפּ, יונגער מאַן, אויב דו ווילסט זיך נישט אויסגליטשן, איז ר׳ משה געווען גאָר ערנסט.

ר׳האָט טאַקע געהאַלטן קאָפּ, דער יונג וואָס האָט זיך געשניטן צו ווערן אַ „פעלדשער״ און די מאַמע מאַלי האָט געדולדיק געהאָפט אויף אים, אַז גאָט ׳עט געבן ס׳לעבן און צום לעבן פון לייזערס ווילער מלאכה.

זלמנען האָט די מאַמע אָפּגעגעבן צו ניסעלע שנײַדער:

— האַלטס עים, מאַכטס דאָס פּאַר אַ שטיקל לײַט! — האָט זי געזאָגט צו ניסעלען דעם באַשטעלטן שנײַדער. — כ׳על זיך מיט אַך ניש׳ דינגען וועגן אַ זמן. ער איז נאָך יונג, ר׳האָט צײַט, מאַאַן זין זיך צוצוגעווינען צו קאָווען דאָס אַאַן ביז וואַנען ער וועט אַליין אַרויסקריגן דעם ביסן ברויט פאַר זיך. אַבי איר זענט מסכים צו געבן עים דערווײַל אַ קישן אונטערן קאָפּ און אַ לעפל געקעכץ. וואָרן ווי אַזוי וואָלט דאָס געקענט אַהיימגיין צו דער מאַמען אָפּעסן?

אין דער היים האָט זי דערנאָך געהאַט אַ געטועכץ מיט די אַנדערע קינדער: אַרײַנגעאַקערט אין זיי קודם־כל הלכות דרך־ארץ: צ׳ווילט זאַן מענטשן, ווייסטס ווי צו פירן זיך, אויב מ׳קומט צו מענטשן; די מאַמע האָט די יונגען מיט די מיידן אויסגעקניפּט שטיקער לײַב און מער ווי איין מאָל זיי באַשטראָפט מיט אויסהונגערן, אויב ווער־עס־איז האָט זיך פאַר עפּעס אײַנגעעקשנט: ער וויל נישט, ער קען נישט!

— קרענק עסט׳ס און נישט קאָ׳ ברויט, נישט קאָ׳ מיטיק!

דער עלטסטער, לייבל, איז געבליבן דער „מאַמעס זון״. ער האָט צוגע־האָלפן דער מוטער אין דער באַלעבאַטישקייט, זיך איבערגעגאַנגען אַ ביסל מיט דער מאַמען אין דרויסן. און ער האָט זיך געעלטערט בײַ דער מאַמעס זײַט. צוליב געטרײַשאַפט צו דער מאַמעשי — אַזוי האָט ער זי גערופן — האָט זיך צו אים נישט געקלעפּט קיין שום מיידל, כאָטש טייל פון זיי האָבן זיך „פאַרקוקט״ אויף אים, אַנדערע האָבן ממש געחלשט פאַר לייבלען, ווי די מאַמע האָט עס מעיד געווען, ווען ס׳איז געקומען צו רייד מכוח זיווגים פאַר אירע יורשים. דערפון פלעגט מען אַפילו ריידן אָפן, ווען ס׳געזינדל איז געווען „אויף דער קופּע״.

— וואָדען, מאַגע קינדער ׳עט מען צערײַסן, — האָט מאַלי אַ מאָל זיך געגרייסט פאַר איר „פּולק״. צ׳עט זען, ס׳עט מיר נאָך אויספעלן זין און טעכטער. די שדכנים ׳עלן אײַנלייגן מיר די שוועל.

מ׳האָט טאַקע נישט אײַנגעלייגט די שוועל פון מאַלי־זאַליס הויז פאַר די קינדערס וועגן. יעדער פון זיי האָט זיך ווי עס איז אַליין עפּעס „אָפּגע־

קליבן", אָבער לייבל, דער גרויסער, דער עלטסטער, האָט זיך אַרויסגעוואַקסן פון אַלעמדינג. די מאַמע איז פאַר אים געווען די גאַנצע וועלט. מיידן קריגט מען וויפל מ'וויל, — האָט ער געטענהט ווען מ'איז צו אים צוגעשטאַנען מיט גליק־שידוכים, — אָבער קאַ' מאַמע קריגט מען נישט קאַ' צווייטע.

כאָטש די מאַמע גופא האָט געטענהט פונקט ס'פאַרקערטע: — מאַאַן קינד, אַז ס'צייט פאַר חתונה האָבן, דאַרף מען חתונה האָבן. דאַן מאַמע האָט אויך אַזוי געטוען, אַלע מאַמעס טוען אַזוי אין אַלע צאַאַטן.

אויף דערויף האָט דער יונג שוין נישט געענטפערט, אָבער די מאַמע מאַלי האָט פון דעסטוועגן אים אַרויסגעוויזן ליבשאַפט:

— זאָלסט מיר געזונט זאַן, מאַן קינד, — האָט זי געזאָגט — דאַאַן שכל איז נישט מאַן שכל. וואָלטסטו געהאַט אַ רעכטגעשאַפענעם טאַטן, וואָלט די מערכה פון דאַן מאַמען אויך געווען אַן אַנדערע, — און זי האָט אַ פיל־זאַגנדיקן זיפץ געטאָן.

דער טאַטע! מיט דעם טאַטן איז קענטיק געשלאָגן געוואָרן נישט נאָר די מאַמע, וואָס האָט „אַלץ" אויפן קאָפּ. אָבער אַן אייגענער זון מעג דען זאָגן אַ וואָרט וועגן זײַן טאַטן? אַזאַ האָט נאָר באַדויערלעך געשאָקלט דעם קאָפּ אין דעם טאַטנס זײַט.

דער טאַטע איז געזעסן אַ נישט־דאַ־קער און ווי אַן אָפּגעדוכנטער גאָר נישט געזען, גאָר נישט געהערט. ס'ווײַב פלעגט טייל מאָל צו אים צוגיין און מיט אַ שטשירעניש אין אים אַרײַנשרײַען, ווי מ'שרײַט אַרײַן אין אַ טויבן:

— קאַליע געמאַכטע נשמה, 'עסט עפּעס עסן?!

צו עסן האָט זי אים טאַקע געגעבן דאָס אָפּפאַלעכץ, דאָס לעצטע, אָבער אַרײַנגעהיקעט האָט זי אין אים דעם ערשטן, און שטענדיק, בײַ יעדער קלייניקייט. און האָט מאַלי „אַרויפגעשאַרצט אירע וואָנסעס", ווי זאָלי פלעגט יוגנווײַז זאָגן וועגן איר חוצפּה צו אים, האָט דער מאַן אַרײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, אַקוראַט ער וואָלט זיך געריכט אויף אַ טשעלעמעק פון אירע פאַרשטשעמעטע פויסטן. ער האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט, ווען זי האָט זיך דערווײַטערט פון אים מיט איר זויערער מינע.

אויף דער נאַכט האָט זאָלי באַצײַטנס אַרײַנגעשלײַכט אין קיך. פאַר אים איז דאָרט געשטאַנען אַ שמאָל בעטל, אַן אַלטער גראַט מיט אַ צעריבן פערענעלע. שטילינקערהייט איז ער אין דעם אַרײַנגעקראָכן און באַלד אײַנגעשלאָפן. ווען דער שלאָף האָט אים נישט גענומען, האָט ער זיך געמאַכט

שלאָפנדיק. שלאָפט ער — איז ער פריי, ר׳האָט נישט קיין מורא פאַר „אירע עסנדיקע אויגן״.

אָפּט האָט עס מאַלין פאַרדראָסן, הלמאי ער קערט זיך אָפּ פון אַלץ מיט אַנאַנד, אים אַרט כלומרשט נישט וואָס אַ הויז גייט אונטער. דעמאָלט האָט זי אים נישט פאַרגונען ס׳ביסל מנוחה. זי איז אַריין צו אים מיט בּאַסט און געבורטשעט אויף אים, כאָטש ער האָט נישט געהערט דאָס מינדסטע.

— ער ליגט שוין, ס׳טרושיקל...

אָדער:

— נאָר ער כאַליעט, דער פּאַשע־ביק! — האָט זי אים אויסגערעדט אויף דעם צוגעוואָרפענעם ביסן.

אין די טעג, ווען אין דער קאַמער איז געלעגן געגוג אָנגעשפּאָלטן האָלץ, דער הויף איז געווען אויסגעקערט, דער רינשטאָק פאַרן הויז — רייך, פלעגט זאַלי פּאַמעלעך אַוועקהינקען אין שטאָט אַריין.

דאָרט, אין די ווייטע גאַסן, האָט ער אין די יאַטקעס געהאַט פריינד פון אַמאָל. אַ שפּלער זיך באַוויזן אויף זייערע שוועלן, פון געוווינטשאַפט גע־פרעגט אויף דעם און אויף יענעמען, עובר־בטלדיק געמורמלט עפּעס, וואָס קיינער האָט נישט געהערט. אָבער זאַלי איז אין יעדער יאַטקע דאָך אַ ביסל געשטאַנען, תמעוואַטע באַוועגט מיט די ליפּן. אַרויסגעגאַנגען איז ער פון די יאַטקעס מיט אַ קעלבערן פיסל, מיט אַ גראַשל, אַ שטיק לונג, אַן אייטער, אַלץ איינגעבונדן אין אַ פּאַטשיילע, אַ טונקעלע אַזאַ וואָס לאָזט זיך רעכט נישט אויסוואַשן פון איינגעגעסענעם בלוט. יעדער באַקאַנטער קצב גיט זאַלין שיריים פון בהמהשן געשלידער. אַ מאָל וואַרפט מען אים צו אויך אַ שטיקל שפּאָנדרע אויף אַ יויך און ער הינקט אַהיים אַ צופרידענער, אַ מורמלענדיקער צו זיך:

— פון דעסטוועגן געדענקט מען אַן אייגענעם!

ווען ער קומט אין שטוב אַריין מיט אַן אויפגעבלאָזענער פּאַטשיילע, איז שוין גוט טונקל. ס׳איז אַ מהלך רב פון טשעמנע געסל ביזן פליישמאַרק אויפן גאַשטשינגי דוואָר און צוריק, שנייטדט ער אַריין אין אָוונט אַריין, מאַ־ליס לאַמאַגע, וואָס איז נישט מסוגל זיך צוצואיילן, אַפילו ווען מע מוז. דערגרייכט ער זיין שטוב אין דער שונקל־שעה, שאַרט זיך שטיל אַריין אין קיך און קיין שום קרימעניש איז דעמאָלט נישט ניכר ווען מ׳זעט אים אַריינגיין אַ פאַרסאָפּעטן. פאַרקערט, אין אַזאַ אויפדערנאַכט איז ביי מאַלי־זאַלין אין הויז הימלעכער ווי תמיד. די מאַמע לאָזט זיך אויפשפּילן פונעם

„פּולק". אַ פרייליעכקייט רוישט אָפּ ביז שפּעטער שעה, אָבער דעם טאַטע זאַלי זעט מען שוין נישט. ער זיצט אין אַ ווינקעלע און רייניקט גראַשלעך צום מאָרגנדיקן מיטיק.

אויפצומאָרגנס קערט ער שוין נישט דעם רינשטאָק. זאַלי פאַרשווינדט באַצײַטנס פון שטוב אַרויס. ער געפינט זיך זײַן מקום־מנוחה אין די פינצ־טערע קאַמערן פון הויף. דאָרט זיצט ער בײַ אַן אָנגעצונדן קאַנעצל און רייניקט קעלבערנע פיסלעך — ער שאָבט זיי, בריט אין הייסן וואַסער און שווענקט. זאַלי איז שוין צוגעוווינט צו די זאַכן, און ער האָט דאָס ליב. עס טרעפט, עמעץ פרעגט זיך אַ מאָל אויף אים, ענטפערט מען יענעמען:

— עץ ברוויכט'ן געניייטיק? ער איז ערגעץ אַרויס...

אַ שרעקלעך פאַרטועגער זיצט זאַלי אין דער פינצטערער קאַמער. נעבן אים טליעט אַן אָרעם פײַערל אין אַן אײַזערן קאַנאָנדל ווי אין אַ טיפן שוואַרצן טאָפּ, פון וועלכן ס'דרינגט אַרויס אַ הייסע זויערקייט. אויף דעם וואָרעמט זיך אַ סאַגאַן. איבער זאַליס קאָפּ וויגט זיך דאָס רויטע ציגגל פון קאַנעצל. אין דער קאַרגער שײַן זוכט ער האָר־פלעקן אויף דער טויטלעכער ווײַסקייט פון די אָפּגעשאָבענע פיסלעך, וואָס הויפן זיך אָן פאַר אים אין אַ שפּאָרעוודיק בערגל. ער זשמורעט דעם בליק אויף די פיסלעך און רעדט צו זיך אַ צופרידענער:

— מאָרגן מערצעשעם 'עט מען עסן גאַליער.

זאַלי פאַרגייט זיך אין דעם פאַרזיכיקן געמורמל און די סלינע רינט אים אָן אין האַלדז אַרײַן.

אַ שותף צו דער בידע

1

קאַזנאַקאָוו איז שוין געווען אַוועק. עס האָבן אויפגעהערט סקריפּען די תליות אין די תפיסה־הייף פון דלוגע און מילשע, אָבער אַן אינעווייניקדיקער אומרו האָט נאָך גערייזלט אין שטאָט. ס׳האָט זיך שטאַרק געשפּירט אַז אַ שטורעם איז געפּענטעט געוואָרן. ווי אין ערב־שניי האָט געטריבט דער דרויסן — סוחרים האָבן נישט גערן געעפנט די טירן פון זייערע געוועלבער, מענטשן האָבן אויסגעמיטן צו דרייען זיך אין גאַס. ווײַבער האָבן געציטערט איבער זייערע מענער, געהאַלטן זיי בײַ די אַרבל: „דערבאַרעם זיך, גיי נישט אַצינד!״ מאַמעס האָבן געהויכט איבער די קינדער: „אָ, מ׳זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן!״ אין שווערע שטיוול טראַטעוועט די שרעק אין די גאַסן... באַשײַמפּערלעך האָט מהומה פאַרבאַהאַלטענערהייט נאָך געפּאַטשט מיט אירע שוואַרצע פליגל. איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ סטראַזשניק מיט באַקנבערד און אַ לאַנגער שאַבלע, האָט אין ברוסט אַ צאַפּל געטאָן; מ׳האָט פאָרגעפילט אַז ווידער קומט אַן אומגליק: פון ס׳נײַ וועט מען עמעצן נעמען אין „צערקל אַרײַן״. מע טיילט באַלד טויטקלעפּ, ביטערע תפיסה, גייט אויף אַזוינעם אָדער גאָר פאַרשיקונג — סיביר, פאַרפאַלנקייט אין טיפע שנייען, אין גרימעדיקע פרעסט געפּאָרט מיט קאַטאָרגע, קייטן אויף הענט און פיס — עס ברענט דאָ אַ שריפה אויף שריט און טריט!

און אין אמתן: „אָנגעזונקט״ איז אַיעדע שטוב. שאַרפע שנאה האָט זיך אויפגעהויבן קעגן פּאָניען, קעגן דעם נײַעם חשכות וואָס דריקט אַלעמען.

— אַ צײַט דערלעבט!

מיושבע לײַט האָבן געקרעכצט, זענען פאַרקראָכן אין די ווינקלען אַז מ׳זאָל זיי נישט אַרויסזען. זיי האָבן פאַר ליב גענומען די שטראָף פון זײַן ליבן נאָמען. עס איז פאַר די זינד פון יונגוואַרג, וואָס איז לא־עלינו אַראָפּ פון דרך־הישר: שנײַדט אונטער די יופּיצעס, פאַרוואַרפט ייִדישקייט, גלייבט נישט אין גאָט דעם איין־און־איינציקן, לייקנט אַז ס׳איז דאָ אַ נשמה, דער

מענטש לעבט נאָר פון גײַסט וואָס קלאַפּט אין אים. גוואַלד געשריגן! און דאָס גייט נאָך דעם וואָלף גלײַך אין פּיסק אַרײַן — ווילן אַראָפּזעצן דעם קייסער, אויסגלײַכן אָרעם מיט רײַך, אַחדות! אויף אַחדות שטעלן די וועלט: איך, דו און זיי אַלע! ס׳דען מעגלעך? השם ישמורינו. אַ וועלט וויל דאָס איבערקערן. אוי, ס׳זאָל זיי נישט גערעכנט ווערן!

— דאַלאַי! נידער! אויפטוערס... ווי דאָס האָט נישט קיין שכל. אַן אומגליק ברענגען זיי אויף ייִדישע קעפּ. ס׳וואָלט געפּאַסט, מיר זענען להוט אַ ביסל צרות. ס׳פעלט נישט ברוך־השם.

קרעכץ הײַנט, קרעכץ מאָרגן — דערווײַל פלאַקערט אַ פײַער אין יעדער שטוב. דער שטילשטאַנד וואָס זיך אײַנגעביסן אין די דאָזיקע טעג, צערט אויס די לעצטע כוחות.נישטאָ שוין וואָס צו לייגן אין מויל אַרײַן. מ׳האָט נישט באַדאַרפט קיין סחורה און מ׳האָט נישט אויסגעקוקט דעם אָרעמאַן, וואָס איז גרייט זיך צו פאַרקויפן פאַרן ביסן ברויט; נישט געווען אין וואָס אײַנצוטשעפּען די הענט. און אַז דער מענטש איז געוואָרן איבעריק, האָט עס אים געוואָרפן אין כף־הקלע, אַבי צו קענען זיך דערהאַלטן, איבערצוהאַרן ס׳שלעכטע. אולי ירחם! וועט מען לעבן, ׳עט מען אפשר נאָך עפּעס דערלעבן. נישט געווען קיין ברירה: בכבודיקע לײַט האָבן זיך געמוזט אַראָפּלאָזן, גענומען זיך פאַר וואָס־עס־איז, נאָר נישט אויסצוגיין.

אין זינד גערעדט — נויט מאַכט שפל.

ווער עס האָט גענומען אַ שטריק אויף די לענדן און מיט אויסגעליידיקטע אויגן אַרויס אין גאַס אַרײַן וואַרטן אויף אַ פּרוטה פאַרדינסט; ווער ס׳האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף די אָרעמס אַ קויש ציבעלעס און איז געגאַנגען מיט געשריי רופן זײַן נעבעכדיק ביסל פרנסה. איידעלע ייִדן, וואָס האָבן נישט געקענט זיך אַזוי אַראָפּלאָזן, האָבן זיך געעקט. תורה איז געוואָרן אויס סחורה און פאַר דער חשיבות פון אַזעלכענע אָפּגעהיטענע, זענען לײַט געוואָרן טויב און בלינד. יעדער האָט געהאַט צו טאָן מיט זיך. דער לאָמער טוביה (אין דער אמתן האָט ער נאָר געשיקלט) האָט זיך אויסגעטאָן ס׳שעם־היטעלע און געלאָזן זיך אין שטאָט אַרײַן. ער איז געוואָרן אַ באַלעגאָלע. פאַרזעצט דעם לעצטן קידוש־בעכער, פאַרמשכונט דעם ווינטערדיקן פּאַלטן מיט דער לאַסטיקענער פּאַטשעוועקע, ר׳האָט זיך אויסגעטאָן ממש ביזן העמד, געקויפט אַ ריסאָרקע אויף הויכע אײַזערנע רעדער, אײַנגעשפּאַנט אַן אויסגעהאָרעוועטע גניאַדע מיט פאַרראָפּיעטע אויגן און זיך אַרויפגעזעצט אויף דער קאָזלע. ווערדליק אַנדערע פורמאַנעס איז דער „לאָמער״ טוביה אויפן באַלע־

גאָלישן זיך געווען אַ פּורים־שפּילער, מחמת אַנטקעגן דעם פּערדישן זאָד זענען מענטשס אויגן נישט געווען צוגעוווינט צו זען אַזוינעם: אַ שמײַסער־ייִד אָן אַ ליצעפּע־היטל אויפן קאָפּ, נאָר אין אַ קנײַלעכיקן שוואַרץ טוכענעם קאַשקעטל פון די, וואָס עס האָבן געטראָגן די קאַפּאַטניקעס מיט די פּאַר־סאַרגעטע פּאָלעס און שווערע שטיוול; טוביה האָט אויך נישט „אָנגערירט" זײַן באַלעבעסלדיקע באָרד, נישט געלאָזט הערן ס׳פּראָסטע מענה־לשון פון די שטאָל־יונגעץ, וואָס האָבן זיך אָנגעלערנט נאָר אין דער פּרשה אָרטשיק און קענען גראָב פּאַרקומען יעדן בר־נש.

„וואָס זאָל׳עך טוען, — האָט ער געטענהט — פּלייצעס האָב איך נישט אַזעלכע אײַ־אײַ, כוחות אויך ווינציק, געלט נאָך ווינציקער, האָב איך גע־מוזט צונעמען ווי אַ שותף אַזאַ פּגירה: אפשר ׳עט זי מיר העלפן שלעפּן די בידע".

איטלעכער ווערדליק זײַנע יכולתן און שכל. מענדל בלאַשקער, וואָס וווינט אין טוביהס שכנות, האָט זיך געזוכט ס׳שטיקל ברויט בײַ האַנדל; דוד קינסקער האָט זיך מיט ווײַב און קינדער באַהאַלטן אין דער שוין אויס־געליידיקטער שטוב (אַלץ נעבעך פּאַרקויפט, פּאַרמשכונט), צעהאַקט אויף באַהייצונג אַ זיצבאַנק, דעם „בוים" פון וועבשטול, געוואָרפן אין אויוון אַרײַן פּושימל, בכבודיק געוואַרט אויף אַ נס און טאַקע גאָר אָרנטלעך אונ־טערגעהונגערט. די ווײַסע נאַז קיינעם נישט געוואָלט באַווײַזן. שאַ, זאָלן מענטשן זיי נישט באַקרעכצן! טוביה האָט גענומען די לייצעס אין האַנט אַרײַן און געפירט זיך מיט דער גניאַדע. דער הימל אויסגעבלאַקירט, דער ברוק אַ צעהויקערטער, גרוב־אַרײַן, גרוב־אַרויס און ער טראָגט זיך פּאַמע־לעכקע, ווי ער וואָלט זיך אַרומגעקוקט, צי מ׳זוכט אים נישט פּאַר אַ יאַזדע. טוביה האָט בטלניש געשמעקט די לופט. ווי נישט שײַך, — האָט געמיינט זײַן נישטערדיק קוקן — די שטאָט איז אַזוי גרויס, מענטשן אָן עין־הרע אַ סך, מוז דאָך ווער זיך רירן פון אָרט. און אויב אַזוי, ׳עט מען זיך נישט באַגיין אָן מיר. גאָט איז אַ פאָטער. ווען נישט דער, איז יענער — — מיט דער־אַ בלאַסער האָפענונג האָט טוביה באַלעגאָלע פון דער הויכלעכער קעלניע זיך פּאַרבײַגעוויגט אַ סך מענטשן, געשטעלט זיך אין די ראָגעס פון ווײַטע גאַסן, געוואַרט אויף עפּעס און איז פּאַרשלונגען געוואָרן פון די טעג, פון וואָכן. דער ייִד האָט זיך אָנגעגעסן מיט דער האַרטער באַלעגאָ־לישקייט, צוגעוווינט זיך צו דער קליאַטשע, צום איבל פון דזשעגעכץ, צו קעלט און רעגנס לרוב, וואָרן גראָד האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער לאַנגער

עסיקער האַרבסט מיט די רעגנס און דערנאָך דער גריזשנדיקער, נודנער ווינטער מיט די פרעסט, מיט די שנייען און אייביקער פאַרנאַכטיקייט. ער האָט זיך אַזוי צוגעווינט צום נײַעם ברויט, אַז די גאַנצע וועלט זײַנע האָט ער שוין דערנאָך געפונען אין שטאַל, אין ריסאַר־וואָגן וואָס רעדלט זיך אויפֿן פערדישן הינטן. אַל דאָס איבעריקע איז יאַקאָש אים שוין נישט שײַך. ער האָט אַפֿילו אויפֿגעהערט זיך צו שעמען.

געווען פון דעסטוועגן אַזעלכע אין די געסלעך, וואָס האָבן נישט אויפֿגעהערט צו קוקן מיט שפּאָט אויפֿן נײַ־געבאַקענעם באַלעגאַלע און געווען אַנדערע, וואָס האָבן טוביהן מקנא געווען.

— נישט געקענט כלומרשט, געמאַכט דעם אָנשטעל און זעטס, וואָס פאַר אַ געניטער פערדשוואַנץ ער איז!

— פאַרלאָזסט ענק אויף דעם לאָמען. ער קען זיך פאַרגינען אויף עפּעס בעסערס. אים לוינט נאָר אַזוי. אוצרות, שמועסט מען, האָט ער ערגעץ פאַר־גראָבן. ווען אַלע קלאָגן, זאָל ער לאַכן?

דאָס איז געווען הינטער דער פּלייצע. אין די אויגן האָט מען אים היי־מישלעך אַרײַנגעזאָגט:

— לייגסט זיך אין אַ קוואָרטן־טעפּל אַרײַן, שלעפּאָק איינער. כ׳גיי זיך שוין זעצן ווינען מיט דיר!

די קנאה האָט זיך אַרויסגעריסן פון די לײַט.

מער אָפּגעהיטע מײַלער האָבן געזאָגט:

— איך זאָל עס האָבן אַזאַ זאָרג מיט זיך, ווי כ׳האָב מיטן לאָמען. נישט קאָ׳ קינד, נישט קאָ׳ רינד, אַלע יאָרן אָוועקגעלייגט אַ שפּאָרע זשמעניע, האָט ער נעבעך הײַנט גאָר נישט... שוין גיי איך עים גלייבן! כ׳פאַרשטיי זײַן קאָפּ: ר׳האָט מורא מ׳זאָל נישט קומען צו עים זיך באָרגן אַ גראָשן.

— ווער פאַרגינט אים נישט, — שאָקלט מען מיטן קאָפּ — קוקט דעם פערד אונטערן ווידל. אַזאַ שטיקל ברויט — אויף אונדזערע שונאים נישט קיין באַטעמטערס!

די נעוואָרעט איז, אַז אַ סך אירע האָבן טוביהן נישט פאַרגונען זײַן פּײַניקן זיך מיט דער נײַער פּרנסה. קנאה האָט גרויסע אויגן. און זי וויל נישט געדענקען אַז טוביה קאָזשעניצער איז כל ימיו דאָך געווען אַ מענטש פאַר זיך, נישט אָנגעוויזן אויף דער גאַס. קנאָפּ, שווער, אָבער בכבוד אונ־טער דעם אייגענעם דאָך. הײַנט מוז ער אויסגעריסן ווערן אין גאַסרעגן, אין זאַווערוכע, אומגיין זיך מיט אַ בהמה, אָנשמעקן זיך מיט פערדמיסט, שמירן

אַקסן, ווייקן רעדער. און אַז דער לאָמער האָט געהאַט שפיכת־דמים פון דער פּראָסטער פּרנסה, האָט די קנאה אויך נישט געוואָלט וויסן. זי זעט נאָר ווי בײַם מענטש „רוכעוועט" זיך; שוין דאָס איז גענוג מ׳זאָל אים פײַנט האָבן. די פֿאַרענטפערניש איז: בײַ אים דרייט זיך דער גילדן און דאָ טריקענען אײַן גאַנצע משפּחות, מ׳לײַדט נויט. אַלע בעל־מלאכהשע געסלעך ליגן אין הינערפּלעט.

אים, טוביהן, קומט אויס כאָטש ס׳האַרץ אַוועקצולייגן פֿאַר די נישט־פֿאַרגינערס, ווײַזן אַז סם עסט ער אַרײַן אין זיך, נישט קיין ברויט. ר׳האָט דען אַן אַנדער ברירה? קנאַפּ די כוחות בײַ אים און מאָגער איז זײַן קעשע־נע צו קענען אַוועקזעצן זיך מיט פֿאַרלייגטע הענט.

— ווי עמעצער קען, העלפט ער זיך, מ׳שטיינס געזאָגט, — זיפצט דעם לאָמענס יידענע טשאַרנע.

2

טונקל איז די נידעריקע שטוב, אַנגעכמורעט ס׳ווײַב, אַנגעדראָדלט די שכנים — איז טוביהן ליבער צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער „שותּפטע" אין גאַס אַרײַן. לאָזט ער זיך אין שטאָט אַרײַן מיטן געשפּאַן, דאַקוטשעט אים נישט אַזוי די בידע. אין דרויסן איז קאַלט, צי הייס, אַלצאיינס ציט אים ערגעץ־ווּו, און ער פֿאַרגעסט אין אַ סך צרות.

און האָבן זיך געשטעלט די קורצע טעג פון נאָך נײַ־יאָר, איבערן שניי האָבן זיך געפּלאָשעט טשאַטעס הונגעריקע ראָבן, נעפּלען האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזן, האָט זיך טוביהן נישט געגלוסט אין די פרימאָרגנס אַרויסצופֿאָרן מיט פערד־און־וואָגן. ס׳איז נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. ס׳אַ קרענק פֿאַר די לונגען און אַ קרענק פֿאַרן קאָפּ פּרנסה, האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך דעמאָלט פֿאַרגונען אַרויסצוגיין פון שטוב ערשט נאָכן מיטיק־עסן. אַ פֿאַרפּעקלטע אין פּאַטשיילעס און גראָבע זאָקן, האָט זײַן יידענע באַצײַטנס אונטערגעצונדן אַ פֿײַער אין ליימענעם קיכל, אָפּגעקאָכט אַ טאָפּ זויערן קרויטבאָרשטש, שטאַרק אים צוגערײַשט מיט גסה־פּעטס און ציבעלעס. אין דער צווייטער פֿײַערקע האָט געזאָטן אַ דיניצע מיט קאַרטאָפל. דער גלי־ווערנדיק קאַלטער חלל האָט זיך אָנגעוואַרעמט פון דער פֿאַרע, ווען ס׳האָבן געקוואַטשעט די קאַרטאָפל. אין היץ פון צעפּלאַקערטן האָלץ האָט אין דער

שטוב זיך געשפּרייט די געדיכטע זויערקייט פֿונעם מוטנעם באָרשטש און אונטער דעם שווערן בעלקע־פּולאָפּ האָט זיך ראַפּטעם צעשריגן ס׳רײַשעכץ אײנעם בראָט־בעקעלע. ס׳איז געוואָרן היימלעך און וואַרעם און טוביה באַלעגאָלע האָט רעכט דערשפּירט אַז ער לעבט. שטייניק איז די פּראָסט אים געלעגן אין אַלע גלידער, איצט האָבן זיי זיך אויפגעטײַעט; ר׳האָט הנאה געהאַט נאָכצושפּירן די פֿאַרע ווי זי הייבט זיך אַ ווײַסע, אַ קרויזיקע איבער דער אומעטיקלעכער שטוב, שפּרייט זיך אײַליק, גלײַך זי וואָלט וועלן אויסמײַדן די רוגזה פֿון דער דרויסנדיקער קעלט וואָס פֿאַרמעסט זיך יאַקאָש אויף דער חוצפּהדיקער וואַרעמקייט, למאַי זי איז עלול צו אַנטבלויזן דעם גאַנצן מענטשלעכן דלות. גלײַכער מיט פּראָסט אים צו פֿאַרטרײַבן פֿון די אויגן, בעסער אין אײַז צו פֿאַרקאָווען זײַן נעבעכדיקע חשקות. בעת־מעשה ווערט טוביהן פֿול און שווער דער קאָפּ, גרינג דאָס געמיט. ער זאַפּט זיך אָן מיט די געשמאַקן פֿונעם געקעכטס. ער ווערט אַזש רויט, בלאָזט זיך פֿון תענוג און שוויצט. — אַך, אַ ביסל באָרשטש!

אַן אויסגעוואַרעמטער האָט טוביה אין די דאָזיקע פֿאַרדרימלטע טעג פֿון שניי־אוזאָרנעם און נעפּל־פֿאַרוועבטן ווינטער זיך אַרויסגעלאָזן מיטן געשפּאַן ערשט נאָך האַלבן טאָג. על־פּי דער גראָקייט, האָט שוין אויסגעזען נאָענט צו פֿאַר נאַכט און דער דרויסן האָט טוביהן זיך אַנטקעגן גערוקט מיט אַ פּראָסטיקן מילך־שלייער. געוויגט זיך איבער די טונקלענדיקע גאַסן אויף דער ראַגאָזשענער קאָזלע, האָבן דעם באַלעגאָלע מנחהדיק זיך אַנטקעגן געוויגט די נידעריקע הימלען. אײַנגעוויקלט אין אַ באָנדע און אין באַשליק האָבן פֿון געווינשאַפּט זיך באַוועגט זײַנע ליפּן. געלאַסן ווי עס זינגט דער פּראָסט אויף זײַנע חלפֿישע פֿינגער, האָט טוביה קאָזשעניצער אויפֿן וואָגן זיך געטראָגן אַנטקעגן דעם אַראָפּזינקענדיקן אויפֿדערנאַכט.

— — — דאָס אײַזערנע הוקען פֿונעם געשפּאַן אויף די גליטשיקע שטיינער באַגלייט האַרט און הויל די געלאַסענע געדאַנקען פֿונעם באַלעגאָלע. ער שנײַדט זיך אַרײַן אין שטאָטישן פּלאָנטער פֿון אָוונטלעכער פֿאַרלוירנקייט. צו אומעטיק געוועזן אין די סוחרישע גאַסן, שוואַך דער פּדיון אין די קראָמען. בײַ וועמען קען מען דאָ כאַפּן אַ גילדן פֿאַרדינסט, אַז אַלץ איז געסטאָיעט? יאוש האָט ער נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך. וועסט צעטראָטן ווערן, ווי אַ פּלעווע, אויב וועסט זיך פֿאַרלירן! — האָט ער זיך געשטאַרקט. און דעם באַלעגאָלע איז געקומען אויפֿן רעיון ר׳זאָל צופֿאָרן צו דער באַן. מיט דער וואַרשע־ווינער באַן קומען אָן ס׳רוב פּאַסאַזשירן מיט

האַנט־פעקלעך; אַהינצו דאַרפן גיין דראָזשקעס. פאַר אים וועט זײַן גוט זיך צו האַלטן נאָענט צום קאַלישער וואָקזאַל. פון ווײַטערע שטרעקעס קומען אָן צוגן מיט משאות. בײַ טראַנספאָרטן קען ער זוכן זײַן ביסל פּרנסה. יאָ, כדאַי אַהינצו אַ שמעק צו טאָן.

און טוביה האָט זיך נישט טועה געווען. בלינד איז ער, דער „לאָמער", זאָגן לצים פון די באַלוטער געסלעך, נאָר זען זעט ער בעסער פון אַ זעעוודיקן. סוחרים ברענגען מיט דער קאַלישער באַן גרויסע באַלעמס סחורה, וואַגאָנעס געפּאַקטע מיט זעק, מיט קעסטלעך. פאַר אַזעלכע משאות איז זײַן ריסאַרקע; שווערע דאַרפן האָבן ראַלוואַגנס אויף מאַסיווע אַקסן; און ראַלוואַגנס דאַרפן האָבן פורמאַנעס מיט פעסטע פלייצעס און שטאָלענע מוסקולן. אַזאַ האַרטער ביסן איז נישט פאַר טוביהן געדאַכט.

אַ סך מאָל האָט טוביהן דעם באַלעגאָלע אָפּגעגליקט בײַ דער קאַלישער באַן. אַהיים געפאָרן מיט אַ פאָר גילדן פון די יאַזדעס. ס'טאָקע שטילשטאַנד, האַרב צו פאַרדינען דעם גראָשן, אָבער די באַן וואַרפט נאָך אַראָפּ אַ פאַרדינסטל. סוחרים מיט קעפּ אויף די אַקסלען טוען ערשט אין אַזאַ צײַט אין עסק: פאַרקערט, זיי קויפן בילכער. כדאַי דערפאַר צוצוהיטן די קאַלישער באַן. 8.10 און 9.45 אַ זייגער און 2 מינוט נאָך 11 קומען אָן די אויפדערנאַכטיקע צוגן. ווײַטלעך פון שטאָט איז פאַרוואָרפן דער וואָקזאַל, אַ פוסטער און פינצטערער שטח; ווי פאַסן פעלד ליגן אויסגעלאָשענע אויף די גאַסן אַרום דעם וואָקזאַל. אויסגעפרוירענע פורמאַנעס דערוואַרטן זיך נישט אָט־די שפּעטע באַנען. ער, טוביה, האָט צײַט. וואָס שפּעטער, אַלץ מער האָפענונג איז צו כאַפּן אַ יאַזדע.

3

ווי אַ שותף צו דער בידע האָט די גניאַדע טאָקע מיטגעליטן מיטן לאָמען טוביה און אין די פוסטע בײַוואָקזאַלישע טונקלקייטן געדולדיק אויסגעוואַרט דאָס ביסל פּרנסה, וואָס אַ באַן אַ בײַנאַכטיקע, אַ ווינטערדיקע קען אַראָפּוואַרפן פאַר אַ לעבעדיקן מענטש.

אָבער וואָס מערער דער ווינטער האָט זיך געלאָזט שפּירן, שנייען האָבן הויך פאַרשאָטן די וועגן פון לאַנד, אַלץ ענגער איז געוואָרן דעם מענטש, מער אים פאַרהונגערט. די דחקות האָט געריסן לעבעדיקע שטיקער פון די

אָרעמע לײַט. און ווי אויף צו להכעיס האָבן די באַנען פּאַרשפּעטיקט אויף שעהען: אײַנגעשניטן אין די שנייען; ערגעץ איז עפּעס קאַליע געוואָרן און דאָ פּאַכעט דער טויט אין שטעכיקער קעלט. ערשט הערט מען: אַ פּיצל קינד איז אויסגעגאַנגען בײַ דער מאַמעס ברוסט — אַ פאַרשמאַכטס האָט עס געצויגן די ליידיקע ברוסט און איז פון שוואַכעניש אײַנגעשלאָפן. אין בעט בײַ זיך האָט אַזוי „אָפּגעדאַנקט" אַ קראַנקער, ער האָט געוואַרט לאַנגע טעג אויף אַ לעפל וואַרעמס. מערערע לײַט זענען פאַרפרוירענע געפונען געוואָרן בײַ זיך אין די היימען.

אין אַזעלכע נעכט האָט טוביה מורא געהאַט, ער זאָל אין דעם שפּילנדיקן פראָסט אויף דער קאַזלע נישט אַנטשלאָפן ווערן מיט אַ זיסן שלאָף פון די, וואָס פּטרן אָפּ אַזוי יעדן עול איין מאָל פאַר אַלע מאָל. ער האָט דערפאַר אין דער פינצטער געטאַנצט אַרום זײַן פורמאַנקע, איטלעך מאָל זיך צוגעהערט צו זײַנע קאַלט אָנגעשטײַפטע אברים, צי זיי האָבן נאָך נישט געקראָגן אַ זענק פון דער שרפעדיקער לופט; זיך אַ טאָפּ געטאָן די נאָז, די שפּיץ־באַקן, זיי אַ וויש געטאָן מיט אַ גראָבער הענטשקע און געלאָפן אויף אַן אָרט, געטאַנצט אויף די פיס, פאַרפעקלטע אין שמאַטעס. די באָרד איז אים פאַרפאַנצערט געוואָרן פון אײַז, די ברעמען באַהאַנגען מיט שטײַפוויַיסע פרענדזעלעך, אָבער דער שטערן שוויצט מחמת ענגשאַפט פון שפּיציקן פוטערנעם היטל, וואָס רייפט אַרום זײַן קאָפּ.

שווער געווען טוביהן צו וויסן ווי לאַנג ער טאַנצט שוין אַזוי אויף די אָנגעשמאַטיקטע פיס, ווי לאַנג ער וועט נאָך דאַרפן טאַנצן — אין מוח בײַ אים האָט זיך נאָר אויסגעבויגן די שאַרף פון סכנה: „אָ, אָ, סאַראַ קרירה! מ'קען אײַנשלאָפן ווי אַ הינדל... דײַן לעבן הימלט!" ער האָט מורא געקראָגן נישט אײַנצופרירן ווי אַ שטיין אין פעלד. אַ קילקייט האָט ער שוין געשפּירט דורכגעדרינגען זײַנע קליידער, די מורא האָט צוגעשלאָגן צו אים ווי ראַפּטעמדיקע כוואַליעס פון אַ טײַך אין אויפברויז. דער הימל האָט טונקעלער ווי טונקל זיך אַראָפּגעלאָזן און דער מענטש טאַנצט שוין שווער, בעריש; אויף אַ ווייל זיך אָפּגעשטעלט, מיטן גאַנצן אינעווייניקדיקן כוח זיך אָנגעשטרענגט צו הערן דאָס הודזשען פון דער באַן, צו פאַרנעמען דעם געברום פון די פינצטערע ווײַטן, וואָס דאַרפן אָנקומען אַהער מיט לאָדונג, אַהער — —

ליידיק און לער איז געווען אַרום, תהומיק די ווײַטן און ווי פאַרשטאָפּט איז זײַן געהער. גאָאָרנישט אויפצוכאַפּן אין דער פינצטערניש. רק זי הור־דיעט אין זײַנע בלוטן, ציטערט אויף די אויגנלעדלעך און זיי טרערן שוין,

טרערן פון קעלט. וויטער זעט מען נישט און מ׳הערט נישט. אפשר לאָזן און אַנטלויפן? שוין אַ סך מאָל האָט דער באַלעגאָלע זיך מייאש געווען אין די פינצטערנישן — אויפגעכאַפּט זיך און אַנטלאָפן אין פּחד נישט אַנטשלאָפן צו ווערן פון אינווייניגנדיקער שאַרפער קעלט. נייַן, אַזאַ טויט וויל ער נישט. מיט אַ מאָל פאַרמעסט ער זיך אַהיים צו פאָרן אויך היינט מיטן ליידיקן. שטענדיק וואַרפט אים צו די באַן אַ פאַרדינסטל, היינט וועט ער זיך דאָס שוין נישט דערוואַרטן. טוביה האָט זיך געקווענקלט מיט דער דעה און פאַר־נומען זיך אַרויפצוקריכן אויף דער קאָזלע: גענוג! אַז ס׳גייט נישט, טאָר מע זיך נישט צערייסן. לסוף האָט ער זיך גובר געווען און טאַקע זיך דערוואַרט אַ צוג.

קוים אויסגעהאַלטן. דער ריס פון די געשפּאַנטע נערוון האָט אים גע־טאָן אַ דין. אָט, האָט זיך אויסגעדאַכט, גייט שוין אָן די באַן. ער פאַרנעמט שוין דאָס שטאַרקע סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו; ער סאָפּעט הייס, פרייכט מיט שטאָלענער ברוסט, ברייט צעעפנטע נאָזלעכער, רייסט זיך אַרייַן אין אים מיט פאַרטויבנדיקן קוויטש: אָפּגעגאָסן און איינגעזונקען. כאָטש גיי, שיקלדיקער טוביה, און טו אים זיין רעכט, דעם געפאַלענעם מחבל. שטענדיק שפּיצט ער זיך אָן אין דער פינצטער, שטרעקט זיך מיטן גאַנצן כוח צו דערהערן אַ רופן:

— העי, פורמאַנקאַ! העי, ראַלוואַגאַ!

מיט מידער גלוסטעניש פלאַקערט ער אויף, ווען אַזאַ געשריי דערנענ־טערט די ווייטקייט.

— עעע, זשיווע יעשטשע? — די פינצטערניש גיט אַזש אַ שפּרונג.

אַ מאָל קומט אויף דיר נאָך אַזאַ שטיק פאַרחידושטער בליאַסק פון דער פינצטערניש אַרויס און ס׳ווערט פלוצלינג וואַרעם ביים האַרץ.

אָקערשט איז געקומען אַן אומגעריכטער כאַרכל פונעם לאָקאָמאָטיוו און עס איז נישט נאָכגעקומען דער געוויינטלעכער סקריפּ פון די צונויפ־געשטויסענע בופאָרן. פאַרקערט, ראַפּטעם איז אָנגעלאָפן אַ שטראָם טרוקע־נע סוויטשענדיקע קלעפּ, וואָס האָבן זיך געשפּאָלטן איבער די אויפגעדראָ־לענע געהירן; אַ, נאָך אַ קלאַפּ און דער צוג האָט זיך אַרייַנגעשניטן אין דער אָנגעגאָסענער פינצטערניש פון זיין גאַנצן פילן, און ער גיט אַ צאַפּל אויף. רגעס לאַנג האָרבעט זיך די־אַ געדיכטע טונקלקייט און זי דרילט אין מוח. אַן ערגעצדיקער שטראַל ליכט רייסט זיך דורך, באַלד בערגלען זיך אָן ווילדע געשרייען איבערן געהער, איבער דער ברוסט. אָט, הינטערווייַלעכטס צינדט

זיך אימה אין דער קנויליקייט פון דער נאַכט, וואָס איז אָקערשט יאַקבי געלעכערט געוואָרן און זי האָט טוביהן געגומען בריזען, פלאַמען איבער זײַן שײַדל. גלײַך ער וואָלט ווײַט פון זיך דערשפירט דעם אַנטגאַנגענעם אָטעם פון לעבן, האָט ער זיך אַ שטרעק געטאָן נאָך הילף: מעכאַניש זיך אַרײַנגעוואָרפן אין ריסאָר־וואָגן, אויסגעצאַפלט מיט שטײַפע ליפן:

— ווי־אָאָ, גניאַדאַ! — און געאָנט אַז עפּעס־וואָס איז ראַפטעם אַרײַנגעזונקען אין זײַן ריסאָרע.

די לייצעס האָט ער נישט געשפירט אין די הענט, ער האָט נאָר געפילט אַ ציזעניש בײַם האַרץ. פון טיפסטן אינסטינקטיוון באַגער האָט ס׳פאַרדרימלטע בלוט געצוקט אין אים, געפלעמלט. אין די פונאַנדערגעוואָרפענע טונקלקייטן, האָט ער באַנומען, ברענט אָקערשט סכנה. מיט פאָרויסגעשטרעקטן גוף האָט ער אין בלינדער אײַלעניש געשניטן די נאַכט. די גניאַדע האָט געפאָלגט. די שרעק האָט געשפאַרט אויך אויף איר צעפיבערטן געביין. שפּיציקע, האַרבע קלעפ האָבן געהילכט אין דער נאָענט, געפאַלן, געקײַקלט זיך טרוקן. טוביה לויפט אין אַנטרינונג, באַלעבט מיט אַ מאָל פון אַן אויפגעוועקטער דערמאָנונג און ער וואַרפט זיך בהלהדיק נאָך מער טרײַבן ס׳פערד. אימה צעפאַלמעסט אים, ער האָט מורא אויסצודרייען דעם קאָפ. מ׳שיסט. עס טראַסקען די אײַזערנע רעדער און די שרעק רײַסט אַרום זײַנע שלייפן. ער לויפט אויף די פליגל פון דער צערעוועטער נאַכט און אָט טראָגט זיך עמעץ פאַרבײַ אים. עס הערט נישט אויף צו פויקן אין די בלעכן פון דער פונאַנדערגעצויגענער פינצטערניש, עס שטעכט אין רוקנביין און דער באַלעגאָלע פאַרנעמט ערשט רעכט ווי אַ משא ווייך און שווער הויערט האַרט הינטער זײַן פלייצע. אומקוקן זיך, אַ ריר טאָן הינטערווײַלעכטס מיט אַ האַנט? ניטע, ניין, ס׳ציזען זיך אָנגרייפערישע אָרעמס, מ׳כאַפט אים פאַרן האַלדז!

ענג, דעמפיק ווערט אין דער ברוסט, אין מוח טליעט: לאָמיך נאָר, לאָמיך... שלאַבעריק זענען די הענט און איבער אים שפרייט זיך אַ ווײַס, שוואַך אָנען, גלײַך ער וואָלט זיך געהויבן איבער אַ וויגנדיקן אָפגרונט. וווהין די גניאַדע גייט, האָט ער נישט געוווסט. אָבער אין הינטערבאַוווסטזײַן האָט זיך געפליעסקעט אַ בולטע שפירונג אַז ס׳איז זיס און ברויזיק ס׳אַנטרינען פון סכנה. אַן אימפעטיק אויסגעברייטערטע האָט זײַן ברוסט אַצינד געדריקט אין זײַן מאַטן גוף. ס׳האַרץ איז ווי אָפגעשטאָרבן אין צאַפל. בלויז די אויגנאַפלען האָבן אויפבאַוואָרט דעם פלאַקער פון לעבעדיקער

שרעק, וועלכע איז נישט אָפּגעטראָטן. פראָסט־נעפּל איז געווען צעהאַנגען איבער דער צונויפגעקאָרטשעטער נאַכט.

...עס איז געווען אַ פאַרן ווי ער וואָלט געזונקען אין תהומים. שטח און פינצטערניש אויסגעמישט. די נאַכט — אַ פוסט אַנטקעגן אים, דעם שוואַכן מענטש, און אַז ס׳פערד האָט פון רגילות פאַרקערעוועט אין היימישן קליינעם הייפל אַרײַן, האָט טוביה באַלעגאָלע שוין נישט געהאַט קיין שליטה איבער זיך. אַ חולשות האָט אים געליימט און נאָר דער אומאיבעררײַסלעכער כוח פון לעבן האָט אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער שוועל פון זײַן נאַכטיש אַנטשלאָפענער הײַזקע.

פונעם קלאַפּ, וואָס האָט אַ דריגע געטאָן איבער דער טיר, האָט טשאַרנע מיט דערשרעק זיך אַרויסגעריסן פון שלאָף און אויפגעהויבן אַ געקלאַג איבערן האַלב־געפרוירענעם געביין פון איר מאַן. ס׳ווײַבערישע געוויין האָט זיך אָבער גיך אײַנגעשטילט; עס האָט זיך געלאָשן אין פלוצלינגער טרייסט. שטיל־שטיל געוואָרן מיט אַ מאָל און די שטילקייט האָט אָנגעהויבן שאָרכן, רוישן און דערנאָך, דערנאָך פּאַטשן מיט די הענט ווי איבער מילדע וואַסערלעך, גלײַך די שטוביקע וואָלטן פלוצלינג גענומען שווימען, ציִען זיך איבער אַ שלעפעריקן טײַכל. אין דער פון ס׳נײַ אײַנגעגליווערטער נאַכט האָט זיך באַלד אַריבערגעטראָגן אַ קוים הערעוודיק ריידן, דערנאָך שוין אַן אײַלן זיך מיט אימפּעט, גלײַך אין פאַרבאָרגנקייט פון די טונקל־אָנגעטרונקענע פיר ווענט וואָלט אָנגעגאַנגען אַן אומגעריכטער געראַנגל מיט נײַער שרעק, וואָס האָט אָקערשט אַרײַנגעשפּאַנט מיט פויסטיקער חוצפּה. שש! שששש...! אין טיפנאַכטישער צוריקגעהאַלטנדיקייט האָט די ייִדענע זיך גענומען טראָגן אין אירע שיקראַבעס און אין זיך גופא געוואָלט אײַנשטילן דאָס ברויזן, וואָס האָט נאָר וואָס זיך אויפגעהויבן אין איר.

4

פאַרבאַהאַלטענע, געשטערטע פרייד איז אומגעריכט אַרײַן אין הויז.

אַרײַנגעלייגט טוביהן אין בעטגעוואַנט אַרײַן אַ פאַרחלשטן, דערמינ־טערט אים מיט אַ נעפּ בראָנפן, וואָס זי האָט מיט אַ לעפל אַרײַנגעגאָסן אין אים, צעריבן זײַנע הענט און פיס איז טשאַרנע, די גופיקע ייִדענע אַרויס אין הייפל אַרײַן צוזען די פרנסה־געבערין, די גניאַדע. דאָס פערד איז דער

גאַנצער אָנהאַלט אין הויז, — האָט טוביה תמיד דערמאָנט און זי, דאָס ווײַב, האָט עס נישט געטאָרט פאַרגעסן. ווי ער פלעגט עס טאָן, האָט זי איצט אויפֿן רוקן פון פערד אַרויפגעוואָרפן אַ דערע, אויך אַ אַלטן קליפּט אַז עס זאָל אים זײַן וואַרעמער; זי האָט פאַרמישט האָבער מיט שעצקע אין קאַרי־טע, געגרייט אַן עמער וואַסער און צוגעשפּאַרט די טיר פון שטאָל. פון גע־ווינשאַפט אויפגעשטעלט די דישלעס פון דער ריסאָרע, דערנאָך אַ בליק גע־טאָן צום וואָגן. וואָס אי׳ דועס?... עס האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט, צי נישט — עפּעס ליגט דאָרט? זי האָט אויסגעצויגן די האַנט, אַ שאָר געטאָן אין דער פינצטערלעכער לײדיקייט און אָנגערירט עפּעס אומאײגנס, קאַלטס, אַן אָנגעפּאַקטס מיט האַרטן געפריר. דאָס האָט איר סײַ געלאָקט, סײַ אָפּגע־שטויסן: גאָט ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס! זי האָט זיך דערשראָקן, געזשובעט זיך צי זאָל זי צוגיין צו דעם אָדער וואַרטן ביז ער וועט זיך איבערוועקן? טשאַרנע האָט דערשפּירט אַז די קעלט צוואָגט זי אָפּ. זי׳ט מורא געקראָגן פאַר פאַרקילן זיך, פאַר קראַנק ווערן, דאָך אַן געקלער ראַפּטעם דאָס אַ פּאַק געטאָן מיט די שפּיצפינגער, זיך נאָך מער צוגעבויגן צו דעם און מיטן גע־פיל פון ציטערניש אין די קני דאָס אַראָפּגעשלעפּט פון וואָגן.

אַ זעקל, יאָ, אַ שווער זעקל איז עס.

פלינק און מיט אַ האַסטיקייט אין די הענט האָט זי אין שטוב, הינטער דער פאַרמאַכטער טיר און לאָדן, זיך געראַנגלט מיטן שטאַרקן שטריקל וואָס איז געקניפּט מיט האַרטע לאַק־זיגלען אויפן אויסטערלישן זעקל. אָנגע־בויגן איבער דעם, האָט זי געפּרײַכט מיט איר גאַנצער באַליבטקייט. און איז זי בײַגעקומען די פאַרהוילנקייטן פונעם סודותדיקן זעקל, האָט אַ הייי־סער נעפּל פאַרגאָסן אירע אויגן און דער גוף איז אַנידערגעזונקען. אַוודאי, זי האָט דערקענט וואָס עס איז! געלט, געלט... די כוחות זענען איר אויס־געגאַנגען אויפן אָנבליק פון דעם אוצר. דאָס איז געוואָרן אומגעהײַעריש שווער פאַר איר געפּרוווטן האַרץ. נאָך גוט וואָס בלויז ס׳פּלעמל איז אַן עדות!

אַ זאַק געלט אין איר שטוב! זי האָט קוים אויפגעריסן די אויגן, גע־מינטערט זיך פונעם שוואַכעניש, וואָס איז איר באַפאַלן. די ייִדענע האָט צוגעלייגט דאָס פּנים צו די שטויסלעך האַרט־צונויפגעלייגטע, נײַע, גלאַ־טינקע אַסיגנאַציעס, זיי באַטאַפּט און ס׳איז איר ענג געוואָרן אין דער קעל. די אויגן זענען פון ס׳נײַ איבערגעגאַנגען. הונדערטער רובלס אין פּעסטע, קאַנטיקע פּעקלעך, אויך פינף הונדערטערס. אַלץ בלאַנק־נײַע און שטײַפע, צונויפגעהאַפטענע אין באַנדעראָלן. אוי, עס ווערט איר אַנגסטיק. ס׳איז

אמתדיק און נישט קיין חלום. דעם קייסערס בליק שטעכט זיך אַרײַן אין איר פּנים: זי זעט אים, ער קוקט אויף איר פון די בלעטלעך!

מיטן קאַגאַניקל האָט זי נאָענט צוגעלויכטן צום געעפנטן זעקל, געזען דאָס אויף אַן אמת און דערשפּירט ווי די פּאַדלאָגע אונטער איר גיט זיך אַ וואַקל. מיט די לעצטע כוחות איז זי אַ פינצטערע אַרויפגעפאַלן אויפן מאַנס געלעגער מיט אַ טיפן אויפגעשריי: טוביה, טוביהלע קרוין!

עס איז גוט געווען איר באַריר. ווי אַ מינטערנדיק ווינטל איז עס געקומען אויף אים. זי האָט אים ערשט אַרויסגעצויגן פון די מאַטערנישן, וואָס האָבן נישט נאָכגעלאָזן זינט דער בײַנאַכטיקער שרעק: דו ביסט עס, טשאַרנע? טוביה האָט שווער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט און ס׳איז געווען פאַרווישט זײַן ראיה. ווהין איז ער עס אַרײַנגעשלאָפן? איז שוין ווידער נאַכט? איבער דער שטוב טריפן בלאַסע ליכטפלעקן פונעם איילפלעמל, וואָס שטייט אויף אַ בענקל און נעבן בענקל הויערט אַן אויפגעהויבענע כוואַליע פון אײַנגעגליווערטע גרינע, וואַסער־גרינע און זון־ראָזלעכע, ווינקענדיקע קאָלירן פון דעם־אַ חלום, וואָס איז וואָר און נישט וואָר. זי, דאָס ווייב, וואָס קוקט ווי אַ שטיק פאַרלעגערטע נאַכט מיט גליאיקע אויגן, האָט שטילערהייט אים צוגעשטויסן דערצו:

— „זעסטו?״ און זי איז אַנטפאַלן אַ פאַרשמאַכטע.

טוביה האָט זיך אַליין נישט געקענט לאָזן צוגלייבן, וואָס ער זעט. מערער זיך אײַנגעקוקט, שטאַרקער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און מיט אומזיכערן שריט אַראָפּגעשטעלט די פיס פון בעט. „כ׳ל אַזוי לעבן — געעלט! אַ מאַיאָנטעק געלט!״ ס׳האָט אים אַ זעץ געטאָן אין האַרץ אַרײַן און אותו רגע פאַרגעסן, וואָס ס׳איז געשען. טוביה בטלן האָט זיך נישט געכאַפּט אַז צו דעם גליק דאַרף ער גיך וועקן ס׳ווײַב, וואָס איז אָט־אָ אָוועקגעפאַלן צופוסנס פון זײַן געלעגער. ס׳איז צו גרויס און אומגעריכט דאָס־אָ, צו ענג אין ברוסט פאַרן געהילך וואָס האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין אים און עס וויל נישט אויפהערן טומלען. אָ, — און זײַן בליק טונקלט פון דאָס נײַ.

ערשט דערנאָך האָט ער פאַרקייטלט, מערער פאַרריגלט די טיר, פאַררוקט דאָס פאָרהענגל איבערן פענצטער, כאָטש די נאַכט האָט נאָך מיט פראָסט־בעלמעס געקוקט פון די נידעריקע דעכער אַראָפּ.

— טשאַרנע, האָרכסט, טשאַרנע? וואָס טוט זיך מיט דיר, ווײַב מײַנס! האָט ער געריסן די ייִדענע פון איר שמאַך, אָבער איינצײַטיק נישט געקענט אָפּטאָן דעם בליק פונעם זעקל וואָס שרעקט, לאָקט.

5

— עקס־פּראָ־פּריאַציע, עקספּראָפּיאַציע!...—אַ מוראדיק געשריי האָבן מיט פּאַרקילטע ליפּן, קלינגענדיקע ציין אויסגעשפּרייט איבערן פּראָסט־טריבן דרויסן טשאַטעס לויפנדיקע צײַטונג־ייִנגלעך. — באַרויבט אַ פּאָסט־וואַגאָן, — האָבן זיי שוין געזונגען און די פּאַרע פון זייערע מײַלער האָט ווײַס גע־פּרוירן אויף די אַקסלען, אויף די דאַשקעס פון די טיף אַראָפּגערוקטע היט־לען — זיבן זעק מי׳ט אַסיגנאַציעס און גאָלד־מטבעות פאַרכאַפּט פון די רויבערס... מיט וואָפן טעראָריזירט דעם לאָקאָמאָטיוו־פירער, געבונדן דעם קאָנוואָי...

פראָסט האָט סודותדיק שאַרף אַרײַנגעזונגען אין דעם פּחד פונעם ייִנגלשן שרײַען.

אין סאַמע פרימאָרגן אַרײַן האָבן געליאַרעמט די פרישע צײַטונגען. רונצל אויף מענטשישע הויט האָט אָנגעבראַכט די בהלה. מ׳זוכט די אָנפּאַ־לערס. חשדים פירן צו רעוואָלוציאָנערע גרופּעס.

מענטשן האָבן געפיבערט מיט נײַע פּחדים: דער הפקר זאָל נאָר נישט מאַכן אַ נײַעם שניט! ייִדן האָבן געציטערט: אומשולדיקע קינדער זאָלן נאָר נישט לײַדן פון דעם. צו פיל שוין געפּרוּווט געוואָרן פון אַזעלכע געשעע־נישן! פרומע לײַט האָבן תפילהדיק געבעטן: זאָל עס ליבערשט זײַן סתם גזילה, אײדער מעשה־ידיהם פון יענע...

אין די שמאָלע געסלעך איז עס געווען ויחד יתרו. די שרעק האָט אָבער איבערגעוועלטיקט אַלעמענס קלערן און פילן: ווידער וועלן זיך באַ־ווײַזן סאָטני׳עס ווילדע קאָזאַקן, זשאַנדאַרן וועלן אַרומגיוכען אומעטום, אָנ־טאָן צרות! דעם קאָפּ וועט מען נישט קענען אַרויסשטעקן.

דעם שיקלענדיקן טוביה איז געוואָרן ענג מיטן אומגעריכטן אוצר. עס האָט אים גענומען פּלאָגן די קשיא: ווי אַזוי קומט ד אָ ס צו אים אויפן וואָגן אַרויף? ווײ, ווײ, וואָס אים איז צוהאַנדן געקומען! ער׳ט פון זינען אַראָפּ! ווו טוט מען זיך אַהין מיט דעם? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן אויף אויסצו־מײַדן חס־ושלום אַן אומגליק פון דעם אומגעריכטן מאַיאָנטעק? אוי־ווײ, געפּרוּווט מיך זײַן ליבער נאָמען, ביטער געפּרוּווט!

דער ייִד האָט זיך שיִער נישט צעריסן פון האַרצווייטיק. ר׳האָט מורא געהאַט פאַר זיך און מורא געקראָגן פאַרן אוצר, וואָס וואַלגערט זיך אָקערשט אים צופוסנס. מיט נערוועזע פינגער געצופּט די באָרד, אין דער ענגשאַפט

וואָס האָט אים געוומען שטיקן, האָט ער געשפּאַנט פון טיש צום בעט, נישט ווילנדיק אַ טריט געטאָן מיטן שטיוול אויפן אַוועקגעפאַלענעם ווײַב און אַזוי אַרום זי ערשט אַרויסגעטרייסלט פון חלשות.

און האָט זי געעפנט די אויגן, דערזען נעבן זיך דעם פונאַנדערגעעפנטן אוצר געלט, איז זי אַרויס מיט אַן אומגעריכטן קוויטש: „זע נאַר!" ער האָט דערויף אַ ביס געטאָן זײַן פויסט, צעקרימט ס׳פּנים אַזש איר איז אין האַלדז פאַרשטאַרט געוואָרן דאָס געוואָלטע געשריי.

...באַרויִקט זיך, האָבן מאַן און ווײַב מיט רידלעס געגראָבן אין שטאַל אַ גרוב, שטיל און באַדאַכט געגראָבן, געווישט דעם שווייס און הויך גע־שוויגן. אין אַ צעבער אַרײַנגעלייגט דעם אוצר, פאַרדעקט אים מיט אַ שיסל, פאַרשטאָפּט די שפּאַרעס מיט שמאַטעס און חלב פון צעטאָפּיעטע ליכט און פאַרשאָטן, פאַרשאָטן, צוריק אָנגעוואָרפן שטאָלמיסט פון אויבן. אַ פויגל האָט נישט אַ פּיפּס געטאָן. אָפּגעאָטעמט, געוואַשן זיך, גערייניקט פון שטאַל־געשמאַק און ערשט געמאַכט טאָג. טוביה האָט זיך באַלד געשטעלט דאַ־ווענען, טשאַרנע האָט אונטערגעהייצט ס׳קעכל.

דעם טאָג איז טוביה באַלעגאָלע שוין נישט אַרויסגעפאָרן מיטן גע־שפּאַן. ער איז נישט געזונט, — האָט ער זיך אַליין געזאָגט און געלייגט זיך אין בעט אַרײַן. „ביסט שטאַרק צוגעקילט, מײַן מאַן. כ׳על דיר געבן אַ ביסל מאַלינע־סאָק צום שוויצן", — האָט זי צוגעברומט.

ביידע זענען געווען שווער פאַרטראַכט. דעם לאָמען טוביהן האָט יענע יאַזדע אַלץ געשטאָכן אין מוח: ווי אַזוי קומט עס צו אים אויפן וואָגן אַרויף? אַ פּחד מיט אַזעלכע וווּנדער! איי, ער דערמאָנט זיך שוין: ער איז געלאָפן פון דער קאַלישער באַן, געלאָפן פון שיסערײַ און שיער נישט ס׳האַרץ פאַר־לוירן. ווי אַ זאַווערוכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ס׳שיסערײַ, מ׳האָט געיאָגט דער חברה. פאַרבײַגעלאָפן זײַן פורמאַנקע, האָבן „זיי" דערפון געוואָלט פּטור ווערן — — ער זאָל׳ס נאָר קענען איבערטראָגן! אַ הייס שווײַגן האָט זיך שווער געלייגט איבערן נידעריקן שטיבל פון טוביה באַלעגאָלע, אין זײַן ברוסט האָט עס ליאַרעמדיק שטום געוופן:

„לאָז, לאָז, די כוחות גייען אויס!"

דער שותּף צו דער בידע, דער אויסגעדייוועטער גניאַדע, איז דער־נאָך באַשערט געוואָרן לאַנגע טעג צו רוען אין שטאַל. דער אומגעריכטער אוצר האָט טוביהן אויף אַן אמת געוואָרפן פון די פיס.

אליע־בער מיט די קי

א הויכער, אַ פלייציקער, נאָר עטוואָס געבויגן פון הויכקייט, מיט אַ לאַנגער ביינערדיקער נאָז מיט רויטע פלעקן, קליינע ווי מאָן־קערנדלעך; אין אַ קאַשקעט מיט אַ ברייטער דענקע, ווי עס האָבן געטראָגן די פרומע ייִדן אויף וואָלין, און אין אַן אַלטער, לאַנגער קאַפּאָטע מיט צעשפרייטע פּאָלעס, וואָס איינע פּליט מיט אַ הודזשעניש — אָנקלאַפּנדיק אָן די כאָליעוועס — קיין מזרח און איינע קיין מערב, אַזעלכן זעט מען שטענדיק אליע־בערן. עס שרעקט דער אָנבליק פונעם טיף־פאַרטראַכטן פּנים דעם ייִדס, וועלכער איז אַ כעסן און אַ נוקם־ונוטר אָן אייגענעם ווײַב וואָס שטאַמט פון רבישער גזע און ער צערנט אויף די קינדער, וואָס זענען אויפגעוואַקסן עפּעס נישט נאָך זײַן גוסט, „אומגעראָטענע, הפקר־לײַט“. אָט די צורה אָן אַ קאַפּעלע זון רופט אַרויס אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט, פּונקט ווי דאָס ברוגזע קלאַפּן פון זײַנע שווערע שטיוול אויף די הילצערנע פּאָדעשוועס אַרום די פײַערלעך־שטילע, ריינע ווערענדעס פון די רײַכע דירות, וואָס אין זייער שכנות געפינט זיך אליע־בערס אַרומגעפליקטע הײַזקע.

אין דעם גרין־צעפּאַליעטן — אום זומער — און בלאָטיק־פאַרטאָפּיעטן — אום ווינטער — וואַלדיקן שטעטעלע כאָדעטש, ווּהין אליע־בער איז געקומען אַ יונגער מאַן מיט אַ פּריש פּנים, האָט דער ייִד דערזען דעם אויפשפּראָץ פון זײַן גדולה און דאָ דערלעבט די אייגענע ירידה נעבעך. געקומען מיט יונגן ראָזמאַך, אויפגעשטעלט אַ דאַמף־מיל מיט תבואה־שפּײַכלערס, געגאַנגען אַרויף־אַרויף און אין אַלעמענס אויגן זיך צעוואַקסן ווי אַ יונגער טאָפּאָל, וואָס רײַסט זיך צו די הייכן, שטײַף און מיט רייץ; אין דעם זעלביקן כאָדעטש איז ער פאַרפרי אַלט געוואָרן און ס׳איז אין אים אויפגעקומען זײַן גרויסע פאַרביטערונג.

אַ פײַער־אומגליק האָט פּלוצלינג, אין אַ מיטנאַכט, חרוב געמאַכט זײַן פאַרמעגן, ווי צוגערויבט אויך זײַן ווילקענעוודיקייט, מיט וועלכער עס האָט געקלונגען די גאַנצע געגנט. חושך האָט אַראָפּגענידערט אויף אַליע־בערן.

מיט אַ מאָל איז ער געוואָרן אויס שיין און אויס קלוג, און אין זײַן הויז האָט מען אויפגעהערט צוצוגרייטן פאַר אליע־בערן די געפּלעטע שקאָר־פּעטקעס און די הערמלוויַסע, געקראָכמאַליעטע העמדער מיט די חסידיש־נגידישע קאָלנערס.

אויף אליע־בערס פּנים און אויף די ווענט פון זײַן הײַזל אין דער גאַס פון די יוסטע באַלעבאַטים האָט זיך זינט דעמאָלט אַרויספּאַרקליבן אַזאַ גראָע מראה, ווי אויף די קאַשטאַן־ביימער סוף האַרבסט, ווען זיי שטייען אָן בלע־טער, עלנט, און רעגנס און בייזע זאווערוכעס שמײַסן זיי אומדערבאַרעמלעך, מסתמא פאַר זייער פּרוכטלאָזיקייט. פונעם פײַן־צעקעמטן, גלאַטן בערדל איז בײַ אים געוואָרן אַ האַרטע באָרד, אַ שיטערע ווי פון דינע ריטלעך. די בגדים האָבן גענומען אויף אים הענגען שטײַף, אָן דעם שיק פון אַמאָל. פון דער הײַזקע נעבן די גבירישע שכנים האָט אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן דער טינק ווי די הויט נאָך אַ לאַנג־פאַראײַטערטן בלאָטער, וואָס אַנטפּלעקט רוי, פויל פליייש, וואָס שרעקט. אויך דאָס ווײַב אליע־בערס איז מיט אַמאָל אַרויסגע־פאַלן פון איר אײדעלן, יחוסדיקן אויסזען. זי האָט אויסגעקוקט מגושמדי־קער, יידענעוואַטע. די קינדער, וואָס זענען געבליבן אָן גובערנאַנטקעס און משרתים און די מאַמע האָט פאַרלוירן דעם ווילן און דאָס געדולד זיי צו קעכלען, זענען געוואַקסן ווי קראַפּיווע, געוואָרן פינצטער, טעמפּ און ווילד: האָבן זיך געוואַלגערט אין גאַס מיט קליינוואַרג פון אַבי־וועמען, אַרומגע־גאַנגען אויסגעשמירט, נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר קיינעם. אליע־בער דער טאַטע, האָט אין דעם געזען אַ נײַעם פּאַטש פונעם גורל וואָס פירט אים באַרג־אַראָפּ. ער איז דערפון אַרײַנגעפאַלן אין אומעט, האָט אויסגעמיטן צו זײַן וואָס ווינציקער אין דער היים. „צוקוקן אַזוינס, קען מען דערדריקט ווערן!" — האָט ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך. גענומען האָסן דאָס ווײַב, באַשר קינדער זײַנען געראָטן אין דער מאַמען און אין דער מאַמעס ברידער, און זיי אַלע זענען קאַליקע פאַרשוינען, אַ שאָד זיי זענען נישט אויסגערונען אין דער מוטערס בויך.

איז אליע־בער געוואָרן אויס היימזיצער, אויסגעהאָדעוועט אין זיך אַ פרעמדקייט צו ווײַב און קינדער; ער האָט צווישן סוחרים אין שטאָט פאַרבראַכט בײַ אַ פאַרטיע שאָכשפּיל, געקוויקט זיך מיט אַ געסטלעך גלעזל טיי, וואָס פרעמדע דינסטן האָבן אים צוגעטראָגן. געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן דאָס ווײַב אַ חושכדיקע, אַ משונה־צעוירענע, אָנגעלאָפן ווי אַ פּאָס, מיט אַ צעפלאָשעט שייטל אויפן קאָפּ, מיט פיס געפּעקלטע אין אַ טוך

זאָקן און מיט אַ קרעכצל וואָס איז אַזוי אייגן גאָטספּאַרכטיקע ווײַבער, וואָס נעמען אָן יעדע צרה פֿאַר ליב, וואָרן זי קומט פֿון גאָט ברוך־הוא.

נישט געקענט צוזען אַזוינס, האָט אליע־בער פֿון דעסטוועגן אָנגענומען באהבה דאָס מעמד, וואָס איז אים באַשערט געוואָרן. אַזוי אַרומעט האָט אליע־בער, דער שאַרפער לערנער, וועמען די פּאַרלוירנקייט פֿון זײַן שטוב האָט געטריבן פֿון זיך, אויך זיך דערווײַטערט פֿון אייגן בלוט און פֿלייש. אײַנציקווײַז זיך אָפּגעווינט פֿון דער היים, איז אים אַלץ געוואָרן ליבער צו פֿאַרברענגען אין פֿרעמדע באַלעבאַטישע הײַזער. דער מענטש האָט טייל מאָל פֿאַרגעסן אָנעם אייגנטלעכן שײַכות צווישן אים און „זיי״, וועלכע ער זעט באַגלײַך מיט די טונקל־ווימלדיקע ברואימלעך, די שטשורעס, וואָס כאָוועןזיך אין די ווינקלעך און שפּאַרעס פֿון זײַן פֿאַרטונקלטער שטוב. גאַנץ אָפּט פֿלעגט אליע־בער אַרײַנפֿאַלן אין גרימצאָרן אויף ווײַב און קינדער, געהויבן אויף זיי אַ האַנט, געמאַכט בלאָע פֿרענגעס אויף זייערע לײַבער. און זענען די קינדער אונטערגעוואַקסן, ברייטע, צעגאָסענע — די מאַמע אויסן אויג — און דער טאַטע האָט זיי געממיתט פֿאַר אַ בילע־וואָס, האָבן זיך פֿײַער־צעזשורזשעט זייערע אויגן און העפּטיקע פֿויסטן האָבן זיך געבײַלט, אײַנגעשטשעמעט כאָטשבי דעם צעטומלטן חלל איבערן טאַטנס קאָפּ:

— אליע בעעע־רע־ע־רע־לע!

האָט זיך שוין אָנגעהויבן ווי אַ רגילות די ווידערשפּעניקונג פֿון די זין און טעכטער קעגן טאַטן, איז אויסגעטריקנט געוואָרן אינעם אָנגעוואָלקנטן האַרמידער דער מאַמע הענעס אײַנגעגעסענע קרעכצן. די ייִדענע האָט זיך געוווינט גריזשען און — שווײַגן פֿאַרביטערט. די מלחמות וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט צווישן דעם צייך־קריצנדיקן מאַן און די היסטערישע גרויסע מוידן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב אין די גאָלע מײַטקעס, אָן בושה, און די זיך קליגלענדיקע בנים מיט די גרויסע קעפּ ווי אַרבוזן — אָט די שטוביקע בהלות מיט די טויבע אָפּהילכן פֿון די קלעפּ וואָס זענען געפֿאַלן פֿון טאַטנס בייזע הענט איבער די „ממזרימס״ קעפּ און פּלייצעס (און אויך פֿאַרקערט), האָט די ייִדענע אויפֿגענומען פֿאַרתמט, אָן רושם, נישט צו פֿאַרגלײַכן, ווי אַ בהמה בײַ דער זשלויב.

אליע־בער האָט זיך זינט דעמאָלט אין גאַנצן אַרויסגעמאַכט פֿון דער היים. ס׳אַ שריפֿה נישט אײַנצולעשן! — האָט ער געביסן די ליפּן און ס׳פּנים איז אים געוואָרן פֿינצטער ווי די קאָרע פֿון די ביימער אין זײַן געסל. אַ רע־זיגנירטער, מיט פֿאַרקלערטע, אַראָפּגעלאָזענע אויגן האָט ער אויף אַ גרוי־

סער, געבויגענער נאָדל געפירט אַ פאָדעם שפּאַגאַט איבער די מײַלער פון זעק רײַז אין דעם אומגעהײַער טיפן, שאָטנהאַפטיקן לאַגער פונעם אימפּאָרטער הער עסטרײַכער. אליע־בער האָט געאַרבעט מיט מאַזאָליעס אויף די הענט, מיט ווייטיקן אין די קרענגעס און צו מאָל נישט געוואָלט אַהיימשמעקן. און האָט עמעצער פון זײַנע ידידים אים דערמאָנט: „אליע־בער, וואָס טוט זיך מיט דיר? ביסט דאָך אַ טאַטע פון קינדער, ווו איז דײַן עול פאַר זיי? און אַ ייִד ביסטו אויך!" — האָט דער אַנטדרימלטער כעסן פון אים אַ פלאַם געטאָן:

— אַ מהומה אויף אַזעלכע בני־בית!

פון דעסטוועגן האָט ער זיך געשעמט פאַר מענטשן און געטאָן אַנדערש ווי ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך. ער האָט זיך צוריק אַהיים געוויזן, אויפגעהערט מיט די מחלוקותן, געזאָרגט אַז ס'הויזגעזינד זאָל האָבן חיונה: אַליין גענומען אַרויסגיין יעדן פרײַטיק באַגינען אויפן מאַרק מיט אַ זעקל, אײַנגעקויפט קאַרטאָפל, מעל, פלייש און ברויט אויף אַ גאַנצענער וואָך, אַלצדינג איבערגעלאָזט און אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצער וואָך. „פאַר אַ גראָשן פגרטס!" ער גופא האָט געגעסן אין עסטרײַכערס שפּײַכלער ברויט מיט הערינג און נאָכגעטרונקען אַ שעפּ הייס וואַסער. געשלאָפן איז ער אויף די זעק רײַז און פלוימען, וועלכע ער פלעגט בײַ טאָג פאַרנייען מיט שפּאַגאַט־פאָדעם. צו דער היים איז אין אים וואָס ווײַטער געוואַקסן אַ שטאַרקערער ווידערווילן, ווי צו אַ זינד פאַר וועלכער ער וועט זיך מוזן פּײַניקן דאָס גאַנצע לעבן. זי איז אָבער געוועזן צודערינגלעך צו אים, די היים, אַנרחמנותדיק, וויי־טוענדיק. זײַן תשובה האָט גאָר נישט געהאָלפן, נאָר קאַפּויער: זי האָט געמאָנט נאָך מער — „ס'דײַן הויז, דײַן אַחריות!" און דאָס האָט בײַ אליע־בערן געצויגן דעם זאַפט פון די ביינער. עס האָט אין אים דערוועקט אַ דאָרשט נאָך נקמה אין „זיי".

— איך וועל ענק וואַזן ווער איך בין. אינטער מאַאַנע הענט וועט עץ,

— האָט ער זיך געבויגן אונטער אַ פלוצלינגן הפקר־געדאַנק וואָס פאָרט זיך עפּעס נישט מיט די מידות פון אַ מוח־מענטש, אַפילו אַ בייזן ווי אליע־בער.

און אליע־בער האָט סוף־כל־סוף נאָך מער אָנגעצויגן דאָס שטריקל אויפן פאַרגאַלטן גרגרת פון זײַן הויזגעזינד: אַרויסגעגאַנגען פרײַטיק אויפן מאַרק, אײַנגעקויפט אויף אַ מאָל ברויט, פלייש און קאַרטאָפל אויף אַ גאַנצער וואָך; אײַנגעשלאָסן דאָס אין אַ טוכלער קאַמער אָן לופט און דעם שליסל

געלייגט צו זיך אין קעשענע אַרײַן. יעדן טאָג האָט ער צוגעטיילט אַ קאַרגע פּאָרציע.

אויף אַזאַ אופן האָט אליע־בער מיט ווײַב און קינדער, די עכברושים, די הפקרים, האַרטע ברעטער געשניטן, געלערנט בלק. און אַז ס׳יונגוואַרג האָט געטומלט, שוין געשעמט זיך פּאַר לײַטן מיט דעם טאַטנס פּירעכץ, האָט אליע־בער געשפּריצט דורך די פּאַרזשאַווערטע ציין:

— ווערט עץ נאָר אויסגעריסן, וועט שוין בעסער זײַן. מיט ענק גיי איך נישט פון דאַנען ביז אַהין. די מאַמע? נישט ענקער עסק. מײַן חרפּה איז עס: עלי ועל צוארי.

נישט געווען קיין אַנדער ברירה, איז אַזוי געשען: יעקב, דער עלט־סטער אליע־בערס, האָט געוואָרפן די היים און ס׳ספר און איז אַוועק אין דײַטשן לאַנד, איז געוואָרן „אויס יוד״, ווי די מאַמע האָט געוויינט; אין אַ צײַט אַרום האָט זיך געהערט, ער לערנט אינזשיניעריע און באַקומען ערגעץ אַ שטעלע ווי אַ מאַשינען־בויער; מלך איז פאַרשוווּנדן ערגעץ אין רוסלאַנד, געשלײַדערט געוואָרן אויף די פײַערן פון די סכנותדיקע רעוואָלוציעס און איז געוואָרן עפּעס „אַ קאָמיסאַר״; לייזער איז אַוועק צו פוס קיין וואַרשע, שטאָמלענדיקערהייט זיך געסטאַרעט אַנצוקומען אין אַ שלאָסערײַ און ער קליידט זיך ווי אַ פּריצישער זון, אָבער ער האָט זיך „אַנגעאַרבעט״ אַ פּאָר רויט־גראָבע הענט; דער ייִנגסטער, הענעך, איז אין לאָדזש געווען אַ „כלאָ־פּאַק״ בײַ אַ בעקער, דערנאָך אַ בייגל־הענדלער און צום סוף אַן אָנטרײַבער פון אַ ראָד בײַ אַ וועש־מאַגל, אָבער ר׳קען זיך נישט דערשלאָגן צו אַ גאַנ־צע פּאָר הויזן. אַ קאַליעדיקער קאָפּ בײַ דעם יונג, — האָט מען פאַרדעכטיק געטײַטלט אויף הענעכן. ביידע טעכטער, ליפּטשע און מירל, האָבן זיך שוין אַרומגעשלעפּט איבער אַ סך שטעט, געהאָרעוועט און צו גאָר נישט געקענט זיך דערשלאָגן: אַרומגעפירט זיך מיט יונגע לײַט, געוואָרן פאַראיינס־מענטשן, רופן זיך סאָציאַליסטקעס, חלומען נישט, ווי מאַמעשע טעכטער, חתונה צו האָבן און ברענגען דורות אויף דער וועלט. ליפּטשע און מירל פרײַדיקן גאָר — האָט מען דערציילט דער טרויעריקער מאַמען — אָפענע שנאה צום „בורזשואַזן פּוילעכץ״. די פיר־און־דרײַסיק יאָריקע ליפּטשע איז אַפילו שוין געווען אין אַ משוגעים־הויז און האָט אָנגעשריבן אַ ליד „מײַן מאַמע די צדקניות און מײַן טאַטע דער גאון און חסר־דעה״.

פון טאַטן האָבן די זין און טעכטער נישט געוואָלט וויסן. וואָס ס׳טוט זיך אין כאָדעטש, בײַ טאַטע־מאַמען, האָט קיינער פון די זין און טעכטער

נישט געהערט, אָבער איינער האָט דערפון געוואָלט געוויר ווערן בײַם אַנדערן:

„וואָס שרײַבט מען דיר פון כּאַדעטש? וואָס מאַכט די מאַמע?" און צום סאַמע סוף פון בריוו פון שוועסטער צו ברודער אָדער פאַרקערט, פלעגט שטיין אַזאַ פרעג:

„ און אליע־בערעלע רודערט נאָך?"

האָט ליפּטשע וואָס האָט געוווינט אין לאָדזש, געהערט אַז עמעצער איז געקומען פון כּאַדעטש, איז זי געגאַנגען אָפּגעמען „אַ גרוס פון שטעטל" און ווי נישט אומיסטן אַ פרעג געטאָן: „און בײַ אונדז אין דער היים וואָס הערט זיך?"

— נישקשה, דער טאַטע, אליע־בער מיין איך, איז שוין ווידער באַלע־באָס פאַר זיך; איז אַרויסגעגאַנגען פון עסטרײַכערס שפּײַכלער, האַלט קי־ע־לעך, מעלקט זיי און האַנדלט אַ ביסל צו.

אין אמתן איז עס אַזוי נישט געווען. כּאַדעטש האָט עפּעס אַנדערש געזען בײַ אליע־בערן, נאָר דער בוגרת אין לאָדזש האָט דער איידעלער שטעטלשער ייִד נישט געוואָלט פאַרמערן דאָס לעבן מיט פריקרע נײַס: אַז אליע־בער איז דער זעלביקער כּעסן ווי געווען, אַז ער דערגייט דעם אָרנט־לעכן, שטילן ווײַב די יאָרן, ציילט איר די קאַרטאָפל אין טאָפּ אַרײַן, כאָטש די אָרעמקייט איז נישט אַזאַ סטראַשנע. ער האָט געקויפט אַ קליין קי־עלע, מעלקט עס, און אַז ס'הערט אויף צו געבן גענוג מילך, ווערט ער בייז און פּײַ־ניקט זײַן הענען, מאַכט פון זיך אַ גאַנצע שטאָט ריידן:

— היטסט נישט אָפּ ס'בהמהלע, זאָרגסט נאָר פאַר דײַנע בענקאַרטעס!

— האָט ער אַרײַנגעהיקעט אין ווײַב.

אין שטעטל מאַכט מען שוין אַפילו חוזק פון אליע־בערן, דעם אַמאָ־ליקן חשוב. מע זאָגט זיך מיט ביטול:

„אליע־בער מיט די קי".

אַ פּאַטשעווקע האָט ער צוגעקראָגן, דער טאַטע פון די צעפּלאָשעטע בנים און בנות. אַ ייִד וואָס זײַן התנהגות פּאָרט זיך מיט דער פּראָסטקייט פון אַ שטאָל־מענטש, מיט קי און אָקסן.

ווײַל נישט־ווו, נישט־ווען, פירט ער זײַן מילך־קי־עלע צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. און גיין גייט ער נישט אַליין מיטן בהמהלע, נאָר דאָס ווײַב מוז מיטגיין, אַן אַרומגעהילטע אין אַ פּאַטשיילע, מיט אָנגעדראָלענע, שלאַ־

פּע פּיס. זי גייט פֿאָרויס פֿאַר דעם שטומען באַשעפֿעניש, שטרעקט אויס צו דעם אַ גאָרשקע מיט היי, רוקט זיך הינטערווײַלעכטס ווײַטער, ווײַטער, וואָרן זי וויל דעם קיעלע נישט געבן די היי אויפֿצועסן; אליע־בער הייסט אַזוי: אַ בהמהלע ווערט פֿויל, אויב ס׳פֿרעסט זיך איבער. הענע וויל נאָר דעם קיעלע אָנטאָן אַ חשק צו גיין אויפֿן מאַרק אַרויף, אַ פּאָר מײַל ווײַט, אָבער עס האָט נעבעך נישט קיין כּוח.

— מו־מו־מווו — פּרעפּלט די ייִדענע טרוקן פֿון פֿאַרבאַבלטן טוך אַרויס אַנטקעגן דער קו. אַ באַוועג מיט די היי, אַ ריר מיט די ליפּן און אַ רוק זיך אויף די שוואַכע פּיס.

מיט זײַנע געפּלאַצטע, האַרטע הענט און צעשפּרייטע פֿליעסקענדיקע פֿאָלעס אײַלט־נאָך אליע־בער אויף די דאַר־לעדערנע שטיוול דעם בהמהלע, וואָס יאָגט זיך נאָך דער באַלעבאָסטע, הייבט די גערייצטע, גאַווערדיקע מאָרדע. „הוי, געגאַנגען" — שרײַט ער און דער וועג רוקט זיך קנאַפּ.

און אַז די קו ווערט מיד פֿון נאָכיאָגן זיך נאָך די לאָקנדיקע הייעלעך, וואָס דערווײַטערן זיך כּסדר, בלײַבט זי שטיין, ציט אויס דעם האַלדז־זאַק, מעקעט דומפּ, גיט אַ דריגע דאָ מיט אַ פֿאָדערשטן, דאָ מיט אַ הינטערשטן פֿוס און לייגט זיך מאַסיוו אַוועק בײַם וועג־ריוו.

אַזוי קען די קו ליגן שעהען גאַנצע און אליע־בער צעשרײַט זיך מיט כּעס.

אַז הענע שטעלט זיך אַוועק אַן אומבאַהאָלפֿענע, מיט אַ פּאָר בעטנדיקע, פֿרעגנדיקע אויגן אָנגעשטעלט אויפֿן מאַן און אויף דער קו, קאָכט זיך אויף אליע־בער; דאָס שיטערע, אָנפּאַרביקע בערדל ווי פֿון הערינג־ביינדלעך, צינדט זיך אָן בײַ אים פֿון די פֿלעמלעך אונטער די געדיכטע ברעמען. ער שרײַט צו דער ייִדענע: „בהמה, אָקס מיט קאָפּיטעס, האָסט צײַט?!" — און ער נעמט בייז דרייען דער קו בײַם פֿאַרפּאַסקודיעטן שטײַפֿן ווידל, צוקלאַפּנדיק מיט דער האַנט איבערן זאָד.

די אליע־בעריכע סטראָכניעט זיך ווי אַ פֿלײַסיק פֿערד, וועלכן מ׳ווײַזט בלויז די בײַטש. עס קריגט באַלד מורא: זי שטעלט זיך פֿון ס׳נײַ מיט די פּאָר הייעלעך אַקעגן דעם בהמהלע, שלעפּט זי בײַ די הערנער; די קו גיט זיך אַ שטעל־אויף אויף די קלאָען, לאָזט אַרויס אַ שאַרפֿן מעקע און הייבט אָן געשווינד, לײַכט אונטערלויפֿן דער אַקעגנשפּרינגענדיקער באַלעבאָסטע מיטן גרינעם בעזעמל אין האַנט, אַזש דער ייִדענע באַפֿאַלן אַנגסטן און זי טאַמלט אויף די שלאַפֿע פּיס.

אליע־בער לויפט שוין נאָך דער בהמה הינטערוויילעכטס, הערט נישט אויף צו דרייען איר בײַם עק, הגם אַזוי יאָגן אונטער שטאָל־מענטשן נאָר פוילע קעלבער. ער טשטירעט אויס די ציין און די אויגן צום ווײַב:

— בהמה, מו־מו!

מחמת מורא פאַרן מאַן און פון שרעק פאַר די יאָגנדיקע בייזע הערנער פון קיעלע, שרײַט אויך די ייִדענע אַ באַנומענע:

„מומו־מו, מו־מו־מו!"

עס האָט געטראָפן: אליע־בער איז געקומען מיטן קיעלע אויפן יאַריד ערשט דעמאָלט ווען די טאַנדייטערס מיט זייערע ווײַבער און קינדער און געזעלן זענען שוין אַהיים געפאָרן; אַלע זענען זיי מידע אָבער פריילעכע גע־זעסן אונטער די לעשנדיקע הימלען אויף די הויכע געלענדערס פון דרענ־גער און קאָזלעס. ס'האָרץ האָט אין אליע־בערן אויפגעזאָטן פון פאַרדראָס, וואָרן ער, אליע־בער מיט דער קו האָבן זיך געפּעדערט אין וועג אַרײַן ווען גאָט איז נאָך געשלאָפן. די טאַנדייטערס האָבן זיך ערשט געפּאַקעוועט אויף די וועגענער מיט די געשטעלן און מיט די שפּענצערס, הויזענעס און בורקעס. אויך דער ייִד מיטן קיעלע האָט פרי געזאָטלט, אָבער שפּעט געריטן.

אַליע־בער פלעגט אַ סך מאָל פאַרשפּעטיקן אויפן יאַריד.

אַ ביטער מזל האָבן בײַ אליע־בערן געהאַט אויך זײַנע קי: שטענדיק אין זיי געזען חסרונות, אַז שטענדיק האָט ער געדאַרפט זיי פאַרקויפן און אײַנשאַפן זיך אַ פרישס, אַ בעסערס. אָט־אָ־דאָס שטענדיקע אַוועק־ און אַהיימפירן ס'קיעלע, וואָס האָט זיך נישט זעלטן בײַ אים געביטן, האָט דעם פאַרעקשנטן ייִד צעטומלט, צעשרויפט. מענטשן האָבן עס צוגעזען און אים באַדויערט. אַ קיעלע, אַ קו, אַנדערע קי זענען בײַ גליקלעכע לײַט, — האָט זיך אים געראָיעט אין מוח, אַזש ער האָט געקראָגן אַ מאַנקאָליע אין די שטאַרק־פאַרנומענע געהירן. אליע־בער האָט פלוצטאָלבן גענומען שרײַען צו זיך און צום ווײַב:

— צו וואָס, צו ווען, צו וועלכע רוחות דאָס גאַנצע קאָפּ־פאַרדרייעניש, אַז דאָ קען מען נאָר משוגע ווערן!

נאָר ווער האָט געהאַט אים צו פאַרשטיין און צו וויסן אַז דאָס פרומע ווײַב הענע איז פרום און שטיל אַוועקגעשטאָרבן און פרעמדע, אַפילו אַמאָ־ליקע ידידים האָבן געוויכט פון אים, פון זײַן אָפּגעלאָזענעם הילוך און זײַן שטאַר, פאַרביסן פּנים. אליע־בער האָט אָן ווײַב זיך אַרומגעדרייט אַזוי לאַנג

קריעה־בליאה, בפירוש נישט געוווּסט וואָס אים פעלט, ביז וואַנען ער האָט ערגעץ אויפגעכאַפּט אַ גלימל וועגן ארץ־ישראל.

— ארץ־ישראל, ארץ־ישראל, — איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ גע־קנייטשטן שטערן, געביסן עפּעס האַרטס און נעפּלדיקס אין דער צוואָרעמ־טער פאַנטאַזיע; הפּנים, ער האָט עס דורכגעביסן, דאָס מטושטשע און לסוף זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן חלום מיט אַ „אַהאַ, ווי זשע אַנדערש?“ גערופן דעם ערשטן בעסטן ייד, וואָס ער האָט געטראָפן און געפרעגט:

— באַשטייסט? יאַנטשע, אַז איך רייד צו דיר, מיין איך עס אויף אַן אמת. כ׳על חס ושלום נישט מאַכן ס׳געגאַר פון קיינעם.

יענער שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן און מיינט אַז אליע־בער איז טאַקע משוגע, ווי מ׳שושקעט זיך.

—וואָס, באַשטייסט נישט? — גלאָצט שוין אליע־בער אויף דעם ייד מיט אַ כעס, גלייך ער האָט שוין אין דעם מענטש אַריינגעקנעלט שעהען־לאַנג און יענער באַנעמט נאָך נישט די פּראָסטע זאַך.

— אַז כ׳וויס נישט, אויף וואָס כ׳האָב צו באַשטיין, — פאַרלירט זיך יענער.

— פּששש, קאָפּ־מוח. רעדסט צו אים און ער באַנעמט נישט! נו, אויף מיין חלק, צו קויפן מיין נחלה, מיט האַק און פּאַק.

— ס׳הייסט, צי כ׳באַשטיי? אַוודאי באַשטיי איך, אָבער מ׳באַדאַרף אַרומ־ריידן אַזאַ עסק. און ס׳ווענדט זיך אין מקח. און דערנאָך: מיט די יורשים ווי וועט איר, אליע־בער?

— צו וואָס, פּאַר וועמען!—צינדט זיך שוין דער מענטש.—איך לעב נאָך: איך פאַרקויף, איך! קאַ׳ מאַמע־טייל איז נישטאָ. נישט געהאַט מיט איר קאַ׳ אַקטן.

איז אליע־בער פאַרטיק געוואָרן וועגן קליינעם מקח פּאַר זיין נחלה, האָט ער שווער און מיד אַליין אַרויסגעטריבן אויפן יאַריד אין נאָענטן שטעטל אַריין זיין לעצט קיעלע; אָן רוגזה עס אונטערגעטריבן, געדרייט צו וויל ביים ווידל, באַדעכטיק אַריינגעציילט דערנאָך דאָס געלט אין שנופּטוך און מיט כוונה, ווי צו אַ הייליקער שליחות, צום לעצטן מאָל, צוריקגעגאַנגען קיין כאָדעטש. ער האָט אין איין וועגס אָפּגעטראָטן אויפן ווייבס קבר און מיט נאַסע אויגנווינקלען געזעגנט זיך מיטן רב פון שטעטל, גענומען זיין ברכה אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, און איז אַוועק.

ווען אליע־בערס בוגרת ליפּטשע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם טאַטנס

אויפּטו מיט דער נחלה, האָט זי מיט ישוב־הדעת געשריבן צום ברודער אין דײַטשלאַנד:

„... אַז איך האָב אַמאָל געזאָגט, אַז די מאַמע אונדזערע איז געווען אַ צדקניות, בין איך גערעכט געווען: זי האָט געלעבט באַשיידן און איז גע־שטאָרבן ווי אַ הייליקע. נאָר מיט אליע־בערעלען האָב איך געהאַט אַ טעות. כ׳האָב אים געהאַלטן פאַר אַ פאַרדרייטן און אַ זשעני. איצט זעט זיך אַז ער איז אַפילו אַ נישט־דערגאַנגענער משוגענער. אַזאַ מדרגה וויל ער קענטיק דערגרייכן אין פּאַלעסטינע, ווו ער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ פּאַס־טעך, וואָס פּיטערט קי און ציגן אויף די פעלדער פון חברון״.

אליע־בערס טאָכטער האָט, שרײַבנדיק דאָס, געלאַכט היסטעריש, מיט אַ קוויטשיקל.

האָראָנטשיק

1

לאַנג איז זיי געווען סכנות שווער, אַ טאָג־טעגלעכער צניעותדיקער געראַנגל איז אָנגעגאַנגען אי בײַ אים, אי בײַ איר: — וואָס וועט דאָך זײַן? אַזוי ווי ס׳איז ביז אַהער, איז נישט אויסצוהאַלטן. ס׳איז אמת, ער טויג זיך נישט אויס צו די האַמעטנע זאַכן פון די גראָע טעג. מ׳דאַרף זײַן לפּחות אַ ביסינקע פּראַקטיש און פון אים קען מען דאָס נישט אַרויסקריגן. מוז זי, בכן, זײַן ענערגישער, זי דאַרף גאָר אים אונטערהאַלטן, אַנישט — — עס איז געווען פּריקרע ביז מ׳האָט זיך דערשלאָגן צו אָט־דעם שמועס צווישן מאַן און ווײַב. ביטערע רעיונות האָבן פריִער פאַרצערט די פרוי און זי, אַ צײַטלעך אויסגעניכטערטע, איז ענדלעך בײַגעקומען איר ווײַבערישע שוואַכקייט צו וועלן זײַן נאָר פרוי און באַלעבאָסטע אין שטוב. פאַרקערט, זי האָט נאָך אים געמוטיקט:

— אַז מ׳מוז איז נישטאָ קיין פאַרענטפערניש. נישט געפערלעך, שמעון, — האָט זי געזאָגט מיט אינעווייניקדיקער פעסטקייט און אַזויערנאָך אַרײַנגעטענהט אין מאַן: „ס׳עט מיר חלילה נישט שאַדטן“.

און זי איז טאַקע געוואָרן די אויפטוערין.

זינט יענעם אָפּענעם איבעררייד האָט זיך בײַ זיי אין הויז וואָס אויפן באַרג, אײַנגעשטעלט אַ נײַע פרידלעכע רויִקייט. נחמהלע האָט אָנגעהויבן איר נײַ פּירעכץ און ס׳לעבן איז אַוועק צו נײַע האָריזאָנטן. שמעון איז געוואָרן אַ יושב־אוהל און זי, די פרוי, די פּרנסה־געבערין.

2

נחמהלען טראָגט דער עול אין שטאָט אַרײַן און די שטאָט, די לעבעדיקע, די שטילע, ליגט אויף יענער זײַט בריק. די ווײַסל, די אָנסופיקע,

בלײַבט צווישן איר און אים, דעם מאַן אויפן שפּיץ באַרג. זי מוז ברענגען ברויט אין שטוב אַרײַן און ער, שמעון, פירט אַרײַן דעם גײַסט פון מאָרגן אין זייער הויז. אַוודאי, ער ווייסט — ר'מוז גוט האָרעווען, שמעון, אַז ר'זאָל דערגרייכן ערנסטס מיט זײַן מי. ער איז פון תמיד אַ שווער־אַרבעטער, אָבער ער קען און ר'וויל זײַן דער צויבערער וואָס שיילט אויס דאָס גוטע פונעם נעכטן, וואַרפט אָפּ דאָס בייז פון די האַמעטנע טעג און איר, דעם ווײַב, גיט ער דאָס גליק צו חלומען פונעם מאָרגן. קלאָר, עס באַדאַרף זײַן אַ שענערער דער מאָרגן וואָס מיר ווילן זיך אַרײַנבויען אין אים. דורות טרוימען דערפון, גרויסע מוחות גיבן אָפּ דערויף זייערע לעבנס.

—אַ בענטשונג אויף דיר, שמעון! — רעדט זי צו זיך אַלע מאָל, ווען זי דערוויטערט זיך פון דער היים וואָס אויפן באַרג. נחתן ווערט שמעון איר שענקען: עס האָט זיך שוין אויף דעם. די וועלט פון די וויכטיקע זאָגט עס אָן. שמעון האָראַנטשיק איז אין זײַן נײַעם ווערן. מ'באַדאַרף ערשט אונטער־שפּאָרן די אַנטפּלעקטע כוחות. איז נחמהלען ליב אַלץ וואָס זי טוט, כאָטש ס'איז שווער, כאָטש זי איז פּרוי. חלומדיק איז איר ברוסט און ס'זענען צוזאַגנדיק די ווײַטן. לאָמיך זיי הערן!

שלאַנק איז נחמהלעס גוף. מיט אומעטיקלעכער יִדישער שיינקייט אָטעמט איר גאַנג, וואָס באַוועגט זיך אין טונקעלע ווײַכע ליניעס, גראַציעז אָנגע־שפּאַרטע אָן אַ שטעקל וואָס שאָטנט זיך בײַ איר זײַט. ס'איז דער חן פון דער באַזונדערקייט וואָס איר געפעלט אָנצוהאַלטן: קוקט, אַן אײדל שטעקל אין אָרעם פון אַ פרוי! יאָ, מענלעכקייט וויל זי דערנענטערן צו איר נײַעם שטעל. אַזוי שפּאַנט זי און פירט איר געדאַנק וועגן שמעונען צוגלײַך מיטן באַגלייטנדיקן הימל, וואָס לעבט משמעות אויך מיטן זינען פון דער שטי־לער שטאָט, וועלכע איז נוהג־כבוד אל די חשובע לײַט וואָס זי האָט אַרײַנ־גענומען אין איר גבול. דערפאַר אַזאַ הימל, אַזאַ שיינע פּאַרגאַפּטקייט. ס'איז, אמת, נישט גרינג דאָס ברויט צו געפינען בײַ די קלייניקע מענטשעלעך, צו וועלכע מיר קענען אָנשפּאַרן, אָבער אויך די ליבע וואָס מיר צ'ען זיך צו זיי, וועלן לסוף זיך דערקענען אויף אים. נאָר געדולד, — ווימלט עס אין נחמהלען. — דערווײַל ווערט ליכטיק אויפן האַרץ ווען מ'באַזינט זיך וואָס שמעון קען אויפטאָן פאַר דער צײַט, וואָס ער גיט נישט אַוועק פאַר די ניש־טיקע דאגות. וואָס, ער איז דען נישט געווען פאַרזונקען אין קויט פון אומ־זיניקע קלערענישן ווען בײַ זיי האָט זיך געפירט די קלייט אין סאָמפּאָלנע? ס'איז אַ נמאסע זאַך דאָס פאַרנעמען זיך מיט קויף און פאַרקויף פון פּרוטה־

דיקע סחורות. מוז זײַן, ס׳איז טאַקע געווען אַ באַשערטע בלאָנדזשעניש שמעונס אין אַזאַ־אַ מיסטהויפן, וואָס האָט געקאָנט חס ושלום אים פאַר־שלינגען. שמעונען האָט זי ליב מיט אַן אמתער מוטערלעכער ליבשאַפט. ר׳איז אַן עין־הרע אַ גרויסער, אַ שווער־לײַביקער, אָבער אַ קינד מיט קאָפּ־ריזן. ריכטיק, דער מאַן איז איר סאַמע גורל. זי וועט פאַר אים טאָן אַלץ: זי וועט זיך מקריב זײַן — זאָל ער זיך אָפּנעמען פאַר זײַן פאַרשפּילטער יוגנט, פאַר די געפּטרטע יאָרן. ער איז עס ווערט. די וויכטיקע פון וואַרשע, פון ניו־יאָרק זענען מעיד אויף דעם. זײַן ווערק האָט אים אויפגעהויבן; דאָס ווערק וואָס ער שאַפט ערשט, וועט אים רעכט אַרויסהייבן. בײַ זײַן זײַט וועט אויך איר זײַן ליכטיק!

„נחמה, האָסט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פאַרפינצטערטן סאַמפּאַלנע; נחמה, די וועלט וועט זיך ערשט עפענען פאַר דיר״.

זי האָט זיך אַליין געטרייסט און זי נעמט אָן באַהבה דאָס טוען וואָס זי טוט. זי טרעט איבער שוועלן פון קאַלעמוטנע סוחרישע קאַנטאָרן, גייט אין אַרײַנפאָר־הײַזער ווו עס שטייען אײַן קליינשטעטלדיקע שפּיליטערס, זי זוכט, נישטערט אין אַלע געהיימענישן וואָס פירן צו פרנסה. זי טאָר נישט רוען, וואָרנט זי זיך. זי באַמיט זיך פאַרן טעגלעכן ברויט פון פרימאָרגן ביזן אָוונט. נחמהלע זעט נישט שמעונען אַ גאַנצן טאָג און קומט זי אַהיים, פאַלט ער צו צו איר, לעכצט נאָך צערטלעכקייט פאַר זײַן גרויסן קינדישן גוף.

— האָסט כאָטש געגעסן, שמעון? — מורמלט זי אַ מידע. אין מיטן דער פּויזנדיקער פינצטערניש וואַרט ער זי זאָל אָנצינדן פײַער אין שטיבל, וואָס די מאַכטיקייט פון באַרגיקן וואַלד שפּאַרט אָקערשט דערויף מיט שרעקיקייטן און סודותדיקן גערויש.

— כ׳ברויך נישט צו עסן, — טראָגן זיך תרעומותן פון אים — כ׳האָב געענוג געפלייש אויף זיך, נחמה. מיר איז נאָר אומעטיק אַליין!

— פאַרשטיי, שמעולע, איך קען דאָך נישט זײַן בײַ דיר.

— איך האָב מורא, — קלאָגט ער שוין אַרויס. — ווען די גאַיאָוועס הייבן זיך אָן איבעררופן אויפן האָרן, אַנטפאַלט מיר ס׳האַרץ. דער גאַנצער וואַלד מיט זײַנע טונקלקייטן באַפאַלט מיך דעמאָלט.

— ביסט אַ קינד, שמעון!

— איך שרעק זיך, נחמהלע.

ער סקאָמליעט פאַרן ווײַב, זוכט הילף בײַ איר, דער דאַרער, דער שוואַכערער פון אים און זי, אַליין אַ צאַרטע, ווייסט נישט וואָס פריִער צו טאָן:

צי אים אָנצוקאָרמען, צי אים באַרויִקן, אָדער... זי איז אַזוי פאַרמאַטערט און אין ברוסט קלעמט פאַר אַלעם דאָ. אין די צימערלעך האָבן זיך שוין אַרײַנגעקליבן די שווערע וואַלדישע פינצטערקייטן און זי זיצט, זיצט אַ פאַרלוירענע אַנטקעגן זײַן געקלאַג.

— שמעון, שמעון, — רופט זי ענדלעך אין דער טונקלקייט אַרײַן און שפּרייט פאַר אים אירע גוטע הענט, — הער אויף!

זי קלערט: שמעון אַרבעט שווער און גאַנצע טעג לעבט ער נאָר אויף ברויט מיט קעז און אַ ביסל זויערמילך. אונטערצוציינדן דאָס קעכל, צוצושטעלן זיך אַ גלאָז טיי איז ער פויל. אַ מענטש מוז דערוואַרעמען די אײַנגעווײדן. מ׳קען חלילה קראַנק ווערן. באַהיט זאָל זי ווערן! — גיט איר אַ צופּ און זי שטעלט זיך ראַפּטעם אויף. מ׳דאַרף מאַכן ליכטיק אין שטוב. אָ, ווי זי האָט עס נישט באַלד באַמערקט!

3

ווי אַ וואָגן באַרג־אַרויף שלעפּט זיך די צײַט פון פריִען האַרבסט. די טעג זעען אויס צו זינקען אין גריבער, פּליעסקען זיך אין מוטנעקייט. די ווײַסל הייבט אָן שווילן, אירע כוואַליעס בערגלען זיך, טונקלען זיך גלאָזיקע, שווערע און קומען דאַמפּערס, רייכערן זיי אָן אַ געדיכטע האַרבקייט. שטעלט זיך אַ מאָל אַ וואַרעמער טאָג מיט אַ בלינדלעכער זון, שפּרייט ער, דער טאָג, גרויסע נעפּלען איבער שפּעטאַל דעם באַרגיקן, וואַלדיקן דאָרף וואָס אויף יענער זײַט טײַך, ווו עס הויקערט זיך די שטאָט. דער נעפּל פאַרכאַפּט די דעכער, הילט אין פּערענעס שטיקער גאַסן. באַצײַטנס קומט דער פאַר נאַכט. די ווײַסל ווערט נישט, עס פאַרשווינדט די לאַנגע בריק. אַ צעשווומענער זינקט דער באַרג. אַ שוימיק־רויכיקער הענגט ער איבער דעם אָרט ווו דאָס געדעכעניש האָט באַהאַלטן די קאָנטורן פון ווײַסלבעט, פונעם וואַלדיקן ישוב, וואָס ליגט ווי אַ בלאָער גוז צופוסנס דעם אײַנגעשלאָפענעם בולוואַר. אויף דער זײַט טײַך ליגט די שטאָט אַ געשרומפּענע און זי ציטערט אונטערן פרי אָנגעצונדענעם פלאַם פון קאַלטער, פרעמדער עלעקטריע.

דאָס הויז אויפן באַרג הוידעט זיך אין אומדורכדרינגלעכן ליכט פון גראָווײַסלעכן נעפּל; אין פענצטער שטייט אַ וואַנט פון נעציקער וואַטע און אין די אויגן שמעונס גראַבלט אַ קעצישע לאַפּקע. ער קען נישט אײַנ־

זיצן בײַם טיש מחמת דעם צערודערטן געמיט. ענג די וועלט! נחמה, נחמה־לע, — רופט ער אין זיך אַרײַן מיט צאַפּל און שרעקט זיך פֿאַרן אײגענעם קול. דערנאָך וואַרפֿט ער זיך אויפֿן בעט אַרויף, פֿאַרמאַכט די אויגן. לאַנג שפּרײַזט איבער אים דער מאוימדיקער טראָט פֿון דער שלעפּעדיקער צײַט. ער קאַרטשעט זיך אונטער איר רונצל. לסוף וועקט ער זיך איבער אַ באַ־רויִקטער, קוקט אין דער אומבאַוווּסטקייט אַרײַן, אָבער זי בלענדט אים, איז אומצוטריטלעך פֿאַר זײַן השגה. סוף־כּל־סוף ביסטו אַ נאַר, שמעון, קרעכצט ער פֿאַר אַן אַנידערגעקניטער דערמאָנונג, וואָס איז געקומען צו אים מיט אַן אַלטער טענה. פֿאַר וואָס, אין דער אמתן, שפּאַנסטו זיך אַליין נישט אײַן אינעם יאָך? ספֿיקות האָבן גענומען אים מיט מאָל צערודערן. ער האָט געקוקט צום דרויסן און דערשפּירט זײַן שטומען רוף, אָבער ריידן? דאָס האָט ער זיך נישט דערוועגט. ער האָט זיך פֿאַרהוילן אַפֿילו פֿאַר נחמהלען.

אין אײנעם פֿון די טעג, ווען נעפּלען האָבן זיך געקנוילט איבער די שיפּועים פֿון וואַלדיקן באַרג, איז צו שמעונען געקומען זײַן יונגער חבר ירחמיאל. אַ גאַסט פֿון גרויסשטאָט, האָט ירחמיאל זיך אָפּגעשטעלט ווײַנען בײַ די שאַטאַנס, גוטע באַקאַנטע אַזעלכע, וואָס זענען געבוירן מיט יום־טוב אין בוזעם. ס׳איז וויל די וועלט, לאָמיר זי נישט פֿאַרחזירן, איז זייער דעוויז. געקומען דער יונגינקער פֿרײַנד, האָבן זיי זיך דערפֿרייט מיט אים ווי מיט אַ וויכטיקן געפֿינס. עלעהיי ס׳וועט זײַן אַ וועג זיך אַרויסצודראַפּען פֿון דער גראָעניש, וואָס לײַט וואַרפֿן אַרויף אויף אונדז. האָבן זיי געשלונ־גען התפּעלות. נאָר מחמת דעם צודרינגלעכן אין דער וואָכן פּונעם אַרום, האָבן זיי אָפּן געלעכצט נאָך אַנדערשדיקס. איעדער פּונק דערפֿון איז זיי געווען אַ גליקלעכע געלעגנהייט ברייטער אָפּצואָטעמען. אַראָפּגעקומען ירחמיאל פֿון דער פֿרעמד, האָט ער געפֿונען בײַ די שאַטאַנס אַ כּמו־היים אַ דערוויַיליקע מיט ליבלעכער וואַרעמקייט. ס׳וועט נישט זײַן ענג, אַן אײַנ־ריידעניש! רעדט נישט וועגן באַעוולהן אונדז, מילטשע, — האָבן די שאַ־טאַנס אײַנגענומען דעם יונגן גאַסט. — אפֿשר נישט אַזוי באַקוועם בײַ אונדז ווי בײַ שמעונען, — האָבן זיי צו ביסלעך זיך געברוגזט און זענען געווען צופֿרידן, וואָס דער בחור איז געבליבן הויזן מיט זיי. אַ געראָטענער דער־אָ, — האָבן זיי זיך איבערגעוווּנקען און זיך געטוליעט צו זײַן יונג־זײַן. אָפּגע־ריסן צײַט פֿון זייער פֿאַרנומענקייט, אַרומגעגאַנגען מיט מילטשען צווישן באַקאַנטע, אים פֿאַרצערטלט און זיך באַמיט אים צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן אויך צווישן די שטעטלדיקע. מילטשען האָט אָבער עפּעטערס געצויגן צו שמעו־

נען, דעם אויסערלעך־מגושמדיקן, אָבער סובטילן אין דער נשמה. אַ גרויסער, אַ גראָבלעכער מיט גלאַנציקע באַקן ווי בײַ אַ קצב, נאָר מיט פּאַרטראַכטקייט אין קול, איז שמעון אים געוואָרן נאָענט מיט דער אומבאַגרייפלעכער נאָענט־קייט פון אַ חבר וואָס עס גלוסט זיך פאַר אים צו עפענען אַלע פאַרהוילענישן פון האַרץ. אויך די שפּיל פון דער פאַרקלערטער רויטקייט וואָס האָט געמי־ניעט אונטער דער זון פונעם איינציקן ציגלמויערל אויפן וואַלדיקן שפּיצבאַרג האָט געלאָקט דעם יונגן מילטשען. איז כאָטש ס'איז געווען פריקרע דער גיך צופאַלנדיקער פאַר נאַכט אויף די גראָזיקע שיפּועים, האָט ירחמיאל אָפּט זיך געלאָזן אַהין.

— העי, שמעון, — האָט ער גערופן שוין הינטערן פענצטער, ווי באַלד ר'האָט זיך געהאַט דערקליבן הויך אַרויף.

— העי! — איז פון דער הייך געקומען אַ צוריקרוף און ס'קײַלעכיקע פּנים פונעם באַרג־פּרוש האָט אַ מיניע געטאָן כדי באַלד צוריק צו פאַר־שווינדן. אָבער דער קלאַפּ פונעם פענצטער האָט דערנאָך זיך געהערט אַ געטאָפּלטער — ווע־ער איז? אַזאַ איז שוין געוואָרן שמעונס געוווינשאַפט, כאָטש ער האָט געאָנט, ר'האָט געוווּסט אויף זיכער, אַז ס'איז דאָס קומען פונעם „ווילן לאָבוסל". אָ, ווי דער דערשרעקט מיך יעדעס מאָל! — פלעגט שמעון איבערחזרן, ווען ר'איז געבליבן שטיין און געוואַרט אויפן אַרײַנקו־מען דעם בחורלס.

...אַ שמאַטיקע איז די דריוולדיקע ווײַסקייט ערשט געהאַנגען פאַרן בליק. נישט דער וואָס אונטן, הינטערן פענצטער, האָט עפּעס געזען און נישט דער וואָס אויבן האָט געוווּסט הלמאי ער קוקט. לכאורה האָט שמעו־נען אין דער רגע אויסגעוויזן אַ ז ס'אַ וואַלדיקע אויסדאַכטעניש דאָס, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַוועקגעשטעלט פאַר זײַן איינזאַמקייט. געהאַט אַרויסגע־שטעקט דעם צעפּאַטלטן קאָפּ און זיך פאַרכליניעט מיט דער דרויסנדיקער שטראָמיקער פּײַכטקייט. „טאַקע, ווער קען עס זײַן?" ווידער האָט דער או־מעט אַ דריק געטאָן. ער וועט משוגע ווערן. שוין צערודערט איז זײַן גע־דאַנק, — גיט ער אַ טראַכט מיט אומרו. רק עס דאַכט זיך אים אויס. וואָס וועט זײַן מיט אים, אוי־אוי!

ליכטיק איז שמעונען געוואָרן ווען דער בחור, דער בלאָנד־האָריקער צוציק האָט זיך דערדראַפּעט צו זײַן פאַרשאָטנטער טיר. ער האָט אים אַרומגעכאַפּט בײַ די אָקסלען:

— אָ, ווער ס׳איז דאָ! — האָט דעם באַליַיבטן ייִד פאַרפעלט אָטעם מחמת דער אומגעריכטקייט וואָס אים האָט אָקערשט געטראָפן.

— שמעון, כ׳פריי זיך אײַך צו זען. אַבי כ׳האָב זיך געשראָקן אַז ס׳וועט זײַן פאַרמאַכט בײַ אײַך. כ׳על דאַרפן אַוועקגיין אַן אָפּגעשמיסענער. איך פריי מיך, שמעון!

אַ ווײַלע געווען צעמישט, אָבער באַלד האָט דער גרויסער פּולבאַקיקער מענטש אין די דאַרפישע לײַוונטענע הויזן זיך אָפּגערוקט פון יונגן גאַסט, געקוקט אויף אים מיט זײַנע קײַלעכדיקע טויבן־אויגן. אין דער רגע האָט טיף אין אים זיך עפּעס איבערגעקאַכט. דערנאָך האָט שמעון אויסגערופן מיט אַ מויל פול צונג:

— טאַקע, כ׳זאָל אַזוי לעבן — דער אייגענער. זע נאָר, זע — האָט ער אויסגערופן אין שטוב אַרײַן און די שטוב אונטער די נידעריקע בעלקעס האָט עס געהערט אַ שטוינענדיקע — אַ בחור אַ שטיפער! נעמט און שרעקט מיך איבער אין מיטן דערינען: שי־י־ייי־מע־ע־עעע, ווער שרײַט אין די אויערן אַרײַן פון דעם טויבן וואַלד!

סתם אַזוי געזאָגט. ער האָט געוואָלט הערן צי ס׳איז שיין פאַר זיך אַליין זיך צו פּיעסטשען. אַ דאַרשט נאָך לאַסקעס האָט אים געצערט, נאָר ער האָט זיך נישט דערדרייסט דאָס צו מאָגנען בײַ עמעצן, מכל שכן בײַ נחמהלען. זי איז זיך פאַרשוואַרצט בײַ אים, האָט ער אַ פּרווו געטאָן דעם פלאַגנדיקן גע־דאַנק אויפן געהער פון דעם נײַ־באַקאַנטן בחורל. ירחמיאל האָט אַ לאַכל גע־טאָן ווי אַ הענדל. אָבער דער, שמעון, איז באַלד געוואָרן אויסטערליש ערנסט, גלײַך ער וואָלט זיך ראַפּטעם דערמאָנט אַז עס פּאַסט נישט. אַוועקגעזעצט זיך אַנטקעגן גאַסט, האָט שמעון שוין נישט געהאַט קיין געדולד פאַר אומ־וויכטיקע קלייניקייטן. ירחמיאל האָט זיי פונאַנדערגעשאַטן אין אַ שטראָם רייד. פון דעם גאַסט האָט געשפּראָצט מיט לעבן, דער אָבער האָט אים אָפּגע־גאָסן מיט עקבערנדיקן אומעט: ייִנגל, נישט גרינג איז דער וועג וואָס איז באַשערט דעם מענטשנקינד. פול רויש און ווילד־געקלאַנג איז אַרומגעוואַקסן דעם מענטשנס מהות — — נו, ער איז גאָר גליקלעך צו קענען זיך אַראָפּ־ריידן פון האַרץ. געכאַפּט זיך לסוף אַז דער קומט אַליין פון דער ווײַט, איז ער אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט געמאַכטער האָפערדיקייט:

— פאַרעדט זיך, מילטשע, אָבער סײַ ווי איז צײַט שוין איבערצו־רײַבן זיך די ציין, — און גענומען זיך דערוויַטערן פון אים כדי צו טאָן עפּעס פאַר דעם וואָס אָט־אָ געזאָגט.

— חס ושלום, מ׳באַדאַרף נישט, — לאָזט ער שמעונען זיך נישט אָפּ־רײַסן פון אָרט.

— גייט שוין, גייט. אַזאַ שטיק וועגס אָנגעלייגט, מוז מען שוין נעמען אין מויל אַרײַן.

מער פרעגט ער נישט. שמעון לאָזט זיך אַרײַן אין דער דערבײַיִקער שטובן־קאַמער וואָס אונטערן שיפּן פּולאָפּ, ברענגט אַרויס אַ לאַבן ברויט די גרייס פון אַ הילצערן ראָד און אַן אָסלקע ווײַסן קעז. ער דערלאַנגט עס דעם גאַסט צוזאַמען מיט אַ מעסער:

— נאַט, נעמט עסן! אַנצושנײַדן האָב איך נישט קאַ׳ געלענק. איר וועט עס מאַכן געשיקטער. — און ער טרעט נישט אָפּ פון אים: — אָן סיגעס, מילטשע. — אַ זאָג געטאָן און אײַלט ווידער אַוועק, טראָגט אים צו נאָך אַן ערדן טעפּל זויערמילך: — עסט, יונגאַטש, אַנישט ווער איך בייז.

ער האָט ליב באַקומען דעם מילטשען. שמעון איז בכלל אויסגעבענקט נאָך אַ מענטש, וואָס קען אים הערן. ר׳איז איינזאַם אויפֿן באַרג, איינזאַם ווי ס׳איז דאָס לעבן. עס איז נישט זײַן טבע צו באַקלאָגן זיך, אָבער נישט ווילנדיק גיט ער זיך אַ קרים. ס׳גוט אַז אַ מענטש פאַרשטייט אים, ער הערט עמעצן אונטער זײַן געקאַלעכטן בעליק. ס׳מאַכט זיך, עמעץ לאָזט אָפּ אויך אַ רכילותל און ס׳איז ווויל אַז מ׳קומט אַרויס מיט אַ געלעכטערל. זײַנע דיקע, רויטע ליפּן פאַרסליניען זיך, די אויגן גלאַנצן ווען מ׳דערפירט אים צום לאַכן. און נעמט אים אָן דער חשק פאַרצוליייענען פון זײַנע גראָבע, שווער פאַרשריבענע העפטן, איז ער נישט דער זעלביקער שמעון. זיי זע־נען פול מיט גרויסע, האַמעטנע אותיות און ס׳קוקט פון זיי אַרויס אַ שאַרפע תאווה צום לעבן. ס׳לייענען פאַרטראַגט אים הויך. דאָ גייט ער אַוועק אין זײַן אייגנטלעכער געדאַנקשאַפט. ס׳גאַר אַן אַנדערע די וועלט פון דער טרוי־מערישער יוגנט וואָס שוין געלאָזט הינטער זיך. דערנאָך, ווען שמעון קערט זיך אום צו דער וואָר, שפּירט ער זיך לגמרי אויסגעהוילט. אײַנגעגעסענער צער קלעפּט זיך ווידער צו אים. ער פאַלט אַוועק אַן אונטערגעזעגטער. און קומט אַהיים נחמהלע, מאַכט זי ליכטיק אין שטוב, הייבט אָן שמעונען צו ביסלעך ווערן היימלעך. אַזעלכע אָוונטן זענען אַן אומדרײַסטע דערהייבונג פאַרן מענטש וואָס איז פאַרמשפּט צו הויזן לאַנגע טעג פּנים אל פּנים מיט דער באַרגיקער איינזאַמקייט. דער גאַסט, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַוועק, הערט זיך ערשט נאָך אַ מאָל פון שמעונס רייד. — אַ טײַערער בחור, הערסטו,

נחמהלע. ער האָט דיך געלאָזט גריסן, — גיט ער אַ זאָג אין פּלוצלינגער פאַרטראַכטקייט.

— פאַר וואָס האָסטו אים נישט פאַרהאַלטן אויף נאַכטעסן, שמעון?

שמעון קוקט, ר׳שוויַיגט ווי אַ שטיין.

— שמעון, איך האָב עס באַדאַרפט טאָן, זאָגסטו?

ער שעמט זיך צו ענטפערן און איר קול עפנט זיך נאָך ווי אַ וואַרע־מער פליגל.

שמעון, שמעון, — כסדר חזרט זי איבער זיַין נאָמען, מחמת די גאַנצע וועלט אירע איז פול מיט אים, דעם ליבן. שמעון טראָגט זיך אַרום אין דער באַרגשטוב אַ פאַרהונגערטער נאָך לעבן און ער ווערט געפּעטעט פון שרעקן וואָס גייען בטבע נאָך דעם מענטש, פלאָנטערן זיך אומעטום, בפרט אַז מ׳איז אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אַ באַרגיקער, וואַלדיקער וויסטקייט. און אַקוראַט איז ער פאַרטאָן מיט די שלעק וואָס געליטן ערשט אַנומלט, לאָזן זיך אַלץ נישט פאַרגעסן, אָקערשט בריִען זיי אים. דערפאַר האָט ער ווי פאַרשפּעטיקט געענטפערט אויפן וויַיבס פרעג:

— ער האָט דען געוואָלט בליַיבן, דאָס יינגל? ער האָט מורא פאַרן אָונטיקן וואַלד, דו ווייסט נישט? אַז ס׳קלאַפּט אָן דער אויפדערנאַכט, נעמט ער ציטערן.

— אַ חרפה, שמעון! האָסט אים אַוודאי אָנדערציילט דיַינע מעשיות, ס׳וואָר, שמעון? — גייט זי צו נאָענט צו אים, שאַרט אַוועק די ווילדע האָר וואָס קרויזיקן זיך איבער זיַין שטערן.

— נחמהלע, — שטיקט אים ס׳וואָרט און ער דערענדיקט עס נישט. זיַין שטים איז שוין אָנגעקוואָלן מיט געוויין. די דערמאָנונג ווי ס׳איז אים גע־ווען אַ גאַנצן טאָג, דריקט איבער אַ נויס.

— שוין, שוין, גענוג אויף היַינט, — גלעט זי אים שוין איבער דער באַק און דער חלל גיסט זיך אָן מיט אַ נישט אַרויסגעבראַכטן מאַנצבילשן שלוכצן.

4

אויף צו מאָרגנס גייט דער טאָג אַרויס פון וואַלד אַ זוניקער. עס איז דער כישוף פון פוילישן האַרבסט. דער הימל איז אויסגעלײַטערט, כאָטש

די ערד, די באַרגיק־זאַמדיקע איז פון ראָסע געבליבן פײַכטלעך טונקל און די ווײַסל האָט אָנגעבראַכט שאַרפע קילקייט, אַ צעווירבלטע פונעם דרויסנ־דיקן צעעפנטן לאַזור.

צו מאַרגנס האָט שמעונען בעסער זיך געאַרבעט, ר׳האָט געגעסן מיט חשקות און ס׳האָט אײַנצײַטיק אים געצויגן צו דער בלאָקייט, וואָס האָט זיך געעפנט אין די וואַלדישע דורכלויכטן. אַ ברכהדיקער דרויסן געווען און עס האָט אויפן באַרג אַרויף ווידער געבראַכט דעם יונגן גאַסט מילטשע. פרײדיק האָט שמעון אים אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס, באַלד זיך גע־נומען פאָרען אין דער טונקעלער קאַמער און ער איז פול געוואָרן מיט רייד:

— פײַן, וואָס איר זענט געקומען, ירחמיאל. ס׳איז מחיהדיק הײַנט. מירן זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן. הע, ווי מיינט איר?

בינו־לבינו האָט ער דעם גאַסט מהנה געווען מיט לעזשעלקעס, די קליי־נע שוואַרצהויטיקע פעלד־באַרעלעך וואָס צײַטיקן נאָר אין שטרוי און גיבן אָפּ מיט שאַרפן ריח פון האָניק און בראָנפן. אימפעט האָט געשוימט פון שמעונען. פון פאַרנטיקן צימערל, ווו ער האָט זיך אײַליק איבערגעטאָן, האָט ער אונטערגעטריבן דעם בחור:

— איר עסט, מילטשע? עסט, עסט, אַנישט וועל איך אײַך נישט מיט־נעמען.

שמעון האָט זיך געהנדלט און אַ האָפּערדיקער באַלד זיך אַראָפּגעלאָזן פון די הילצערנע טרעפּ. גענומען דעם גאַסט און געגאַנגען. געאַרעמט זענען ביידע אַרײַן אין די פאַרזשמורעטע, נײַגיריקע רחבותן. דער וואַלד איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען מיט רויש און באַשײַמפּערלעכע סודות. דער מערב האָט זיך שוין געגאָלדיקט אין אָפּשײַן פון דער שפּעטער זון. אָנגעלענט אָן זײַן שטעקן שפּרײַזט ער, שמעון, און שפּרײַזנדיק ציט ער מיט דעם ווילן מילטשע.

— קומט, קומט, כ׳על אײַך ווײַזן שײַנס. אַ, וואָס מיר פאַרמאָגן אויף די הויכקייטן פון וואַלד! אַ באַרג קען שרעקן, אָבער אַזאַ באַרגיקייט? זי האָט די גבורה פון שיינקייט!

שמעון האָט געוווסט דעם יופי פונעם קאַנט; דאָס שיינע דאָ האָט אים געלאָקט און עס האָט אים אויך געשראָקן, פאַרבאָרגענערהייט געשראָקן. די אויסטערלישקייטן פון אַלטן וואַלד האָבן אים אָנגעפילט מיט פחד. נאַכט־בילדער פלעגן אים אויפשווידערן פון די וואַלד־געשיכטעס, וואָס דער באַ־

יאָרטער לעמקע האָט זיך אַנדערצײלט פֿון זײ. מיט דעם בחורעץ װעט ער פֿון דעסטװעגן גײן טיפֿער אין װאַלד אַרײַן. ר׳עט אײַנשטעלן, — האָט ער זיך געמינטערט, נישט געװאָלט צולאָזן קײן ספֿיקות. געשפּאַנט און געצװיגן נאָך זיך יחמיאלן, מיט הונגעריקע אויגן געשלונגען דעם אַרום. ער גײט, דער כלומרשט שטילער װאַלד ליאַרעמט אים אין זײַנע געהירן און שמעון קלאַפּט מיטן שטעקן אַן דער ערד, קלאַפּט װי ער װאָלט דערװאַרט אַן ענט־פֿער אויפֿן מאָדנעם געפֿרעג פֿונעם שטעקן צום װאַלד: „קען מען דערגײן צום ראַנד פֿונעם סוד פֿון די סודות, װאָס הױערן אָט־אָ?"

זינט ער לעבט אויפֿן באַרג, גײט ער מיט אַ שטעקן, שמעון. דער שטעקן פֿאַרגרינגערט דעם גאַנג באַרג־אַרויף און ער מאַכט אים הימלען אין דער פֿלאָגעדיקער אײנזאַמקײט װאָס הערט נישט אויף צו גריזשען אין דעם־אַ אַרום. דער הימל העלט־אויף, ער רעדט מיט מילדקײט און דער װאַלד, ער דראָעט, ער מורמלט, סודעט זיך הינטער זײַן רוקן. אױ, פֿאַרנאַכטיק פֿויזעט אָקערשט די װאַלדיקע ערד, װי אַ שטעכלמויז האָרבעט זי זיך. איר װײסט, ירחמיאל, ס׳אי׳ נישט קאַ׳ שכל צו פֿאַרקריכן זיך צו װײַט, — זאָגט ער און דערשפּירט אין דעם װי ס׳פּנים נעמט אים גליען. זײַן קרענק איז עס װאָס ער שפּרינגט אויף פֿון פֿלוצלינגער שרעק און ער װיל אַנטלויפֿן פֿון דעם; עס גרוילט אים דאָס אַרויסצובערענגען אויף די ליפּן: — מיר׳ן ליי־בערשט פֿאַרקערעװען צו דער בריק. אין שטאָט איז הײמלעכער און די לופֿט איז אויך פֿריש. איר באַשטײט, מילטשע?

— װאָס פֿאַר אַ נפֿקא־מינה איז מיר? לאָמיר גײן, װוּ איר װילט, — צוקט דער בחור מיטן אַקסל און שוין קערן זײ זיך אום צו דער זײַט פֿון דער װײַסל. פֿון טײַך הײבט זיך אויף אַ געדיכטער נעפּל, ער שפּרײט זיך שװערפֿיסיק. װי אַ דורכזיכטיקער שלײער פֿאַרדעקט ער די װאַלד־ראַנדן, װאָס װײַטער פֿון דער בײמערשער ממשלה, אַלץ װײַטער, אַנטאַפּעװודיקער װערט דער נעפּל־שלײער, גלײַך צעהאַנגענע פֿויערן־לײַלעכער װאָלטן בײַן־השמשותדיק געבליבן גליװערן אין פֿאַרגעסענעם שװײַגן. װאָס װײַטער, אַלץ מער צעשװוימט די באַרגיקײט אין די קנוילן פֿונעם נעפּל. אָפֿן דאָס פֿרײַנדלעכדיקע מויל, ממש פֿאַרקלעפּט די אויגן, פֿאַרשטײַפֿט אָרעם אין אָרעם ציען זײ פֿאַרויס, פֿאַרויס. שמעון גײט, זוכט די שטאַפּלען פֿון זכרון און ציט נאָך זיך זײַן מיטגײער:

— אָט אַהער קומט, אַהער. כ׳דערקען שוין, מילטשע —

צי דער נעפּל האָט פאַרשלונגען די רגע פון אויפגעציטערטער שרעק, צי דער מוח איז פאַרשאָטן געוואָרן פון די פאַרטויבנדיקע קולות וואָס רײַסן אויף אינעם מענטשן ווי דינאַמיט, ווען ער דערשפּירט פּלוצלינג די שפּיציקייט פון גלי̇ענדיקן פּחד — ער באַנעמט גאָר נישט. ר'הערט אַ הויל הילכן פון דער צעשניטענער שטײַפער לופט; ער פילט נאָר — ער און אַוודאי אויך דער אַנדערער וואָס נעבן אים — דאָס אַרײַנזינקען אין אַ פּחד־דימדיקן אָפּגרונט. אַזוי האָט עס אַרײַנגעבליצט אינעם מאַרך, וועלכער איז כהרף־עין ווידער אײַנגעגראָבן געוואָרן אין שווערער פינצטערניש.

ביידן האָט איבערגעיאָגט אַ טראַנס פון ראַפּטעמדיקן אומלעבן, וואָס האָט גיך זיך געשטעלט אַקעגן זיי, די צעפּלעטשטע ווי איבערגעוואָרענע טייגן. רק טעמפּ צעגאָסענער ווייטיק הויערט שוין איבער די געזונקענע גופים. זיי האָבן גאָר נישט געדענקט, גאָר נישט געוווּסט, די אַנטשטומטע שמעון און מילטשע. הינטער זיי אַ זאַמד־אָפּריס פון אַ הויכן, הויכן באַרג און פאַר זיי — די גלעקלדיקייט פון דער דערנענטערטער שטאָט. מיט פיבערנדיקע פלעמלעך שפּיגלט זי זיך אויך — פּונקט ווי דער שווערפּיסיקער באַרג — אין דעם טונקעלן, שטיל־פּליעסקנדיקן טײַך. פון ווײַטלעכער פאַרגעסנקייט האָבן קראַמפּנדיקע יסורים מיט אַ מאָל אויפגעוועקט שמעונען:

— אוי! אוי! — האָט אינסטינקטיוו אים צוריק גערופן ס'לעבן. ער האָט געקרעכצט און קוים, קוים געקענט אָטעמען. — אוי, ווו בין איך?

אַזוי פּאַמעלעך, טראָפּנווײַז האָט ער דערוואַכט.

און איז שמעון שוין געווען געקומען צו זיך, אַנטפּלעקט אַרום זיך, אין זיך קנופּן מטושטשע ווייטיקן ווי אומגעהײַער אָנגעוואַקסענע בײַלן און ס'האָט נאַכטיש אויפגעליכטיקט אין מוח, איז ירחמיאל נאָך געלעגן אָפּגעוואָרפן אין אַ הינערפּלעט. ער איז אויפגעקומען שפּעטער אונטערן אומאויפהעריקן טעמפּן האַמערן אין די שלייפן. פאַרשפּעטיקט, אָבער פאַרעקשנט האָט אויך בײַ אים אָנגעקלאַפּט דאָס נאָענט־ווײַטע רופן, זײַן דערוועקט רופן:

— גאָאָאָ־אָאָאָ־רײַ־יי־ייי — — עס ברענט!

זיך צוגעהערט דערצו ווי עס וואָלט אויף אים געגאַנגען אַ חלום אַ קלעפּיקער, האָט ירחמיאל זיך אָפּגערופן פרעמד, נאַכטיש אויף דעם מבולבלן קול וואָס האָט ווי אַ נישט־דאָיק באַשעפעניש געטראָטן נעבן אים: — ווו־וווּעער איז?

— גאָאָאָ־אָאָאָרררײַ־יי!

ערשט האָט מער זיך אויסגעצויגן דער תהומיקער רוף און ער ציט ווי אַ פלאַם אין ווינט. ס׳גאַנצע לײַב זײַנס שפּירט ער שטייניק שווער, נאָר ס׳פּנים, די נאָזלעכער זאַפּן אײַן מיט זשעדנעקייט די אַנטקעגנדיקע פּײַכט־קייט פון אָוונטיקן טײַך און אַ געלעכטער סמאַליעט אים להכעיסדיק. האַ־האַ־אַאַ! און נאָך אַמאָל גיט עס אים אַ שלעפּ: — גאַאַאַ־אַררײַ־רײַ־רײַײַ!

— ווע־ועע־ער אי־י־ייין?

דער פאַרעקשנטער רוף הערט נישט אויף ברי׳ען, צוקן די טונקלקייט.

— שמעון? — האָט דער י׳ינגערער מיט אַ מאָל דערשפּירט זײַן ווייטיק אַ ממשותדיקן און — אַ ציטער געטאָן גלײַך ער וואָלט פון ס׳נײַ געהימלט איבער אַ וואָקלדיקן תהום. אַ רגע לאַנג אויסגענײַגט זײַן געהער און אָקערשט פאַרנומען דאָס געשריי אַ פינצטער־צעקאָלטנטס, שוין אַ נאָענטלעכס. אָקערשט באַנומען זײַן אייגענע צעטומלטקייט און ער פרעגט דערשראָקן דעם פאַר־בלאָנקעטן קול, וואָס האָט מורא צוצוגיין צו אים:

— ווער איז דאָ?

— אי׳עך, — הערט זיך אַ גרילץ או ס׳נייגט זיך צו אַ טעם אַן אומ־היימישער.

און אין מוח האָט אַ צויט פון אַ קראַנק פלעמל זיך אַרויסגעקראָגן פון דער אָנגעשאָטענער פינצטערניש: „ווער אי׳עך?" אײַנגעהאָרכט זיך אין דער אומבאַשטימטקייט פון די צעוואָקלטע קלאַנגען און אַרויסגעקרעכצט: אוי! אוי! דערנאָך האָט זיך שוין געוועקט דער קלאָרנדיקער באַוווסטזײַן:

— גוואַלד, ווו זענען מיר?!

אָ, ער דערמאָנט זיך שוין. און ווי אַ טרייסט וואָס אויפגעגראָבן אין זיך דערהערט אַן ענטפער, וואָס האָט זיך פון ערגעץ צוגעקוליעט:

— כ׳ווייס נישט.

גאָלע פאַרגעסנקייט וועקט זיך, פלעמלט, יסורים האָבן דערברענט אין לײַב. נישט שמעון האָראַנטשיק און נישט ירחמיאל גרינשטיין האָבן באַנומען, פון וואַנען זיי קומען אַהערצו און פון וואַנען עס טראָגן זיך די ערשט קאַ־פויער־געקומענע אויסטערלישע ריחות פון פיש און זומפּ. פּאַמעלעך עפנט זיך די וואָרע אָוונטלעכע לאַנדשאַפט — די ווײַסל מיט די פליעסקנדיקע כוואַליעס, די פלאַטשיקע שטיבלעך צופוסנס דעם אָנגעיאָזשעטן באַרג. פּאַ־וואָליע, ווי נאָר וואָס אויפגעקומען פון חלשות, איז קלאָר געוואָרן אַז נישט פון זיי לאָכט דאָ צעלאָזן ס׳יונגוואַרג. ס׳אַן אויסדאַכטעניש דער להכעיס וואָס איז געבוירן פון זייערע יסורים די אומפאַרשטענדלעכע.

— שמעון? — בראָדזשעט דער אַנדערער אין פאַרפּאַלענעם געדעכעניש.
— יאָ, — הערט ער זיך אַליין צו מיט נײַגיר צום ציטער פונעם קלאַנג
— ירחמיאל?

און וועקט זיך דער מוח, ווייטיקן מער די גלידער. ער ליגט, שמעון, אין דער ווירקלעכקייט פון נעציקן זאַמד און שפּירט שווער זײַן לײַב, וואָס ס'איז אוממעגלעך אים צו באַוועגן. דאָס קרעכצט ער ווידער און ירחמיאל טוט ס'נעמלעכע. ביסלעכווײַז דערווײַשן ביידע די אומגעהײַערקייט פונעם באַרג וואָס איז אַרומגעוואָקסן מיט נאַכטישן לויער. און פאַרויס קאַטשעט זיך די שטאָט...

פּאַמעלעך קלאָרט עס זיך; זיי זענען געפאַלן, פּלוצלינג אַראָפּגעזונקען אין תהום, ווען געגאַנגען פון שפּעטאַל דעם וואַלדישן ישוב. זיך אַ וואַקל געטאָן אַ גרודע באַרג־זאַמד אונטער די פיס. יאָ, עס דערמאָנט זיך שוין. געשטעלט זיך ביידע אויפן רוקן פון שפּיץ טורעם, אָנגעלענט זיך אויפן שפּינגעוועב פון דעם שטעקן, שמעונס שטעקן וואָס איז אויסגעסוכניעט פון זײַן קלערן און טראַכטן.

— כאַ־כאַ־כאַאַ, נעפּל — אַ נעפּל דיר אין קאָפּ אַרײַן! — — אומגעריכט האָט מילטשע שטיפעריש־להכעיסדיק זיך צעכיכעט אַקעגן די יסורים פון אייגענעם לײַב און יענער, דער עלטערער, האָט כמורנע זיך אָפּגעבייזערט:

— דער לאָבוז!

5

— האַלאָאָ! האָאָ־לאַ — —
— שווײַגט נאָר, מ'גייט!
און אָנגעשפּיצט ס'געהער.

איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן אין די צוויי בעטן, וואָס אין אייבערשטן וואַלדיקן דירהלע, האָבן ביידע צעקאַליעטשעטע ביטער געלאַכט.

— מ'רײַט שוין אַהער אויף די כמאַריקע ציגן, וואָס פּאַשען זיך אויף שפּעטאַל דעם באַרג, הע?

— ס'אַ נס, וואָס אַ העלפאַנט האָט זיך נישט געפּאַשעט על שפת הווײַסל. אַזאַ שטיקל שמעון וואָלט ע ר אין גאַנצן פאַרשלונגען און אַדיע מיט אַלע ראָמאַנען!

די אייגענע יסורים צו פֿאַרטרײַבן, איז געווען דער חוזק, נאָר שמעו־נען האָט עס שטאַרק געאַרט ווי מ׳וואָלט אים געגראַבלט מיט אַ שטרוי אין די אויגן.

— נחמהלע, דער שקאָץ טשעפּעט מיך!

— שאַ שוין, קינדער! מ׳גייט, צ׳הערט? דער אַלטער לעמקע רעדט אונטן מיט מענטשן וואָס גייען אַהער. ס׳הילכט נאָך ס׳רופן אין אונטיקן וואַלד. דער האַלאַ האָט געמיינט אונדז. לײַט האָבן זיך שוין דערוווּסט וואָס ס׳געשעען. דער אַלטער רעדט, הערסט, שמעון! — שטרענגט זי אָן דאָס געהער. גייט, גייט, עצהט ער עמעצן — דער שכן אויבן האָט צעבראָכן אַ האַנט העכער פֿונעם עלנבויגן, זאָגט ער. אַלץ ווייסט דער אַלטער! אָן אומגליק, אַן אמת־דיק אומגליק, רעדט ער אַרײַן אין די מענטשן, ער רעדט שטיל, אָבער דער וואַלד איז נישט סובל די קאַפּריזנע זיקנה — ס׳רעדט לעמקע מיט דער פּיפּקע אין מויל, צעטראָגט ער, דער וואַלד, דעם אַלטנס קול מיט אַ פֿער־דיישער הילכיקייט. זיכער, שמעון, גוטע פֿרײַנד קומען. איך דערקען שוין שטימעס פֿון אייגענע. זעסטו, מ׳איז שוין געווויר געוואָרן אין שטאָט!

— האָאָ־לאַ־אָ!

ווידער דערטראָגט זיך פון דער דרויסנדיקער אויסגעהוילטקייט דאָס רופן ווי פון באַרג־קלעטערערס; דאָס קול קומט צו רײַטן נעענטער, נעענטער:

— האָאָ־לאַ, איר זעט מײַן צייכן? קערט נישט אָפּ אין אַ זײַט. אָט איז אַן אָפּריס. אָט־אָט, ערשט קומען קוסטעס, צונויפגעקאָרטשעטע אַרום דעם אָפּ־ריס. געלאָסן, אַ טריט נאָך אַ טריט!

דאָס נאַכטיש־לײַכטנדיקע פֿענצטער אויפֿן באַרג איז געשטאַנען ווי אַ ים־לאַמטערן אין דער אַרומיקער פינצטערניש. דער באַרג איז אָנגעשוואָלן מיט רוגז און דער וואַלד וואָס ציט זיך אַוועק ווײַט, ווײַט, האָרבעט זיך מיט דראָענדיקע, וואָרענענדיקע סודות און פּחדים פון יאָרהונדערטער. געצויגן זיך איבערן שיטער וואַלדיקן שיפּוע האָבן די פרײַנד פון דער יוײַטלעכער שטאָט אין מיטן חושך זיך אַריבערגעוואָרפֿן מיט קאַלעמוטנע רייד וועגן דעם באַוווּסטן מחבר און וועגן סימפּאַטישן בחורל מילטשע: — אַן אויס־טערליש אומגליק. ס׳ינגל איז נאָך דערצו אין דער פרעמד! אין אַזעלכע נעפּלען געשעט טרויעריקס אויך אין שטאָט. פערד ווערן מבולבל אין די דישלעס, מענטשן זענען אויסגעשטעלט אַליין צו פאַרקריכן אין גריבער אַרײַן און צעברעכן האַלדז און נאַקן. אין די בערג איז מער סכנותדיק. די ערד איז גליטשיק און די אָפּהאַנגען זענען שאַרף. — — די שרעק פאַרן

געשעענעם האָט די קלעטערערס אַרויף־באַרג צו האָראַנטשיקן, פאַרהאַקט דעם אָטעם, זיי האָבן זיך געשטרויכלט אויף פּיעניעס, אויף אומדערוואַרטע צווייגן. האַלאַאַ, — האָט דײַטלעכער שוין זיך דערהערט הינטערן אָנגע־ליכטיקטן פענצטער די שטים פון הויכפּיסיקן אַרטשע הילדעסהיים, האַא־לאַ — איז אָט־אָ געלאָפן פאַרויס דער דיקלעכער זײַנוול כזשאַנסטאַווסקי, דער קורצער, קרומפּיסיקער שאָטאַן האָט געצונדן שוועבעלעך אין מיטן דער קנוילּיקער וואַלד־פינצטערניש, געטאַפּט די שטאַמען, באַדאַכט צעטראָטן מיט די פּיס די פונקען פון די פּאַפּיראָסן, וואָס אַליין געררייכערט און גע־צויגן נאָך זיך די פרוי, וועלכע האָט אים נאָכגעאײַלט אַ פאַרסאַפּעטע פון שלעפּן זיך איבער די אומזיכערע שטעגן: — געלאַסן, געלאַסן, מרימלי!

נחמה האָט זיך שוין אַרויסגעבויגן פון צעעפנטן פענצטער. זי'ט אַראָפּ־געשריגן: — אַר־ו־, ס'אַר אַ גוטע מענטשן! — און צוגעאײַלט זיך צו דער טיר, וואָס איז פאַרהוילן אין דער טונקל פון קאָרידאָר אַנטקעגן די משופּע־הילצערנע שטיגן: — ס'אַזאַ פינצטערניש, — האָט זי געמורמלט — מ'דאַרף ענדלעך אַרויסהענגען אַ לעמפּל, — און מער צעפּראַלט די טיר.

באַלד זענען פול געוואָרן ביידע צימערלעך. געקומען אַ כאַפּטע פרײַנד און מיט זיי אַ היימישער דאָקטער.

— דאָקטער, גיט אַ קוק, דאָקטער, וואָס פאַר אַן אומגליק ס'איז מיר געשען, — און דעם קאָפּ אויסגעקערט צום בעט ווו דער צענהרגטער שמעון איז געלעגן אין פּלוצלינגער אַנטשוויגנקייט. נחמהלע האָט טרעריק זיך דערנענטערט צום שטילסטן, דעם רו‌יקסטן פון דער כאַפּטע, וואָס האָט זיך מיט געוויינטלעכן רעש אַרײַנגעשאָטן אין די אייבערשטע צימערלעך, ווו ס'איז געשטאַנען אַן אָנגעקנוילטע דאָרפישע וואַרעמקייט.

— געדולד, געדולד. דער הימל איז חלילה נאָך נישט אַראָפּגעפאַלן. און דער באַרג שטייט ברוך־השם אויף זײַן אָרט. ס'עט גוט זײַן, פּאַני, — האָט דער דאָקטער געוויגט דעם שטערן און די אַנדערע געסט האָבן נחמה־לען ליבלעך אָפּגעשטויסן, געטרייסט:

— געקומען דער דאָקטער, ס'זענען דאָ אייגענע. נאָר נישט פאַרצווייפ־לען.

דאָקטער פוקס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרינאַרקע, דערנענ־טערט זיך דאָ צו דעם בעט, דאָ צו יענעם. ביידע בעטן, וואָס אין צימער זענען געווען פול מיטן אומגליק וואָס געטראָפן אומגעריכט. — אַך, אָך, ווי

אָנגעשוואָלן, — האָט ער געברומט אַן אָנגעבויגענער צו די חולאים. — שאַ, שאַ, נאָך אַ ביסעלע — און זיי באַטראַכט. — אָט אַזוי, נישט געפערלעך!

און כאָטש „נישט געפערלעך", האָט דער דאָקטער פאַרדריקט די ציין, אַראָפּגעריסן די העמדער פון די אָנגעלאָפענע אָרעמס, כדי די געניזוקטע ווינציקער ווי צו טאָן — בײַ שמעונען איז די רעכטע האַנט צעבראָכן העכער פונעם עלנבויגן, מילטשען — דער האַלדזביין צעקרישלט, — האָט ד"ר פוקס באַזאַכט, מיט אַ פאַרקרימט פנים, זיי פאַרבאַנדאַזשירט און געזאָגט ווי אין באַפעל: — הײַנט וועט מען זיך מוזן באַנוגענען מיט דעם. ס'עט גוט זײַן, נאָר געלאַסן. געבן זיי טרינקען געצוקערטן טיי. מאָרגן באַלד אין דער פרי אין שפּיטאָל אַרײַן, געהערט?! אַנדערש קען מען נישט, מײַנע פרײַנד. אין שפּיטאָל וועט מען קענען עפּעס טאָן, — און זיך אָפּגערוקט פון די בעטן.

אַלע האָבן אַליין זיך ווי פאַרשפּאַרט די מײַלער כדי נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ פרעג. דער דאָקטער האָט עטלעכע סעקונדעס זיך אײַנגעהערט אין אויסקלאַנג פון די אייגענע רייד און דערנאָך שוין געלאָזט וויסן דער שטוב, וואָס איז געווען אָנגעשפּיצט דאָ אויף די בעטן, דאָ אויף די אײַנגעזאַמלטע, וועלכע האָבן זיך געבלענדט די אויגן אויף דער קראַנקער בלייכקייט וואָס האָט זיך צעפלאַטערט איבערן חלל:

— ס'עט זײַן אַל דאָס גוטס, ליבע פריינד, — האָט דער דאָקטער איבערגעחזרט און געשפּירט זיך געקווענלט אין דעם אייבערשטן שטיבל.

6

אין דער פרי האָט אַ פויערישע פור אויסגעבעט מיט שטרוי, געפירט איבער דער ווײַסל־בריק איין חולה און הינטער איר — אַ צווייטע פור מיטן אַנדערן חולה, ביידע אײַנגעטונקען איבער די אַקסלען אין האַרטן שטרוי. בלויז זייערע פנימער זענען געווען אָפּגעדעקט. באַגינענדיקער פראָסט־טוי האָט שוין זילבערדיק אָפּגעווײַסט דעם הילצערנעם פאָרוועג איבערן גרויסן טײַך. פאַרע האָט זיך געטראָגן פון די פערדישע נאָזדרעס און שטוינענדיק בלייך האָט זיך געשפּרייט דער פלאַכער הימל פון וולאָצלאַוועק דער שטאָט מיט אַ מעכטיקן קאָשטשיאָל־טורעם און אַ וויאַנעדיקן פוסטן פאַרק אַרום פריציש־געמויערטע שטיבער פון גלחים, נאָנעס און רײַכע קופּצעס. און האָט

מען אַרײַנגעבראַכט אין שפּיטאָל די שווער צעקאַליעטשעטע — דאָס אײַ־זערנע טויער האָט זיך פאַרמאַכט הינטער די מגושמדיק טרעטנדיקע פערד — האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט געפירט צום קראַנקנ־בעט. איבערגעזעטיקטע פון טרויער האָבן די אַלע תושבים פון שפּיטאָל, די אין לאַנגע כאַלאַטן, פאַראיבלדיק זיך צערעדט איינס קעגן ס׳אַנדערע און זיפּצנדיק זיך געוועדט איבער אַ נײַס קעגן די קרענק וואָס האָבן זיך אָנ־געזעצט אויף זיי: — נישט גוט, חברה, דאָ אַהער זיך אַרײַנצוציִען. ביטער גאַל. טייל האָבן פאַרדרייט די אויגן, ווען זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי די אַרײַנ־געקומענע זענען געפּעקלט אין באַנדאַזשן. הויך אויפן קול האָבן די פאַר־זשאַווערטע לײַט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעקומען פון אַ הקדש, זיך איבער־געוואָרפן:

— יאָלדן, געלאָזן זיך פאַרנאַרן אַהער!

— פון צירק די אַרטיסטן זענען דאָס, בראַטשעו! פון שפּרינגען קומט קיין גוטס נישט אַרויס.

— ס׳איז אומעטיק אין שטאָט פון דער שיינער ווײַסל, קומט אַ צירק פריילעך מאַכן די מענטשן. יאָ, בראַטשע קאַכאַני. און פון אַזוינס קומען אַרויס אויף ברעך, ווי דאָס־אָ! — און מיט אַ דײַטלעכן קאָפּשאָקל אָנגע־ווונקען אויף די נײַע פּאַציענטן פון שפּיטאָל.

אַז די פרישע אַרײַנגעבראַכטע חולאים זענען טאַקע די צירקאָווצעס, האָבן די וואָנסיקע שפּיטאָלנע לאַנג־אײַנגעזעסענע לײַט אַ גוטע ראיה: די ווילדע לענגלעכע האָר אויפן האַלב־אויסגעקראָכענעם שאַרבן, וואָס קלעפּן זיך צו שמעונס שטערן און די העזהדיקע טשופּרינע פון דעם יִנגערן. אַ קאָכאַנעק אַוודאי פון די צעלאָזענע צירק־מוידן, — פּאַסמאַקעווען זיך די שפּיטאָלנע שטאַמגעסט און זיי לאָזן ס׳מויל אין די פּוסטריט פון דער צע־שוימטער פאַנטאַזיע.

... מיט וואָכן שפּעטער זענען ביידע אַרויס פון שפּיטאָל מיט געדריקטן געמיט. אויף באַנדאַזשן אונטערגעהאָנגען זענען נאָך געווען זייערע קראַנ־קע הענט — אָבער מילטשע האָט זיך געבריקעט אַקעגן די נײַע פרײַנד, וואָס האָבן אים געצערטלט, דאָס יִנגל, ווײַל ער האָט ערשט דערשפּירט ווי ער איז פאַרוואָרפן אין דער פרעמד:

— אָקערשט האָב איך דעם סך־הכל: דער אָרעם און אָרעם איז אַ קופּע מיסט, — האָט ער זיך צעטענהט. — נישטאָ צו וואָס זיך צו לאָזן אין גע־וועט מיט משוגענע שוועריקייטן. אין דער היים איז פינצטער־גליטשיק,

אין די ערגעצן טרעפסטו נאָר מכשולים. בעע, ס׳שענער דער סוף, אויב ער קומט באַצײַטנס. די עלטער איז באמת נישט קיין מציאה, נאָר אַ קללה. בעסער פריִער אײדער צו וואַרפן זיך פאַר יענעמען ווי אַ שמאַטע. זיכער, די וועלט באַשטייט נישט מיך צו נעמען אַ לאַמען אויף אירע הענט. וואָס, צאַצקען זיך מיט אַזוינעם? די מענטשן וואָס האָבן עס געהערט איין מאָל און אַ צווייט מאָל, האָבן אויף אַן אמת גענומען זיך שרעקן פאר א מעשה־רע וואָס דער בחור קען אָפּטאָן דאָ־אָ.

— און איך, אַפילו אַ קאַליקע, וויל אויכעט לעבן, — האָט פון שמעו־נען אַרויסגערעדט אַ בפירושער צו להכעיס. — מיך האָט דער קונעפּאַל פאַרפושט, אויסגעקרימט מיר די האַנט, פון דעסטוועגן ווילט זיך נישט פוילן אין דר׳ערד. ס׳צײַט צו דעם אַלע מאָל. אָסור, כ׳על זיך נישט לאָזן!

אין אמתן איז שמעונס צעבראָכענע האַנט געווען שלעכט אײַנגעגיפּסט, קרומלעך אַרײַנגעוואַקסן אין עלנבויגן. טאַקע געבליבן אַ קאַליקע, נאָר ווי פריִער פאַרעקשנט האָט ער זיך צוגעשמידט צום טיש, געאַרבעט פּויעריש, מיט פלײַס און עפּטערס אַרויסגעקוקט אַז נחמהלע זאָל קומען, זי זאָל מאַכן ליכטיק אין הויז, אַנישט איז ער איינער אַליין געזעסן אין דער אָוונטיקער שטוב אַן שײַן און געוויינט. שמעונען איז געווען אומעטיק. די שווערע יאָרן פון זײַן יוגנט האָבן אים ערשט געהאַלטן אין זייער מאַכט. ס׳קנאָפּע גוטס פון אַלע צײַטן זײַנע איז ער געווען להוט פון ס׳נײַ אויפצוצילייען אין די שעהען פון זײַן ענגשאַפט, ווי אַ הונגעריקער איז להוט אַ זעטיקן ביסן. אַן אומגע־זעטיקטער מיט צוריקגערופענע בילדער, האָט ער בײַם טיש זשעדנע געשעפּט פון אייגענעם געדעכעניש און עס אַרײַנגעסדרט אין שפּײַכלער פון זײַן ווערק. די ברייט־בייניקע האַנט, וואָס איז אים קראַנק געווען, איז אין דער אַרבעט ווידער געזונט געוואָרן, כאָטש קרום זיך געהאַלטן אין גליד. זיבט דעם פאַלן פונעם באַרג אַראָפּ, האָט די פען אין שמעונס האַנט געשריבן מגושמדיק, צעפּאָרן ווי מ׳קען שרײַבן מיט אַ קלאָניצע אויף געווירעט פּאַפּיר. קאַטשערעס גרויסע, אומגעלומפּערטע, פלאַטשיקע און צעוואַקלטע זענען די אותיות אַרויס פון זײַן פען, נאָר וואָרעם, ליכטיק איז געווען דאָס געמעל פון וואָרט וואָס האָט געטרײַ געשילדערט מענטשן, געמאָלן זייערע געדאַנקען. דער שרײַבער מיט דער צע־קרימטער האַנט האָט דעמאָלט פאַרפאַסט דאָס נײַע בוך און עס אַ נאָמען געגעבן „דער מענטש אויפן באַרג״.

אָבער אין אמתן האָט שמעון אין יענער צײַט זיך שוין אַראָפּגעקליבן פונעם באַרג. די שרעק פאַר פאַלן נאָך אַ מאָל איז אים געוואָרן אַ שווערע מורא וואָס

איז אויף אים געגאַנגען פֿונעם אַלטן וואַלד אין דעם דאָרף שפּעטאַל. נישט־גוטע רוחן אַרום אין די־אָ טונקלקייטן, האָט אים אויסגעוויזן.

דאָס איז געווען אין יאָר, ווען יוזעף פּילסודסקי דער זעלנער איז מיט מרידה אַרײַן אין וואַרשעווער בעלוועדער. דאָס טופּען פֿון אַרמײַישע קאָפּי־טעס האָט אָנגעוואָרפֿן אַן אימה. די מהומה האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן פּוילנלאַנד און עס האָט נישט אויסגעמיטן דעם ישוב ווו ס׳האָט געהויזט שמעון דער געוועזענער קלייטניק, וועלכער האָט מיט אייפֿער ערשט זיך אונ־טערגעטויכט אין ווייטיקלעכע זכרונות פֿון די אייגענע יונגע יאָרן און זיי אָנ־געקליידט מיטן בילד פֿון זײַן באַלעבטן רעיון. אַלטע פּחדים זענען אַרומ־געגאַנגען אין זײַן געדעכעני׳ש און די נײַע האָט ער ערשט באַדאַרפֿט בײַ־קומען למעשה. איבערגעקומען די בהלה פֿון דערוואַכטן פּוילן, וואָס האָט פֿאַרשרומפּן זײַן האַרץ, זענען שמעונען, וואָס האָט זיך געהאַט פֿאַרקליבן אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטאָטיש געסל, דערנאָך באַשערט געוואָרן אַנדערע שרעקן, אַזש ער האָט ציטעריק זיך צעיאָמערט:

— נחמהלע, וואָס לאָזסטו מיך אַזוי אַליין! נחמהלע, — האָט ער זיך געקריגט מיט איר אָפּבילד וואָס האָט זיך געשאָטנט פֿאַר אים — כ׳על דיך מער נישט אַרויסלאָזן אין שטאָט אַרײַן! — גערעדט צו איר און זי איז נישט געווען אין שטוב.

פֿאַרטאָן אין זיך, דער איבערגעשראָקענער שמעון, האָט ער דאָך גע־ציטערט פֿאַר דער וואָר, אָבער ר׳האָט נישט באַנומען דעם ערנסט פֿון דער נײַער שרעק, וואָס איז אין גיכן מיט געקאָוועטע שטיוול אַרײַן אין דער שטילער שטאָט זײַנער. ס׳איז אָנגעשטאַנען די שעה, ווען די דײַטשן האָבן גורלדיק באַזעצט דעם ווײַסלשן ישוב וואָס צופֿוסנס דעם וואַלדיקן דאָרף שפּעטאַל, ווו ס׳איז אַנומלט אין שמעונען דעם מחבר געבוירן געוואָרן זײַן ערשטע אויפֿטרייסלענדיקע שרעק.

באַוויזן זיך דער שונא, שמעונס קינדעריש צעפּויקטע האַרץ האָט עס שאַרף באַנומען אין זײַן שטוביקער באַהעלטעניש און ער איז מיט אַ מאָל פֿאַרזונקען אין אַ נעפּל פֿון נישט זען. ניין, דער פּחד האָט ברייט צעשפּאַרט די אויגן, אָבער די ראיה דעם מענטשנס, וואָס איז להוט די גאָרע שיינקייטן, איז ראַפּטעם פֿאַרשלעפּערט געוואָרן, אויסטערליש פֿאַרטעמפּט זיך אויף די באַרגיקייטן און טאָלן פֿון דער געגנט. אַ מאָל זיך איבערגעוועקט אַנט־קעגן די אָנגעשטיינערטע פּחדים, האָט שמעונס פּלוצלינגדיק רופֿן צו נחמהלען זיך שוין נישט געכפּלט אויפֿן ווידערקול פֿון דער באַקענטלעכער, דראָענ־

דיקער שטילקייט. ער האָט ווי אַ פּאַרטויבטער בלויז באַוועגט מיט די ליפּן, טיף אין זיך אַריינגעמורמלט, כאָטש ס'איז געווען שווער צו דערהערן. ער האָט זיך שיוער, טעמפּ אָנגעהויפּנט אויף אים ווי אַ באַרג.

„טאַקע, דער שונא איז אין שטאָט!" — האָט ער זיך געבראָכן די הענט און די אויגן זענען אים קינדיש פֿאַרלאָפֿן.

...אַ פֿאַרלוירענער האָט שמעון דערנאָך געזוכט איבער די פּחדימדיקע וועגן אַ וועג פֿאַר זײַן אַנטרינונג.

ליבשאַפט

אַ גאַנצן ווינטער האָט יאַן קאָשיצאַ זיך אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג. יעדעס יאָר איז דער ווינטער אַ שווערער, טרויעריקער ווי דער זומער, ווען די וועלט גינגאָלדיקט. זי הילכט און איז לײַכט אויף די פיס. במשך דער לאַנגער צײַט פון פוסטעפאַסטעווען האָט יאַן אַפילו זיך שוין אָפגעוווינט פון טראַכטן צי ער וועט ווען עס איז קריגן אַרבעט אויף אַ געבײַ. פאַראַן אַזוי פיל אַלטע לײַט מיט געניטשאַפט אין דעם פאַך, אַז אַ יונגן איז נישט גרינג אָנצוקומען אויף אַ בודינעק*. די מאַמע טיילט אים אויס היפש מוסר און זי רודפט אים ממש. דערפאַר האָט ער זיך שוין צוגעוווינט צום שעלטן דער מאַמעס. זי טשעפעט זיך, ווײַל זי מוז אים, אַ צוואַנציק־יאָריקן, געבן צו עסן ברויט פון איר האָרעוואַניע, וואָס זי טוט מיט אויסגעקרימטע קנאָכיקע הענט פון וואַשן וועש אין פרעמדע הײַזער. די קללות און זידלערײַען פון דער אַלטער האָבן אים רעכט שוין נישט געטראָפן. עלעהיי אַ פאָפוגײַ פלוידערט. „זאָל זי זיך קילן", — און ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרויפ־פאַלן אַ צעקאָכטער אויף דער אַלטער, וועלכע קריכט אים כסדר אין די געדערעם אַרײַן מיט ווערעמדיקן צאָרן. אַלע מאָל, נאָך דער מאַמעס אויסגיסן דעם באָך אויף אים, פלעגט ער אַוועק צו זײַן חבר וויקטאָר האַנעקע, אויך אַזאַ וואָס ווערט אויסגעריסן ווי ער. אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר וויקטאָרן מיט טרוקענע מאַנצבילשע טרערן, מיט אמתדיקן געקלאָג:

— ס'ביטער, ברודערקע. כ'וויל מער נישט אַהיים גיין. איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַנישט וועל איך זיך נישט קענען אײַנהאַלטן, — זענען די קאַנאָפּלענע האָר אים געקראָכן אין די אויגן אַרײַן. — די אַלטע פײַניקט. רק זי בראָקט מיר אויף מיטן פאַרשטאָרבענעם טאַטן, אויב איך רײַב מיר

---

* אַ נײַע געבײַדע.

נאָר איבער די ציין. „דער טאַטע דײַנער, — ליאַרעמט זי מיט רציחה — איז אויך געווען אַ וויסטע זאַך". „אַזאַ פּגירה ווי ער, — טומלט זי, — האָט ער מיר נאָך געלאָזן זײַן בענקאַרט. סאַמע הויזן, סאַמע וואַנצעס און אַ טריפה גאַרגל איז דאָס געווען", — זשאַלעוועט זי נישט אַפילו אַ טויטן, די יוכע.

דער חבר, האָט קאַשיצאַ דערוואַרט, וועט אים געבן גערעכט, ר'וועט האָבן מיטלײַד אויף אים, אפשר מיטנעמען צו זיך אַהיים אויף אַ פּאָר טעג, אַבי די קלעמפּע אַנצולערנען מיט אַליינזײַן אַ שטיקל צײַט. הייבט זיך נישט אָן — וויקטאָר איז געווען האַרב צו אים.

— יאָמער נישט, יאַן. הינט סקאַמלען אַזוי ווי דו! דײַן מאַמע איז אַ באַליידיקטע ווײַבספּאַרשוין. שווערע קריוודעס האָבן זי דערדריקט. די היים וואָס געהאַט, איז געווען אַ צרהדיקע, דערנאָך, זי האָט געקראָגן אַ מאַן, פּלעגט ער זי ממיתן און ערשט פּײַניקט זי זיך מיט דער בידע און דו ביסט אַ גרינגע לאַטע אויף דער שוואַרצער בידע דער מאַמעס. דערצו איז זי אָן ליבע, לאַנגע יאָרן אָן ליבע און זי מוז עס האָבן, אַנישט שטורעמט אויף פון איר אַ שטיק משוגעת, זי קריגט אינעווייניקדיקע קלעפּ איבער די גע־הירן. יאָ, אַ לעבעדיקער מענטש קען נישט אויסקומען אָן ליבע, באַנעמסט? דײַן טאַטע פּלעגט איר תמיד דערלאַנגען איבערן שיידל — ווער ווייסט עס נישט, יינגל! קיין מאָל נישט געלאַשטשעט און זי האָט אויף אים נאָך גע־אַרבעט. מיט אַ פול האַרץ ביטערניש איז זי באַשלאָפן געוואָרן פון אים. אָן אָרנטלעכע האָט זי זיך צוגעבונדן צום מאַן, אָפּגעגעבן אים ס'פאַרדינסט וואָס געקראָגן פון איר פּראַצע, אָבער ער'ט אַלץ פאַרטרונקען און, יונגער־הייט זיך אַוועקגעפּאַקט אויף יענער וועלט. אַ געטרײַ ווײַב געווען, נישט געפּעלשט אין מאַן, און אפשר נישט געקענט אָפּגענאַרן, ווײַל שטענדיק אין שווערן יאָך. ס'בלוט, יאַנעק, ברענט אין מענטש אויב עס קען נישט אָפּ־שטראָמען, און ברענענדיק ווערט דערפון גאַל. אָן ערלעך ווײַב דײַן מאַמע. דערפאַר, יאַנעק, שפּריצט זי אָקערשט מיט קללות. זי וויל עס נישט, נאָר דאָס צעטאָרעט זי און דיר פאַלט דאָס אין הײַפּטל קרויט אַרײַן, פאַרשווין איינער. מעגסט אַליין אויסגעפינען פאַר וואָס דײַן מאַמעלע קריכט אָפּט אַזוי פון דער הויט. און זי איז נישט אַזאַ אַלטע! קלאָג זשע נישט. איר איז ערגער. וועט'ט זיך ערשט אומקוקן אויף אָן אויסגעדייווערטע פרוי? דו ביסט יונג, דו האָסט ליבע ווען דו באַגערסט — די מאַמע זעט אין דיר די מפּלה פון איר וויסט בענקען און קרענקען פאַרן מאַן, וועלכער האָט זי איבערגע־

לאָזן מיט אַ זון אַ פרעסער און אַ קנאַפן טרייסטער אויפן צוריקקום פון אַ פלעמל לעבן וואָס ס׳איז כדאַי פאַר דעם אַוועקצוגעבן אַזוי פיל האָרעוואַ־ניע. דיר איז ווויל — דו קריגסט אַלץ, סײַ די פרעס סײַ ליבע; די אַלטע דײַנע שטייט פאַר אַן אויסגעטריקנטן ברונעם. זי פראַצעוועט, דער שקראַב, און קען נישט באַנעמען די כאָליערעדיקע צײַט: נישטאָ קיין אַרבעט און נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן, אויב די קעשענע איז ליידיק. קענסט זיך דען אַרײַנכאַפן אין אַ קינאָמאַטאָגראַף מיט אַ טרוקענער האַנט? מ׳וועט דען אויפ־שטעלן עפעס אין קנײַפע אַז ס׳עט אַרײַנקומען אַזאַ לאַכודרע? ס׳איז אמת, אָבער בעטשע נישט, יונגאַטש. נעמסט צו דער אַלטערס ברויט, זופסט איר קרויטבאָרשטש, דערלאַנג איר כאָטש אַ גוט וואָרט פאַרן קאָכן, פאַר דער מי. באַדאַרפסט פאַרשטיין, יאַן: אַ מענטש וויל תמיד עפעס. פאַר דעם וועלעכץ לויפט ער דעם טײַוול אין פנים אַרײַן. די אַלטע האָט געוואָלט דעם מאַן, פון אים געליטן קלעפ, אין די סאַמע קלעפ מאָדנע זיך צוגעבונדן צו אים און אַלץ געבליבן דאָרשטיק נאָך ליבע. איצט איז זי אַ שקראַב, אַן אויסגע־נאָגטער ביין. דו ביסט איר איינציקער אָנשפאַר, אָבער קיין ליבשאַפט גיסטו איר נישט. דו עסט זיך אָן און גייסט אַרויס. לאַסקעס איז זי זשעדנע. דערלאַנג אַ שמייכל און זי וועט אויפהערן שעלטן, גיסן סם אויף דײַן קאָפ. געדענק, שווער אויסצוקומען אָן ליבע, יאַן, און גענוג צו יאָמערן, געהערט?

— ווי אַ גלח טענהסטו, וויקטאָר, מוסרסט אויך, דו־ו!

דער חבר האָט אַ פאַק געטאָן יאַנען בײַם אָרעם און אַוועקגעשלעפט אין גאַסיקן רויש אַרײַן.

— ביסט אַ צעפיעשטשעטער יונג. דיר פעלט גאָר נישט בײַ די דײַ־ניקע, — האָט יאַן שיִער נישט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. — מיך קוועטשט עס שטאַרקער, ווי כ׳קען דיר זאָגן. ליבע, ליבע! אַז מע טרינקט ווײַן גלוסט זיך ליבע. אַ געטראָטענער קלערט אַנדערש. שווערערע געדאַנ־קען קומען אויפן זינען. און דו? איך קען נישט גלעטן די מאַמע, וואָס גיסט אויף מיר פאָמעשעפער פאַר יעדן בראָק ברויט.

— הער שוין אויף!

ביידן האָט עס אַ טראָג געטאָן אין דער צעעפנטער ליכטיקייט אַרײַן. איבער די נידעריק אָנגעבויגענע היטלדיקע און פלאַטשיקע דעכער פון דער אָרעמער געגנט איז געהאָנגען אַ לאַזורנער טיפער הימל; ער האָט זיך אַזש געגרינדלט, דער הימל, און אַרום און אַרום אויף דער ערד האָט עס זיך צע־לויכטן, טויזנטאויגיק צעפלעמלט. ס׳האָט זיך געוויגט שוימיקער גערודער.

ס׳איז געווען וואַרעם־ווינטלדיקער אַפּריל. די חברים האָבן, ריידנדיק, יעדע ווײַל זיך אָפּגעשטעלט, געפּלאָנטערט זיך אויף די טראָטואַרן צווישן פּילדערנדיקן יונגוואַרג און עלטערע לײַט, וואָס טראָגן זיך שווער מיט פּעקלעך לײַוונט אין די הענט, פּראָבקעס זײַד און גאַרן אין פּאָרטפּעלן און צעדריוולטן ברויט־טרוים אין די קעמערלעך פון מוח. יאַן קאַשיצאַ און וויקטאָר האַנעקע,ביידע מיט צעוואַקלטע אַקסלען, טראָגן זיך נאָך אַנאַנדער אין געררייד פון האַרץ צו האַרץ און עס טראָגט זיי דער דרויסן צוזאַמען מיט די אָן אַ שיעור פרעמדע מענטשן. איגעם געטומל, וואָס האָט געצויגן אין גאַסיקן קנויל אַרײַן, זענען פּאַר זיי אויסגעוואַקסן שטייניקע פּנימער פון מויערן, רוקנס פון מאַכטיקע הײַזער און שויבן, אויסשטעל־פענצטער וואָס האָבן אין זיך געשפּיגלט שטיקער פון נידעריק אַראָפּגעשלעפּטער זון. איצט האָט די גרויסשטאָט זיך אַהער געקנוילט און היץ פון מענטשן־געדיכטעניש אָנגעווייעט. פאַרשײַט, ווי עפּעס פרעמדס אויף דער אָנגעקויטיקטער ערד, האָט זיך אין מיטן דערינען אַרײַנגעריסן דער אָטעם פון פרילינג, אויסגעמישט מיטן קאַלטן געקלימפּער פון מינץ, וואָס האָט גראָד נישט געפּעלט אין די קעשענעס פון די אָנגערופענע יונגע לײַט.

דעם פרילינג אָנטקעגן זענען געגאַנגען דיביידע און אַ נעץ פון דערוועקטע טרוימען האָט זיך צעוויגט פון זייערע רייד, רייד מיט אויגן און אויערן און זיי זעען און הערן להוט.

דאָך... צו דער פאַרפּאַלענער יונגשאַפט פון יאַנס מאַמע האָט וויקטאָר זיך צוריקגעקערט פון ס׳נײַ; דער חבר האָט מיט אים געקנעלט דעם תוך פון ליבע, וואָס איז ווי די פרעס פאַרן מענטש. „דײַן מאַמעלע איז נישט אומגערעכט, זאָלסט געדענקען, — און אַרײַנגעקוקט יענעם אין די אויגן — דו שפּירסט אַ ציִעניש אין דער נשמה, עס מאַכט דיך אַ מאָל משוגע אַזאַ האַסטיקע ענגעניש אין ברוסט?... דאָס איז עס“. אומגעריכט האָט ער צונויפגעשנירט די ליפּן, פאַר־זיך זיך צעפּײַפט אין סאַמע מיטן מענטשן־גאַנג וואָס האָט אַ טרײַב געטאָן פאַרויס די אין זיך פאַרטועניע פרײַנד וואָס זענען געגאַנגען אָרעם בײַ אָרעם צונויפגעהאַפטענע.

— הער נאָר, דו — האָט יאַן אַ גוט־ברודערשן קלאַפּ געטאָן וויקטאָרן איבערן אַקסל, אים אָפּגעשטעלט — און וואָס איז מיט דיר? ביסט, זע איך, אויכעט אין דר׳ערד. אַ דאַר לעבן דײַנס. אַרבעטסט, נערסטו זיך נאָר מיט ברויט און ציקאָריע און פעטע גריוון־זופּ; האָסט אַ היים, וואָס מיר פעלט, אָבער... אַ מענטש איז דאָך נישט קיין אייזל וואָס שרײַט ווען ער איז דאַר־

שטיק, ער וויל פרעסן. מילא, איך, מיט אַ טרויעריקער מאַמע מיך צוגעשפּאַנט אין איינע דישלעס. ס׳איז אַנגעזאַלצן, אויב עס איז נישטאָ קיין אַרבעט און מ׳קען זיך נישט טרעפן מיט אַ מויד. די פֿאַרשאָלטענע קעשענע, ברודערקע! הײַנט, ס׳נעמט שוין רודערן אויף די נײַע מויערן, איז די דאגה קלענער און איך קען זיך אָן אַרבעט נישט באַגיין. דער שיינער דרויסן צאַפּלט שוין אין מיר, פֿרײַנדל. אַ מיידל גיט כוח, אויב זי קומט ווען דיר בענקט זיך צו איר.

אַן אומגעריכטן קריץ געטאָן מיט די ציין, יאַן קאָשיצאַ, און זיך באַ־שײַמפּערלעך געדושעט מיט אַן אימפּעט, וואָס האָט זיך אין אים צעפּראַלט. ער האָט האַסטיק אָפּגעשוויגן און ווי ער וואָלט פֿון ערגעץ אַנטלאָפֿן אין מיטן שלאָף, האָט ער מיט האַלב־אָטעם גערעדט צום חבר, כמעט אים נישט גע־זען, נאָר געפֿילט נעבן זיך:

— ווייסט, כ׳וועל גיין אויפֿזוכן מײַן סטאַכאַ!

פּויזע. אָפּגעשטעלט זיך אַ רגע, זיך צוגערוקט צו אַ מויער מיט אָפֿענע, ליכטיקע געוועלבער, צעשײַנטע אויסשטעל־פֿענצטער. קאָשיצאַ האָט גע־פֿרעגט דעם פֿרײַנד:

— דו קאָנסט דאָך די סטאַכאַ. אַ ווילע נקבהלע, האַ?

— אַ לײַטישע. איבערן ווינטער האָסטו זי גאָר פֿאַרנאַכלעסיקט, זאָגסטו! ביסט טאָקע אין גאַנצן נישט געגאַנגען צו איר? ווי מעג מען אַזאַ לאָזן אַליין אַזוי לאַנג?!

דער יונג האָט כמורנע געשוויגן. וויקטאָר האָט קלוג געוואַרט. דערנאָך האָבן יאַנס רייד זיך אָפּגעריסן ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע קלאַנגען:

— וואָ׳דען! גיין צו אַ מיידל מיט ליידיקע הענט? — און די אויגן ווערן אים שווער.

— זי האָט געוויס דיך שוין פֿאַרגעסן, — איז דער חבר נאָכגעגאַנגען יאַנס געדאַנק — אפֿשר אויף אַן אַנדערן דיך אויסגעביטן.

— עך, ברודערקע, — גיט זיך פֿון קאָשיצאַס האַלדז אַ ריס שיִער נישט אַ געשריי. דאַכט זיך, די גאַס האָט דערפֿון זיך צוגענייגט צו דיביידע, וואָס שטייען צוגעשפּאַרט צו דער מגושמדיקער שיינער מויער — וועסט זען, אַז איך בין נאָך ווערט די מויד! סטאַכאַ פּגרט פֿאַר מיר. צען אַנדערע וועט זי אָוועקוואַרפֿן און קומען פֿאַלן מיר צו די פֿיס! קוקסט אויף מיר ווי אויף אַ נאַר. גלייבסט נישט?

— דו רעדסט! אַ יונג מיט ביינער ביסטו פּאַרט און אַ שטאַרקער! אַ מיידל מוז ליב האָבן אַזעלכענעם, — האָט וויקטאָר האַנעקע זיך צעגאָסן אין פלוצלינגן לויב, ער איז געוואָרן בלאַסער און קלענער, אויך שמעלער אַנטקעגן זײַן צונטער־רויטן חבר, דעם מויערער, וועלכער איז געווינט שוין יאָרן צו שטיין אונטערן גאָלן הימל סײַ אין היצן סײַ אין קעלטן צי אין גאָס־רעגנס. צו האַרבקייטן געבוירן געוואָרן, דער יאַן, ווען דער טאַטע האָט איבערגעלאָזן אויף זיך אַליין און אויפן גענאָד פון דער גאַס. ס׳וועגדט זיך, ווי דער דרויסן גייט אויף אים: צי מיט אַ גלײַכן הימל, מיט שנײַדיקע ווינטן אָדער מיט בײַטשנדיקן, כליניעדיקן רעגן. אין רויקייט זיך געהאַר־טעוועט, דער אויסגעוואַקסענער יאַן, אין אומחסד האָט ער זיך געצויגן צום מער איידעלן וויקטאָר, וועלכער איז אויך אַ קרעפּטיקער און נישט אַ סך נידעריקער פון אים.

— ווילסט זען, וואָס איך קען, ייִנגל? — קומט קאָשיצאַ צו קוראַזש. — ס׳איז נאָך פרי. סטאַכאַ וועט נאָך זײַן אין שטוב.

ער האָט אַ נעם געטאָן וויקטאָרן בײַם אָרעם, אים אַוועקגעצויגן אין ענגע געסלעך, נידעריקע הײַזלעך, פּלויטן, אָנגעוויִסטע לכבוד דעם גענענענ־דיקן פרילינג. געשלעפּט דעם חבר אין אַ הויפל אַרײַן. עס האָט זיך מיט געברום אויסגעטשוכעט אַ סטײַע הינט, זיי האָבן אויפגעהויבן פײַכטע, נעפּל־דיקע אויגן און געזוכט הילף אין דעם עלנט וואָס בלינצט פון די קליינע שוואַך־באַלויכטענע פענצטערלעך פון די הײַזקעס, אַרומגעשטעלטע אין קרענצל פון דער הויף־ענגשאַפט: האַוו, האַוו־וו! און מסתמא מחמת דעם דערדריקנדיקן בעלמע־בליק פון די פענצטערלעך איז יאַן קאָשיצאַס פײַפן אַרויף צו סטאַכאַס שטיבל אויסגעפאַלן שוואַך, אָן געהעריקן ברען, גראָד אַזוי ווי עס זענען געווען די אָקערשטיקע רייד וואָס האָבן נישט געפלאַמט פון אים, ווען ער האָט דערמאָנט ס׳מיידל. געפּײַפט, אָן ווידערקלאַנג האָט זיך נאָך אָפּגעריסן דאָס כריפּלע רופן צו סטאַכאַן, וואָס אויבן אין אַ מאַטן פענצ־טערל. די שויבן האָבן נישט געענטפערט מיט גלאַנץ, די שויבן־ראַמלעך האָבן זיך נישט צעעפנט און ס׳ווינקנדיקע קעפל פון דער באַגערטער האָט זיך נישט אַרויסגעבויגן.

אָפּגעקלאַפּט, ווי אַ געשמיסענער הונט, האָט יאַן קאָשיצאַ דערשפּירט מיטאַמאָליקע אוממאַכטיקייט. ער האָט שיִער נישט זיך צעוואַקלט און גע־נומען אין פאַרווירטקייט זוכן מיטן בליק אין די פענצטער, צווישן אַלע פאַר־האַמערטע פליגל פון די טונקעלע הילצערנע הײַזער וואָס מיט די טריבע

שויבן־אויגן. זיי לאַכן פון אים, האָט אים אַ צופּ געטאָן, און גענומען שטעלן טריט, אַרויס פון הויף. וויקטאָר האָט שווײַגנדיק זיך נאָכגעשלעפּט.

ווי אַ געיאָגטער פון כעס און ווייטיק האָט יאָן זיך געריסן איבער די גאַסן, וווּ אָוונט האָט זיך שוין געשטעלט אין זשמורנדיקן ליכט פון אַראָפּ־געגנידערטן נעפּל, וואָס איז אייגן יעדן פרי־יאָר, ווען די זון ליכטיקט אָן די אומדרייסטע טעג און שלייערט אין מידע טיולן די אויפדערנאַכטן. יאַנען האָט געצויגן אַראָפּ־שטאָט, וויקטאָר האָט שטום אים נאָכגעשפּאַנט. אָפּגע־שטעלט זיך אויפן גרויסן מאַרק, וואָס שפּרייט אַרעמלעכע פינצטערניש אין מיטן דער הינטער־שטאָטישער שײַן, האָט יאָן דערזען צעפּראַלטע טירן פון אַ צעלויכטענער קנײַפּע. זויערקייט פון רייצנדיקן ביר און ס'געקלימפּער פון אַן אויפגעוועקטן שפּילקאַסטן האָבן אים רעשיק אַ רוף געטאָן. דער־שפּירט פאַרמאַטערטקייט, האָבן יאָן מיט וויקטאָרן זיך אַראָפּגעלאָזט בײַ אַ צעראַטע־געדעקט טישל, געהייסן שטעלן ביר, געוואָרפן באַצײַטנס בגילוי־פּינדיקע רייד צום זשעדנעם באַלעבאָס מיטן אויסגעפּרעסענעם פּרצוף:

— זשאַלעווע נישט אַ טרונק דײַנע געסט, פּאַניע. דערלאַנג אויפן טיש אַרויף נאָך אַ מאָל. זעסט דען נישט אַז די פלעשלעך זענען אויסגעליידיקט, די גלעזער — טרוקן?

געגאָסן אין זיך אַרײַן בראַנדיקע שלוקן, די אויגן זענען איבערגע־גאַנגען פון שווערער טונקלקייט און די שטימעס פון די טרינקערס זענען געזונקען, געטונקלט.

— וואָס'טו זאָגן, פרײַנדל, סטאַכאַ האָט מיר געלאָזן אונטנאַרומעט?

— אַ גוטע נקבהטשקע, די סטאַכאַ. זי'ט דיך פּעוונע שוין פאַרגעסן.

— נעם ליבער, אַ שלוק, וועסט שוין...

— זי האָט נישט דערהערט דײַן געפּײַף. און אפשר שוין נישט דער־קענט, ברודערקע?

ווי שאָטנס האָבן זייערע קעפּ זיך צונויפגעגאָסן איבערן טישל.

— אַז מע האָט ליב, פאַרגעסט זיך נישט, טײַערינקער. זי'ט מיר גע־שווירן ליבע. קיין אַנדערן וועט זי נישט צולאָזן, די...

— ווער? — האָט וויקטאָרן זיך געמישט אין די געהירן.

דער חבר האָט פּלוצלינג זיך אַ שטעל געטאָן, זיך צעוואַקלט:

— גייסט צו סטאַכאַן? איכ'ל מיט איר ריידן נאָך איין מאָל: איך — צי יענער? מיר 'עט זי זאָגן. נאַ, באַלעבאָס, דײַנס, — און געשטופּט דעם מיטן פעטן פּנים אין האַנט אַרײַן אַ זשמעניע געלט.

צוגעוואַקלט זיך צו דער טיר פון דער טרינקשטוב, פאַרנומען אַ שיכורן געכאָרכל פון שפּילקאַסטן און אַרויס אויף וואַטענע פיס אין קילן דרויסן.

— ביסט דאָ, יינגל? — האָט יאַן זיך צעשטאַמלט, אַ טעמפּן וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און געוואָלט זען נעענטער דעם חבר.

דער אַרומיקער קוילעכיקער מאַרק האָט פינצטער געקניט צו איינצלנע ליכטיקע אויסשטעל־פענצטער פון אָוונטלעך פאַרמאַכטע קראָמען. יאַנען האָט עס געצויגן צו דער לאַנגער גאַס, וואָס שניידט זיך העט צוריק, פון וואַנען ער איז געקומען; ער האָט זיך געוואַקלט, וויקטאָר האָט פריינדלעך אים זיך נאָכגעוואַקלט, געגאַנוועט און דאָס מויל נישט געקענט עפענען. טעמפּ האָט זיך אין יאַנס מוח געוואָלגערט דער געדאַנק: ליבע, סטאַכאַ האָט אים ליב געהאַט. סטאַכאַ וויל אים נישט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך שווער צוגעוואַקלט צום חבר:

— אָבער דו האָסט מיך לי־יב, ברודערל? — און די צונג האָט געשטאַרט אונטערן גומען.

— שטאַרק ליב, יאַן, — און זיך אַ וויג געטאָן, אָנגעאָטעמט אים אין פּנים אַריין אַ זויערן דאַמף פון איבערגעלאָדענעם מאָגן.

— פּפּיי־יי־יין, אָבער איך האָב דיך מערער ליב, — האָט יאַן שוין געטאָרעט דעם פריינד ביים אַקסל.

— ניין, איך האָב דיך שטאַ־אַררר־קער ליב, יאַק באָזשע קאָכאַם! (ווי גאָט איז מיר ליב).

— נישט וואָ־אָאָר. איך האָב דיך ליב פון גאַנצן האַרצן!

— איך דיך שטאַרקער, הע־עערסט?

— און דו פילסט נישט, וואָס ליבע איז אַזוי־זזזוינס. איך ליב ביזן טויט.

— איך דיך שטאַרקער, האָרכסט, צויגן־זון!

— איך...!

— דו פילסט נישט, בררו־ו־ו־דעררררל, ווי איך די־ייייך לי־יייב?

— אי־יייידך! — האָט דאָס קול שוין זיך פאַרכליניעט, טעמפּ געזעגט די לופט.

שטייפע פינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן מאַרק, ווו די בײדע האָבן זיך געאָמפּערט אין געטריישאַפט. אין דער אָנגעהאָרבעטער פינצטערניש האָט פּלוצלינג אויפגעבלאַנקט די קלינג פון אַ שפּרינגמעסער. די שטאָליקע ווייסקייט פון דער קלינג האָט אַ ציטער געטאָן, איז פלינק, האָס־

טיק אַנטרינען אין דער וואַרעמקייט פון אַ מוסקולירט אויפגעצאַפּלטן לייַב, וואָס האָט קאָנוווּלסיוו אַ דריגע געטאָן און אַראָפּגעזונקען. ווי אַ שורעווענ־דיקער שטראָם האָט נאָך דעם זיך געשפּרייט אַ ווירבלדיק נאַכטישע סודות־דיקייט. אויף די פּאָלעס פון אָט־דעם צישנדיקן שווייַגן האָט זיך דערנאָך אַוועקגעשלעפּט אַ וואַקלדיקע געשטאַלט.

*

די שטאָט איז פון טיפנאַכט פאַרשלונגען געוואָרן. אויף צו מאָרגנס האָט מען אין אויפגעטאָגטן מאַרק געפונען שמאַטיק זיך וואַלגערן דאָס אויסגעלאָשענע געביין פון אַ יונגן מאַן, אַ בלאָנדן מיט פאַרטריקנטע בלוט־גליווערס אין די פלאַקסענע האָר.

נקמה

1

יוקל „נאַראַדאָיוועץ"...

אַזאַ נאָמען מיט אַ צונעמעניש, צוגעפּאַסט פּאַר אַזאַ מין נפש, וועלכן קיינער האָט נישט ליב.

מגושמדיק ברייט, גראָב און בייז, שטענדיק בייז און טעמפּ מיט אויסגעשאַרפטן חוש־הריח פון אַ חיה, וואָס שנאַפּט, זוכט אַרום זיך.

ווי אַ מאָפּס־הונט, אַ צוויי־פּיסיקער, נידעריק, קרעמפּ מיט אַראָפּהענגענדיקע באַקן־קלומפּן, מיט אַ ברייט פאַרריסענער, פליישיקער נאָז.

דער יוקל „נאַראָדאָוויעץ" איז געווען באַלעבאָס פון אַ סך הײַזער, אַ סך שכנים געהאַט אין זײַנע פּראָסטע, רויע הענט אַרײַנגענומען. און ער האָט זיי געפּײַניקט, די אָדערן פון זיי געריסן מחמת דער אײַנגעבוירענער בייזקייט, מחמת דער בלוט־זשעדנעקייט, דער תאווה זײַנער, אַז מענטשן זאָלן זיך יסורימדיק צאַפּלען אין זײַנע הונגעריקע ציינער, מחמת...

סתם אַזוי...

איז דעריבער דער טויט פון דעם דאָזיקן באַשעפעניש געווען אַ שטילע, פאַרבאַהאַלטענע נקמה פון דער אָרעמשאַפט אין די באַלוטער געסלעך. די פאַרהוילענע פרייד צוליב דעם האָט אַרויסגעלויכטן פון שעמעוודיקע אויגן, האָט אַראָפּגערעדט פון אָרנטלעכע האָרעפּאַשנע פּנימער.

— ווער? ווע־ער, זאָגט עטץ, איז געשטאָרבן? — האָבן לײַט אויף טשעקאָוועס איבערגעפרעגט איינער דעם אַנדערן, כדי מער צו פאַרשפּרייטן די היימלעכע נײַס, מער זיך צו פּאַסמאַקעווען מיט דעם.

— עטץ ווייסט נאָך נישט?... נו, יוקל נאַראָדאָוויעץ, דער תנא־ברא, דער פּײַנער ייִד, וועלכער האָט אויף דער עלטער דאָס פאַרטעך פאַר אַ פּרוכת אַוועקגעגעבן!

— אַוודאי, אַוודאי... ער האָט דאָך אַן אייגענע שיל אויפגעבויט.

— און אַ שיקסעניק געבליבן! — האָבן ביי עמעצן אַ לײַכט געטאָן צוויי גרויסע גלעז ציין אין אַ פינצטערן ליידיקן מויל, וואָס האָט זיך אין אַ שמייכל געקרימט.

— מ'טאָר נישט אַזוי... ווי געמיין ר'איז געווען, איז דער־אַ געווען פאַר זיך, פאַר זײַן עולם־הבא. נישט רעכט צו רעדן אויף אַ געשטאָרבענעם, — האָט איינער אַ בר־דעת באַגערט צוריקצוהאַלטן די גרויסע מײַלער.

— אָבער אויף אַזוינעם איז אַ מצווה נאָכצוזאָגן אַלע זײַנע שבחים, — האָבן אַנדערע נישט געקענט באַשטײַן אויפן מוסר, אויפן זכות פונעם טויט, וואָס איז געקומען אויף אַזאַ רעב יוקל.

און דער סוף איז געווען, אַז ס'איז אָנגעקומען כקריעת ים־סוף ביז מ'האָט דעם מת געקענט קובר־זײַן.

אַפילו דער טויטן־פירער חיים פּאַכטשאַזש האָט זיך אָפּגעזאָגט דעם בר־מינן אַרויסצונעמען:

— פּאַראַן דערווײַל בילכערע לוויות... — האָט ער אָפּגעפּאַרטיקט דאָס יידלטשינע וואָס האָט נעבעכדיק געפּאַכעט מיטן טויטן־קוויטל פון קהל — וואָס איז ס'געאײַל? אַ... כ'על שוין קומען, כ'על שוין!

אויך ביינוש „אייגעלע", חיים פּאַכטשאַזשס געזעל, וואָס האָט אַ שווע־רער, אַ הויכער, דרימלענדיק זיך געוויגט אויף דער קעלניע פון דער „עגלה", האָט גערן געעפנט דאָס האַרץ פאַר די אָרעמע לײַט. ער האָט זיי געוואָלט צוליב טאָן, — אַז נישט אַזוי לײַכט זאָל אָנקומען צו באַגראָבן דאָס געפאַלענע נפש יוקלס. דער שליח פון דער פּאַראַבלטער שטוב האָט „אייגעלען" כסדר געטראָפן אַ „שיכורן". און מעשה שיכור האָט ער פּראָסט־פּשוט נישט געוואָלט „אַרײַנפירן די נבלה אויפן רייִנעם פעלד".

— וואָסי! — האָט „אייגעלע" פול אמתער און אַ מאָל אויך כלומרשטער שיכרות זיך אַ הוידע געטאָן אויף דער קעלניע פון דעם שוואַרץ־לאַקירטן קאַראַוואַן — אַזאַ איינעם זאָל איך פירן? צ'האָט עפּעס צו מיר? זאָלן אים אַרויסוואַרפן אויפן גוטן אָרט די פּיעטרושקע־הענדלערקעס, מיט וועלכע ער האָט געפירט זײַנע מסחרים!... אפשר וועט אים זײַן קאָכאַנקע, די געשטופּל־טע פּראַניע אַרויספירן אין אַ זאַריק? איך — נישט! ביינעש אייגעלע וועט נישט, צ'געהערט?

יונה אָסטראָוויטש, דער עומד פון דער פּאַריתומטער שטוב, האָט גע־האָט יגון־ואנחה. זײַן קאָפּ־דרייעניש און דאָס האַרץ־קלעמונג האָבן פון דעם

פֿראָסטן ייִד אַרויסגעריסן טיפֿע, פֿרומע זיפֿצן: „אוי, ווי, טאַטע דערבאַ־רעמדיקער!"

דאָס מת איז שוין ס'דריטע מעת־לעת געלעגן אָפּגעהויבן, אין זינד געערדעט — געפּוילט, און ס'איז נישט געווען קיין אופֿן מ'זאָל אים שוין „טאָן זײַן רעכט", כאָטש קהל האָט שוין באַוויליקט צו נעמען צען טויזנט גילדן „פֿאַר אַ בכבודיקער קרקע".

אַז אַ וועלט האָט זיך אָפּגעשמועסט קעגן דעם מת!

אין יוקל אָסטראָוויטשעס שטובן זענען ווײַב און קינדער שוין געפֿאַלן אויף די פּנימער פֿון מידקייט, פֿון שלאָף, וואָס האָט זיי אָנגעדראָלן ווי אַ בלאָטער, אַן אויסגעגאָסענער איבערן גאַנצן לײַב. פֿון לאָזן אַ טרער איז שוין אָפּגערעדט. פֿון זייערע מײַלער האָט זיך שוין נישט געטראָגן קיין קלאָר וואָרט, נאָר אַ שטומפּיק כאָרכלען; דאַכט זיך, געדאַרט האָבן ביי זיי די רייד זינט די פּאָר טעג און נעכט און שעהען, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אויסלאָז.

די טרויעריקע שטוב־מענטשן, וואָס האָבן געגליוועט אָן באַוועגונג אין אָסטראָוויטשעס שאָטנדיקע צימערן, האָבן אין די דאָזיקע מעת־לעתן זיך געפֿונען אין אַ מעמד, ווי מ'וואָלט מיט שטריק געקרעמפּעוועט זייערע הענט און פֿיס. אין אַזאַ צושטאַנד — האָט זיך זיי אויסגעדאַכט — האָט מען זיי אַרײַנגעוואָרפֿן אין זעק ווו ס'איז שטאָק־פֿינצטער און דושנע, מוראַ־דיק דושנע, אַזש אומצוקומען. אַרום זיי זענען אַלע זאַכן געווען פֿאַרווישט, אָן ממשותדיקע קאָנטורן פֿון קעגנשטאַנדן פֿאַראַנענע, נוצלעכע. פֿאַר די אויסגעלויכטענע, אויסגעבלאַקירטע אויגן, ווי אָפּגעריבענע צינענע מטבעות, וואַקסט נאָך אויף דער ערד דאָס מאויםדיקע בערגל, וואָס אונטערן טונ־קעלן געוואַנט. עס יוירט און וואַקסט. אַ ליאַדע רגע זיך פֿונאַנדערצוגיין ברייט־ברייט פֿון אָט דעם וואַקסעניש.

אין די גרויסע, פֿינצטערע שטובן האָט זיך געשפּרייט אַ מיגלדיקער, געדיכטער דונסט, גלײַך עס וואָלט זיך אויפֿגעהויבן אַ שיטערע, וואַרעמע פּאַרע פֿון אויפֿגערודערטן שטאַל־מיסט.

2

עס האָט גאָר נישט געפֿעלט: יוקל נאַראָדוויעץ איז טויט און „דער טויטער מוז אָפּגעגעבן ווערן דער ערד״.

דער טאָג פֿון דער לוויה האָט זיך געשטעלט אין געדיכטן נעפּל. הײַזער האָבן זיך אַנטפּלעקט הענגענדיקע אין חלל, אָן ווענט, נאָר מיט אייבערשטע שטאָקן און מיט שוואַכע קאָנטורן פֿון דעכער. מענטשן האָבן זיך באַוויגן ווי אין גרויער וואַטע געהילט. בײַ דער שײַן פֿון דער רויטלעכער זון, אַ באַמבלענדיקע נידעריק צווישן די צווײַגן פֿון אַ נאַקעטן בוים, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער אָוונט פֿאַלט שוין צו, הגם די שטאָט האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן זיך אויסצורײַבן די אויגן נאָכן נאַכטשלאָף. אַ טרעגער־יונג מיט שטריק אויף די לענדן, רײַסנדיק אויף די פֿאָדערשטע ציין אַ רעפּטל ברויט האָט, מעשה־תּם, זיך פֿאַרגאַפֿט אויף דעם מאָדנעם, נישט־דאָיִקן רויטן זון־קײַלעך, וואָס פֿאַלט פֿון די פֿיס, לאָזט זיך אַט־אָט אַרונטער, כאַטש גיי אַהינצו און נעם אים אין דער זשמעניע אַרײַן. מאַכט דער יונג אַ שריט פֿאָרויס, זוכט מיט בלינדע הענט די גאַס אַריבערצוגיין און שלעפּנדיק זיך איבער דער פֿײַכטער ערד, האָט ער מיט שיכורן מיש אין די געהירן זיך אויסגעדרייט צו דער זון, מיט אָגעליכטיקטן פּנים געזוכט איר אויסטערלישע שיינקייט און — טאַטע, דערבאַרעמדיקער! — זי מער נישט געפֿונען. אַ היפּשע ווײַלע האָט ער זיך געיאָגט נאָך איר, דער פֿאַרלוירענער, איבער דער לענג פֿון גאַס:

— זיך באַהאַלטן אַוודאי אין אַ בוידעם, די כאַלעריניצע! — האָט ער זיך געכעסט און געגריזשעט די לעדערנע הויט פֿון אַ פֿינגער.

אויף אַ גאַנצן טאָג איז בײַם טרעגער־יונג אויסגערונען זײַן געוויינלעכע פֿריילעכקייט. ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אומעט־קער, אין דער קעשענע געלאָזט פֿאַרדאַרן דאָס נישט־דערעסענע רעפּטל. אין מוח האָבן זיך אים, ווי גאָלדענע בינען, געראָיעט אויסטערלישע פֿאַנטאַזיעס, ווי קיין מאָל נישט אויפֿן ראָג גאַס צווישן די טרעגער־לײַט.

די זון האָט זיך שפּעטער־צו ווידער אַ באַווײַז געטאָן אַ קילע, אַ מאַטע; זי האָט אַ ביסל צעדריוולט דעם שווערן נעפּל־קאַטאַר און געעפֿנט אַ וואַרע פֿאַרן פֿילדערנדיקן, באַלויכטענעם טראַמוויי, וואָס האָט זיך געשניטן אין דעם מילך־מוטנעם טאָג אַרײַן.

אין יוקל אָסטראָוויטשעס גרויסע הייף זענען די הײַזער לאַנג געזעסן

פּאַרקאָרטשעט, נאָענט צו דער ערד, וואָס אין געדיכטן נעפּל. אַ ווײַסע, הענ־געגנדיקע וואַנט איז ווי א קנויליקער הויפן געשטאַנען פֿאַרן פענצטער, און האָבן די שכנים זיך איבערגעוועקט, אויסגעטשוכעט זיך פון טריבן שלומער, האָט מען פון אַ סך שטובן מיט אַ מאָל אַרויסגעבליקט אין דרויסן.

אַרום איז געווען שטיל ווי אין אַן אויער. ס'האָט אויסגעזען ווי די שטאָט, וואָס ליגט צוקאָפּנס יוקל נאַראָדאָוויעצעס געהײַז, איז אַרײַנגעפאַלן אין היגערפלעט. אַלץ שווײַגט מיט אַ טויט שווײַגן. קיין שום רויש פון לעבן אין דער נאָענט. בלויז אַ פאַרבלאָנדזשעטע גראָע טויב מיט אַ וויאָלעט־בלאָען עק האָט חנעוודיק באַוועגט מיט רויטע פיסלעך און אויסגעוואָרקעט אַ טויבן־מעשה. זי האָט דערמאָנט אינעם לעבן, וואָס צאַנקט דאָ אויס אין דעם גרויסן קאָמפּלעקס פון הײַזער און הײַזלעך, וועלכע זענען אויף דעם הויף אויסגעשטעלט אין גרויסע שערענגעס ווי מעכטיקע לאַנגע נונען.

אַרויסגעקוקט, פאַרשאַרצט אַ ברעם אין זאָרג, צוריק פאַררוקט דאָס פאָרהענגל און אויף אַ שפּיזל־רעדל און אויף ניימאַשין ווײַטער געשפּינט די נעץ פון שעהען און טעג פאַרן טריבן לעבן, וואָס שלעפּט זיך איבער הרודעס און גריבער.

שאַ! כאָטש גיי אויף די שפּיצפינגער, נישט איבערצורײַסן דעם זיסן חלום פונעם מסוכן קראַנקן, וואָס ליגט אין שכנות.

3

דער גלימל, אַז די לוויה פון דעם ווירט וועט אָט שוין פאָרקומען, האָט די שכנים פון יוקל אָסטראָוויטשעס געהײַז אַרויסגעצויגן פון זייערע היימען.

אַרויפגעוואָרפן אויף זיך פּאַלטנס, קורטקעס, אײַנגעגנורעט די קעפּ אין ווינטערדיקע פאַטשיילעס, געטוליעט זיך אין וואַרעמע מענטעלעך און שאַלי־קעס, איז קינד־און־קייט אַרויס אין שווערן נעפּל אַרײַן בײַצווווינען ווי אַזוי מ'וועט „אים אַרויסשלעפּן“.

מיט אײַזערנעם געקלאַפּ איז איבערן לאַנגן הויף דורכגעפאָרן דער שוואַרצער וואָגן, וואָס טראָגט מיט זיך גרוסן פון בית־עולם, ווו טויט איז נישט קיין נאָווינע.

...אין דעם איז אין דער טיף פונעם הויף, אין נאָענטער שכנות פון געשטאָרבענעם באַלעבאָס, אויסגעוואַקסן אַ כאָפּטע קינד'ער. אָנגענומען זיך

פאַר די רויט־געשוואָלענע, געפרוירענע הענטלעך, פאַרפלאָכטן זיך און אין קאַראַהאָד געזונגען:

„עלע־מעלע דוד־קי,
באַלעבאָס מאַ־לוט־קי,
באַלעבאָסטע האַר־באַ־טאַ,
אַ יעי טאָכטער סמאַר־קאַ־טאַ".

געזונגען איין מאָל, נאָך אַ מאָל, אין כאָר און נישט אומגעקוקט זיך אויף דער עגלה. רק געדרייט זיך אין קאַראַהאָד.

עטלעכע ייִדן מיט פרעמדע, רויע פּרצופים האָבן אײַנגעבוקטע, פּרײַ־כנדיקע אַראָפּגעגנידערט פון איבערשטן שטאָק מיט אַ גרויסן, שוואַרץ־באַ־דעקטן אָרון. אינעווייניק אין שוואַרצן קאַסטן איז ברייט־צעיוירן געלעגן דאָס מת אַ שווערס, אַ שטינקנדיקס מיט פאַרטריקנט מייקעכץ אַרום דעם אויסגעקרומט אויפגעשוואָלענעם, געלן, שטעכיק־האָריקן מויל. אַראָפּלאָזנ־דיק זיך מיט דער־אָ לאַסט איז זיי, די טויטן־ייִדעלעך, פון ערגעץ אין דער זײַט אומגעריכט קאַפּויער געקומען אַ קאַטערינקע, אַ גייענדיקע, אַ גאָרג־לענדיקע. אין מיטן העשען פון דער אַלמנה מיט די יתומים האָט דאָס קעסטל אויף די צווי פיס כריפּענדיק אַרײַנגעגאָרגלט אינעם יאָמער מיט זײַן שרײַיקן נוטן־נוטן־טראַ־לאַ־לאַ, וואָס איז צױענדיק ווי אַן אײַנעסנדיקער טרויער, באַגלייט געוואָרן פון דינע, ברומענדיקע פײַקלעך און חוצפּהדיקן גלעקל־געקלאַנג.

די קליינע עדה מלווים הינטער דער עגלה האָט זיך צונויפגעקנוילט אין אַנגסטלעכער שרעק פאַר דעם, אויף וואָס זי האָט מורא געהאַט זיך אומצוקוקן. מיט וואַקלדיקע שריט האָבן זיי שוואַך נאָכגעשפּאַנט דעם אור־מעטיקן קאַראַוואַן.

די עגלה האָט באַזאַכט געשניטן דעם נעפּל־שלייער, טרויעריק זיך גע־טרייסלט דורך גאַסן און געסלעך, געמיטן מענטשן, און דעם גאַנצן וועג איז זי, די קליינע לויה, באַגלייט געוואָרן פונעם קאַטערינקע־געגאָרגל און הוילן פײַקל־ניגון וואָס האָט אָנגעזאָגט:

— שאַט! שאַט! מ׳גייט באַגראָבן דעם פײַנעם מאַן יוקל נאַראָדאָוויעץ.

נעבן דעם טויטן־וואָגן האָבן אין שיטערן נעפּל זיך געצייכנט עטלעכע צעשוומענע פּלייצעס, גייענדיקע, געהאָרבעטע, אַראָפּזינקענדיקע, אַקוראַט ווי בייניש „אייגעלעס", וועלכער האָט אַ צעוויגטער געדזשימיעט אויף דער הויכער קעלניע.

ווערַאַ פּיליפּאָוואַ

1

דאָס שיינע האָט מערערע נעמען. די וואָס לײַכטן אין אונדז האָט מען גע־רופן די פּיליפּאָווס. דער וועג צו זיי איז געווען גאָר נישט פריילעך. נישט נאָר חושכדיקע סטעפּעס, אָנסופיקע טויטע זאַמדן און אַ טרויעריקער הימל האָבן געפירט אַהין, ווו עס האָבן זיך געפונען די־אָ גוטע מענטשן. וואָכן נאָכאַנאַנד זענען נאָכגעגאַנגען רויכן פון הייזעריקער, פלאַקערנדיקער נאַכט, אבלדיקע טעג. בהלה איז געווען דער אַ ל ף און חורבן די ב י ת פון דער מגילה וועגן יענעם גלות, וואָס וועט מסתמא נאָך פאַרפאַסט ווערן. די ייִדן פון די שרידי השחיטה פון פוילן, פון וואָלין און פון ליטע טראָגן זי אין זייערע ברענענדיקע הערצער. נאָך הײַנט קענען זיי נישט פאַרגעסן די פאַרשטיינערטע ברואים, וואָס האָבן אין דער לופטן זיך געדרייט איבער די קעפּ פון אַנטלויפנדיקע, האָבן געריווערט מיט רציחה; נו, יענע וואָס האָבן געזייט טויט, געצונדן שטעט, ווי פייגל אונטערגעשאָסן אונדזער קליינוואַרג וואָס האָט אין אימה זיך געצויגן איבער די צעטומלטע וועגן. פון היים איז געבליבן ביטערער טשאַד, פון שכל — שגעון. ווער האָט געטריבן דײַנע פיס, ווער האָט פאַרצוקט דעם טאָג, אָנגעיאָגט אויף דיר אַזאַ אימה? איצט גלייבסטו אַליין נישט אַז דאָס איז געווען וואָר. דער אמתער אמת איז אַ מוראדיקער אויסטראַכטער. וועסט נישט גלייבן ס׳אומגלייבלעכע, וואָס איז געשען! איבער די אומצייליקע קברים, אויסגעפלאַנצטע לענגויס די שליאַכן פון אַנטרינונג, איז די ערד אַצינד שוין איבערגעאַקערט. בורעקעס, קאַר־טאָפל און גערשטן באַדעקן איר אייבערפלאַך. דאָס געזעענע אַנומלט טרעט אָבער נישט אָפּ. הײַנט זעסטו דעם מלאך־המוות אין ממשות. דאַרפסט זיך מער נישט אויסמאָלן אים אין דעם קאָליר פון אימה, אין דער היץ פון שטיקנדיקער אַנגסטיקייט. ער טרעט האַמעטנע אויף דײַנע נערוון.

— — — איבער בלי׳ענדיקע קאָרנפעלדער לויפט אַ מאַמע מיט איר

טויט קינד אויף די הענט. גלאָזיק־אָפן די אייגעלעך און דין דורכגעלעכערט איז ס׳יאַקל אויפן פּלייצקעלע. דער מאַמעס פּנים פּלאַמט פון בהלה־ווינט. באַשײַמפּערלעך — זי שפּירט נישט דעם קוילן־ריס וואָס האָט זיך ווי אַ מויל, יונג און רויט, זשעדנע אויפגעשאַרפט אויף איר גלאַטן אַקסל; מיט פּרעמדן זשום אין די אויערן רײַסט זי זיך פאָרויס און עס שטורעמט איר ברוסט: אַרויסקריגן זיך מיטן עופעלע, אַ, אַרויסגעקראָגן זיך! — —

די סטיכיע פון צעפליגלטער שרעק האָט זי אַזוי געשטויסן. איז ווויל, וואָס דער מענטש באַנעמט נישט אַזוי פיל אין רגע פון שאַרפסטן קלעם. די מאַמע מוז געפינען שטאַרקונג צו מאָל אין נסיונות. אַבי איר קינד דראַפּעט זיך אַרויס פון אַלעם שלעכטן. אין בריִעדיקן פחד זעט נאָך נישט די אָרעמע דעם טויט וואָס ליגט אין אירע אָרעמס. עס פרייט איר גאָר דאָס געפיל פון לעבן, וואָס זי האָט כלומרשט באַוויזן אַרויסצוטראָגן פון געוויטער. געלאָפן, געלאָפן און די פאַרשײַטע זון האָט איר נאָכגעאײַלט; זי האָט אויך נאָך נאָכ־געלויכטן אַ הינטערשטעליקן פאַרטרערטן מאַן מיט אַ יינגל; ווי מיט אַן אָוונטיקן לאָמטערן צוגעלויכטן, ווען זיי האָבן אין אַנטשטומטן פעלד גע־גראָבן אַ גרוב פאַר דער אָקערשט געפאַלענער מוטער פון זייער צעפלאָשע־טער משפחה.

„גלײַך אַ בוים אין מיטן בלי איז זי געפאַלן״, — האָט אין מיטן לויפן, אין צעטראָגנקייט אַ קלער געטאָן די מאַמע וואָס מיטן קינד. אויף אַ רגע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט דער אויסגעלאָשענער פרוי, וואָס איז אָט־אָ געלעגן אין אַן אײַנגעגליווערט, קויטיק בערגל. לעבעדיקע אימה האָט געפלאָטערט איבער איר וואַרטן אויף דער גרוב וואָס עפנט זיך אָט־אָ. קענטיק, זי איז געלעגן מיד מיט אַ פאַרזיגלטן געשריי אויף די בליי־כע ליפּן.

— אײַערע? — האָט זי אַ טריט געטאָן נענטער צום אָנגעבויגענעם מאַן, אַן אָנגעשפּאַרטער אויפן גראָבאײַזן וואָס אָקערשט אַליין געמאַכט פון אַ פאַרוואַלגערט שטיקל בלעך.

אין ענטפער האָט אַ כליושטש געגעבן אַ שפּריץ טרערן.

מיט מעסערדיקן טרויער האָט דער מענטש דערנאָך געריסן די אייגענע אָדערן און געוואָרפן מיט זײַנע רייד גלי־קוילן אויפן ווײַבל, וואָס האָט נישט געקענט אָפּטרעטן מחמת צעטומלונג. ער האָט דערציילט אין פײַנלעכער פאַרטראָגנקייט:

— „אַ פּאַטשעמו ווי׳ ביעלאָם פּלאַטיע?“ אין מהומה האָט אַ וועג־שכנה געפרעגט מײַנער, אָט־אָ ווי איר זעט זי ערשט אַ פאַרשטומטע. יענע האָט עס דערציילט. ס׳געווען ווען ביידע האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, געוואָלט אַזוינאָך זיך אויסבאַהאַלטן פונעם שד. דאָס וואָרט האָט זיך דעמאָלט אָפּגעבראָכן פון די ליפּן. מײַנע האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן און די אַנדערע האָט ווי אַ קלאָץ, טונקל און טעמפּ פון שרעק זיך אַוועקגעקײַקלט, דער דאָזיקער האָט עס אָפּגעגליקט. אויפגעהויבן זיך און אַוועק. גאָט וועט וועלן, וועט זי דורכלעבן. מײַנער איז באַשערט געווען אַזוי. אַזוי יונג געענדיקט — און זיך צעכליפּעט דער מאַן. ווער האָט געקענט קלערן, — פאַרענטפערט ער נאָך אין זײַן מאַנצבילשן געטרער דאָס פּײַער־דורכגעשטעפּטע ווײַב — אַז אין לויטערן זומער איז אַ ווײַס קלייד אַזאַ סמיקע קללה! דער שטאָלענער עקדיש האָט גרינג זיך אַ שטרעק געטאָן צום ווײַסן קלייד און — עס אונטערגעקאָסיעט. ווי אַ מעווע אויפן ים דערמאָנט אָנעם ברעג, האָט דער געבלייכטער ליין גערופן דעם רצחן, נאָך מיט זוניקן געפּרעפּל גערופן. ווײַס איז אים אַ פּאָן פון טויט, דעם מערזאַוויעץ. רק מיט טויט רײַסט ער זיך אַהער, דער טײַוול!

דער פרוי מיטן קינד אויפן אָרעם האָט אַ הייס געווייז אַ פּאַק געטאָן בײַם גרגרת און ראַפּטעם זי אַוועקגעטראָגן אין אומבאַוווסטקייט אַרײַן. ערשט לויפּט זי אין די פּוכקע וואָלקנס פון צעפּאָכעטן מרחק וואָס דער העלער טאָג צעשפּרייט. און די...? אַזאַ ווי דו האָסט זי געזען, אַן אומגעריכט אַנטשלאָפענע מיט אַ פאַרבאַקענעם בלוטזיגל — ווי טריוואַקס — אויפן קאָפּ האָר, האָט מען געלאָזן ליגן בײַם באַן־אָנשיט. איין אַליין איז מיט איר געבליבן אַ פּריש אָנגעשאָטן בערגל מיט אַ פּלאַטשיקן זאַמדשטיין אין צייכן פון אַ פאַרענדיקטער שלאַכט מיטן פרידן פון די באַשיידענע, אָבער דו, דו פאַרגאַף זיך נישט, כאַפּ דעם וועג ווײַטער — —

נישט אָפּגעיאָמערט צו מאָל אַ קדיש נאָך דער געפאַלענער. בײַם געטריבענעם פון טויט ווערט מוראדיק צעריבן יעדער זינען. מסתמא — שפּעטער באַדויערט. פאַרעלנט איז געבליבן אויך דער הימל איבער יענע טעג, אַפילו די מלאכים און שרפים זענען אײַנגעזונקען אין תהום פון מהומה.

ג ע ו ו ע ן און א י צ ט האָבן זיך צעפּלאָנטערט. עס געדענקט זיך נאָר: דער פאָטער מיטן יינגל זענען איינינקע אַליין אַוועק מיטן באַן־שליאַך, אַוועק מיטן פרישן קבר אין גליעדיקן אויג. פאַרן מענטשנס זינען איז ערשט פאַרעקשנט דער דמיון, וואָס האָט אָט־אָ אָנגעיאָגט און ער טרײַבט נאָך אַלץ צו...

עד, גלײַכער נישט אַרויסצובערענגען דאָס, וואָס ברענט דעם מוח. ערשט קענסטו פֿאַר אַ תּירוץ פֿונעם רשעות אַרויסהייבן אַ וואָרט, אַ שרעקנאָמען: דער דײַטש.

ניין, דער נאָמען איז בלויז תּירוץ, ס'איז געפֿערלעכער ווי דאָס. אויב ס'איז נישטאָ קיין פּוילעכץ, מערן זיך נישט קיין ווערעם. אויך דער ראַדיאָ, די צײַטונג, פֿאַרטומלען די געהירן. מענטשלעכער שטות שלאָגט אַראָפּ פֿון וועג אַפֿילו אָרנטלעכע. משמעות, פֿון שׂכל צום האַרץ איז דער גאַנג אַן אומגלײַכער. אין דעמער פֿון צעוווּנדיקטן געפֿיל שרײַט עס פֿון דעסטוועגן:

— אַ קינדישער איז דער וועג, אַ ליכטיקער. בלויז דער טראָט איז שטרויכלדיק. נאָר ליבשאַפֿט איז מסוגל ריכטיק צו פֿירן.

אָבער שגעון האָט אַנידערגעוואָלגערט דעם דרויסן, געטייט די תּמימות און אַנטקעגן דעם שלאָגנדיקן פֿלאַם איז צעמישט דער מאַמעס רעיון.

די מאַמע לויפֿט אָקערשט, זי אַנטרינט פֿון בילד טויט און אָט, זי האַלדזט נאָך דאָס טויטע קינד אין אירע אָרעמס. איז ווער זשע וועט אויסשטרעקן אַ האַנט? ווער וועט העלפֿן?

— פֿאַראַן, פֿאַראַן: די פּיליפּאָווס. דאָס פֿאַרטונקלטע שטעגל צום ריי־נעם האַרץ האָבן זיי דערהיט. אויף שפּיציקע שטיינער פֿון שטרויכלונג איז געווען דער לאַנגער וועג צו זיי, כאָטש אויך זיי האָבן געהערט צו די וואָס האָבן געזוכט אַן אַנטרינונג אין אובאַוווּסטן הינטערלאַנד.

2

אַרקאַדי סערגייעוויטש הייסט ער, וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ איז זי.

אויך זיי זענען נישט געבליבן אין דער היים, ווען ס'איז געקומען די מהומה; די היים האָט זיי אַרויסגעטריבן. פֿאַרשטויסן איז געוואָרן צו ערשט זי, אין איר האָט בולט זיך צעבערענט דורכויסיקע פֿאַרלוירנקייט. וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט שטאַרק דערשפּירט די פֿרעמד ווי באַלד דער מבול האָט זיך אַראָפּגעלאָזן.

...גיגאַנטיש, אימהדיק שטיל האָט די נײַע געגנט געדרימלט אַנטקעגן די קאָלאָסן, די אַלאַ־טאַוער בערג, אָבער אין זייער דריקנדיקן שאָטן האָט מען דערקענט אַפּריִער — אים, כאָטש זי, די פֿרוי, האָט זיך די ערשטע באַוויזן אין אָט־אָ־דער ווײַטער, אומהיימלעכער פֿרעמד. זי האָט אין דער

ווײַט מיטגעפּירט נאָר זײַן נאָמען און דאָס לשון פון זײַן מענטשן־געטרײַ־שאַפט.

ער — אין די פריִע זעכציקער, אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ דורכויסיק גראָער מיט אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען און אַ מילד־פאַרעלטערט פּנים, כאָטש אַן ענערגישס; זי איז אין די שפּעטע פערציקער; אַן אויסגעקנאָטן לײַב, פולע אָרעמס און אַ בלאַס, פרום פּנים מיט וואַרעמע שטילע אויגן. הגם געזינ־טער אין אויסזען און יִנגער, איז זי דער מענטש מיטן שוואַכן האַרץ, די פרוי וואָס איז גענייגט צו פאַלן אונטער אַן ערשטן העפטיקן שטויס.

אַזוי איז עס טאַקע געשען.

ערשט זענען די רייד פון דער לענינגראַדער אַרומרינגלונג אין די אָנ־הייב פערציקער יאָרן. דער פאַרביסענער דײַטש האָט געהאַט אַרויסגעפירט זײַנע חיילות אײַנצונעמען די וועלט און ער האָט — נאָכן פאַרכאַפּן פּוילן, מעהרן און סלאָוואַקיע — זיך געוואָרפן פון מזרח שלאָגן די רוסן אויף דער וואָלגע, אויפן דניעפּער און אויף די ימען. ערשט איז אַרומגערינגלט מיט אַ פײַער־פּאַס די אָניעגער אָזערע. דער לעצטער מוח־נערוו פון דער אַלטער קרוינשטאָט איז געשטעלט געוואָרן אין סכנה. די דויערנדיקע קלעפּ פון די אַנגרײַפערס האָבן נישט אויפגעהערט און אַלע אינעווייניקדיקע כוחות זענען געוואָרפן געוואָרן אויף אָפּצוהיטן די שטאָט. ווי אַן אויפגעריסענעם קעסל האָט די שריפה און די נויט אין שטאָט געשטיקט אַל דאָס לעבעדיקע. נישט געווען מער קיין טאָג און קיין נאַכט פאַר לענינגראַד. ס׳איז געשטאַנען תוהו־ובוהו. דערצו האָבן געברענט שאַרפע צפונדיקע פרעסט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געטראָגן גסיסה־קרעכצן פון צווישן אָנגעזונקענעם גרוז און אַ געשריי פון אַ חורבה האָט זיך געפּאָרט מיטן אויסגעוועפטן אימפּעט פון אַ צענהרגטן. כאָטש געבענדיקט, פאַרהונגערט, אָטעמט די שטאָט מיט בליג־דער גבורה. בעטלענדיקע, אָנפּיסיקע, אָפּגעבריטע פון בראַנדן, אינוואַלידן מיט שטאַרע בעלמעס האָבן דערפון האַרצרײַסנדיק אַרײַנגעזונגען אין די אײַזיקע טעג פון געשלאָגענעם רוסלאַנד. אָבער דאָס האָט זיך שאַרפער אויסגעשפּרייט שפּעטער.

פריִער איז געקומען דער חורבן אויפן הויז פון די פיליפּאָווס, וואָס אויפן נעווסקי־פּראָספּעקט. די שווערע לאַסט פון לענינגראַדער אומגליק האָט צום ערשט געטראָפן אין דער־אַ שטוב וויערא יאַקאָוולעווגאַן. דער אומ־אויפהערלעכער לויער האָט זי ממש געליימט. פּלוצלינג האָט זיך די פרוי אָנידערגעזעצט אַ בלייכע, אַ צוזאַמענגעבראָכענע און געהעשעט; זי האָט גאָר

נישט באַגערט און רק געגאָסן טרערן. נאָך נישט געווען דעמאָלט דער פֿור־לער קלעם. דער טרייסל האָט גורם געווען טיפֿע ריסן פֿאַרן הויז. די איינציקע טאָכטער האָט נישט געקענט איינזיצן אונטערן געקרעכץ פֿון דער מוטער, ווידער דער אַלטער איז געשטויסן געוואָרן פֿון אַ ייִנגלשן אומרו וואָס דער דרויסן האָט אָנגעיוירן. געהרגעטע האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן ברוק, בלוט האָט פֿון ס'ניי געפּלעקט די גאַסנשטיינער פֿון אַנומלטיקן פּעט־ראָגראַד אין נייעם גילגול. מויערן זענען געזונקען. די מהומה האָט זיך אויפֿגעשטעלט באַזאַכט, נאָר סאָליד. אומגעריכט זיך באַוויזן עראָפּלאַנען איבער דער הויך־אָנגעמויערטער שטאָט, פֿאַרעקשנט זיך פֿאַרהאַלטן אין די הייכן, געוואָרפֿן אַ לאָדונג שנאה און נאָך דעם פֿון די טיפֿע הימלען מיט געברום באַטראַכט דאָס אָפּגעטוענע; אָפּט אַרויסגעטויכט אויף די האָריזאָנטן, אויסבאַהאַלטן זיך אין די וואָלקנס, אין אומגעזועניקייט געטאָפּט די שפּי־רעוודיקע ערטער פֿון שטאָט און איטלעך מאָל פֿון ס'ניי זי אַ ריס געטאָן. אין ריסת אברים איז אין גיכן געשטאַנען דער גאַנצער כרך. הייזער זענען געפֿאַלן, די ערד האָט געציטערט און דער טויט האָט זיך פֿאַרהיימישט מיט די מענטשן. ביי יעדן אויסבראָך פֿון בהלה — אויפֿגעריסן אַ באָמבע אויף אַ דאַך, אַריינגעשניטן זיך אין שטאָלענע, ציגלנע געדערעם פֿון הימען, אַ טראַמוויי מיט פּאַסאַזשירן איז צעטראָגן געוואָרן שטיקלעכווייז און די איי־זערנע שינעס צעקרימט ווי אַ פּאַפּירענע שלייף — האָט ביי ווירעאַ יאַקאָוו־לעוונאַ זיך פֿאַרהאַקט ס'טירל פֿון האַרץ. פֿאַרשטאָפּט געוואָרן איר אָטעם, פֿינצטער דער בליק. נישט געגוג גרויס געווען די וווינונג פֿון די פּילי־פּאָווס אויפֿן נעוואַ־ברעג, אַז זי זאָל אַזוי אומגעריכט קענען אַריינגעמען די גאַרע שרעק וואָס האָט, אַן אָנגעשוואָלענע, אַ בערישע זיך אַריינגעריסן אין דעם הויז:

„מאַמאָטשקאַ, וואָס איז דיר, מאַמאָטשקאַ? מאַמעלע, רייד אַ וואָרט!“

מאַן און טאָכטער האָבן געטאָמלט אַרום איר, געווען גליקלעך אַז זי האָט געעפֿנט די אויגן אין אָפּגעשטאַרבענעם פּנים, באַוועגט מיטן מויל.

אַן איידעלע איז זי שטענדיק, ווירעאַ יאַקאָוולעוונאַ, כאָטש אַלע יאָרן געווען צוגעוווינט צו טראָגן אַן אוממעגלעכן עול. דער מאַן אַ פּאַרטוענער אין אַרבעט, אין דער אָרגאַניזאַציע, די טאָכטער אין שול, אין יוגנטקלוב, האָט זי זיך געשטעלט אַקעגן זיי מיט אירע צענומענע אָרעמס. אַ היים באַ־דאַרף מען אָנוואַרעמען, פֿלעגט זי תמיד איינחזרן. אָבער איצטער האָט די פֿאַרענדערונג זיך געוויזן מיט מוראדיקער ברוטאַלקייט. אַש און שטויב

מאַכן זיי פון אַלץ, די גערמאַנער, — האָט זי געזיפצט, עפּעס ווייטיקלעך זיך געבעטן אין טרערן; אַכזריותדיק צעשטערן זיי דעם שטאָלצן נעכטן און דעם מיפולן היינט. אָט האָסטו. אויך אונדזער חלק ליגט אין אַלעמדינג. וואָס זשע וועט בלייבן פון די פּיליפּאָווס אין אַזאַ חשכות! און איר איז ליב אַפילו דער שימער, וואָס הייבט זיך איבער די קופּאָלן און דענקמעלער פון דער גרייזער קרוינשטאָט. אין גאַנצן הענגט זי דאָך אין טומאַנען פון היסטאָריע: פּעטערהאָף, פּעטערבורג, פּעטראָגראַד, לענינגראַד. שוועלן פון ווייטע דורות, אָבער די שלאַנגען פאַרדאַרבן אַלץ — — אַ פאָלק אַ גאַנצס צעטרעטן די מיאוסע! נישט אומזיסט צערענען אַלע אויף די דייטשן. אָפּגעציטערט אויף זייער קראַסאַוויצע, ברענען זיי אין כעס אויף די צעשטערערס, מכל שכן די וואָס זיי איז געווען באַשערט צו קענען אַהער קומען פון די טויבע מקומות אין פּויערישן ווייסרוסלאַנד, פון די אוקראַאינישע סטעפּעס. זיי, די פּיליפּאָווס, האָבן גענוגנדיקע סיבות צו זיין געקרענקט פון אַלץ וואָס דער דייטש חורבנט אָן אויף זייערע אויגן. מיט אַ מאָל צערודערט געוואָרן די רויקע שטוב, קיינעם איז מער נישט איינצוהאַלטן אויף אַן אָרט. דער אַלטער אַרקאַדי איז געוואָרן אַ שטיק פלאַקערנדיקער אומרו און איר, בינאָטשקאַן, וועסטו מיט אַ קייט נישט צושמידן צו דער היים. „מאַמעלע!“ — בעט זיך אַרקאַדי, „מאַמאָטשקאַ!“ — שרייט צו איר ס׳טעכטערל און עס וואַרפט זי אין נכפה, למאַי מ׳לאָזט איר נישט גיין, טאָן כ׳וויס־וואָס. און צעשרויפט איז געוואָרן ער. ס׳אַ קרענק זיין טאַראַראַמעווען, דאָס לויפן, און זי, די טאָכטער, איז אין גאַנצן נישט די אייגענע. נערוועז אַזוי, שרייט, — נישט אַזאַ דרך־ארץ האָט איר די מאַמע געלערנט!

טרערן ברעכן אויס פון דער פרוי. זי כאַפּט זיך אויף דעם, וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ, אָבער העלפן קען זי זיך נישט. נאָר זיי לויפן אַרום ערגעץ, דער פאָטער מיט דער טאָכטער, גייען אַנטקעגן דעם פייער און איר, דער מאַמאָטשקאַן, הייסן זיי זיצן אין דער היים. אַז ס׳וועט ווידער אָנפאַלן דאָס אומגליק? — ציטערט זי.

„דו האָסט נישט קיין כוח, און מ׳וואַרט נישט אויף דיר“, — טענהט דער אַלטער און בינאָטשקאַ איז צו מאָל האָפּערדיק: „דו זאָרג נישט, מאַמעלע!“ אַוודאי וועט זי נישט זאָרגן, — מורמלט וויעראַ אין האַרצווייטיק, בלייבט זיצן איינע אַליין און ס׳וועקט זיך כּסדר איר זכּרון, שלוכצט אויף מיט אַ ספּאַזם:

— שוין זשע איז זי אַ שפּאָן, וואָס אײַנהייצן מיט אים די הרובע איז עס קנאַפּ און ברענען אַליין איז עס אויך נישט מסוגל? אויסגעשפּילט זיך אין די־אָ טעג!

טרויער צוקט אין איר ברוסט.

... נו, זי איז שוין נישט אַזוי יונג ווי דעמאָלט, וויערא יאַקאָוולעוונאַ, ווען זי האָט געקענט אַ מוטיקע גיין אַנטקעגן אַלערליי קרבנות. עס איז מער נישט די צײַט, ווען דער גלויבן האָט געהאַט פליגל און זיי האָבן זשוואַווע געטראָגן אין דער צוקונפט אַרײַן. צוקונפט — ווי דאָס האָט געקלונגען! פּרוכנעוואַטע דאָס באַשעפעניש צוקונפט, ווען דו גענענסט צו אים. עס זעט זיך שוין. און אפשר איז עס דער פּלאַם וואָס האָט זיך אײַנגעלאָשן אין דיר גופא...? אַ מענטש ווערט עלטער, פאַרטראַכט זיך מערער, צווייפל גיט אַ דריגע. איצט איז די צרה אַזאַ, שוין אָן פאַנטאַזיע — — אַ טאָכטער פון אַ פּאָפּ, איז איר פון דעסטוועגן געווען ליב צו וואַרעמען זיך בײַם ברענענדיקן שײַטער וואָס איר מאַן האָט אָנגעהאַלטן אין די סאַמע פריקרע אומוועטערס. ערלעך האָט זי זיך פאָלויבעט מיט דער וואַרעמקייט. פּאָלק איז פּאָלק, דאָס איז ריכטיק. דער נאַראָד האָט באמת שטאַרק געליטן. אַ דאָרפישע לערערין געווען, האָט זי נישט ווינציק עוולות באַגעגנט. אויסגעדייווערט די קליינע באַלעבאַטישקייטן, צעטראָטן דעם מענטש. ווײַל דער נאָכאַל קריכט אַלע מאָל אויבנאָן. ס׳איז רעכט אַז מ׳פאַרשווײַגט נישט קיין חזירײַען. אין דער פּאַרטיי איז זי עד־היום נישט אַרײַן. עס ווערט אומהיימלעך אַז מ׳קוקט אויף דיר מיט חשד, באַשר ווילסט אויסבאַהאַלטן דײַן וואָרצל דעם מיטל־עלטערלעך קלעריקאַלן. ערלעך געמיינט, איז דער עיקר פון מענטשלעכקייט; פאַר א גראָבקייט, וואָס קען טרעפן, שרעקט זי זיך נישט. ווײַל פאַרשיידן איז ס׳פּאָלק, פון אַ סך מינים. אַרקאַדי סערגייעוויטש איז אָרנטלעך, ער האָט פײַנט היטערוועגן און זי, איר וואָרט איז אויך נישט הויל. זי האָט דען ווינציק זיך אָנגעליטן פאַר אַלץ וואָס מ׳זעט, וואָס געשטעלט אויף די פיס? אָ, אַצינד! ליבערשט וואָלטן די אויגן פאַרטונקלט געוואָרן, איידער צו זען אַזאַ פחדימדיקע זאַווערוכע!

עס איז געוואָרן ענגער אין דער באַפאַלענער שטאָט. טאַקע ווינציקער די אָנגריפן פון פאַרכאַפּטן הימל, אָבער דער שונא האָט זיך דערנענטערט מיט דער יבשה. אָ, אַ שטריק געוואָרפן אויפן האַלדז אַרויף. „אונדזערע טיילן האָבן פאַרלאָזן די פּאָזיציעס, די פײַנטלעכע חיילות שפּאַרן פאָרויס“, האָט אין פראָסט אויפגעגליט די סוואָדקע פון „סאָוואינפאָרמביוראָ“; דער

ראַדיאָ האָט נישט אויפגעהערט צו וואָרענען און אויך דערציילן פון העלדישקייטן פון די וואָס זענען שוין געפאַלן. אַלץ האָט זיך געשטעלט גראָד אין האַרבן ווינטער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגער, פינצטערער פּאַר נאַכט. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן צודרינגלעכער די סכנה. אין גיכן האָבן דעם שונאס האַרמאַטן שוין געבילט בײַ די ראַנדן פון שטאָט. ערגעץ־ווו האָט זיך אַרײַנגעריסן דער געגראַגער פון פאַרביסענע, אײַלעוודיקע קוילנוואַרפּערס. לײַט קענען דעם קאָפּ מער נישט אַרויסשטעלן. די שטוב ווערט אַ תפיסה און זי איז אַ מאָל געגליכן אויך צו אַ סנאָפּ שטרוי. נאָר פאַרן בלינדן פײַער איז זי אַ לפנימדיקע באַהעלטעניש, די שטוב; אויף לאַנג? בײַ אַ ליאַדע שפּאַר פון אַ קוילן־לענטע צינדט זי זיך אָן; אַנטקעגן דער האַרטנעקיקייט פון פאַרשאָלטענעם שונא איז ערשט די שטוב נישט מער ווי אַ פּייגלשע נעסט אַנטקעגן דעם יעגער: ער טרעט נישט אָפּ, צילט עקשנותדיק. דאָס פײַער זייט ער נאָך פון די הייכן און עס קומט עפּטערס פון צווישן די מויערן. קענטיק אַזוינע נעצן פונאַנדערגעלייגט. קענסט נישט אַרויס מיטן פוס און עס טרײַבט דיך דער הונגער, עס טרײַבט די אימה — אָט צינדט זי זיך אָן, די באַהעלטעניש דײַנע! גאָט דערבאַרעמדיקער, עס רעגנט דאָך מיט אומגליק. דער אמת איז: מ׳וויל נישט אויסגיין פאַר אַ ביסן ברויט און עס טרייסלט ס׳האַרץ פאַר פאַרשאָטן ווערן צווישן מויערן. זיי פאַלן אַזוי פיל, שיטן זיך ווי זאַמדשטיינדלעך. דאַכט זיך — זי ווערט געריררט פון זינען. דער טאָג שײַנט מער נישט מיט געוויינטלעכן ליכט. זי און די שטוב אירע זענען גראָ, פאַרקרענקט דאָס פּנים פון טאָג און די נאַכט איז אַ קעסל כמאָלע, אַ פונאַנדערגעגאָסענער קעסל. דער שונא זעט נישט אין דער פינצטער, לויפט מען אַרויס עפּעס באַזאָרגן, מ׳אײַלט העלפן מיט עפּעס דעם פראָנט וואָס שפּרייט זיך שוין אונטער דער נאָז. סע שפּירט זיך, ליבינקע, ס׳איז פולווער און אַוודאי טויטע. מע איז פאַרלוירן, אָבער מ׳מוז, — ווינקען זיך איבער צו מאָל פרעמדע וואָס באַגעגענען זיך אין דעם געקוועל. שוין וואָכן אַז מ׳טאָר נישט אָנצינדן אַ פלעמל, כאָטש די פענצטער זענען פאַרהאַנגען, פאַרקלעפּט. ווי מײַז כלומרשט פאַרשטאַנדיקע צערודערט מען זיך אין שטאָק־פינצטערניש, מ׳ראַטעוועט זיך אין בהלה און אין ברוסט גריזשעט דער צווייפל. אויף פלעמלענדיקע פיס שפּאַנט אַרום דאָס פײַער אַ פאַרחוצפּהטס, מ׳זעט שוין דערין דעם שונאס דראָענדיקע פויסטן.

— חברים, לאָמיר שלאָגן דעם פּחד פאַרן טויט! — רופט דאָס יונג־

וואָרג וואָס מאַכט פול די פינצטערניש מיט אײַנגעהאַלטענעם העזהדיקן ליאַרעם.

— מיט האַמער און מיט האָרץ זיך אַנטקעגן שטעלן דעם מנוול, — וועקן זיך אויך זקנים, וואָס האָבן אויף שלאַבעריקע פיס זיך געבוקט איבער די פאַרלאָזענע ווערקשטעלן. — מיר׳ן העלפן דעם פראָנט, — זאָגן זיי אויף נאַקעטע יאַסלעס. — און אַז דער פײַנד וועט זיך דורכרײַסן, וועלן מיר... כאָטש גיב יענע גאָרגלען, וועלן זיי זיי דורכבײַסן. אַזש די קנאָכיקע פויסטן ציטערן.

כע־כע־כע־כע, ווי שוידערלעך עס איז דער טרויער, ווען ער רעדט פון הערצ׳זם וואָס אין די ביכלעך. פאַרנאַרט, די אַלטיטשקע! אָבער זי וועט נישט לייקענען: אַ פײַער פון ליבע צו די באַדראָעטע היימען האָט זיך צעצונדן אין טויטלעכער שנאה צו די איבערפאַלערס. זי קען ערשט נישט צוימען איר אַרקאַדין, הלמאי ער שטעלט זיך אײַן, פליט אַרום ווי אַ צע־שראָקענער פויגל, דער אַלטער; ער פאַרגעסט אינעם שוואַכן האַרץ, אין די אויסגעהאָרעוועטע יאָרן. און זי קען נישט צו שטאַרק אָנשרײַען ניגאָטשקאָן, וואָס זי היט זיך לגמרי נישט. — מיר׳ן פאַרבײַטן די געפאַלענע, — פלאַמען די יונגע מיידלעך. העזהניצעס, צאַפּן דאָס בלוט פון די מאַמעס! טייל לויפן טאַקע, שפּאַנען זעלנעריש אין קאָלאָנעס, גראָבן אָקאָפּעס אַרויסשטאָט, בויען באַריקאַדן. אָך איז איר: נינאָ איז אויך צווישן די טומלערקעס.

וויערע יאַקאָוולעוונאַ האָט צעביסן די ליפּן. זי האָט נישט געהאַט צו וועמען צו ריידן, זי מוז זײַן אַליין מיט איר פּײַן!

פאַמעלעך האָט זי זיך צוגעווויינט צום טראַסקען פון די ווענט, צום דערנאָכיקן אויפבראַך פון די באָמבעס וואָס דונערן ווי אַ געוויטער אין וואַלד. אויך דער טויט ווערט יאַקאָש היימיש מיטן צעפּײַניקטן מענטש. אַ מאָל דערזעט זי אַ שכן וואָס שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ אין טיר, ער קומט עפּעס פרעגן, דערציילט פון אומגליקן ווי פון טעגלעכן ברויט. מאָדנע, זיך צוגעוווינט צו אַלץ, דער מענטש; עס רייצט צו מאָל דאָס אומפאַרשטענדלע־כע, אויסטערלישע די נאַרישקייטן פון דעם ענין ל ע ב ן.

אָט שוין ווי זיי עסן נישט צו דער זאַט גאַנצענע וואָכן, און זיי נאַרן זיך אַליין אַז אָט־אָ קריגן זיי זיך אָנצועסן אַ פולן בויך. ווי מ׳האָט זיך אויס־געלערנט אָפּצוגענאַרן דעם מאָגן! יעדעס מאָל ווײַזט זיך אַרײַן אַרקאַדי סער־גייעוויטש, ער צינדט אָן דעם פּרימוס, שטעלט עפּעס צו קאָכן. אָן אַ וואָרט אויסצורײדן איז ער פאַרטאָן, דער אַלטער, אין דעם קאָכן, דערלאַנגט דער־

נאָך צום מויל דעם לעפל וואַרעמס, גיט אויך צו טרינקען. ס׳שיין דער עול, וואָס ער טראָגט פאַרן ווײַב און טאָכטער, און ער האָט נישט קיין טענות, באַשר זיי זענען ווײַבספאַרשוינען, מער געניטע אין די זאַכן און דאָך... זע נאַר, וואָס פאַר אַ תל דאָס מאַכט פון זיך, מוסרט ער. — עס, עס, מאַמעלע! אַליין עסט ער צום ווינציקסטן. כאָטש ס׳איז בכלל נישטאָ צו עסן, שאַרפט זיך נישט בײַ איר, וויערא יאַקאָוולעוונאַ, דער חשק צו קײַען, ווי ס׳גע־שעט בײַם רוב. דער הונגער מאַטערט זי נישט אַזוי ווי עס שטאַרקט זיך בײַ איר דער ווילן אַראָפּצוווייגען זיך פון טיפן האַרץ. דאָס געוויין שטיקט איר. און עסט זי, קײַעט זי דעם ביסן ווי אַ לעדער, זי שלינגט אַרײַן אין זיך קנוילן היץ אַזש די אויגן פאַרגיסן זיך אין מטושטשן טראַכטן, וואָס ס׳ווילט זיך נישט טראַכטן. און קוקט זי זיך אַרום — דער אַלטער איז ווי־דער נישטאָ. וויערא יאַקאָוולעוונאַ שפּירט דעמאָלט אירע הענט און פיס ווי פרעמדע. די אויגן זענען געשוואָלן. אָפּט בלאָנדזשעט זי אַרום אַליין אין אַלע דרײַ צימערלעך וואָס דער גאַנצער וויסטער דרויסן גלושעט אין זיי. ווען אַרקאַדי זיך צוריקקערן דאָס מאָל? ס׳ווערט דאָך כסדר פּײַנלעכער, פינצטערער! די ברוסט האָט זיך אין איר שוין צונויפגעקאָרטשעט. ווען זי האָבן די זכיה נאָך צו זען איר טאָכטער? דער געדאַנק גליווערט ווי אַנומלט, ווען פון גאַס האָבן זיך אַרײַנגעריסן מאַוימדיקע געשרייען; זיי רײַסן זיך נאָך איצט איבער איר שאַרבן, אַקוראַט מ׳וואָלט אויף אַ מאָל דערשטיקט אַ סך לעבנס. אָ, אַ טרייסל, — וואַרפט זיך אויף איר אַ נײַע פלוצלינגדיקע שרעק וואָס שנײַדט זיך אַרײַן אין לײַב מיט אַ שאַרפער קעלט, גלײַך בערג קראַכן מיט העפטיקע דעטאָנאַציעס, זיי שנײַדן אירע געדערעם. אין דער לופט הענגט דערנאָך אַן אַנגעצויגנקייט. אָט־אָט ווערט זי אויפפלאַצן, זיך פונאַנדערפאַלן ווי פּאַפּיראָסן־אַש. לאַנג שטאַרט די שטילקייט פון טויט. זי, די מאַמאָטשקאַ, לייזט זיך אויף ווי אַ ליאַדע מאַטעריע. שוידערלעך זיך אָנגעליטן, גייט זי זיך פונאַנדער ווי רויך אין דער דורכזעעוודיקער לופט. יאָ, דער מענטש איז אַקוראַט ווי אַ קאַראַפינקע וואַסער וואָס גיסט זיך אויס. צערונען זיך די מאַטאָטשקאַ ווי אַלע טומאַנען פון פאַרשלעפערטן חלום. עפענען זיך פון ס׳נײַ אירע וויִעס, שפּירט וויערא יאַקאָוולעוונאַ אַלע אברים פאַרשמאַכט. דער דרויסן שפּאַרט אַרײַן אַן אַנגעפינצטערטער; אַ דראַ־ענדיקן פיסטויל זעט זי אין דער פאַרקראַמפּטער האַנט פון בייזן טאָג. די נעכט זענען אומרחמנותדיק בלינד, האָבן אויסגעשטאָכענע אויגן. בפירוש — דער פיסטויל קריכט איבער דער מאַטער שויב.

ענג איז די שטאָט. אין דער לופט דרייען זיך סמאַלענעס, דער טויט גייט אַרום ווי אַ תקיף מיט אַ סענקאָטן שטעקן אין דער האָריקער לאַפּע. ער האָט שוין נישט געלויערט מיט אומגעריכטקייט, נאָר געשניטן מיט צאָרן, פֿאַרביסן. אויפֿן ברוק האָבן זיך געוואַלגערט הרוגים, ווי זעק מיט טראַנטעס, נישט מער ווי טראַנטעס, פֿאַרשאָטענע מיט אַלטע בלעטער, אָפּגעריסענע פֿון וויַטן האַרבסטווינט. אָנגעטראָטן אויף עפּעס ווייכס, האָט מען שוין געווסט: אַן אויסגעלאָשן מענטשלעך לעבן. געפֿאַלן פֿון אַ טויטן־שפּליטער צי פֿון הונגער — עס איז דען אַ חילוק? מ׳האָט זיך שוין נישט אָנגעבויגן אַ קוק טאָן — וווּ? אַריבערגעשפּרונגען דעם מת און אַוועק וויַטער. מע האָט אויפֿגעהערט צו ציילן די טויטע. וואָלווּל געוואָרן דאָס לעבן, דערפֿאַר האָט מען הויך געשאַצט דעם צאָרן קעגן דעם דיַיטש, וואָס האָט דאָ און דאָרט אויפֿגעפֿלאַמט. מנוּוולים, שלאַנגען, הורן־זין, זענען געווען די נעמען פֿאַר די עקלדיקע, וואָס פֿאַרקריכן די שטאָט מיט סאַמע פּרעמדס. נאָר די בייַכער זיי אויפֿצוטרייבערן — האָט עס געשטורעמט פֿון די וואָס האָבן זיך באַוועגט צווישן די פֿאַרדעכטיקע פֿינצטערנישן און אָנגעוואַלגערטע חורבות. דערוויַיל האָט דער הונגער געלאָזט וויסן פֿון זיך מיט העפּטיקייט, געוואָרן שטאַרק צודרינגלעך. דער הונגער איז אַ פֿאַרריסענער, אַ פֿינצטערער אָנגעשוואָמען מיטן איבל פֿון זויערנדיקע, ליידיקע געדערעם. דערפֿאַר האָט דער טויט געהאַט אַ שפּעדיק גערעטעניש. מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פֿון דורכויסיקער אויסגעצערטקייט און אַ סך זענען געפֿאַלן פֿון שונאס סווישטשנדיקע קוילן. ווי מיסט האָט מען אויף גרויסע וועגענער אַרויפֿגעוואָרפֿן די געפֿאַלענע מתים; מ׳האָט זיי אויפֿגעקליבן פֿאַרגעסענע, נישט דערקענטע פֿון קיינעם אויף פּרעמדע טראָטואַרן און אויך צווישן בראָכשטיקער פֿון צעמורשטע הייַזער, בראַנדשוואַרצע קראָקוועס, זשאַווערנדיקע אייַזנס. אין מאַסנגריבער האָט מען זיי געגעבן די לעצטע רו. אויב שרעק האָט עמעצן אַ דריק געטאָן, האָט ער עס דערוואָרגן אין זיך. וויינען איז אַ צייכן פֿון אייַנגעבראָכנקייט און ס׳קען אויך זייַן אַ סימן פֿון פּחדנות. באַוויזן זיך אַ וואַקלדיקער, האָט מען אים אָנגעשפּיגן אין פּנים: „אַ חרפּה דיר!" אַנדערע האָבן פֿאַראַכטלעך זיך אָפּגעקערט פֿון אַזעלכע: „אונדזערע שטרעקן ס׳לעבן, דער איז נאָך קאַפּאַבל צו קנ׳ען פֿאַר די שלאַנגען!" די וואָס האָבן אין פֿאַרצווייפֿלונג זיך אַרויסגעריסן מיט בפּירושער ווידערשפּעניקונג קעגן די וואָס רעגירן, האָט מען גיך אָפּגעראַמט. געווען פֿלייַסיקע אַזעלכע. פֿאַרביסן האָבן זיי אַרומגעשלייַכט מיט שפּיציקע אויגן,

אויפגעהאָרכט אַ ליאַדע וואָרט. טייל מאָל פלעגן זיי אַרויסציִשען: „פאַררעטער! פאַשיסטישער שפּיאָן!” און אַזוינעם ערגעץ אַוועקגעפירט מיט אַן איינגעשטשעמעטער פויסט אויף יענעמס נאַקן. מיט אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער זיינען אַרומגעגאַנגען די פּאַרטייערס אין פאַרשטויבטע שטיוול, אין שאָפּענע פעלצלעך. זיי האָבן געוואָרנט: „גיב זיך נישט אונטער דעם יאוש, הער נישט די אונטערטומלערס!” אין אָט־אָ דעם טשאַד האָט זיך אַרומגעטראָגן אויך דער אַלטער פיליפּאָוו. אין פאַרבאָרגעניש פלעגט ער אַראָפּשלינגען אַ ביטערע טרער. „ווידער אַ צייטעלע אָנגעשטאַנען!” נישט געהאַט, ווי אין דער יוגנט, צו עסקן זיך ווי אַ סאָלדאַט, האָט ער אַצינד געזוכט עמעצן צו ראַטעווען פון אַ צרה, וועמען אַרויסצוטראָגן פון די פלאַמען. מיט פייער וואָס האָט איטלעך מאָל פריש אויסגעבראָכן אין אַן אַנדער אָרט איז די גאָרע שטאָט געווען איינגעצוימט. לעניגראַד אַ פאַסטקע און אַ שלאַכטפעלד. פון אַנטלויפן ערגעץ־ווו האָט מען זיך נישט דערוועגט צו טראַכטן. און ס׳איז נישט געווען וואַהין. אויך נישט געווען קיין באַן און קיין אָמניבוס. פאַרקראַמפּט זענען געלעגן אַלע וועגן און פאַרשטאָפּט מיט לויערנדיקן מיליטער. רגעוויַיז האָט אויפגעטויכט אַ קלאַנג, אַ פאַרדאַכט אַז עפּעס רירט זיך יאָ אַ כוח וואָס פירט אַרויס בשתיקה מענטשן פון שטאָט. ס׳איז געווען אמת. אָבער נאָר געציילטע האָבן זיך אַרויסגעקראָגן פון דער אַרומרינגלונג, ניין, מ׳האָט זיי ווי אַרויסגעגנבעט מחמת באַזונדערער אייַנזעעניש. אַנדערע האָט מען אַפילו אַרויסגעשטופּט: „פאַרנעם זיך, דו שטערסט. און קענסט זיין ניצלעך פאַר אַנדערע. וועט מען דאַרפן, וועסטו קומען”. ס׳רוב זענען דאָס געווען עלטערע לייט, פאַרדינסטפולע, אָבער צו שוואַך פאַרן אומגעהייערן אָנשטרענג וואָס איז נייטיק אין דער באַלאַגערטער שטאָט. אויך ווייבער און קינדער פון וויכטיקע האָט מען אַרויסגעפירט; שטאַרק געהיט האָט מען עוואַקוירט קינדערהיימען, בחפזון אין זיכערע ווייטקייטן אַוועקגעפירט ווערטיקע חפצים. שטאַרק נייטיקע פאַבריקן האָט מען פאַרגראָבן אין טיף־פאַרפּאַנצערטע טונעלן, וואָס בכיוון אויסגעבויט. באַיאָרטע לעניגראַדצעס זענען אַרויסגעקומען מיט קלאָמפּערשט באַיונגטער האָפערדיקייט: מ׳באַדאַרף זיך נישט אונטערגעבן און געוואָלט נאָכטאָן דעם יונגוואַרג. גענומען אַ האַמער אין האַנט אַרייַן, אַ צוואַנג און זיך געיאַוועט צו די אין גוטע הויכע שטיוול: מיר׳ן גרייט. באַפעלט עפּעס טאָן! מיר׳ן העלפן דער ראָדינאַ*.

* פאָטערלאַנד.

מיט אַ מאָל האָט זיך אויך בײַ די פּיליפּאָווס אין הויז אַ ריר געטאָן דער גליוויער.

— מאַמאָטשקאַ, דו וועסט אַוועק פון דאַנען!

עס האָט וויברירט די שטים פון דעם אַלטן.

— איך גיי נישט, — האָט זי זיך אָפּגעשאָקלט — סײַדן מיט דיר, מיט ניגאָטשקאַן.

— מיך באַדאַרף מען דאָ, מאַמעלע. דיר וועט בעסער זײַן אין הינ־טערלאַנד.

— דאָס הינטערלאַנד איז אויך צערודערט, — האָט זי זיך געוועדט.

— פון דעסטוועגן איז עס נישט אין אַזאַ קלעם, מאַמעלע, — האָט זיך שוין אַרײַנגעמישט דאָס טעכטערל, וואָס האָט אַן אָנגעשפּיצטע געוואָרט אויף דער מוטערס ענטפער.

— וועסט פאָרן, טײַערע, — איז דער אַלטער אַרויס שוין מיט ענערגיע.

אַרקאַדי סערגייעוויטש האָט עס באַשלאָסן. די סכנה, האָט ער אײַנגעזען, שטיקט שוין צו שטאַרק. עס איז נישט קיין מעשה פון הײַנט אויף מאָרגן. רוסלאַנד איז געוווינט צו אַזוינס, — האָט ער געטענהט נישט אָן אומעט. ס׳איז נייטיק אויסדויער. מיט ווײַבער לאָזט זיך נישט אויסדויערן אַזוי פיל, ווײַבער שטערן נאָך. דו, מאַמאָטשקאַ, ביסט דאָך אַ גוטע. דו וועסט נישט שטערן, אמת?

אין די דאָזיקע בהלה־טעג איז דער אַלטער געוואָרן אומגעהײַער רי־רעוודיק. זײַן הויכע געשטאַלט האָט זיך שטײַף אויסגעגלײַכט, תמיד זיך געאײַלט, געדענקט אינעם ברויט פאַר דער שטוב, אַרײַנגעשלעפּט אַ קלאָץ אויף די אַקסלען. באַהייצונג לאָזט זיך אויך נישט אָפּגעבאָרן, מאַמעלע, — האָט ער צוגעוואָרפן דעם ווײַב, וועלכע האָט מיט האַרצציטערנישן זיך צוגע־קוקט ווי דער אַלטער לאָזט זיך אַרויס אין גאַס וואָס פיבערט מיט סכנות. — מ׳טאָר דאָך נישט אין גאַנצן אײַנפרירן, — האָט ער געוועדט הויך כדי צו מינטערן די שטוביקע און נײַגעריק זיך צוגעהערט צו דער אייגענער שטים. — זעסט, גראַד האָבן זיך אונדזערע פרעסט צעבראָכן גאָר נישט אויף קיין קאַטאָווס. ער האָט געוועדט אַ טריב פריילעכער. — אַצינד וועט דער דײַטש ברעכן דעם קאַרק. די פריצעס פאַרגראָבן די קעפּ אין ווײַבע־רישע פאַטשיילעס. מ׳פירט אַ געפאַנגענעם, איז ער בלאָ ווי אַ פענזער קאַר־טאָפל און פון דער נאָז קאַפּעט אים. און די פיס שלעפּט ער אָנגעדראָלענע.

נינאָטשקאַ האָט געלאַכט פון פאָטערס מעשיות וועגן די דײַטשן, אַז זיי וועלן בלייבן שטעקן אין די רוסישע קרירות ווי די גולמדיקע טשוטשעלעס אין פעלד. און נאָפּאָלעאָן האָט געליטן אַזאַ בראָך. אַרקאַדי סערגייעוויטש האָט זיך געטרייסט מיט די טרעשטשנדיקע פרעסט. וויעראַ יאַקאָװלעװנאַ האָט בעת־מעשה געשפּירט ווי שטיקער גליוּוער גייען זיך פונאַנדער אין איר. היסטאָריע איז ערשט צו שרעקן נאָר נאַרישע פייגל, אָבער נישט קיין ווילדע האַרדעס. דעם מאַנס רייד זענען צו איר נישט דערגאַנגען. פאַר־קערט, זי האָט זיי באַנומען ווי אַ וויכער וואָס שלאָגט זיך דעם קאָפּ היב־טערן נאַכטישן פענצטער.

צו מאָרגנס איז דער טאָג ווידער געשטאַנען מיט אַן אויסגעצויגן פּנים. די שטוב האָט זיך געטרייסלט פון די אויפרײַסן, די קעלט האָט אָנגעבלאָזט אַ דינעם נעפּל און אַרקאַדי מיט דער טאָכטער זענען ווידער ערגעץ אַוועק. סודותדיקס, שותּפותדיקס אַזוינס האָט זיך פאַרבונדן צווישן פאָטער און טאָכטער אַקוראַט אין די אויסטערלישע טעג. דער פּרוי האָט עס שווער גערעגט, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט העלפן. זי׳ט אײַנגעזען, זי מוז זיי נאָכגעבן. ווײַזט אויס, — די שטאָט באַדאַרף זיי, דעם אַלטן מיט דער יונגינקער, — האָט זי געאומערט. ס׳צערודערט די שטאָט. איז אַרקאַדי אַהיים געקומען, האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי אַ רוח. גאָר נישט מיד גע־וועזן, דער אַלטער. מערסטנס איז ער אַרײַנגעפאַלן אין שטוב אָונטצײַט. גע־פרעגט עפּעס, געגעבן אָפּצועסן דעם ווײַב, וועלכע האָט פאַר די טעג פון מהומה אין גאַנצן זיך אָפּגעלאָזן. אַלע מאָל האָט ער איר דערמאָנט: — מאַ־מעלע, וועסט זיך פאַרנעמען אין וועג אַרײַן. עס איז טאַקע שווער אַליין, — האָט ער צוגעגעבן, חושד געווען אַז זי הערט נישט אויף זיך צו ברוגזן, — אָבער פאַרפאַלן. מ׳מוז איבערהאַלטן. דער עיקר: זאָל זי נישט שטערן. אין ענטפער דערויף האָט וויעראַ יאַקאָװלעװנאַ נישט אויפגעהערט צו קלאָגן אַז דער מאַן מיט דער לײַבלעכער טאָכטער האָבן זי פאַרמשפּט אויף מאַ־טערניש פון אַליינקייט. דאָ לאָזן זיי זי אַליין מיט די שרעקן, וואָס קײַקלען זיך איבערן שאַרבן און ערשט ווילן זיי זי פאַרשיקן. אַ סך מאָל האָט זי דאָס איבערגעחזרט, ממש אויסגעזונגען עס ווי אַ קלאָגליד, אַזש ס׳טעכטערל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט העצה:

— מאַמע, פאַר־זיך לעבט מען אין רויקע צײַטן. און דאָס אויך נישט אין גאַנצן פאַר־זיך. דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה. שטענדיק

איז מען אַ שותף צו אַלעמען, צי דו ווילסט עס צי נישט. אָבער דו שטערסט. איז גרייט זיך, מאַמאַטשקאַ.

— מאָרגן פּאָרסטו, — האָט אַרקאַדי באַלד דערויף אין סאַמע מיטן גערייד צווישן מאַמע און טאָכטער שוין געלאָזן פאַלן זײַן האַרב וואָרט.

— אַ פאַרענדערטער דער אַלטער, — האָט זי אַ דערשלאָגענע נאָכגע־הערט זײַנע רייד.

אין גאַנצן צעטומלט האָט זי דערנאָך אויפגעהויבן דעם בליק אַזוי גלײַך זי וואָלט געזוכט עמעצן, אַ פרעמד געקומענעם וואָס איז אָט־אָ אַרײַן צו זיי אין שטוב.

—אַנו, מאַמעלע. נישטאָ קיין צײַט צו שפּילן זיך! — האָט נינאַ ערשט צעלאָזן איר שטים. — האָסט נישט וואָס צו טאָן אין הויז. אָפּגעשטאָרבן די איינצלנע באַלעבאַטישקייטן אין שטאָט, אָבער עס מוז לעבן די שטאָט. אַ געוואָרגענע קען זי נישט לאַנג אויסהאַלטן. ווער ס׳האָט אַ האַנט, אַ פוס, מוז שטיין צו הילף דער שטאָט. דו באַשווערסט נאָך דעם פּאַפּאַ. ער האָט גרויסע פליכטן. און איך קען אויך נישט זײַן מיט דיר. האָסט באַשלאָסן, יאָ? איך וועל דיר העלפן אײַנפּאַקן, גוט?

— איך וועל נישט פאָרן אָן אײַך, — האָט די פרוי זיך געווערט קעגן אַלע אָנגריפן. איר פּנים האָט זיך געצונדן אין רויטע פלעקן. די אויגן האָבן גענומען קרענקלעך קאַפּען.

— וועסט פאָרן, מאַמעלע! דאָ איז אַ שריפה. מ׳קען דיר נישט העלפן און נישט מ׳קען דיר דערלויבן צו שטערן אַנדערע. דער אמת איז טאַקע אַזאַ — ס׳איז אַ פּאַזשאַר! — האָט די קליינע אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר צעשפּאַרטע גרינע אויגן, דעם טאַטנס שיינע אויגן אונטערן בלאָנדן קאָפּ האָר, וואָס איבער דער געטאָקטער אָדלערנאָז. — מוזסט געדענקען, מאַ־מאַטשקאַ: וואָס לעבעדיקס, טראָגט מען אַרויס פון ברענענדיקן הויז. דיך אויך אַרויסטראָגן אויף דער פּלייצע? מאַמעלע, ס׳וועט גאָר נישט העלפן — מוזסט פאָרן!

פאַרחוצפּהט געוואָרן דער סמאַרק.

וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט נישט געוווּסט דעם גאַרן אמת, וואָס דער דרויסן שפּילט אָפּ. אַ שטובזיצערין געבליבן ווי נעכטן, אויף קיין איין שריט נישט אַוועק ווײַטער. אָבער יעדן טאָג דריקט מערער די שטריק אויפן האַלדז. באַלאַגערונג איז אַ מוראדיקער פּרווו פאַרן לעבעדיקן מענטש, אימהדיק די קלעפּ וואָס שנײַדן זיך אַרײַן אין לײַב מיט פײַער, שלאָגן מיט

נויט, מיט ווײ. אָבער פאַרן אַלטן ווי פאַר דער טאַכטער איז אַחוץ אַלעמען געווען אַ צער צוצוזען ווי די מאַטאָטשקאַ צאַנקט אין דער שרעק. מ׳האָט געמוזט דרינגלעך זוכן אַן אויסוועג ווי זי אַרויסצוציִען פון דער טרענקע־ניש. נינאָטשקאַ האָט לסוף עפּעס אויסגעשמעקט בחדרי־חדרים בײַ אַ צאָל מאָסגיביקע לײַט און דער אַלטער האָט אויסגעפּועלט אַן אָרט פאַר וויעראַס גיכער אָפּאָטעמונג. ער האָט אַנדערש נישט גערעדט, אַרקאַדי סער־גייעוויטש, וועגן דער פּעולה וואָס ער מוז זוכן פאַר זײַן שווער־געטראָפענעם ווײַב. זי שטיקט זיך, חברים, — האָט ער זיך באַקלאָגט. יאָ, עוואַקואַציע, — האָבן די פרײַנד אָנגערופן דעם דאָזיקן אַקט וואָס איז אויך פון סטראַ־טעגישן באַטײַט. פאַרזיכערט פאַרן ווײַב אַ פּלאַץ אין אַ קלײנער גרופּע וואָס ווערט אָט־אָ עוואַקויִרט פון דער בלאָקירטער שטאָט, האָבן פאָטער און טאָכטער אָפּגעשמועסט צווישן זיך אַ דריק צו טאָן אויף דער מאַמעלען. איז אָנגעשטאַנען דער דערוואַרטער מאָמענט, האָט די „קלײנע" דערלאַנגט דיבורים.

— נו, מאַמאָטשקאַ, מ׳וואַרט אויף דיר. אָט איז דײַן באַגאַזש. מיר׳ן גיין!

— וואָס? — האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ אויפגעהויבן איר צוגעלעגן פּנים נישט אַן שטוינען.

— ווי דו זעסט, וועלן מיר זיך איצט געזעגענען, — איז צוגעשטאַנען דער אַלטער. — נו, נו, טײַערע, אַן צערעמאָניעס. מענטשן וואַרטן.

די פרוי האָט זיך דערשפּירט באַצוווּנגען. „האָסט נישט קיין רעכט צו שטערן ראַטעווען אַנדערע. די אַקציע איז כסדר אין גאַנג, — האָט אין איר געליאַרעמט דעם מיידלס מוסר. „רק דו שטערסט, מאַמעלע!" און ווייטיק וואָס יערט אין איר מחמת דורכדרינגענדיקער באַליידיקונג, האָבן געטרערט אירע אויגן. זי האָט געשלוכצט אײַנגעהאַלטן, די אַקסלען האָבן געצוקט.

נישט געווען קיין ברירה. מ׳האָט די מאַמעלע אַוועקגעפירט אין ווײַטן הינטערלאַנד. מ׳האָט זי אָפּגעטראַנספּאָרטירט, — האָט זי געטענהט — אויף בלוטנדיקן ברויט, אויף טרויעריקן איבערוואַרטן.

3

אין גאַנצן אַן אַרומגעפּעקלטע אין טולופּעס, אַ ווינטערדיקע אין ברײ־טע געפילצטע שיך האָט וויעראַ פיליפּאָוונאַ פאַרענדיקט איר שווערן וועג.

לאַנגע תהומיקע מעת־לעתן געשלעפּט זיך און דעם קאָפּ ענדלעך דערשפּירט ווי אַ צוגעטשעפּעטע זאַך. שוין? — זי האָט זיך קוים געשטעלט אויף די פיס, ווײַל אויך אַנדערע האָבן זיך פאַרנומען אַרויסצוגיין פונעם וואַגאָן.

ווי אַ בערוועגע האָט דער שטראָם פּאַסאַזשירן זי אַרויסגעשטויסן אַן אײַנגעגליווערטע אַזוי פונעם צוג. אַ מבולבלע איז זי געבליבן שטיין פאַר דער אָפּגעליידיקטער, אויסגעסאָפּעטער באַן:

— דאָס איז זי, די אַלמאַ־אַטאַ?

דער אויף גיך פאַרפּאַקטער באַגאַזש — אַ פּאָר קליידלעך, אַ ביסל וועש און די נייטיקסטע באַלעבאַטישע זאַכן — איז שוין געלעגן בײַ אירע פיס און דאָס גאַנצע נײַע, אומבאַקאַנטע — אַרום איר.

מאָדנע די דאָזיקע נײַקייט. טיף אין טאָל הייבט זי זיך אָן; באַשײַמפערלעך, נישט אָן בלאָטע הייבט עס זיך אָן; דער גאַנג פון איר קלעטערט אַרויפצו: הופּ, הופּ! אָט־אָ אַ לאַנגער, אַ שמעלערנדיקער שטרײַף אַספאַלט ציט זיך אַרויף, אַרויף, און דער שטרײַף צוקאָפּנס פאַררײַסט זיך צו אַ יחסנישן באַרג מיט אַ ווילערישער פּאַפּאַכע שניי; און אפשר איז ער אַ גאַנצע באַרגקייט. קענסט דען געבוי זען אין נעפּל וואָס שפּרייט זיך אויבן ווי אַ צעפלאַטערט שאַלעכל? אָ, די לופט איז דאַכט זיך אַ ווייכע, פּפּפ־פּפּו־ו־וו. טאַקע וואַרעם געוואָרן!

די לענינגראַדערין וויערא יאַקאָוולעוונאַ פּיליפּאָוואַ איז געשטאַנען אַ געפּלעפטע און זיך אַרומגעקוקט און געשטוינט: וו־ וועט עס אַוועק אין אַזאַ פרעמדן מקום? אין די לאַנגע מינוטן וואָס איר איז אויסגעקומען צו שטיין מיט די פּעקלעך בײַ אירע פיס, האָט זי עפּעס נישט קלאָר באַנומען וואָס מיט איר איז אייגנטלעך פאָרגעקומען. און וואָס וועט זי אָנהייבן איינע אַליין? ערשט האָט די אויסניכטערונג איר גענומען שרעקן. אַז ס׳איז אויסטערליש אַנדערש, סומנע שטיל דאָס נײַע אָרט, האָט איר באַלד געשלאָגן אין פּנים אַרײַן.

פלאַטשיק־ווײַס, פול מיט שויבן, מאַט און לופטיק ווי אַן אַראָפּגעגנידערטער זומער־וואָלקן שטוינט דער וואָקזאַל אַ יום־טובדיקער אין מיטן אַ בידנעם אינדערוואָכן: אויסגעשטשערבעט איז דער ברוק, נעבעכדיקע ליים־הײַזקעס קנײַען אין בלאָטע, אַן אָרעמקייט ליאַרעמט פון אַלטע לײַט וואָס באַוועגן זיך איבעריקע, עפּעס פאַרשפּעטיקטע; פאַרחידושטע קוקן פאַרוואָרלאָזטע קינדער, קאַליקעוואַטע דראָזשקעס, פאַרשפּאַנטע אין אויסגעקראָכענע קליאַטשעס, סטאַרטשען אונטער דעם משופּע־אָנגענײַגטן הימל, גלײַך אַ יאַ־

ריד וואָלט זיך אָקערשט אײַנגעלאָשן. אַנטקעגן דער־אָ אָנגעראָיעטער מרה־שחורה ליגט עס די שטאָט. אַרויף פֿון טאָל הייבט זי זיך אויף אויף אַן אויסגעגאָסענעם שטיינערנעם באַנד. ס׳איז דער אַספֿאַלט וואָס גלאַנצט אין ברייטן טאָגליכט און אַריבער אים, ווי אויף אַ גראָען שוואַנען־האַלדז הייבן זיך מגושמדיקע בערג, פּלייצעס און קעפּ פֿון בערג מיט שניי־שרונטן, אויך מיט זילבערנדיקע, נעפּלדיקע סטענגעס פֿון לעבעדיקן וואַסער.

אַ שטייניקע אַזאַ די שטאָט, צי אַ ראַכיטישע? — האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ אַ שטאָך געטאָן דער צוגעטראָטענער אומעט. — אַ מדברדיקע, טאַקע — האָט זי זיך געענטפֿערט אין ווידערשפּעניקנדיקער אומהיימלעכקייט.

— רעכט וואָס מ׳זאָגט: אַ מקום פֿאַר פֿאַרשיקטע, — איז אין איר געקראָכן אַ לאַנג פֿאַרגראָבענע קרענקעניש.

מיט אַ מאָל איז איר געוואָרן הייס. אַן ענגשאַפֿט דריקט אין דער קעל און די זון רײַסט איר די אויגן: — ס׳טאַקע דאָ.

די גאַנצע צײַט פֿונעם פֿאָרן איז זי געווען שטאַרק נערוועז. מיט אַראָפּגעלאָזענע וויִעס געזעסן צווישן די מענטשן, מחמת ס׳איז איר געווען דערווידער צו גענענען צו די אומבאַקאַנטע. ווער ווייס מיט וועמען דו האָסט אָקערשט צו טאָן? און ס׳איז מלחמה־צײַט. דער שונא קריכט ווו דו דערוואַרטסט אים נישט. אָ, ווי גרויס עס איז דאָס אומגליק! צי אין קאָפּ האָט געמישט אָדער די שײַן אַרט איר, דאָס ווייסט זי נישט און זי איז נישט אין שטאַנד צו טראַכטן. אַ משא ליגט אויפֿן שאַרבן. דאָס אויסגעצערטע פּנים איז נאָך איצט פֿול מיט רויטע פֿלעקן; זי דערמאָנט זיך עס ווי אַ חרפּה, מענטשן זעען? די באַקן פֿלאַמען איר, די אויגן אָנגעשוואָלן. וויעראַ פֿיליפּאָוואַ פֿילט עס. און אין די אויערן שטייט פֿון ס׳נײַ דעם מאַנס בעטן: „פּאָר, פּאָר, מאַמאָטשקאַ!“ זײַן שלאַבעריקייט רייצט זי איצט: אַ העלד על־פּי צופֿאַל, דער זיסער פּאַפּאָטשקאַ! צו וואָס, זי האָט דען געטרוימט פֿון העלדישקייט? פֿרידן, הויזלעכע מנוחה איז געווען דער חלום פֿון איר באַשיידענער מיידלשאַפֿט, און דאָס האָט זי געפֿונען אין אַרקאַדין דעם פּשטן. ער איז אין עצם נישט קיין אַנדערער, ווי זי טראַכט ערשט. אומזיסט האָט די העלדישקייט פֿאַרבלאָנדזשעט צו אַרקאַדי פֿיליפּאָוו און ער, דער ווילער, האָט געעפֿנט די טיר פֿאַר דעם גלאַנץ, וואָס פּאַסט זיך נישט צו זײַן פּנים. שיִער־שיִער האָט ער זיך פֿונדערגעווײַנט, דער קאָמאַנדאַרם פֿון אַנומלטיקן ווײַסרוסישן פֿראָנט. די רעוואָלוציע טראָגט אים נאָך, דעם נאַר, פֿירט אים אַלץ נישט אַוועק פֿון עמעצנס ביטערקייט; ער האַלט זיך נאָך בײַם קינ־

דערישן גלויבן בעת אַנדערע חברים זײַנע, פּאַרטייִשע און מיליטערישע, דראַפּען זיך אַלץ, טייל האָבן זיך הויך דערדראַפּעט. דער, דער בידנער, מוז לײַדן. ער לויפט צו יסורים פאַר זיך, פאַר ווײַב און קינד. אַך־כאַ־כאַ, אַן אײַנגעבוירענער מוט אַזאַ און זי, דאָס ווײַב, טאָר צו מאָל נישט וועלן אים אויסהיילן דערפון. ווי דער כאַם אין דער איקאָנע איז דער ליבענקער אין דעם אַרײַנגעטאָן מיט דער נשמה. עס זאָל אים נאָר נישט פאַרשאַדטן. מעג זי אים אַזוי פיל ווי טאָן, דעם טײַערן? איר ברוסט צאַפּלט זיך פאַר די שרעקן וואָס לויערן איצט אויף אַזעלכענע. און ס׳טעכטערל? אין גאַנצן אין טאַטן געראָטן. אָנגעזאָטן אין דער באַוועגונג פון דער יוגנט, כוחט זי זיך נאָר צו באַווײַזן מיט אויפּטו. „די יוגנט וועט פירן — זאָגט ניגאָטשקאַ — זי וועט אויסקאָרטשענען דאָס מיאוסע, דאָס ווילדגראָז. פאַראַן, מאַמעלע, גענוג ווילדגראָז אויסצויעטן בײַ מענטשן. עס שטאַרצט אומעטום פון פאַר דער נײַער צײַטרעכענונג, וועלכע הייבט זיך אָן מיט איר, מיטן דור פון דניעפּראָגעס און דעם ווײַס־ימישן קאַנאַל״. או־או־וו, טײַערער! וויפל רום פון דײַנע בעסטע דער אָקטאָבער האָט שוין חיהש פאַרצוקט? געדענקסט דען נישט די אַלע יאָרן? דערמאָן זיך, אַרקאַ! ווילסט נישט געדענקען, דו ווײַכסט פונעם נישטיקן. אָבער מיך לאָזט עס נישט אָפּ, אַרקאַדי מײַנער. איך גיב גרויסע קרבנות, כ׳מוז געבן דיך, ניגאָטשקאַן. עקשן, אויך דו זעסט עס! ניין, ניין, איך מיין גאָר נישט — —

עס האָט איר אַ מיש׳ געגעבן אין קאָפּ. די לענינגראַדער שטוב איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אַ פאַרטומלטע. און דער מאַן מיט דער טאָכטער זענען אויף איר אַרויף מיט טענה, מיט הכנעה:

— מאַמעלע! איך בעט דיך... קיינעם איז איצט נישט דאָס געמיט פאַר גערײידעכץ, פאַרשטאַנען? ס׳וועט זײַן גוט, מאַמאָטשקאַ נאָר אויסדויער.

זיך אַרומגעזען ס׳איז אַ מיראַזש — דער פּועל־יוצא פון איר פאַר־לוירנקייט, האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ גענומען זוכן אַ האַנט וואָס זאָל איר העלפן זיך אַ ריר געבן פון אָרט. זי וועט דאָך נישט שטיין אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ!

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ טרעגער וועט זי נישט נעמען. זי האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פון דער דינסטגרייטקייט מצד די אָפּגעשליסענע ייִנגלעך מיט די פאַרשײַטע טשופּרינעס; אומגעפרעגט האָבן די דאָזיקע זיך אַראָפּגעבויגן צו אירע פּעקלעך, געפּרוווט אַ שלעפּ טאָן, גרייט צו נעמען זיי אויף די פּלייצעס און זי פירן.

— ליבינקער, כ׳קען נישט גיין. איך בין מיד, — האָט זי זיך ממש געבעטן. — זייער מיד.

די פיליפּאָוואַ האָט געשפּירט אַ שאַרפע טרוקנקייט אין האַלדז. דער זוניקער טאָג וואָס איז דאָ געשטאַנען, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַ רויטלעכער ווי ר׳וואָלט געווען צעהאָנגען אונטער פאַררייכערטן גלאָז.

ערשט האָט זי זיך דערווישט אַ פאַרגעסענע, כמעט די איינציקע פּאַסאַזשירקע פון דעם לאַנג אָפּגעהודזשעטן צוג. אַלע, זעט זי, האָבן שוין אַוועקגעשטראָמט אין שטאָט אַריַין. באַטראַכט דאָס קרענצל גיריקע יינגלעך, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, האָט די פרוי מיט אַ מאָל זיך דערמאָנט אָן דעם בייַטל וואָס זי האָט די גאַנצע צייַט געהיט ביַי זיך אונטערן אָרעם. געעפנט אים אומגעריכט, האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ גענומען פונאַנדערטיילן מטבעות צווישן קליינוואַרג און גיך, ווי זי וואָלט זיך וועלן אַרויסראַטעווען פון פאַרלוירנקייט — זיך אַ צי געטאָן צו אַ דראָשקע:

— איר׳ט אַזוי גוט זיַין? צו אַ האָטעל, פּאָזשאַלויסטאַ!

4

לעדערנע קורטקעס, גרינע פרענטשן, יוסטע שטיוול און שינעלן האָבן אומעטום זיך געוואָרפן אין די אויגן. פול מיט מאַנצבילשער ענערגיע, מיט אייַלעניש אין די קאָרידאָרן, פול מיט דעם אויף אַלע שטיגן. און האַרטער גערייד טורעמט זיך איבער אַלץ.

געווען געפּאַקט ביידע האָטעלן אין שטאָט, איבערפולט אויך דאָס הויז פון די קאָלכאָזניקעס. קענטיק, קליין איז די אַלמאַ־אַטאַ פאַר אַזאַ וויכטיקייט ווי עוואַקואַציע פון דעם גרויסן, פּלוצלינג אונטערגעבריטן „פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע רעפּובליקן״, האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַן אַ פּיק געטאָן אַ שלעפּעריקער פאַרדראָס. וואָס אַלץ עס נעמען זיך אונטער די טוערס און זיי קענען נישט אויספירן! — האָט געפּלעמלט איר געדאַנק, ווען פאַר איר זענען אויפגעשוווּמען פּנימער, געבערעקלט זיך שטימעס. „ענג געוואָרן ביַי אונדז, בירגערין״, — האָט דער ערשטער האָטעל־דירעקטאָר זיך פאַרענטפערט, גלייַך ער וואָלט געלייענט אירע געדאַנקען. — „אין אַלע שטאָטישע צענטערס פון דער רעפּובליק פּוסטעווען די קאָלכאָזניקעס־הייַזער, הי איז פאַרקערט. אויך אין מייַן אונטערנעמונג איז יעדע שפּאַרע שוין פאַרשטאָפּט מיט מענטשן. נישטאָ אַן אָרט אַפילו פאַר קיין איין שטרויזאַק״. שווער,

ערנוואָרט, זייער שווער! דער ברויט־שפּײַכלער פון דעם גאַנצעטשקן אויס־
געצערטן לאַנד זענען געוואָרן — מיר. אַלע קוקן אַהער, קיין קאַזאַכסטאַן:
פּײַ דער פּראָנט, סײַ די עוואַקויִרטע. און דאָס גאַנצע הינטערלאַנד איז ערשט
אויף די רעדער. אונדזער הויפּטשטאָט, פּאָנימאַיעטיע, מוז האַלטן אין אירע
הענט דעם קנופּ נערוון פונעם גיריקן מולך, דער מלחמה, וואָס איז אָנגע־
וואָרפן געוואָרן דעם פאָלק. אָן אַ שיִעור זאָרגן, בירגערין, פאַר אַ יעדן פון
אונדז. איר דאַרפט האָבן געדולד", — האָט ער אין איר אַרײַנגערעדט אומ־
געבעטענערהייט, גלײַך ער וואָלט אַזוי אַרום זיך אַנטשולדיקט פאַר דער
פּרוי פון דעם יהוסדיקן לעבינגראַד. „פון ווײַטע סטעפּישע ישובים, — האָט
ער געזאָגט — קומט מען קיין אַלמאַ־אַטאַ, צום צעקאַ רופט מען אַרויס,
צום סאָוונאַרקאָם; די אינדוסטריעס מוזן שטיין אויף דער וואַך; די דעלע־
גירטע מוז מען אָפּטרעטן לפּחות אַ קויקע אויף אָפּרו, איבערנעכטיקן. גיט
אַ קוק, אַ שטיקעניש, יעי באָגו... סײַדן איר וועט קענען פּריוואַט איבער־
וואַרטן ערגעץ אַ טאָג צוויי. ס'קען זיך מאַכן. דערנאָך גייט אַרײַן צו אונדז.
אַל דאָס גוטס, בירגערין. וואָס? דערמאָנען שאַדט נישט.

איר איז געוואָרן איבערדריסיק צו הערן די אַלע אויסריידן. „צום באַ־
דויערן, ליבינקע". פון אַלעמען דער זעלביקער טרוקענער, העפלעכער ענט־
פער.

דער דראָשקאַר האָט וועראַ יאַקאָוולעוונאַן מיט די פּעקלעך אַרומגע־
פירט איבער רייַנע גאַסן, פאַרזשמורעטע צו די בערג ווי צו אַ וואַנט וואָס
טונקלט ברוגזלעך און וועט זיך אַ ליאַדע רגע וואַרפן שלינגען שטיקער
פונעם האָריזאָנט. מידקייט האָט זיך שוין געפּליעסקעט אין דער־אָ וואַנט.
די פּיליפּאָוואַ האָט זיך געהוידעט אויפן פּיאַקער און הײַזער האָבן איר
נאָכגעקוקט, די שטילקייט איז זקנהש איר נאָכגעפאָרן אויף שפּרינגענדיקע
רעדער.

— נישקשה פון אַ שטעטל, נאָר פגרן קען מען דאָ גאַנץ לײַטיש, —
האָט דער אומעט איר אַ שמיץ געטאָן, באַוויגן דעם מוח.

אַפילו די באַזאַכטקייט פונעם הימלבלאָ, וואָס איז נאָכגעקראָכן, האָט
אָקערשט געאַרט דער פּיליפּאָוואַ.

נישט געווען קיין ברירה: ווערא יאַקאָוולעוונאַ האָט סוף־כל־סוף נישט
געקענט באַשטיין אויף דאָס איריקע, ווי אָפּגעמאַכט בײַ זיך — אַליין אויס־
צוגעפינען אַ באַשיידן ווינקל. אָן רעקאָמענדאַציעס, אָן „בלאַט". אַ בירגע־
רין איז זי, און אַ דערוואַקסענער מענטש איז זי אויך. און פליכטן פאַר

עוואַקויִרטע טראָגט די פּאַרטיי, דער שטאָטישער וווינונג־אָפּטייל? קלאָר, ס׳קלאָר!

הפּנים — פליכטן פאַרענטפערן זיך נישט מיט זיסע ריידעלעך ווי די אַלמאַ־אַטינער פּרווון עס אויס אויף איר. אַך, אַך, ווו וועט זי זיך וואַלגערן און דער אָוונט וועט נישט לאָזן אויף זיך וואַרטן!

נישט געווען קיין עצה. זי האָט פון רידוקיול אַרויסגעגראַבלט דעם בריוו „צום פּאָרזיצער פון שטאָטישן אויספּירקאָם אין אַלמאַ־אַטאַ, קאַזאַכישע ססר״.

מ׳טאָר נישט פאַרזאַמען, — האָט עס גערעגט דער פּיליפּאָוואַ. — פאַר אַ מוז גילטן נישט קיין שום פאַרענטפערנישן. און נישטאָ אייגנטלעך וואָס זיך צו שעמען, — האָט וויעראַ פּיליפּאָוואַ אַזוי אַרום זיך געשטאַרקט. — ביסט געקומען צו זײַן דאָ, פּיליפּאָוואַ, מוזסטו זוכן די שוועל פאַר דעם זײַן. צו מאָל אַ שוועל, ווײַל קיין באַקוועמלעכקייטן טאָרסטו נישט דערוואַרטן. האַסטיק האָט זיך צעאַרבעט איר געדאַנק און זי האָט ניכטער אָנגעשטעלט דעם בליק אויף דער פלייצע פון דראָשקאַר.

— איר׳ט באַוויליקן אַ ביסעלע גיכער, בירגער, צום שטאָטישן אויספּירקאָם? — האָבן מויל און אויגן בײַ איר נערוועז זיך באַוועגט און זי׳ט אוממעגלעך האַרט דערשפּירט דעם זיץ פון דער דראָשקע.

— ווי אײַך איז ליב, בירגערין. איכ׳ל נישט קאַרגן אונטערצושמײַסן ס׳בהמהלע.

5

עס איז נישט פון די לײַכטע זאַכן אָנצוקומען צו אים. ווײַל אין זײַן צעוויגטן אומרו זיצט דאָ שוין דאָס גאַנצע צערויִנירטע הינטערלאַנד. דער טומל אין דער גרויסער שטיינערנער געבײַדע האָט וויעראַ יאַקאָוולעווגאַן אַרומגעכאַפּט ווי אַן אומגעריכטער טומאַן און זי מבלבל געווען. איבעראַנײַס הערן זיך סמאַלענעס, ס׳טראָגט זיך אַ געקרעכץ פון פאַרווונדעטן מענטש. אין ווימלענדיקן גערייד פלאָנטערט זיך אין אויג אַרײַן אַפילו דער גראָער שינעל. אָ, ס׳איז האַרט די וואָר פון מענטשישע יסורים. דאָ איז אויף אַ קו־פּע אָנגעוואָרפן צעפּאַסעוועטע שטיקער פון צעבלוטיקטן לאַנד. אַ סך אומ־געדולדיקע, מידע קנוילן זיך אין וואַרטזאַל, אויך פאַרחוצפּהטע וואָס זענען אַרויס פון די האָלאָבליעס מחמת זיי האָבן אַלץ פאַרלוירן אין די ווײַטן וואָס

רײכערן זיך נאָך פֿאַרן געדעכעניש, פֿאַרן לעבעדיקן אויג. ס׳איז אַן אומגעהײַערע פֿײַן דאָס־אָ, — האָט די פֿיליפּאָוואַ אַ מינוטקעלע אַ קלער געטאָן און געקוקט אויף די אַרומזיצנדיקע, שטייענדיקע. אָבער די־אָ ענגשאַפֿט שרײַט אויף קולי־קולות. פֿאַרן אומגעצאַמטן געליאַרעם געפֿינט זיך שוין דער תּירוץ, וואָס שפּאַלט דעם מוח!

„קוים אַהער געבראַכט די אַלטע מאַמע, אַצינד האָט ער נישט ווו זי אַוועקצולייגן. נאַ, האָסטו מײַנע מאַזאָליעדיקע הענט! אַלע יאָרן האָרעוואַניע אין דעם. קיין שום יחסנישע דריידלעך פֿאַר זוכערס פֿון פּריווילעגיעס וועלן דאָ נישט דורכגיין. איכ׳ל נישט אָפּטרעטן!” און אָט אַ קינד וואָס האָט אין משוגע געוואָרענעם וועג אָנגעווירן די מוטער. „איך, איך בין אַ מאַנצביל וואָס קען זיך נישט אַרומטראָגן מיט אַזאַ ברעקל. איז ווער זאָל אים הערן! יאָ, פֿאַר וועמען זאָל איך זיך שרעקן? שוין נישטאָ פֿאַר וואָס מורא צו האָבן” — — געשריי האָט געוואָלט געשריי באַגוועלטיקן. אויך באַטשאַלניקעס מיט לעדערנע האַנטטאַשן אײַלן זיך מיט זייער וויכטיקייט, ס׳דרייען זיך נישט ווינציק מיליטערישע וואָס האָבן שוין פֿאַרזוכט די יסורים פֿון בייז־באַרימטע שלאַכטן.

— זיצט, לייטענאַנט, — בעט זיך די סעקרעטאַרשע בײַם טיש פֿון וואַרטזאַל. ס׳איז אַ מיליטערישער וואָס לענט זיך אָן אויף אַ שטעקל און וויל נישט אָפּטרעטן פֿון דער טיר, וועלכע פֿירט אַרײַן צום פֿאָרזיצער.

— נישטאָ מער קיין געדולד, — האַקט ער אָפּ, דער צעקאַליעטשעטער לייטענאַנט און באַהאַלט פֿון די אַרומשטייענדיקע זײַן קאָנפֿוזן בליק.

די סעקרעטאַרשע האָט קנאַפּ צײַט. די דרויסן־טיר שטייט דאָ אַ צעפּראַלטע. ברייט זענען די שטיגן פֿון דעם הויכן שטיינערנעם בנין און פֿאַרעקשנט בליבּעט אַהער אַרײַן די מענטשישע ענערגיע. באַווײַזט זיך אַ פֿאַבריק־דירעקטאָר, קומט מיט אים אַ שטיק רעש פֿון אימפּעטיקע מאָטאָרן, פֿון פֿאַרעקשנט אײַנגעשפּאַנטע טראַנסמיסיע־פּאַסן און דער עלעקטריש־גרינלעכער בליק פֿון לאָמפּן וואָס זשמורען, לויערן אויף די אַרבעטהענט. — כ׳בין באַשטעלט פֿון פֿאָרזיצער, שוראַ וואַסיליעוונאַ, — זאָגט אָן אַזעלכער און אָטעמט אויס אויף איר מיט טאַבאַק און שאַרפֿן מאַנצביל, אַזאַ וואָס זוכט זיך תּמיד אַ שאַנס פֿאַר אײַנזען מצד דעם אײדעלן מין. אמת, אמת, — זוכט זי נאָך בײַ זיך אויפֿן טיש דעם אַרבעט־קאַלענדאַר פֿונעם פֿאָרזיצער. באַלד, באַלד, — ענטפֿערט זי. „ער זעט דאָך אַזוי פֿיל אויגן אַרום, דער חוצפּהניק, — גיט ס׳מיידל אַ טראַכט. — אַ מינוטקעלע, יאָ?” ווײַסהאָריק, יונג

שטעלט זי זיך אויף אויף אירע הויכע קנאַפּל, די סעקרעטאַרשע, שפּאַרט אויף די מאַסיווע טיר פון דערבײַאיקן קאַבינעט. דער אינעווייניקדיקער שרײַבטיש גיט ברוין־פּנימדיק אַ מיניע מיט חשיבות, זי דערבליקט פון ווײַטנס אַ צייכן. איטלעך מאָל האָט יורי זאַכאַריעוויטש אַריעכאָוו זיך אַ בייג געטאָן אויף זײַן זיץ: — מע מעג.

— פּאָזשאַלויסטאַ, גייט אַרײַן, — גיט דאָס מיידל אַ יווּנק צום נאָכקור־מענדיקן פון דער ריי.

אַזוי קומען זיי, אַזוי באַוועגט זיך די שטאָט וואָס האָט ווי אַ פויסט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין שאָטן פון כמורנע בערג.

דעם דראָשקאַר האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ שוין אָפּגעלאָזן. די וואַליזע מיט דער ברעזענטענער טאָרבע האָט זי געבעטן אַרײַנטראָגן אין וואָרט־האַל. אַזעלכע, אַ באַלאָדענע פון ווײַטן וועג ווײַזט זי זיך אַרײַן אין סאַמע האַרמידער. פּאָזשאַלויסטאַ, — ווענדט זי זיך באַלד צום ערשטן בעסטן וואָס באַגעגנט — זאָגט מיר צו וועמען זיך צו ווענדן. איך בין ערשט פון פּאַ־יעזד. קיין אַנדערן אַדרעס ווייסט זי נישט, פּאַרענטפּעפּרט זי זיך מניה וביה. דערכאַפּט מיטן בליק די סעקרעטאַרשע מיטן בלאָנד־פריזירטן קאָפּ אין מיטן אַ צעשויבערטן עולם, איז זי גלײַך צו צו איר:

— האָט נישט פּאַראיבל וואָס מיטן געפּעק. נאָר וואָס פון צוג. פון לע־נינגראַד אַ בריוו בײַ מיר פּאַר...

אַ פּאַכע געטאָן מיטן קאָנווערט פון לענסאָוועט און האַסטיקלעך, נאָר שטיל צוגעגעבן:

— איר וועט אַזוי גוט זײַן, ליבינקע? דעם פּאָרזיצער אָנמעלדן. כ׳על אײַך דאַנקען.

— באַלד, בירגערין. זעצט זיך אַ ווײַלע. חבר אָריעכאָוו האָט ערשט אַ וויכטיקע קאָנפערענץ.

— כ׳על וואַרטן, — און זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ בענקל נאָענט פון דער סעקרעטאַרשע.

אַ סימפּאַטיש פּנימל, זעט זי, און באַטראַכט איר געקעמעכץ וואָס אין דינע פלעכטלעך (פון די היגע אַוודאי די יונגינקע. נאָך פון דאָרף דער טינק, רעדט צו זיך וויעראַ די גרויסשטאָטישע); זי בלאָנדזשעט נאָך איר לײַכט־שרײַבנדיקער האַנט און חזרט אײַן דעם נאָמען פון שטאָט־באַלעבאָס: אָריעכאָוו רופט ער זיך. אַן אונדזעריקער ווײַזט אויס — — אָפּגעקאָמאַנ־דירט אַהער. שוראַ וואַסיליעוונאַ הייסט די קליינינקע, צוגעזוכט זיך אַ

מיטאַרבעטעריך. ס'גוט. אַזאַ גייט אין די פּיסטריט פון באַלעבאָס. ווי אַן אומרו פון אַ וואַנטזייגער באַוועגט זיך די קליינע. געוויס, איכ'ל איר נאָך אַמאָל דערמאָנען.

...קוים זיך אַרײַנבאַקומען צו אים. „ס'מיידל איז באמת גאָר נישט שול־דיק. חבר אַריעכאָוו מוז זײַן זייער אַ קלוגער. ער איז פאַרטרונקען אין פּליכטן. אויב עס גייט אַ מאָטאָר, פּרווו נאָר אים צו פאַרהאַלטן, אַדרבא".

זי האָט שווער געאָטעמט און נישט געהאַט ווו די אויגן אַהינצוטאָן. קענטיק, אַ גרויסע פאַבריק גייט דאָ און דער־אַ פירט־אָן מיט דעם קאָמ־פּליצירטן אַפּאַראַט, — האָט אין איר געפּ׳קעט אַן אײַליקער געדאַנק און אַ געפיל האָט געריזלט, וואָס ס'אויג און אויער האָבן פאַרשלונגען אַן אַ סדר, אָן קלאָרקייט.

ווירעראַ יאַקאָוולעוונאַ איז געוואָרן היפּש צעטומלט, ווען ער האָט גע־בעטן זי זאָל זיך אַוועקזעצן אַנטקעגן אים, בעת ער אַליין איז דרך־ארצדיק געשטאַנען בײַם גרויסן טיש מיטן פולן פּנים צו איר. — ניטשעוואָ, זיצט, דערציילט פון דער העראָישער שטאָט. אָ, מיר ווייסן, מיר'ן פון דעסטוועגן דאָרשטיק נאָך נײַסן פון דאָרט. הע־הע, אַזאַ מערזאָוויעץ. ער רײַבט זיך צו אונדזער האַרץ, וואַרפט אַ סך כוחות... אַזוי, אײַער מאַן, אויך אײַער טעכ־טערל. ס'איז היסטאָריש גרויס אָט־די פאַרטיידיקונג. איר'ט גוט געטאָן. אין אײַך וועלן די לײַבלעכע אָנקנײַפּן די האָפענונגען אויף לעבן און מיט דעם צוהעלפן צום זיג. איר האָט גוט געטאָן וואָס איר זענט געקומען צו אונדז, פּיליפּאָווא, — האָט ער געזאָגט — איר'ט זיך געפינען אַן אָרט און די אײַ־עריקע וועלן אײַך ליבלעך אויפנעמען צום צוריקקומען פון אינערלעכן פראָנט. איר באַנעמט? ס'איז אויך אַ פראָנט, גאָר אַן ערנסטער. איר'ט אונדז צוהעלפן, ריכטיק? — ווערט ער צוגעלאָזן. — איר'ט דאָ זײַן, וועט איר זען ווי נייטיק ס'זענען מענטשן וואָס ווילן העלפן, קענען העלפן.

— בין איך ווערט אַזאַ צוטרוי, חבר פאָרזיצער פון אויספּירקאָם?

— כ'צווייפל נישט, פּיליפּאָווא.

פונאַנדערגערעדט זיך, זענען זיי ענדלעך דערגאַנגען צום תוך, וואָס האָט ווירעראַ יאַקאָוולעוונאַ געבראַכט צו אים.

אָ, ס'איז געווען פײַנלעך שווער פאַר איר צו באַגרינדן איר באַגער, מחמת מיט אַלע פיבערן פון איר האַרץ האָט זי געטראַכט דערפון (אָו, אָו־וו, בײַ דעם טומל קען זי נאָך בלײַבן אויף דער גאַס! — האָט עס אין איר

געהילכט בהלהדיק); זי האָט געציטערט פאַר אַ דורכפאַל, אַפילו געאָנט אַז זי הערט פריערויס זײַן ניעטו, נישטאָ, פיליפאָוואַ — און ער צעפירט די הענט אין אומבאַהאָלפנקייט. אַזאַ אָנגעלויף פון אומגליקלעכע, פון פראָנטאָוויקעס און פון עוואַקויִרטע און ווויִן־שטח שטייט אין מינימום, אַזאַ וואָס ווערט נאָך מער אײַנגעשרומפּן. וואָס, בויען? נישט צו טראַכטן דערפון אַצינד. ווער קען עס טאָן, ווער׳ט עס אונטערנעמען? מ׳האָט אַרויסגעשטויסן פון לויפּיקן באַנוץ צוויי גרויסע האָטעלן און זיי אָפּגעגעבן פאַר עוואַקויִרטע און פראָנטלערס, וואָס האָבן נעבעך נישט מער קיין היים צו קענען זיך צוריקקערן. די מערזאַוועצעס האָבן זיי פאַרכאַפּט, די היימען פון די מערסטע סאָלדאַטן־אינוואַלידן און אָפּיצירן. און ווו זיך אַהינטאָן מיט די וויכטיקסטע גײַסטיקע אַרבעטערס וואָס קיִעוו, כאַרקאָוו און מינסק און אַנדערע צענטערס האָט זיי אַרויסגעטריבן, פאַריאָגט נאַקעטע, באָרוועסע און הונגעריקע? ביטער, ליבינקע פיליפאָוואַ, דער פרווו פון אַזאַ פלוצלינגער מלחמה. וווין־שטח איז איינער פון די מוראדיקסטע פּײַנען פאַר אונדזער עוואַקאַ־צענטער, כאָטש פאַרצי אַ לײַוונט אונטערן ברייטן הימל און פאַרבעט געלעגערס פאַר די צוגעפאָרענע, פאַר די צוגעבראַכטע פון די פראָנטן.

די פיליפאָוואַ האָט בפּועל ממש אָפּגעשפּירט דעם זויערן טעם פון אַריעכאָווס מאָנאָלאָג און זי׳ט שוין אָפּגעפּסקנט, בכן ער לאָזט זי אַ פאַרמשפּטע צו בלײַבן אויף בײַ נאַכט, אין דער פרעמדער נאַכט, קוקן אויף די קאַלטע שטערן. אין דער אמתן האָט עס איר אָפּגעגליקט, וויערא יאַקאָוולעוונאַ.

*

ס׳איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג ווען די פיליפאָוואַ איז אַרויס פון דעם פאָרזיצערס קאַבינעט. באַלעבאַטעווען איבער אַזאַ צעזשווזשעטן בינשטאַק איז ריכטיק אַ חכמה. ריר זיך צו צו איר מיט אַ מאַסקע צי אָן אַ מאַסקע — אַלץ איינס לויערט אַ ביס, אַ שטאָך. מע באַדאַרף זײַן אַ גוטער קאַפּיטאַן. ווי יושרדיק ער טוט, האָט זי דערנאָך איבערגעקלערט דעם שמועס מיטן מאַן וואָס הערשט איבער אַזאַ אויסטערליש אָנגעשטאָפּלטן אָרגאַניזם וואָס מוז נערן דאָס הינטערלאַנד.

— נישטאָ קיין האָטעל־צימער? ער וווּנדערט זיך גאָר נישט. עפּעס וויכטיקערס איז נישטאָ, חברטע פיליפאָוואַ. און פון דעם נישטאָ, מוז דאָך ווערן אַ יש. האָט קאַזאַכסטאַן אַן אינדוסטריע, קען קאַזאַכסטאַן זײַן

אַ לאַגער פון דער גרויסער מלחמה וואָס מ׳ר פירן? זי האָט עס נישט, זי מוז עס ווערן. מ׳מוז, אי ווסיאָ! *

ליבלעך האָבן אָפּגעברומט זײַנע רייד. נישט ווילנדיק האָט זי זיך גע־וויזן אַ מידע — ס׳דען אַ וווּנדער? אַזוי פיל מעת־לעתן זיך געוואַלגערט אין וואַגאָן, און פרי:ער אין אַ געפרוירענעם באַראַק, וווהין דער עראָפּלאַן האָט אַראָפּגעזעצט די גרופּעס! אָ, אַרקאַדי, וואָלט זי שוין אויף די הענט געטראָגן אין בעט אַרײַן, אײַנגעטוליעט אין קאָלדרעס. „פאַרפאַלן. ס׳גליק בויט זיך נישט גרינג״, דער פאָרזיצער פון אויספּירקאָם האָט וואַרעם אַרײַנגערעדט אין איר מידקייט, געוועקט צו ממשותדיקער רו.

... גרינטלעך קוקט אָריעכאָוו אַרײַן אין די ענינים וואָס זענען שײַך דער־אָ שטאָט, וועלכע איז בסך־הכל נישט מער ווי אַ גרויס שלעפּעריק דאָרף אין מיטן פונאַנדערגעשפּרייטן זאַמדיקן מדבר. ר׳האָט ריכטיק אָנגעוווּנקען, חבר אָריעכאָוו. פערד, שעפּסן, קעמלען און ווייץ געהאָדעוועט דאָ הונדער־טער יאָרן אונטער דעם אַזיאַטישן הימל, באַווײַז איצטער דעם כישוף אַרויסצוצי:ען פון דעם אַ גבורה אין דער פאָרעם פון אײַזן, פון שטאָל, קוילן און נאַפט אויף צו קענען שלאָגן אַזאַ שטאַרקן שונא. און נישט בלויז דאָס. עפּעס מערערס איז נייטיק: ליבע צום היימלאַנד מוז מען מאָבי־ליזירן! גענעראַל פאַנפילאָוו טוט עס שוין מיט אַ געוויסער הצלחה. מ׳הערט עס צו מאָל פון די אָפּעראַטיווע ראַפּאָרטן, וואָס קומען אָן פון די שלאַכטפעל־דער. ס׳דאָך אַ פאַרעלטערטע, אַ לעבעדיק פאַרהאַרטעוועטע ירושה פון אַזיאַ־טישן פעאָדאַליזם — — „זייער אײדל פון דעסטוועגן מצד דעם פשוטן המון וואָס אין דעם סטעפּ, — האָט די פּיליפּאָוואַ שוין אומבאַוווּסטזיניק, ממש סטיכיש, געזוכט צו דערמאָנען אין זיך — אָבער וואָס זאָל טאָן דער איינצל־מענטש, וואָס איז נישט פעי:ק צו גיין זיך שלאָגן?״ געבעט האָט אַ שטאַמל געטאָן פון איר.

די פרוי האָט אַ ציטער געגעבן. ס׳איז געווען אַן אויגנבליק פון אומאָפּטרעטלעכן פאַרצווייפל, צי זי וועט נישט בלײַבן בלויז בײַ אָריע־כאָווס ווייכהאַרציקן פאַרענטפערניש. ער איז טאַקע גענוג דעליקאַט צו פאַרשטיין די דרינגלעכע נויט, האָט זי זיך באַלד איבערגעצײַגט. דער פאָר־זיצער פון דעם ווײַט אָפּגעלעגענעם צענטער, וואָס האַלט זיך ערשט אין

* און דאָס איז אַלץ מיט אַנאַנד.

אויסברײַען, האָט נאָר געוואָלט בײַ איר אויספּועלן אַ ביסל פאַרשטענדעניש פאַר זײַנע שווערע דאגות. דערפאַר מסתמא אַזוי פיל רייד פון אים. זי איז דאָך אַ מענטש פון דער העלדישער שטאָט, דערצו מיט אַזאַ וואַרעמער רעקאָמענדאַציע — זײַן שמייכל איז געווען באמת ווי צו אַן אייגענער. ער האָט געבעטן צו האָבן געדולד און מיט אַן אומבאַמערקטן מורמל אין טע־לעפאָן־טרײַבל אַרײַן (אַ פולער טיש מיט טעלעפאָן־אַפּאַראַטן בײַ זײַן זײַט) אַרויסגערופן צו זיך דעם אָנפירער פון שטאַטישן וווינונגס־אָפּטייל, פאַר־געשטעלט אים וויערא יאַקאָוולעוונאַן:

— באַקענט, וולאַדימיר פּיעטראָוויטש מיעכאָוו, פון לענינגראַד די פרוי פון אַן אָנגעזעענעם חבר, אַרקאַדי סערגייעוויטש פּיליפּאָוו וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד. חברטע פּיליפּאָווא איז ערשט אָנגע־קומען, האָט נאָך נישט קיין אַדרעס אין ערגעץ. פאַרשטייט, ס'איז אונדזער חוב זי אײַנצואָרדענען, אָבער שוין. כ'מיין, געפינען אַ געהעריקן וווינפּלאַץ. איר'ט אַ קוק טאָן אין אײַערע אוצרות, חבר מיעכאָוו און איר צוטיילן, איאָ?

מיעכאָוו האָט אומבאַקוועם זיך געדרייט פאַר דער שטול, וואָס דער שטאָט־באַלעבאָס האָט פרײַנדלעך אים פאָרגעלייגט; ער האָט נישט גע־ווּסט אויף וועמען פריַער צו קוקן, בעת אויף אים האָט גלאָצנדיק גע־דריקט אויך די אומגעהײַערע גרויסקייט פון דעם וויכטיק־אויסגעמעבלירטן זאַל, אין וועלכן עס זיצט דער איינער, דער חשוב, און פון די ווענט קוקן שטרענג אַראָפּ די פּאַרטיי־גדולים. מיעכאָוו האָט געגומען שטאַמלען, געפּלאָנטערט מיט דער צונג, וואָס ענטפערן?! אַקוראַט האָט זיך נישט געקענט דורכלייגן אַ וועג צום שכל די מעגלעכקייט פאַר אַן אַנטשיידונג איבער דער געשטעלטער פאָדערונג. ס'איז דערפון סכנות ענג, אַזש דעמ־פּיק אין מוח, און סוף־כל־סוף האָט ער קיין קלאָרס נישט געקענט אַרויס־ברענגען.

— איר ווייסט דאָך... באמת, ס'פּריקרע. איך וואָלט גערן געוואָלט נאָכקומען. זאָגן יאָ, ווען כ'האָב גאָר נ'שט פאַר דער האַנט? — און, זיך זיך פאַרטראַכט. אָבער אין אַ מינוט אַרום שוין צערעדט זיך, בײַם אָנגע־צילטן וואַרטן און קוקן אויף אים סײַ פון פאַרזיצער, סײַ פונעם גאַסט, דעם אָנשיקעניש וואָס האָט זיך אָט־אָ צעזעצט מיט מאַנצבילשער ווײַבערישקייט, מיט אַ פוטער אויף די אַקסלען, מיט פעסטע שיך: — אַבסאָלוטנאַ גאָר נישט, זאָגט איר, חבר אַריעכאָוו. איר ווייסט — האָט נישט פּאַראיבל —

יעדער נאַטשאַלניק שרײַבט צום ווינאַפּטייל ליבע־בריוועלעך. אוממעגלעך, זיפצט ער אַרויס. איך טרינק זיך און קען זיך נישט אַרויסראַטעווען פון די משוגענע שטראָמען. בעלנים פאַראַן אַ סך, שוין צו פיל, אָבער ווין־שטח וואָס אַ מאָל ווינציקער. אַ סך נייע סטראַיקעס זענען דאָ?! — גיט ער אומגעריכט אַ תרעומותדיקן שריי אַרויס, גלײַך ער וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ ברעג פון סאַמע שאַרפסטן געפאַר.

אַרומגעזען זיך, דער באַלעבאָס קוקט ווידער אויף אים פרעגנדיק, האָט מיעכאָוו פון ס׳נײַ זיך אַראָפּגעלאָזן אין ערגעצדיקע אומעטיקע טיפן:

— מירן זיך באַמיִען. איכ׳ל טראַכטן.

— כ׳וועל אײַך דאַנקבאַר זײַן, — האָט אַריעכאָוו אונטערגעכאַפּט דעם צוזאָג — גיט אַ טראַכט!

דער פאָרזיצער פון אויספירקאָם האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף קאָנקרעטס, ווײַל די פאַראינטערעסירטע האָט אין ממשות געדריקט אויף אים מיט איר קוקן, מיט איר פרעגן. ער האָט געלאָזט טראַכטן דעם אַפּוטרופּוס איבערן ווין־שטח פון אלמא־אטא. מיט אַ מאָל האָבן זיי אַלע זאַלבעדריט געגומען אימפּעטיק שווער שווײַגן, לאַנג געשוויגן, אַזש וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט דערשפּירט אַז אונטער איר שווילט די שטול, די וואַנט. נו, זי האָט אויך דערהערט ווי אין דער טיר קלאַפּן אָן העפּטיקע כוואַליעס פון המונישן אומגעדולד, אָט־באַלד וועט די טיר זיך אַ צעפּראַל טאָן מיט אַ געליאַרעם: „ווי לאַנג וועט איר דאָ אַזוי קוואָקען אויפן „בלאַט״ פון די גרויסע!!״ ווער ווייסט צי זי וועט נישט בלײַבן אין דרויסן...?

ווײַזט אויס אַז יורי זאַכאַריעוויטש אַריעכאָוו איז אויך געוואָרן באַ־הערשט פון דעם זעלביקן אומרו; ער׳ט יענעם ווי איבערגעוועקט:

— איר זאָגט עפּעס, חבר מיעכאָוו?

— מירן זען, — האָט דער נאַטשאַלניק פון ווינאַפּטייל שוין אומגערן זיך אַ הייב געטאָן.

לסוף האָט ער די פּיליפּאָוואַ אַוועקגעפירט אויף נאַכטלעגער אין „דאָם־סאָוויעטאָוו״. דער פאָרזיצער האָט אים באַין ברירה אָנגעוווּנקען אויף דעם: „מ׳מוז, טײַערער! ס׳איז אויף דערווײַל״, — האָט ער עס איבערגעחזרט איר אויף אַ טרייסט, און שוין צומאָרגנס האָט מיעכאָוו דער פּיליפּאָוואַ געוויזן אַ ליידיק צימערל.

— ס׳וועט אײַך געפעלן, גלייב איך; ס׳טאַקע קליין, נאָר שטילענקע. זאָגן דעם אמת? ס׳איז צוגעזאָגט געוואָרן אַ ,פּאָלקאָווניק, אַן איינזאַמען

מענטש, נאָר־וואָס געקומען פון פראָנט. זײַן משפּחה געבליבן אין קלעם בײַ די גערמאַנצעס. ער׳ט אָפּגעשפּאָרט, חשובע פּיליפּאָווא, אַ היפּשן פּעלער. אַ שראַפּנעל האָט אים אָפּגעריסן אַ דלאָניע, די רעכטע האַנט אַ קאַליקע. אָבער אַנטקעגן אײַך קען איך נישט אַנדערש. אײַך מוז איך. געניסט גע־זונטערהייט. חבר אָריעכאָוו איז אַ גוט־ווינטשנדיקער. אַ מאַנצביל, כ׳מיין דער פּאָלקאָווניק, וועט נאָך אַ ביסל צוואַרטן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק.

— ניטשעווא, צו געזונט. אויב ענגלעך, בירגערן פּיליפּאָווא, בין איך נישט שולדיק. צו קליין אונדזער שטאָט פאַר דעם גרויסן קאַפּוויטיק.

— אָ, אָ! — האָט איר אַ מיש געטאָן אין די געהירן. און ווידער זיך דערמאָנט איר לענינגראַד.

דער האָט ערשט בלויז גנאָדיק געשמייכלט און אויף זײַנע סאָלדאַטסקע שטיוול אויף היגטערוויײַלעכטס, אָרעמלעך אָפּגעטראָטן צו דער טיר. פאַר אַ לענינגראַדערן האָט ער זיך געשעמט, דער נאַטשאַלניק מיעכאָוו, צו ווײַזן די אויסגעבליאַקירטע פּלייצע.

6

באמת, אַ פּיצענקע צימערל. בלויז אַן אָרט פאַר אַ בעט און ממש אַ שפּאַרע זיך צוצוקריגן צום בעט. מער נישט. ווי וועט זי אַליין זיך דאָ אַרײַנשטעלן? סײַדן מ׳זאָל ערגעץ קריגן אַזאַ קוואַדראַטנע קליין טישעלע — אַ מעטער אויף אַ מעטער, וועט זי עס אפשר נאָך קענען אַרײַנקוועטשן צוקאָפּנס פונעם בעט אָדער צופוסנס.

דאָס — און גאָר. מער האָט די פּליטימשע אַלמאַ־אַטאַ נישט געקענט צוטיילן דער חשובער פון לענינגראַד. ס׳איז געוואָרן סכנותדיק ענג אין דער דאָיִקער גרויסער שטילקייט. נו, נישט צו זײַן אומגערעכט צו איר נײַער היים, טאָר וויערא יאַקאָווליעוונאַ נישט פאַרזען נאָך אַ מעלה פון איר צימערל: אויך אַ פענצטער האָט עס. ס׳איז אויסגעשניטן אין שמאָלן ווענטל. אוּך, אוּך, וואָס זאָגט זי: נישטאָ דאָ קיין אָרט פאַר אַ פענצטער. ס׳איז איר נאָר אַ געלעגנהייט פאַר אַרבעט, וויערא יאַקאָווליעוונאַ, אַ געלעגנהייט פאַר האָבן עפּעס צו טאָן אין דער דאָיִקער פרעמד. געענוי אַזוי. זי וועט אויפ־הענגען אַ ווײַס פאַרהענגל, באַצירן עס אויך מיט אַ קאָלירקער שלייף. דאָס פאָרהענגל וועט זי וואַשן, פּרעסן און באַוואונדערן. אַליין באַוואונדערן.

אַוועקשאַרן וועט זי עס, ווען... טאַקע ווען? זי וועט עס נישט אַוועקרוקן. בײַ טאָג איז עס אַ מין דעכל אַנטקעגן דער זון, אין אָוונט אַ מילד פנים אַקעגן דער שוואַרצער פינצטערניש וואָס שטייט אין סטעפ. דאָ איז דאָך הוילער סטעפ. די שטאָט איז אַרויסגעריסן פון סטעפ און זי דאָ אַנידערגעשטעלט פאַר אַ ביסל אָפרו, פאַר קוקן מחמת לאַנגווײַל. אַרום און אַרום סטעפ, אויסוואַרטנדיקער סטעפ וואָס צעוואָיעט זיך אָפט. אין דער טונקל־שעה וועט עס דינען פאַר אַ... פאַר גאָר נישט וועט עס זײַן, דאָס פאָרהענגל! אָ, שוין באַצײַטנס גייט זי אַראָפ פון זינען, די פיליפאָוואַ! זי ווייסט שוין — פאַר אַ מענטש וועט עס איר גילטן, דאָס פאָרהענגל אין די ליידיקע פאַרנאַכטן, צו שמועסן מיט דעם, צו הערן עס. אוך, אוך, שוין מוז זי אַרויסלויפן פון דאַנעט. נאָר נישט שטיין אין מיטן דער פוסטקייט! אַוודאי וועט זי נישט שטענדיק קענען אַרײַנקוקן אין אַ בוך, ווי זי האָט געפרוווט זיך אײַנשמועסן. די ווענט זענען דאָ מאָנאַסטירישע. זי וועט זיכער נישט קענען טאָן אַזוי, ווי זי פאַרטראַכט אַצינד. זי זעט עס שוין. זי'ט מוזן זיך מענטשלעך אײַנאָרדענען אַז ס'זאָל איר נישט דאָקוטשען, זי זאָל האָבן כוח צו וואַרטן אויפן צוריקקער אַהיים. — רעכט, דאָס פאָרהענגל וועט זי נישט אַוועקשאַרן. אין דעם פענצטער דאַרף זי גאָר נישט קענען זען. סײַ ווי איז אין זײַן פערספעקטיוו נישטאָ מער ווי הוילער שטח, אַ ווײַטע פוסטקייט. ס'אויג ווערט מיד צו קוקן אין אַ ליידיקייט אַרײַן. ווען די זון שײַנט, איז נאָך בולטער די דרויסנדיקע נאַקעטקייט: אַרום איז נאָר זאַמד און שטומע, געהויקערטע ליימווענט, אַוועקגעשטעלטע אַהערצו מיטן רוקן. בעסער דאָס פאָרהענגל באַלד אויפצוהענגען. עלעהיי אַ שפיגל. דערצו וועט עס נאָך אָפטעמפן די שאַרפע זון. אַ מאַטע וועט זי אַוועקשטעלן די זון אין דעם־אָ פיצענקן קעמערל; ווי הימל־ליכט אין גלאַטער שויב וועט די זון שטיין אויפן געקראָכמאַליעטן מאַרגאַזעט. אַוודאי אַזויערנאָך וועט וויעראַ יאַקאָווליעוונאַ זײַן היימלעכער. אַ שטיקל מאַרגאַזעט האָט זי אין וואַליזע. אַן אונטערקליידל אַזאַ, וועט זי עס באַלד אויפסטריגעווען, הי־הי־י־־ייי, אַ דעקאָראַציע פאַר איר שלאָס אין דער לופטן!

קעגן איר ווילן האָט אומגעריכט זיך צעכוואַליעט דאָס פרעמדע געלעכטערל, אַ נײַ, ביטער געלעכטערל אירס. גערעכט. זי'ט זיך נישט לאָזן דערדריקן פון דער ענגשאַפט. זי וועט שוין עפעס צוקלערן. שיין וועט זי האַלטן דאָס ענגע ווינקל און אין שיינקייט וועט זי שפינען אַן אידיליע פאַר אַרקאַדין און נינאָטשקאַן. זיי וועלן אַהערקומען. זי וועט אָניאָגן אויף זיי

אַ חשק זיך אַרויסצורײַסן פונעם כאַאָס. יאָ, און די סכנות וואָס דאָרט, אונטערוועגס? מוראדיק זענען די טעג און נעכט אין דער אויסגעהוילטער, ליבער נעסט!

שוין אין דער ערשטער שעה האָט וויערא פּיליפּאָוונאַ אַזוי געחלומט אין דער שמאָלינקער צעלע. זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער וואַליזע און אומגערן אַרײַנגעקוקט — אין זיך. איינענקע אַליין אַנטקעגן דעם אייגענעם. נישט אויפגעהאָנגענעם שפּיגל. אָבער גיך איז איר געוואָרן אומעטיק. נאָר זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון פײַער און דער עגאָיזם טרײַבט זי נאָך, זי באַגערט נאָך באַקוועמלעכקייט. שרעקלעך פּלאָנטערט דער גורל! קיין מאָל קענסטו נישט זײַן מיט זיך. מ׳פירט מיט דיר, אָדער ביסט אונטערגעוואָרפן דער מורא: טאָמער... איר האָט ווידער געוואָרגן די פאַרלוירנקייט: וואָס וועט זי ערשט צוטראַכטן? ביסט דאָך פון ס׳נײַ נישט — דו. דעם מענטשנס ווילן איז תמיד אין יאָך. נאָך ערגער — מ׳טאָר נישט אַרויסברענגען דעם אייגענעם צווייפל. זײַטיקע זענען עס נישט סובל. ביסט אַ קרעכצערן; אָט אַ פּעסימיזם! ס׳איז אַ נײַע העלדישקייט, דאָס קונציקע פאַרהוילן דעם טאַטשנדיקן געדאַנק — — געוויס, אַ שטיבל, ווי קליין עס זאָל נישט זײַן, מוז מען ריכטיק פאַרבאַלעבאַטעווען. ווײַל אין דער אמתן איז זי נישט אַליין. דער מאַן איז מיט איר און די טאָכטער איז מיט איר. זי וואָלט געשווירן, זי הערט זיי אין שכנות. אָט־אָ גייט אַרקאַדי אַרײַן, ניגאַטשקאַ רוקט די שופלאָדן. שטענדיק זוכט די קליינע אין די שופלאָדן, קיין מאָל געפינט זי נישט אירע פּאַפּירן. לאָז, איך וועל אַ קוק טאָן צו זיי — —

שפּעטער האָט וויערא יאַקאָוולעוונאַ זיך אויסגעטשוכעט פון דער איינזאַמקייט־זעונג, וואָס האָט זיך אין איר געצונדן. ראַפּטעם זיך געוואָרפן אויף דער וואַליזע, צערודערט זיך און אין דעם געפונען אַ ביסל באַרויקונג. דערנאָך האָט זי, שוין אַ באַזיניקטע, באַדאַכט געגראַבלט צווישן די זאַכן. אַזויערנאָך האָט זי זיך ווידער באַהאַפּטן מיט דערווירקלעכקייט און ערשט געקענט זיך לאָזן אין גאַס אַרײַן, זוכן אַ שטרעמל אייגנקייט אין דער דאָזיקער פרעמד. אַוודאי, דאָ וועט זי הויזן, אַהער באַדאַרף זי אַלץ צונויפּברענגען. ס׳איז איר נײַער אַדרעס. אָקערשט קען עס אַנדערש נישט זײַן, נאַ־רע־לע! אַ מינוטעלע אַזוינס איז אָנגעשטאַנען און וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט שוין אַליין אַרויסגעשטעקט אויף זיך די צונג. „וועסט האָבן אַלץ

באַזאָרגט, מוזסטו גלײַך שרײַבן קיין לעניגראַד״, און גענומען זיך אײַנ־קוקן אין זיך, הערן איר געדאַנק.

— אָבער קודם אַ בעט, דערנאָך דער אַדרעס פאַר דער וועלט, וואָס שטייט אין פלאַמען, אין לויער פון דעם פאַרשאָלטענעם דײַטש. מוזסט, קודם, פיליפאָוואַ, זאָרגן פאַר דײַן געלעגער!

אַז די גאַס, ווו עס ליגט איר דריבנע צימערל, איז די איסיקולסקאַיאַ, האָט זי ערשט שפּעטער פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּירל. אי־סי־קול־סקאַ־יאַ, האָט זי געפּרוווט צו פאַרגעדענקען.

7

— נומער 278, זאָגן זיי? אַפילו אַ סימן נישטאָ דערפון. אָפּגעריבן, ווײַזט אויס, דאָס בלעכל, אויסגעוועפּט דער נומער ווי אַלע אַלטע ריחות. זי גיט אַ טראַכט: אַזוי זענען אויך די יאָרן וואָס מענטשן צי׳ען אַריבער איבער זײ׳ערע לעבנסטעג.

נאָר וויערא יאַקאָוולעוונאַ לאָזט זיך נישט פאַרכאַפּן פונעם יאוש, וואָס גיט איטלעך מאָל אַן אומגעריכטן זענק: „די עלטער איז אַ ברכה פון מענטשנס קלוגשאַפט, פאַרדינטער דרך־ארץ״. גיך פּסקנט זי עס אָפּ, קוקט זיך אַרום מיט פלײַס — ערשט מוז זי געדענקען צו קענען צוריק קומען אין איר מקום מנוחה אַרײַן. אמת, ס׳שטיל אַרום. אַפילו גאָר נישט שלעכט איז אַזאַ פאַרדרימלטקייט.

זי ווייסט: דאָ בײַ דער זײַט ליגט דער צענטער. די הויפּט־פּאָסט, דער צעקאַ. ס׳הערט זיך צו מאָל דער אָפּברום פונעם טראַמוויי. נאָר עס האָט נישט דערצו. די שטילקייט הענגט דאָ אויף די ביימער, זי איז אײַנגע־שטיינערט אין די מעכטיקע בערג. איין גאַס ווײַטער האָט די קולטור לגמרי נאָך נישט אָנגעשפּאַרט. אַ זקנה, אַ געלאַסענע איז די געשיכטע — באַווײַזט נישט אָנצולענען זיך אומעטום.

זי וועט שוין וויסן:

פון פאָרנט — אַ ליימענער פלויט, וואָס קרישלט זיך מחמת אַלטקייט; ס׳צעפּראַלטע טירל (קענטיק, אַמאָל איז עס געווען גרין). אַ הונט? נישטאָ דאָ אַ הונט, — וווּנדערט זיך די פיליפּאָוואַ, און זי קוקט זיך אַרום צי זי איז זיך נישט טועה. נישטאָ צו מאָל קיין צייכן פון אַזוינס: נישט קיין בילן, קיין וואָרטשען אָקעגן אַ פרעמד אָנגעקומענעם. אַ שאָד. באַדאַרפט

זײַן אַ הונט אויף צו פּרעסן דעם גאַוועדיקן אומעט און צו פֿאַרחברן דעם מענטש וואָס איז לרובֿ מוראדיק עלנט, — נעמט אין מיטן דערינען אַרבעטן דער מוח בײַ וויעראַ יאַקאָוולעוונאַן: אָ, אָ, דער לאַנגווײַל קען זאַדושען. אַ הונט איז מסוגל דאָס צו פֿאַרהיילן, אַפֿילו פֿאַרלאַטען די ווונד פֿון טרויער. ס'קומט פֿון זײַן אינסטינקטיווער געטרײַשאַפֿט. דער עלנט וואָס גראָעט דאָ מוז שפּירן די שאַרפֿע געטרײַשאַפֿט פֿון אַ הונט אַ באַוואַכער. און אַזאַ הויף ווי דער איז אַוודאי געאייגנט פֿאַרן בונד צווישן געשלאָגענעם מענטש און אַזאַ ליבן באַשעפֿעניש. יאָ, אויב כ'וועל עס דערלעבן, זיך זען מיטן אַלטן, וועלן מיר אָפּשמועסן אַרײַנצונעמען אין הויז אַ הינטל, עס אויסכאָוועז, צוגעוווינען צו אונדז. וואָס שײַך דעם־אָ הויף איז דאָס בפֿירוש אַ מאָדנער הויף. אָקערשט זעט זי אים פֿון ס'נײַ: אין הינטערגרונט וואָס איז ווי אַ סצענע אויף גאָלן זאַמד, שטייט דאָס ברייט אַוועקגעזעצטע נידעריקע מויערל. און אַ חידוש: צעוואַקסענע קאַשטאַנעס הויערן פֿאַרן פֿוסטן אַרײַנגאַנג. אַריבערן ריוו וואָס פֿירט פֿון דער ווילד־שטילער גאַס, איז פֿאַרוואָרפֿן אַ הילצערן בריקל. נו, ס'איז צו געדענקען. זי וועט שוין וויסן!

און איז זי אַוועק נאָכן נײַטיקסטן פֿאַר איר ערשטן אויסקומעניש, האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ אויך שוין געוווּסט: עטלעכע שכנים באַוווינען דאָס הויז פֿון איסיקולסקאַיאַ 278. זי, די פֿיליפּאָוואַ, איז די נײַסטע אײַנוווינערן, די נײַסטע אין קלענסטן צימערל וואָס איז ווי אַ צעלע ענג. באַשײַמפּערלעך איז עס פֿאַרטראַכט נאָר ווי אַ קאַמער, וואָס איז ווינקלדיק אַרויסגעפֿאַלן פֿונעם בויפּלאַן בײַם ערשטיקן באַלעבאָס, — איז עפּעס טריבס ווי קאַלטע ראָסע־טראָפּנס געפֿאַלן אויף דער פֿיליפּאָוואַס שטימונג. ס'מעגלעך פֿון די צײַטן, ווען די שטאָט וויערני איז געבויט געוואָרן אין גײַסט פֿון דער באָיאַרישער רוסלאַנד: דער מענטש אויפֿן שטאַפּל פֿון דער בהמה בײַם פּאָמיעשטשיק. נידעריק בײַ דער ערד, קליין־פֿענצטערדיק, טונקל איז די באַווינונג פֿון לײַב־אייגענעם, אַבי ס'איז פֿאַראַן אַן עפֿענונג פֿאַרן אַרײַנגאַנג און אַ ברעטערנע קויקע מיט שטרוי. אַזאַ אויסקוק האָט דאָס קעמערל צו וואָס זי האָט זוכה געווען. אָבער נישקשה, ס'איז כאָטש ווײַט פֿון מלחמה־פֿעלד. בכלל איז דער סטיל דאָ אַזעלכער. פֿאַררוקט טיף אין הויף אַרײַן איז דאָס הויז פֿון איסיקולסקאַיאַ און דער זאַמד אין הויף איז ווי בכיוון הויך אויסגעשאָטן. אַ גראָבער זאַמד, אַ טרוקענער וואָס דערלאָזט נישט קיין נעציקייט און קלעפּט זיך ווינציק צו די שיך. אין ערגעץ נישט

קיין גרעזל, כאָטש אַרום טונקט די געגנט אין געצווײַג און ביימערשן טונקל. יאָ, די איסיקולסקאַיאַ איז אַ שטיק פון אַ מעכטיקן בלאָטע־מאַסיוו, פון וועלכן מ׳האָט שפּעטלעך אויסגעשניטן די גאַס. נאָר פאַראַן דאָ משונה־אויסגעוואַקסענע ביימער־אינדזלען. אויפן רוקן פון דער־אָ גאַס טויכן אַרויס הײַזער און צווישן זיי, שורות ביימער, קאָלטענעוואַטע, קנאָכיקע און הויכשטאַמיקע צו וועלכע אַ מענטשישע האַנט האָט זיך נאָך קיין מאָל נישט צוגערירט. שטורמיש־אַרויסגעשפּראָצטע, האָבן די ביימער אַליין זיך געעפּנט אַ וועג אין דעם מדבר, וואָס באַגערט צו ווערן שטאָט. אויף דער זײַט פון איסיקולסקאַיאַ, ווו עס איז וויעראַ יאַקאָוולעווגאַס נײַע היים, ציִט זיך די גאַס באַרג־אַרויף. אַראָפּצוצו איז די איסיקולסקאַיאַ טאָליק און אין טאָל שימלט און זויערט אייביקע בלאָטע. אַ וואָגן מײַדט אויס די גאַס, אויך אייזל־פאָרערס, וואָס ציִען צו די באַרגיקע ערטער, ווייכן די איסיקולסקאַיאַ. נאָר קעמל־רײַטערס דערלויבן זיך דורכצושנײַדן די דאָזיקע דרימלעניש וואָס זיצט אין אַ קלעפּיקער דייזשע און זי דערהייבט זיך פּאַוואָליע צו די הויכע, גרינע שוועלן פון דער באַרגקייט אַלאַ־טאַו, וואָס צוקאָפּנס דער שטאָט. אַרויף־גאַס איז די איסיקולסקאַיאַ שוין זאַמדיק; אין די הייסע טעג שטייט זי נישט זעלטן אין שטויבקע רויכן.

... ווידער געמוזט אָנקומען צו רעקאָמענדאַציע. ווײַל אויסגעראַמט זענען אַלע געשעפטן. אַ סך זענען אַפילו געשלאָסן אויף שווערע, בלינדע טירן. קיין דאגה נישט, אויב עמעצער וועט קומען פרעגן, וועלן עפּעס קויפן. נישטאָ איז נישטאָ! זאָלן בלינצן די קראָמען אין גאַס אַרײַן, זיי מעגן דרימלען ווי די פעלדער הינטער די מויערן פון שטאָט. נישטאָ קיין מעטאַל־זאַכן אויף אַ רפואה, נישטאָ קיין שום האָלצוואַרג. האָלץ? — לאַכן די היגע — אַן איידעלע זאַך בײַ אונדז. נישטאָ קיין וועלדער אין קאַזאַכסטאַן, פאַראַן בערג, שטיינער זענען פאַראַן אַ סך און פאַראַן בערקוטן * און ווייץ, מעלאָנען. אַלמאַ־אַטינער וועלדער טראָגן אויס אונדזערע גוטע עפּל. סע איז פול געווען דאָ מיט זוניקע אַפּאָרטן. אַוודאי, ג ע ו ו ע ן , אַצינד איז עס אײַנגעטריקנט געוואָרן. איר ווייסט? ביי אונדז האָט מע געקאָרמעט די פערד מיט עפּל. געווען אַ שפע פון עפּל פאַרן מענטש, פאַר דער בהמה. הײַנט איז אַנדערש. נישטאָ ווער ס׳זאָל זיי ברענגען אויפן מאַרק אַרויף — — אָבער־אַמאָל האָט טרויעריקס אַרײַנגעדרונגען אין וויערע יאַקאָוולעווגאַס געמיט.

* באַרגאָדלערס.

זי האָט שוין געפּרעגט אין תמימות: און שיך וועט עמעץ יאָ ברענגען? און פּאַפּיר, און טעקסטיל? די וויסטע ליידיקייט, זעט זי, בושעוועט דאָ.

ווי נאָכבאַגלייט פון דעם אומעט וואָס גייט אַרום אויף סטעפּישע פּיס, איז זי אַרײַן אין אַן אָרט וואָס איז ספק הויף, ספק קראָם און געמיינט: אָט האָט זי געטראָפן. „עע, אַן אָרדער האָט איר?" אומעטום בעט מען אַ פּאַפּירל. איז ווו נעמט מען אַזוינס? דערויף מוז מען האָבן אַ זכיה, — האָט מען מיט אַ ווונק געגעבן אָנצוהערעניש. ווען האָט די פּיליפּאָוואַ געקענט דאָ זיך דערדינען דערצו? ווער איז זי דען הי — אַ מיליטערישע, צי אַ שלאָגלערן? אין גאַנצן רוי איז זי דאָ, באמת אַ פאַרלעגנהייט.

געקווענקלט זיך, אָבער סוף־סוף האָט זי געמוזט פון ס'נײַ אַנקלאַפּן בײַ אַריעכאָוון, דעם פאַרזיצער פון אויספּירקאָם.

— ריכטיק, ס'נישטאָ, — האָט ער מעיד געווען. פון וואַנעט זאָל זײַן אַזוינס בײַ אונדז! אַ סך וואַרשטאַטן האָט אַלמאַ־אַטאַ צי גאָר פאַבריקן? אַז פון דרויסן האָט מען אויפגעהערט אַרײַנפירן, אינעווייניק איז גאָר נישטאָ, חוץ דאָס פּרימיטיווע וואָס איז אויפגעקומען פון זיך אַליין ווי ווילדגראָז. אונדזער דרך — דאָס אויסנוצן די טויען וואָס פאַלן פון די הימלען, איז אין מיטן דערינען צעשטערט געוואָרן. דאָס ערשטע וואָס מיר מוזן טאָן, איז אַרויסרײַסן דעם המון פונעם מיטלעלטער. דער אַראַבישער אַלפאַבעט איז בײַ די דאָזיקע נאָך אַלץ דער צייכן פון סאַמע העכסטן, צו אַ מאַשין איז שווער זיך צוגעוויינען; אַדרבא, די מאַשין שרעקט די לײַט. דער וואַנדערנדיקער פאַסטעך האָט נאָך די אייבערהאַנט. האָבן מיר שוין גע־האַלטן אַ ביסעלע ווײַטער, איז געקומען דער פײַנלעכער שטורעם. דערצו איז מען איצט פילפאַך אויסגעוואַקסן אין באַדאַרף, אָבער נישט אין פּראָ־דוקציע. ס'אַ שרעק, פּיליפּאָוואַ! דער מענטש קען לײַכט ווערן ווילד, דער רויער — אַ טיגער! גאָר אַ שווערער עקזאַמען פאַר אונדז. און מ'האָט געמוזט אַלץ איבערשטעלן אויף אַנדערע רעלסן. דאָס גאַנצע לאַנד — אַ מיליטערישער לאַגער. מיר מוזן אונטערלײַדן ווי באַלאַגערטע. אומגעריכט האָט ער איר געשאָנקען אַ גרימאַסע, אַן ענלעכע אויף אַ שמייכעלע, טאַקע מחמת דער גרויסער פאַרלעגנהייט וואָס איר באַזוך האָט אים פאַרשאַפן. אַזאַ מענטש, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, איז אַן ערנסטער חוב!

דער דאָזיקער האָט עס אַ געדולד! — האָט די פּיליפּאָוואַ אים באַוווּנדערט. אָן צו זאָגן וואָס ער גייט טאָן, האָט אַריעכאָוו טעלעפאָניש אָנ־געקלונגען אין איין אָרט, דערנאָך אין אַ צווייטן, געשריבן פּאַפּירלעך און

וויעראַ יאַקאָווּלעוונאַ איז באַזאָרגט געוואָרן מיט אַן אײַזערן בעט, אַ שטרוימאַטראַץ, אַ קאָלדרע, זאַכן וואָס מ׳האָט אין ערגעץ נישט געקענט קויפן.

— צו קענען זיך אַרויסקריגן פון אַזעלכע שווערקייטן, מוז מען זײַן גראַנדיאָזנע, — האָט די פרוי זיך פאַרענטפערט פאַר איר צודרינגלעכקייט, ווען זי האָט פון אָריעכאָווען גענומען דאָס פאַפירל: — ווי אַזוי אײַך דאַנקען? ערנוואָרט, כ׳בין נישט ווערט אײַער גרויסע מי. — זי האָט געדאַנקט און בשעת־מעשה געשפּירט פלאַמען אויף איר פּנים. דער פאָרזיצער פון אויספּירקאָם האָט זיך מידיקלעך אויפגעשטעלט אַקעגן איר און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— ניטשעוואָ, ניצט עס צום געזונט, — און זי באַגלייט צום אַרויסגאַנג מיט לײַכטנדיקע בליקן. — איר׳ט עפּעס דאַרפן נייטיק, פּיליפּאָוונאַ, ווײַזט זיך אַרײַן.

— אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק, — האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו אים מיט אַ קאָפּשאָקל.

אַהיים איז מיט איר נאָך מיטגעקומען די נערוועזקייט פון דער אומזיכער־דערוואַרטער הצלחה פון איר ווענדונג וועגן די נויטווענדיקע זאַכן פאַר איר קעמערל. אַוועקגעשטעלט דאָס בעט, געגרייט זיך ס׳געלעגער, האָט די פּיליפּאָוונאַ אומדערוואַרט פאַר זיך גופא זיך אויסגעצויגן דערויף ווי פאַר אַ פּרווו צי ס׳וועט זיך ליגן באַקוועם: אַאַ! ס׳גוט, — און אײַליק געקנייטשט דעם מוח: געוויס, ווו דער מענטש ליגט, איז זײַן היים. לפּחות דערווײַליק די היים.

לאַנג האָט אין איר נאָך אָפּגעטומלט די שטאָט און זי האָט געדאָרשט זי מער צו זען: „ווי שיין! ווײַסע הײַזער מיט רויטע דעכער און הויכע טאָפּאָלן, וואָס גיבן אָפּ מיט אַ ווײַטער שטילקייט!״ די פּיליפּאָוונאַ האָט אין דעם טיף אָפּגעאָטעמט, מיטן גאַנצן לײַב און לעבן געצויגן זיך צו רו, רו. שפּעטער געעפנט די אויגן, האָט דער ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פון די זאַכן, איר דערמאָנט אָן שפּיטאָל, ווו מ׳האָט איר געגעבן דאָס בעט מיטן מאַטראַץ. ערשט האָט זיך געלייגט דערויף די טונקלקייט פון יענעם פול אָנגעפּראָפּטן מאַגאַזין. הפּנים, ס׳פאַראַן אַלץ, נאָר באַהאַלטן, — האָט די פּיליפּאָוונאַ באַנומען און דערשפּירט די מיטאַמאָליקע אַנגסטיקייט פון פאַרווונדיקטער טרייסט, נאָך וועלכער זי האָט אומבאַוווסטזיניק זיך געיאָגט: די לײַט דאָ גייען נישט קיין גלײַכן וועג. ס׳פאַראַן וואָס נייטיק, אָבער ס׳איז נישטאָ פאַר דעם וואָס באַדאַרף עס סכּנותדיק! ווי לאָזט מען זיך

אַרײַן אין אַ לעבן וואָס שפּאַרט זיך אָן נאָר אויף פּאַרטלען, אויף כּיטרע־קייט!? וואָס שייך איר, וועט זי שוין דערווישן די וויכטיקע קוואַלן, אָבער... לאַנג האָט נישט קיין האָפט אָט־די שטימונג, באַלד דערגייען צו איר די ווידער־דערהערטע שטימעס פון נײַגיר, פון לויב:

„פון לענינגראַד זענט איר? פון דער שטאָט דער העלדיכע, אַ־אַאַא!״

מ׳איז צו איר צוגעפאַלן ווי צו אַזאַ וואָס מ׳איז זשעדנע אָנצוקוקן. ס׳אמת, אַזוי פיל געפּאַלענע, אַזאַ נויט? דערפון איז זי ערשט גערירט געוואָרן: — גיב אַ קוק, ווי מענטשן דערגייען די נײַסן, כאַטש זיי קאָכן זיך אין אַ ווײַטער, פאַרפאַלענער שטאָט. ס׳טוט וויי, מיר זענען אויפן נאָענטן ציל פון שונאס לופע. מ׳ווייסט דאָ אַלץ!

בינו לבינו האָט זי זיך באַמיט מער אײַנצוקוקן אין געזעענעם און ס׳האָבן איר שוין הנאה געטאָן די נײַע מענטשן. „וווילינקע, דאַכט זיך!״

עס איז געווען דער שפּיטאָל־דירעקטאָר און דער פאַרוואַלטער פון געשלאָסענעם מאַגאַזין בײַם „גאָרפּישטשעפּראָמטאָרג״. וווילינקע, מ׳קען דאַרפן צו זיי נאָך אָנקומען — —

דער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ווי אַ שווערער קאָטאַר. גיך האָט ער זיך האַרט געשטעלט אין פענצטערל אַרײַן. וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט זיך באַצײַטנס אַרײַנגעטוליעט אין דער פינצטערניש.

די דאָזיקע נאַכט האָט זי אַרײַנגעוואַלגערט אין האַרטן שלאָף.

דעם צומאָרגנס האָט זי שוין אָנגעהויבן מיט די זאָרגן פאַרן נײַעם, פרעמדן לעבן וואָס זי וועט דאָ מוזן אַרײַנפירן, זי, די פיליפּאָווא.

8

עפּעס ווײַטלעך, אומדרייסט האָט וויערא יאַקאָוולעוונאַ אויף צומאָרגנס און איבערמאָרגן געפּרוווט זיך באַגריסן מיט די פרעמדע מענטשן פונעם שלעפּעריקן הויף: אַ שכן איז אַ שטאָפּל פון דער לייטער, איבער וועלכער מ׳דאַרף אָנהייבן גיין געלאַסן, אויב נישט צו קריכן מיט האַרצקלאַפּעניש.

— אַ פרישׂ צוגעפאָרענע, איר פאַרשטייט, עוואַקויִרט פון לענינגראַד,
— האָט זי זיך רעקאָמענדירט און די באַקן האָבן איר זיך געפלעקט אין בלאַסע פלעמלעך.

— אָ, אָ! אונדזער קראַסאַוויצע־שטאָט, די געליטענע — האָבן זיך צע־

פינטלט שוואַכלעכע אויגן — נישט היימלעך מיטן פאַרשײַטן גערמאַניעץ, ס׳וואַר? — האָבן לײַט נאָך געזוכט אומבאַשטימטס אין דער פרויס בליק.

מאָדנע צעוואַקלט האָט וועראַ יאַקאָוולעוונאַ אַרײַנגעשטעלט איר בליק אין יענעמס פּנים, — געהיטן געפרעגט, נאָכגעקלערט איטלעך וואָרט: ווײַזט אויס, רוסישע דײַ־אָ. די געלהויטיקע, קרומאויגיקע האָבן קענטיק זיך פאַרקליבן אין אַנדערע הײַזער, אָפּגעזונדערט. די זענען מסתמא טאַקע פאַר־שיקטע פון אַמאָל, און אפשר קינדער פון יענע? זי האָט פאַרקוועטשט די ווײַעס, געוואָלט פאַרטרײַבן דעם אומליבן געדאַנק און זיך גענומען גרייטן ס׳ערשטע אַלמאַ־אַטינער געקעכטס. מוזסט זיך אויסטשוכען, וועראַ, — האָט זי געמאָנט בײַ זיך. אויסגעפּאַקט באַלד אַ גלאַנציקן מעשענעם פּרימוס, פון פלומפּ אין הויף געבראַכט וואַסער, געשוואָנקען, געגאָסן פון כלי אין כלי (קיין עמער איז נישט געווען אין איר באַלעבאַטישקייט), געזאָלצן, פאַרבראָקט און אין איר דריבנער צעלע האָט זיך אַרײַנגעקליבן דער הויך פון אַ געניזוקטער היים.

— אָך, אָך, דאָליע! זי האָט שוין געטראַכט אויפן קול כּדי נישט צו זײַן איינע אַליין, בגוואַלד געוואָלט אַרײַנפירן אַהער די שאָטנס פון די אייגענע, הערן זיי. צו דעם האָט זי ענערגישער זיך באַוועגט. און האָט זי נישט געקענט בײַקומען די וואַר, וואָס שטייט דאָך האַרט אַרום איר, האָט שוין אַ דריק געטאָן אין האַלדז: — דו — דאָ, זיי — דאָרט! צעשיידט אונדז אויף אומישנער מאַטערניש! פון דעסטוועגן האָט זי פאַרטריבן די טרערן, וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט בײַ איר. דאָך, דערהערט די אייגענע שטים, האָט זי זיך פאַרשעמט און פלוצלינג, אין סאַמע מיטן טאָג, זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און גענומען איבערטראַכטן ס׳געטראַכטע אָקערשט. אויפגע־שטעלט זיך דערנאָך, האָט וועראַ מיט די אויגן, מיט די הענט אַרומגעטאַפּט די זאַכן, מיט וועלכע זי פאַרנעמט זיך דאָ צו הויזן און באַלד אין דרויסן מיט עמעצן אַ פּלאַפּל געטאָן:

— געהערט נײַס, שכן? אַ שיינעם פּאַריאַדאָק שטעלט אײַן דער מער־זאָוויעץ, דער אומגעבעטענער. געהערט, וואָס ער טוט אויף, דער טײַוולאָ־נישער גערמאַניעץ? אַ ווײַל שאַרף אויפגעטויכט פאַר יענעמס פּנים און אַ געשטרויכלטע פון שכנס דערוואַכטן בליק, זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל וואָס האָט געוואַרט אויף אַ היימישן זיצער פון הויף.

פּאַוואָליע האָבן די מענטשן זיך דערוווסט איר משפחה־געשיכטע, צוגעוווינט זיך צו איר נאָמען. פּונקט אַזוי פּאַמעלעך, ממש טריטוויַיז,

האָט זיך אין דער פּיליפּאָוואַס קעמערל אַרײַנגעקליבן אַ ביסל רו, וואָס איז אין אמתן נאָך אַלץ געהאַנגען אויפֿן משקולת: וועט זײַן אַ בריוו צו איר? קומט אַ גוטע ידיעה פֿון ראַדיאָ? אָט אויף וואָס עס האָט זיך געהאַלטן איר טראַכטן.

ביסלעכווײַז האָט זי פֿון דעסטוועגן אויסגעפֿונען שטעגלעך צו די נייטיקסטע ערטער אין שטאָט. ביסלעכווייז איז זי אויך דערגאַנגען צום וועג וואָס באַרעכטיקט דאָס ברויט וואָס זי מוז עסן.

וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט פֿון אַרטעל אַרויסגענומען וואָל צו שטריקן קינדער־יאַקלעך און זאָקן. אין מלוכישע קראָמען פֿאַרקויפֿן זיך אַלערהאַנט סחורות. וועט אויך איר אַרבעט ווערן אויסגעשטעלט צום פֿאַרקויף. און קינדער פֿון טאַטעס, וואָס געדופֿן אין מלחמה אַרײַן, וועלן ווינציקער פֿרירן אין די קעלטן; ס׳וועט געהאָלפֿן ווערן קליינוואַרג פֿון מאַמעס־זעלנערקעס וואָס ווערן אויף לאַנגע טעג אַרויסגעצויגן פֿון דער היים, גייען אַרבעטן. עס וועלן די אַלע אָרעמע פֿייגעלעך נישט בלײַבן אין גאַנצן נאַקעט־הויל אַ דאַנק אירע יאַקלעך. זי וועט זיך פֿלײַסן, וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ. „ס׳הינטער־לאַנד איז אויך אַ פֿראָנט‟, זאָגט זיך און ס׳איז וואָר. דאָס בידנע פֿאָלק, אויך אַלטע לײַט און ווײַבערוואַרג וואָס איז אויף צרות, מוז צולייגן אַ האַנט, אַ נישט קען מע פֿגרן.

פֿאַרלייגט די ברילן אויף דער נאָז, האָט די פּיליפּאָוואַ זיך אָפּגעגעבן דעם הינטערלענדישן פֿראָנט. געפֿירט אַ גראָבן פֿאָדעם איבער אַ צעצאַפּלטן פֿינגער און אויף איר שויס זענען אויסגעוואַקסן געשטריקטע ברייטן און לענגלעך אין קאָלירן, אין חנעוודיקע מוסטערן. פֿון זינט אירע דאָרפֿישע צײַטן איז וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ אַ בעלנות אויף שטריקן. זי האָט עס גערן, מחמת שיינע זאַכן קומען אַרויס דערפֿון. אַמאָל איז די וואָל טאַקע געווען אַ ווייכענקע, עכטע; הײַנטיקע יאָרן איז זי צרהדיק, האַרט, געמישט מיט ביינוול, מיט פּסולת. מען פֿאַרשמירט די אויגן מיט כלערליי פֿאַרבן אין וועלכע מ׳באָדט אָפּ די וואָל און זי רינט אַראָפּ אין בלאָטע־ריטשקעס, די אויסגעשטריקטע קאָליר, ווען דער פֿאַרשויך, וואָס אין איר, נעמט שוויצן אָדער אַ רעגן גיסט אים אָפּ. ס׳איז טרויעריק. אויך וואָל פֿעלט אויס. שוין גוט אַז ס׳איז צו באַקומען כאָטש די־אָ ניצעווקע, אַנישט וואָלטן כלל נישט געווען קיין סוועטערס, קיין קינדער־יאַקלעך. ווויל ס׳איז פֿאַראַן אַן אַלטער סוועטער צו צעדריוולען און פֿון דער געניצטער וואָל צו קענען מאַכן אַ נײַ געשטריקעכץ. אַזוינס איז הונדערטפֿאַך ליבער פֿון אַ הײַנטיקס.

מאַכסט אַ קניפּל אין פֿאָדעם, באַהאַלטסט עס אויף דער לינקער זײַט, דער־פֿאַר איז די אַלטע קאָליר האַפּטיק: זי שמירט נישט אויס די וועש אויפֿן מענטש!

טעג און אָוונטן איז די פּיליפּאָוואַ זיך פֿאַרזעסן בײַם געשטריקעכץ: אויפֿן בעט זענען אויסגעוואַקסן מערערע אַרבעלעך פֿון יאַקלעך אין גראָע, ברוינע, זאַמד־קאָלירטע און ברודנע־ווײַסע פֿאַרבן; אַ בערגל פּלייצקעלעך, פֿאַלעס און קעלנערלעך און די־אַ שווערע אַלטע וואָל האָט געשפּרייט אַ דושנעקייט מחמת דעם שטויב, וואָס איז געפֿאַלן פֿון איר. און איז די פּיליפּאָוואַ געוואָרן היימישער מיט די שכנים, ס׳איז נאָך געווען וואַרעם אין דרויסן, האָט זי איר ווערקשטאַט, די העקלדראָטן מיטן קנויל וואָל, אַרויס־געטראָגן אין הויפּל אַרײַן. די שײַן איז דאָ אַ ברייטע, באַוועגן זיך די הענט ווי אויף כוואַליעס.

— אַ גילדענע מאַסטעריצע אונדזער נײַע שכנה, — האָט די פּיליפּאָוואַ דעמאָלט געקראָגן ליב פֿון אַלטן טאַבעק־שמעקער אַנדריי וולאַדימיראָ־וויטש, וואָס בלינצלט תּמיד פֿון זײַן נידעריקער שוועל אין דער ליידיקייט אַרײַן. די שפּעטע זיקנה האַלט אים שטענדיק האַרט בײַ דער שטוב, אָבער ער איז זשעדנע אויף זעען, אויף הערן.

— אַ שלאָגלערן ווערט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ, — וואַרפֿט צו אַ חניפֿהלע אַ ייִנגערע שכנה וואָס קוועטשט אויס אַ שטיקל וועש אין אַ צעבער. — יעדע האַנט וואָס טוט פֿאַרן נאַראָד, דאַרף מען קושן, — מאַכט זי אַ וויכטיקע מינע און לאָזט ווידער אַרײַן די אויגן אינעם צעבער.

— ברויט און אַ העמד איז דער עיקר, ליבענקע, — ענטפֿערט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ פֿון הינטער די ברילן אָפּער און הערט נישט אויף זיך צו פֿלײַסן מיט אירע פֿינגער צווישן די העקלדראָטן אַקוראַט זי וואָלט דאָ געפֿירט אַ ליבע־שפּיל מיט זינגענדיקע פֿייגעלעך, וואָס קענען אַ ליאַדע רגע זיך אויפֿהייבן אין אימפּעטיקן געפֿלי. — פֿאַר רום מעג זיך יאָגן יעדער — און האַקט אָפּ מיט אַ קלוגן צניעותדיקן האַלבשמייכל.

יאַקאָוולעוונאַ האָט שוין שפּײַז־קאַרטלעך, זי גייט פֿון מאָל צו מאָל אין דער ריי אַרײַן נאָך ברויט, נאָך געטריקנטע פֿיש און זי פֿאַרצערט אירע מאָגערע מאָלצײַטן אין אומרו נאָך דער היים: לענינגראַד גייט נישט אַראָפּ פֿון דער „סוואָדקע״, וואָס עס ברענגט דער ראַדיאָ; איר שטאָט איז אין אַ העפּטיקן פֿײַעררינג, גאָט! — ציטערט זי אויף אין דערמאָנונג פֿון דעם מאַן, פֿון דער טאָכטער. — אַרקאַדי, ניִנאָטשקאַ! — און כאַפּט זיך

פלוצלינג אויף אַן אומווילקער הייסער טרער. דער ראַדיאָ־דעדעקטאָר וואָס אָנגעפּעסטיקט אויף איר וואַנט, אַ טונקעלער, ריידנדיקער טעלער מיט אַ ברייט מויל, הערט נישט אויף צו דערמאָנען, וואָרענען אַז ס׳איז מלחמה; כ׳געדענק, ס׳גייט אַ טויטלעכע מלחמה קעגן די רוסן, וואָס האָבן זיך פאַרקניפּט אין בלוטיקן געראַנגל מיט די דײַטשן, דעם אייביקן שונא פון ראָסיי, פון דער זינגעוודיקער וואָלגע, פון שטרענגן אוראַל. ס׳איז טרויעריק, דער שונא דריקט די טאָג שײַן, רײַסט ס׳שיידל פון מוח און דאָ ביסטו אַליין. ווערעמדיקער אומעט פרעסט דײַן מאַרך. כלומרשט ביסטו אין רו, אָבער אין אמתן טאָרסטו נישט אויפהערן צו לויפן מיטן שליאַך פון גרויסער נויט, אַנישט פאַלסטו, און אַ סוף, ס׳קומט דײַן סוף!

9

די שטאָט איז אַ דאָרפישע מיט אַן אײַנגעוויגטער שטילקייט, כאָטש זי פּרוּווט שוין אַ רעד טאָן גרויסשטאָטיש. מיט פלוצלינגקייט גיט זיך אַ טראָג אַדורך אַ שורה שווערע טראַקטאָרן. מינוטן געדויערט עס און זיי פאַרשווינדן ערגעץ אויפן שליאַך, פון וואַנען עס ציִען אַוועק אָנסופיקע פעלדער וואָס צעפליסן זיך אין ווײַטקייט־טומאַן ווי אין אַ פוילבלעכן ים. אין דער ווײַט באַגעגענען זיך די אומגעהײַערע פעלדער מיט די האָריזאָנטן און באַהאַנד שפּינען זיי אומבאַגרייפלעכע סודות. אָבער דאָ, פאַר דער נאָז, הודיעט דער ראַדיאָ. ער עקבערט זיך אַרײַן אין געדאַנק, גלײַך ער וואָלט, דער־אָ טעלער, ערשט זיך אַ ריר געטאָן אויף דער וואַנט מיט לעבעדיקע אויגן און מיט לעפצן, אַזאַ וואָס האָט זיך אומגעריכט איבער־געוועקט; אָקערשט גייט עס זיך פונאַנדער איבערן גאַנצן חלל, דאָס אויס־טערלישע ווידמעכץ, אין רייד וואָס קריגן יאַקאָש פּיס, ווײַזן קרומע הערנער וואָס שאָקלען זיך מיט חוזק, מיט אומגלייבן:

„אָנגעקומען אַהער אַן אַמעריקאַנער מיני׳סטער (אָ, פיינדלעכער קאַפּי־טאַליזם, ער פּרוּווט זיך אונטערלעקן דעם מאַכטיקן ראַטנפאַרבאַנד, לויבט די העלדישע רויטע אַרמיי!). פאַרשטייערס פון צעקאַ פירן אים אַרום איבער אונדזערע פאַבריקן און אינסטיטוטן. דער גאַסט האָט ווערטער פון אָנער־קענונג פאַרן פּראָדוציר־פּאָטענציאַל פון דער קאַזאַכסטאַנער סאָציאַליסטי־שער רעפּובליק. אין כבוד פון גאַספּאָדין טאָמפּסאָן גיט מען אין דער אָפּערע אַ פײַערלעכע פאָרשטעלונג. זאָלן פרײַנד פונעם מערב זען אונדזערע

דערגרייכונגען אויך אויפן שטח פון קונסט, די שפע פון טאַלאַנט וואָס לײַכט אַרויס פון די טיפֿעניִשן פונעם פֿאָלק״ — —

דער אומגעזעענער וועקער, דער נערוון־רײַסער ווערט נישט מיד צו ריידן, באַרימען די אויפטועך פון לאַנד, פון גרויסן סטאַלין: כמה וכמה אינזשיניערן, טעכניקערס־ספּעציאַליסטן זענען באַשעפטיקט אין זאַוואָדן און לאַנדווירטשאַפטלעכע פּאַרש־סטאַנציעס. אַנומלטיקע מדבריות זענען פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אומענדלעכע פֿליינען פון בלי‏ענדיקן בײַנוול. עס איז דאָס ווײַסע גאָלד וואָס ברענגט ברכה פֿאַרן לאַנד, אַן אָנזאָג פֿאַרן פֿאַר־שטאַרקטן ריטעם פון אונדזערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, פֿאַר מי־ליאָנען מעטערס סחורות אויף קליידער און העמדער. אומצייליקע טויזנ־טער מענטשן אונדזערע זעען שוין דעם אויפשפּראָץ פון גליק פֿאַר זיך און זייערע קינדער, — טענהן אויך די אַגיטאַטאָרס אין לויזע כאַקי־בלוזעס, פֿאַרגאַרטלטע מיט רימענס. עס טויכן אויף די פּאַרטיי־שליחים וואָס באַגערן אַרויסצורײַסן דעם קאַנט פון סטעפּישער צוריקגעשטאַנענקייט. צו מאָל אין שטאָטישן גאָרטן אַרום דער אַנטשוויגענער הילצערנער צערקווע צעצינדן די דאָזיקע אין די אויפדערנאַכטן גרויסע לאָמפּן, וואָס ציִען אַהין די געלהויטיקע זין און טעכטער פון פּאַסטעכער, פערד־צוימערס, בײַנוול־האָדעווערס און ציגל־ברענערס; זיי לאָזן שפּילן האָפּערדיקע מוזיק און אַגיטאַטאָריש טשוועקעווען זיי אַרײַן אין די המונישע מוחות דעם געדאַנק פון אויספלאַנצן אַ ריכטיקן יושר פֿאַרן פֿאָלק. דעמאָלט טוט זיך אַ געטועכץ אין דער אָנגעגאַרטנטער שטילקייט. דער המון ווערט געררייצט פון נײַגיר. נאָך די שטאַרקע, פּרעמדע רייד פון אַ וויכטיקן, ווײַזט מען שאָטן־שוועבנדיקע קינאָ־בילדער אויף אַ פונאַנדער געצויגענער פּלאַכטע. אַן אַנדערש מאָל גיט מען טעאַטער־שפּיל אין דער־אָ רעטעניִשפולער געגנט. נויט און נאַטירלעכע שיינקייט וואַקסן איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע און ביידע זענען זיי אַרויסגעלאָזן אין דרויסן ווי אַלטע שוואַר־פּיסיקע הינט מיט צוזאַנגציימלעך אויף די מאָרדעס: צו קענען נעבעכדיק אַרומשמעקן די באַלעבאַטים און נישט צו קענען וועמען־עס־איז בײַסן, באַעוולהן. באַ־שײַמפּערלעך קאָרטשעט זיך דאָ די שווײַגעוודיקייט, אָבער זי „שטופּט זיך“ נישט מיט איר וויכטיקייט.

ס׳איז אַ צווינטער הינטערן פּלויט פון שרעקיקער סודותדיקייט, די באַרגיקע שטאָט אַלמאַ־אַטאַ.

אין די קאַלעמוטנע אָוונטן צעשאַלט זיך זעלטן דאָס זײַטיק צעלויכטענע

טעאַטער מיט אָפּערעס פון פּאָרצײַטישער מעשהדיקייט און שווערדישן העלדנמוט וואָס שפּאַנט האַנט בײַ האַנט מיטן גורל פון קרענקלעכע מדבר־פּרינצן, פּאַרמשפּטע אויף מאַטערנדיקע איבערלעבענישן. אויך פון אייגענע פּראָפעסאָרן רעדט מע שוין. די פּאַסטעכער פלוידערן מיט הילציקע מײַלער פון באַרימטקייטן צווישן זיך. די פּיליפּאָוואַ רײַסט אויף די אויגן: נעכטיקע באַיעס * ווערן דאָ געגרייסט, אויך פּאַראָבקעס. אָבער אַליין וועלן זיי פּ י ר ן? ווי געשיקט זיך עס! מענטשן דרייען זיך אַרום אונטערן ליכטיקן הימל אין געלאַטעטע פלודערן, אויסגעקראָכענע מיצלעך, נישטערן אויס אויפן אַלטוואַרג־מאַרק אַ ליאַדע שוך פּאַרן באָרוועס, ווען עס נעמט בריִען די קעלט, מ׳זוכט צו קויפן אַ טראַנטע פּאַרן לײַב ערשט ווען דער פראָסט נעמט צופּן ס׳געפּלייש פון די דאַרע ביינער. קינדער מיט נאַקעטע בײַכלעך וואַלגערן זיך אין גאַס און דער רוב נידעריקע שטיבלעך איז פּאַרוועבט אין אָרעמער שטומקייט. וווּנדיירים! ווּזשע זאָל זיך אַהינטאָן אין אַזאַ מקום אַ צעטרייסלטער מענטש ווי זי!?

וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ באַמיט זיך אויסצוגעפינען דעם ערנסט ביי די קרומאויגיקע פּאַסטעכער און וואַנדערנדיקע מדבר־זינגערס, אָבער זי בלײַבט דאָך שטוינען: וואָס קען אַרויסוואַקסן פון דורכויסיקע זאַמדן און פעלדזיקע בערג אַחוץ קראָפּעווע־ווילדקייט? וועט זי זיך אויסהיילן פון אירע צווייפלען? אויף איר מויל צעשפּילט זיך אַ טרויעריקער גרימאַס.

אויבנאויף ליגט די באַיאָרטע אומצײַטיקייט וואָס איז צוריקגעקומען צום אורשפּרונג פונעם מענטשנס קינדישקייט. בייען אויף אַ מאַשין מיט א פוסטרעטער איז אַלץ נאָך אַ גליק פאַר דער טאָכטער פונעם מידבר; אַוועקזעצן דעם דזשיגיט ** ביים טרייבראָד פון אויטאָמאָביל מיינט אַ העלדישקייט ביים פאָלק וואָס האָט טויבלעך דערהערט פון וויכטיקע זאַכן וואָס געשעען אין דער ווײַטער וועלט. די צוויי־סטרוניקע דאָמברע בלייבט דער אינסטרומענט פאַר דער שענסטער מוזיק. פון סטעפּ ווערסטו נישט אויסמעקן דעם אומעט, אַפילו זאָלסט זײַנע ברייטן באַמויערן מיט פּאַלאַצן. אָן אפשר איז בעסער אַזוי? מעגלעך, ס׳איז דאָס ווידערגעבוירן פונעם מענטש אין אַ נײַער הויט. אויך זיך לאָזן אויף דעם וועג? ריכטיקער וואָלט אפשר געווען צו אַנטלויפן פון דער איבערגעאײַלטער חכמה וואָס מאַכט

* פּעאָדאַלן, רײַכע אין מידבר־גיטער און קנעכט.

** יונגערמאַן: געמיינט אויך העלדישער קעמפער (קאַזאַכיש).

שרעקלעך מיד! אָט איז דער רעזולטאַט פון דער גוואַלטיקער אויפגעקלערטקייט: דער טײַוולאָנישער פּאַרמעסט אין מלחמה. וואָלטן מיר געווייכט דערפון, נישט געוויזן זיך אַזוי קלוג, וואָלט מסתמא נישט געקומען צום בלוטיקן איבערקער וואָס עס האָט געליטן איר לעניגראַד, עמעצנס קיִעוו און דעם דיאַק יאַקאָוו דימיטריטשס פּענזע. מעגלעך, מעגלעך אַז ס'איז טאַקע שענער דאָס־אָ פונאַנדערגעוואַקסענע דאָרף מיט זײַן גרײַזן אומעט, ווו עס איז נאָגנדיק באַנג און עס איז נישט סובל קיין קונצשטיק, אַקוראַט אַזוי ווי ס'איז אין אַ טיפן וואַלד. נו, פּאַר וואָלד זענען מער אייגן די האַרבע קאַטאַוועסן פון בליץ און דונער. אין זײַן מאַסיווער פּראַסטקייט וואַרפט זיך דער וואַלד אַקעגן כלערליי קאַפּריזן. ער קראַכט, ווען ער ווערט מלא כעס.

אַן אָנגעפּוישטער שטייט דער קאַנט אין מיטן פון שערענגעס הימל־שפּאַרנדיקע טאָפּאָלן. מיט גאָלדזאַמדיקע לישײַעס קוקט ער צום חלומענדיקן אָאַזיס דעם אַלמאַ־אַטינער וואָס אין זײַנע שימערירנדיקע זומערס שמעקט ער ווי קטורת געמישט מיטן פֿעטן האָניק פון די עפּל־אַפּאָרטן און אין די ווינטערס טרערט ער זקנהש מיט בעלמע־אויגן און לאַכט ברייט, יוסט אין מיניעדיקער שנייִקייט.

אַ פּאַרגעסענע אין זיך, האָט די פיליפּאָווּאַ לענגער געטראַכט פון דער געגנט וווהין דער גורל האָט זי געבראַכט. דאָ וועסטו לעבן, וויעראַ, — האָט זי אין זיך אַרײַנגערעדט אַ רעזיגנירטע.

„לעבן?" — האָט זי באַלד זיך צוריקגעפרעגט נישט אָן פּאַראַיבל, אָבער מיט אַן אומגעריכטער באַזינונג: פון דעסטוועגן שטעקט אַ ליגן אין דעם־אָ אמת, וואָס דער קורצער שכל שמועסט איר אײַן, — ס'איז אַ ליימגרוב! זי האָט זיך געוואָלט פּאַרקריגן מיט דעם אײַנריידעניש וואָס האָט געשפּאַרט אויף איר. זי איז דאָך אַרויסגעשטויסן פון דער היים נאָר אויך איבערצוואַרטן. אייגנטלעך האָט זי עס גאָר אַרויסגעקוקט, דאָס ביסעלע אײַנזעעניש פון די טײַערע. זיכער, איר געפעלט שוין דאָ. זײַ זיך מודה, וועראָטשקאָ! אַ געשווינדער פּאַרגעסער, דער מענטש! אויך דער קאַזאַך אין שאָפּנפּעלץ מיינט אויף אַן אמת, אַז ער האָט דערטאַפּט דעם דופק פון לעבן. זײַן פירעכץ, אַפילו זײַנע ווערטלעך זענען יאַקבי מלא חכמה, ווײַל געבענטשט פונעם נביא. „שאַ, וועסט נישט איבעררעדן? אויך סטאַלין דזשאָלדאָס איז אַ מין געץ, כי־כיכיכי", — קייכט פּאַרהוילן דער פולפּנימדיקער, לאַנג־וואָנסיקער דזשוסופּ און זײַנע אויגן פּײַכטלען זיך אין זייערע

שיפגעשניטענע שפּעלטלעך. וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט שוין פאַרנומען איך אַזאַ ווידוי, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט האַרצציטער למאַי זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר אַ פרעמדער פרוי. „פּראָשו דאָראָגאַיאַ, אי׳ך בעט איבער, גנאָדיקע. ס׳בלויז ליצנות. איך ליב דעם סאָוועט" — און זײַנע ווערטער זענען געווען דורכגעווייקט אין טרויער: „זעסט דאָך, איך האָב פון אַלעם גוטן; מײַן זון לערנט. נישטאָ מער דער שלעכטער באַי וואָס האָט געהאַט אייגנס אַלע שאָף און רינדער און קעמלען. אַלץ פאַר זיך! אין אַול * אַלץ פאַר אים, אויך אַ סך ווײַבער. מײַן בויך איז זאַט מיט יונגן פערדנפלייש, מיט שטאַרקן ווײַן! לעפּיאָשקעס ** און שאָפּנקעז גיב איך מײַנע קינדער, בישוורמאַג *** מיט פעט שעפּסנס איז די שפּײַז פאַר געהויבענע געסט אין מײַן קיביטקע. ס׳איז מיר ליב דער סאָוויעט דער גערעכטער", — מורמלט ער און טראָגט זיך אַוועק. ער וויל דורכויס זיך באַווײַזן מיט געטרײַשאַפט צו די גוטע און קלוגע, וואָס פירן אָן מיט אַלצדינג. פון וועגן דעם ברעקל חיות שטרענגט זיך אָן אַזאַ מיט זיסע רייד, רק זיסע רייד, איטלעך מאָל ווען ער טרעפט אַ זײַטיקע. פון דעם רעדט ער אויף אַ קול און ער זינגט עס אויס. ס׳זענען דען גרינג צו שאַצן די נאָגנדיקע רעפרייגען און די אויסבראָכן פון בענקשאַפט, וואָס באַגלייטן די לידער־לויבן און טענות פון די דאָ׳קע? ס׳קען גרײַלעך געמאָלט זײַן אַז דער קאַזאַך לאַכט פון די גרויסשטאָטישע אָדער ער איז אַזוי פילאָסאָפיש באַזאַכט, אַז ער וויל נישט ווי טאָן אַ פרוי, וואָס האָט געפונען אַנטרינונג אין זײַן לאַנד.

אַ ווײַלענקע. די שפּיל פון אומעטן זענען דאָ אפשר ווי די ערשטיקע תפילות וועלכע וואַקסן פאַרן מענטשנס גדעכעניש זינט דער אומפאַר־געסלעכער קינדהייט.

דאָס בלוט האָט געטאָרקעט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַן: נישט דאָס איז דער זוימען פון אומרו וואָס קלאַפּט אין דער טיר פון איר צעניזוקטער וועלט.

האַרבע טעג זענען געגאַנגען אויף דער פרוי, וואָס נישט גרינג האָט זי געקענט זיך אײַנלעבן אין דער פלוצלינגער שטילקייט. פאַרקערט, די פאַרגליוווערטקייט האָט פון צײַט צו צײַט אויף איר אַ בוכע געטאָן מיט אַ פלאַם פון שרעקיקער אומגעווייניטלעכקייט. פלוצלינג זענען גרוילן אויפ־

* דאָרף אין סטעפּ; ** ברויט־פלעצלעך געבאַקן אויפן פלאַם.

*** לאָקשנטייגלעך געקאָכט מיט שעפּסנפלייש.

געשטאַנען קעגן איר. שגעון רירט זיך צו צו איר, האָט זי געקלערט; שוואַרץ איז די שטעכונג פון זוניכט.

די פיליפּאָוואַ פלעגט אויך געלאָזן שמועסן מיט זיך: ס'איז שיין, כ'איז אַפילו מנוחהדיק דאָ. צו דער געשטאָלפּערײַ פון אַ לענינגראַד קען אַזאַ־אַ געגנט קיין מאָל נישט דערגיין. אמת, אַ וואָרעם איז אויך שוין פאַרקראָכן אין דער דאָזיקער שטילקייט אַרײַן און ער טאַטשעט, ר'פוילט אונטער דעם טויזנט־יאָריקן דרימל. אין דער נשמה שפּיר איך דאָס גראַבלען פון דעם פילפּיסיקן שפּיזלמויל. נו, עס איז דער אײַזן־געקאָווע־טער אומעט וואָס צאַפּלט ווי אַ געבונדענער אייזל אָן אַ זײַט פון די געפּלאַס־טערטע טראַקטן. דער מדבר וואָס טראָגט אין זײַן שויס די היץ פון נישט־אויסגעלאָדענע שטורעמס, ציט זיך נאָך דער אַזיאַטישער שטאָט. דער פאַרגאַפּטער הימל שפּיגלט זיך לעפּיש אין דער זאַמד־בלענדעניש און אינעם באַרג־עלנט שטויסן זיך אָן די אומגעריכטע כוואַליעס געזאַנג, וואָס שווימען אָן ווי דאָס ראַסלערײַ פון לאַסט־וועגענער. טאַקע די לידער־אויסגעשרייען אין דער סאַמע שטילקייט אַרײַן דערמאָנען אָנעם געפּלאַקער פון דער מלחמה, וועלכע זי האָט געלאָזן הינטער זיך. „עד, דאָס פּירט מען אויף גיך נײַע זעלנער צום וואָקזאַל. קאַנדידאַטן פאַר פּײַן, אויף טויט — אויך פון דאַנעט!" וויערא יאַקאָוולעוונאַ דערוואַכט אַנטקעגן דעם בילד, וואָס דראָעט מיט פינצטערער בייזקייט:

יעסלי זאַווטרא וואָינאַ,
יעסלי זאַווטרא פּאָכאָד — —

שוין ווידער!

זי שטוינט. זי גרוילט אויף אין אויגנבליק. אין פאַרטראָגנקייט טויכן אויף פאַר איר ווי אין אַ טרויער־פּראָצעסיע אַ סך ווײַבער, לאַנגע רייען העשנדקע ווײַבער מיט טרערן־געשוואָלענע אויגן. דערשלאָגענע, שווײַגן־דיקע גייען זיי, שפּאַנען צו די פעלדער ווו עס הויערן חמרים שטאַרנדיקע קערפּערס, אַנידערגעזונקענע מענטשן מיט אונטערגעשניטענע לעבנס. אַנדערע זעט די פיליפּאָוואַ נאָך בולטער: דערשלאָגענע שטעלן זיי זיך אַרויס פאַר די שוועלן און איבערגעשראָקענע קוקן זיי זיך אַרום, וואָס עס האָט פון ס'נײַ אַ ריס געגעבן די רו. און קליינוואַרג נעמט מיט אַ מאָל פרעגן אויף די טאַטעס, אויף די ברידער וואָס זענען שוין פון לאַנג אַוועק, מ'קען זיך נישט דערוואַרטן אויף זייער צוריקקום. ווווא, וואַ, ווי

די שוויַגנדיקע געגנט קליידט זיך אָן אין אומגעדולדיקייט. הפּנים, די־אָ דערשפּירן אויכעט דעם שטאָך אין האַרצן. נישט ווילנדיק טראַכט זיך איר פון לענינגראַד. ווי, וואָס דאָרט געשעט גראָד אַצינד! — גיט עס איר אַ צופּ. מ׳דאַרף ערשט זיך אַראָפּלאָזן צום וואָקזאַל געוויר ווערן, ווען עס קומט אָן אַ צוג פון צפון. אפשר רײַסט זיך דורך עמעץ פון איר באַלאַגערטער שטאָט. מעגלעך אַז אַ גרוס זאָל פאַרבלאָנדזשען, ווי שייך? אַרקאַדי קלערט וואָס ס׳געשעט מיט איר, נינאָטשקאָ איז אַזוי צוגעקניפּט צו דער מאַמען, כאָטש נישט זעלטן גיט פון איר אַ ברען די ווידער־שפּעניקע יונגשאַפט. אין איר גאָרער פּאַרטועוקייט קלערט די קליינינקע פון דער מאַמען. געוויס, געוויס, איר נינאָ. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן אַז איר בריוו פון דאַנען זאָל דאָך האָבן דערגאַנגען. די טײַערע ווייסן שוין מײַן אַדרעס. בשום אופן טאָר זי נישט זײַן אַזוי אָפּגעלאָזן. און ס׳קען — גאָט באַהיט! — האָבן געטראָפן עפּעס טרויעריקס. פּלוצלינג האָט וויעראָס געמיט זיך אַזאַ טוק געטאָן. דער שונא איז בפירוש אַרײַן אין שותפות מיטן טײַוול.

שווערער טרויער האָט זיך געפּלאָנטערט אין דעם זינען פון דער איינ־זאַמער פרוי.

10

פון בלאָקירטן לענינגראַד זענען כמעט אין גאַנצן נישט אַרויס קיין בריוו, סײַדן אַ רוף צום הינטערלאַנד וועגן דרינגלעכער הילף. אויף סכנות האַלט זיך ס׳צעוואַקלטע חיות פון דער אונטערגעצונדענער שטאָט, וועלכע שרײַט גוואַלדן פון אירע גוססע לײַט באשר זי בלײַבט דאָך אַ פעסטונג, זי׳ט זיך נישט אונטערגעבן. אויב איר איז שטאַרק־שטאַרק נייטיק עפּעס, ווערט אומיסטן אַרויסגעשיקט אַ שטאַפּעט אין אַ באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן. אין שלאַכט־רעזשים וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין שטאָט, איז נישט דערלאָזלעך אַזאַ לוקסוס ווי דאָס באַפרידיקן דעם נײַגיר פון דרויסנדיקע: סתם בריוו? נישטאָ קיין אָרט פאַר נשמה־העוויות פונעם יחיד. אַז מע צינדט אונטער דאָס פאַלק, איז נישטאָ קיין צײַט פאַר גרימאַסן!

„ווי לעבט זיך דיר, טײַערינקע? אַזוי לאַנג נישט געקראָגן קיין גרוס פון דער מאַמאָטשקאָ״.

„וואָס מאַכסטו, קלאַראַ? איך געדענק דײַן צוזאָג אַז דו וועסט ענדלעך

זיך אַרויסקלײַבן צו אונדז. באַמי זיך וועגן אַ פּראָפּוסק *. שוין אָנגעהויבט זיך אַזוי פיל זאַכן וואָס בעטן זיך אַז מ׳זאָל זיי אַרומריידן פון האַרץ צו האַרץ״.

„אַ דאַנק דיר, סעריאָזשקע מײַנער, פאַר דער באַגריסונג. אַזוי, אַזוי, די מאַמע עלטערט זיך און דו וואַקסט אַ וואַזשנער. פאַרגין דער אַלטער כאָטש דעם נחת פון ווײַטן און בלײַב אַן אָרנטלעכער. פרײַנד זוכן זיך אָפּ פאַרשיידענע, אי גרויסע טרינקערס אי צעטומלטע קעפּ און דאָס פאַרפירט פּלוצלינג. געדענק זשע צו שוינען די שוואַכע מאַמע און נישט באַפלעקן דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם באַטקאַ **. ווייס, לײַט האָבן געלויבט דײַן טאַטענקע און די גרויסע שטאָט איז אַן אָרט ווו עס קאָציען זיך אַ סך ווערעמדיקייטן. וואָס שייך מיר איז די האָרעוואַניע גאָר שפּאָר, הלוואי נאָר כּוח. יאָ, נישטאָ וואָס זיך צו פרייען מיטן אייגענעם געבוירנטאָג״ — —

רק צו קלייניקייטן רופן די תמידיקע בריוו און זיי וועבן דעם רעיון פון געקרענקטע, פאַרדאגהטע.

ווי אַ שאָטן פון דער פאַרשטויסענער פאַרגאַנגענהייט איז געשטאַנען די טויטע פאָסט־געבײַדע פון דער געוועזענער קרוינשטאָט. אירע בריווטרעגערס זענען צעשטויבט געוואָרן איבער מבולבלע געגנטן, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין בלוטנדיקע פעלדער, וואָס די כיטרע רופן פראָנטן און די גומי־שטעמפּלען, וואָס טרעטן ווי בלאָטיקע קאַלאָשן אויף צעשווומענער ערד האָבן זינט לאַנג שוין נישט צעוואַסערט זייער טינט אויף די טאַנדעטנע גראָע קרעפּלעך־קאָנווערטן.

אָט־אָ באָמבלט זיך די גרויסע וועלט ווי אַן אָנגעגליטע גלעזערנע שאָל, זי וויגט זיך אַנטקעגן דעם ברענענדיקן הימל; שריפה־רויט גלאַנצן אַ סך צעפּלאַצטע פענצטער און אונטער שניי־פאַרשאָטענע חורבות ליגן אין אַ טויטן־שלאָף גיך פאַרגעסענע לעבנס. אַנטשטומט איז דער געזשום, וואָס געבליבן נאָך די געפאַלענע. מיט געקראַך האָט זיך אָפּגערופן נאָר דער חלל וואָס איז אַרײַנגעוואָרפן אין נאָכאַנאַנדיקע קראַמפּן.

די געשלאָגענע לענינגראַד מוז לעבן אין שאַרפער אָפּגעשלאָסנקייט. פונעם אָנהאַלטנדיקן פראָסטנעפּל, וואָס האָט אָנגעקליידט די שטאָט אין מוטנע ברילן פון אַ קורצזעעוודיקער, שפּירט זיך אַרויס די אָנגעשפּיצטקייט פון פאַרהוילענע געפאַרן; דער אייביקייט־גײַסט וואָס באַגלייט די אַמאָ־

* דערלויבעניש אַרויסצופאָרן. ** פאָטער.

ליקייט פון דער גרייזער פּעטערבורג, קרייצט זיך אָקערשט מיט דער לעצטקייט פון אַלע טויט־באַדראָעטע תּושבֿים. די פּעטליע האָט שוין גראָב געדריקט אויפן האַלדז. געווען אַ פּעסטונג פון רום און אַט פאַלט זי. אַ שווערע לעערקייט שווענקט זיך אינעם שוידער וואָס גיסט זיך פינצטער באַגלײַך מיט דער לופט. און אין בויך פון דער דאָזיקער פינצטערניש גרימען, רײַסן אויף טאָנען דינאַמיט.

די אומגעריכט אָפּגעריסענע ווײַטן האָבן ערשט יללהדיק געגעענט און זיך אָפּגעטונקען אין אַ טײַך פון פאַרציקנדיקער שׂריפֿה. אויפן מיסט פון אימה האָט בעת־מעשׂה זיך געוועקט אַ פאַרטויבט אויער. ס׳האָט זיך אַ ריר געטאָן אַ נערוו, אָבער דער געדאַנק האָט געגליווערט.

עס שפּילט צו די פידלדיקע פּראָסטיקייט. ווי פלאַם געשניטן האָט די זשעדנע קעלט צווישן די מויערן פון דער נעוואַ־שטאָט. אין דעם דאָזיקן ווינטער־גראָ קײַקלען זיך אָן אויפהער מגושמדיקע דעטאָנאַציעס און אין שוועבלטשאַד שפּרייט זיך פונאַנדער דער זינען פון די, וואָס זענען פאַר־איינזאַמטע געזונקען אין גסיסה. דאָ און אין נאָענטער שכנות האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשטײַפטע גופֿים; אַנדערע האָבן זיך געסמאַליעט צווישן האָלעוועשקעס. אין פאַרצווייפלונג פלעגן מענטשן־שאָטנס אַרויסקריכן פון קעלער־פאַרהוילעניש, פון רוּינעס, און ווי פיש אַרויסגעשלײַדערטע אויפן ברעג פּרוּוון זיי לעקן די לופט: אפשר וועט זיך געפינען אַ קרישקע לעבן, אַ פאַרפרוירענע בורעק, אַ קרויט־גלאָמב.

די באַפאַלענע לענינגראַד האָט געפירט אַ טאָפּלטן געראַנגל: געמוזט צוהיטן די שלאַכט־פּאָזיציעס וואָס באַשיצן די גרענעצן פון שטאָט, גראָבן וואָס אַ מאָל טיפערע, ברייטערע טראַנשייען און, איינצײַטיק — אָפּ־שטויסן מיט כלעריי קונצן און תּחבולות דעם הפקרדיקן טויט. פאַרביסן געווען דער געפּעכט הינטער די שטאָטמויערן און האַרט דאָס געשלעג מיטן פײַנד פון אינעווייניק. אויך אַזעלכע געבעירט די צײַט פון ביטערן נסיון. קודם־כּל האָבן די אינעווייניקדיקע פאַרטיידיקערס שטרענג אָפּגעהיט דעם אומאָפּטרעטלעכן געבאָט צו פאַרבײַטן די געפאַלענע שלאַכטלײַט, צו פאַר־נעמען די פּאָסטנס פון די מידע און אין איינוועגס צו האָבן אין אויג די פּראָוויאַנטירונג פון די לעבעדיקע. אָ, ווי דער הונגער האָט זיך וויסט צעליאַרעמט! מעג זײַן קאַרג דער ביסן, רוי דאָס וואַסער, אָבער עס טאָר נישט אין גאַנצן פאַרפעלן. נו, די קאַנאַלן פון באַשפּײַזונג זענען דאָ און דאָרט שוין געווען פאַרשטאָפּט, צו מאָל אָפּגעבראָכן פון מטורפדיקן שׂונא.

קוים־קוים האָט זיך אויפגעהאַלטן דער אָטעם פון דער שטאָט. ווײַל אָפּגע־שניטן זענען געוואָרן אַלע וועגן, פּאַראַליזירט די רעדער וואָס טרײַבן ס׳וואַסער אין די רערן אַרײַן; אויך פאַראַשט די מעל־שפּײַכלערס, אָפּגע־טויט ס׳פײַער פון בעקעראַויון. דער פײַנד האָט פאַרביסן זיך געוואָרפן אויף דער שטאָט, וועלכע ער האָט צעהפּקרט באַגערט דערשטיקן; ר׳האָט נישט אויפגעהערט צו וואָיען מיט זײַנע האַרמאַטן, שוין אײַנגעגראָבענע אויף די ראַנדן פון דער אַרומגערינגלטער שטאָט. ערגעץ־ווו האָט דער שונא אַפילו שוין באַוויזן זיך אַרײַנצושנײַדן אין אַן עקסטן ווינקל, פון וואַנען ס׳איז לחלוטין אויסגעדושעט אַיעדער צייכן לעבן. אויך פון דעכער און לעכער האָט ער געזייעט חורבן, טויטלעכן פחד.

אין קעלערס, און טיף אײַנגענעסטיקטער אונטערערד האָט געטלי׳עט דער פאַרעקשנטער אָטעם פון רוסישקייט. פאַרוווּנדיקטע און קראַנקע האָט מען געלאָזן אויסגיין, שמאַכטנדיקע האָט מען געזעטיקט בלויז מיט אַ שלוק טוכלע וואַסער, אַ מאָל מיט אַ ציטעריק, אויפמונטערנדיק וואָרט. דאָס וואַרעמע וואָרט איז געווען די איינציקע בריק פאַרן האָפן אַז, אַז נאָך נישט פאַרלוירן איז דאָס סאַמע לעצטע, באמת, נאָר מיט האָפן האָט זיך גענערט די אויסגעמאָרעטע שטאָט.

*

די פיליפּאָוואַ האָט ענדלעך זיך אַרויסגעריסן צו אַ ברעג פון ניכטער־קייט: אויף אַ בריוו איז נישטאָ זיך צו ריכטן. איר היים איז אויף דער בראָכשטול פון נײַע פּרווון פונעם גורל. מ יודע וואָס אַזאַ דעספּאָט קען צוטראַכטן פאַר אַ באַזיגטן פאָלק. ווײ, ווײ, ס׳איז גלײַכער אַליין זיך אײַנ־צושנײַדן די העלדזער איידער צו מוזן שטיין אויף די קני פאַר אַזעלכע רשעים. די פרוי האָט געאָכצט. פון דעסטוועגן האָט אין איר נאָך געטריפט דער חלום אַז ס׳קלײַבט זיך צו איר אַ בריוו פון אַרקאַדין און די צאַפּל־גרימאַסע פון ניגאָטשקאַן: מאַמעלע, כ׳קען נישט זײַן אַן דיר. ס׳שלעכט, טײַערענקע! — — מיט אומוועגן קריגט זיך דורך אַ לעבעדיקער גרוס. אַרקאַ האָט נעבעך שוין אַזוי פיל געליטן, ער איז מער נישט אין די יאָרן פון יענער קרעפטיקייט, וואָס קען דערוועקן פאַרדרימלטע כוחות פונעם מענטש; ניגאָטשקאַ איז יונג, אָבער לגמרי נישט געניט. ס׳אַ גרין בלעטעלע, דאָס מיידל. זי גיט אַ פלאַם אויף און באַלד געדענקט זי נישט וואָס געוואָלט טאָן, טראַכט נישט אַז אַ ליאַדע שריט קען פאַרשלעפּן אין סכנה. אַזוי האָט זי אויך זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אָרגאַניזאַציע פונעם יונג־

וואַרג, זיך פֿאַרקאָכט אין אַן אַרבעט און דאָך נישט אָפּגעשטאַנען אינעם לערנען. און אָט, גאָר אומגעריכטערהייט, זיך אָנגעהאַנגען אָן באָריאַן. מיט אַ מאָל זיי געמאַכט פֿאַר אַלטע לײַט, די גילדענע שטיפֿערקע. אַזוינס איז שטענדיק קאַפּאַבל צו שטעלן דיך פֿאַר אַלערהאַנט סיורפּריזן. אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס זי האָט נישט פֿאַרבלאָנדזשעט! יונג בלוט לויפֿט מיט צוגעבונדענע אויגן. און אפֿשר קען עס בכלל נישט זײַן קלאָר, דאָס אימפּעטיקע בלוט? אין שטוב האָט מען אַפֿילו נישט געקענט משער זײַן אַז די קליינענקע האָט שוין דערשמעקט אַ יינגל צווישן די בחורימלעך פֿון דער אָרגאַניזאַציע צי אין שול. דאַכט זיך, זי קוקט נישט אויף קיינעם, זעט נישט קיינעם. ווי גיך דאָס בליט אויף! שוין שטייט ניִנעלע מיט אים האַנט אין האַנט פֿאַרפֿלאָכטן און דאָס שפּיץ נעזל ציטערט: „מאַמעלע, טאַטעלע, דאָס איז באָריאַ ליפּשיץ, אַ גוטער חבר מײַנער, דער בעסטער! נו, מיר האָבן זיך ליב. האַ, באָריענקע? זאָג, וואָס האָסט צוגעזאָגט. איך קען נישט אַליין, דו קאַפּריזנער!" אַ שעמעוודיקע האָט זי תּיכּף זיך אָנגעזונדן מיט אַ רויטקייט, די קליינע. — שעמסט זיך? האָסט פֿריִער באַדאַרפֿט זיך שעמען! אין טאַטע־מאַמעס אויגן האָט ניִנאָטשקאַ קינדיש, מיט גרויסן נײַגיר, אַזוי ווי אומגעדולדיק, באַלד געקושט באָריאַן און צו אים גערעדט: „נו, זאָג שוין! דער טאַטענקע קען דאָך מיינען, די מאַמענקע זעט דו ביסט אַ נאַר, איך — אַ ליגנערקע, און זי׳ט אים געטאַרעט, געמוסרט: נו, נו, באָריאַ! דער בחור האָט אומדרייסט אָװעקגעקוקט און אָפּגעריסן, מיט קורצע הפּסקות, פּנים אל פּנים מיט די אַרומזיצנדיקע אַלטע לײַט דער־ציילט פֿון זיך, פֿון זײַן אַרבעט, פֿון דער היים און דערויף, שולדיקלעך אַ קוש געטאָן דעם מיידל אין שטערן אַרײַן. אויך אַזוי נאַיִוו ווי די קליינע האָט ער אָנגעהויבן לויבן סאָלאָמאָן געגריכאָוויטשן און אַנאַ לעאָנידאָוונאַן, די לײַבלעכע טאַטע־מאַמע. זיי זענען לײַטישע מענטשן, האָט ער גערעדט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, אַרבעטנדיקע, ערלעכע.

ווי הערלעך עס שטייט די אָוונטלעכע שעה, ווען די קינדער האָבן זיך זאַלבענאַנד אַרײַנגעוויזן אין שטוב, ביידע אַזעלכע פֿרישע, אַ ביסל פֿאַר־לוירענע אין זייער ליבשאַפֿט וואָס זיי האָבן באַגערט ערשמאָליק אַנט־פּלעקן. אַ טײַערער בחור דער באָריס ליפּשיץ, אַ פֿעיִקער, אָבער נאָך צו יונג צו קענען אַליין נעמען דאָס לעבן בײַ די לייצעס. ריכטיק, גורל איז ווי אַ פֿערדל וואָס מ׳מוז פֿירן מיט אַ געניטער האַנט. וווּנדערלעך איז בכלל די יוגנט, אלא אין געלאַף קען דאָס פֿאַלן. קינדער געדענקען נישט דעריך,

זענען לײַכט זיך צו צעטומלען און קענען אָט־אָ זיך אָנצינדן אין ערנסטן פֿײַער פֿון שפּיל. ווער וועט אײַנהאַלטן אַזוינע?! נײן, זי באַדויערט נישט נינאָטשקאָס אָפּקלײַב. ייִדן זענען געפּילפּול, געטרײַע מענער און פּאָטערס, זענען אַרײַנגעטאָן אין אַרבעט. שטאַנדהאַפּטיקע קריגן זיי זיך אַרויס מיט זייערע טאַלאַנטן. ס׳איז אַן אומאָרנטלעכקייט צוצושרײַבן די ייִדן שלעכטע אייגנשאַפֿטן. חסרונות איז צו געפֿינען בײַ אַלעמען פֿון מענטשן־מין. אדרבא, בײַ ייִדן זענען באַשײַמפּערלעך מער די מעלות. זיי זענען נישט הפקרדיק, שיכורן נישט, זענען פֿלײַסיק, אויך פֿעיִק צו ברענגען קרבנות, האָבן וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן אַרײַנגעפֿירט אין דער היסטאָריע. אַ פֿעלער איז די נײַגונג זיי אָפּצושטויסן מיט ווידערווילן. אַ ליכטיקער יונגער מאַן, אונדזער באָריאַ. פֿאַרשטענדלעך וואָס נינאַ קלעפּט צו אים. ס׳אַר אַ גליק ס׳איז די ליבע, ווי חנעוודיק אויף דער שוועל פֿון די בלי־יאָרן. אין אַלע טואונגען שיין, צו מאָל אין די אַקטן פֿון פּאַטריאָטיזם. פֿון די ערשטע האָבן די־אָ יונגע געאײַלט צו זײַן צווישן די פּאַרטיידיקערס פֿון היימלאַנד. אַזוי שיין און ווייטיקדיק, אויב אַזוינס מוז שוין אויסשטרעקן דעם האַלדז — גרייט צום קרבן. או, או, נינאָטשקאַ זאָל אים נאָר נישט נאָכציִען אויפֿן פֿראָנט! נישטאָ שוין וואָס צו טאָן אויף צו האַלטן זי נאָענט פֿון דער היים, צוקניפּן צו זיך. עס ווערט פֿריקרע אַז מ׳האָט אַקעגן זיך אומגעצוימטע טעמפּעראַמענטן. בלוט האָט אַן אויסטערלישן, אַן אומפֿאַרשטענדלעכן געהער. קען זיך עמעץ אונטערנעמען צו היטן אַזאַ קאַפּריזנע פֿלאַנץ ווי זייער נינאָטשקאַ? איצט בושעוועט די זאַווייע. אָפּט מאָל איז נישט צו דערהיטן דעם אייגענעם קאָפּ, ערשט אַזוינס? ווינציק וואָס די קליינע איז אויסגעשטעלט אויף געפֿאַרן ביים באַוועגן זיך אין דער ענג־געוואָרענער שטאָט, מוז זי שוין דאגהן אויך פֿאַר איר באָריאַן. גענומען אויף זיך די לאַסט פֿון ליבע. און גערעכט. מ׳האָט דאָך אַוועקגענומען איר מאַן, אַרײַנגעפֿירט אים אין סאַמע פֿײַער־געווירבל. ס׳דען אַ קנאַפּע זאָרג צו האָבן דעם מאַן אויף די קרייצוועגן פֿון אַ צעפּלאַקערטער וועלט? און זי אַליין איז אַ מאַמע־קינד, וואָס לײַדט. געוויס, אויך אַרקאַדין לאָזט דאָס נישט אָפּ, ווײַל ס׳אַזאַ שטורעם. דערצו איז ער קנאַפּ אויפֿן וואָרט, דער אַלטענקער, צעברויזט עס אים די ברוסט. כ׳וואָלט זיך געוועט אַז מחמת אומרו פֿאַרן אײדעמל איז דער אַלטער געבליבן שטעקן אין דער אומגליקלעכער שטאָט. אַנדערש וואָלט ער דאָך מיך נישט אַוועקגעלאָזן איינע אַליין! ווער ווייס וואָס דאָרט איז געשען? אַ פֿלוצלינגער קראַמף האָט זיך אַ גראָב געטאָן אין

דער פרויס אײנגעווײדן, — אַזאַ קלעם! ניכײַ וואָלט זי זיך נישט אַרויס־געריסן אָן ביידן. אַ געמיינער כאַראַקטער בײַ דיר, יאַקאָוולעוונאַ. זי וואָלט כאָטש געפּרוּווט זיי מיטשלעפּן אַהער. אַליין אַוועק פון די סכנות. שטיל דאָ, אַ רויִקער אַרויסבליק אויף פעלדער, נאָר דער ראַדיאָ שלעפּט אין דער מהומה אַרײַן. און איר איז נאָך ווינציק באַקוועם, דער בירגערן פּיליפּאָוואַ. ערשט וועט זי זיך ווען אָנקאָרמענען מיט פּעטס און זיס׳, די יחסנטע, און מיט לײַטזעליקייט צוזען ווי גאָטס באַשעפענישן קאָרטשען זיך אין גיהנומשע יסורים. צו וואָס פאַר אַ חרפּה דו האָסט זיך דער־קייקלט, דו אויסוואָרף!

דאָס גרימעניש האָט לאַנג נישט אָפּגעלאָזן די פרוי.

11

דער פּיליפּאָוואַ האָט איצט געגומען עקלען איר אָנגעשטאָפּטע וואַליזע און דער קלומעק מיט זאַכן. וואָט טעביע קולטוראַ, נאַ דיר אַ געהויבענע קול־טור פון שכל דעם מענטשישן! ווי נידעריק מ׳האָט אַראָפּגעשלעפּט אַלע אײדלקייטן, — האָט זי נישט אויפגעהערט זיך צו מוסרן. — אין שלייערן פון קלאָמפּערשטער קולטור באַהאַלטסטו דײַנע געמיינקייטן; אָט די קליידלעך מיט ספּודניצעס און היט וועסטו פירן. אַ סך זענען די לײַט וואָס זענען געפאָרן מיט איר און זיי זענען עדות פון איר געפּאַלנקייט. פּוצן וועט זי זיך? טפוי! ביסט אַ נישטיקייט, דו טאָכטער פון דיאַק יאַקאָוו דימיטריטש, דעם גאָטספּאָרכטיקן היטער פון אַ טשערעדע.

אוודאי, דער קלומפּן קליידער און אַנדערע טראַנטעס זענען געווען אַ בײַטש פאַר וויעראַ יאַקאָוולעוונאַס אַלייך־פּײַניקונג. זי וויל נישט אָנקוקן די שמאַטעס פון דעם טשעמאָדאַן. מיטן פוס האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך די וואַליזע. און ס׳איז נישט געווען אין דער מינוט קיין ווינקל צו אַנטרינען ווי איר האָט זיך געוואָלט אַן אַנטרינונג פון זיך גופא, פון אַלע אומשטאַנדן וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. די ענגשאַפט פון דער קאַמער האָט זי סײַ ווי נישט אָפּגעשפּירט אין דער לאַנגער פּײַנלעכער רגע. אין איר האָט עס געטומלט קעגן זיך. ס׳איז נאָך אַ ראיה פון איר קנאַפּן שכל, דאָס שמאַ־טעוואַרג, אַנישט וואָלט זי נישט פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם, נישט געשלעפּט זיך דערמיט אַזאַ לאַנגן וועג. זי שמועסט זיך אײַן אַז ס׳פּאַסט נישט אַנדערש. זי פאַלט אַוועק אין אָנמאַכט, זאָגט זי — ס׳אָר אַ אײַנרע־

דעניש! זי איז געזינטער פון אַרקאַדין, פון נינאָטשקאַן. ווי אַ פיבער האָט דער פרוי אַרומגעכאַפּט אַ באַגער אָט שוין ראוי צו זײַן אַ פאַרגעבונג פאַרן פאַרברעך וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן אירע בלוט־אייגענע. אַ פאַררעטערן איז זי, האָט זיי געלאָזן אין ברענענדיקן עלנט!

מיט אַ מאָל האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ לגמרי פאַרגעסן אָן דער ענג־שאַפט פונעם קעמערל ווו זי האָט זיך אַרײַנגעקליבן; זי׳ט מער נישט געזוכט קיין נאָענטקייט מיט די שכנים, וואָס ווײַזן זיך אינעם הויף. די פרוי האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט צו טראַכטן פון די קליידער, צו וועלכע עס האָט איר גענומען ציִען אויך דאָ. די פיליפּאָוואַ איז אַ שיינע אין איר רייפקייט, אַ גראַציעזע מיט ווײַבלעך־אויסגעקיילעכדיקטע גלידער; אַ געלאַסענע, האָבן די ענג געניטע, אויך קלאָשיקע קליידער — מיט אַ שלייפל אויף דער ברוסט, מיט אַ קראַגעלע אַרום האַלדז — שטענדיק געצירט איר פרוילעכקייט. אויף אָנטועכץ פלעגט זי תמיד אָפּשפּאָרן פון טייל נייטיקייטן, אַליין צוגעשניטן, מיט די אייגענע הענט געניית, געענדערט די אָפּגעטראָגענע זאַכן און פון דער פיליפּאָוואַ האָט געווייעט מיט קערניקער ווײַבלעכקייט. נישט פון וויעראַ יאַקאָוולעוונאַן אַליין, נײַערט אויך פונעם טעכטערל ווי פונעם מאַן: פון אים, אַרקאַדין, האָט באַזונדער געלוישט דער סוד פון שטילער שיינקייט. דאָס האָט געטאָן ס׳אָנטועכץ וואָס איז געוואָרן די גרויסע זאָרג פון וויעראַ פיליפּאָוואַ און דאָס איז אויך געווען כ׳באַזאַכטע וואָרט, וואָס זי האָט אַרײַנגעבראַכט אין הויז. קיין הויכער איבער־רייד האָט זיך קיין מאָל נישט געהערט פון די פיליפּאָווס. אַפילו אין דעם פײַנלעכן אומוועטער פון פלוצלינגער מלחמה האָט דער דאָזיקער שטייגער נישט אָפּגעלאָזן די פיליפּאָוואַ, ווי לאַנג זי האָט אַזוי צו זאָגן זיך נאָך געקענט האַלטן אויף די פיס. זי׳ט נישט געטראַכט דערפון, ס׳האָט זיך אַליין געטאָן אַזוי און אַזוי גערעדט, אינסטינקטיוו.

ערשט האָט די דאָזיקע אייגנשאַפט אויך נישט אָפּגעלאָזן דער פרוי, כאָטש זי איז אין אַ נויט, אָן איר אייגנטלעכער היים. זי׳ט זיך באַווײַזן אַן איבער געטועניע, — האָט די פיליפּאָוואַ ענדלעך זיך אַרומגעזען ווו זי איז אין דער וועלט — וועט ווידער אַרויסקוקן פון איר דער מענטש און לײַט וועלן האָבן אַ ביסל דרך־ארץ. אַלמאַ־אַטאַ איז אַ פרעמד אָרט און זי איז דאָ אַ פרעמדע. שוין צײַט זיך צוריקשטעלן אויף די אייגענע פיס, אויב נישט איז זי אַ פאַרפאַלענע. אַרויסצורופן צו זיך רעספּעקט איז דער איינציקער רעצעפּט פאַר איטלעכן, וואָס וויל נישט קראַנק ווערן אויך אין דער נשמה.

דער מענטשן־מהות פֿאַרטראָגט נישט קיין פּאַרוואָרלאָזטקייט, — האָט זי אײַנגעקנעלט מיט זיך, מיט דער פֿאַרביטערטער, דער צעשראָקענער פֿאַר דעם טויבן מקום אויף גאָטס וועלט. האַלטן זיך, וועט אפשר אַזוי אַרום זײַן גרינגער צו שטעלן זיך וואַרטן אויף די היימישע. אַרקאַדי האָט דאָך צוגעזאָגט נאָכצופֿאָרן אין גיכן. אויך דעם מיידעלע וועט זיך פֿאַרבענקען צו דער מאַמען. און די פֿרוי האָט אָפּגעמאַכט מיט זיך: וויעראַ יאַקאָוו־לעוונאַ מוז זיך אָפּגעפֿינען. זי דאַרף זיך אָפּפֿרישן צו ביסלעך. לפּחות אין קליידונג אַרויס פֿון דער אָפּהענטיקייט. די קלענסטע סימנים פֿון וועלקונג אײַלן צו דער פֿרויס סוף. דערצו איז זי אויך אַ מענטש, וואָס מוז זיך ווײַזן פֿאַר. לײַטן, און מענטש איז קודם כּל — שׂכל. יאָ, איר קערן איז דאָס פֿרוילעך־צאַרטע וואָס הויזט אין געמיט, אין קלאַנג פֿון וואָרט; דאָס אַרויסהייבן אין דער פֿרוי רק דעם מענטש, נאָר דעם לויטערן שׂכל, שמעקט שוין אַביסעלעך מיטן רויבערישן אָנהייב פֿון איר אומוווּבלעכקייט. טרוי־ע־רי־יו־יק! ס׳איז דער צייכן פֿון איבעררײַספּונג. אַ דעמאָלט ווערט זי שוין — מאַנצביל, מאַן אין ירידה: אַ שלעכט־פֿאַרשלייערטער מאַן אָן וואָנצעס, נײַערט אין אַ שלאַבערדיקער ספּודניצע. איר ציטעריקער טראָט איז דאָס געשפּעט וואָס די נאַטור שיקט־נאָך דער פֿרוי בײַ איר אָפּגאַנג. זיך וואָלט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ נישט געוואָלט דערזען אין געשטאַלט פֿון אַ פֿאַרדאַרט צעקרימטן בוים. ווי מיאוס עס זעען אויס דער רוב זקנות!

וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט אָט־אָ באַגערט נישט־צו־ווערן אינעם געדאַנק וועגן דער אומפֿאַרמײַדלעכער דאַליע, וואָס לויערט אויף דער פֿרוי. איר שמייכלט די יונגשאַפֿט. זי האָט ערשט זיך צעחשבונט: ס׳איז שיין די בלי־צײַט פֿונעם מענטש, נו, פֿון דער פֿרוי נאָך מער. די עלטער שרעקט איר. זי איז אַפֿילו אומעסטעטיש, אײַ, מאָדנע איז דער מענטש!

*

די פֿיליפּאָוואַ האָט זיך שיין צוגעקליבן. וואָס אמת איז אמת: ערשט שפּירט זי זיך אויפֿגעלייגט; אַנדערש האָט זי געזען אויך די שכנים, מיט אַנדערן נײַגיר זיך געטראָגן איבער די גאַסן וואָס אָקערשט האָבן זיי זיך פֿונאַנדערגעעפֿנט מיט שטילע פּנימער פֿון מויערן און גראָ־גרינע שאָטנס פֿון באַיאָרטעביימער, וואָס שטייען ווי אײַנהערנדיקע נאָכקוקערס. ווײַזט זיך אַ פֿרעמדער מענטש, קוקן זיי אים נאָך מיט חידוש און שטוינען. און טונקעלע שטייען די בערג צוקאָפּנס דער שטאָט. צום טאָל גלאָצן זיי האַרטנעקיק מיט שניי־שׂרונטן אויף די שפּיציקע שאַרבנס און פֿון זייערע אַקסלען שלאָגן

מאַכטיקע שטראָמען; זיי צעלויפן זיך אין אַריקן איבער די גאַסיקע לענגן, הערן נישט אויף אַרײַנצוזשומען אין דער שטילקייט: ס׳איז אײביק דער כּוח פון וואַסער און פון דער ערד! זע, זע, ס׳איז אומגעהײַער שיין אָט די ווילדעניש, זי שוימט אַראָפּ פון די הימלגרייכנדיקע הייכן און זי לאַכט פון דיר, מענטשעלע. יאָ, יאָ, אין דער נידער פון דערשטוינטן שטאָטישן געפלאָסטער וואַרפט זי אָן אַן אומבאַגרייפלעכע געצאַמטקייט פון העפטיקן ווילן, די שיינע ווילדעניש, און זי אונטערטעניקט. דער מענטש מוז זיך שטעלן פנים אל פנים מיטן קאָלאָס און דאָס פאַרשווינדל מוז זיך אויסווײַזן גאָר, גאָר נעבעכדיק. אַוודאי, ער מוז זיך אָפרוקן אין נאָענט־ווײַטן טומאַן אַרײַן. אַנטקעגן דעם דאָזיקן געפיל האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ אומגעריכט מורא געקראָגן. פאַרשרומפן אין זיך איז זי מיט אַ מאָל אַנטרינען אין אַרײַנגעטוענקייט אין דער אַרבעט וואָס זי האָט זיך אויסגעזוכט. „קינדער זענען די אומשולדיקע קרבנות פון מענטשנס טיפשות. קינדער באַדאַרף מען העלפן פריִער פון אַלעמען”. זי האָט פלײַסיקער געשטריקט די וואָלענע יאַקלעך און מיט ענערגיע גענומען אַרומזען איר קליינע באַלעבאַטישקייט. אַ לעבעדיקער מענטש מוז זיך פאַרדינען ס׳טעגלעך ברויט, — האָט זי זיך געשטאַרקט אין איר טוען. ריכטיק: איך מוז קריגן אַ פרישן רובל. ווײַל מײַן שטוב איז יאַקבי אָפגעברענט. עס איז אויף אַן אמת צעטרייסלט דער סדר וואָס אײַנגעפעסטיקט זינט יאָרן. און ביסט טאַקע נישט זיכער צי ס׳איז נישט אַזוי ווי ס׳רעדט אין דיר אַרײַן דער פיבער פון די שווערע געשעענישן, וואָס דער ראַדיאָ ווייסט פון זיי אַקוראַטנע. ווער זאָל עס וויעראַ יאַקאָוולעוונאַן איצט אַרונטערנעמען אונטער אַ דאַך, ווען דער שטורעם האָט איר היים אַראָפגעריסן פון די פונדאַמענטן? אָט־אָ איז זי ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל. מ׳באַדאַרף ערשט נישט וואַרטן אויפן געוויטער אַז ער זאָל זיך ווידער אָנטראָגן אויף דײַן קוימען און אים אַרונטערוואַרפן. אַ מענטש מוז דערווײַל אָפעסן. און ווערט רויִק, באַדאַרף ער במילא אויך אַרויסקומען צווישן מענטשן.

די פיליפאָוואַ איז געוואָרן אַפילו באַריידעוודיקער. באַגעגנט אויפן הויף די שכנים, האָט זי געזוכט זיי מער צו דערקענען, מיט זיי זיך צעשמועסט. אויסגעפונען אין וואַליזע אַ קאָליריק בענדל, האָט זי עס, באַגלייט פון וואַרעמע רייד, פון אַ האָפערדיקער מינע אַרײַנגעפלאָכטן אין די האָר פון אַ שכניש מיידעלע.

— אַצינד ווײַז זיך פאַר דער מאַמאָטשקע! — און אויף טשיקאַוועס

דאָס קינד אַרײַנגעשיקט אין שטוב. אַ קלענער קינד האָט זי צוגעטראָגן אַ צוקערקע:

— טרעף וואָס די טיאָטיע (מומע) האָט דאָ?

בכיוון גערופֿן דעם נײַגיר פֿון פּיצינקן מענטשעלע און ס'צוקערל אינעם פּאַפּירל געוויגט פֿאַרן שטרויכלענדיקן קינדערשן בליק.

— גיב, מומע, — האָט זיך דערצו געצויגן דעם קלייניקנס הענטל און זײַן נעזעלע האָט שפּעדיק גענעצט. דאָס מײַלעכל האָט אָבער געלויערט, נאָר עס איז געבליבן שטום, נערוועז מחמת שאַרפֿן אומגעדולד.

— אַ נו, זאָג, וואָס איז עס, ייִנגעלע?

— גיב, גיב, די צוקערקע, מומע! — האָט דאָס קינד זיך שוין געבלאָזן.

— נישט געווינט, גערעדט זאָל ווערן. ביסט אַזאַ גרויסער, טאָ ענט־פֿער! ווי רופֿט מען דיך, בחורל? — האָט זי געפּרוווט ריידן סטאַטעטשנע מיטן ברעקל.

— דאַוואַי, טיאָטיאַ! *

דער קלײנינקער האָט אַראָפּגעלאָזן די אײגעלעך, געבלעזלט די ליפּע־לעך און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. ער האָט שוין נערוועז געשטאַמ־פּערט מיט די פֿיסלעך אויף איין אָרט און עפּעס נישט געקענט זיך אַוועק־רירן פֿון דער גוטער, דער צוזאָגנדיקער.

— זאָג, וואָלאָדיאַ, — איז אַן עלטערס, אָבער שוין אין געלאַטעטע הייזלעך, צוגעשטאַנען צום ייִנגעלע און מיט קנאה געקוקט אויפֿן אוצר וואָס זיסט זיך אין דער „מומעס" פּולכענקע פֿינגער.

— אַ, וואָלאָדיאַ! ביסט אַ שײנינקער, וואָלאָדישקאַ, — האָט די פּילי־פּאָוואַ זיך שוין מערער געצויגן צום ווערוריק — און איך הייס מומע וויעראַ. ווּעסט זאָגן: „מומע וויעראַ?" און דערלאַנגט דעם קינד די צוקערקע. אין קעשענע בײַ זיך זוכט זי באַלד נאַשוואַרג אויף פֿאַרן איבעריקן קלײנוואַרג וואָס האָט אַ צעטומלטס זיך צוגעקוקט צו דער נײַער באַקאַנטער, וואָס איז באַשײַמפּערלעך געקומען אַהער כדי צו בלײַבן אָט־אָ אין דער נאָענט.

— טיאָטיאַ וויעראַ, יאָטיאַ, — האָבן אַנדערע פּיכּט־נעזלדיקע, פּלאָנ־טערנדיקע מיט די פֿיסלעך אומדרײַסט זיך שוין געפּרוווט אויף חניפֿה, אַבי צו דערגרייכן אַ געאָנטע לאַסקע, אַ צוזאָגנדיקן ביסן.

אין דעם גרויסן הויף וואָס אויסגעצויגן איבערן פּוסטן זאַמד, האָבן

* גיב, מומע.

אין גיכן אַלע געוווּסט אַז די מומע וויעראַ איז אַ גוטע און אַ זייער גע־הויבענע. פון אַ ווײַטער רײַכער שטאָט קומט זי. און זי איז אַן אײדעלע. שטאַרק אָנגעלייענט איז וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ און זי האָט סכנות ליב ציכ־טיקייט. רק זי וואַשט די הענט און זי רייניקט, פּוצט אַלע אירע זאַכן. איר קעמערל איז פּשוט אַ שפּיגל. געקאָכט פאַר זיך אַ ביסל וואַרעמס, האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ אַרײַנגעטראָגן אַ שעלעכל געקעכטס צו דער נאָעטסטער שכנה.

— באַליידיקט זיך נישט, טײַערינקע, — האָט זי אין תּחילת געציטערט פאַר יענער, נישט אָנצורירן עמעצנס האָנער מיט דער גאָב. — ס׳צופאַר־זוכן אַ מאכל פון לעניגראַדער קיך. פּרוּווט!

— אַ דאַנק, מ׳דאַרף נישט, — האָט די שכנה זיך פאַרלוירן. — שוין אָפּגעגעסן. גראָד געהאַט אַ מאָלצײַט צו דער זעט, — האָט יענע געזאָגט אין אָנצוהערעניש אַז וואָס אַן אמת, קומט זי אָפּט דורך די טעג אָן געקעכטס. נו, די בלייכקייט אירע, די אויסגעצערטקייט לאָזט סײַ ווי זיך נישט אויס־באַהאַלטן.

אָבער די פּיליפּאָוואַ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט רייד וואָס זענען גע־וואָרן אירס אַ פּזמון:

— דערלויבט. פאַרן קינד מיין איך. ס׳אַ באַטעמט ביסענקע. נו, קיין שום אומגליק אין דעם, אויב איר וועט נעמען אויפן צונג אַ ביסל. און אַזאַ ברעקל ווי אײַערס מעג געניסן מערער. ס׳איז אַ שטאַרקונג פאַר יונגע ביינדלעך.

און פון אַן אַנדערער שכנה קומט שוין אַ פאַרענטפערניש פאַר דער גוטסקייט, וואָס שטעלט זיך אַ צערייטלטס:

— אַ שאָד וואָס זיך באַמיט. איר׳ט געקאָכט פאַר זיך, וויעראַ יאַקאָוו־לעוונאַ. יעטוועדן איז צוגעטיילט קוים־קוים.

— און איך זאָג אַ שאָד, אויב אײַער ברעקל וועט נישט האָבן נאָך אַ ביסן, — איז זי צוגעשטאַנען. — צוגעטיילט? ע־עע, איך האָב פון דעסט־וועגן איבעריקס. נעמט זשע, נעמט. איך האָב גראָד נישט קיין צײַט און צוריקנעמען איז נישט אין מײַן נאַטור. איר פאַרשטייט: כ׳בין אַ פוילע, — און גיט זיך אַ קער אַרויסצואײַלן פון דער־אָ.

דערזען אין הויף אַ פאַרסמאַרקעט יינגעלע, האָט די פּיליפּאָוואַ עס אַרײַנגעפירט בײַם הענטל צו זיך אין דריבנענקן צימערל, געגעבן אָפּצו־עסן און דערנאָך אויף אַרויסגעריסענע בוך־בלעטלעך אים געלערנט לייע־

נעך, „אַ נו, קוק, בחורל. ס׳איז אַ בוים? זאָג: דע־רע־וואָ! און דער קליינינ־קער לערנט זיך יאַקבי ריידן בײַ דער מומינקע, וועלכע געפעלט אים. גוט, גוט, זאַגסטו — דע־רע־וואָ. און דאָס? אַ פייגעלע. אַ פיי־גע־לע־עע. אמת, פּטי־י־טש־קאַ! קוק זיך אײַן נאָך אַ מאָל. ביסט אַ גוטינקער. פּאַר אַ מיידע־לע, וואָס די פּיליפּאָוואַ האָט געפונען איינע אַליין אין דער פּאַרמיטיקדיקער שווײַגנדיקער גאַס, האָט זי דערנאָך אייגנהענטיק אויפגענייט אַ קליידעלע. געוועז אָרעמלעך אָנגעטאָן דאָס קינד, לאָטעס האָבן קאַליריק געשײַנט פון פּלייצקעלע, האָט וויערא יאַקאָוולעוונאַ צעטרענט אירס אַ סאַראַפאַן, איבער־געשניטן אים און פאַר דער טונקלהאָריקער טאַטיאַנאַ מיט די רויטע הענ־טעלעך אויפגענייט דערפון אַ ליכטיק קליידעלע מיט צעוואָרפענע בלעטלעך דערויף און איבערגעבראָכענע צווײַגלעך.

— אָט ווי ס׳איז צום פּנימל פון טאַניושקען, — האָט די פרוי אַ דער־פרייטע געקוקט אויפן מיידעלע אין דער באַנייטער אָרעמקייט און אַזוי־אַ זי אַרײַנגעפירט צו דער מוטער. — נאָט אײַך אָפּ די טאָכטער, — און גע־שטראַלט און אומהיימלעך דערוואָרט דעם ענטפער אויפן צעטומלטן קוק וואָס די מאַמע האָט אָנגעשטעלט אויף טאַניושקען.

— וואָס האָט איר געטאָן, האַרציקע? ס׳שיין, אָבער ווי אַזוי אײַך דאַנ־קען, אַז כ׳בין אַזוי־אַ...

געהאַלטן אַ צווייט קינד אויפן אָרעם, האָט די מוטער פון אויפגעריכטן מיידעלע זיך פאַרשטאַמלט.

— קיין שום בייזס דערין, — האָט וויערא יאַקאָוולעוונאַ זיך געקרעקט.

— גלאַט אַזוי. אַ שייניקע מיידעלע געפונען פאַר דער שטוב, האָב איך זיך מיט איר פאַרשפּילט. איר באַנעמט? אַ מענטש איינע אַליין, איז אַזאַ זיסינקס אַ פרייד. פאַרשפּילט זיך געוויינטלעך און אויפגעסריגעוועט. האָט נישט פאַראיבל, מאַמינקע. אַ ווויל קינד, אײַער טאַניושקאַ. זי איז באַלד חבר גע־וואָרן מיט מיר, שטייט מיר אויך אָן צו פאַרחברן זיך מיט איר. איר׳ט נישט האָבן קעגן דעם?

די פּיליפּאָוואַ האָט אין דער גיך צוגעצויגן צו זיך די חנעוודיקע טאַ־ניושאַ, רעכט זיך צעפלוידערט און אומגעבעטענערהייט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ בענקל אין דער פרעמדער שטוב.

— איך בין נישט ווערט אַזאַ גוטסקייט, — האָט די יונגע מאַמע גע־קראָגן אַן אידל לשון אין איר מויל אַרײַן — איז אפשר מײַן טאָכטערקע געראָטענער פון מיר.

— נישקשה, די מאַמינקע איז ווערט די טאָכטער, — האָט דער גאַסט נישט געשפּאָרט אַ וואָרט — בטבע זענען מענטשן גוט. אַפילו זייער שלעכ־טיקייט קען מען אויסהיילן, אַבי עס סטײַעט געדולד. מײַן פאָטער, געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען, האָט אַזוי געטענהט.

— ס׳איז גוט צו דערמאָנען אַזאַ טאַטן, — האָט טאַניאַס מאַמע אַ קנײַטש געטאָן דעם שטערן — נישט יעדן איז באַשערט אַזאַ דאָליע. אַנ־דערע קענען זיך דערמאָנען נאָר דעם פאָטערס צעפּאָכעטן רימען איבערן אָנטהוילטן לײַב און די בייזע נויט ווי אַ צולאָג. נישט גוט איז דער פרוי, אויב זי קומט אויף דער וועלט אין אַן אָרעמער כאַטע און צו פינצטערע קעפּ. אַן אוי׳סלאָז איז די מוטשעניע פאַרן מיידל און פאַר דער באַמאַנטער זשענשטשינע.

אַ פײַכטקייט האָט גיך אָנגעטרונקען איר שטים.

טאַניושעס מאַמע האָט מחמת איר געקלאָג גלײַך געוווּנען די פּיליפּאָוואַ פאַר אַן אמתער פרײַנדין.

— איר׳ט דערלויבן, — האָט זי געזאָגט אַ ביסל שעמעוודיק — וועל איך אַ מאָל אַרײַנגיין צו אײַך.

— אַז ס׳עט אײַך אָנשטיין, וועל איך זײַן צופרידן, — האָט פון יענער זיך געהערט בפירושע אומדרײַסטקייט.

און די פּיליפּאָוואַ האָט געוווּנען נאָך אַן אָפענע טיר פאַר אירע שטומע בענקשאַפטן, וואָס האָבן זיך געוועקט אין דער־אַ שווײַגעוודיקער פאַרלוירנ־קייט פון איר צעטומלטער וועלט.

12

נאַדיעזשדאַ איוואַנאָוונאַ איז געבליבן אין הויז מיט נאָך אַ קלענער קינד אויף דער האַנט. די פינף־יאָריקע טאַניושאַ איז שוין געווען „די מויד״, וואָס האָט ווי אַ הונגעריק חיהלע געזוכט בײַצוקומען די נויט, וועלכע האָט פאַרעקשנט זיך באַזעצט אין שטוב. וואָס אַ טאָג איז שלאַבעריקער געוואָרן דער אָנשפּאַר אינעם האָפן אויף די זאַכן וואָס לאָזן זיך פאַרקויפן פאַר כמו־זאַטקייט פון קאַרטאָפל און זויער קרויט. ברויט איז געוואָרן אַ זעלטענער אַרײַנקומער. די פרוי האָט געשטוקעוועט דעם דלות, אָבער בשום אופן נישט געקענט זיך אָפּיאָגן פון אים. דער מאַן איז געווען אין מלחמה. געלעבט האָט זי נאָר פון דעם רויטאַרמייסקן פּאַיאָק, וואָס ווערט צוגעטיילט די

משפּחות פֿון זעלנערס, איינציקע שפּײַזערס: אַ טאַרבעלע קאַשע, אַ ביסל געטריקנטע, געזאַלצענע פֿיש, אַ שטיקל טונקל־רויט פֿלייש וואָס דורכגע־קניפּט מיט אַ סך ביינער, אַ שטויבל צוקער און קאַרטלעך אויף קאַרגן ברויט, קאַרטלעך אויף קאַרטאָפֿל. אַלץ אין קנאַפּע פּאָרציעס. די קאַרטלעך האָבן אָבער געמאָנט אָפֿטע זאָרג פֿאַר אָטשערעדן, פֿאַר איטלעכער זאַך באַ־זונדערע רייען. דערפֿאַר איז פֿון אַ רוב שפּײַזקאַרטלעך געבליבן רק פּאַפּיר־לעך, פּאַפּירלעך צעמישטע מיט גאַסיקע געשרייען, מיט געדראַנג און בייזע עלנבויגנס וואָס האָבן געשטויסן. נישט מעגלעך געווען פֿאַר אַזאַ מאַמעלע אַזוי פֿיל זיך דורכצוקריגן די ווילדע רייען, בײַצוקומען די שטאַרקע, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ אין דעם צעשטשירעטן דרויסן. טאַקע צוליבן קלענערן קינד וואָס האָט אָפֿט געווײנט פֿון הונגער־קראַמפּן אין בײַכל, ווײַל עס האָט זיך געקאָרמעט מיט דער מוטערס עגמת־נפֿשן, האָט די פֿרוי נישט געקענט היטן די אָטשערעדן. מחמת דעם אויך נישט געקענט גיין אַרבעטן, ווײַל ס׳קלענערע האָט זי נאָך געזויגן.

— כ׳על אונטערלײַדן ביז פֿרי־יאָר, ס׳קינד וועט ווערן שטאַרקער אין די ביינדלעך, וועל איך אַוועק פֿאַרדינען, — האָט באַדיעזשדאַ איוואַנאָוונאַ זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר שכנים.

ווען ס׳קינד איז געשלאָפֿן, פֿלעגט זי אַרויס אויפֿן קאָלכאָזנעם מאַרק. אויסגעגנישטערט אין קופֿערט אַ לעצט שטיקל וועש, אויפֿן מאַרק געזוכט עס אויסצובײַטן אויף ברויט, אויף אַ זעקעלע אַרבעס, אַ ביסל גערשטן. אָבער דאָס האָט נישט געקלעקט צו שטילן דעם הונגער. בײַ דער פֿרוי האָבן געטריקנט די געדערעם און טאַניושאַ האָט אָפֿט געוויינט: ברוי־ויט! „זאָל נאָר אונטערקומען דער פֿרילינג, — האָט זי זיך געטרייסט אויף אַ קול אַנטקעגן איר נײַער באַקאַנטער וויערע יאַקאָוולעוונאַ — וועט זי אויף עמעצנס ערד־חלק צעגראָבן אַ פּאָר קאַרטאָפֿל־בייטן, צוהעלפֿן אויסיעטן דעם מייערלעך־פּאַרזיי, די בורעקעס, וועט איר אויך עפּעס צופֿאַלן דערפֿון. דעמאָלט וועט זי זיך שוין בעסער דערנערן״. אויך ס׳קליינינקע האָט זי קלאָמפּערשט געטרייסט מיט איר שוואַכן האָפֿן אויפֿן פֿרילינג.

אין דער דאָזיקער רויט־אַרמייערקע האָט די פֿיליפּאָוואַ געפֿונען אַ פֿלוצלינגן אָנשפּאַר פֿאַר איר דראַנג אויסצולאָדן די מוטערלעכע וואַרעמ־קייט, וואָס האָט געטליִעט אין איר. זי פֿלעגט אָפֿט אַרײַנגיין צו באַדיעזשדאַ איוואַנאָוונאַן, געהאָלפֿן איר וואַשן די קינדער, פֿאַרקעמען זיי, אויך פֿאַר־ריכטן אַ העמדל. ס׳וויל צו טוליען זיך צו אַזאַ קליינטשיקס, — האָט זי

דערשפּירט אַ בלינדע בענקשאַפֿט צו עפּעס און אַ באַדויער. די עלטערע פּרוי האָט ממש געקראַגן רחמנות אויף זיך: נישטאָ דאָ אַרקאַ, וואָס זאָל זי צערטלען און עס פֿעלט ניאַטשקאַ וואָס זאָל נעמען בײַ איר ליבשאַפֿט. ווי אַ גנבה בײַ זיך אַליין, האָט די פֿיליפּאָוואַ צוגעטראָגן דער יונגער מאַמען אַ פֿלעשל מילך, אַ פּאַפּירל מיט מעלצוקער וואָס ערגעץ־ווו אַרויס־געקראָגן.

— ספּאַסיבאָ. באַמיט זיך נישט, — האָט די פֿאַרחושכטע נאַדיעזשדאַ זיך פֿאַרלוירן. די פֿאַרבן האָבן זיך ראַפּטעם געביטן אין איר פּנים.

— נישט פֿאַר אײַך, מאַמעלע. איר'ט עס איבערגעבן די קליינינקע. מיט זיי האָב איך אַ חשבון. איר קענט זיך בעסער אויסשמועסן מיט די ליבינקע.

— ווערע יאַקאָוולעוונאַ האָט געמיטלעך אָפּגעהאַקט:

— מיר לאָזט אָפּ, און שטערט נישט, כ'בעט אײַך! — און כאַפּעדיק אַראָפּגעשלונגען אַ שמייכל.

— עס איז אוממעגלעך אַז איך זאָל בײַ אײַך אַזוי פֿיל נעמען.

די אָרעמע מוטער האָט ווערע יאַקאָוולעוונאַן אויסגעמיטן צו זאָגן דאָס וואָס ס'האָט זיך אַרויפֿגעבעטן אויף איר צונג: „און איר זענט דאָך אַן עלטערע פּרוי". נאַדיאַ האָט גאָר געהאַט מיטלײַד מיט דער לענינגראַדערין, וואָס איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן פֿון היימישן אָרט, מוז זיך דערנערן פֿון שטרי־קן יאַקלעך; זי קען צו מאָל נישט עפּענען ס'מויל פֿאַר די ברייט־קיניקע קאַזאַכן און קאָרייער וואָס גאָרגלען זיך אויף זייער צונגיקן לשון. די דאָ־זיקע גרימאַסן זיך פֿאַר אַזעלכער ווי אַ הויקערדיקער קעמל וואָס קריכט אויף די באַרג־אַרויפֿן. אַן אמתדיק רחמנות אויף דער, — האָט די נאַדיעזשדאַ נישט געקענט בײַשטיין דער פֿיליפּאָוואַס באַשטענדיקן געבעט:

— זאָגט מיר נישט אָפּ, מאַמעלע. און געדענקט: איך בין נישט קיין מאַדאַמעשע אײדלקייט. ווי איר, בין איך אַ פּרוי, נאָר אַן די אחריותן פֿאַר אַ קליינינקער טאַניושאַ, פֿאַר אַ גאַליאַטשקאַ. מײַן טאַכטער איז שוין אויס־געליוליעט און מײַנס גיב איך נישט אָפּ. איך ברענג פֿאַרן קינד. וואָס ווייס אַ קליינינקס? מ'באַדאַרף עס קאָרמען. דער יונגער דור טאָר נישט וואַקסן אַ קאַליקעוואַטער, פֿאַרשטאַנען? זעט, נאַדיעזשדאַ איוואַנאָוונאַ, ווי מ'האָט זיך געוואָרפֿן אויף אונדז. אַך, אַך!

*

פּאַמעלעכקע האָט אויך אין ווײַטלעכער שכנות פֿאַרקלונגען מיטן נאָ־מען פֿון ווערע יאַקאָוולעוונאַן. מ'האָט להוט אויסגעהערט אַ באַגלייבטן אַז

ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט אַזאַ גוטסקייט צווישן די בעזשענצעס. ס׳אויסטערליש, ווײַל דער רוב צוגעפּאָרענע זענען פּאַרריסענע, שרײַערס, און זיי פּאַרשאַרפן דעם יקרות אויפן מאַרק.

— נאָך פון די אַמאָליקע פּעטערבורגער אַ יחסנטע, — האָט עמעץ צו־געוואָרפן אַ שעפּטש.

— פּו, פּו־פּו־ווו, אַ נאַסטאַיאַשטשע לענינגראַדערין. מ׳זעט עס פון איר שטעל, פון מוילגעווערק!

— ווירעראַ יאַקאָוולעוונאַ! אַן אמתע דאַמע צווישן די פּאַרטייצעס.

„די פּיליפּאָוואַ״, — האָט מען אויף די ליפּן אויסגעפּרווט דעם קלאַנג פון דעם אומגעוויינטלעכן נאָמען. אַ פאַרוואָרפן אָרט דאָס אַלמאַ־אַטאַ, האָט מען מיט להוטקייט אויסגעקוקט איר קאָפּשאָקל, געפּרייט מיט מיטן גוט־מאָרגן וואָס זי טראָגט אַנטקעגן. און בײַ איר איז נישט געווען קיין אונטער־שייד, אַ באַקאַנטער צי אַ פּרעמדער. געקומען איר אין פּנים אַרײַן, האָט די פּיליפּאָוואַ אים שיין באַגריסט: זדראַסטוויטיע. און לײַט האָבן גענומען אַרײַנשמעקן צו איר אין שטיבל, כלומרשט געגאַנגען זיך פרעגן אויפן וואָל־געשטריקעכץ וואָס זי מאַכט אַזוי קונציק, אָבער בינו־לבינו געוואָלט וויסן: „פאַראַן וויכטיקס, ווירעראַ יאַקאָוולעוונאַ? איר ווייסט גיכער״. מ׳האָט גע־דענקט אַז זי איז פון דער העלדישער שטאָט, וואָס בײַ איר איז אָקערשט אַ זול אויף טויט און אויף ניסימדיקע גיבורים. זי האָט געזאָגט די אַרײַנ־קומערס: — אוי־וואַ, יונגע לײַט צאָלן אַ הויכן פּרײַז פון אייגענעם בלוט; אַפילו אַלטע קני־ציטערערס שטעלן אונטער אַ פּלייצע. ס׳האַרץ האַלט שוין נישט אויס, אָבער בוקן זיך פאַרן פאַרריסענעם, פאַלן? די האַרטנעקיקייט לערנט אונדז די היסטאָריע.

— עך, עך, פאַרשאָלטענע, — האָבן ווײַבער געפּיבערט מיט פאַרשטשע־מעטע געמבעס, זקנים האָבן זיך געשעמט צו קוקן דער לענינגראַדערין אין פּנים אַרײַן: — אַזאַ אַנגעליטענע! דאָס קליינוואַרג האָט זיך זשעדנע געדרייט אַרום ווירעראַ יאַקאָוולעוונאַן, געצויגן מיט די נעזלעך, צי זי האָט נישט אין שטיבל עפּעס באַטעמטס. מ׳ווייסט שוין פון איר גוטסקייט. יעדעס מאָל זעט מען זי טאָקע פון ערגעץ אַרויסגיין. אויב זי ברענגט אַהיים עפּעס, זוכט זי באַלד צו דערקוויקן וועמעגן דערמיט. „אַ שאָד די אָרעמינקע, — רעדט איר איידלקייט. — אַ רחמנות די פּיצעלעך״. יעדע פּאָר טעג ווערט אַ פאַוואָליעדיקער געגיי צו דער פּיליפּאָוואַ. אין קעמערל אויף איסיקול־סקאַיאַ קומט ווער פריִער, ווער שפּעטער. פאַרשטייט זיך, די ערשטע גליקט

אָפּ מערער. אַחוץ דעם האָט די פּיליפּאָוואַ געצויגן צו זיך ס׳קליינוואַרג. פֿאַר די דאָזיקע האָט זי אָפּט געהאַט אַ גוטן ביסן, אַ ווייל מעשהלע און אַ מאַמעשן גלעט איבערן קעפּל.

13

ביסלעכווײַז און וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ איז געוואָרן היימיש מיט דער אײַנגעהאָרכטער אַלמאַ־אַטאַ, וואָס בלינצלט מיט אירע ברייטע הימלען, טראַכט פֿון ברויט וואָס האָט גענומען אויספּעלן, חלומט פֿון פעטן בישוואַר־מאַג. ערשט איז די גאַנצע געגנט אַ טרערן־פֿאַרקלעמטע מחמת די ווונדן פֿונעם אַכזריותדיקן געווער, וואָס די אויפֿגעקלערטע ווײַטן האָבן אַרויס־געצויגן מיט רוגזה. זי געדענקט און קלאָגט אויף דער אייגענער שפּע, וואָס איז מער נישטאָ; הײַנט גרימען אירע געדערעם.

אוף, אוף, גרויליק איז די מלחמה!

אין פּײַן, וואָס זיך באַמיט צו פֿאַרהוילן פֿאַר די, וואָס זענען איר גע־וואָרן נאָענט, האָט די פֿרוי פֿון דער ווײַט זיך פֿאַראייגנט דאָס פֿרעמדלעכע פֿונעם נײַעם אָרט. זי איז אַרײַנגעקומען אין הײַזער פֿון אײַנגעוואָרצלטע, די קרומאויגיקע, פֿאַרנומען זייערע פֿריידן, צוגעזען אויך זייערע לײַדן. די פּיליפּאָוואַ האָט זיך שוין נישט אָפּגעשאָקלט, ווען באַגעגנט די צעשוינדענע נבלה, אַ צעהאָנגענע ווי פֿוילע טראַנטעס וואָס די דאָזיקע פֿאַרגעטערן ממש ווי דעם בעסטן ביסן. אַ גרויסע שטוב און איבער איר איז אין גאָר דער ברייט צעהאָנגען צעפּליישטע פּריידיקס פֿערד און פֿון דעם רייכערט זיך אַ געדיכטער דונסט. די אויגן פֿונעם קאַזאַך קערן זיך איבער עקסטאַזיק, ווען ע ס קומט נאָר צו רייד פֿון פֿערדנפֿלייש. אַפֿילו די ווערעם, וואָס פֿאַלן פֿו־נעם פֿוילנדיקן פֿלייש איז אַ דערקוויקעניש פֿאַר זײַן גומען. „ווי גגו־וווּט! ס׳איז דאָס בעסטע אין טעם און ס׳געזינטסטע פֿאַרן מאָגן!" און אָט באַ־לעקן זיך די לײַט מיטן געזײַערטן קומיס, די פֿעטלעך־געלע קאָבילע־מילך, די שאַרפֿע, אָבער זיי טרייסלען זיך אָפּ ווען עמעץ דערמאָנט פֿון חזיר. אַ הוש, אַ הוש! — איבלט עס זיי. וואָס פֿאַר אַן עקל! — שרײַען אויף די דאָ־זיקע. דאָס נורעט זיך אין קויט, עס פֿרעסט כל המיני פּאַסקוד! די געל־הויטיקע, די פּויערן ווי די פּראָפֿעסאָרן, פֿאַרכליניען זיך אַלע מאָל ווען מ׳דערמאָנט אַ מאָלצײַט מיט פֿערדנפֿלייש, וואָס קאָכט אין קעסעלע אויף צעפּלאַקערטן האָלץ. ס׳איז יום־טוב פֿאַרן מדבר־מענטש. ווײַל קוקורוזע־

פלעצלעך, ווײַל גרינוואַרג, פרוכט און געטריקנטע געזאַלצענע פיש איז תמיד זײַן שפײַז אַצינד. אַן אומגליק די מלחמה! מ׳האָט אַוועקגעטריבן די טײַערסטע פערד. דער באָלשעוויק האָט געלאָזן נאָר די שוויס־דורכגעזאַפטע, אויסגעהאָרעוועטע קליאַטשעס וואָס טויגן נישט פאַר דער שיסל. און ס׳זענען געמינערט די שעפסן! אויך איז טרויעריק וואָס מ׳האָט צוגענומען די דזשיגיטן וואָס טויגן זיך אויס אין פעלד און אויפן באַרג. נישטאָ ווער עס זאָל אַצינד מאַנסירן * די טאַבונעס לאָשיקעס וואָס דער אומענדלעכער סטעפ באַווײַזט אַרויסצוברענגען אין זײַן ווילדקייט. אַזעלכע פערד זענען שאַרף ווי באַגערט געזעענע פלאַמען, ווען ס׳ווערט קאַלט אין דער יורטע. פאַראָרעמט געוואָרן די היים פון קאַזאַך! — קוועטשן זקנים זייערע טראַכאָמרויטע אויגן.

געוווינשאַפטן גייען אַרײַן אין די ביינער, זידן־אָן אַ נײַעם קאָליר פאַרן בליק, האַרטעווען דעם מענטש. וויערע יאַקאָוולעוונאַ האָט גענומען זיך ניכטערן. זי איז שוין „אין גאַנצן אַ היגע״. זי איז מער נישט אַנטלאָפן פון די פאַרסמטע ריחות, וואָס טראָגן זיך פון די׳ אינעווייניקדיקע טונקלקייטן אין די אַראָפגעזעצטע גאַניק־הײַזער, אָנגעוואַליעטע מיט אַ סך טעפיכער. ווו ס׳איז פאַראַן יוסטקייט בײַם קאַזאַך, זענען אין שטוב ווי געוואַשענע העמדער צעהאָנגען אויף שטריק צעשטיקלטע פערד צו טריקענען אויף דאַרפלייש פאַרן גאַנצן יאָר אַרויס. און פאַרקערט, אין געראַמען הויף הענגען שטענדיק איבערגעוואַשענע קליידער, די זשופאַנעס פאַרן לײַב. אין הויז באַהאַלט מען די שפע פאַר דער נשמה, וועלכע איז להוט אַ דערקוויקונג פון זאַפטיקס אָדער האַרבס. איבערן קאָפ פון דער באַלעבאַטישער דירה באָמבלען זיך די רויטע, געקאָרטשעטע שמאַטעס פלייש, גרין אָנגעשימלטע טיילן פון נבלה און אונטן, אויפן דיל, זענען געדיכט צעשטעלט געפעסן: אַ סך שיסלען, טעפ און אין זיי פאַלן אַרײַן וואַסער־מוטנע, אָנגעשוואָלענע ווערעם וואָס קאָציען זיך אויס פונעם פוילעכץ. זון־צעקלונגען שפילט אַרײַן דער טאָג אין הויז, ער גינגאָלדיקט זיך אין שטרײַפן וואָס שפאַרן זיך דורך די פאַרהאַנגענע פענצטער. אַ שטיקל צײַט בלײַבן זיי לײַכט צעוויגט אין גליווערנדיקן אַוויר, די פריידיקס פערדנפלייש, און דער אַוויר פאַרשיכורט די געהירן. דערפון קומט דער אויגנבלישטש צו די לײַט, וואָס פינטלען אויס די גדולה וואָס וואַקסט אין זיי אין אָנבליק פון די רויכיק־גליטשיקע שלענג־

* דרעסירן.

לעך פונעם פלייש. אָט ווימלען זיי שליימיק איבער די וועגטלעך פון די שיסלען, צעבערס און הענט נעמען זיך ציִען צו זיי. „ווי וויל — טשמאָקען ליפּן בײַם פאַרקוקן זיך אויפן ווידמעכץ אין די כלים — ס'האָט אַלע זיס־קייטן פון גן־עדן". די איבערגעפרעסענע מידברניקעס וואַרפן מיט די שווערע צונגען און זענען נהנה דערפון. יאָ, פערדן־פוילעכץ און לײַז פון די טעפּי־כער, אויף וועלכע מ'וואַלגערט זיך צו יעדער צײַט, זענען דער צייכן פון שפע. וואָס מער כינים, אַלץ מער גנאַד פונעם נביא, וועלכער האָט געלײַט־זעליקט די משפחה. לײַט פון קישלאַקן און אַולן פאַרצערן מיט תענוג דאָס עיפּושדיקע בלוט פון כינים. אויך די שטאָטישע זענען נישט ווײַט אַוועק פון דער יורטע, אין וועלכער עס לעבט זינט פאַרגעסענע דורות דער פּאַס־טעך און דער יעגער מיט דער לאַסע און ביקס. וואָס גרעסער די לויז, אַלץ גיריקער זענען צו איר די לעדערנע ליפּן פונעם קאַזאַך. אין זײַנע שפּיץ־פינגער קלעמט ער אײַן דעם וואָרעם וואָס איז אָקערשט געווען פאַרנורעט אין דער נאָט פון העמד און די פרײַע האַנט טראָגט צו דאָס ווידמעכץ מיט גלוסט צום מויל. געלאַסן ווערט דאָס בלוט־גיריקע ווידמעכץ אַוועק־געלייגט אויפן מענטשנס געביס און אַזוי ציטעריק ווערט דאָס צוזאַמענגע־דריקט מיט די ציין. אַ־אַאַאַ! — גיט אַ רעווע דער מענטש אין פוקסענעם שטרײַמל און שיטערן בערדל אויפן גאָמבע־שפּיץ פון טרוקענעם פּנים. די טאַבאַק־ברוינע באַקן־הויט פאַרקרימט זיך, די צונג גיט זיך אַ קליאַטשקע־דיקן צי אַרײַן, דער גומען באַוועגט זיך אַרויף־אַראָפּ, שטרעקט זיך צום תענוג און די אויגן פאַרגיסן זיך מיט נעפּלדיקן גיר. אַאַ־אַ! — ערשט דער־נאָך פירט דורך דער מדברניק פאַר זײַן מבינישן בליק דאָס צעפּלעטשטע פּעלעכל פונעם פאַרשטאַרטן אומפּלייט.

— ס'אַר אַ וואַזשנע געווען! נאָך אַ ביסל און עס וואָלט מיך אַרויפּרײַטן אויף זײַן רוקן, פאַרשלעפּט העט, כאַ־ככאַאַאַ!

ווי אַ צעהוידעטע בלעך צערודערט זיך דאָס געלעכטער פונעם מענטש־באַשעפעניש וואָס איז אויסגעוואקסן אויפן דורכויסיקן אַנקאַליריקן זאַמד און זײַנע משוגענע געוויטערס.

און אַז איינער אַזאַ פלאַטשיק־פּנימדיקער איז עוסק בײַם גראַבלען אינעם העמד, נעמט אָן דערצו אַ גלוסטעניש אויך די צוקוקערס. באַלד טוען אַלע נאָך די זעלבע עובדא: ציִען אַראָפּ פון זיך די שטײַפלעכע טראַנ־טעס און נעמען פלײַסיק נישטערן אין די נעט. כאַפּט זיך אַרויס עמעץ מיט זײַן וויסט לאַכן, פאַלט צו באַלד דאָס־אָ שווערע געלעכטער אויך פון די

שכנים. די מיטלאַכערס הייבן נאָר אויף די קורצע שטערנס, קרימען אויס ברייטע, אומהיימלעכע העוויות און זייערע האַרטע נעגל גייען־אָן ווײַטער מיטן געגראַבל אין די נעט, הינטער די קראַגנס. מיט באַרוטקייט ווערן די לײַז געקניקט אויף די ציין.

אין וואַרעמע טעג האָבן אויך פּרויען זיך אויסגעזעצט אין דרויסן פּאַר די שוועלן און איינע האָט בײַ דער אַנדערער געזוכט מיט די פינגער־שפּיצן אומפּלייט־נעסטן אין די האַרוואַרצלען, הינטער די אויערן, אין נאַקן־גריבל. טייל האָבן דעריין זיך פאַרהאַלפן מיט קיך־מעסערס, וואָס זענען מיט גע־ניטקייט געגאַנגען איבער די קעפּ האָר, אַנגעשפּאַרטע אויף פרעמדע קני וואָס ציטערן אונטער מיט גינציקייט צו די געלויזטע. געפינט מען אַ קרי־כעדיקס, רײַסט זיך אַרויס איטלעך מאָל אַ נצחון־געשריי:

— ס׳דאָ! געפּאַקט! — און באַרימעריש געוויגט מיט די אויפגעהויבע־נע, צוזאַמענגעדריקטע שפּיץ־פינגער: — כ׳האָב אים, קלאַוודיאַ! גיב אַ קוק, ס׳אַראַ ער איז, דזשאַלדאָס! *

העכער פון אַלע צערעשט זיך די „גליקלעכע״, די, וואָס האָט געפונען ס׳חייהלע.

— ביסט אַ כוואַט, יעוודאָקיאַ, צו אַלעמדינג, — האָט עמעץ געפּרוווט לאַכן, אָבער דער ערנסט איז נישט צעוואָסערט געוואָרן. די אַרומזיצנדיקע ווײַבער הייבן אויף די קעפּ, מערערע פאַרסליניען זיך און זייערע אויגן מרוזשען צו דער האַנט וואָס האָט נישט אויפגעהערט זיך צו וויגן אין זיג: „געפּאַקט!״ דערנאָך האָט מען „עס״ צעקניקט. ברבים געבענדיקט.

— אָ, ראַכיל! — האָט אַן אַנדערע אומגעריכט געמינטערט איר שכנה די קאַזאַכקע מיט די אָן אַ שיעור דינע צעפּלעך ווי פראַנדזן, וואָס העגנען איבער איר גרויסן שאַרבן.

*

וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט שוין מיט גלײַכגילט זיך צוגעקוקט צו אַלץ, אַ מאָל אויך צוגעוואָרפן אַ וואָרט צו די „פּאַרטוענע״: — גוט אַזוי, אַבי נישט צו זיצן ליידיק! שפּעטער האָט זי געטראַכט:

— אפשר, עס וואָלט געווען זייף, וואָלטן זיי זיך אָפּגעקערט פון אַזאַ פּראַקטיקע. נעבעך די אָרעמקייט: זי פאַרשטויסט יעדע בושה.

צוגעזען די טרויעריקע געוווינהייטן פון וואַשן די גראָבע העמדער אין

*) חבר (קאַזאַכיש).

בלאַטיקן אַש, אַרײַנצוגיסן אין זיך אַ סך זודיק וואַסער אָנשטאָט צו זעטיקן זיך מ׳ט ברויט, מיט מעלטייג, האָט זי מיטן שטאַרן בליק אָפּטלעך אויס־געזיפּצט:

— מיט בידע געשטראָפט געוואָרן דאָס פֿאָלק!

גערעדט צו דער אומקלאָרקייט פֿון אייגענעם געפֿיל און געפּלאָנטערט זיך אין די כלערליי שאָטנס פֿון נעבעכדיקן גליק די מענטשנס, וואָס זי האָט ערשט באַזינען: ווי אַזוי עס קוועלט זייער פֿרייד ווען עס לאָזט זיך טייטן די פּרוכט פֿון ברוד, ווי מען תענוגט זיך ווען מ׳קען פֿאַרטרײַבן דעם נאָגנ־דיקן הונגער מיטן געכלעפּטש פֿון וואַסער וואָס בורטשעט אין די געדערעם.

אין דער אומאייגנקייט וואָס געשפּירט אַרום אָט־אָ די באַגעגנטע, האָט די פּרוי לאַנג אַרומגעבלאָנקעט אין אייגענער צעטומלטקייט.

...אָבער וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט אויך שוין געוווסט ווו צו עפֿענען אַ פֿאַרוועדטע טיר. ס׳האָט איר פֿאַרהאַלפֿן דער אַנומלטיקער ערשטער טראָט צו אָריעכאָוון דעם פֿאָטער פֿון שטאָט. זי איז אַרײַן צו אומבאַקאַנטע, וואָס זענען איר גיך באַקאַנט געוואָרן; אַרײַן און גענומען שמועסן, עפּעס געמאַנט. און מזל איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. אין מערערע היימען האָט מען מיט נײַגיר אויסגעהערט איר הינקעדיקן קאַזאַכיש, ווו ס׳רוסישע לשון האָט בשום אופֿן נישט געקענט דערגיין (מסתמא מחמת דעם אײַנגעגעסענעם שווײַגן וואָס האָט געלויערט פֿונעם ברומעדיקן מדבר).

— חזרט איבער, פּאָזשאַלויסטאַ, וויערא יאַקאָוולעוונאַ, — האָט מען הילכיק אַרײַנגעלאַכט איר אין פּנים — ביש־ווערמאַג. אָ, ווי גוט ביש־ווערמאַג! איך וועל גרייטן בישווערמאַג!

— נו, איז וואָס? בישווערמאַג, — האָט זי צעזייט די זילבן: — ביש־ווערמאַג. ברייטע הויזן און אַ לאַנגער זשופּאַן. אַקוראַט אַזוי — נישט אמת?

— האָט די פּיליפּאָוואַ צוריק געלאַכט מיט אַ געזאַלציקייט וואָס דערשפּירט אויף אייגענע ליפּן. — איך קען שוין נאָכזאָגן. און איצט לערנט איר זיך אויס נאָכזאָגן: לאַפּ־שאַ, לאַ־אַאַאַפּ־שאַ! גאַנץ געוויינטלעך: לאַפּ־שאַ. און דערנאָך: ווערמישעל! ווער־מי־שעעל. אַ־זוי־וי.

וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט צעצויגן דאָס מויל און אירע באַקן האָבן זיך לײַכט צעצונדן: פּשוט — לאַקשן, — האָט זי געזאָגט. אַלע עסן מיר לאָקשן, קליסקעס, — האָט זי אַ מאָל געזאָגט דעם שמאָל־פּנימדיקן אויגור דזשימו־לײַעוו, דעם פּראָפעסאָר וואָס האָט שטענדיק זיך געפֿרייט מיטן אַרײַנקום פֿון דער רוסין — אָבער איר עסט דאָס אַנדערש, אַ סך אַנדערש.

— ניעט, דאַ ניעט. ס׳גייט נישט אין לאָפּשאַ אָדער ווערמישעל, וויעראַ יאַקאָוולעוו, — האָט דער געלערנטער אָנגענומען אַ מינע פון ערנסט, הגם מיטן מויל האָט ער געוואָרגן אַ שמייכעלע: — ס׳איז בישוועמאַג, קאַזאַ־כישע טראַדיציע. איר ווייסט, וואָס עס מיינט בישוועמאַג, וויעראַ יאַקאָוו־לעוו? פינף פינגער, באַטײַט עס. דזשימוליַיעוו האָט צו איר אויסגעבויגן דעם קאָפּ, צעשפּרייט אַלע פינגער פון זײַן דלאָניע, אַ פּאַוואָליע באַוועגטע פאַר איר בליק, גלײַך ער וואָלט גענומען קינדיש זיך שפּילן מיט זיי. — אַזוי, מיט די פינף פינגער עסן נאָך די עלטערע און אויך יונגע קאַזאַכן דעם בישוועמאַג. ס׳איז פאַרבונדן מיט דורותדיקע גלייבונגען, אַפילו מיט היסטאָריע וואָס איז נישט אין גאַנצן אויסגעטאָן פון לעגענדע־הײַטל. טייג־פּלעצלעך געקאָכט מיט פעטן שעפּסנפלייש איז דער יום־טוב פונעם קאַ־זאַכט געמיט. ווײַל ער איז סײַ יעגער, סײַ ער איז פּאַסטעך און פעכטער פאַרן לעבן פון זײַנע ערשטע קינדער־יאָרן אָן. די האַנט פון סטעפּ פירט אַזוי ווי מע פירט דעם מענטש אין שול אַרײַן צו לערנען. בישוועמאַג און ווײַן און געזאַנג איז די פּײַערלעכקייט פאַר דער נשמה. נישטאָ פאַר איר קיין העכערס, איר פאַרשטייט?

— האָ, האָאָ, — האָט די פּיליפּאָוואַ זיך געוווּנדערט אויפן פּאַטאָס פונעם שיפּאויגיקן געלערנטן פאַרטייער און זיך געצוווּנגען נישט צו לאַכן, אָבער אירע אַקסלען האָבן דין געציטערט ווי תמיד ווען זי ווערט באַהערשט פון אַן אויסדריקלעכער הײַטערקייט. — „מיט אַלע פינגער?״ אינסטינקטיוו האָט זי אין זיך עס איבערגעפרעגט און זיך באַמיט צו פאַרווישן דאָס שטוינען, וואָס א׳ז ווי ליכטשופּן געפאַלן פון אירע אויגן. זי האָט זיך בעת־מעשה אָנגעטאָן אַ כוח אָפּצוטעמפּן איר שאַרף וויברירנדיקע שטים:

— עפּעס נישט זייער קולטורנע, דאַכט זיך — — ווי קלערט איר, פּראָ־פעסאָר?...

און נישט פאַרענדיקט.

— קולטורנע? — האָט אַ רייד געטאָן די באַדאַכטקייט פון זיין קול וואָס איז דאָס מאָל איר געוועזן נישט גאָר קענטלעך — דער סטעפּ איז אוראַלט און עס אָנט אים נאָך אַלץ נישט אַוועקצוקוליען זיך פון דער מדברישער אַזיע. אים „נעמען נישט״ קיין שום נײַסן פון דער אויפגעקלערטער ווײַט. בלויז דער מוח פון אַ יחיד האָט באַוויזן זיך בײַצוקומען און ער האָט זיך פאַרשפּאַנט אין דעם יאָך. ווינציקע האָבן עס געקאָנט, אָבער אַלע? גיט אַ טראַכט, וויעראַ יאַקאָלעוו. אויך דער גײַסט פון מידבר האָט זיך שוין אָנ־

געגורט מיט אינהאַלט, אָבער נישט מיט יענע קלוגשאַפטן. סײַדן צום טראַק־טאַר, צו גרעסערע פאַרזייען וועט זיך פאַרגלוסטן דעם מידבר, אָבער צו וואָס אײַנפּענטען דעם געדאַנק, ווען ער איז סײַ ווי נישט צײַטיק צום פּלין? אַ פאַלק קען נישט אַזוי גיך; ס׳עט שוין, ווײעראַ יאַקאָוולעוו, אמת? — האָט דער פּראָפעסאָר ערשט זיך אָנגעטויכט אין אַ צעקלונגענעם אומזיכערן לאַכן פון זײַן גאָרער אויפגעקלערטער ברוינהויטיקייט.

אַראָפּגעשלונגען דעם געדאַנק און אין זיך געזוכט דעם טעם פונעם דאָזיקן ביסן. אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האָט ער מוסיף געווען:

— אָבער דערווײַל וועט די לעונינגראַדערין עסן מיט אונדז אַ גע־שמאַקן בישווערמאַג, זעטיקן זיך מיט קישמיש, מיט אוריוק.

— ס׳איז אייגענער, — האָט באַלד צוגעגעבן די לאַנג־צאָפּיקע, גרויס־אויגיקע קאַזאַכקע מיטן גענגל פון אַ געקעכלטער דאַמע וואָס אָקערשט אַרויסגעקומען פון אַ מזרח־שלאָס, כאָטש די לופט אַרום איר אָווירט: — פון זיידן אַכמעד אויסגעהאָדעוועט אונדזער אויבסגאָרטן. אַ מומחה געווען אויף קרייצן אַלע פּרוכטן־מינים, דער זיידע. — די באַלעבאָסטע האָט דײַטלעך זיך געגרייסט מיט אירע פּירות.

ווי דאָס מורמלען פון באַרג־שטראָמל וואָס לויפט אַן אײַליקס פון די הייכן, האָט זיך שטיל געוויגט די שטים פון דער פרוי, אַ געהילטע אין אָנגעפּאַלדעוועטן זײַד, וואָס פאַרדעקט אירע קנעכל. מיט די אויגן און מיט די הענט האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין דער פרעמד־געקומענער דעם מיין פון אירע רייד און ער, דער מאַן, האָט צושווײַגנדיק, געקנאַקט מיט דער צונג: אמת, אמת, וואָס איר הערט! ער איז געוואָרן להוט דעם ענטפער פון גאַסט. די פּיליפּאָווא האָט אָבער געשפּירט מידקייט אין אירע גלידער. זי האָט נאָר גינציק געלאַכט אין — אַ מאָדנער שטומקייט. זי האָט געלאַכט אָן קול.

„טשיקאַווע די דאָזיקע״, — איז געווען דער מיין פון איר קוקן. „זיי ריידן, איך הער און מיר ווילט זיך נאָר לאַכן״.

מ׳האָט זיך אַגב געפּרייט ביי די דזשימולײַעווס וואָס ווײַעראַ יאַקאָוו־לעוונאַס אַקסלען צעוויגן זיך אַזוי ריידעוודיק: „ס׳גוט, גוט, ליבינקע!״ און עפנט זיך איר מויל, נעמט זי ערשט לאַכן פון איר אייגענער אומבאַהאָלפּנ־קייט. „איר זענט גוטינקע, — האָט זי אַרויסגעבראַכט — איך דאַרף זיך אויסלערנען ריידן, אָבער עס גייט נישט. אַ טעמפּער מוח בײַ מיר״. אַוודאי, צו זיי קען זי גאָר נישט האָבן, — האָט זי זיך אַליין געטרייסט — זיי זע־

נען פֿאַרוואָרפֿן אין טויבן סטעפּ, זייער מדרגה איז אַ ווײַטלעכע, אין ערגעץ נאָך נישט דערגאַנגען. אָבער דער רוב פֿון די דאָזיקע איז גינציק. עס באַקומט זיך אַזוי אַומעטום בײַ די געלהויטיקע; בײַם געלערנטן פּילט זי זיך צו מאָל היימיש. מ׳זעט זי גערן אין די גערוימע צימערן, אָנגעזאָפּטע מיט די שווערע ריחות פֿון דאַרפֿלייש. אויף איר שטעלן זיך אָן די ענג־שווימענדיקע שוואַרצאָפּלען, ציטעריק פּאַרטרונקענע אין די פֿול אָנגעגעסענע לבנה־פּנימער:

— אוף, לעניגראַדעריך, דערציילט נײַסן, — בעט מען זיך בײַ איר. — גאָר נישט געהערט? ווייסט איר דאָך טשיקאַוועקייטן פֿון אַנומלט. רעדט, רעדט.

מ׳האָט זי מקנא געווען מיט דער וועלט וואָס געלאָזן ערגעץ. תמיד זענען די דאָזיקע געווען זשעדנע צו הערן זי, אויך אָנצוקוקן איר אַנטועכץ.

וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט צובאַקומען פֿרײַנד וואָס האָבן זיך גענומען דאַגהן פֿאַר איר. לפֿנים איז איר געוואָרן גרינגער אין דער פֿינצטערער קאַמער וואָס שטיקט זיך מיטן אייבערשטן פֿענצטערל אין דער בלינדער ליימוואַנט, וועלכע איז ווי אײַנגעקוילעט אין סאַמע האַלדז געשטאַנען מיטן אָנאויגיקן פּנים אין אַ ברייטער אײַנגעגליווערטקייט. פֿון דעסטוועגן האָט זי נישט אויפֿגעגעבן איר געשטריקעכץ פֿאַרן קאָאָפּעראַטיוו „סעלכאָז״, צו מאָל זיך געפּלײַסט געשווינדער אויסצופּאַרטיקן מער קינדער־יאַקעלעך און זאָקן. זי האָט בעסער פֿאַרדינט און אָפּגעהיט די פֿרײַנדשאַפֿטן, וואָס אָן זיי איז נישט שכיח צו דערגרייכן צום זעטעוודיקן ביסן, אַפֿילו דעם ביסן וואָס איז באַוואָרנט אויף די שפּײַזקאַרטלעך. צו די באַקאַנטע איז זי איצט געגאַנגען מחמת לאַנגווײַל. אָן שום כוונות זיך פֿאַרקניפּט מיט זיי אין אינטימקייטן.

— ביטער, טײַערינקע, — פּלעגט זי אַרײַנפּאַלן צו אַזאַ מיט אַ זיפֿץ וואָס האָט זיך אין איר אויפֿגעלייזט. — נאָך אַלץ נישטאָ קיין פּונק ליכט. אויך סאָוואימפּאַרמביוראָ איז פֿאַרעקשנט. מיט סאָוואינפּאָרמביוראָ, האָט די פּיליפּאָוואַ געמיינט די ראַפּאָרטן פֿון דער אַרומגערינגלטער לעניגראַד, דער פֿאַרפֿרוירענער, דער הונגערנדיקער. די שטאָט שטיקט זיך און אויף איר קאָפּ פּרוווט מען אויס אַלערליי טויטן! ס׳איז אימהדיק דער קרבן. ער באַוועגט זיך אין קאָנוולסיעס, דער צעצויגענער פֿראָנט. נאָך געבליבן אַ טרער אויף האָפֿן. דער לעבעדיקער פֿראָנט שלאָגט אַפֿילו אַרײַן קלינעס

אין שונאס שטח. אָבער ד אָ ר ט ? דאָרט בושעווען שענדלעכע טויטן און
אַרום ליגט ווי אַ פוילנדיקער פּגר דער קנאַקעדיקער פראָסט! דער הונגער,
דער שטייניקער טויט צערינצלט די רעשטלעך העלדישקייט. גאָט, ווי לאַנג
קען אויסדויערן דער מוטיקסטער? די קראַסאַוויצע איז ראַנירט, זי ראַנגלט
זיך. ווער מען זי ענדלעך אָפּלאָזן? — די פרוי האָט פאַרבראָכן די הענט. —
און בריוו זענען נישט דערגאַנגען פון די אייגענע. ס׳האָט איר בלויז גע־
שטאַרקט דאָס האָפן אויפן פראָסט וואָס אין די זיידע־צײַטן האָט ער גע־
שמיסן אַזאַ העראָי ווי נאַפּאָלעאָן. ער איז אַנטלאָפן מיט דער נשמה אין
האַנט. די „סוואָדקעס” פון ראַדיאָ האָבן אומאויפהערלעך געגאָסן מרה־
שחורה, רק דער צפונדיקער אײַזווינט האָט זיך געשטאָלט אַרום דער באַ־
דראָעטער שטאָט און דער פראָסט — וואָס פאַר אַ גליק! — האָט געליימט
דעם פאַרביסענעם פײַנד. ער פרירט, דער פוריאַט, ר׳ליגט פאַרנורעט אין
לעכער; ווײַזט ער זיך, דער דײַטש, נעמט אָן אַ געלעכטער צו זען זײַן פחד־
נות. העלדן פון שרעק זענען זיי. באַר וואַרפן אָן אַן אימה אויף רו׳קע
מענטשן. פאַרן פײַער וואָס מ׳דערלאַנגט זיי, ציטערן די דײַטשוקעס. אין
מחנות פירט מען שוין די פריצעס, ווי פאַרווינטע ייִנגלעך גיבן זיי זיך
אונטער; פאַלן אויף די קני, ווען ס׳טראָגט זיך דאָס וואָרט: „פּאָדאַוואַיסיאַ!” *
זיי קוקן אַרויס מ׳זאָל זיי נעמען אין פלען. דאָס איז ס׳ריכטיקע שפּעלטל אין
דער מויער פונעם שונאס איבערוואָג אין זײַן מלחמה־כוח. ס׳איז שוין
רעכט אונטערגעזונקט דער אָנגעקראָכמאַליעטער גערמאַנישער מוט. אָ, עס
פעלט דורכצוהאַלטן נאָך אַ שטיקל צײַט, דזשאָלדאַסן ס׳איז וואָר, דער־
ווײַל טראָגט זיך מתים־געררוך פון מערערע שטעט אונדזערע, פון פעלדער.
אין לענינגראַד איז מען אָקערשט נישט געשטאָרבן פון פחד פאַרן געמיי־
נעם שונא, מ׳איז רק געפאַלן פון בלאָנדזשענדיקן פײַער, וואָס האָט אָפט
געפּלאַצט אין דער אָנגעשוועבלטער לופט און מ׳איז אויסגעגאַנגען פון לאַנג־
אָניקן פאַרעקשנטן הונגער. דאָס האָט זי געוווּסט געגוי, די פיליפּאָוואַ.
„ליבינקע, הונגער־געשווילעכץ דעפאָרמירט מיאוס דעם מענטש. פון שענסטן
מאַכט ער אַ טשוטשעלע צו פאַרטרײַבן נאַ׳ווע פייגל. געשווילעכץ, אַז
ס׳דערגייט צום האַרץ, דושעט עס צו און שוין. געווען אַ מענטש און שוין
ווערט ער אַ בערגל מיסט, וואָס די זאַווייע שאַרט צונויף פון אַלע טוכלע
ערטער”.

*) גיב זיך אונטער!

דאָס געמיט, וואָס דער פרעמדער ווינטער האָט אויף איר אָנגעבראַכט, האָט שיִער־נישט דערדריקט די פיליפּאָוואַ.

14

אין דער בלאָקירטער לענינגראַד ליגט ערשט דער ווינטער ווי אַ בער, אַ באַאומרויִקטער אין זײַן ווײַטן שלאָף. זײַנע נאָזלעכער נעפּלען אָן אַ געדיכטע ווײַסקייט וואָס קנאַקט, פּלאַצט אָפּטלעך אין איר אָנגעקנוילטקייט. בלויז דער טויט בלײַבט דאָרט שטײַף ווי אַ שטיין. אין דער אײַנגעפרוירענער שטאָט פּוילט דער טויט און דאָ, צו פוסנס דער נעפּלדיקער הימלוואַנט אַלאַ־טאַו הייבט אָן דערוואַכן די שטאַרע וועלט. אין זילבערדיק ווײַסן אין דער פרי וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער די ביימערקעפּ פון די שטילע גאַסן, שטייט נאָך האַרבער דער פראָסט, אָבער אַרום צען אַ זייגער גליט שוין די זון אַ ווײַסע ווי אַ קרומלעך אויפגעהאָנגענע בלעכענע שטאַרץ. די ערד, וואָס נאָך אין לײַכטע שאָטנס פון בײַנאַכטיקן שניי־דרימל, נעמט קווילן מיט צעשוימטע ריטשקעס און די אײַנגעהאַרטעוועטע ליימען הייבן אָן אויפטײַען, קלעפּן צו די שיך. אין גיכן וועלן פאַרחידושט זיך צעשמייכלען צעשטרעקטע צווײַגן מיטן צאַרטן אָנזאָג פון דריבנע גרינע נײַע בלעטער, און שוין —

דער הימל נעמט זיך וואַשן פון זײַנע אָנגעקויטיקטקייטן. ער ווערט טיפער, לויטערער. אָ־וואָואַ, אויך דער מאַרק וועט זיך ערשט דערוועקן מיט אומדרײַסטער האָפערדיקייט.

אַ טאָג, נאָך אַ טאָג אַזאַ און דער דרויסן האָט גענומען זיך אויסלענגערן, ממש ווי אַ קאַץ פון שלאָף.

נייִן, נישטאָ קיין פרילינג אין די־אָ קאַנטן. פּאַוואָליע פאַרשווינדט דער ווינטער און באַלד טרעט אָן די זון מיט איר גאָרער להוטקייט. זי טריקנט העפּטיק די בלאָטעס און וועקט־אויף די פאַרגליווערטע סאָקן פון די בייִמער־אָדערן. אַזאַ פראַלנדיקע וואַרעמקייט גייט אויף, אַז זי האָט אַן אויסקוק ווי זי וואָלט זיך ראַפּטעם אָנגעטוליעט צו דער ערד, צו אַלע פלאַנצן און געטענהט: „נישט געקלערט זאָל ווערן! שיינקייט איז ס׳לעבן און לעבן וועסטו בשום אופן נישט פאַרשטויסן״. די פלוימען נעמען טאַקע באַלד בליִען, די אַבריקאָסן שיטן זיך אָן מיט פריילעכן ראָזן צוויט, דער פישפאַנג טראָגט זיך אויך אָן נאַ צוואַל. דאָס גאַנצע לאַנד פילט זיך אָן פון עק ביז עק מיט דער בשורה פון אַ נײַער שפּע.

און איז דער דרויסן רעכט אויפגעקומען אַ צעשײַנטער, האָט עס אויך וויעראַ יאַקאָוולעווגאַן אַרויסגעצויגן פון איר פאַרשטאַרטקייט. זי׳ט אַוועק־לייגן דאָס געשטריקעכץ, זי וועט אַרויס אַ בליק טאָן: אפשר האָט די וועלט דאָך זיך אָפגעריסן פונעם יוירנדיקן טרויער? ס׳איז אפשר מעגלעך אַז פון ערגעץ זאָלן זיך ווײַזן פרישע מענטשן. וואָרן די גאַס, דער בוים, די פענצ־טערשויב לאָזן נישט אײַנרוען. אַלצדינג האָט געקראָגן נײַע אויגן, אַ ציִענ־דיקן בילשטש און אַ זיסן רויש. געוויס וועלן קומען מענטשן און אַ לעבע־דיקער מענטש ווייסט שטענדיק עפּעס. דאָ איז זי שוין פאַרוואַקסן געוואָרן מיט אַ וואַלדיקן מאָך. וואָ׳דען? אַזאַ אָנהאַלטנדיקע טונקלעניש קוקט אַרײַן אין דער נשמה און זי איז אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אינעם געשטריקעכץ. טאַקע אַ שאָד די קינדערלעך זאָלן פרירן נאַקעטע. או־או־ווווו, ווי דער ווינטער קען פאַרטרײַבן דאָס ביסל מענטשישקייט! פאַרבײַ אַזאַ צײַט און זי האָט זיך מיט גאָר נישט מער פאַרנומען ווי מיט — זיך. שטענדיק דאָס עסן, דאָס פעקלען זיך אין די טראַנטעס!

פון דעם נײַ אָפגעדעקטן געפיל האָט די פיליפאָוואַ זיך אָפגעטרייסלט ווי אַ הון פון אַ פלוצלינגן רעגן. זי׳ט גענומען זיך אונטערטרײַבן: גענוג פאַרבאַבעט געוואָרן! די וועלט קען נישט בלײַבן אויף אַן אָרט. ריכטיק: נאָר נישט שטיין אויף דעם איינעם שפאַן ערד — ריר זיך אַהין אָדער אַהער, אַנישט ביסטו געגליכן צו אַ פגר.

מיט קליינמיידלשן נײַגיר האָט די פרוי זיך אַ הייב געטאָן פון קעמערל אַרויס. אַ רענטלעך צוגעקליבענע האָט זי זיך געטראָגן צווישן די ביימער־שע שאָטנס פון הויכן אַלמאַ־אַטינער טראָטואַר. טיף־שטיל איז אויסגע־שפרייט די רו איבער די הייכן פון שטאָט, כאָטש פון ווײַטנס ברומט אַ גע־האַמעוועטער געליאַרעם. אָבער דאָס גרויסע ליכט וואָס שטראָמט אַנטקעגן עפנט זיך דאָ אומענדלעכע, ברייטע וועגן. ערשט גלוסט זיך אויסצוטאָן פון אַלע טונקלקייטן, וואָס די פאַרפלאָסענע חדשים האָבן אויף איר אַרויפגע־וואָרפן פלאַסטנווײַז, אָנגעגאָסן שווער די גלידער. מיט איר גאָרער דער־וועקטקייט האָט די פיליפאָוואַ זיך אַ שטרעק געטאָן צום אַרומגעצוימטן ריזיקן מאַרק. אַהער איז פאַרקוקט דאָס פאַרצאַפלטע לעבן וואָס איז זיך דורותדיק דאָ אויסגעשטאַנען ווי דער תמצית פון אַרומיקן מדבר. דער מאַרק איז אומגעהײַער אין זײַן גרייס, אַפילו אין זײַן נישט דערגרונטעוועטן סוד. דער ממאַ־אַאַרק! — זעט אויס צו רופן די אײַנגעזאַמלטע שטילקייט. דער קאָלכאָזנער מאַרק איז בכלל דער זייגער פאַר די מענטשן פון די דאָ־

זיקע מקומות, אויך די זריחה און די שקיעה פון זייער געמיט. יאָגט אַרום אַ פוסטקייט איבערן נבהלדיקן מאַרק, גליווערן די נשמות בײַ די לײַט אין די פלאַטשיקע מויערלעך מיט די מאַטע פענצטער, און זשומט אויף דער ריזיקער שטח מיט זאַטע קאָלירן פון פעלד און גאָרטן, ווערט האָפערדיק דער טריט פון די לײַט. אויך די קולות פון צוריקהאַלטעוודיקן דרויסן נעמען דעמאָלט ריזלען ווי אַ טײַך אין צופלוס.

גאָר שפּירעוודיק זענען די אַלמאַ־אַטינער אויפן אויסזען פון דעם מאַרק. זיי צאַפּלען אויף פון נײַגיר, ווען עס הערט זיך איבער דער שטאָט דאָס דערנענטערנדיקע ראַסלען פון באַלאַדענע וועגענער:

— ס'גייען בורעקעס פאַרן מאַרק! מ'פירט קעז, ברינדזע אין מאַרק אַרײַן. און פלייש און קומיס ברענגט מען אָקערשט! נישט שײַך נישט צו הערן אַזאַ בשורה, וואָס פון איר חלומען יונג און אַלט. און פון אומעטום טראָגט זיך די פרייד: „לאָמיר זיך אײַלן אַ בליק טאָן אויפן מאַרק!"

איצט שטומען די קאָלכאָזן, טעמפּ איז געוואָרן יעדער קער פונעם פויער, וואָס נאָך פאַרבליבן אין פעלד. ס'אַ קללה אַפילו אינעם וואַקסן פון די ערד־פּרוכטן. ווי באַלד מ'ראַמט אַראָפּ דאָס גערעטעניש פון פעלד, פאַרשווינדט עס, טריקנט אויס יאַקבי און דעם הונגעריקן גיט זיך נישט אײַן גאָר נישט צו קויפן. די נויט פון לאַנד טרײַבט ס'אומרויִקע בלוט פון האַרץ און די אַנגעיוירענע שרעק יאָגט אָן אַ טעמפּע זאָרג.

וויערא יאַקאָוולעווּנאַ האָט געטראָגן דער גיר צום לעבן. די גאַס איז זי ממש דורכגעשווומען. איר פאַררויטלט פּנים האָט דערציילט פון דער־וואַכטן דראַנג וואָס באַוועגט מיט איר. פון דעם נײַלעכן געפיל וואָס געקו־מען מיט אומגעריכטקייט, האָבן אָפּט בײַ איר זיך פאַרמאַכט די אויגן. שפּע־טער האָט זי בולטער דערשפּירט די כוואַליעס ליכט וואָס בלענדן אָן איר זינען מיט אַ שאַרפן הונגער וואָס וועקט, האַלט אונטער ס'חיות. ס'איז גע־ווען פון ראַפּטעמדיקן פאַרטראַכטן זיך אָן אַ קלאָרן פאַר וואָס. פון די לופט־פלאַכן וואָס איבער זיי האָט זי געשוועבט, האָט די פיליפּאָוואַ בעת־מ'מעשה געאָנט ווי פון א ממשות, פונקט אַזוי ווי די ליכטשטראָמען איבער וועלכע זי טרעט, בעטן־אויס אַ גרינגקייט פאַר איר עטוואָס פאַרענדערטן לײַב. יאָ, אירע פיס היבן זיך מיט אומאייגענע, ערשט געשאָנקענע כוחות. ס'איז דער וווּנדער פון די ענדערונגען, וואָס קומען אויפן מענטשן, ווען ער ריכט זיך אויף זיי צום ווינציקסטן! און ס'איר גליק וואָס זי נעמט דאָס נישט אין חשבון.

אויפן מאַרק האָבן זיך צעפּראַלט אירע אויגן. מיט טונקעלן בורשטין

גיט אָפּ יאַקאָוולעוונאַס בליק. אַזאַ שײַן לײַכט אויך פון אירע האָר. דער מאַרק האָט זי אויגנבליקלעך פאַרשלונגען. אַזאַ צונויפגעדראַנג פון מענטשן און דער געפּלאַם פון קאָלירן צעמישט דעם קאָפּ. זי האָט זיך אַזש אַ וואַקל געגעבן. ווי פרישקייט מיניעט און רופט! אייגנטלעך האָט זי נישט דאָ וואָס צו טאָן, — האָט זי זיך געכאַפּט — נישט זי באַדאַרף עפּעס קויפן, נישט זי באַגערט זיך אָנצופרעסן מיט די פּעטיקייטן וואָס זענען אָט־אָ פונאַנ־דערגעשפּרייט. דער זוכנדיקער בליק האָט די פּיליפּאָוואַ מיט אַ מאָל אָפּ־געניכטערט: וואָס זי זעט! אַ וואָגן מיט גילדיקע ציבעלעס הייבט זיך אין מיטן דעם געווימל; איבערגעבויגענע פּלייצעס שטויסן זיך איבער אייִנאַנ־דער אַרום ציבעלע־באַרג און איבער אַלעמען באַוועגט זיך בהמה־מעכטיק אַ באַלײַבטע פויערטע. אין זילבער־געטלי פון אַ קאַנטיקן קאָפּ שטייט זי. אַריבער איר הייבט זיך, דזשינדזשעט אויס א געקלימפּער פון א מטבעות־קייט, וואָס הוידעט זיך איבער איר בוזעם־אָנבערגלונג.

„ציבעלעס? ציבעלעס איז דאָך נישט קיין ברויט, קיין קאַרטאָפל! ס׳איז נאָר אַ געווירץ, אַ צוגאָב, נישט קיין עיקר צום עסן. טאָ וואָס אַזאַ געדרענג?״

די פרוי האָט געשטוינט אויף די וואָס זענען צוגעפאַלן צום וואָגן פון וואַנען עס טראָגט זיך דער ציבעלע־איבל.

— נישטאָ, נישטאָ־טאָאָאָ! — האָט דאָס ווײַבספאַרשוין אין דער הייך, אויפן וואָגן, ברייטביייניק זיך צעברומט אַקעגן די בלייכע, די בעטנדיקע; זי׳ט פון די הענט בײַ די ווײַבער, בײַ די אַלטע לײַט העזהדיק אַרויסגעריסן די ציבעלע־קעפּלעך! — גע־ע־גאַאַאַנ־גע־עען! באַלד צעבײַטש איך אַלעמען ווי די פוילע אייזלען! — —

אויף אַלע וואָס אָקערשט געהאָנגען איבער די וואָגן־ראַנדן, אויף די רעדער, האָט זי זיך געוואָרפן חולה־נופלדיק. צעטומלטע האָבן די מענטשן זיך פאַרענטפערט פאַרשולדיקטע, גלײַך ווי זיי וואָלטן אַריבערגערעדט צו דער אייגענער טויבקייט:

— אַזוי־ויוי טײַ־ײַ־ײַ־עער?!

ווייטיק האָט באַוועגט טרוקענע ווײַבערישע ליפּן, פאַרקלעמטקייט האָט געטריפט פון דערצונדענע מאַנצבילשע אויגן.

„טײַ־יי־עער״, — האָט עמעץ קרענקלעך נאָכגעקרימט.

„פון וואַנען נעמען אַזוי־וי פּי־י־יייל!״ —

באַנומענע זיך איבערגעקוקט מחמת דעם געקוויטש וואָס ס׳האָט אויפ־געהויבן דער פּלוצלינג אַרויפגעשפּרונגענער מקח אויף ציבעלעס: „הונ־

דערט רובל אַ קילאָ ליימיק ברויט, צוועלף רובל אַ פּאָר קאַרטאָפּליעס. אויך פּאָר ציבעלעס אַזעלכע שווערע רובלעס!? ווער וועט עס איבערהאַלטן!!״

— אַוועק! גנבענען געקו־ווו־מעעען!?

מיט איר פעסטן מויל האָט די פויערטע אויפן וואָגן אין אַ צעצויגן געשריי זיך צעהילכט איבערן מאַרק ווי מיט אַ האָרן און זי׳ט צוגעדריגעט מיט די פּיס אין די געקאַרבטע איטשיקעס* וואָס אין טיפע קאַלאָשן קונציק־צונויפגעקלעפּטע פון רעדער־גומי.

אָפּהענטיקע זענען די קונים אָפּגעטראָטן פונעם ציבעלע־בערגל. פון דער וואָגן־הויכער גופיקער קאַזאַכקע רעדט איצט שוין דער געקלימפּער פונעם מעטאַל איבערן מגושמדיקן בוזעם און ס׳האָט געפּאָכעט אַ בײַטש אין איר בייזער האַנט. איר צופוסנס האָט הכנעה שוין זיך געגאָסן פון אָרעמע אויגן.

— טראָגט זיך אָפּ, — האָט יענע נאָך אַ מאָל אָפּגערעשט.

— מעגסט זיך אַליין אָנפּרעסן מיט דער האַרבקייט! — האָט ווער זיך געמוטיקט, אָבער גישט געקענט אַוועקגיין.

— אויך דער קאָלכאָז וויל רײַך ווערן? אַ חוצפּה!

— איר שטייט נאָך! — האָט די ברייט־קיניקע פויערטע פון ס׳גײַ זיך צעכעסט און איר בײַטש האָט זיך אַ וויג געטאָן אַקעגן פּנים פון דעם לויטערן טאָג: — שוין צעקאַטעווע איך אײַער פּעל. נישטאָ־אָ וואָס צו זוכן. — דער קאָלווירטניצעס בייזקייט איז געפּאַלן מיט אַ ברי איבער די דערשלאָגענע. לסוף זענען אַלע אַוועק צעוואַקלטע פונעם אומצוטריטלעכן וואָגן. אויך וויערא יאָקאָוולעווגאַ איז צוריק געטראָטן צוגלײַך מיטן גע־זעמל, צו וועלכן זי איז צוגעשטאַנען אָן אַ צו וואָס. אָן אַ זײַט פונעם זידעניש האָט זי ערשט דערזען הויערן אויף דער ערד אַ פּאָר אומגע־הײַערע הויקער־רויִקע קעמלען. אויסגעטאָן פונעם אַליאַרם, וואָס עמעץ האָט דאָ צעמישט, שווימען זיי אַרײַן שלעפּעריקע, אַזוי האַריק־ברוין ווי זיי זענען אין צעגאָסענעם בלענד וואָס די זון האָט ברייט אַרומגערי־סעוועט.

ס׳איז געווען אין סאַמע אָנהייב פון דעם זייער וואַרעמען קאַזאַכס־טאַנער פרילינג. די באַרג־שטעגן האָבן זיך נאָך געטרונקען אין די צע־שמעלצנדיקע שנייען וואָס נידערן אַראָפּ מיט געקראַך פון די שטײַלע

* ווייכע לעדערנע שטיוועלעך, ווי זאָקן.

שיפּועים און זיי שפּרייטן זיך אין אײַליקע שטראָמען. געווען צו גליטשיק פֿאַר די וועגענער און צו זומפּיק פֿאַר די קלאָען פֿון די שלעפּ־חיות. נאָך ווינציק קאָלכאָזניקעס האָבן זיך געוויזן אויפֿן מאַרק, אָבער דער געזשום האָט זיך שוין געשטעלט אַ באַשטענדיקער. פֿון הינטערשטאָטישע קיביטקעס האָבן פֿויערטעס אַרויסגעבראַכט עטלעכע פּאָר אייער פֿון אַ היימישער הון, אַ געדראָטעוועט קיישל מיט ציטעריקע קראָליקעס; אַנדערע האָבן אויף אַ גראָב־לײַוונטענעם טרעטערל אַוועקגעשטעלט אַ פֿאַרשאַרצט טאָרבעלע מיט קלעצלעך שאָפנקעז, שימלגרינע, טרוקענע, געזאַלצענע און האַרטע ווי די שטיינדלעך. עמעץ האָט אין אַ שיסעלע געהאַלטן עטלעכע צוגעברוינטע פּלעצלעך לעפּיאָשקעס פֿון שטוביק־צעמאָלענעם קוקורוזע־מעל. אַ שיטער־בערדלדיקער קאַזאַך פֿון אַ טאָליקן קישלאַק איז וויגנדיק אויף אַן אייזעלע פֿאַמעלעך אַרײַנגעריטן אין מאַרק און זײַנע פּיס, הענגענדיקע אין צעטריקנטע טשיזמעס, האָבן באַשמעקט די ערד וואָס איז אים אַנטקעגן געשפּרונגען. בײַ די זײַטן פֿונעם אייזעלע האָבן זיך געבלאָזן לאָגלען מיט געדיכטלעכער צוואָרעך־מילך. אָפּגעשטעלט זיך אין דער שורה פֿון ווײַבער־הענדלערקעס האָט דער דאַרער, זון־צעברוינטער מאַנצביל אין זשופּאַן באַלד געעפֿנט זײַן מסחר:

— נעמט, גוטע, פּעטע קעזמילך, — האָט ער אומגעשיקט זיך געפּלאָנטערט אויף אַן אָרט, מבולבל געדרייט דעם קאָפּ אַהין, אַהער, עפּעס איבערבעטנדיק געקוקט אויפֿן בהמהלע. מעכאַניש באַוועגט זיך זײַן קנאַפּ באַוואַקסענע גאָמבע און זײַן האַנט, איין האַנט צעעפֿנט אײַנצײַטיק די לעפֿצן פֿונעם לאָגל, וואָס איז געבליבן הענגען אויפֿן רימען־פּאַרט פֿונעם נעבנוואַרטנדיקן אייזעלע. אַזוי־אָ אַוועקגעשטעלט דאָס באַשעפֿעניש, איז עס געבליבן גליווערן אין מיטן שטוינלעכן רופֿן פֿון זײַן באַלעבאָס:

— נעמט, גוטע, פּעטע, — און דאָס משונהדיקע האָריקע גולמל האָט נישט קיין באַוועג געטאָן מיט די גלאָזיקע קוקערס. פֿון צײַט צו צײַט האָט נאָר אויפֿגעציטערט זײַנע אַ ריפּ. דאָס האָט אַ בייזע פֿליג זיך אַרײַנגעשטאָכן אין זײַן פֿעל, געזומען נאָגן, זייגן ס'בהמהשע בלוט. — נעמט, גוטע, — האָט דאָס פֿויערל גערופֿן מיט קורצע איבעררײַסן, אָבער מענטשן האָבן זיך נישט צוגערירט צו זײַן מילך. דערהערט זײַן שוואַכלעך רופֿן, האָבן לײַט זיך נאָר אָפּגעשטעלט, חשוד אים אָנגעקוקט און זיך דורכגעשלײַכט. אַן אומגעדולדיקער האָט דער קאַזאַך אינדעם אַ צי געטאָן אַ פֿאַרגאַפּטע באַלעבאָסטע בײַ דער פּאָלע פֿון קלייד:

— דו, זע מײַן מילך, זי איז באַטעמט, פעט. מײַן װײַב האָט פריש אָנגעגאָסן. נעם, װאָלױל. איך האָב נישט קײן צײַט.

זײַן ליפּ האָט האַסטיק, אָפּוואַרטנדיק זיך אַראָפּגעלאָזן, אָנגעשאָטנט טרויער אויף זײַן גאַנצן קנאָכיקן פּנים. אַזוי אַרום אויף ס׳כּוח געפּרוווט זײַן מזל, אָבער מ׳האָט זיך צו אים נישט געוואָלט אויסדרייען.

— טראָג זיך אָפּ! ברוציליאָזנע * מילך איז דײַנע.

— אויף אַן אמת, — האָט אַ באַלעבאָסטע זיך אָנגעכמורעט אויפן פּויערל און אָפּן זיך געמיאוסט פון אים: — עך, ברודיקער! דעם אינספּעקטאָר לאָז עס פּרובירן, אַלטער, הע־עער־סט? — און האַסטיק זיך אָפּגערוקט פון אים.

— ליגנערקע! ברוציליאָזנע איז דײַן לײַב, — האָט דער מענטש אומ־דערוואַרט פאַריאַכמערט זיך צעשריגן אויף דער שלעכטער.—פריש די מילך, אַ געזונטס מײַן קיִעלע. בלויז מײַן טאָכטער איז קראַנק. ראַכיל דאָס װײַב באַדאַרף רובלעס. פאַרן ספּעקטאָרס פּאַפּירל נישטאָ געלט! דו אַ ברוצי־ליאָזנע שטיק!

אָנגעשפּיצטע האָבן לײַט זיך אַרומגעשטעלט דעם פּלוצלינגן געשריי. דעמאָלט זענען טרערן אָנגערונען אין דעם פּויערס אויגן און זיי האָבן צעציטערט זײַן פּנים. באַליידיקונג און שרעק האָבן גענומען וואַרפן, אָנקראַמפּן זײַן האַלדז, די אַקסלען. און וואָס מער מ׳האָט זיך צונויפגעע־דרענגט אַרום וויינענדיקן מאַנצביל, אַלץ היסטערישער האָט ער זיך גע־ריסן פון ווייטיק: — גנבטע! זעט אַ גנבטע. אומזיסט וויל זי צונעמען! זײַנע באַקן האָבן קאָנוולסיוו זיך געקרימט און די הענט ראַפּטעם אויס־געצויגענע צום נשתוממדיקן אייזל — האָבן האַסטיק געעפנט דאָ איין לאָגל, דאָ דעם צווייטן, זיי איבערגעקערט אויף אַראָפּ, אַראָפּ. זײַן מויל האָט בעת־מעשה נישט אויפגעהערט פאַרעקשנט אַרויסצוויינען אין איבער־חזרונג: — יעדער מענטש זעט איך וואָר זאָג. הײַנט פריש פון אויוון די צוואָרעך־מילך. ניין ניין (האָט ער זיך שוין שאַרפער געריסן אויפן האַלדז), נישט ברוציליאָז! — בײַ יעטוועדן אָפּאָטעמען האָט אַ שטאַרקער כליאָפּ טרערן אַ שפּריץ געטאָן פון אים. מתוך צער פאַרן צעיאָמערטן פּויערל האָט עמעץ שעמעוודיק אונטערגעשמייכלט: „מ׳דאַרף נישט אַזוי. באַשײַמפּערלעך אַן אָרנטלעכער דער...“ אַן אַנדערער האָט, ווי פון אַ

* ברוציליאָז — אָנשטעקנדיקע קרענק בײַ בהמות. אַ מין שווינדזוכט וואָס טראָגט זיך איבער אויף מענטשן.

פרעמדן יאַריד אָט־אָ געקומען, סתם געפּרעגט אין אַן נאָענטן אויער אַרײַן הלמאי עס איז אַזאַ בהלה. און האָט די פרוי, וואָס האָט אַזוי־זיך געוואָרפן דאָס וואָרט „ברוציליאַזנע“, געגומען רעכט זיך דערוויטערן, האָט דער כליפּנדיקער קאַזאַך ראַפּטעם אַרויפגעריטן אויפן אייזעלע, אים אַ שטורכע געטאָן מיט אַ צווייגל אין די זײַטן און מיט אים זיך געקערעוועט צום אַרויסגאַנג פון מאַרק.

געלאָסן ווי מיט די טריט פון אַ בעל־מוח, האָט ס'אייזעלע געשפּאַנט אַרויס צו דער גאַס און אין זײַנע שליאַדן זענען פּאַר אַ שטיק וועגס געלייגט געוואָרן פעט אָנגעיווירענע ווײַסע צייכנס פון דער געדיכטער מילך, וואָס איןביידע זײַנע לאָגלען.

אָנגעבויגן צום בהמהלע, האָט דער פויער מיט אײַנגעשפּאַרטקייט, בייז, מער איבערגעקערט די לאָגלען, דאָ איינעם, באַלד דעם אַנדערן און אַזויערנאָך געלאָזן הינטער זיך אַן אָנגעבלעזלטן שימל פון זײַן כעס —

גלאַנציק צעגאָסענע שפּריצן פעטלעכע ווײַסקייט האָט ער געשפּרייט אַרום דעם מאַרקישן דרויסן. אַזוי אַריבער אַ מהלך גאַס.

ביז וואַנען די פעלענע בײַטלען זענען נישט געוואָרן אויסגעליידיקט פון דער סחורה, וואָס געבראַכט אויפן מאַרק אַרויף, האָט דער קאַזאַך פּאַוואָליע, פאַרביסן זיך באַוועגט אויפן אייזל און אַזוי־אָ אָפּגעגאַנגען אין שווייס פון קרענקעניש. ס'איז געווען זײַן וויטיק מחמת די רובלעס, אַלע רובלעס וואָס בחוש אָנגעחלומט בעתן רײַטן אין שטאָט אַרײַן, האָט ער ערשט מיט רוגזה צעוואָרפן מיט די אייגענע הענט. ר'האָט געשפּירט ווי שטיקער פײַער וואָלטן געבריט זײַנע דלאָניעס:

„ס'שלעכט די שטאָט! פּאַלש די לײַט. פאַרגינען נישט!“

פּטור געוואָרן פון דער צוואָרעך־מילך, האָט דער צעיאַכמערטער מאַנצביל מיט האַסט אַ שטויס געטאָן דעם אייזל. ס'בהמהלע האָט אַ הייב געגעבן די זײַטן מיטן קאָפּויער־שטייענדיקן שערעך און גענומען אײַליק שטעלן טריט. דאָס פּנים פונעם קאַזאַך האָט אותו הרגע זיך צעשניטן אין אַ יסורימדיקער גרימאַסע: „פּאַרן אינספּעקטאָר אָנגעקליבן לאָגלען מילך! אַ רוביערישער בערקוט * דער ספּעקטאָר! אַן געלט בלײַבט ראַכילי!“ און אים האָט נישט אויפגעהערט סטוקען אין די שלייפן: „אומעטום ספּעקטאָר! ביטער דער ספּעקטאָר!“ דער בליק האָט אים געטונקלט אַנט־

* באָרג־אָדלער.

קעגן דעם אָנשטראָם פון ליכטיקן טאָג. דערנאָך האָט דעם מענטש שאַרף געטערערט דאָס האַרץ:

— לײדיקגײערס פלאָנטערן זיך אויפן מאַרק! אונטערהעלפערס פון די געמײנע דרײען זיך צווישן די לײַט. כ׳האָב שוין דערזען.

...װיעראַ יאַקאָװלעװנאַ איז געװען צװישן די, װאָס האָבן אין קרענצל צוגעזען דעם צער פונעם תמעװאַטן קאָזאַך, װעמען מ׳האָט אָפּגעשראָקן מיט זײַן צװאָרעך־מילך. װען ער האָט צופּ׳סנס פון גײענדיקן בהמהלע צאָרנדיק אויסגעגאָסן די לאָגלען, איז אין דער לעגינגראַדערן אויפגע־גאַנגען אַ צאַפּל פון פאַרצװײפלונג: אַזאַ קען טאַקע אומקומען. מענטשן האָבן נישט קײן רחמנות! און איר האָט פאַרקװעטשט די ברוסט, װען עלטערע קויטיקע לײַט, אַרומגעפליקטע קינדער האָבן נאָכגעאײַלט דעם רײַטנדיקן פויער און אַלע מאָל זיך אָנגעבויגן צו דער ערד װו עס זענען געפאַלן די פרישע אויסגעגאָסענע שװערע מילך־פלעקן. די אָרעמע האָבן פלײַסיק געטינקט די פינגער אין די קאַלך־װײַסע „אויגן״ פעטיקײט און להוט זײ אויסגעלעקט מיט די ליפּן, געלעקט מיט די צינגער אָן דער ערד. דערצו זיך אויסגעצװיגן אין שטויב. דער בערדלדיקער רײַטער האָט דעמאָלט נאָך געהעשעט פון טיף באַנומענער אַנגסטקײט. אָבער קײנער האָט אים שוין נישט געזען. די קבצנים װאָס בראָדזשען אַרום נעבן קאַל־כאָזנעם מאַרק האָבן נאָך לאַנג נאָכגעשפּירט דעם טעם פון אָנגעשפּרענגטן שיטערן צװאָרעך. דער פיליפּאָװאַ האָט דאָס געזעענע אַהײם געטריבן. אַן אומגעריכטע פאַרטונקעלונג װאָס דער צעזאָטענער מאַרק האָט אויף איר אָנגעיאָגט, האָט אונטערגעשמיסן אירע פיס. מיט װאָס פאַר אַ נויט ער שלאָגט די מענטשן! — האָט עס געליאַרעמט אין איר און זי׳ט זיך נישט פאַרגונען רו׳יק אָפּצועסן איר באַשײדענע מאָלצײַט. „אומגליקלעכע, דו באַקלאָגסט זיך נאָך, טאָכטער פון יאַקאָװ דימיטריטש, דו פיליפּאָװאַ״, — און באַנײַס זיך געטריבן צו פלײַס בײַ איר שטריקערײַ.

די קאָלירן און ריחות פון דערװאַכטן פעלד און גאָרטן אין מיטן די דורכװיסיקע זאַמדן פון גרויסן לאַנד האָבן פון דעסטװעגן דער פרוי נישט געלאָזן לאַנג דערװײַטערט פון קאָלכאָזנעם מאַרק. ס׳האָט ממש געטריבן צום שוין באַװוסטן װעג. װײַל מיטן אָנקום פונעם פרילינג באַװײַזן זיך אויפן מאַרק פרישע רײצן פאַרן אינסטינקט פון דעם הונגער װאָס גיט לעבן — און שכנים ברענגען עס דיר פאַר דער נאָז, אויך די גאַס דערצײלט דערפון. אין אַ נאָװינע האָט װיעראַ יאַקאָװלעװנאַ טאַקע דערשפּירט די

שאַרפקייט פון יענע ווײַט־גרייכנדיקע לאָקונגען, וועלכע מ׳איז נישט בכוח זיך אַקעגנצושטעלן, בפרט אַז אַזוינס האָט זי נישט אָפּגעפּילט פאַר דער לאַנגגאַניקער פאַרלוירנקייט אירער אין די־אַ קאַנטן. ווי אין אַ טומאַן פון אומקלאָרע שפּירונגען האָט עס דער פּיליפּאָווצאַ אַרויסגעטריבן פון איר קעמערל און זי פלעגט בלאָנדזשען אויפן צערוישטן מאַרק ווי איבער די כוואַליעס פון אַ צעזוניקט פריידיקן טײַך.

*

אָנגעשטאָנען דער פרילינג האָט וויערא יאַקאָוולעוונאַ אָנגעהויבן לעבן אינטענסיווער. אַזוי איז עס שוין אויסגעפאַלן. אויף איר האָט גע־נומען שפּאַרן דאָס געפיל אַז ס׳איז שוין אַוועק די דערוווּיַליקייט פון איר זײַן אין דער דאָזיקער באַרגיקער שטאָט. נו, זי איז אַרומגעוואַקסן געוואָרן ווי מיט נאָך אַ הויט. נייע מענטשן רינגלען זי אַרום, אַנדערע געווינהײַטן זענען אַרײַן אין אירע טעג און זיי ווערן איר אייגן. אויך דער געדאַנק, דאָס געוויינטלעכע טראַכטן וואָס אַ מענטש טראַכט, איז אַרומגעוועבט געוואָרן מיט אַ נײַ, אַ געענדערט פילן. אַפילו די בענקשאַפט צו די איי־גענע איז אַ ביסל — דערוווּיַטערט. אַצינד מוז זי זיך ריכטיק גלײַכשטעלן. ראשית האָט זי אויסגעפונען אַז איר קעמערל מאָנט אַ באַלעבאַטיש אויג. ס׳איז איר אַ חרפה דער באַשטאַנד, אויב אַ זײַטיקער זאָל זיך אַרײַנווײַזן אַהער. און זאַכן בעטן מ׳זאָל זיי איבערלופטערן, אויסבאַרשטן, אַנדערע באַדאַרף מען אײַננאַפּטאַלירן. אַוועק די פריקרע חדשים. אָבער קעלטן פאַרגייען אויף צוריקקערן זיך. שנית פאָדערט זומערלעב מער אויפ־מערקשאַפט פאַרן אייגענעם אויסזען. סוף כל סוף איז זי אַ פרוי. זי מוז קומען צו מענטשן, זי באַדאַרף „זיך האַלטן״, כדי דער מאַן זאָל האָבן נאָך עפּעס אַהיים צו נעמען, — און אויף איר מויל האָט אויפגעלעבט אַ שמייכעלע. וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט אָנגעהויבן קוקן אין שפּיגל אַרײַן. זיך דערמאָנט אין אירע בלוזעס, אין די בעסערע קליידער, אין די שיך מיט די הויכע קנאַפּל: „אַזוי מוז עס זײַן״. מיט אַלע פיבערן פון איר בלוט האָט די פּיליפּאָווצאַ דערפילט אַז ס׳רוקט אָן די צײַט פון ענדערונגען. קלאָר, דער מענטש באַנײַט זיך באַגלײַך מיטן דרויסן. שטענדיק אין פרײַ־יאָר טיאָכקעט זיך אָן די ברוסט מיט מטושטשעשע צ׳יענישן. הײַנטיקס מאָל — מער ווי אַן אַנדער יאָר, דאַכט זיך איר. איצט איז זי אין אַ באַזונדערן מעמד און — אַנדערע אויגן קוקן אויף איר. זי אַליין מוז געדענקען אין זיך. ס׳דאַרף נישטאָ ווער עס זאָל זיך דאגהן פאַר אירעטוועגן, נישטאָ אַרקאַ,

נישטאָ די קליינענקע וואָס פלעגט שטויסן: מאַמאַ, טו זיך איבער: מאַמענקע, פּרווו נאָר דאָס אָנטאָן!

די פיליפּאָוואַ האָט פון ס׳נײַ באַנומען אַז זי טאָר נישט בלײַבן צוגעזעסן צו איר ווינקל. זי באַדאַרף זײַן מער צווישן מענטשן און בכלל, ווערן זעלבשטענדיקער אין דער דאָזיקער פרעמד. אַ מענטש איינער אַליין דאַרף מער אַנטוויקלען זײַן ענערגיע, אַנישט פאַרלירט ער זיך. דער לאַנגער ווינטער איז תמיד אַ פאַרשפּילטע צײַט. איצטער מוז זי אַרויס פון גליווער. זי האָט אַזוי טאַקע אײַנגעשטעלט די נײַע טעג: פלײַסיקער אָנגעהויבן זאָרגן פאַר איר דערנערונג (ס׳איז הייך־מאַטעריאַל פאַרן קעסל וואָס טאָר נישט אויסקילן), שטאַרקער זיך אָפּגעבן מיט דער אַרבעט פאַרן אַרטעל. „דער רובל וועט נישט אַליין צושווימען, אויב זי וועט אים נישט ברענגען אויף די פּלייצעס!" עפּטערס איז זי אַוועק געוואָר ווערן צי ס׳קומען אָן צוגן פון צפון. אפשר...? אויב אַ רייף איז צו פיל אָנגעצויגן, מוז זי פּלאַצן — דער דײַטש מוז אָנשווילן אויפן גאַנצן צעגאָסענעם לײַב פון צו פיל נצחונות. — — וויערע יאַקאָוולעוונאַ פלעגט אויך עפּטערס אַוועק צו די באַקאַנטע פרעגן נײַסן. כאָטש אײַנגעקלעמט דאָס לאַנד, רײַסן זיך דאָך דורך איינצלנע מענטשן. ס׳הערט זיך: געראַטעוועטע פון די בראַנדן קומען ווידער קיין אַלמאַ־אַטאַ. די שטאָט איז געוואָרן אַ צענטער פון פאַרבלאָנדזשעטע, אויסגעצערטע. אַהער ציִען ווידער סײַ ניצול געוואָרענע פון פײַער, סײַ אַנטרינענע פון פאַרכאַפּטע געגנטן. אַ דאַנק פּאַרטיזאַנער געלינגט אויך עמעצן זיך אַרויסצוקריגן פון דער פּאַסטקע. אַלמאַ־אַטאַ איז שוין אַן עדות פון לעגענדאַרישע מעשיות, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּילט אין פאַרלענדטע שטעט, ווו ס׳איז נישט געבליבן קיין אָרט פאַר אַ לעבעדיקן פויגל, פאַר אַ וואָרעם אין שפּאַרע. פריִער ערדציטערנישן, אַצינד — דער בלוט־מבול. עלטערע קאָמאַנדירן, אָנגעלענטע אויף קוליעס, הערן נישט אויף פונאַנדערצוּוויקלען די פאַנטאַסטיק פון דער אומגעהאַרישער מילחמה, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין אַ פײַער פון גרויליקע טויטן. עס רוישן בלוט־שטראָמען, כאָטש לאָז איבער זיי שיפלעך, ווײַל איינציק אויף זיי קענען זיך אפשר דורכקריגן די געבענטשטע פונעם נס אויסצומײַדן דעם אומקום־פלאַקער וואָס בושעוועט, פאַרצערט וועלטן ממש.

זקנים האָבן געשטוינט און זייערע האָריקע אויערן־לעפלעך זענען רויט געוואָרן, — אַזאַ העראָישקייט! הילציק האָבן געקלאַפּט זייערע ליפּן.

— אַפילו קליינע קינדער, זאָגן זיי, טוען שליחותן פאַר דער אַרמיי

אין שלאַכט; אין פראָסט און רעגנס קאַראַפּקען זיך די ייִנגלעך און מיי־דעלעך איבער סכנות. זיי ווייסן שוין דעם הויכן פּרײַז פון האַס צו די מנוולים!

ווײַבער האָבן געשלוכצט אין אַנטציקונג:

— העלדן־רום בליט אויף די שטערנס פונעם יונגוואַרג, וואָס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די אינדזעלעך, וואָס זענען ערגעץ־ווו נאָך פרײַ פונעם סם דעם פײַנדס. אָ, דאָס יונגוואַרג!

די פיליפּאָוואַ האָט ערשט געלעבט אַ־לעוודיקער. אַ סך געאַרבעט און שוין זיך נ״שט באַגנוגנט מיטן וואַרטן אויף אַ בריוו. זי האָט גענומען זוכן ממשותדיקע פאַרבינדונגען מיט איר באַלאַגערטער היימשטאָט. דער־מאָנט זיך ווידער אָן יורי אַריעכאָוון, איז זי צו אים צוגעשטאַנען:

— באַנעמט, חבר אַריעכאָוו, — איך קען נישט מער, בשום אופן נישט, איך מוז וויסן וואָס עס טוט זיך אין שטוב! — זי האָט געבעטן בײַ אים לפּחות אַ פּעדעמל אויף אָנצוקניפּן זיך אין אַרקאַדין, הערן וואָס עס איז מיטן טעכטערל, מיט באַריאַן. ס׳אַ קליינע מישפּחה, נאָר פּאָר מיר, פרײַנד אַריעכאָוו, אַ גאַנץ לאַנד, אָבער אָן שום סטראַטעגיע ווי אַזוי עס צו ראַ־טעווען. העלפט זשע אַ געבליבענעם אַליין אויפן שלאַכטפעלד, וואָס איז פאַרלאָזן פונעם אָנגרייפער, אָבער קיין פּאַרויס איז נישטאָ. דאָרט, אין געראַנגל, לעבט מען יאַקאָש. ס׳איז מיר אַ חרפה — די נשמה צאַנקט, — און זיך צעקלאָגט.

אין אַ וואַקס־מאַסקע איז זײַן בליק דאָס מאָל געהאַנגען אַקעגן איר. לסוף האָט ער זיך אַ באַוועג געטאָן, אָבער קיין איין וואָרט נישט אַרויס־געקראָגן פון זיך.

— זאָגט אַליין, איז נאָך מעגלעך אַזוי־אָ? — האָט זי פון ס׳נײַ געזוכט בײַ אים אָן ענטפער.

— געדולד, פיליפּאָוואַ. ס׳וועט שוין קומען.

ענדלעך, ענדלעך האָט זי אים דערהערט.

— איך האָב געוווּסט אַז איר וועט עפּעס צוטראַכטן. אויסשטרעקן אַ האַנט. איך פאַרשטיי, — האָט די פיליפּאָוואַ אָנגעהויבן מאָנאָלאָגירן — נאָר אין איבערשיקן אַ פּאָר ווערטער גייט עס: כ׳לעב, איך וואַרט אויף דיר, אַרקאַדי, אויף אַ גרוס פון טעכטערל קוק איך אַרויס. אָ, וואָס פּאַר אַן ערנסטער טוער עס איז מײַן אַלטעטשקער. איר קענט אים נישט. אַ שאָד. איך זאָג אײַך, אַ מוסטער־מענטש. האָט נישט פּאַראיבל, וואָס איך

דערלויב זיך עס (קוקט זיך אַרום נערוועז); דאָך אַן אייגן ווײַב, ריכטיק? ס׳נישט שיין. איך מוז אָבער זאָגן אַז בעתן בירגערקריג איז אַרקאַדי סערגייעוויטש געווען קאָמאַנדאַרם אויפֿן ווייסרוסישן פראָנט. נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער אָפיציר מײַן מאַן, נאָר אַ פּאַרטרוילעכער פון דער פּאַרטיי, אַן איבערגעגעבענער. סאַמע ערנסט איז זײַן כאַראַקטער. האָט פײַנט זיך אַרויסצושטעלן מיט זײַנע אויפטוען. ווער בין איך עס? — זאָגט ער. אַ געוויינטלעכער אַרבעטער, אַ מעטאַלורג, וואָס האָט שוין פאַרגעסן דאָס פֿאַך, כאַ־כאָאָ. פון דזשערזשינסקין אַ פריינד, אָבער מוראדיק באַשיידן. אַ שטייגער איצט קען מע זען זײַן פּשוטקייט. אַרום אים ברענט, אַרקאַדי סערגייעוויטש איז שוין פאַרוווּנדיקט און פון שטאָט וויל ער נישט אָפּ־טרעטן. ער׳ט נישט אַוועק פון די פּאָזיציעס. ס׳איז נישט גרינג אָנגעקו־מען, טענהט ער. כאָטש ס׳איז סכּנות, וויל ער דאָס אָרט נישט פאַרלאָזן. אַלעמען טראָגט ער אַנטקעגן זײַן געטרײַשאַפט, דער אַלטער. יאָ, אַ יאָר צוועלף האָט ער מער פון מיר, אָבער אַזאַ ווילענקער, האָט פײַנט זיך צו אַפּישירן. רעכט, וואָס איר טראַכט: אַ באָבע רעדט נאַרישקייטן, חבר אַריעכאָוו. נעמט נישט פאַר אומגוט. כ׳מוז זיך באַרומען. אַרקאַדי סער־גייעוויטש איז ווי אַ גוט קינד וואָס מ׳דאַרף נישט זעלטן אַרויספירן פון שטוב אויף לאַנג, אַז עס זאָל זיך קענען דערנאָך דערמאָנען אַז ס׳מוז אויך עסן. ער פאַרגעסט אַז אים איז איבערגעגעבנפערט דאָס לעבן פון אַ פּאַמיליע, זײַן לעבן איז געכפלט אויף מײַנס, דער טאָכטערס, דעם איי־דעמס, וואָס איז אויך אַ קינד אין דער מישפּחה. ס׳נישט קיין קליינקייט, חבר אַריעכאָוו. אין פאַרחושכטן לענינגראַד איז ער איצטער נישט נייטיק, אָבער ער מיינט אַז ער קען פעלן ערגעץ. אַ צרה מיט דעם מענטשנס געטרײַשאַפט! דאָ, גלייבט מיר, וואָלט ער אײַך געווען אַ גוטע האַנט. ניטשעוואָ, מע דאַרף אַ פּרווו טאָן אים אַרויסצוציִען פון דאָרט. איר מעגט בעטן אינפאָרמאַציע וועגן חבר פיליפּאָוו, — שטעלט זי זיך שוין אויף. לאַנג זיך פאַרזעסן, זאָגט זי. איך וויל האָפן, איר וועט דאָס טאָן פאַר מיר, פאַר אים, רעכטפאַרטיקער חבר אַריעכאָוו. אמת, אויך איר אָנער־קענט אַז ס׳איז נישט קיין קאַפּריז פון אַ פרוי? ס׳איז מענטשלעך דער ווילן צו וועלן וויסן פון אַ היימישן. אַפילו דער ווילן צו זײַן באַנאַנד איז אַ ווילע זאַך, וואָרן ווי אַנדערש אויפהאַלטן די געזעלשאַפט, דאָס פאָלק! — איר זאָגט צו? אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק דעם פאָרזיצער פון שטאָט־סאָוועט. איר זענט וווּנדערלעך, חבר אַריעכאָוו!

זי איז געשטאַנען מיט צעפלאָמטע באַקן. פון זײַן הערעוודיקער פאַר־גליווערטקייט האָט ער אויסגעשניטן אַ בלאַסע מינע און זיך צוגעבויגן צו איר מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

— גייט מיט געזונט, וויערא יאַקאָוולעוונאַ. מירן טאָן צו באַגע־גענען זיך מיט די פיליפּאָווס אין פולן קרייז. מיר באַדאַרפן ליבע מענטשן. פרווון וועט נישט שאַטן, זאָגט איר? הע־העע, דאָסווידאַניאַ! זײַן שמייכל האָט איר נאָכגעלויכטן. אַ טײַערער מענטש, דער יורי זאַכאַריע־וויטש, — האָט איר גאַנצער מהות אַ פּליסטער געטאָן אין איבערגע־נומענקייט.

*

אַ גליקלעכער טאָג, וואָס האָט זיך צעקלונגען מיט אַלע ליכטיקייטן, איז געווען פאַר וויערא יאַקאָוולעוונאַ ווען דער פּאַרזיצער פון שטאָטישן איִיספּירקאָם האָט בײַ איר צוגענומען דאָס דריבנע בריוועלע, וואָס דאַרף מיט אַ געלעגנהײַט אָפּגעשיקט ווערן מיט אַ מיליטערישן אַוויאָן אין דער בלאָקירטער לענינגראַד. פאַראַן קאָנטאַקטן מיט דער קעמפערישער שטאָט, וועט מע זיך באַמיִען אָפּזוכן דעם אַלטן פּאַרטייעץ, — האָט דער אַלמאַ־אַטינער פירער אָפּגעמאַכט בײַ זיך.

דעמאָלט איז די פיליפּאָוואַ געווען באַזונדער גוט אויפגעלייגט. כאָטש שוין לאַנג נאָך דער פאַרבליטער צווייטער יוגנט אירער, האָט זי זיך געטראָגן גראַציעז און דאָס סאָליד געבלימלטע מאַרגאַזעט־קלײדל האָט אונטערגעשטראָכן די ווײַבלעכקייט פון איר פולבלעכער מיטלוווּקסיקער געשטאַלט. אַזוי־אָ, אַן אויסגעפּוצטע, האָט זי נאָכן אָפּגעבן דאָס בריוול אין שטאָט־סאָוועט, זיך געלאָזן צום קאָלכאָזנע מאַרק. הײַנט וועט זי זיך גופא פּראַווען אַ באַל, האָט די פיליפּאָוואַ געשמועסט מיט זיך, ווען זיך געלאָזן אַראָפּשטאָט. דער טאָג האָט געמיניעט מיט אַלע בלאָקייטן פון די ווײַט אויסגעשפּרייטע הימלען, וואָס האָבן זיך דורכגעוויגט דורכן אַזשור פון דיביימערדיקע גאַסן און זיך אָנגעשפּאַרט אויף די פּלאַטשיקע דעכער פונעם גרויסן ישוב.

אויפן מאַרק האָט די פרוי, כאָטש אַ באַזאַכטע, זיך אַ הוידע געטאָן אויפן טומל פונעם אײַנגעזאַמלטן המון וואָס איז פונאַנדערגעגאָסן איבערן צעברויזטן ליכטפּליין. מיט די אויגן האָט זי זיך געוואָרפן אויף די גוטסן, אַרויסגעבראַכטע אַהער אין געפלאָכטענע קוישן, אין אָנגעפּאַקטע זעק, מולטערס און סתם פונאַנדערגעוואָרפן אויף דער ערד. הפּנים, אין פרייד

מיט דער נײַער זון, האָט עולם אַרויסגעצויגן פון די באַהעלטענישן אַל־דאָס פאַרהוילענע. אָרעמקייט, זאָגסטו, יאַקאָוולעוונאַ, ווײַנט דאָ, אַז ערשט וואַלגערט זיך פאַר דיר אַזאַ עשירות. נישט צו גלייבן: אַזוי פיל ליגנערס זיך אָנגעפּלאָדיעט הי, אַ שטאָט פול מיט געקרעכץ און אָקערשט אַזאַ הו־ליאַנקע פון חלום, צי אַ — חוזק!?

אָנגעזאַפּט זיך מיט די ריחות־קאָלירן וואָס האָבן זי ליכטיק צעמישט, איז די פיליפּאָוונאַ אַ רגע געבליבן שטיין פאַר אַ הענדלערקע, אָט ווידער אַקעגן אַ קאָלכאָזניק און נישט געווי באַנומען וואָס זי זעט, וואָס זי באַ־גערט אייגנטלעך מיטן קומען אַהער. אין אמתן — וואָס האָט איר אַזוי אַ טראָג געטאָן פון קעמערל אַרויס? אַן אויגנבליק האָט זי זיך גאָר פאַר־לוירן. דער רויש האָט זי צעוויגט, די זון — געבלענדט. פאַרטראָגן אין אַ שיכרות פון נישט־דאָיקייט, האָט די צוזאָגנדיקע נײַקייט געפירט איר שריט ווי אין אַ טומאַן.

אַ זקן, קריפּל־געבויגן ווי אַ טרוקענער איילבירטבוים, האָט לסוף מיט אַ העקל אָפּגעהאַקט פאַר דער פיליפּאָוונאַ אַ שווערן פּענעץ פון קאַרשן־רויטן ריזיק־זאַפטיקן בורעק, אָפּגעוווגן אַזעלכע בײַכיקע, משונה גרויסע קאַרטאָפל און זי נאָך באַשאָנקען מיט אַ ברייטן שמייכל, אַן ערשטיקן שמייכל אין אָט־דעם אָאַזיס פון עלנטן פרילינג:

— שויך, דאָס אַלץ. מער האָב איך נישט פאַר דיר, טאָכטער פון דער פרעמד. מע דערקענט עס אין דיר, ווילענקע. — דער אַלטער האָט צע־שפּרייט זײַנע בײדע הענט מיט אַ מינע פון רחמנות צו זיך אָדער אפשר צו איר? מיט קנאה־גלאַנץ פון זײַנע פערלמוטערנע ווײַסלעכער האָט ער דערנאָך לאַנג נאָכגעשפּירט איר געשיקט געגנגל. איבערן זקנס אונטער־שטער ליפּ האָט בעת־מעשה געציטערט אַ זשאַווער־געלבלעכער וואָרצל פון צוויי לעצטע קרום־פאַרפלאָכטענע ציין אין זײַן אויסגעטשערבעטן מויל.

בײַ אַ געשטעל האָט די פיליפּאָוונאַ נאָך געקויפט אַ שקאַרמיץ גע־טריקנטע פײַגן, אַ מעסטל אַלט־געפּלעקטע עפּל און אַ באַלאָדענע מיט פלוצלינגן אומקלאָרן טראַכטן זיך געלאָזן אַרויפצו צו דער אייבערשטער טייל שטאָט. זי איז צוריק אַוועק אַהיים.

יענעם טאָג האָט ווערע יאַקאָוולעוונאַ צום ערשטן מאָל אין אַלמאַ־אַטאַ געפונען דעם קלעפּיק־ווײַניקן טעם פון בורעקעס־באָרשטש, וואָס שמעקט מיט נײַער היימישקייט.

די פּיליפּאָוואַ האָט דעמאָלט זיך דערפֿילט אַזוי, גלײַך זי וואָלט אַרײַן אין טאָן פֿון אַ מעלאָדיע וואָס גייט זיך פֿונאַנדער אַרום איר. עס איז געווען דער גילדערנער קרײַז פֿון זון און דעם זאַפּט פֿון אַזיאַטישן פֿרילינג, וואָס קומט מיט הויכן ליכט, מיט דערוואַרעמקייט וואָס האָט זיך גיך צעפֿלאַקערט, צעשמאָלצן זיך אין אַ בלאַסן מעטאַל. עס זענען אָנגעשטאַנען פֿריִע חמימות. זיי האָבן עפּעס פֿריילעכער געמאַכט, כאָטש פֿאַרן אומעט איז געבליבן איבער גענוג שאָטן אין די געדאַנקען וואָס האָבן אומווויליק זיך געוועבט. אַוודאי, די מלחמה האָט נאָך אַלץ געפּאַלמעסט דאָס מענטשישע האַרץ. דער דײַטש האָט זיך געפּעדערט צו נײַע מוראדיקע אָנגריפֿן. לענינגראַד, האָט טריב גערעדט דער ראַדיאָ, קען נאָך נישט אָפּאָטעמען. די פּיליפּאָוואַ האָט זיך אָבער געשטאַרקט: זי וועט וואַרטן, זי׳ט זיך דערוואַרטן. אָריעכאָוו וועט עפּעס זיך דערשלאָגן פֿאַר אירעטוועגן. זי פֿילט: ס׳האָט אַ יסוד זײַן צוזאָג. ר׳איז דער מענטש פֿון געוווּיגענעם וואָרט. די לאַנגע, זוניקע טעג האָבן מער זיך נישט אויסגעוויזן אַזוי לײדיק. און ס׳האָט זיך אַנדערש געטאָן פֿאַר איר קלײנער באַלעבאַטישקייט. וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט מיט הנאה געשטריקט אויף די שפּיזלעך, אויך עפּטערס זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אויף וואָס די שכנים פֿלעגן פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿראַגע ווי אַ וועגנטקע:

— נו, פּיליפּאָוואַ, עפּעס נײַס צוגעשווומען פֿון די וויכטיקע ווײַטן?

— געהערט ווי געהערט, אָבער דאָס האָפֿן האָט שוין אַ שטיקל האַפּט.

— ר׳קריגט טאַקע איבערן קאַרק, דער גערמאַן?

— ער קאַטשעט זיך שוין באַרג אַראָפּ. נישט געהערט די קאָמוניקאַטן פֿון פֿראָנט? און די צײַטונג באַשטעטיקט עס. מ׳בענדיקט די פֿאַרשײַטע. אוף, אוף, מ׳זאָל זיי נאָר אַ קוועטש געבן בײַ לענינגראַד, וועט עס שוין גיין ווי אויף פּוטער.

— האָ, האָ־אָאָאָ. ווײַט פֿאַרקראָכן די שלאַנג!

קאַלעמוטנע קײַקלט זיך דער קנויל, וואָס צאַפּלט אויף איטלעך מאָל. ס׳איז אַן אָנגעריסענער געשוויר. דער דײַטש האָט בלוטיק צעקאַראַדאַטשעט דאָס פֿאַרהונגערטע לאַנד.

געזעסן באַנאַנד, שכניש, אין פּוסטלעכן הויף האָט וויערא יאַקאָוולעוונאַ טייל מאָל זיך אויפֿגעשטעלט אומגעריכט, אַנטשולדיקט זיך און איז אַוועק פֿון די שמועסערס. זי׳ט אויסגעפֿונען אַ תירוץ איבערצושלאָגן דעם קאָן פֿון מאַטערנדיקן טרויער: נו, דער געמיינער פּײַניקט שוין צו

פּיל, רויבט, הענגט מענטשן פון פרעמדן לאַנד, פאַרגוואַלדיקט פאַרבענק־טע כלות. זי האָט אָבער נישט געוואָלט די לײַט נאָך אַ שמיץ טאָן אַזוינס צום פאַרחלשטן הארץ. „ס׳האָט אַ כאַפּ געטאָן דער קאָפּ!" — פלעגט זי זיך אָנבייגן פאַר אַן אויסרייד. אַן אַנדערש מאָל: „דערמאָנט זיך, כ׳באַדאַרף נאָך הײַנט אויסענדיקן אַ ספּעצבאַשטעלונג פונעם אַרטעל" — און זיך אַוועקגענאַרט פון די נײַגיריקע, די עבר־ובטלע און אויסבאַהאַלטן זיך אין קעמערל. אין פרײַע פאַרנאַכטן פלעגט זי זיך לייגן אויפן בעט און אומעטיק קלערן פון איר אַליינקייט. טייל מאָל האָט זי זיך גאָר איבער־געטאָן און זיך אַוועקגעלאָזן צו באַקאַנטע. זי האָט תמיד געטראַכט און שטאַרק געגלייבט דערין: בײַ די וויכטיקע איז פאַרהוילן יענער אמת, וואָס מוז בלײַבן אין דער פינצטער פון די וואָס האָבן מײַלער און זיי קענען זיך נישט פאַרמאַכן. מ׳פלעגט טאַקע זיך אַרויסכאַפּן פאַר איר: „או, ס׳איז אַ סוד, וויעראַ יאַקאָוולעוו. חלילה, אַ פויגל טאָר נישט דערפון אַ פּיפּס טאָן. אָפּגעמאַכט?" יאָ, זי האָט שוין אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן די אינטע־רעסאַנטע פרוי פון לענינגראַד.

אמת, וויעראַ פיליפּאָוואַ האָט אַזעלכע חנען, אַז מיט איר העוויה, מיט אַ מינע, קויפט זי אונטער די נעכטיקע פאַסטעכער. לײַט האָבן צוטרוי און זיי שאַצן זי; דער עיקר, ווײַל זי האָט געפונען לײַטזעליקייט אַפילו בײַ יורי זאַכאַריעוויטשן, וואָס מאַסקווע האָט אים אַהער געשיקט, דער־ציילט מען איר דאָס „וואָס קיינער טאָר נישט וויסן". אָבער דעם סוד באַ־גלייט שטענדיק אַ ציטעריקע וואָרענונג פון גוטפרײַנדשאַפט. און אויף דעם האָט זיך געבאַמבלט איר קרענקלעכע האָפענונג אויף עפּעס אומ־באַשטימטס.

15

און אין איינעם אַ שטערן־אָנגעפּיבערטן אָוונט האָט אין וויעראַ יאַ־קאָוולעוונאַן פלוצלינג אָנגעהויבן באַדאַכט זיך שפּינען די לאַנג־געגאַרטע האָפענונג אויף אַ ידיעה פון איר גוססדיקער היים. עס טוט זיך! אַ ליאַדע טאָג קומט איבעראַשנדיקס, — האָט מען איר פאַרטרויט. אונדזער גענ־שטאַב שלאָפט נישט, — האָט מען דער פיליפּאָוואַ שוין קלאָרער צוגע־ווונקען. דאָס רמזימדיקע האָט זיך געגראָבן אין איר און אומדערוואַרט האָט אויסגעציטערט אויף אַן אימה פאַר אומהיימלעכס, וואָס קען גולד ווערן

מיטן צוואַל פון מוראדיקן אומגליק. דווקא איצט איז די צײַט פון בייזס וואָס לויערט פון אַלע ווינקלען, — האָט עס איר געריסן די אָדערן, אָבער אין איינוועגס האָט אויך אומבאַשטימטס נישט אויפגעהערט פונאַנדער צו שאָטענען אין איר אַ צעקלינגלטע פרייד.

— היים טרויעריקע, וואָס גרייטסטו פאַר מיר! — האָט די פיליפּאָוואַ בגוואַלד זיך געניכטערט און זי איז אַרײַנגעפאַלן אין טראַנס פון אַ נײַעם פײַנלעכן בענקען.

— — ניין, ניין, אַרקאַדיושקאַ, איך וויל נישט, איך ווערג זיך אין אומאויפהעריקע קאָשמאַרן! וואָס פאַר אַ גרוילן מיר זענען צוגעמשפּט געוואָרן? איך באַנעם עס ערשט, ניין, ס׳איז נישט וואָר. דער צעטרייסלטער מוח קען אַזוי אונטערפירן. זי אַליין צייכנט זיך אָן אַן אומגליק פאַר דעם וואָס איז איר איינציק גליק. טייערער, פאַרגיב!

די הויט האָט געריגצלט אויף דער פיליפּאָוואַ. און דאָך, וואָס פאַר אַ ווונדער עס באַווײַזט זיך צו איר אין זײַן אויסטערלישקייט — דער דמיון! בלויז דער דמיון ברענגט זי צו אַרקאַדין. די פאַנטאַזיע באַלעבט זי! איר אַלטיטשקער האָט אַ צעשטראַלט פּנים און זײַנע הענט זענען פול באַלאָדן: „נאַ, אַזוי לאַנג דיך אַרומגעזוכט. וואָ׳דען? ס׳פאַר דיר, אַלץ דיר, מאַמינקע. אויך גוטע זאַכן פון ניבאָטשקאַן און באָריאַן האָסטו דאָ. די טײַערע גייט אויסגעצייכנט. וועסט זיך דערפרייען, מאַמעלע, ווען דו וועסט זיי זען. וואָס זיי האָבן אַלץ אויפגעטאָן. טויזנט און איין נאַכט אין אַ נײַער ווערסיע האָבן זיי אויפגעשטעלט. באמת, אַ פיליפּאָווישע שעכערעזאַדע פון גרויסמוטיקייט אין דער סאַמע נאַכט פון געפאַלנקייט צווישן מענטשן“, — שמייכלט ער און זײַנע אויגן גליִען. מיט אַ מאָל ווייעט פון אים טיפער ערנסט. זײַן בלייכקייט דערציילט פון דער פײַנלעכסטער איבערלעבעניש. „הער, הער, מאַמעלע, און שטוין. כ׳בין פאַרבײַ אַלע בראַנדן. מאָגער? ניטשעוואָ. כ׳וועל זיך פּאָפּראַווען (און האַקט אָפּ, שטייט פאַרלוירן). וועסט דערלויבן? (קוקט זיך אַרום אויף זײַן פאַרשטויבטקייט) קודם וויל איך זיך אײַנוואַשן, דערנאָך וועט מען שמועסן. וועסט נישט זײַן ברוגז, בלאַסינקע מײַנע? — —“ זי אַמפּערט זיך מיט דעם געזעענעם, געדענקט — ס׳איז דמיון.

איר האָט זיך שווער געגלייבט די וואָר פון דעם אָנגעפלאָנטערטן קלאַנג וואָס אַרקאַדיושקאַס קול האָט אָט־אָ געבראַכט, אָבער ער איז איר געווען להוט, דער זעלביקער קלאַנג. מיט אַן אויסגעצויגן פּנים האָט די

פּיליפּאָוואַ זיך איַינגעהערט דערין. דערנאָך אַפילו געהאַט דאָס געפיל אַז זי האָט אָנגערירט אַרקאַס האַנט, געגומען אים אַריַינפירן צו זיך אין קעמערל.

— — — געכאַפּט זיך אויף דער גאַנצער האַרבקייט, אַז ס'איז געווען נאָר אַ חלום אַזאַ, נישט מער ווי אַ חלום, האָבן טרערן איר אַ ברי געטאָן אין די אויגן. דערנאָך האָט זי זיך אי געשעמט, אי זיך שוין געשראָקן פאַרן קרענקלעכן וואַרטן אויף נײַסן פון איר וויַיטער היים, בעת דאָס גאַנצענע לאַנד שטייט אַ פּאַרוויסטס.

*

ווידער געקומען אויף וויעראַ יאַקאָוולעוונאַן לעסטיקע טעג. דווקא ווען דער דרויסן האָט זיך צעפּאַכלט מיט רייצן, וואָס זענען עלול צו פאַר־טומלען אַפילו אַזאַ זכרון וואָס ווערט געטריבן פון דורכגעלעבטע פּיַינען, דווקא אַצינד איז די פרוי געשלאָגן געוואָרן פון אַן אַפּאַטיע. „אַזוי לאַנג נישטאָ קיין אָפּרוף פון דאָרט. ווי אַן איַינגעזונקען קבר ליגט אונדזער שטאָט. די פראָנטן פאַרצערן בלוטיק אַלץ און אַלעמען. אומזיסט געווען דאָס אויסבאַהאַלטן זיך. דאָס אומגליק געגעענט ערשט אַהערצו". אויף דער וואָגשאָל פון געדאַנק ביַי דער פּיליפּאָוואַ איז געווען געוואָרפן יענע טונ־קעלע משא וואָס דריקט באַניַיס אויף איר. גליַיכגילט האָט זי אַריַינגעגומען אין האַרטע צוואַנגען. ווינציק זיך אַרויסגעוויזן פון צימערל, געוואָרן נאָכ־לאָזיק אין דער אַרבעט, אַפילו אין גרייטן אירע מאַלציַיטן. צו וואָס? די וועלט ווערט אַריַינגעענגט אין צוים פון אַ בהמה־שטאַל. נאָר צוהערן זיך צום געקוויטש פון די געדערעם? פון פינצטערניש ביסטו אַריַין אין אַ נעפּל. ס'זעט אויס, שוין אויף אַ שטח פון צענדלינגער יאָרן איז אונדז מער נישט באַשערט קיין לויטערקייט פון געמיט. ווערסט נאָר געקוועטשט, רק ביסט געצוווּנגען צו לויפן. און די נשמה? ערשט אַזאַ זאַוויערוכע פון פיַיער און אומקום! וווהין קען דערפירן אַזאַ בלינד געסל! די פאַרכאַפּטע אוקראַינע, די חרובע וויַיסרוסלאַנד, די הונדערטער פאַרמיסטיקטע, אָנגע־פינצטערטע שטעט און דערפער. מעשה־לעניגראַד איז נאָר אַן אַקאָרד פון דעם אומהיימלעכן וועג. נאָך אַ באַוויַיז: אַזוי פיל סודות ביַי אַלעמען, אַזאַ אַרויפגעצוווּנגען שוויַיגן. ווען מען אויסדערציילן אַזוינס, אויף ווען מען אָנשריַיען, אויב די ברוסט איז איבערפול! אויך אַרקאַדי פילט נישט אַנ־דערש; דערפאַר טאַקע זיַין תמידיק פאַרלעגן שוויַיגן. גאָט מיַינער, אויך איך שוויַיג, ווען עס ווילט זיך שטאַרק ריידן, אַפילו עמעצן אַריַינזאָגן!

וויעראַ יאַקאָװלעװנאַ האָבן זיך נישט אײַנגעגעבן די לאַנג דערוואַרטע אָנזאָגן אויף גוטע ענדערונגען. נו, עס טרעפן צײַטן, ווען האָפענונגען האָבן נישט קיין גרינגע פיס. דער מטושטשעשער קנופּ פון ציטעריקער דערוואַרטונג, וואָס האָט געגנערט איר האַרץ, האָט אויף דער פרוי געדריקט. אָבער פאַר מענטשן האָט זי לסוף זיך געוויזן מיט אַ לעבלעכן שמייכל. הגם די הײַטערקייט איז אָפּט אַרויסגעקומען נישט אָן באַשײַמפּערלעכער געשפּאָלטנקייט. אַפילו איר שטים האָט עס פאַרראַטן. אַזעלכע, אַ צעוואַקלטע אין זיך, איז זי אַ מאָל אַרײַן צו איר קלײנער חברטע טאַניושאַ מיט אַ זשמעניע צוקערקעס: „נעם, ליבינקע" און געטראַכט אַנדערע טראַכטונגען. באַלד האָט זי ווי אַ געיאָגטע פון אַן אומקלאָרער אימה, געעפנט טירן אויף אין אַנדערע הײַזער. נישט געווען בײַ איר דער ווילן צו הערן זיך אַליין. ס'איז גלײַכער — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר עמעצן הינטער זיך — אַז אַנדערע דערציילן נײַסן. וואָס פאַר אַ נײַס מישטיינס געזאָגט קען קומען צו איר? טייל מאָל האָט זי זיך אויך פאַרקליבן אויפן קאָלכאָזנעם מאַרק, ווו עס ווימלט מיט באַגערטן לעבן. אין דער פיליפּאָוואַס געדאַנק האָט עס געהייסן: „מ'באַדאַרף אַ קוק טאָן ווי די וועלט שטייט אָקערשט". גראָד האָט זי געשפּירט אַ ביטערן דראַנג אָפּצולאַכן פון זיך גופא. בידנע באַשעפעניש, — האָט זי זיך דערלאַנגט אין דער לעבער אַרײַן — און דו מיינסט נאָך דו ביסט קליגער פון אַלעמען. און קעגן איר ווילן איז דער חוזק געווען אויך אַ שטויס איבערן באַרג יאוש וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אָט־אָ. „אויב דו ביסט נישט בכוח זיך אַליין אײַנצושנײַדן דעם גאָרגל, דערגיי זשע נישט די יאָרן קיין זײַטיקע. אַ פאַרשווינטע בלאָזט אָן אַרום זיך אַ גרויסע וויכטיקייט און דערטראַכט זיך בלויז צו אַ — שעפּסענעם מע!" גיך אָפּגעניכטערט זיך פון די תרעומות, האָט די פיליפּאָוואַ דערשפּירט אַ מיטאַמאָליקן חשק זיך אַרײַנצוקנוילן אין דעם אָנגעהאָרבעטן געקוויטש פון קולות און באַלד זיך אָנגעגייגט צום געטלי פון דער גאַפנדיקער זון. דערויף האָט זי באַנומען אַז בסך־הכל שטוינט זי אויף אַלצדינג. ס'איז געווען אַזאַ טאָפּלט־געפיל ווי אָקערשט ווערן פון איר אַראָפּגעשוואָנקען פלאַסטן פסולת וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו דער נשמה און זע, די וועלט וויגט זיך אין בעקן פון אַ ווײַטן, אומפאַרשטאַנדיקן זעען און שטויסן, כאָטש זי שטייט אַקעגן אַ באַשטענדיקן פלאַקער־פײַער.

אַ פיבער אַזאַ פון זעונגען האָט אַרומגעכאַפּט דער פרוי. איז עס וואָר, צי גאָר אַ חלום? די פּיליפּאָוואַ פרעגט זיך טאַקע אין איר צעטומלטקייט.

— — — נאַ, דאָ האָסטו אַ מאַן אין גרינע זאַקענע הויזן און אַן אָנ־אַרבלדיקן העמד, וואָס איז אויסגעפּורעמט ווי פון צעגאָסענע איי־געלעכ־לעך. דאָס גרין און געל שרײַען זיך איבער, זיי צעשנײַדן יאַקאָש אין צווייען דער מאַן וואָס איז בפירוש נישט קיין קלאָון, הגם זײַן פּנים איז אי פויגלש אי קאַרליקיש, ווײַל מיט אויסשטאַרצנדיקע ציין און שפּיציקע יאַגדע־קליינע, שוואַרצע אייגעלעך איבער אַ דריבנע, זשוואַווע גופל. אין דער האַנט פון דעם דאָזיקן, וואָס וויגט זיך אין אָנגעוואָלקנטן געל (וואָס ער פּאַרשפּרייט), איז אַרײַנגעשטעלט אַ בלעכענער לעפל, אַ גלײַכמאָסיק באַוועגטער ווי אַן אומרו פון אַ וואַנטזייגער. דער לעפל אין האַנט איז אויסגעשטרעקט אין דער קווער ווי אַ געזונקענער מאַסט און אויף זײַן קליינער פלאַך גלאָזיקן זיך רויט און סעלעדין געגרינצלטע צוקערלעך, אָרעמע צוקערקעס וואָס גלאַנצן פאַרטערט, צום ווילגעפעלן פון די דורכ־גייערס, די אַרומשטייערס:

— קויפט, קויפט, אמתע לאַנדרין, אייראָפּעיִשער געשמאַק! —

ער וואַרפט קדחתדיק מיט די ליפּן, דאָס פּאַיאַציש־פאַרביקע צוקערל־קרעמערל און הינטער אים שטייט ווי אַ שומרטע זײַן ווײַב. זי האָט לעבער־פלעקיקע באַקן און שפּיזיק־כיטרע, הונגעריקע אייגעלעך פון א קראָ. מאַן און ווײַב האָבן דײַטלעכע פויגלשע ענלעכקייטן צו זיך. „זוסיע, זוסיע, — מורמלט זי אָן אויפהער אים אין פּלייצע אַרײַן — ייִנגל, געיכער פאַרטאַכליעווע ס׳געטועכץ. כ׳האָב מורא, זוסיע!" אָבער ער האָט נישט קיין צײַט, ער מוז שוויצן, וואַרפן מיט די ליפּן: קומט, קויפט! דאָס סוחרל האָט מיטן לעפל צוקערקעס נישט אויפגעהערט רופן מיט זײַן נאַשעדיקן קולכל, מיטן גריבל אין דער גאָמבע: „קויפט, קויפט עפּעס גוטס!" זוסיע האָט געמאָלן מיטן גאָרגל, געוועזן זשעדנע נאָך קונים און הינטערווײַלעכטס איז ס׳ווײַב שוין געוואָרן אומגעדולדיק: „זוסיע, דער־באַרעם זיך!" און באַלד ווערט זי צודרינגלעכער: זוסיע, ביסט אַ מער־דער. מיר ווערט קאַלט. אַ שאַלעף * שטעלט זיך ערשט אַנידער קוקן! אָבער ער הערט נישט אויף אויסרופן זײַן סחורה. און זי איז שוין צעפּלאַמט, ציטעריק: „זוסיע, הער נאָר, שוין צאַאַט צו נעמען אין מויל אַראָן. אַ

* אַ שייגעץ (וואַרשעווער בלאַט־לשון).

סוף, זוסיע גולם, כ'על דיך לאָזן שטיין!" בײַם קרעמערל וואָס האָט ערשט רעכט דערהערט ס'ווײַב, האָבן שוין גיפיבערט מיט די שוואַרצע אייגעלעך: „עסן? טאַקע כדאי מיט עפּעס זיך דערקוויקן!" ר'האָט דאָס אײַליק אונ־טערגעברומט צו דער, וואָס הינטער זײַן רוקן. און אַ מאָל האָט זוסיע זיך נאָך דערלויבט אַ בורטשע צו טאָן הינטערווײַלעכטס: „לאָז געמאַך!" אַ זאָג געטאָן אויף צו פלײַסן, ווײַל ערשט האָט זײַן מויל דאָס אויסגעפּישטשעט אַ נאַשעדיקס, אַ שטיפּערישס. זײַן שמייכעלע האָט יאַקבי מעיד געווען אַז ער וואָלט אַפילו דאָ אַרײַנגעוואָרפן אַ קוש דער פלעקיקער צורה מיט די יצר־הרע אייגעלעך. דערויף האָט ער טאַקע אַ הירזשע געגעבן אויף אַהינ־טער, אַזש דער לעפל מיט די פאַרשוויצטע צוקערקעס האָט אונטערגע־טאַנצט אין זײַן האַנט:

— „'עסט אויפהערן צו קיצלען, יענטל? גראָד אַ גוטער שאַלעף, נאָר מיט אַ קרענק אין קעשענע, מיין איך. ר'קריגט די נכפה פאַר די קײַלעכ־דיקע, — און האַקט אָפּ: — אַ שאָד צו באַלעמוטשען! — און זוסיעס ליפּן פאַלן ווידער אויף די שטיינער פון אַ פאַרטריקנטן האַלדז, מאָלט אויף רוסיש, אויף קאָזאַכיש: — קויפט, כאַפּטס ס'לעצטע פון די בעסטע!"

דער דאָזיקער יענטל, וואָס האַלט זיך אין זוסיעס שאָטן, הייבט עס שוין אונטער:

— גע־דעעענק, ס'אַ מאַלעער. כ'בין דיר שוין אַלץ מוחל, זוסיע, — שטיקט זי זיך מיט קענטיקן פּחד — צו פיל פאַרקויפערס זענען הײַנט. זאָגט זי כלאחר יד, אין הייסן אָטעם. — מ'האָט אַוודאי געגעבן סחורה אין עטלעכע בופעטן, זוסיע. אַ סך פּריצים הײַנט זיך צונויפגעפאָרן פון דער פרעמד, האָט מען געזופט בראָנפן, זענען געעפנט געוואָרן בופעטן מיט אַ דאַר קיכל, מיט אַ צוקערל. הער אויף, זוסיע. גענוג פאַר הײַנט. ס'עט קומען אַן אָנגעלויף פון קנעפלדיקע. האָרכסט וואָס כ'זאָג דיר, זוסיע פערד? — איז זי שוין בייז. זי רעדט גיך, ס'הערט זיך נערוועזקייט אינעם געקוויל פון די ווערטער, אָבער בײַ אים צוקט נאָר די פּלייצע. דער סוחר האָט נישט קיין צײַט צו ענטפערן, ער וויל פאַרקויפן. זײַן צוקן מיטן אַקסל ווײַזט אויס צו זאָגן: — כ'הער, יענטל. פאַרדריי נישט קאָ' ספּאָדעק.

בינו לבינה דערזעט דאָס ווײַבל אַז אַרום איר קרעמער איז אויס־געוואַקסן אַ כאַפּטע נײַגיריקע, להוטע נאָך אַ ביסל זיס' וואָס מ'קריגט שוין לאַנג נישט אין די קראָמען. אַ צוקערקע צוצולעקן צום טיי איז אַ דערקוויקעניש. „ס'כאַפּערס", — פאַלט איר אײַן. יענטלס קוק אויפן מאַן

גיט אים אַ ברען און שוין פארחלשט זי אַקעגן די אַרומשטייערס. זי שטאַרקט זיך אָבער אין דער לעצטער רגע, אויף ס׳כוח שטעלט זי זיך גלײַך אויף די פיס און גיט אַ צופּ דעם מאַנס עלנבויגן: „זוסיע, דו רואה׳סט!?״ אירע אויגן קריכן אַרויס פון זייערע לעכער און ס׳שטימעלע ברענט פון פאַר־דרענגטער בהלה:

— זעקס *, זוסיע גלאָמב! זעקס, אַ שמירה, זוסיע! — און אַליין נעמט זי לויפן ווי אַן אונטערגעזענקטע פון אַן אומגעריכטן פלאַם; לויפט, מישט זיך אויס אין דער אָנגעקנוילטער מענטשן־ענגשאַפט און הערט נישט אויף סאָפּען אַ באַנומענע: — זוסיע! זו־ווו סיע־עעע! פון איר שטערן רינען ריטשקעס שוויס און די ברוסט וואַרפט זיך ווי אַ בלאָזזאַק.

וויערא יאַקאָוולעוונאַ האָט זיך געוווּנדערט הלמאי עס האָט גענומען רייכערן אַזאַ פלוצלינגער געלויף. מאָדנע מיט דעם מענטש: דערשרעקט זיך עמעץ, שטעקט ער אָן מיט בהלה אַ סך זײַטיקע. שרעק צינדט זיך ווי אַ וואַלד־שריפה. די מעשה איז וואָס אין אויגנבליק איז שווער צו זוכן איר מקור און ס׳ווערט סכנהדיק איר ראַפּטעמדיקייט. זאָל זי אויך לויפן? אָבער די פיס הייבן זיך נישט. אַ ליאַדע טומל, צעפלאַקערט זיך אַן אימה: ס׳קומט מיליץ. עס נישטערט די נקוו״ד, ס׳ווילט זיך נישט פאַרמישט ווערן אין אַ פאַרהער, אין פאַרדאַכט. אַ לויב צו גאָט, ערשט זעט מע נישט קיין מיליציאָנער. די פאַלעטע פון דער טאָגס פאַרבן און קלאַנגען וויגט זיך באַזאַכט אַנטקעגן דער צעיאַכמערטער זון. איז גוט אַצינד זיך אַרויס־צוקריגן פון האַרמידער, — האָט די פיליפּאָוואַ שוין געקייעט אַ געדאַנקל. דער אויסטערלישער איז מסתמא פון די בעזשענצעס וואָס וויל פאַרבײַטן אַ צוקערקע אויף אַ ביסל קאַשע, אויף אַ ווײַסן בורעק. אַ ליאַדע נאַריש־קייט קען אָנצינדן אַ מהומה.

אומגעאײַלטערהייט האָט וויערא יאַקאָוולעוונאַ זיך דורכגעקראָגן דעם המון, געקוקט אויף אַלץ און קנאַפּ וואָס באַנומען. מחמת וואָס אַזאַ ליאַרעם, אויב קויפן, קויפן נישט דער רוב מענטשן אויפן מאַרק? לײַט האָבן גערן זיך סתם צו שלאָנדערן צווישן וועגענער, קעמלען, הענדלערקעס, סחורה־געשטעלן, מ׳גאַפּט, מ׳שמעקט אויס. ס׳איז טײַער? אַוודאי קען נישט זײַן וואָלוול אַז ערגעץ שטייט דער ברויט־שפּײַכלער אין פלאַמען; פאַר וואָס זאָל נישט זײַן קיין יקרות אַז ס׳פעלן הענט צו פאַראַקערן דעם זול וואָס

* אַנטלויף! (וואַרשעווער גאַסן־זשאַרגאָן).

ליגט באַגראָבן אין דעם פּרוכטיקן אַרום! אַלע וואָרצלען זענען ברוטאַל אַרומגעשניטן, זייערע זאַפטן האָבן נישט קיין וועג צום שטאַם, ס׳מוז אָפּדאַרן.

דורכגעשפּאַרט זיך די געשטעלן מיט ערדפּרוכטן און גאָרטנוואַרג, איז גיך אָפּגערונען פון איר דער באַגער צו פרעגן די לײַט וואָס זיצן אָנגע־הויקערט און שטייניקן וואַרטן אויף קונים, וואָס קומען נאָר פרעגן, אָבער קויפן נישט, מחמת דער אָרעמקייט פון די המונים: „צו וואָס קומט איר אַהער, אַז בײַ אײַך איז נישטאָ די לוסט צו האָדעווען קיין ווײַנשל? איך, למשל, האָב שטאַרק האָלד ווײַנשל. איר מעגט כאָטש וויסן ווי שיין און זאַפטיק עס זענען ווײַנשל! און אָקערשט איז די צײַט פאַר דעם. וויפל וועט איר בעטן פאַר די־אָ אוגערקעס, אַז שוין יונגערהייט זענען זיי ביטערלעך? נו, כ׳האָב שוין געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו ברענגען אין שטוב אַרײַן אַזעלכע. זיי באַלד אַרויסגעוואָרפן! וואָס פאַר אַ אָפּגעלאָזנקייט אין דער אינ־דיווידועלער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט! אָבי געפּטרט די זוימען. נישט געזעצט, בירגער! איר ווילט אויסהונגערן די שטאָט? נישט שיין, גאָר נישט שיין! הלמאי ברענגט קיין איינציקער פון אײַך נישט אַרויס אַ שטיקל פּוטער?״

אין געוועב פון אייגענעם אומעט האָט די פּיליפּאָוואַ זיך צערעדט פאַר איר אינעווייניקדיקן געהער: אַזוי פיל דאַרף פאַראַן דאָ און אַזוי קנאַפּ דאָרפישס קומט אַהער. אַרום איז דורכויסיקער סטעפּ, אָבער רק זאַמדקאָלי־ריקע מעלאַנכאָליע ברענגען די דאָזיקע!

בײַם אַרויסגיין פונעם מאַרק איז זי געבליבן שטיין אַן איבערגע־וועקטע אין שטויגען:

— ווידער דער מידבר! אַזש אַהער פויזעט ער! פאַרפאָרן אין מיטן דער געפּלאַסטערטער גאַס אַרײַן!

גראָד האָט אַ גרויסער לאַסט־אויטאָמאָביל געהאַט געעפנט זײַן הינ־טערשטע קלאַפּע און צוויי מענער האָבן מיט שטאַלענע שויפלען אַראָפּ־געוואָרפן פונעם וואָגן אַ צעשטערטן באַרגאײַנדזל פון שילדקרעטן. אַן אומגעהײַער ווימלעניש אויפגערודערט אויף דער ערד. ערגעץ טאַטשעט זיך אָנטקעגן די גאַפּנדיקע הימלען אַ גיגאַנטישער באַרג מיט די־אָ ווידמונגען, האָט מען פון אים אָפּגעשטאָכן אַ שטיק און געבראַכט אַהער. אַ גרינלעכער מאָנסטער שאַרט עס זיך, אין אַ רירעוודיקער ענגשאַפט קריכט

עס דאָ אין טעמפּער, שווערער בלינדקייט, גרינע, מאַטגרינע, גלאַנציק־גרינע. זאַמד־בלייכע, אויך וואַסער־געשטרײַפטע שטיינהאַרטע ברעקלעך באַרגשאָל באַוועגן זיי זיך, פאַלן, שיטן זיך מיט אַ דומפּן געקלימפּער די פלאַטשיקע באַשעפענישן. שטיל פויזען זיי, צעגייען זיך ווי פלעקן שימל־שטאַרעניש, עס שפּרייטן זיך די זומפּ־שרצים מיט זייערע אומגעזעענע לעבנס. די גרויסע, בלינד־קריכנדיקע אויסטערלישקייטן אין אײַזנהאַרטע פאַנצערס טאַטשען זיך כמו־אָנפּיסיק, אויך קלענערע און פּיצענקע. אַ קריכעדיקער, ווערעמדיקער ים באַוועגט זיך אַזוי אויף דער אייבערפלאַך פון אוראַלטן מידבר, וואָס געבראַכט אין שטאָט אַרײַן. אַ ימישע באַוועגטע אומענדלעכקייט אַזאַ — צו וואָס, פאַר וועמען? — האָט אין וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ זיך צעטומלט איר פאַרשלעפּערטע פאַרצווייפלונג, די איבער־געראָשטע פאַרצווייפלונג דערפון, וואָס קעגן איר האָט זיך געשטעלט דער געדיכט־באַוועגטער שילדקרעט־מאַסיוו, געהויבן זיך ווי אַן אָפּגעשפּאָלטן שטיק ציטערדיקע אויסטערלישע ערד. שילדקרעטן מערן זיך אין זומפּן, אין זאַמדן, זיי ווידמענען זיך אין פינצטערניש פון דער אורוועלט, וועלכע איז פון דאַנעט נאָך נישט אַוועק. זי זעט עס ערשט, איר שרעקט עס.

די פרוי האָט נישט געגנוי באַנומען אַז עס הייבט זיך אויף אין איר אַ העפּטיקער געווירבל פון פרעגן, וואָס געפינט נישט קיין ענטפער. „צו וואָס, צו וועמען?“

טשערעפּאַכעס, טשערעפּאַכעס אַזוי פיל, און מענטשן בייגן זיך אָן צו זיי, קלײַבן זיי איבער מיט גיריקייט. פאַראַן בעסערע צווישן אַזוינס? אַך־כאַכאַ! אַזאַ ביטערע צײַט און מענטשן גיבן אַוועק טרחה אומזיסט־אומנישט, און מ׳טרײַבט לאַסטמאַשינען דערויף!

אַז זי האָט זיך רעכט אָפּגעניכטערט פונעם שטיק ווילדקייט, דער גרויסער וואָגן איז אַ לײדיקער אַוועק מיט אַ ראַסלערײַ, האָט די פּיליפּאָווזאַ אײַנגעזען אַז זי איז אַ נאַיווער מענטש. זי זיצט איבערן האַלדז און פאַרעלטערטע געווינשאַפטן.

— וואָס הייסט? — האָבן אויף איר געקוקט אַ פּאָר אויסגעקנײַלעכטיקטע אויגן — טשערעפּאַכעס? איר ווייסט עס נישט! ס׳אי אַ מאכל פאַרן שאַך פון פּערסיע צו שטעלן. עמירן און באַיעס ווייסן דען פון בעסערע געריכטן ווי געדעמפּעכצן פון שילדקרעט?! נאָך באַרגציגן און האָזן איז עס דאָס זאַפּטיקסטע פלייש און פון פאַזאַנעס באַטעמטער. פון זאַמד אַ

ווידמעכץ? כאַ־כאַ! פון די מטעמים פאַר אײדעלע עסערס איז דאָס. שילדקרעטן פאַרקויפן זיך צווישן די טײַערסטע דעליקאַטעסן. נישט גרינג דאָס אויפצוזאַמלען פאַרן מאַסן־געברויך. ס׳איז די פּראָדוקציע פון באַרימטן קאָלכאָז קזיל־אָרדאַ. טשערעפּאַכע־קלײַבערס און באַרג־יעגערס זענען די ספּעציאַליטעטן פונעם קאָלווירט. דער תבואה־קולטיוו גיט זיך נישט אײַן אין דער געגנט. אויך נישט די האָדעוואַניע פון שאָף און רינדער. זאַמד און געשטײן איז די אײגנשאַפט פון אַלמאַ־אַטינער ערד און עפּל אַפּאַרט געדײַעט ווילד אין די דאָזיקע וועלדער פון די פּאַרבערג די אַלאַ־טאַוער וואָס געניסן פון רײַכע טויען. אָבער עפּל געהערן שוין צו אַנדערע קאָלכאָזן. קזיל־אָרדאַ האָט געוווּנען דעם נאָמען פון טשערעפּאַכע־עושרים, האָט מען אויפגעקלערט דער פּיליפּאָוואַ. אויסגעפינען די נעסטן פון טשערעפּאַכעס איז אַ געהויבענער אויפטו. וווּנדער זיך נישט, פּרוי. ס׳איז קענטיק אַז ביסט אַ פרעמדע. יאָ, לעבן הייסט לערנען, הע־הע; מ׳באַדאַרף צולייגן שכל צו קענען אויסקומען אומעטום.

וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ערשט האָט זי געזען ווי פרויען זיצן אָנגעבויגן צו דער קופּע קריכעדיקע שילדקרעטן, זיי וועגן אין די הענט איטלעך חיהלע, צעעפענען זייערע קײשלעך, ציילן אַרײַן די שטיקלעך, באַצאָלן און פאַרנעמען זיך אײַליק אַהײמצו.

— כאָטש איין מאָל האָבן אַ געשמאַקן מיטיק, אוף־אוף! ס׳איז באַטעמט אַן אײַנזידעכץ פון טשערעפּאַכעס. מײַן קאָלקע וועט זיך דערפרייען.

— ווי שמעקעדיק ס׳זענען די לעבערלעך פון טשערעפּאַכעס! צו לעקן די פינגער!

ווײַבער האָבן שוין באַצײַטנס געסמאַטשקעט מיט די ליפּן. וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט אַפילו צוגעזען ווי אַ באַלעבאָסטע האָט פריידיק זיך פאַרשפּילט מיט אַ שילדקרעטל, אַ מאַטגרינס, די גרייס פון אַ לעבעדיק קנעפּל. יענע האָט דאָס ווידמעכץ אַרויפגעשטעלט אויף איר ברוסט און געריק זיך אײַנגעקוקט ווי עס קריכט אַרויף צו איר אַקסל.

שיין, האַ?

— אויך דאָס אין טאָפּ אַרײַן? — האָט די פּיליפּאָוואַ געפרעגט דער פאַרטוענער.

— וואָס איר זאָגט! ס׳דען כדאי? דאָס וועט זײַן אַ האָדעוואַניק אין הויז. ס׳באַדאַרף דאָך נישט עסן, קריגט נישט קיין ברויטקאַרטל. און אַ לעבעדיקס אין שטוב איז קיין מאָל נישט איבעריק.

דער לענינגראַדערן איז בכן צוגעקומען אַ נייער אומעט:

„מענטשן און ווערעם זענען נישט ווײַט פֿון זיך. מדרגה איז קענטיק אַן אײַנרעדעניש״.

16

די פּיליפּאָוואַ איז פֿון דעסטוועגן אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער שפּיל פֿון דער אויפֿגעוואַכטער נאַטור. מיט אַ מאָל האָבן זיך געשטעלט שטאַרקע היצן. דער מיניעדיקער דרויסן האָט זי באַרוישט: אַ וואַא, ווער וואָלט זיך געריכט אויף אַזוינס? אַרום הויערן טויטע זאַמדן און דאָך, ווו דו שטעקסט אַרײַן אַ פֿינגער, בליט עס, ס׳וואַקסט אומגעהײַער גרויס און פֿעט. מאַכטיקע בורעקעס, ריזיקע פּולכנע קאַרטאָפֿל, גרויסע זאַפֿטיקע מייערן, זיסע קוקורוזע און עפּל, אַ גוואַלטיקער שיט פֿון עפּל! „וואַרט צו אַ ביסינקע און די שטאָט וועט פֿאַרשמעקן מיטן פּאַרפֿום פֿון אונדזער אָפּאַרט!״ — האָבן די אַלמאַ־אַטינער זיך געגרייסט מיט זייער ווילכטיקסטן מין, וואָס כאָטש אַרעמלעך דער קאַנט, האָט ער אייגנס אַזאַ רײַכקייט פֿון זיס׳ און פֿון אַ שפּע אײן פֿערד. האַ, האַאַ, פֿרעגסט אויף אונדזערע פֿערד־זאַוואָדן? מבינים ווייסן!

אין דער שיכרות פֿונעם פֿרילינג האָט וויעראַ יאַקאָווליעוונאַ זיך ווי פֿאַרגעסן. ס׳איז טאַקע אמת, די געגנט הייבט אָן איר צו געפֿעלן, און אפֿשר נישט אַזוי ווײַט די געגנט ווי די נײַקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך ערשט מיט אַלע אירע פּליטערלעך.

אין צימערל איז געוואָרן דושנעוואַטע. איר האָט געצויגן צו אַנט־לויפֿן פֿון אונטערן דאַך וואָס האָט זיך ראַפּטעם צעגליט. ווו נאָר אַ ביסל שאָטן אין דרויסן, האָט די פּיליפּאָוואַ געזוכט זיך אויסצובאַהאַלטן אין אים. אָבער די פֿאַרשײַטע היץ האָט געהאַלטן זי אין איין טרײַבן. „ווי מײַן שטייגער איז, וואָלגער איך זיך זומערדיק, — האָט וויעראַ יאַקאָוו־לעוונאַ, אַ געהילטע אין לויזן קלייד זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר אַ שכן וואָס האָט איר צוגעטראָגן זײַן „גוטהעלף, פּיליפּאָוואַ״. — איך האָב ליב די זון, אָבער זי פֿאַרפֿאָלגט מיך שוין מיט איר ליבע, כע־כעע, און דערפֿון וויל איך וויכן. איר׳ט נישט דערציילן קיינעם?״ — האָט זי אַ שטי־פֿערישן קוק געטאָן אויפֿן באַיאַרטן מאַנצביל (קיין אַנדערע זענען נישט געווען צווישן די לײַט אין אירע אַלמאַ־אַטינער צײַטן!) און זיך פֿאַרשעמט.

וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט נישט געוואָלט זיך באַקלאָגן אויף דער ענגעניש פון קעמערל. איז צערונען דער שאָטן אין אַרומגעצוימטן הויף, איז זי אַרויס אין דער פּאַרק־ענלעכער ברייטער גאַס. ווי אין אַן אַלייע האָט קליינוואַרג זיך געוואַלגערט אין די צעהוידעטע שאָטנס פון די ביימער, זקניש אײַנגעזאַמלטע אין דער שטילקייט, וואָס האָט דאַכט זיך געשטעלט באָרוועסע טריט. און פּונקט ווי די שאָטנס מיט דער זון, מיט די וויכע ווינטלעך, האָבן די קינדער זיך געשפּילט מיט דער הודזשנדיקער שטיל־קייט. אַז איינס איז אַ פאַרשמאַכטס פון היץ אַוועקגעפאַלן דרימלען צופוסנס פון אַן אַלטן שטאַם, האָט אַ הינטל, אויך אַזוי מיד, זיך געטוליעט צום קליינינקן, צוגעמרוזשעט די סאַמעטענע וויִעס. כאָטש ליכטיק, פרײַ דער דרויסן, האָט ער וויעראַ יאַקאָוולעוונאַן פון ס׳נײַ דערמאָנט אַז די נויט טרעט די מענטשן אויף די פּיאַטעס. ווײַל נישט יעדן איז געגעבן געוואָרן דער חן וואָס העלפט אים בײַקומען די שטרויכלונגען פון לעבן. געזען ווי מיליציאָנערן פירן אָפּגעריסענע, דערשלאָגענע מענטשן, האָט אין איר זיך עפּעס אָפּגערופן: „ווי דאָס אומגליק לאָזט נישט אָפּ גאָטס ברואים!” און זי האָט אײַנגעקלעמט אַ ליפּ אין די ציין. אַן אומרו האָט זי געפּלאָגט. די פּיליפּאָוואַ האָט געמוזט זיך אויפשטעלן, פרעגן ווער עס זענען די, וואָס מ׳באַגלייט זיי מיט אַזאַ „גרויסן כבוד?”

— בעזשענצעס פאַרדעכטיקע, ייִדן פויליאַקעס, — האָט ווער אַ צי־געטאָן אַן אַקסל. — אַרײַנגעקראָגן זיך אַהער פון דזשאַמבול, פון קאַראַ־גאַנדאַ, פון טשימקענט, האָבן נישט קיין חשק צו אַרבעטן, שלײַען זיך. זיי וואַגאַבונדעוועז, און אפשר גנבענען זיי? מיליציע וועט שוין אויס־לאָויען די פּאַראַזיטן, וואָס ברענגען נויט פאַרן נאַראָד.

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט אַ לאַנג־וואָנציקער קאַזאַך מיט אַ טיוביטעיקע* אויפן אויסגעקראָכענעם קאָפּ, אַרײַנגעוואָרפן אין מויל אַ זשמעניע קיי־טאַבעק און געלאָפן אַוועק אַראָפּ־גאַס. — אַ־אַאַאַ, ווי מ׳דאַרף אַזעלכע אָנלערנען! — האָט דער פּלאַפּלער זיך נאָך געלאָזט הערן הינטערוויַלעכטס — בעזשענצעס דאַרפן אונדז נאָך פאַרפּלייצן, ווינציק אייגענע פּיאָווקעס? באַשײַמפּערלעכער כעס האָט אויפגעטויכט פון דער אַלט־אָנגעוואַקסענער שטילקייט.

— די נויט, ווי זי נאָגט אויס די סאָקן פון אומגליקלעכן! — האָט

* אַ קליין פאַרביק קײַלעכיק מיצל וואָס ס׳טראָגן אַזיאַטן.

די פּיליפּאָווא געגומען אומערן אַנטקעגן דער לאָקנדיקער זון. — די וועלט איז הערלעך, אָבער זי ווייסט אונדז קלאָרער ווי דער מענטש איז נאָך לעפּיש אין זײַן שׂכל. ער דרייט זיך אַרום מיט אָפענע בלינדע אויגן און זײַן אַפּעטיט איז איבערגעפּירט. מלחמה? דער צונויפשטויס פון שגעונות איז נישט קיין פּועל יוצא פון דוחק אין משפּחהדיקן פעלד פון וואַנען מ׳וויל אַראָפּראַמען דאָס גערעטעניש פון ברויט און ווײַן, עס איז נײַערט די קרענק וואָס טאָטשעט אין בלוט. דער אָנפלייץ פון אכזריותן איז דאָס מייקענען פון פאַרשטאָפּטן שׂכל. ווײ, ווײ, בכלל איז נישט קאָנטיק קיין שׂכל אין אונדזערע צײַטן. זיך פאַרפּלאָנטערט, דער מענטש; ער מייקנט אויס דאָס וואָס ער האָט געגעסן אַנומלט.

...בײַ דער פּיליפּאָווא האָט ווידער זיך אויסגעקלאָרט דער געדאַנק באַשר איר איז צו גוט אין די־אָ צײַטן. בכן, ס׳איז ווינציק איר אַרבעט פאַרן „סעלכאָז". זי איז זאָט און ס׳געזונט דינט איר פון דאָס נײַ. זי מוז, האָט זי באַשלאָסן, עפּעס טאָן צו העלפן די הונגעריקע. אוודאי, שוין אַנומלט איז אין איר אויפגעקומען אַ פּלאַן. „און וועל איך העלפן אַ מענטשן, וועל איך העלפן אויך דעם פראָנט, — האָט זיך בײַ איר געדאַנקלעך געעפנט אַ שטעגל פאַר דער ענדערונג וואָס איר אָנט זיך: דערלאַנגען אַזאַ הילף, ווי זי מיינט, איז דערשלאָגן דעם דראַקאָן וואָס האַלט אויף דאָס פײַער פון פאַרלענדונג — — " פון דעם געדאַנק צו דער טאַט איז בײַ וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ איצט געווען אַ ממשותדיקער שפּאַן. פאַרטראַכט און געטאָן.

צוגעקליבן זיך ווי אויף אַ שפּאַציר, איז זי אַוועק אין מיליטערישן לאַ־זאַרעט און זיך פאַרשריבן ווי אַ דאָנאָר*.

— איך וויל יעדן חודש געבן אַ פאָרציע בלוט פאַר דער אַרמיי, — האָט די פרוי דערקלערט אין דערשטוינלעכער באַשיידנקייט.

— ווויל, אויב איר׳ט זיך דערטראַכט צו דעם. מיר וועלן אײַך זאָגן אַ גרויסן דאַנק — האָט איר געענטפערט דער דיזשורירנדיקער דאָקטער — מירן אײַך פאַרשרײַבן, — און אַ רגע לאַנג פאַרהאַלטן זײַן בליק אויף דער שוין נישט יונגער פרוי, וואָס איז געווען לײַכט צעטומלט פונעם וואַרטן אין דער אײַנגעגליווערטער שטילקייט, וועלכע האָט הפּנים אָנגעשטעלט אויף איר מויל און אויגן. — זיצט, — האָט דער דיזשורנער זיך געכאַפּט אויף

* בלוטגעבער.

זײַן אײגענער פאַרלוירנקייט און גענומען פרעגן די פּערסאָנאַליען פון אומגעריכטן גאַסט.

ער האָט עס געמאַכט אָן אָפּשלעפּעניש, דירעקט געשטעלט עטלעכע פראַגעס און געזאָגט ספּאַסיבאָ.

— שוין? — האָט די פיליפּאָוואַ זיך געחידושט — מיט דעם איז שוין געסילוקט מײַן חוב, ליבער דאָקטער? — איז זי געוואָרן אַ ביסל צוגעלאָזן. נײן, איך וויל שוין צאָלן.

— ס׳איז רירנדיק אײַער געטרײַשאַפט צום וואָרט, — האָט זיך פאַרענטפערט דער דאָקטער — בײַם רוב, מוז איך אײַך זאָגן, איז נישט קײן געאײַל מיטן אָפּגעבן בלוט. זײ געדענקען פעסט די באַשטימטע דאַטעס, די מערסטע קומען ווען זײ קענען באַלד נעמען די ספּעצקאַרטלעך פאַרן דאָנאָר־פּאַיאָק. געווײנטלעך איז עס אין סוף־חודש און אין די סאַמע ערשטע טעג פון חודש. און מ׳מוז קומען אין ניכטערן, ליבינקע.

— פּראָפעסיאָנעלע פירן זיך אפשר אַזוי. איך בין נאָך אַ נאָוואַטשאָק, אַ זייגקינד אין דעם פאַך, — האָט די פיליפּאָוואַ געפּרוווט אין האַלבשמייכל זיך אַרויסקריגן פון פאַרלעגנהײַט. — איך באַשטײ שוין צו מאַכן דעם פּאַטשאַטאָק און צום טערמין, וואָס איר׳ט באַשטימען, וועל איך זיך אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין. מסכים, דאָקטער? איך בין איצט סײַ ווי אין ניכטערן.

— אויב איר באַפעלט, וועל איך נישט ווידערשפּעניקן, — נעמט זיך אָן דער דיזשורנער מיט דרייסטקייט. — אויסנעמלעך קען מען אַ מאָל גײן קעגן באַשטימטע דאַטעס, אָבער דערנאָך? איר באַוויליקט שוין, וועל איך רופן עמעצן — זאָגט ער. — אַ סעקונדיטשקע, אַיאָ? — און איז אויף גיך אַרויס פון קאַנצעלאַריע. באַלד איז ער צוריק געקומען אין באַגלייטונג פון אַ שוואַרצהאָריקער, דינענקער פרוי אין אַ ווײַסן כאַלאַט.

— דאָקטאָר אַנאַ מיכײַלאָוונאַ, — האָט דער עלטערלעכער דיזשורנע־דאָקטער פאָרגעשטעלט די פיליפּאָוואַ פאַר דער אַרײַנגעקומענער — דאָ האָט איר אַ ליבן גאַסט: וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ פיליפּאָוואַ. באַוויליקט זי אויסצוהערן. אַ סימפּאַטישע דאַמע פאַר אײַער אונטערהאַלט, אַנאַ מיכײַלאָוונאַ, — האָט ער צוגעגעבן, נאָך געזאָגט דער פיליפּאָוואַ „דאָסווידאַניאַ״ און גיך זיך אָפּגעטויכט אין די אינעווייניקייטן פון די לאַנגע קאָרידאָרן, ווו עס האָבן אים גערופן פליכטן און מענטשלעכע יסורים.

די דאָקטאָריצע אַנאַ מיכײַלאָווּנאַ האָט ליבלעך גערעדט מיט ווערא יאַקאָוולעווּנאַן, זיך פאַרשמועסט מכוח איר דאָזיקער היים, ווי זיך אײַנגעאָרדנט און געזאָגט איר מיט חידושות: אָ, וואָס פאַר אַ געוואָגטער עקספּערימענט, נעמען אויף זיך די גוטוויליקע אַליינקייט פון אַ פרוי. אײנצײַטיק האָט זי געפּרוּווט די קאַטעגאָריע פון איר בלוט און דערנאָך כמעט אומבאַמערקט אָפּגענומען אַ גרעסערע אַמפּולקע געדיכט־רויטע פליסיקייט פון איר אָדערן אַרויס. שטאַרק געהיט, מיט אַ וואַרעמען שמייכל פאַרווישט די קליינע ווּנד אויף דער האַנט און געבעטן זי קומען אין אַ חודש אַרום. — מיר׳ן אָנהאַלטן אַ טערמין, חשובע ווערא יאַקאָוולעווּנאַ, וועט עס אײַך נישט צו פיל באַמיִען? איר׳ט דאַרפן עס אויספּרוּוון אויף זיך, טײַערינקע. איר פאַרשטייט? אַ האַלבן ליטער קענט איר געבן. איר׳ט אַ גוטן אָרגאַניזם, אַ שיינעם קערפּער, פיליפּאָווּנאַ. איר׳ט נאָר מוזן בעסער זיך צוהיטן; מיר׳ן אײַך געבן אַ פײַנעם פּאַיאָק.

די קליינע דאָקטערשע, ווי די פיליפּאָווּנאַ האָט באַלד אַ נאָמען געגעבן די ליבע אַנאַ מיכײַלאָווּנאַ, האָט איבערגעבעטן דעם נײַעם דאָנאָר און איר אָנגעזאָגט: — איר וועט זיך מוזן אינטענסיוו דערנערן. איר האָט בלוט ערשטע קאַטעגאָריע, גרופּע אַ. איר זענט בײַ אונדז ווילגעזען, — און ווידער זיך צעשמייכלט.

אָ, וואָס פאַר אַ ליכטיקע אויגן דאָס באַשעפעניש האָט! — האָט די פיליפּאָווּנאַ זיך אַנטציקט מיט דער דאָקטערשע און שוין פאַרגעסן אין דער גאָב פון בלוט וואָס איז ערשט אויסגעצאַפּט געוואָרן פון איר.

אין דעם איז אַרײַן דער הויפּטדאָקטער פון לאַזאַרעט. דער גלאַווראַטש, אַן איבערגערעאַשטער פון דעם אומגעריכטן באַזוך, האָט ער שוין געוווּסט וועגן דער לעבינגראַדערין וואָס איז געקומען דעקן איר חוב פון בלוט. דער נײַגיר האָט אים אָנגעטראָגן כדי פאַרזענלעך צו זען דעם גאַסט. — זענט איר אַ לעבינגראַדערין? האָט ער זיך געווענדט צו איר — זייער געהויבן איז אײַער קומען צו אונדז. מ׳זעט באַלד, מ׳האָט צו טאָן מיט אַ מענטש פון הויכן בירגערלעכן באַוווּסטזײַן. אויף אַן אמת פריי איך זיך צו האָבן אײַך צווישן אונדזערע דאָנאָרן, — און קענטיק געוואָלט זײַן ליבלעך צו דער אײדעלער פרוי. נו, אַ גרויסער ווּנדער, כ׳לעבן (האָט ער געטראַכט בעת־מעשה) — שוין גאָר נישט יונג און דאָך — — אין שטוינען האָט דער הויפּטדאָקטער זיך אײַנגעקוקט אין דער פרוי. בראַוואָ, בירגערן פיליפּאָווּנאַ, — האָט ער לסוף נאָר דאָס אַרויסגעבראַכט — איך זאָג אײַך

מײַן טיפסטן ספּאַסיבאָ. מיר זענען שטאָלץ אויף אַזאַ ווערטיקן עלעמענט. הייסט עס, אַן אמתע לענינגראַדערן זיך אַרויסגעקראָגן. וווּנדערלעך!

ווערא יאַקאָוולעוונאַ איז געוואָרן אַ פּריווילעגירטער דאָנאָר. איר בלוט אייגנט זיך פאַר אַ סך וואָס זענען אין לעבנסנויט. אויסגעצייכנט, בירגערין — האָט איר שוין געזאָגט אַן אַנדערער דאָקטער, דער ממונה איבער דער בלוטבאַנק — אײַער קומען ווערט געהעריק געשאַצט. מיר פירן אײַך אַרײַן אין דער קאַרטאָטעק. אונדזערע קראַנקע לאָזן אײַך גריסן, — און אַ קאַרגלעכן קרים געטאָן זײַנע מוילווינקלען, אַ סימן, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען. אויסגעשטעלט אַ דאָנאָר־קאַרטע פאַר דער פּיליפּאָוואַ און איר געגעבן אַ באַשטעטיקונג צום געשלאָסענעם שפּײַז־מאַגאַזין פון די ספּעץ־צוטיילונגען פאַר דאָנאָרס, צוגעפּעסטיקטע צום קריגס־קאָמיסאַר׳אַט פון אַלמאַ־אַטינער קרײַז.

— מיט דעם דאַרף מע צוגיין אַהינצו. בירגערין! — האָט דער דאָקטער אָנגעזאָגט. — אָבער באַלד, פּיליפּאָוואַ, — האָט ער איבערגעחזרט. איר׳ט דאַרפן געניסן דערפון.

צי דער דאָקטער האָט צו איר נאָך אַ מאָל אַזאַ קאַרגן שמייכל געטאָן, האָט ווערא יאַקאָוולעוונאַ שוין נישט באַמערקט. זי איז אַוועק אַהין, ווו מ׳האָט זי געשיקט. מיט טעג שפּעטער האָט זי באַקומען אַן אויסנעמלעכן פּאַיאָק פון פאַרשטאַרקטער דערנערונג פאַר אַ בלוט־געבערין: צוקער, פּוטער, פלייש, פיש־קאָנסערוון, קאָנסערווירטע זיסע מילך, קאַשע, געטריקנטע לאָקשן, ווײַס ברויט. אַ שפע! די אויגן האָבן זיך בײַ איר חידושדיק צעעפנט: ווו זעסטו אַזוינס אויפן מאַרק, פּיליפּאָוואַ! פאַר וועמען מ׳באַדאַרף אַזוינס, איז עס פאַראַן, — האָט זי מעדיטירט איבער איר דערגרייך.

היפּשע עטלעכע רובל האָט די פּיליפּאָוואַ באַצאָלט פאַרן ספּעצפּאַיאָק, וואָס וואָלט אין די אויגן פון מאַרק־פאַרקויפערס זיך צעוויגט אויף אַ משוגענער הייך פון שווערע טשערוואָנצעס *.

פון אָט־דעם גוטס וועט זי נישט נהנה זײַן, — האָט זי באַלד אָפּגעמאַכט בײַ זיך, „איך באַדאַרף עס נישט. איך טאָר נישט צעלאָזן די אייגענע קישקע, ווען אין דרויסן בושעוועט די זאַווערוכע פון נויט. ברויט סטײַעט מיר, קאַשע פאַראַן, אַ ברעקל צוקער איז דאָ, טאָ וואָס נאָך זוכן?" זי האָט באַרעכנט: דערין וואָס זי האָט געפונען, נייטיקן זיך די, וואָס קליינע

* אַ טשערוואָניעץ — צען רובל.

קינדער בינדן זיי די הענט, וואָס חולאתן שמידן זייערע שריט. די פּיליפּאָוואַ איז געזונט. יאָ, זי האָט פֿאַרפּלאַנט צו צעטיילן דעם־אָ פֿאַרמעג אירן.

דעם ערשטן גאַנג האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ געמאַכט צו טאַניושאַס מאַמע. אַרײַנגעטראָגן אַ טייל פֿון איר פּאַיאָק, האָט די פּיליפּאָוואַ געזאָגט:

— אַ שיינעם גרוס און אַ ווונטש געבראַכט פֿאַר אײַער טאַניושאַ. אַ קינד, פֿאַרשטייט איר מיך, גייט נאָך דעם געשמאַק פֿון לײַטישע מענטשן. לאַכט נישט, נאַדיאַ. אָט איז עס (אָבער יענע האָט זיך צעקווענקלט, נישט באַוויליקט באַלד אויסצושטרעקן דערצו די האַנט), פֿאַר דער קלייניגקער נעמט, נאַדיעזשדאַ איוואַנאָוונאַ. איר גייט שוין אָנהייבן? קיין שום רעדעס זאָלט איר נישט פֿאַרלייגן. גוט, גוט, מ׳רן זיך שוין צערעכענען. געלט? כ׳וועל נעמען. דערווײַל האָב איך נישט ווו עס צו לייגן. — האָט די פּיליפּאָוואַ שוואַך זיך צעשמייכלט, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דער פּרויס אַקסל און אירע אויגן האָבן אַ רעד געטאָן מיט ליבער אַנטשלאָסנקייט: „ס׳איז דען כדאי זיך צו אַמפּערן איבער אַ קלייניקייט?״

געלאָזן אויפֿן טיש די גאָב „פֿאַר דער קליינעקער״ און זיך אָפּגעטראָגן.

פֿאַרן אַנדערן טייל פֿון איר שפּײַז־צוטיילונג האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ אויסגעפֿונען אַן עלטערע פֿרוי מיט אַ פֿאַרקרענקטער טאָכטער. נו, ס׳איז כלל נישט שווער מיט קאַנדידאַטן פֿאַר אַ זעטיקן ביסן, אָבער דער אויסוואַל פֿון דער פּיליפּאָוואַ איז געפֿאַלן אויף באמת נויטלײַדנדיקע. ס׳איז געווען אַ באַיאָרטע אלמנה מיט אַ יתומה,ביידע אַ הימלגעשריי קעגן אומגליק וואָס הויזט צווישן מענטשן. אויף אַזאַ מוז מע זיך מער אומקוקן, — האָט וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ געטענהט צו זיך און זי האָט מיט לוסט און ווייטיק זיך אַוועקגעלאָזן צו יענער.

— סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ, האָט נישט פֿאַראיבל, כ׳האָב אײַך געשטערט? געכאַפּט מסתמא אַ דרימל, וואָס?

אומגעריכט איז זי אַרײַן צו דער געליטענער, וואָס פֿאַר אַ שטיקל צײַט איז זי שוין געווען אויפֿן אויג פֿון דער פּיליפּאָוואַס באַרעמהאַרציקייט, כסדר געזוכט אַ געלעגנהײַט מיט עפּעס איר אַנטקעגן צו קומען. זי׳ט געהערט פֿון איר, נאָכגעקוקט איר מיט מיטלײַד. אַ גרויס רחמנות אויף אַזעלכענע, פּלעגט זי לאָזן פֿאַלן אַ שטומען זיפֿץ איבער דער שטוב, וואָס איז מערסטנס פֿאַרמאַכט פֿון אינעווייניק אויפֿן ריגל. אומגליקלעכע, דאָס ווינקל וואָס קוים אויסגעבידעוועט איז פֿאַר זיי לגמרי ווי אַ קבר, ווײַל

אָן שום האָפענונג. זיי וואַרטן נעבעך שוין נישט אויף קיינעם. צוויי פרויען באַנאַנד, איינע מער קראַנק פון דער אַנדערער, ווײַל גײַסטיקע קראַנקייט איז מער ווי אלמנהשאַפט אַן אָפגרונט פאַרן צעבראָכענעם מענטש. גוטפרײַנדלעך האָט דער גאַסט גערעדט צו דער עלטערער פרוי און אומדרייסט גענומען אַרויסברענגען וואָס עס האָט זי געבראַכט צו איר: — ס׳אַ קלייניקייט, איר פאַרשטייט, און גיין פאַרקויפן איז מיר נישט אַזאַ נויט. אײַך וועט עס צונוץ קומען, סאָפיאַ.

— נו, נו, וויעראַ יאַקאָווּלעוונאַ. מ׳דאַרף נישט. מיר האָבן גענוג. מיר ווילן נאָר אויסמײַדן צו רעדן פון טרויעריקע זאַכן, וואָרן ווער איז אין שטאַנד דערנאָך זיך צו באַרויִקן? מיר באַגערן נאָר מנוחה. איז רויִק אויפן האַרץ, קען מע יאַקאָש זיך אָפיאָגן פון הונגער, — וויל די זקנה פאַרטרײַבן די גרימאַסע וואָס גיט איר אַ גלי אין פנים. פאַר עסן איז ווינציקער די דאגה, אמת, טאָכטערקע? — האָט זי געוואָלט זיך עדותן מיט דעם קרענקלעכן מיידל, וועלכע האָט זיך געזעגנט פאַר איטלעכן פרעמדן. בײַ יענער האָט איצט אַ צוק געטאָן אַ באַק און זי׳ט אַראָפּגעלאָזן דעם בליק. די פיליפּאָוואַ האָט זיך אָט־אָ נעענטער צוגערוקט צו דער שכנה, געשטעלט זיך האַרט אַקעגן איר און געלאַסן אַרויסגעבראַכט:

— נישט קיין שום אויסטערליש אין מײַן אַרײַנגיין צו אײַך. כ׳בין דאָך אַ שכנה און אויך אַ פרוי. און מ׳באַדאַרף אַ מאָל איבעררעדן אַ פּאָר ווערטער. ס׳ווערט איבערדריסיק צו זײַן מיט די אייגענע ווענט. בין איך אַרײַן געוויר ווערן, פרעגן וואָס איר טוט. — דערנאָך האָט זי איבערגעחזרט: — איר׳ט מיר נישט אָפּזאָגן די טובה? נעמט עס צו.

— איך? ניין, ניין! — האָט יענע נערוועזיש זיך געשטיקט מיטן וואָרט

— כ׳בין מיט אַ שוואַכער טאָכטער. זי טאָר גאָר נישט וויסן און איר אַרט אַלץ, אַלץ. זי פילט פריִער וואָס די מאַמע טראַכט צו טאָן, וווּהין זי וועט גיין. און זי לאָזט נישט. זי שרײַט סכנותדיק, אָדער וויינט. כ׳וואָלט עס זייער גערן געטאָן, פיליפּאָוואַ, פשוט — כ׳וואָלט זיך געבאָרגט בײַ אײַך, אָבער... כ׳צייל, אמת, די טעג ווען ס׳וועט קומען די טשיסלאָ* אָפּצונעמען די פּאָר רובל. — זי רעדט אומגערן, שטאַרק געהיט פאַרן מיידל וואָס שטייט אַ פינצטערע אין אַ זײַט. און קענטיק, די מוטער שפּירט באמת אַ באַדערפעניש זיך אויסצורײדן, עמעצער זאָל זי הערן. די פיליפּאָוואַ פאַר־

* די דאַטע — טערמין פון אויסצאָלן די פּענסיע.

נעמט ס׳קלאַפּן פון דער אַלטערס האַרץ, זי הערט זי אויך מיטן געפינטל פון אירע אויגן.

— סאָפיאַ טײַערע, איך וויל, — ענטפערט די פיליפּאָוואַ שטיל־שטיל, מיט צוריקהאַלטעוודיקייט — כ׳וויל איר זאָלט דאָך דאָס נעמען און לאָזן רויִק גיין אײַער טשיסלאָ. — בעת־מעשה הייבט זי אויף פאַר איר בליק אַ פּעקעלע פאַרוויקלט אין פּאַפּיר — ס׳איז פאַר אײַך און אײַער אָלגאַ לוואָוונאַ. וואָס איר רעדט? פון מײַנס רײַס איך נישט אָפּ! מיר וועט עס נישט פעלן, סאָפיאַ גילדענע. פאַרקערט, בײַ מיר פאַרנעמט עס אַן איבעריק אָרט. ס׳קליין מײַן צימערל. איר קענט עס גיכער פאַרברויכן — — געקוקט אויף דער שכנה כמעט תחנונימדיק, מיט אַ פרעפלענדיק מויל: — איך בעט אײַך, קריגט זיך נישט מיט מיר. ס׳איז ווי פון אַ שוועסטער — פון גאַנצן האַרץ, יעי באָגו.

— אַ שיינעם דאַנק. איר טאָרט נישט, פיליפּאָוואַ. אַ שוואַכער מענטש ווערט ערשט קראַנק, אויב מ׳רירט אָן זײַן נשמה. איר זײַט אויך אַ... — זיך פאַרהיקעט אין געדאַנק, נישט געפונען ס׳נייטיקע וואָרט פאַרן מיטגעפיל וואָס געוואָלט אויסדריקן דער סאָלידער פרוי פון דער ווײַטער שטאָט — איר׳ט אויך אַ געשלאָגענער מענטש, פיליפּאָוואַ, — האָט די דאָזיקע ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט אין אומדרייסטקייט. — אַ פרוי אַליין איז ווי אַ ביטערער סראַק* פון הימל.

די סאָפיאַ האָט אויף אַן אמת זיך אָפּגעשאָקלט פון דער גאָב, זיך געראַנגלט דערמיט, גלײַך זי וואָלט אין דעם, וואָס יענע וויגט אין אירע הענט, דערפילט אַ נײַעם אָנזאָג אויף שרעק. אָט, אָט רוקט עס אָן אויף איר מיט קאָנוווּלסיע, מיט פאַרדרייטע אויגנאַפּלען. איר פעלן דען צרות? — האָט זי שוין אַרײַנגעשעפּטשעט אין דעם גאַסט — באַוויזט זיך אַ פלאַטערל אין חלל פון צימער, קען עס ברענגען אַ פײַער פון פחד, ס׳דראָעט מיט שדים דעם פאַרציטערטן מיידל. — די פרוי ווינקט שוין צו דער פיליפּאָוואַ: — מסוכן קראַנק איז איר קינד. נעבעך צו שטאַרק צעבראָכן געוואָרן, פאַרענטפערט זי זיך אין געדעמפּטן קול פאַר דער גוטער וויעראַ יאַקאָוולעוונאַ און פאַרקניפּט די ליפּן כדי נישט אַרויס־צוברענגען איר מורא פאַר אַ נײַער נויט וואָס קען אַ ליאַדע מינוט אַרויסברעכן אין אירע דלד אמות. ס׳איז ענג די וועלט דער אָרעמער

* אַ גזר, אַ פסק־דין.

מאַמעס, — האָט די אַלטע שיער נישט אויסגעהעשעט, מער געוווּנקען ווי גערעדט. דערנאָך האָט זי מיט אַ סך דאַנקען אַרויסבאַגלייט דעם אומגע־ריכטן גאַסט.

...היפּשע עטלעכע רובל האָט די פּיליפּאָווּאַ, די שטריקערקע פאַרן סעלכאָז איטלעך מאָל באַצאָלט פאַרן ספּעצפּאַיאָק וואָס וואָלט בײַ מאַרק־פאַרקויפערס זיך צעוויגט אויף אַ משוגענער הייך. פון אָט דעם גוטס, האָט זי ווידער אַ מאָל אָפּגעמאַכט בײַ זיך, טאָר זי נישט נהנה זײַן. „איך באַדאַרף עס נישט. איך וועל זיך נישט צעלאָזן די קישקעס".

דער קאָלכאָזנער מאַרק וויסטעוועט, — האָט לײַט געקרעכצט — און יענער מאַרק וואָס האַלט זיך אין פינצטערע ווינקלען, אונטער די פּאָלעס, ברענט סכנותדיק: פאַרקויפסט ברויט, לעפּיאָשקעס? גיין, כ'האָב אַ שטיק שעפּסנפליש, ריכטיקער קורדיוק, מורמלט דער הענדלער און רוקט זיך אָפּ סודותדיק, פול מיט פּחד: „קויפסט? כ'האָב נישט קיין צײַט!" און ווערט נעלם. עס איז אַ פּאָזשאַר אין שטאָט! — האָט די פּיליפּאָווּאַ מערמאָליק איבערגעחזרט און געהיט די דאָטע, ווען זי דאַרף זיך באַנייס שטעלן אין דער רײַ פון די דאַנאָרן, אָפּצוגעבן איר צושטײַער צום געראַנגל מיט דער היה־רעה וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף פאַרציקונג פון די צעטומלטע און שוואַכע. אויך זי, איר באַפאַלענע לענינגראַד איז אויף די צעשטשירעטע ציין פון דער חיה. אָ־אָ, אַרקאַ טײַערער, ניגאָטשקאַ, איר באַנעמט נישט מײַן עלנט און ער וואַרגט!

און בײַ איר איז געבליבן ווידער צו גיין צו אַריעכאָוון. אים אַליאַר־מירן באָומרויִקן מיט איר טאָטשנדיקן אומרו: — נו, מיין אַרקאַדי סער־גייעוויטשן לאָזט איר נאָך אויף די רײַסציין פון דער ווילדער בעסטיע? איר האָט צוגעזאָגט, יורי זאַכאַריעוויטש? איר'ט צוגעזאָגט, ליבענקער! זי וועט עס אים זאָגן, אים אונטעריאָגן פאַר דער זאַך. זי'ט מער נישט שווײַגן.

לאַנגע טעג און נעכט האָט זי פאַרנומען אין זיך די אָפּהילכן פון אַ שטורעם, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין איר מהות; זי האָט געטאָן, אויך געגעסן, אָבער געצערט געוואָרן פון אומשלאָף, פון אומגעשטילטער פּײַן: — „וואָס'ט דאָך זײַן! אין פערדנפליש איז נישט מײַן תענוג, אין גע־קרעכץ פון די גוטע שכנים איז נישט צו געפינען קיין ליכט פאַר מײַן פינצטערניש. לענינגראַד איז פאַרוואָגלט מחמת דעם גיר פון די פאַר־

שאָלטענע. וווהין פירט ערשט מײַן וואַלדיקע גאַס? אַז קיין דאַך איבערן קאָפּ האָט שוין נישט מײַן אָרעמע היים!!

אומרו האָט נישט אויפגעהערט צו טרייסלען די שטילע פרוי.

אין איינעם אַ טאָג האָט זי זיך אומגעריכט געוואָרפן אויפן ראַדיאָ־דעדעקטאָר וואָס אויף דער וואַנט: — איך האָב מער נישט קיין כוח צו הערן זײַן פלוידערן! פאַראַכטלעך זיך אָפּגעבייזערט אויף אים, הלמאי ער פלאַפּלט אָן אויפהער, הילכט מיט סאָלדאַטסקער גאווה, באַשר ער האַלט אָפּ נצחונות, אָבער אין איר טריפט ער אַרײַן שווערע טראָפּנס אומזין, ער חוזקט. — פאַרמאַכן אים די רילאָ* איז ס׳גלײַכסטע, — האָט די פּילי־פּאָוואַ זיך פאַרקרימט אויפן גראָען בלעכענעם טעלער. זי׳ט אים שטום געמאַכט און דערויף פאַרנומען די האַרטע שטילקייט, וואָס איז אומגע־ריכט אַרײַנגעטראָטן אין איר קעמערל.

— ס׳אַר אַ גולם, — האָט זי אויסגעבורטשעט, מיט פאַראיבל געקוקט אַרויף אין דער הייך צום אַנטשטומטן שטיק בלעך. שפּעטער האָט זי ראַפּטעם, ווי בײַ איר וואָלטן פּלוצלינג אָנגעגליט געוואָרן די האַרץ־אַרטעריעס און זיי האָבן אָנגעדראָלן, זיך אַרויסגעטראָגן פון דער שלע־פעריק־וואַלדיקער איסיקולסקאַיאַ־גאַס. — ס׳אוממעגלעך מער צו וואַרטן. זי׳ט ענג מאַכן יורי זאַכאַריעוויטשן זײַנע באַקוועמקייטן: בײַ דער פּילי־פּאָוואַ ברענט די שוועל פון קאַמער, מ׳מוז זען צו לעשן, לעשן.

לײַט האָבן אין שטױנונג נאָכגעקוקט דער פײַנער פרוי ווי זי אײַלט אַראָפּ־גאַס, ווו איבער די נידעריקע הײַזער הייכט זיך דער גרויסער געבײַ פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אַרקאַן איז זי אַוועק מאָנען בײַם שטאָט־באַלעבאָס. ער האָט צוגעזאָגט? אוודאי האָט ער איר צוגעזאָגט!

די ברייט־צעוואָרפענע שטילקייט די גאַסיקע, די שטוינענדיקע, האָט דערנאָך פאַרנומען די אײַליקע טריט פון דער פּיליפּאָוואַ.

* די חזירישע מאָרדע.

א י נ ה אַ ל ט

דאָרשטיקע מידקייט — 9
קאַלעמוטנע טעג — 56
לאַנג איז דער ווינטער — 76
דער זיידע — 87
אַ קליין טעכטערל — 102
אַן אינדזל פון אַנטרינענע — 113
דער מאַנטל — 136

פון נעכטן און פון אייערנעכטן

מאַלי און זאַלי — 145
אַ שותף צו דער בידע — 167
אַליע־בער מיט די קי — 182
האָראַנטשיק — 192
ליבשאַפט — 213
נקמה — 222
וויערא פיליפּאָווא — 228

J. OKRUTNY

LARGO ES EL INVIERNO

(Lang iz der Vinter)

Editorial "SVIVA"
Buenos Aires